STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02652

FUNEM YARID

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שאָלעם-אַלייכעם אין פּעטערבורג (1904)

שאָלעם-אַלײכעם

פונעם יאַריד

לעבנס-באַשרײַבונגען

אָ ג י ז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1946

די געשיכטע פונעם בוך „פונעם יאריד״ אינקורצן

דער מאזל פון א בוך איז ווי דאָס גליק פון א מענטשן. עס באדארף פריִער פארשווארצט ווערן, דורכגיין אלע שיווע מעדוריי גענעם[1], ביז עס דערזעט די ליכטיקע וועלט.

דאָס בוך „פונעם יאריד״ איז נאָך ניט אלט קיין טאָג. עס איז ערשט היינט ארויס פון דרוק — און האָט שוין הינטער זיך א גאנצע היסטאָריע. דערלויבט מיר זי אייך דערציילן אין קורצע ווערטער.

דער ערשטער, וואָס האָט מיר אופגעגעבן די אידיי ברייט און אלזייטיק צו באשרייבן די פארגאנגענע פופציקיאָריקע עפּאָכע פון אונדזער יידישן לעבן אין גאָלעס, איז דאפקע א ייד פון א גאנצ יאָר, א ייִד, וועלכן דער פארשטאָרבענער מעשוירער[2] י.-ל. גאָרדאָן האָט געקרוינט מיטן נאָמען „קוירע ניכבאָד״[3]. אים קען די גאנצע וועלט. ער איז אונדזערער אן אָדעסער מאסקל, היינט אין אמעריקע, א ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראטור, און זיין עמעסער נאָמען איז א ווראָם-עלייאָהו ליובארסקי. ווי אן עכטער כאָסיד און אן עמעסער גוטער פריינט, איז ער פאר עטלעכע יאָרן געקומען צו מיר ספּעציעל אין דער שווייצ און אופגעגעבן מיר א פלאן: העיויס אזוי ווי איך האָב דורכגעמאכט א גאנצע עפּאָכע און בין אויסגעוואקסן, קאָן מען זאָגן, איינעם מיט דער יידישער פאָלקס-ליטעראטור, — טאָמער וואָלט איך גענומען אפּ זיך די טירכע צו פארקערפערן די אויבן דערמאָנטע עפּאָכע אין דער פאָרם פון א גרויסן ראָמאן?

---

1 עס באדארף דורכגיין אלע זיבן אָפּטיילונגען פונעם גענעם; געמיינט: עס באדארף איבערטראָגן א סאך ליידן.

2 דאָ: דיכטער, פּאָעט.

3 געערטער לייענער.

די אידיי איז מיר ארײַנ אינ קאָפּ. אונ איכ האָב זיכ גענומענ צו דער ארבעט, נאָר אינ אנ אנדער פאָרם. אינ דער פאָרם פונ אנ אווטאָביִאָגראפיע, אָדער ראָמאנ-ביִאָגראפיע.

עס איז אוועק עטלעכע יאָר ארבעט. דאָס בוכ האָט גענומענ וואקסנ א קאפיטל נאָכ א קאפיטל. נאָר וואָס קומט ארויס? א בוכ האָט פײַנט ליגנ. א בוכ האָט ליב, אז מע דרוקט עס אונ מע לייענט עס. ס'איז געקומענ צום דרוקנ — איז ניטאָ ווו. דרוקנ אפ אייגענע אכרײַעס — פעלט א ייִדישנ מעכאבער פאָדעמ. דרוקנ אינ א זשורנאל — איז די ייִדישע ליטעראטור נאָכ ניט אויסגעוואקסנ, זי זאָל האָבנ א מאָנאטשריפט, ווי בא לײַטנ[1]. עטלעכע מאָל האָב איכ די ארבעט מיט א ביטער הארצ געמוזט אוועקלייגנ. אזוי האָט עס זיכ געצויגנ, ביז איכ בינ מעגולגל געוואָרנ[2] מיטנ צווייטנ גאָלעס אינ אמעריקע. אונ אָט איז ערשט אוועק איינ יאָר, האָב איכ שוינ „אריבערגעמופט"[3] מיטנ „יארידֿ" אינ א צווייטע ווױנונג. אונ ערשט אָט דאָ האָט די „ווארהײַט"[4] געפונענ פאר ראציִאָנאל די ערשטע צוויי טייל „פונעמ יארידֿ" ארויסגעבנ אינ א באזונדער בוכ-פאָרמ אינ צוויי בענדער.

זענ די געדאנקענ געדרוקטערהייט אינ בוכ-פאָרמ, באקומט דער פארפאסער מער מוט אפ צו גיינ ווײַטער זײַנ וועג, וועלכנ ער האָט אויסדערוויילט. אונ דער וועג איז נאָכ גענוג גרויס. די עפּאָכע הייבט ערשט אָנ צו צעוואקסנ זיכ, די בילדער הייבנ ערשט אָנ צו וועבנ זיכ, די געשעענישנ הייבנ ערשט אָנ צו אנטוויקלענ זיכ, אונ געשטאלטנ פונ מענטשנ לאנג-פארשווונדענע, אונ טיפנ פונ פארשוינענ נאָכ לעבעדיקע אונ גאנצ בעקאָוועדע בעטנ זיכ אפ פאפיר...

לאָמיר האָפנ, אז מיר וועלנ דערפירנ אונדזער ארבעט ביז צו א מעגלעכנ סאָפ.

שאָלעמ-אלייכעמ

פעווראל 1916, ניו-יאָרק.

---

1 אינ אָריגינאל קומענ דאָ עטלעכע איבערגעשטראָכענע שורעס, וועלכע לייענענ זיכ דײַטלעכ אזוי: „בלײַבט איבער ווידעראמאָל א גאזעט אונ אָבעראמאָל א צײַטונג. זאָגנ די ווארשעווער צײַטונגענ, אז זיי האָבנ קיינ פלאצ ניט פאר גרויסע ווערק, פעליעטאָנענ גיט זיי, סקיצנ, נאָוועלנ".
אָנמערקונג פונ י. ד. בערקאָוויטש.

2 דאָ: איבערגעוואנדערט.

3 אריבערגעפאָרנ (אנ אמעריקאנישער זשארגאָניזמ).

4 אנ אמעריקאנישע צײַטונג.

ערשטער טייל

צו וואָס ראָמאַנען,
ווען דאָס לעבן איז א ראָמאַן?

1

פאַרוואָס עפּעס „פונעם יאַריד“?

א מין הקדמה. — פאַרוואָס דער מחבר האָט זיך גענומען שרײַבן זײַן אויטאָביאָגראַפיע. — שאָלעם־עליכעם דער שרײַבער דערציילט די געשיכטע פון שאָלעם־עליכעם דעם מענטשן.

„פונעם יאַריד“ קאָן הייסן פונעם לעבן, וואָס איז געגליכן צו א יאַריד. יעדער איז א באַלן דעם מענטשנס לעבן צו פאַרגלײַכן, נאָך זײַן האָסאָגע נאָך, צו עפּעס א זאַך. לעמאָשל, איינער א סטאָליער האָט אַמאָל געזאָגט: „דער מענטש איז געגליכן צו א סטאָליער; א סטאָליער לעבט און לעבט, דערנאָך שטאַרבט ער — אַזוי איז א מענטש אויך“... פון א שוסטער האָב איך אַליין געהערט א מיינונג, אַז דעם מענטשנס לעבן איז געגליכן צו א פּאָר שטיוול: קאָלזמאַן די פּאָדעשוועס טראָגן זיך, זײַנען די שטיוול — שטיוול, און אַז די פּאָדעשוועס טראָגן זיך אָפּ, איז — מיטן קאָפּ אין דער ערד. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז א באַלעגאָלע זאָל פאַרגלײַכן דעם מענטשן צו, להבדיל, א פערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין חידוש ניט געווען, ווען אַזא מענטש, ווי איך, וואָס האָט אָפּגעטראַמט א האַלבע מייע יאָרן און גייט באַשרײַבן די געשיכטעס פון זײַן לעבן, — זאָל אים אײַנפאַלן צו פאַרגלײַכן זײַן פאַרגאַנגענהייט צו א יאַריד.

דער עמעס אָבער איז ניט אזוי. פונעם יאריד — מיינט מען דאָס דעם צוריקוועגס, אָדער דעם סאכאקל, דעם רעזולטאט פונעם גרויסן יאריד. א מענטש, אז ער פאָרט אפן יאריד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אליין ניט, וואָס פאר א מעציעס ער וועט דאָרט איינהאנדלען און וואָס ער וועט דאָרט מעסאקן זיין[1]... פליט ער דעריבער פייל אויסן בויגן, הענדום-פענדום — טשעפעט אים ניט, ער האָט קיין צייט ניט! פאָרט ער אָבער צוריק, פונעם יאריד, ווייסט ער שוין, וואָס ער האָט דאָרטן געהאנדלט און וואָס ער האָט דאָרט מעסאקן געווען, און פליט שוין ניט אזוי געשמיידיק. „ער האָט צייט". ער קאָן זיך שוין אָפגעבן דין-וועכעזשבן און האָט שוין בעיאד[2] צו וויסן דעם רעזולטאט פונעם יאריד, און ער האָט שוין די מעגלעכקייט אויך די וועלט באקאנט צו מאכן מיט די דאָזיקע רעזולטאטן, דערציילן פאוואָלינקע, ניט געכאפט, אלצדינג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אפן יאריד און וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט געהערט.

א סאך מאָל האָבן מיך מיינע גוטע פריינט אופגעפאָדערט, פאר־וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מי צו באקענען דעם עולעם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבן? ס'איז שוין צייט, זאָגן זיי, און עס וואָלט עפשער געווען אינטערעסאנט אויך. האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינט און האָב מיך עטלעכע מאָל גענומען צו דער ארבעט, און אלעמאָל אוועקגעלייגט די פען, ביז... ביז ס'איז געקומען די צייט, איך האָב זוכע געווען נאָך פאר פופציק יאָר צו באגעגענען זיך פאָנעם על פאָנעם מיט זיין מאיעסטעט, מיטן מאלכאמאָוועס, גאָר ניט אפ קאטאָוועס — איך האָב מיך שיר־שיר ניט איבערגעפעקלט אהין, פונוואנען מע קאָן קיין בריוול ניט שרייבן, קיין זאך ניט אריבער־שיקן און אפילע קיין גרוס ניט איבערגעבן. קורץ, איך האָב געהאלטן בא אָפזאָגן די עטלעכע גילדן, — האָב איך צו מיר אזוי געזאָגט: „אציינד איז די רעכטע צייט. כאפ ארייַן און שרייב, וואָרעם קיינער ווייסט ניט, ווען מע וועט מאָרגן עס איז. דו וועסט מאכן א שטארב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען, אז זיי קענען דיך און ווייסן דיך, און וועלן אויסטראכטן זאכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. צו וואָס

---

1 דאָ: אופטאָן.

2 איז שוין אימשטאנד.

טויג עס דיר? אמער נעמ שוינ בעסער אליינ, דו קענסט זיך בעסער פונ אלעמענ, אונ דערציילֿ, ווער דו ביסט, שרײַב דײַנ אווטאָביאָגראפיע!״...

עס איז אָבער גרינג אויסצורײדנ — „שרײַבנ אנ אווטאָביאָגראפיע״, אנ עמעסע לעבנס-געשיכטע, ניט קיינ אויסגעטראכטע! דאָס הייסט אזוי גוט, ווי אָפּגעבנ דינ-וועכעזשבנ פונ מײַנ גאנצנ לעבנ פאר מײַנ לעזער, זאָגנ ווידע[1] פאר דער גאנצער וועלט. איר ווייסט? שרײַבנ אנ אווטאָביאָגראפיע אונ מאכנ א צאוואָע איז קימאט אלציינס... איז איינמאָל אוועק. אונ נאָך א זאך: עס איז שווערלעך פאר א מענטשנ, וואָס רעדט פונ זיך אליינ, ער זאָל זיך קאָנענ אופהייבנ צו אזא מאדרייגע, אז ער זאָל בײַשטיינ קעגנ דעמ ניסאָיענ, ניט וועלנ אויספײַנענ זיך פארנ פובליקומ, באווײַזנ זיך פאר א ווילנ באָכער, וואָס סע קומט אימ א קניפּ אינ בעקל. איך האָב צוליב דעמ אויסגעקליבנ א באזונדערע פאָרמ אווטאָביאָגראפיע: די פאָרמ פונ א ראָמאנ, פונ א ביאָגראפישנ ראָמאנ. עס וועט אויסקומענ, אז איך וועל ריידנ פונ זיך זעלבסט, ווי פונ א דריטער פערזאָנ. דאָס הייסט: איך, שאָלעמ-אלײכעמ דער שרײַבער, וועל אײַך דערציילנ די ריכטיקע ביאָגראפיע פונ שאָלעמ-אלײכעמ דעמ מענטשנ, אָנ צערעמאָניעס, אָנ באַפּוצעכצנ אונ צאצקערײַענ, ווי עס וואָלט אײַך דערציילט, לעמאָשל, א זײַטיקער פארשוינ, א ווילד-פרעמדער, נאָר אזעלכער, וואָס איז גע־וועז מיט אימ אומעטומ, אזעלכער, וואָס איז דורכגעגאנגענ מיט אימ אלע שיוועמעדוריי גענעמ. אונ דערציילנ וועל איך עס אײַך ביסלעכווײַז, שטיקלעכווײַז, אײַנגעטיילט אינ באזונדערע מײַסעס, אָדער עפּיזאָדנ, איינ עפּיזאָד נאָך דעמ אנדערנ. אונ דער, וואָס גיט קויעך דעמ מענטשנ, ער זאָל געדענקענ אלצדינג, וואָס מיט אימ האָט פאסירט אינ זײַנ לעבנ, זאָל מיר בײַשטיינ, אז איך זאָל ניט דורכלאָזנ כאָלילע קיינ זאך, וואָס מיר האָט געטראָפנ אונ וואָס קאָנ האָבנ אנ אינטערעס, אונ קיינ פארשוינ, וואָס איך האָב וועגנ באגעגנט אפ דעמ גרויסנ יאריד, וואָס איך האָב דורכגעמאכט אינ די פופציק יאָר פונ מײַנ לעבנ.

1 דאָ: אויסדערציילנ אָפנהארציק וועגנ דעמ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָנ פאר זײַנ לעבנ.

2

די שטאָט

דאָס קליינע שטעטעלע וואָראָנקאָ. — א מין קאסרילעווקע. — א לעגענדע פון מאזעפּעס צײַטן. — אן אלטע קלויז, אן אלטער בעסוילעם, צוויי יארידים.

אופגעצויגן געוואָרן און געוואקסן איז דער העלד פון דעם דאָזיקן ביאָגראפישן ראָמאן אין סאמע קאסרילעווקע, וואָס איז שוין א ביסל באקאנט אף דער וועלט. געפינען געפינט זיך עס, אויב איר זײַט נײַגעריק צו וויסן, אין מאלאָראָסיע, אין פּאָלטאווער גובערניע, ניט ווײַט פון דער אלטער היסטאָרישער שטאָט פּערעיאסלאוו, און הייסן הייסט עס ניט קאסרילעווקע, נאָר וואָראָנקאָ. פארשרײַבט דאָס אײַך.

אייגנטלעך, וואָלט איך באדארפט אָנרופן דעם נאָמען פון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן, און דעם דאטום, ווי עס פירן זיך אלע ביאָגראפישע שרײַבער. בין איך מיך אָבער מוידע, אז דאָס אינטערעסירט מיך ניט. מיך אינטערעסירט דאפקע אָט דאָס קליינע קאסרילעווקע, אָדער וואָראָנקאָ, ווײַל קיין אנדער שטאָט אף דער וועלט האָט זיך אים אזוי ניט אײַנגעגעסן אין זיקאָרן, ווי אָט דאָס געבענטשטע קאסרילעווקע-וואָראָנקאָ, און קיין אנדער שטאָט אף דער וועלט האָט ניט געהאט אזויפיל כיין אין זײַנע אויגן, אזוי אז ער קאָן עס ניט פארגעסן און וועט עס ניט פארגעסן אייביק און אייביק.

און בעעמעס גערעדט, וועלכע שטאָט אף דער גרויסער וועלט, עס מעג זײַן אָדעס, אָדער פּאריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער אפילע ניו-יאָרק, קאָן זיך בארימען מיט אזא גרויסן ברייטן מארק און מיט אזויפיל יידישע קלייטן און קלייטלעך, טישן, טישלעך און שטעלעכלעך, מיט גאנצע בערג פּרישע שמעקנדיקע עפּעלעך און בארלעך, דיניעס און קאווענעס, וואָס ציגן און כאזיירים האָבן כיישעק צו געניסן פון זיי צו יעדער צײַט, און די מארק-ווײַבער פירן מיט זיי שטענדיקע מילכאָמעס, און מיר, כיידער-יינגלעך, האָבן אוואדע און אוואדע כיישעק צו געניסן פון די אלע גוטע זאכן און קאָנען צו זיי ניט גרייכן?..

וועלכע שטאָט פארמאָגט אזא אלטן אײַנגעהויקערטן בעסמעדרעש מיט אזא שיינעם געשניצטן אָרנקוידעש [1] מיט צוויי לייבן, וואָס זענען

1 א שראנק, ווו עס שטייען אין בעסמעדרעש די סייפערטוירעס.

אויס ווי פויגלענ, ווענ ניט די לאנגע צינגער אונ די שויפרעס[1], וואָס זיי האלטנ אינ מויל אונ בלאָזנ? אינעם דאָזיקנ אלטנ בעסמעדרעש, דערציילנ אלטע ייִדנ, האָבנ זיכ אונגדזערע זיידעס אמאָל פארשלאָסנ פאר מאזעפענ, יימאכ-שמוי[2], געזעסנ דריי טעג מיט דריי נעכט אָנגעטאָנ אינ טאלעס-אונ-טפילנ אונ געזאָגט טילים — אונ דורכ דעמ ניצל געוואָרנ פונעמ טויט. די זעלבע אלטע ייִדנ דערציילנ, אז דער אלטער ראָוו נאָכ האָט דאָס בעסמעדרעש געבענטשט, סע זאָל קיינמאָל ניט ברענענ — ברענט דאָס ניט, עס מעג זיינ וואָס פאר א סריימפע עס וויל זיכ!

וועלכע שטאָט פארמאָגט אזא באָד, וואָס שטייט בארג-אראָפּ, סאמע באמ ברעג טייכ, אונ פארמאָגט אזא ברונעמ, וואָס זיינע וואסערנ נעמענ זיכ קיינמאָל ניט אויס? אונ דער טייכ אליינ — ווו האָט איר נאָכ אזא טייכ אפ דער וועלט, ווו דוירעס אונ דוירעס קליידער-ייִנגלעכ, שקאָצימ, באָדנ זיכ אונ פּאָליאָסקענ זיכ, לערנענ זיכ שווימענ, כאפּנ פישלעכ אונ מאכנ קונצנ, וואָס איז קעדיי צו זענ? וועגנ דער דאָזיקער אלטער באָד, וואָס שטייט אפ כידושימ, האָבנ אויכ אלטע ייִדנ צו דערציילנ אונ דערציילנ. מע האָט דאָרט געפונענ אמאָל א געהאנגענעמ גוי, וואָס האָט זיכ אָנגעשיקערט אונ אליינ זיכ אופגעהאנגענ, איז דערפונ ארויס א בילבל, אז דאָס האָבנ אימ ייִדנ אופגעהאנגענ, האָט די שטאָט געהאט אפ זיכ נאָבדעמ א פעקל, מע האָט געוואָלט שמייסנ די שענסטע באלעבאטימ, אָדער מע האָט זיי טאקע געשמיסנ — איכ וויל ניט אזוי וויט גריבלענ זיכ, ווייל איכ האָב פיינט טרויעריקע מייסעס, זיי מעגנ זיינ אפילע פונ פארצייטנ...

וועלכע שטאָט פארמאָגט אזא הויכנ בארג אפ יענער זייט בעסמעדרעש, וואָס זיינ שפּיץ דערגרייכט קימאט ביז דער כמארע, אונ וואָס אפ יענער זייט — אלע וויסנ עס — ליגט באהאלטנ אנ אויצער נאָכ פונ כמעלניצקיס צייטנ? דעמ אויצער האָט מענ — אזוי דערציילנ אלטע ייִדנ — וויפל מאָל גענומענ זיכ גראָבנ, אונ מע האָט אלעמאָל געמוזט אוועקלייגנ די ארבעט, ווארעמ גראָבנדיק האָט מענ געפונענ ביינער, הענט אונ פיס אונ קעפּ פונ מענטשנ אינ טאכריכימ — מאשמאָעס,

---

1 האָרנס, וואָס ווערנ באנוצט אינ בעסמעדרעש אפ אויספּיפנ דעמ ריטואל, וואָס הייסט „שויפער-בלאָזנ".

2 אויסגעמעקט זאָל ווערנ זיינ נאָמענ (אזא מינ קלאָלע).

אז דאָס זײַנען געווען ייִדן, און עפּשער נאָך קדושים[1]... ווער ווייסט?

וועלכע שטאָט פֿאַרמאָגט אַזעלכע פֿײַנע באַלעבאַטים, וואָס זײַנען, דאַכט זיך, אַלע מער ניט ווי קליינע קרעמערלעך און שײנקאַרעס, וואָס לעבן, דאַכט זיך, נאָר פֿון דעם גוי און איינס פֿון דאָס אַנדערע, און פֿונדעסטוועגן פֿירן זיי זיך אַלע באַלעבאַטיש, יעדער האָט זיך זײַן היים, זײַן מישפּאָכע און זײַן אָרט אין בעסמעדרעש — אין מיזרעך-וואַנט אָדער אין שפּיגל-באַנק[2], וואָס מאַכט עס אויס? — און טאָמער איז ער אַליין ניט אַזאַ גרויסער יאַכסן און אַ גוויר, האָט ער אַ קאָרעוו אַ מעיוכעס אָדער אַ נאָגיד, וואָס ער לאָזט אים פֿון מויל ניט אַרויס און דערציילט פֿון אים אַזעלכע גוזמעס, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש?..

און אַזאַ אַלטן בעסוילעם, אַזאַ גרויסן און אַזאַ רײַכן און אַזאַ אַלטן בעסוילעם, ווו דער גרעסטער טייל קוואָרים איז שוין פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז, אַזוי אַז מע ווייסט שוין גאָר ניט, צי דאָרטן זײַנען דאָ ביינער פֿון מענטשן, אָדער ניין? פֿון דעם דאָזיקן בעסוילעם איז שוין דאַפֿקע יאָ פֿאַראַן וואָס צו דערציילן, און דאַפֿקע ניט אַזעלכע פֿריילעכע מײַסעס, און טאַקע גאָר שרעקלעכע זאַכן, — פֿאַרשטייט זיך, פֿון אַמאָל, פֿון פֿאַרצײַטן. נאָר אַקעגן נאַכט איז ניט קעדײַ צו ריידן פֿון בעסוילעמס...

אַ קליין שטעטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר אַ שיינס, מאָלע-כיינ. איר קאָנט דורכשפּאַצירן דאָס גאַנצע שטעטל, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין איין האַלבע שאָ, אויב איר זײַט בעקויעך און האָט פּיס. אָן אַ באַן, אָן אַ יאַם, אָן אַ ראַש, מיט צוויי יאַרידים סאַכאַקל דורכן יאָר, „קראַסנע טאָרגעס״ און „פּאָקראָווע״, — פֿון ייִדנס וועגן געמאַכט געוואָרן, ייִדן זאָלן לייזן געלט און האָבן פּאַרנאָסע. אַ קליין, קליין שטעטעלע, דערפֿאַר איז דאָס אָבער פֿול מיט אַזעלכע שיינע מײַסעס און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פֿון זיי אַליין געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך. איך ווייס, אַז מײַסעס און לעגענדעס האָט איר ליב. דאָס איז בײַ אײַך, אייגנטלעך, דער גאַנצער איקער... קאָנען מיר אָבער ניט: מיר דאַרפֿן זיך האַלטן שטרענג אין די ראַמען פֿון אַ ביִאָגראַפֿ און מיר מוזן אײַך פֿריִער באַקאַנט מאַכן, ווי דער שטייגער איז,

---

1 בוכשטעבלעך—הייליקע. דאָ: געהאַרגעטע.

2 די באַנק אין בעסמעדרעש, וואָס שטייט אַנטקעגן דער מיזרעך-באַנק.

מיט די עלטערן פֿונעם העלד, מיט זײַנע טאַטע־מאַמע. זײַט צופֿרידן, וואָס איך הייב אָן גלײַך פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע, און ניט פֿון זײַנע זיידן און עלטער־עלטער־זיידן, ווי אַנדערע ביאָגראַפֿן טוען.

3

טאַטע־מאַמע

א וואָראָנקאָווער נאָגיד מיט א סאך פּאַרנאָסעס. — א כאַליאַסטרע קינדער. — פֿרומע די דינסטמויד געוועלטיקט איבער זיי. — דער העלד איז א נאָכמאַכער, א קונדעס.

א הויכער, מיט א שטענדיק פֿאַרזאָרגט פּאָנעם, מיט א ברייטן, ווײַסן, געקנייטשטן שטערן, מיט א שיטער שמייכלענדיק בערדל, א באַלעבאָס א ייִד און א באַל־טפֿילע [1], א לאַמדן און א באַל־טאַנאַך [2], א פֿרומער און א באַל־לאָשנקוידעש [3], א כאָסיד פֿון טאַלנער רעבן און א ליבהאָבער פֿון מאַפּו [4], סלאָנימסקי און צעדערבוים [5], א כאַקרען [6], א בוירער [7] און א באַל־אייצע און א שפּילער אין שאָך און א מייוון אף פּערל און בריליאַנטן — אָט דאָס וועט זײַן די ריכטיקע פֿיזיאָ־נאָמיע פֿון דעם העלדס פֿאָטער, רעב נאָכעם וועוויקס, וואָס האָט גע־רעכנט זיך אין שטאָט פֿאַרן גרעסטן נאָגיד.

וויפֿל אַזאַ נאָגיד פֿון וואָראָנקאָ האָט געקאָנט פֿאַרמאָגן — איז שווער צו זאָגן; נאָר געשעפֿטן האָט ער געהאַט א גוזמע: ער איז געווען א פּאָסעסאָר, צוגעשטעלט בורעקעס אין „זאַוואָד“, גע־האַלטן די זעמסקע פּאָטשט, געהאַנדלט מיט טווּע, געגרוזעט בערלינעס אפֿן דניעפּער, געהאַקט וואַלד און געשטעלט אָקסן אף דער בראַהע, נאָר פּאַרנאָסע האָט מען געצויגן פֿון דער „שניט־קראָם“. עס רעדט זיך נאָר אַזוי א „שניט־קראָם“. דאָרט האָט זיך געפֿונען אויך צעלניק, און באַקאַליי, און היי און האָבער, און היימישע רעפֿועס פֿאַר גוייִם

---

1 וואָס קען זײַן א כאַזן.

2 וואָס קען גוט די ביבל.

3 וואָס קען העברעיִש.

4 א באַוווּסטער העברעיִשער בעלעטריסט (1807—1867).

5 סלאָנימסקי (1810—1904) און צעדערבוים (1816—1893) — באַוווּסטע העברעיִשע זשורנאַליסטן.

6 א מענטש, וואָס האָט ליב זיך פֿאַרנעמען מיט פֿילאָסאָפֿישע פֿראַגן.

7 א מענטש, אף וועלכן מע פֿאַרלאָזט זיך, ער זאָל אויסגלײַכן בא פֿאַרשיידענע ציווילע קאָנפֿליקטן.

און גויעס, און אײַנוואַרג אויכ. אינ „שניט-קראָמ" האָט זיכ דער טאטע ניט ארײַנגעמישט. דאָס האָט געפירט אינגאנצנ די מאמע, א יִדענע אנ איישעס-כאַיִל, א גיכע טוערנ און מיט סאַקאָנעס א שטרענגע צו אירע קינדער. און קינדער זײַנענ געווענ היפּשלעכ, אריבער א טוצ, און פונ אלערליי ווּקס און פונ אלערליי פארב: קינדער מיט שוואר-צע הערלעכ, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

קיינ גרויסנ צימעס האָט מענ מיט דעמ קליינוואַרג, געוויינטלעכ, ניט געמאכט. דאָס הייסט, שטארק בענקענ האָט מענ נאָכ זיי ניט געבענקט, און אז זיי זאָלנ, כאסוועשאָלעמ, ניט געווענ קומענ אפ דער וועלט, וואָלט אויכ געווענ אָנ אנ אומגליק; נאָר אז זיי זײַנענ שוינ דאָ, איז — „מאַכטייסע, וועמענ מאכנ זיי קאַליע? זאָלנ זיי זײַנ מיט יאָרנ"... ווער ס'האָט זיכ געקאָנט אויסדרייענ פונ פּאָקנ און פונ מאָז-לענ און פונ אלע איבעריקע קינדערשע שלעק-פּוראָניעסנ [1], דער איז אויס-געוואקסנ און אוועק אינ כיידער ארײַנ, פריִער צו נאָטע-לייב דארדעקע [2], דערנאָכ צו רעב זאָרעכל דעמ געמאָרע-מעלאַמעד. און ווער עס האָט ניט געקאָנט בײַשטיינ דעמ באלדאָווער [3] מיט די טויזנט אויגנ, וואָס לאָקערט אפ קליינע אייפּעלעכ, דער האָט זיכ באַצײַטנס אָפּגעטראָגנ אהינ, פונוואַנענ ער איז געקומענ. האָט מענ פאַרהאנגענ די שפּיגלענ, און טאטע-מאמע האָבנ זיכ אוועקגעזעצט שיווע, אראָפּגעוואָרפנ די שיכ פונ די פיס און שטארק-שטארק געוויינט. אזוי לאנג געוויינט, ביז מע האָט אופגעהערט. געזאָגט דעמ פּאָסעק: „אדוינוי נאָסאנ אדוינוי לאָ-קאכ" [4], אויסגעווישט די אויגנ, אופגעשטאנענ פונ דער ערד און פאר-געסנ... אנדערש איז עס אומעגלעכ געווענ אינ דעמ גרויסנ טאראראמ מיטנ יאריד פונ אריבער א טוצ קינדער, צווישנ זיי איינער א באלע-בעסל שוינ, וואָס סע שיט זיכ אימ א בערדל, און איינס א זויגע-דיקס, נאָכ בא דער ברוסט.

א גרויס בעריעשאפט איז עס געווענ פונ דער מאמע אויסצו-האָדעווענ אזא כאַליאַסטרע און אויסצושטיינ אַלעמענס קראנקײַטנ. וואָרעמ אזוי פלעגט א קינד קריגנ פּעטש מיט קלעפּ מיט בוכענצעס, וויפל ס'איז אינ דעמ ארײַנ. נאָר טאָמער כאָלילע איז עמעצער קראנק

1 אָנשיקעניִשנ.

2 א מעלאמעד, וואָס לערנט קליינע קינדער לייענענ און אָנפאנגלעכע רעליגיע-זע לימודימ.

3 געמיינט: דעמ מאלעכ פונ טויט.

4 „גאָט האָט געגעבנ, גאָט האָט צוגענומענ".

שאָלעם־אליַיכעם און זיַין פֿאָטער נאָכעם ראַבינאָוויטש
(קיִעוו, 1885)

געוואָרנ, אזוי איז שוינ די מאמע ניט אָפּגעטראָטנ פונ בעטל: „א מאקע דער מאמע!“ איז דאָס אָבער געזונט געוואָרנ אונ געשטעלט זיכ אפ די פיסלעכ — „אינ כיידער ארײַנ, דו שייגעצ איינער, אינ כיידער ארײַנ!“...

אינ כיידער האָבנ געלערנט אלע פונ פיר יאָר ביז... קימאט ביז דער כאסענע. אונ פונ דער גאנצער כאליאסטרע קינדער האָט זיכ אויסגעצייכנט אלס גרויסער שקאָצ דער מיטלסטער, דער העלד פונ דער דאָזיקער בּיאָגראפיע, מיטנ נאָמענ שאָלעמ, אָדער שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס.

מע באדארפ זאָגנ דעמ עמעס, אז גאָר קיינ שלעכט ייִנגל איז דאָס ניט געווענ, אָט דער שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, אונ לערנענ האָט ער זיכ געלערנט בעסער פונ אלע קינדער, נאָר פּעטש, קולעקעס, מיט קלעפּ, מיט שמיצ, ניט פאר אײַכ געדאכט, האָט ער אויכ געקראָגנ מער פונ אלע. מיסטאמע איז ער ווערט געווענ.

— אָט וועט איר זענ, ייִדנ, אז פונ דעמ קינד וועט קיינ גוטס ניט ארויס! דאָס וואקסט עפּעס א גאָרנישט מיט א נישט, דער שווארצער יאָר ווייסט וואָס, א שטו בער, א סאמאָוואָליעצ, א זוילעל-וועסויוועניק[1], א איוואנ פּאָפּערילע, אנ אויסוווּרפלינג, א מעשומעד אונ א קאָלבוינ יק, אונ וואָס אינ דער קאָרט!..

אזוי האָט אימ אטעסטירט פרומע די דינסטמויד, א בלינדע אפ איינ אויג אונ א געשטופּלטע, נאָר זייער א קארגע אונ א געטרײַע דינסט. א געטרײַע אונ אנ איבערגעגעבענע אונ אנ ערלעכע דינסט. זי האָט געהארגעט-געשלאָגנ די קינדער, זיי געזשאלעוועט עסנ, אכטונג געגעבנ, זיי זאָלנ זײַנ גוט אונ פרומ אונ ערלעכ אונ קאָשער צו גאָט אונ צו לײַט. אונ מאכמעס די מאמע איז געווענ אנ איישעס-כאיִל, שטענדיק אינ קראָמ, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב בעיאָד ראָמאָ[2] אונ „דערצויגנ“ די קינדער, ווי א מאמע. זי האָט זיי געוועקט, געוואשנ, געצוואָגנ, געזאָגט מיט זיי בראָכע[3], געפּאטשט, געגעבנ אָנבײַסנ, אָפּגעפירט אינ כיידער, געבראכט פונ כיידער, געפּאטשט, געגעבנ עסנ, געלייענט מיט זיי קרישמע[4], ווידער געפּאטשט אונ באלייגט שלאָפנ,

1 א פרעסער אונ א זויפער.

2 מיט א פעסטער האנט.

3 טפילעס, וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ, ווענ מע שטייט אופ אינדערפרי פונ שלאָפ.

4 טפילעס, וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ פארנ שלאָפ.

אַלע אײנײנעם, ס׳זאָל אײַך צו קײנ כארפּע ניט זײַנ, טאקע מיט איר אינ אײנ בעט. די קינדער אינ בעט — אונ זי בא זײ צופוסנס.

א שטיק גאָלעס איז געווענ פאר די קינדער אָט די פרומע די מויד, אונ א יאָמטעוו איז געווענ פאר זײ פרומעס כאסענע — לאנג לעבנ זאָל אידעלע-גאנעוו מיט דער היטשקע געגרײַזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענדזנשמאלצ, אונ מיט דער צונויפגעוואקסענער נאָז, וואָס מע קאָנ זי קײנמאָל ניט אויסשנײַצנ, מע זאָל זײַנ, דאכט זיך, מיט אכצנ קעפּ. לאנג לעבנ זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומענ (אָט א מעשוגענער!) כאסענע האָבנ פאר דער בלינדער פרומענ. אונ כאסענע האָט ער פאר איר געהאט ניט גלאט אזוי, נאָר מאכמעס „ליבע": ער האָט זיך אינ איר פארליבט, הײסט עס, מיט סאקאָנעס-נעפאָשעס. ניט צוליב דעם, וואָס זי האָט נאָר אײנ אויג אונ איז געשטופּלט — כאסוועכאָלילע! נאָר צוליב דעם, וואָס ער טוט א שידעך מיט רעב נאָכעמ וועוויקס. א קלײניקײַט — אזא שידעך! כײַע-עסטער אלײנ (די מאמע) האָט געפּראוועט די כאסענע, געווענ די גאנצע מעכוטענעסטע, געבאקנ לעקעך, אראָפּגעבראכט קלעזמער פונ בערעזאנ, געטאנצט, געהוליעט ביז טאָג אונ געוואָרנ הײזעריק, ווי די וואנט.

אױ-וויי, וואָס כעוורע האָבנ זיך דעמלט אָנגעלאכט אונ אָנגעטאנצט!

די סימכע איז געווענ ניט אזוי צוליב דעם, וואָס א פײַפער א גאנעוו נעמט א בלינדע מויד, נאָר איבער דעם, וואָס מע ווערט פּאָטער פונ „פרומע די מויד" אפ אײביק אונ אײביק! אונ אגעוו האָט מענ זיך טאקע אָנגעלאכט אויך אפ דעם, וואָס „דער שײגעצ" האָט קאָפּירט דאָס גליקלעכע פּאָר — דעם כאָסנ, ווי ער פּײַפט מיט דער נאָז, אונ די קאלע, ווי זי קוקט אפנ כאָסנ מיט אײנ אײגל אונ באלעקט זיך, ווי א קאצ, אז זי האָט א נאש געגעבנ סמעטענע.

קאָפּירנ, נאָכמאכנ, איבערקרימענ — דערופ איז אונדזער שאָלעמ געווענ אײנ מאזיק! האָט ער דערזענ עמעצנ דאָס ערשטע מאָל, אזוי האָט ער שוינ געפונענ אפ אים עפּעס א כיסאָרנ, אָדער אזוי א „לעכעריקס", אונ ער האָט זיך שוינ אָנגעבלאָזנ ווי א פּאכיר, אונ ער האָט אים שוינ נאָכגעמאכט. אונ כעוורע שקאָצים האָבנ געלאכט, אונ טאטע-מאמע האָבנ צוגעשטעלט א בענקעלע פארנ רעבנ, אז „דער שײגעצ מאכט נאָך דער גאנצער וועלט, ווי א מאלפּע — מע באדארפ אים אָפּגעוווינענ דערפונ!"

אונ דער רעבע האָט זיך גענומענ אים „אָפּגעוווינענ" דערפונ — עס האָט אָבער ווינציק-וואָס געהאָלפנ... עפּעס א „ניט-גוטער" האָט

זיכ פאַרקליבנ אינ דעם קינד, א מינ לעצ, וואָס דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָכ אונ אַלעמענ קרימט ער איבער, אָבער אַלעמענ, אַפילע דעם רעבנ אַליינ, ווי ער שמעקט טאַבעקע אונ ווי ער גייט דריבני־טשקע מיט די קליינע פיסעלעכ, אונ די רעבעצנ, ווי זי פיסקלט זיכ, דרייטלט זיכ אונ בלינצלט מיט איינ אייגל, בעשאַס זי דאַרפ נעמענ באַם רעבנ אַפ שאַבעס אונ קאָנ ניט אויסריידנ „שאַבעס”, נאָר „סאַבעס”, — אונ פעטש זיינענ געפלויגנ, אונ קלעפ האָט מענ געטיילט, אונ שמיצ האָט מענ געציילט. איי שמיצ! סטייטש שמיצ!

בעקיצער — ס'איז געווענ א לעבנ.

4

שמוליק דער יאָסעם

מייסעס, פאַנטאַזיעס אונ כאַלוימעס. — קאַבאָלע[1] אונ קישעפ.

פאַראַנ פענעמער, וואָס זיינענ באַשאַפנ געוואָרנ פונ גאָט אַפ צו פאַרקישעפנ אייכ מיטנ ערשטנ קוק. „האָב מיכ ליב!” — אַזוי שרייט צו אייכ דאָס דאָזיקע פענעמל, אונ איר באַקומט דאָס ליב, איר ווייסט ניט פאַרוואָס.

אָט אַזא מינ כיינעוודיק פענעמל האָט געהאַט שמוליק דער יאָסעם, א יינגל אָנ א טאַטנ, אָנ א מאַמענ, וואָס אופגעהאַלטנ האָט ער זיכ באַם ראָוו.

צו אימ איז דאָס צוגעקלעפט געוואָרנ שאָלעם נאָכעם וועוויקס, דער העלד פונ דער דאָזיקער אווטאָבּיאָגראַפיע, פונ דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבנ זיכ באַקענט, זיכ געטיילט מיט אימ מיט די אָנבייסנס אונ מיט די מיטיקס האַלב אַפ האַלב אונ געוואָרנ כאַווער — אָבער וואָס כאַווער הייסט! נעפעש אַכאַס — איינ לייב, איינ נעשאָמע! פאַרוואָס? איבער זיינע מייסעס.

קיינער האָט ניט געהאַט אַזויפיל מייסעס אַפ צו דערציילנ, וויפל שמוליק. האָבנ מייסעס אַפ צו דערציילנ איז אָבער נאָכ ניט אינגאַנצנ. דאָס דערציילנ אַליינ איז אויכ א זאַכ. דערציילנ א מייסע דאַרפ מענ קענענ. אונ שמוליק האָט געקענט דערציילנ מייסעס אַזוי, ווי קיינער ניט!

---

1 רעליגיעז־מיסטישע פילאָסאָפיע.

פונוואנענ האָבנ זיך צו דעמ ציקאווונ באָכער מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די פארכאָלעמטע אויגנ גענומענ אזויפיל מײַסעס, אונ אזעלכע שיינע, רײַכע מײַסעס, מיט אזעלכע זעלטענע פאנטאסטישע בילדער? צי האָט ער זיי ווו געהערט אמאָל דערציילנ? אָדער דאָס איז געווענ פונ זײַנ קאָפּ אויסגעטראכט, לויטער פאנטאזיעס? אדאיאָמ קאָנ איכ דאָס ניט באגרײַפנ. איכ ווייס נאָר איינ זאכ: עס האָט זיכ בא אימ געגאָסנ ווי פונ א קוואל, נאָר פונ אזא קוואל, וואָס שעפּט זיכ ניט אויס קיינמאָל. אונ געגאנגענ איז דאָס בא אימ גלאט, ווי אפ בוימל, אונ געצויגנ האָט זיכ עס ווי א לאנגער זײַדנ־פאָדעמ. אונ זיס איז געווענ די שטימ, זיס די שפּראכ, זיס ווי צוקער. אונ די בעקלעכ רויט, אונ די אויגנ פארכאָלעמט אונ נאסלעכ, ווי איבערגעצויגנ מיט א דינ רויכל.

פארקליבנ זיכ פרײַטיק נאָכ האלבנ טאָג, אָדער שאבעס נאָכנ עסנ, אָדער יאָמטעוו פארנאכטלעכ, אפנ הויכנ וואָראָנקאָווער בארג, וואָס „דער שפּיצ זײַנער דערגרייכט קימאט ביז דער כמארע", האָבנ זיכ בײדע כאווײדימ אוועקגעלייגט מיטנ פּאָנעמ ארויפ צומ גראָז, אָדער מיטנ פּאָנעמ ארופ צומ הימל, אונ שמוליק האָט גענומענ דערציילנ א מײַסע נאָכ א מײַסע: א מײַסע פונ א בענ־מעלעכ [1] מיט א באס־מאלקע [2], א מײַסע פונ א ראָוו מיט א רעבעצנ, א מײַסע פונ א פרינצ מיט א פלעג־הונט [3], א מײַסע פונ א פרינצעסנ אינ א קרישטאָלענעמ פאלאצ, א מײַסע פונ צוועלפ גאזלאָנימ אינ וואלד, א מײַסע פונ אנ אָקרענט [4], וואָס האָט זיכ אוועקגעלאָזט אפנ פארגליווערטנ יאמ. מײַסעס פונעמ פויפּסט, וואָס האָט געפירט וויקוכימ מיט די גרעסטע ראבאָנימ, אונ מײַסעס פונ כײַעס, פונ שיידימ אונ פונ רוכעס אונ פונ קאטלייצאָנימ [5], פונ מעכאשפימ, שרעטעלעכ [6], וואָוקעלאקעס, פּיפּערנאָטערס [7], האלב־מענטש, האלב־כײַע, אונ א מײַסע מיט א העגנגלײַכטער פונ פראָג — אונ יעדע מײַסע האָט געהאט איר טאמ מיט איר רײַכ, אונ א באזונדער קישעפ איז געווענ אויסגעגאָסנ אפ זיי אלע.

1 א פרינצ.

2 א פרינצעסנ.

3 א לעגענדארע באשעפעניש.

4 א זעגל־שיפ.

5 געמיינט: שיידימ.

6 גוטע גײַסטער.

7 לעגענדארע באשעפענישנ.

דער כאוועך, שאָלעם נאָכעמ ווערוויקס, האָט געהאלטנ אָפּנ מויל אונ אויערנ, קיינ אויג ניט אראָפּגעלאָזט פונעמ דאָזיקנ ציקאוונ באָכור מיט די דויטע בעקלעכ אונ מיט די פארכאָלעמטע נאסלעכע אויגנ.

— פונוואנענ ווייסטו דאָס אלצוינג, שמוליק?

— נארעלע, דאָס איז נאָכ גאָרניט. לעמײַ איכ ווייס, וויאזוי מע צאפט ווײַנ פונ דער וואנט? אונ בוימל פונ דער סטעליע?

— וויאזוי צאפט מענ דאָס ווײַנ פונ דער וואנט? אונ בוימל פונ דער סטעליע?

— נארעלע, דאָס איז נאָכ אויכ בלאָטע! איכ ווייס אפילע, וויאזוי מע מאכט פונ זאמד גאָלד אונ פונ שערבלעכ דימענטנ מיט ברילײאנטנ.

— וויאזוי מאכט מענ דאָס?

— וויאזוי? דורכ קאבאָלע. דער ראָװ איז דאָכ א באל-קאבאָלע[1]. ווער וויכט עס ניט? ער שלאָפט דאָכ קיינמאָל ניט.

— וואָס דענ טוט ער?

— באנאכט, ווענ אלע שלאָפנ, איז ער אופ. זיצט ער אליינ אונ פארנעמט זיכ מיט קאבאָלע.

— אונ דו זעסט אלצדינג, וואָס ער טוט?

— ווי קאָנ איכ זענ, נארעלע, אז איכ שלאָפ?

— פונוואנענ זשע ווייסטו, אז ער פארנעמט זיכ מיט קאבאָלע?

— ווער ווייסט עס ניט? דאָס ווייסט דאָכ א מינדסט קינד. פרעג וועמענ דו ווילסט. דאָס, וואָס דער ראָװ קענ, נארעלע, קענ קיינער ניט. וויל ער — זײַנענ אָפּנ פאר אימ אלע צוועלפ ברונעמס מיט קוועקזילבער אונ אלע דרײַצנ גערטנער פונ סאמע זאפראנ, אונ גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטנ, מיט ברילײאנטנ — קעכויל האיאָמ[2], אזוי פיל, אז סע גלוסט זיכ אוש ניט!..

— פארוואָס זשע ביסטו טאָמיד הונגעריק? אונ פארוואָס האָט ער ניט אפ שאבעס?

— אזוי, וואָרעמ ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומענ אפ דער וועלט, משוועע טאָנ. ער איז א באלטשוווע. ער זאָל וועלנ, וואָלט ער געווענ רײַכ, ווי קוירעכ[3]; טויזנט ראָטשילדס וואָלט ער פאר-

1 דער, וואָס קענ קאבאָלע (זע אָנמ. צו ז. 21).

2 ווי דער זאמד פונ יאמ.

3 א לעגענדארע פערזאָנ פונ דער ביבל, וואָס די שפּעטערדיקע לעגענדע דערציילט, אז ער איז געווענ שטארק רײַכ.

שטעקט אינ גארטל. וואָרעמ ער ווייסט, וויאזוי מע ווערט רײַכ. פאר אימ איז אנטפלעקט אלצדינג. ער ווייסט אפילע דעמ אָרט, ווו דער אויצער ליגט באהאלטנ.

— ווו ליגט דער אויצער באהאלטנ?

— כאָכעמ! פונוואנענ זאָל איכ וויסנ? ווענ איכ זאָל וויסנ, ווו דער אויצער ליגט, וואָלט איכ דיר שוינ לאנג געזאָגט. איכ וואָלט אינמיטנ באנאכט געקומענ צו דיר אונ וואָלט דיכ אופגעוועקט פונ שלאָפ: „קומ, שאָלעמ, צומ אויצער, וועלנ מיר צונויפזשעברעווענ דאָס גאָלד פולע זשמעניעס אונ אָנשטופנ פולע קעשענעס!“

אונ האָט שמוליק אָנגעהויבנ צו ריידנ וועגנ אויצער, אזוי האָבנ די פארכאָלעמטע אויגנ בא אימ זיכ אָנגעצונדנ, די רויטע בעקלעכ צעפלאמט, אונ אליינ האָט ער זיכ אזוי צעהיצט אונ צעברענט אונ צעפלאקערט, אז ער האָט אויכ דעמ כאווער זײַנעמ אָנגעווארעמט, צעהיצט, צעברענט אונ צעפלאקערט. שמוליק האָט גערעדט, אונ זײַנ כאווער, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, האָט אימ געקוקט אינ מויל ארײַנ אונ מיט דאָרשט געשלונגענ יעדעס וואָרט.

5

אויצרעס

וואָס איז אנ אויצער? — א לעגענדע פונ כמעלניצקיס צײַטנ. — וווּנדערשטיינער.

אז ס'איז פאראנ אנ אויצער דאָ בא אונדז אינ אונדזער שטעטל — אינ דעמ איז דאָכ קיינ סאָפעק ניט.

פונוואנענ האָט זיכ גענומענ צו אונדז אנ אויצער? פונ כמעלניצקינ. כמעלניצקי האָט אימ דאָ באגראָבנ נאָכ פארצײַטנ. טויזנטער יאָרנ האָבנ מענטשנ געזאמלט אויצרעס מיט אויצרעס, ביז ס'איז געקומענ כמעלניצקי אונ האָט עס באשטאט.

— ווער איז געווענ כמעלניצקי?

— כמעלניצקי, ווייסטו ניט? נארעלע, כמעלניצקי — דאָס איז געווענ נאָכ פאר כמעלניצקיס צײַטנ... דאָס ווייסט דאָכ א מינדסט קינדו! האָט אָט דער כמעלניצקי אָנגעראבעוועט, הייסט עס, מילי-מיליאסנ גאָלד בא די אמאָליקע פריצימ אונ בא די רײַכע יידנ, אונ האָט דאָס אלצדינג געבראכט צו פירנ אהער צו אונדז, קיינ וואָראָנקאָ, — אונ דאָ האָט ער עס איינמאָל באנאכט אפ יענער זײַט בעסמעדרעש בארג-אראָפ, אקעגנ דער שײַנ פונ דער לעוואָנע, באהאלטנ, טיפ-טיפ אינ דער ערד

באַגראָבן, און ס'איז מיט גראָז באַוואַקסן און מיט קישעפּ פאַרקי־שעפּט, אַזוי, אַז קיין בען־אָדעם[1] זאָל עס ניט געפינען.

— און ס'איז פאַרפאַלן לעוילעם־וואָעד[2], אַפּ אייביק און אייביק?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז פאַרפאַלן לעוילעם־וואָעד, אַפּ אייביק און אייביק? און צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן די קאַבאָלע? די באַלע־קאַבאָלע, נאַרעלע, האָבן שוין דערצו אַן אייצע.

— דעהײַנע, וואָסער אַן אייצע?

— זיי וויסן שוין. זיי האָבן אַ שפּרוך אַזעלכן, און אַ פּאָסעק פאַראַן אַזעלכער אין טילים, וואָס מע דאַרף אים זאָגן פערציק מאָל פערציק...

— וואָסער אַ פּאָסעק?

— ע, נאַרעלע, איך זאָל וויסן דעם פּאָסעק! און אַפילע איך זאָל שוין וויסן, איז דאָס אויך ניט אַזוי גרינג. מע באַדאַרף פאַסטן פערציק טאַנייסים, אָפּזאָגן אַלע טאָג פערציק קאַפּיטלעך טילים, און אָפּן איין־און־פערציקסטן טאָג, באַלד נאָך דעם, ווי די זון האָט זיך גע־זעצט, באַדאַרף מען זיך אַרויסגאַנווענען אַזוי קונציק, אַז קיין בען־אָדעם זאָל דיך ניט באַגעגענען, — וואָרעם טאָמער כאָלילע דערזעט מען דיך, באַדאַרף מען אָנהייבן נאָכאַמאָל צו פאַסטן פון אָנהייב פערציק טאַנייסים, — און ערשט דעמלט, אַז ס'וועט דיר אָפּגילטן, קיי־נער וועט דיך ניט באַגעגענען, זאָלסטו אַוועקגיין אין אַ פינצטערער נאַכט אין אָנהייב כוידעש אַפּ יענער זײַט בעסמעדרעש באַרג־אַראָפּ, און דאָרטן אָפּשטיין פערציק מינוט אַפּ איין פוס, ציילנדיק פערציק מאָל פערציק, און אויב ס'וועט נאָר ניט זײַן קיין טאָעס אינעם ציילן, וועט זיך דיר דער אוצער אַנטפּלעקן פון זיך אַליין...

און שמוליק דער יאָסעם גיט צו פאַרשטיין גאַנץ ערנסט זײַן כאַוועד, שלאָמע נאָכעם וועוויקס, דעם סאָד פונעם אוצער מיט אַ שטיל קאָל, אַלעמאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פון אַ בוך, ניט אָפּגעשטעלט זיך אַפּ אַ רעגעלע אַפילע:

— און אַנטפּלעקן וועט זיך דיר דער אוצער דורך אַ פײַערל, אַ קליין פײַערל. און אַז דאָס פײַערל וועט זיך דיר באַווײַזן, באַ־דאַרפסטו גלײַך צוגיין צו דעם, צום פײַערל הייסט עס, זאָלסט נאָר קיין מוירע ניט האָבן פאַר אָפּבריִען זיך, וואָרעם דאָס פײַערל איז

---

1 קיין מענטש.

2 אַפּ אייביק.

מער ניט ווי אפ צו באַלײַכטנ, ברענענ ברענט עס ניט, אונ דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבייגנ אונ זשעברעווענ מיטביידע זשמעניעס (שמוליק באַווײַזט מיט ביידע הענט, ווי ער זשעברעוועט) גאָלד אונ זילבער אונ דימענטנ אונ ברילִיאַנטנ, אונ שײנער אזעלכע, וואָס הייסנ מיטנ נאָמענ „קאדקויד”, אונ אזעלכע, וואָס הייסנ מיטנ נאָמענ „יאָשפע”...

— וואָס איז דענ דער כילעק?

— איַי, נארעלע, ס'איז א גרויסער כילעק! „קאדקויד” איז אזא שטיינ, וואָס לײַכט אינ דער פינצטער, ווי א סטרינעווע ליכט, אונ „יאָשפע” האָט אינ זיך א קויעך: עס מאכט פונ שווארצ ווײַס, פונ רויט געל, פונ גרינ בלוי, פונ נאס טרוקנ, פונ הונגעריק זאט, פונ אלט יונג, פונ טויט לעבעדיק... מע באדארפ נאָר מיט אים געבנ א רײַב אינ דער רעכטער לאצ פונ דער קאפאָטע אונ א זאָג: „ס'זאָל מיר ארויסגיינ אונ ארויסגיינ א רעכטער אָנבײַסנ” — גייט ארויס א זילבערנע טאצ, אונ אפ דער טאצ צוויי פאָר געבראָטענע טײַבעלעך מיט פרישינקע פלעצלעך פונ געבײַטלטער מעל, פעדווי סאָרט. אָדער: „ס'זאָל מיר ארויסגיינ אונ ארויסגיינ א גוטער ווארעמעס!” — באַווײַזט זיך א גאָלדענע טאצ מיט קאָלעריי מינים עסנווארג אונ פאָטראַוועס, מאדאני-מעלעך [1], געבראָטענע צונגענ מיט געפילטע העלדזלעך, וואָס זייער געשמאקער ריעך צעגייט זיך אינ אלע אייוורים, אונ פרישע צוגעברענטע געפלאָכטענע קוילעטשנ וואקסנ אויס פאר דײַנע אויגנ, אונ ווײַנ לאָרוויוו [2] פונעמ בעסטנ סאָרט, אונ ניסלעך, אונ באָקסערנ, אונ צוקערקעס לאָרוויוו — אזוי פיל, אז סע גלוסט זיך שוינ אזש ניט!

אונ שמוליק קעַרעוועט אָפ דעמ קאָפ אָנ א זײַט אונ שפײַט אויס, אונ זײַנ כאוועַר זעט נאָך זײַנע פארשמאכטע ליפנ אונ נאָך זײַנ בלאס פאָנעמ מיט די פארכאָלעמטע אויגנ, אז ער וואָלט זיך גיט אָפגעזאָגט פונ א שטיקל געבראָטענע צונג, א געפילט העלדזל, אָדער כאָטש א שטיקל קוילעטש... אונ ער גיט זיך דאָס וואָרט, אז מאָרגנ, אימירצעשעמ, טראָגט ער אימ ארויס אינ קעשענע עטלעכע ניסלעך, א פאָר באָקסערנ מיט א צוקערקעלע, וואָס ער וועט ארויסלאקכענענ [3], מעכילע, בא דער מאמע אינ קלייטל. אונ דערווײַל בעט ער שמוליקנ, ער זאָל דערציילנ נאָך אונ נאָך. אונ שמוליק לאָזט זיך לאנג ניט בעטנ. ער ווישט אָפ די ליפנ אונ דערציילט נאָך אונ נאָך.

1 קייזערלעכע שפײַז.
2 א סאך, איבערגענוג.
3 ארויסנעמענ, אוועקגאנווענענ.

— ... אונ אַז דו האָסט זיכ גוט אָנגעזעטיקט מיט די אַלע מינע מײַכאָלים אונ פּאַרטרונקענ מיט די בעסטע װײַנען, נעמסטו אונ טוסט אַ רײַב מיטנ שטײנדעלע אונ אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרױסגײנ אונ אַרױסגײנ אַ װײכער געלעגער!“ — באַװײַזט זיכ דיר אַ בעטל פונ עלפנבײנ, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט אַנ איבערבעט — װײכ װי פּוטער, אונ מיט זײַדענע קישעלעכ צוקאָפּנס, אונ מיט אַנ אַטלאַסענע קאָלדרע איבערגעדעקט. ציסטו זיכ אױס אונ װערסט אַנשלאָפנ, אונ עס כאָלעמענ זיכ דיר מאַלאָכים מיט קרױװים[1], מיט סראָפים[1], מיטנ גאַנײדנ-האָעליװנ[2], מיטנ גאַנײדנ-האַטאַכטנ[3]... אָדער, אַז ניט, טוסטו אַ רײַב מיטנ שטײנדעלע, הײבסטו דיכ גאָר אוף אינ דער הײכ ביז דער כמאַרע, אונ אַריבער דער כמאַרע, אונ דו פליסט זיכ, װי אַנ אָדלער, הױכ-הױכ! װײַט-װײַט!..

צי האָט אָט דער אָרעמער יאָסעמ מיט זײַנע װוּנדערלעכע מײַסעס זיכ װענ אָפּגערופנ נאָכדעמ אינ די שרײַבעכצנ פונ זײַנ כאַװער שאָלעמ, בײַס שאָלעמ נאָכעמ װעװיקס איז געװאָרנ אַ „שאָלעמ-אַלײכעמ“ — דאָס איז שװער צו זאָגנ. אײנ זאַכ איז געװיס: זײַנ פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רײַכער, זײַנ האַסאָגע ברײטער, אונ שמוליקס כאַלױמעס אונ שמוליקס טרױמענ װעגנ אוצרעס, װוּנדערשטײנער אונ נאָכ אַזעלכע גוטע זאַכנ טראָגט ער בײַ זיכ טיפ אינ האַרצנ נאָכ אַדאַיאָם. עפּשער אינ אַנ אַנדער פאָרמ, עפּשער אינ אַנדערע געשטאַלטנ — נאָר ער טראָגט זײ, ער טראָגט זײ ביז צו הײַנטיקנ טאָג.

6

דער ראָװ אינ גאַנײדנ

די פרײַנטשאַפט פונ דאָװיד מיט יעהױנאָסאָנ[4]. — דער ליװיאָסנ[5] מיטנ שאָר־האַבאָר[6]. — װי זעענ אױס די צאַדיקים אױפ יענער װעלט.

די שײנע, װוּנדערלעכע מײַסעס פונ שמוליק דעמ יאָסעמ האָבנ זײַנ יונגנ כאַװער אײנגאַנצנ פאַרקישעפט אונ געבראַכט דערצו, אַז די פרינצנ מיט די פרינצעסנס זײַנענ אימ געגאַנגענ צו כאָלעמ, געװעקט,

[1] מינע מאַלאָכים. [2] דער גאַנײדנ, װאָס געפינט זיכ אױפנ הימל. [3] דער גאַנײדנ, װאָס געפינט זיכ אױפ דער ערד. [4] לױט דער ביבלישער לעגענדע, איז דער מעלעכ דאָװיד געװענ שטאַרק באַפרײַנדעט מיט זײַנ שװאָגער — דעמ מעלעכ שאָולס זונ יעהױנאָסאָנ. דאָס איז געװאָרנ אַ סינאָנימ אױפ צו באַצײכענענ גרױסע פרײַנטשאַפט. [5] אַ לעגענדאַרער פיש, פונ װעלכנ עס װעלנ, לױט די יידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ, געניסנ די צאַדיקים אינ גאַנײדנ. [6] אַ לעגענדאַרער אָקס.

געשלעפט בא די ארבל: „שטיי אופ, שאָלעמ, טו דיכ אָנ אונ קומ מיט אונדז!“... אונ ניט נאָר אינ כאָלעמ — אויכ אפ דער וואָר האָט ער זיכ געפונענ קימאט שטענדיק צווישנ פרינצנ אונ פרינצעסנס, ערגעצ אינ א קרישטאָלענעמ פאלאצ, אָדער אפנ פארגליווערטנ יאמ, אָדער אפ א וויספע[1], ווו עס געוועלטיקנ ווילדע מענטשנ, אָדער גאָר אינ גאנײדנ-האטאכטנ, ווו עס געפינענ זיכ צוועלפ ברונעמס מיט קוועקזילבער אונ דרײַצנ גערטנער פונ זאפראנ, אונ גאָלד אונ זילבער וואלגערט זיכ, אזוי ווי מיסט; אָדער ער הייבט זיכ אופ, מיטנ שטיינדעלע „יאָשפע“, גאָר אינ דער הייכ, אפ יענער זײַט כמארעס... עס איז דערגאנגענ אזוי ווײַט, אז ער האָט אָנגעהויבנ אָנרופנ די אלע זאכנ באמ נאָמענ אונ זענ זיכ מיט זיי אפ יעדנ טריט אונ שריט.

עטלעכע צונויפגעלייגטע באלקנס אינ הויפ אײנס אפ דאָס אנדערע זײַנענ שוינ געווענ גענוג פאר אימ, ער זאָל זיכ ארופכאפנ אפ זיי גאנצ הויכ אונ זיכ פאָרשטעלנ, אז דאָס איז א „וויספע“, אונ ער איז דער פרינצ, אונ די גענדז מיט די קאטשקעס, וואָס שפאצירנ ארומ אינ הויפ, — דאָס זײַנענ די ווילדע מענטשנפרעסער, אונ ער איז איבער זיי דער מעלעכ, וואָס קאָנ זיי טרײַבנ וווהינ ער וויל אונ קאָנ טאָנ מיט זיי וואָס ער וויל, וואָרעמ זיי זײַנענ דאָכ זײַנע אונטערטעניקע... עס איז גענוג געווענ א שטיקל גלאָז טאָמער האָט ער געפונענ, זאָל עס ווערנ בא אימ פארוואנדלט אינ א טײַערנ וווּנדערשטיינ, א מינ „קאדקויד“... א שטיינדעלע, א פראָסט, פונ דער ערד אופגעהויבנ — קאָנ עס זײַנ עפשער דאָס שטיינדעלע „יאָשפע“ — ווער ווייסט? פוילט ער זיכ ניט, נעמט אונ טוט דאָס א רײַב, אז קיינער זעט ניט, אינ דער רעכטער לאצ אונ א זאָג, ווי שמוליק זאָגט: „ס'זאָל מיר ארויסגיינ אונ ארויסגיינ“...

מער פונ אלצ אָבער האָבנ זיכ אײַנגעוואָרצלט אינ אימ שמוליקס מײַסעס וועגנ „אויצרעס“. ער איז געווענ מער ווי זיכער, אז ניט הײַנט איז מאָרגנ, נאָר אנ אויצער מוז זיכ אימ אנטפלעקנ. דאָס גאנצע גאָלד וועט ער, געוויינלעכ, אוועקגעבנ דעמ טאטנ מיט דער מאמענ. דער טאטע וועט שוינ ניט דארפנ זײַנ אזוי פארזאָרגט אונ פארטראָגנ אינ די געשעפטנ. די מאמע וועט פארשפאָרנ פירנ גאנצע טעג אינ קלייט. מיט דעמ קויעכ פונעמ שטיינ „יאָשפע“ וועט ער זיי אויסבויענ א פאלאצ פונ קרישטאָל, ארומגערינגלט מיט א גאָרטנ פונ

1 אינדזל.

סאמע זאפרונ. און אינמיטנ גאָרטנ וועט זיכ געפינענ א ברונעמ פונ קוועקזילבער. א פלעג-הונט וועט היטנ דעמ ארײַנגאנג, און פּיפּערנאָטערס, שרעטעלעכ מיט ווילדע קעצ וועלנ זיכ דראפּענ אפ די ביימער. און ער, דער פרינצ אלײנ, וועט אויסטײלנ פונ זײַנ ברייטער האנט די וואָראָנקאָווער אָרעמעלײַט נעדאָוועס, גרויסע נעדאָוועס און קלײנע נעדאָוועס, איטלעכנ אזא נעדאָווע, ווי ער פארדינט.

עס איז געווענ שווער זיכ פאָרצושטעלנ, אז די צוויי געליבטע כאווײרימ, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס און שמוליק דער יאָסעמ, זאָלנ ווענ אמאָל זיכ דארפנ צעשײדנ אפ אײביק און אײביק. ערשטנס, גלאט לעמײַ זאָלנ זיכ כאווײרימ שײדנ? און אויסער דעמ, האָבנ זײ זיכ געשוואָרנ בײדע בא גאָט און איבערגעשלאָגנ מיט א ציצע [1], אז אײנער אָנ דעמ צווײטנ זאָל ניט אוועקפאָרנ קײנמאָל ניט אינערגעצ ניט, און אז וואָס ס'זאָל זיכ מיט זײ ניט טרעפנ און ווו זײ זאָלנ ניט מעגולגל ווערנ, זאָלנ זײ טאָמיד זײַנ אײנ נעפעש, אײנ נעשאָמע. דאָס איז געווענ א ליבשאפט, ווי צווישנ דאָוויד מיט יעהוינאָסאָנ. גײט ריכט זיכ אפ אזא מײַסע, אז דער ראָוו, וואָס איז טאקע געווענ אפילע א ייד א זאָקנ, איכ האָב מוירע, אויב ניט א בענ-שיווימ [2], וועט נעמענ און וועט זיכ פלוצעמ אינמיטנדערינענ אוועקלײגנ גאָר און וועט מאכנ א שטארב, און דער יאָסעמ שמוליק וועט אוועקפאָרנ מיט דעמ ראָווס אלמאָנע ערגעצ אינ א קלײנ שטעטל, ווײס איכ וווהינ, ערגעצ אינ כערסאָנער גובערניע, און אז שמוליק זאָל פארשווינדנ ווערנ, גלײַב ווי ס'איז גאָר קײנמאָל קײנ שמוליק אפ דער וועלט ניט געווענ!

מאָלט אײַכ, ניט אזוי גיכ טוט זיכ עס. ווי עס רעדט זיכ. ניט אזוי גרינג לײגט זיכ אוועק א ראָוו און שטארבט אוועק. דער ראָוו, וואָס איז געווענ טאָמיד א „כאָלעש", א קראנקער מענטש פונ פאסטנ טאָנײסימ און פונ גלאט ניט עסנ, האָט זיכ אפ דער עלטער אוועקגעלײגט אינ בעט, אָפּגעלעגנ א געלײמטער העכער א יאָר, אָנ עסנ, אָנ טרינקענ, און נאָר געלערנט און נאָר געדאווונט, און געראנגלט זיכ מיטנ מאלכאמאָוועס. שמוליק האָט דערצײלט פאר זײַנ כאווער און געשוואָרנ מיט קאָל האשוועס, אז אלע פארנאכט, בײנ מינכע לעמײַרעוו [3], פליט ארײַנ דורכ א שפארונקעלע פונ א פענצטער דער

1 א מינהעג, געווענ אָנגעווענדט צווישנ רעליגיעזע קינדער, אפ צו באשטעטיקנ, אז דאָס, וואָס עס איז אָפּגערעדט, זאָל מענ אומבאדינגט אויספילנ.

2 זיבעציק יאָר אלט.

3 צווישנ פארנאכטיקנ און אפדערנאכטיקנ דאווונענ.

„באלדאָווער“, שטעלט זיך אוועק באם ראָוו צוקאָפּנס און וואַרט, טאָמער וועט ער אופהערן „זאָגן“, וועט ער אים מאכן „כיק“... איז אָבער דער ראָוו קליגער פון אים: ער הערט ניט אוף צו „זאָגן“ אפילע אף א רעגע קעמעמרע[1]; אָדער ער לערנט, אָדער ער דאַוונט.

— וויאַזוי זעט ער אויס?

— ווער?

— דער „באלדאָווער“.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— דו זאָגסט, אז ער קומט, האָסטו מיסטאָמע אים געזען.

— נארעלע! ווער עס זעט דעם „באלדאָווער“, דער קאָן ניט לעבן מער. הײַנט וויאַזוי האָב איך אים געקאָנט זען?

— פונוואַנען זשע ווייסטו, אז ער קומט?

— ניין! וואָס דען וועט ער טאָן? ער וועט וואַרטן אף קאָווער?..

און אז דער ראָוו איז געשטאָרבן, איז פאר די צוויי כאַווײרים געוועזן א יאָמטעוו. דער ראָוו האָט געהאט אזא שיינע לעוויַע, ווי עס קאָן זיך פארגינען צו האָבן נאָר א ראָוו אין א קליין שטעטל. די קלייטן האָט מען געשלאָסן און די כאַדאָרים האָט מען צעלאָזט, און די גאנצע „שטאָט“ איז אים געגאנגען באגלייטן.

אף צוריקוועגס זײַנען די פארליבטע כאַווײרים, „דאָוויד ווער-הוינאָסאָן“, געווען די לעצטע שעבעלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאר די הענט און מע איז געגאנגען פּאַוואָליע, ביכדיי מע זאָל זיך קאָנען גוט אָנריידן. און ריידן איז געווען פון וואָס. פונעם ראָווס טויט און פון זײַן קומען אף יענער וועלט, וויאַזוי מע וועט אים דאָרטן באַגעגענען באַ די טויערן פון גאַנײדן, און וויאַזוי מע וועט אים אופנעמען, און ווער וועלן זײַן די, וואָס וועלן אים מעקאַבל-פּאָנעם זײַן.

אלצדינג האָט שמוליק געוווּסט, אפילע וואָס ד אָ ר ט ן טוט זיך. און פון אלצדינג האָט ער גערעדט אזוי, גלײַך ווי ער וואָלט געווען דערבײַ. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז דער ראָוו איז גאָר ניט געשטאָרבן. ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגן אין אן אנדער וועלט, אין א בעסערער וועלט, וווּ מע האָט געוואַרט אף אים מיטן ליוויאָסן

---

1 געמיינט: איין מאָמענט.

און מיטן שאָר-האבאָר און מיטן יאַיִנ-האמעשומער [1] און מיט אלע גוטע זאכנ פונ גאַניידנ. אָ, דאָרט וועט ער ערשט אָנהייבנ צו וויסנ פונ אַ לעבנ, א נײַ לעבנ, א גליקלעכ לעבנ, אינ א פראכטפולנ גאַניידנ, אינאיינעם מיט אזעלכע מאגנאטנ, ווי אווראָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו, און יויסעפ-האצאדיק, און מוישע מיט ארענענ, און דאָוויד-האמעלעכ, און שלוימע-האמעלעכ, און עליִיאָהו-האנאָווי, און דער ראמבאמ, און דער באַלשעמטאָוו, און דער ריזשינער — ווי לעבעדיקע האָט זיי שמוליק אָפגעמאָלט, און ווי לעבעדיקע זײַנענ זיי געשטאנענ פאר די אויגנ, יעדער מיט זײַנ געשטאלט און מיט זײַנ פּאָנעמ און מיט זײַנ אויסזעג: אווראָמ-אָווינו — א זאָקנ מיט א ווײַסער באָרד, ייִצכאָק — א לאנגער און א דארער, יאנקעוו-אָווינו — א קראנקער און א סוטולעוואטער, יויסעפ — א „קראסאוועצ”, מוישע-ראבײנו — א נידעריקער ווּקס, נאָר א ברייטער שטערנ, ארנ-האקויהענ — דאפקע א הויכער מיט א לאנגנ יאמשאָוונ שטעקנ, דאָוויד-האמעלעכ — מיט א פידל, שלוימע-האמעלעכ — מיט א גאָלדענער קרוינ, עליִיאָהו-האנאָווי — אנ אָרעמ ייִדל, דער ראמבאמ — אנ אויסגעפוצטער מיט א קײַלעכיקער באָרד, דער באַלשעמטאָוו — א פּראָסטער ייִד מיט א פּראָסטנ שטעקנ, דער ריזשינער — א שיינער ייִד אינ א זײַדענער זשופּעצע...

עס האָט אזש אָנגענומענ א כיישעק צו זענ זיכ מיט די דאָזיקע אלע לײַט; עס האָט זיכ פּאָשעט געגלוסט זײַנ מיט זיי דאָרטנ אינ גאנײדנ, פארזוכנ כאָטש א שטיקל פונעמ ליוויאָסנ מיטנ שאָר-האבאָר, כאָטש א טראָפּנ פונעמ יאַיִנ-האמעשומער. עס איז געווענ בעעמעס מעקאנע צו זײַנ דעמ ראָוו, ווי ער לעבט דאָס איצט דאָרטנ א גוטנ טאָג, גאָר פארגעסנ, אז מע האָט אימ נאָרוואָס אראָפּגעלאָזט אינ אנ ענגנ פינצטערנ קייווער, און אז מע האָט אימ פארשאָטנ מיט קלעפּיקער שווארצער ערד און צוגעקלאפּט מיט הילצערנע לאָפּעטעס, און אז שמוליק אליינ טאקע האָט געזאָגט נאָכ אימ קאדעש. וואָרעמ דער ראָוו איז געשטאָרבנ אָנ קינדער — ניט פאר אײַכ געדאכט, ניט פאר קיינ שומ ייִדנ געדאכט.

1 לעגענדארישער וויין, פונ וועלכנ עס וועלנ, לויט די ייִדישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ, געניסנ די צאדיקימ אינ גאניידנ.

7

שמוליק ווערט פארשווונדנ

דאָוויד מיט יעהויִנאָסאָנ צעשיידנ זיכ אפ אייביק. — דער סאָד פונעמ אויִצער. — פארלוירנ א כאווער.

די גאנצע וואָכ, וואָס די רעבעצנ איז געזעסנ שיווע נאָכנ ראָוו, האָט שמוליק דער יאָסעמ ארומגעבלאָנקעט אײנער אלײנ איבער דער שטאָט, ווי אנ עמעסער יאָסעמ, וואָס איז נאָכ מער פאריאָסעמט געוואָרנ. זײַנ גאנצער ארויסקוק איז געווענ אפ דעמ פארנאכט, ווענ מע צעלאָזט די קינדער פונ די כאדאָרימ — דעמלט וועט ער זיכ קאָנענ זענ מיט זײַנ כאווער, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, וואָס איז צו אימ נאָכ מער צוגעבונדנ געוואָרנ זינט דער ראָוו איז געשטאָרבנ. עס האָט זיכ געפילט אינסטינקטיוו, אז די צוויי געליבטע כאווײרימ, „דאָוויד וועיִעהויִנאָסאָנ”, באדארפנ זיכ באלד צעשיידנ. וויאַזוי דאָס וועט געשענ — האָבנ זיי נאָכ אלײנ ניט געוווּסט אונ ניט געוואָלט וויסנ. זיי האָבנ דעריבער אויסגענוצט יעדנ פארנאכט אפ צו פארברענגענ אײנײנעמ, זײַנ וואָס נעענטער אײנס נעבנ דאָס אנדערע.

א גליק, וואָס ס'איז זומער, אונ זומער לערנט מענ ניט באנאכט אינ כײדער. קאָנ מענ דעריבער זיכ פארקלײַבנ אינצווײיענ בא נאָכעמ וועוויקס אינ גאָרטנ, אונ דאָרטנ, אונטער א בארנבוימ, אָפּזיצנ א שאָ אונ צוויי אונ דרײַ אונ שמועסנ; אָדער אז ניט, קאָנ מענ זיכ דורכגײנ פונ דער שטאָט ארויס, העט-ווײַט אפ יענער זײַט מילנ, אבי שקאָצימ זאָלנ נאָר ניט באפאלנ אונ ניט אָנרײצנ די הינט אפ די „פארשאָלטענע זשידיוהעס”.

דאָרט, פונ יענער זײַט מילנ, האָבנ די צוויי כאווײרימ, שמוליק דער יאָסעמ אונ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, געקאָנט זיכ אָנרײדנ וויפל זײיער הארצ גלוסט. אונ רײדנ איז געווענ פונ וואָס. אײנ זאכ האָט זיי אינטערעסירט בײדנ: וואָס וועט זײַנ ווײַטער? וואָס וועט זײַנ, טאָמער פאָרט שמוליק אוועק? וואָרעמ געהערט האָט שמוליק זאָגנ, אז די רעבעצנ קלײַבט זיכ ערגעצ ווײַט, אינ כערסאָנער גובערניע. זי האָט דאָרט א שוועסטער, שרײַבט איר די שוועסטער, זי זאָל קומענ צו פאָרנ. איז וויבאלד די רעבעצנ פאָרט — פאָרט שמוליק אויכ. וואָס וועט ער דאָ טאָנ אײנער אלײנ? ער האָט דאָכ אפילע ניט ווו דעמ קאָפּ אָנצושפארנ!..

פארשטייט זיך, אז ער פאָרט ניט אפּ לאַנג, און יעדנפאלס — ניט אפּ שטענדיק. לאָז ער נאָר קומען אהין, אזוי זעצט ער זיך באלד לערנען „קאבאַלע”, און ווי נאָר ער דערגייט דעם „סאָד”, אזוי קומט ער צו פאָרן צוריק אהער, קיין וואָראָנקאָ, און נעמט זיך צו דער ארבעט — אופזוכן דעם אוצער. ער וועט פאסטן פערציק טא-נייסים, אָפּזאָגן אלע טאָג פערציק קאפּיטלעך טילים, און אפן אייג-און-פערציקסטן טאָג כאַפּט ער זיך ארויס בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט וויסן, ציילט אָפּ פערציק מאָל פערציק, שטייענדיק אפ איין פוס פער-ציק מינוט אפן זייגער...

— ווו האָסטו א זייגער?

— איצט האָב איך ניט, דעמלט וועל איך האָבן.

— ווו וועסטו נעמען?

— ווו איך וועל נעמען? איך וועל גאַנווענען! וואָס האָט דאָס צו דיר?

שאָלעם קוקט זײַן כאווער שמוליקן אין די אויגן ארײַן. ער האָט מוירע, טאָמער האָט ער אים אָנגערירט מיט א וואָרט, און ער וועט כאָלילע ווערן בארויגעז. שמוליק איז אָבער ניט אזא כאווער, וואָס מיט איין וואָרט זאָל מען פארלירן בא אים אינגאנצן. און שמוליק הערט ניט אוף צו דערציילן מײַסעס, וואָס עס וועט זײַן אמאָל, אמאָל, אז ביידע כאוויירים וועלן אויסוואקסן און ווערן גרוי-סע, וואָס זיי וועלן אופטאָן אין דער דאָזיקער שטאָט, און ווי גליק-לעך זיי וועלן מאכן די וואָראָנקאָווער יידן. און עס גיסט זיך בא אים, ווי ריינער בוימל. און עס ציט זיך בא אים, ווי גוטער האָניק. און עס ווילט זיך גאָר ניט אוועקגיין אין דער וואָרעמער, זומערדיקער, פארקישעפטער נאכט. נאָר מע מוז, מע מוז גיין אהיים שלאָפן — אניט, קאָן מען כאפּן א מײעסן פּסאק!.. און מע געזעגנט זיך אָפּ: „ביז מאָרגן, ביז מאָרגן!”

. . . .

עס איז אוועקגעגאנגען א מאָרגן און נאָך א מאָרגן, און נאָך א מאָרגן — ניטאָ שמוליק! ווו איז ער? — ער איז אוועקגעפאָרן. אופ-געהויבן זיך איינעם מיט דעם ראָווס אלמאָנע און אוועקגעפאָרן אין כערסאָנער גובערניע. ווען? וויאזוי? אפילע ניט געזעגנט זיך?!..

א פארלאָרענער, א צערודערטער איז געבליבן זײַן כאווער שאָ-לעם איינער אליין, עלנט ווי א שטיין. אוועקגעפאָרן זײַן בעסטער,

זײַנ ליבסטער אונ זײַנ טײַערסטער. אוועקגעפאָרנ! פינצטער געוואָרנ די גאנצע וועלט: וואָס מיר וועלט, אז ס'איז ניטאָ שמוליק! וויסט געוואָרנ דאָס גאנצע לעבנ: וואָס מיר לעבנ, אז ס'איז ניטאָ שמוליק! אונ דער איבערגעבליבענער עלנטער כאווער האָט דערפּילט א מאָדנע ענגשאפט אינ האלדז, אונ אינ נאָז האָט אים אָנגעהויבנ צו קיצלענ אונ אינ הארצנ צו שטיקנ. האָט ער זיכ פארקליבנ ווײַט-ווײַט אינ א ווינקעלע אונ לאנג-לאנג געווײנט.

ווי מײנט איר: לעבט ער נאָכ ערגעצ, אָט דער ציקאווער שמוליק מיט די פארכאָלעמטע אויגנ אונ מיט זײַנ שײנ, כײנעוודיק לאָשנ, וואָס גיסט זיכ ווי רײנער בוימל אונ ציט זיכ ווי גוטער האָניק? ווו איז ער, אונ וואָס איז ער, לעמאָשל, אצינד — א מאגיד? א ראָוו? א מעלאמעד? א סויכער? א קרעמער? א מעקלער? אָדער גאָר אנ אָרעמאנ, אנ אָני-וועוויענ[1]? אָדער עפשער האָט עס אים פארטראָגנ אינעם גאָלדענעם לאנד, אינ אמעריקע, אונ ער „מאכט א לעבנ"?.. אָדער עפשער ליגט ער שוינ דאָרטנ, ווו מיר וועלנ אלע ליגנ איבער הונדערט יאָר אונ די ווערעם וועלנ פונ אונדז האנאָע האָבנ?..

ווער עס ווייסט עפעס, ווער עס האָט געהערט פונ אים, — זאָל זיכ אָפרופנ.

8

מײער מעדוועדעווקער

א נײַער כאווער, וואָס קאָנ זינגענ. — כײדער-ייִנגלעכ קונדײסים מאכנ טעאטער-שפּיל. — פונ א באָרוועסנ יונג א קונדעס וואקסט אויס א בארימטער ארטיסט.

לאנג זאָרגנ זיכ אונ באקלאָגנ דעם פארלוירענעם שמוליקנ האָט זײַנ געטרײַער כאווער ניט באדארפט. גאָט האָט אים מעמאלע געווענ[2] אונ גיכ צוגעשיקט א נײַעם כאוו[ע]ר.

אזוי איז דאָס געווענ: ווײבאלד דער אלטער ראָוו איז געשטאָרבנ, איז דאָכ דאָס שטעטל געבליבנ אָנ א ראָוו, אלקײנ האָט נאָכעם וועוויקס אוועקגעוואָרפנ אלע געשעפטנ אונ איז אוועקגעפאָרנ אינ א צווייטנ

1 א גרויסער אָרעמאנ.

2 דאָ געמײנט: פארפילט דעם בלויז.

שטעטל, קיין ראקיטנע, ווו עס האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער וועלט א ראָוו, א שעמדאָווער [1], מיטן נאָמען כאַיִם מעדוועדעוו-קער. אָט דעם ראָוו האָט דאָס נאָכעם וועוויקס אראָפּגעבראכט קיין וואָראָנקאָ, און דאָס שטעטל האָט זיך מיט אים מעסאמייעכ געווען, וואָרעם כוץ וואָס ער איז געווען א גרויסער לאמדן און א יעריי-שאָמאַיִם [2] און א יעדייע-נאגן [3], איז ער נאָך געווען דערצו א גרוי-סער אָרעמאנ אויך, האָט ער שוין אין איינוועגס צוגעקנעלט מיט די באלעבאטישע קינדער (פון דער עלטערער קיטע [4]).

פונדעסטוועגן האָט מען כאָלילע דעם מעלאמעד רעב זאָרעכלען אינגאנצן ניט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מען דאָס און מע קוילעט אָפּ א ייִדן גלאט אזוי פון פּארנאָסע? איז רעב זאָרעכל פארבליבן מעלא-מעד אף טאנאך און אף שרײַבן (ייִדיש און רוסיש, און דײַטש, און פראנצויזיש, און לאטײַן, וועלכע ניט די קינדער, ניט דער רעבע האָבן פארשטאנען מיט וואָס מע עסט דאָס), און געמאָרע האָט מען געלערנט באם נײַעם ראָוו. און כאָטש שאָלעם נאָכעמ וועוויקס איז געווען טאקע נאָך אלץ א שייגעץ און ניט געוואָלט וואקסן אין דער הייך, נאָר פונדעסטוועגן האָט מען אים ארײַנגענומען אין דער גרוי-סער קיטע, וואָרעם אז דער נײַער ראָוו האָט אים פארהערט א פּאר-שע כומעש [5] מיט ראשע [6], האָט ער אים דערלאנגט א קניפּ אין בעקל: „א רעכטער שקאָץ!" — און דעם פּאָטער האָט ער געגעבן א זאָג, אז ס'איז אן אוויירע פאר גאָט איבערלאָזן אזא שקאָץ אף טרוקענעם טאנאך; מע באדארף אים א נעמ טאָג צו דער געמאָרע. „נישקאָשע, ס'וועט אים גאָר ניט שאטן".

פארשטייט מען, אז דער פּאָטער איז געווען מאָלע גדולע, און דער „שקאָץ" אליין איז ניט געווען אזוי צופרידן מיט דער געמאָרע, איז ער אָבער דערפאר געווען בא זיך גאָדלדיק, וואָס ער זיצט אי-נײַנעם מיט די גרויסע, און געבלאָזן פון זיך, פארריסן די נאָז — א קלייניקײַט!

אראָפּגעקומענ איז רעב כאַיִם דער ראָוו פון ראקיטנע ניט אליין,

---

1 א בארימטער.

2 גאָטספאָרכטיקער.

3 וואָס קען זיבגעג.

4 א גרופּע.

5 קאפּיטל פון דעם ערשטן טייל ביבל (טוירע, כומעש).

6 דאָ: דער קאָמענטאר אף דער ביבל.

נאָר מיט צוויי זין: איינער א באַלעבעסל שוין, מיט א קנאָפּ אין גאָרגל, מיטן נאָמען אווּרעמל, וואָס האָט געהאַט א קאָל-נעגינע און געקאָנט שיין דאַווענען פאַרן אָמעד, און דער אַנדערער, מייערל, האָט נאָר געהאַט א שיין קאָל אָפּ צו זינגען און אויך א קנעפּל אין גאָרגל, נאָר צום לערנען האָט ער געהאַט א שטיין-האַלץ, ניט קיין קאָפּ. און ניט אַזוי נאָך א גראָבער קאָפּ, ווי א גרויסער שייגעץ, און מיט אים איז דאָס שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס געוואָרן אינגיכן כאַוועך. א ראַקיטנער ייִנגל און דעמ ראָווס א זון — מיט דער האַנט קאָן מען אים ניט אַוועקמאַכן. דערצו האָט דער מייערל געהאַט א מײַלע: ער האָט געזונגען לידלעך, און נאָך וואָסערע לידלעך! האָט ער אָבער צו דער מײַלע געהאַט א כיסאָרן — א טעווע פון אַן עמעסן אַרטיסט: ער האָט פֿײַנט געהאַט זינגען גלאַט אַזוי אומזיסט. איר ווילט הערן זינגען — באַצאָלט, זײַט מויכל! א גראָשן א לידל. און אַז ס׳איז ניטאָ קיין געלט, איז אַן עפּל אויך גוט. פֿאַר נויט — א האַלבער עפּל, א פּאָר פלאָמען, א שטיקל צוקערקע — קיין אומזיסט איז ניטאָ! דערפֿאַר האָט ער אָבער געזונגען אַזעלכע לידלעך, מיט אַזא זיס קאָל און מיט אַזא געפֿיל, אַז א קאַפּאָרע, כ׳לעבן, אַלע הײַנטיקע סאָבינאָווס, קאַרו-זאָס, שאַליאַפּינס, סיראָטאַס און די אַלע איבעריקע מענאַגנים[1] פון דער וועלט!

„גיי איך אַרויס אָפּ דער ווילנער גאַס,
הער איך א קאָל מיט א גרויס געשריי:
אוי-וויי! —
מע וויינט אַזוי...״

אַלע ייִנגלעך האָרכן, גאַפן, גייען אויס פון זיסקייט, און ער — גאָרניט! יאָסעלע סאָלאָוויי! הײַנט זײַנע שטיקלעך פון דאַווענען! אַמאָל, אַז דער רעבע, טאַקע זײַן פֿאָטער, דער ראָוו, רעב כאַיִם הייסט עס, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אָפּ א רעגעלע אין דרויסן, האָט זיך מייער אַוועקגע-שטעלט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, דעמ טישטעך אָנגעטאָן פֿאַר א טאַלעס, זיך געגנומען באַם גאָרגל מײַסע-כאַזן און אַרויסגעלאָזט א געשריי פון די סליכעס: „איל מעלעך יוישייוו״ — גיך-גיך, און אויסגעלאָזט אָפּ א קאָל: „וואַיִקראָ-אָ בע-שיי-מ!״ — קומט אָן דער רעבע:

— וואָס איז דאָס? כאַזאָנישע שטיק ווילסטו פּראָווען? אַנו, מע-שומעד, לייג דיך נאָר אַוועקעט אַפן בענקעלע אָט אַזוי...

---

1 זינגער.

און עס הייבט זיך אָן אַן עקזעקוציע.

ניט נאָר אין נעגינע אליין האָט זיך אויסגעצייכנט מייערל מעד-ווערוועקער. ער האָט געהאַט נאָך א כאַלאַס: שפּילן, פאַרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: „מעכיראַס-יויסעף", „יעציִאַס-מיצראַיִם", „עסער-מאַקעס", „מוישע-ראַביינו מיט די לוכעס", און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנ-שטעלן.

לעמאָשל, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א גאַזלען, מיט א גרויסן שטעקן אין האַנט און מיט דער רעבעצנס קאָלאָדאַטש-מעסער[1], אַריַינגעשטעקט אין דעם רעבנס גאַרטל, און דאַפּקע באָרוועס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזן, און אויגן, ריבוינע דעאָלמע קולע[2], טאַקע ווי בא א גאַזלען! שאָלעם נאָכעם וועוויקס איז געווען דער ייִד, דער עוויען. מיט א גראָבן שטעקן אין האַנט, מיט א קישעלע פאַר א האָרב, איבערגעקערט דאָס היטל אַף דער לינקער זיַיט, גייט ער נעבעך בעטן א נעדאָווע. פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זיַינען די ייִנגלעך. און שאָלעם נאָכעם וועוויקס דער עוויען גייט צווישן דיביימער, אָנגעשפּאַרט אַף זיַין גראָבן שטעקן, זוכט א וועג און באַגעגנט זיך מיט — מייער דעם גאַזלען! כאַפּט אַרויס דער גאַזלען דאָס מעסער פון גאַרטל און זינגט צו אים א ליד, און דאַפּקע אַף רוסיש, און לאָזט אויס:

„דאַוויַי דיע-ע-ענגי,
דאַוויַי דיע-ע-נגי!"

בעט זיך בא אים נעבעך דער אָרעמאַן, שאָלעם, מיט טרערן, ער זאָל זיך דערבאַרעמען, אויב ניט אַף אים, איז אַף זיַין וויַיב און קינדער. זי וועט בליַיבן אַן אַלמאָנע, און די קינדער יעסוימים. כאַפּט אים דער גאַזלען, מייער, פאַרן גאָרגל און טוט אים א וואָרף אין דער ערד אַריַין — קומט אָן דער רעבע, און עס הייבט זיך אָן א כאַסענע:

— מיילע דער (ער באַוויַיזט אַף זיַין אייגענעם זון) איז א שיי-געץ, א מעשומעד, א מומער-לעהאַכיס[3]. אָבער דו, נאָכעם וועוויקס ייִנגל, ווי קומסטו זיך גליַיכן צו אים, צו אָט דעם מעשומעד?

1 א קיכמעסער.
2 האַר פון דער גאַנצער וועלט; געמיינט: גאָט.
3 דאָ געמיינט: אַן אויסוואורף (בוכשטעבלעך — אַזאַ, וואָס שמאַדט זיך פון צו־לאָכעס וועגן).

דער רעבע, רעב כאַיִמ דער ראָװ, איז, אַפּאָנעמ, געװענ א שטיקל נאָװי: אינ א סאַכ יאָרנ ארומ האָט זײַנ מײער מעדװעדעװקער, װאָס איז געװאָרנ נאָכדעמ דער באַרימטער ארטיסט מעדװעדיעװ, גע-נומענ אונ האָט טאַקע, װי עס רעדט זיכ, אױסגעביטנ דאָס רענדל[1]... כאָטש דאָס מוז מענ צוגעבנ, אז די מיצװע פונ קיבעד-אָװ[2] האָט ער מעקײַעמ געװענ, װי דער בעסטער ייִד אונ אפּנ שענסטנ ארט: ער האָט געקױפט פאַר זײַנ אלטנ, אָרעמענ טאַטנ אַנ אײגענע דירע אינ ראַקיטנע, האָט אימ „אָפּגעשאָטנ מיט גאָלד", געקומענ צו אימ אלע זומער צוגאַסט, געבראַכט מאַטאָנעס פאַר דער גאַנצער מישפּאָכע, אונ רעב כאַיִמ דער ראָװ, װאָס האָט ניט געװוסט, װאָס פאַר א שפּיצל זײַנ זונ האָט אימ אָפּגעטאָנ, ביכדיי ער זאָל זיכ קאָנענ אָנ-רופנ „ארטיסט אימפּעראַטאָרסקיכ טעאַטראָװ", האָט געהאַט א גליק-לעכע עלטער... נאָר מיר קערנ זיכ אומ צוריק צו זײַנ קינדהײַט, בײַס מײערל מעדװעדעװקער האָט גאָר ניט געװוסט, אונ אפילע ניט געכאָלעמט, אז ער װעט אמאָל הײסנ מיכאַיִל יעפימאָװיטש מעד-װעדיעװ אונ װעט מאַריש-אױלעמ זײַנ[3] אונ איבערקערנ װעלטנ.

9

פאַרלאָרנ נאָכ א כאַװער

מע טרײסלט באַרלעכ אונ מע כאַפּט שמיצ. — מע לערנט זיכ גאַנװענענ. — טישעבאָװ[4] באַמ גאַלעכ אינ גאָרטנ. — די עקזעקוציע.

עס איז קײנ כידעש ניט, װאָס די צװײ כעװרעלײַט, מײער מעד-װעדעװקער אונ שאָלעמ נאָכעמ װעװיקס. האָבנ זיכ צוגעבונדנ אײנס צומ אנדערנ אונ געװאָרנ נעפעש אכאַס[5]. עפּעס האָט זיכ געפונענ א מעכוטענעשאַפט צװישנ זײערע נעשאָמעס אונ א מינ פּאָרגעפיל, אז עפּעס װעט פונ זײ אמאָל אױסװאַקסנ. אונ זײער פּאָרגעפיל האָט זײ

---

1 געמײנט: זיכ געטױפט, געשמאַדט.

2 דער כױװ פונ אכטנ עלטערנ.

3 געמײנט: װעט זײַנ שטאַרק באַרימט.

4 דער נײַנטער טאָג פונ כױדעש אָװ (אנ ערעכ סאָפּ יול — אָנהײב אװגוסט), לױט דער לעגענדע איז אינ דעמ דאָזיקנ טאָג כאָרעװ געװאָרנ דער בײס-האַמיקדעש (דער טעמפּל אינ יערושאָלאַיִמ). טישעבאָװ איז א טרױער-טאָג בײַ רעליגיעזע ייִדנ.

5 געװאָרנ אײנס, אײנ נעשאָמע.

ניט אײנגאנצנ אָפּגענארט: אינ א יאָר צוואנציק ארומ, אז די צוויי האָבנ זיכ באגעגנט (דאָס איז געווענ אינ בעלאָצערקאָוו, קיִעווער גוּבערניע, ווי מיר וועלנ דאָס ווײַטער זענ), איז אײנער געווענ שוינ א בארימטער ארטיסט מעדוועדיעוו, אונ דער אנדערער האָט שוינ געשריבנ פּעליעטאָנענ אינעמ „ייִדישנ פאָלקסבלאט" אונטערנ נאָמענ שאָלעמ-אַלייכעמ.

נאָר מיר קערנ זיכ אומ ווידעראמאָל צו זײער קינדהײַט, ווענ אײנער האָט נאָכ געהייסנ מײערל מעדוועדעווקער, אונ דער אנדערער — שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, אונ זיי האָבנ נאָכ שפּאצירט איבער וואָראָנקאָווער גאסנ באָרוועס גלײַכ מיט אלע באלעבאטישע ייִנגלעכ. אונ מע מוז זאָגנ דעמ ריינעמ עמעס, אז ביידע כאווײרימ האָבנ ניט אזוי שטארק כיישעק געהאט צו דער טוירע, וואָס דער ראָוו רעב כאיִמ מעדוועדעווקער וועט אינ זיי ארײַנזעצנ, אונ צו זײַנ ייִראס-שאָמאיִמ [1], וואָס ער וועט אינ זיי אײַנפלאנצנ. זיי האָבנ בעסער כיישעק געהאט צו אנדערע זאכנ. לעמאָשל, גרינע אגרעכנ רײַסנ פונ א בוימ, אָדער טרייסלענ בארלעכ אָדער פלאָמענ, עס מעג זיכ זײַנ אפילע פונ אנ אייגענעמ גאָרטנ, איז א סאכ מער פארגעניגנ, ווי שמאכטנ איבער דער געמאָרע, אָדער דאווענענ מיט קאוואָנע [2], ווי דער ראָוו רעב כאיִמ האָט געפאָדערט פונ זײַנע טאלמידימ, אָדער זאָגנ א קאפּיטל טילימ.

— די געמאָרע איז ניט קיינ ציג, זי וועט ניט אנטלויפנ, דאוונענ וועט גאָט מויכל זײַנ, אונ טילימ לאָזנ זאָגנ אלטע ייִדנ!..

אזוי האָט אײַנגעטײַנעט מײער מעדוועדעווקער ביט זײַנ כאווער שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס אונ האָט אימ בעסיזר געלערנט, וויִאזוי מע קלעטערט ארופ אינ איינ שמא-ייִסראָעל [3] אפנ העכסטנ בוימ, אָדער וויִאזוי מע שפּרינגט אונטער אונ מע פארטשעפּעט א צווײַג פונ א קארשנבוימ, קריכנ די קארשנ דעמלט אליינ אינ מויל ארײַנ. אײַ, עס ווערנ נאָכדעמ שווארצ די ליפּנ, אונ נאָכ די שפּיצ פינגער דערקענט מענ, אז מע האָט געריסנ קארשנ? וואָס קאָנ דאָ זײַנ? „וועט מענ זאָפּשמײַסנ — א טײַערע מעצאָצע!"...

דאָס שמײַסנ אינ כיידער איז געווענ אזא געוויינלעכע זאכ, אז

1 גאָטספאָרכטיקײַט.

2 אָנווענדנ דעמ גאנצנ געדאנק בייסנ דאווענענ אפ די טפילעס.

3 געמיינט: אינ איינ מאָמענט.

די ביידער־יינגלעך האָבן ניט געפֿילט קיין שום ביזאָיען — פֿון קיין ווייטעק רעדט מען ניט! „וואָס איז דען אַזעלכעס, אַז מע באַקומט פֿונעם רעבן עטלעכע לאָקשן? ביז דער כאַכענע וועט זיך עס פֿאַרהיילן"... אַ ביזאָיען איז געווען נאָר פֿאַר יענעם, וואָס איז שוין געווען אַ כאָסן. אַז דאָס, האָט ער נאָר מוירע געהאַט פֿאַר איין זאַך: טאָמער ווערט געוויר די קאַלע, און ניט אַזוי די קאַלע, ווי דער קאַלעס כאַווערטאָרנס, — וועלן זיי איר אויסוואַרפֿן: „דער כאָסן מיטן געשמיסענעם דאָס"...

מייער איז נאָך ניט געווען קיין כאָסן און האָט דערפֿאַר קיין מוירע ניט געהאַט, האָט ער דעריבער געפֿירט זיין כאַוועד שאָלעם אַפֿן „דערעך־האיאָשער" [1], געלערנט אים פּאַרקנייטשן דאָס דאַווענען, טראָגן פֿון קלייט אונטער דער מאַמעס נאָז באָקסערן, מיט קאָנ־פֿעקטן, מיט גויִישע לעקעכלעך, מיט נאָך גוטע זאַכן — דאָס הייסט ניט כאָלילע געגאַנוועט, נאָר „געלאַקכנט", און דערפֿאַר שטראָפֿט מען ניט אַף יענער וועלט...

דאָס אַלצדינג וואָלט עפּשער אָפּגעלאָפֿן גלאַט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען טרעפֿן מיט מייערן אַן אומגליק: ער איז נעבעך אַריבער איבער אַ פּלויט, אַריין צום גאַלעך אין גאָרטן און אָנגעריסן אַ פֿולן בוזעם מיט באַרלעך. האָט דעם גאַלעכס טאָכטער דערזען דורכן פֿענצ־טער. איז דער גאַלעך אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ הונט און האָט אים גע־כאַפּט. האָט אים דער הונט צעריסן, איך בעט איבער אייער קאָוועד, די הויזן, און דער גאַלעך האָט אַראָפּגעריסן בא אים דאָס היטל און געלאָזט אים גיין, ווו די אויגן טראָגן.

וואָלט דאָס עפּשער אויך נאָך ניט געווען אַזאַ־נ־אומגליק, ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין טישעבאָוו! סטייטש, אַלע יידן גייען אַרום אין די זאָקן, קלאָגן און וויינען אַף כורבן־בייס־האַמיקדעש, און ער, רעב כאַימ דעם ראָווס זונדל, שפּאַצירט אַרום אָן אַ היטל און מיט צעריסענע הויזן!

די עקזעקוציע, וואָס דער יונג איז נעבעך אויסגעשטאַנען, לאָזט זיך ניט באַשרייבן בא היינטיקע צייטן פֿון דיינעם פּאַראַגרעס. און ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז, וואָס מע האָט שאָלעם נאָכעם וועוויקס געמוזט אָפּנעמען פֿון ביידער, און, קוקנדיק אַף נאָ־כעם וועוויקס, האָבן אַנדערע טאַטעס אויך אָפּגענומען זייערע קינ־

---

1 אַפֿן רעכטן וועג (דאָ — איראָניש).

דער. איז נעבעכ רעב כאים דער ראָוו געבליבנ אָנ א קעלונג. האָט אימ דאָס ראבאָנעס מיטנ כאזאָנעס געגעבנ ווינציק פארנאָגע. האָט ער זיכ געמוזט אריבערפעקלענ, מעכילע, צוריק קיינ ראקיטנע. איז דאָס שטעטל געבליבנ ווידער אָנ א ראָוו.

נאָר שרעקט זיכ ניט — דאָס איז געווענ ניט אפ לאנג. נאָכעמ וועוויקס האָט ארויפגעבראכט א נייעמ ראָוו, פונ באָרישפּאָליע, מיטנ נאָמענ שמועל-עליע, א יונגערמאנ, וואָס קענ אויכ אי גוט לערנענ אי שיינ זינגענ, אונ דערצו שפּילט ער אינ שאָכ, וואָס ס'איז גאָר א כריפּעס! איינ כיסאָרנ נאָר האָט אָט דער שמועל-עליע: ער איז א ביסל אנ אינטריגאנט אונ א כניפּעניק אונ האָט ליב ריידנ מיט יונגע ווייבלעכ, אז קיינער זעט ניט...

אונ אָט אזוי איז פארלוירנ געגאנגענ דער צווייטער כאוער פונ אונדזער העלד.

10

כאווער „סירקאָ“

א הונט א כאָכעמ אונ א באל־דערעכערעצ. — צאר־באלעכאימ. — א גילגל[1] פונ א מענטשנ. — א געטרייער כאווער.

איכ מיינ, אז נאָכנ נאָמענ אליינ איז ניט שווער צו שטויסנ זיכ, אז סירקאָ איז געווענ ניט קיינ מענטש, נאָר א הונט, א געוויינלעכער הונט מיט א גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסנ „סירקאָ“.

איכ זאָג: א הונט א געוויינלעכער — איכ מוז מיכ אָבער באלד פארענטפערנ, אז ניינ, ניט קיינ געוויינלעכער, ווי מיר וועלנ עס באלד געוויר ווערנ. פריער אָבער מוז מענ זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ דעמ הונטס ביאָגראפיע — פונוואנענ קומט צו א ייִדנ א הונט? איז אזא מייסע:

אז נאָכעמ וועוויקס איז ארויפגעקומענ פונ שטאָט אינ שטעטל ארייַנ אונ איבערגענומענ די „פּאָטשט“ מיטנ הויפ, מיטנ גאנצנ אינווענטאר, האָט זיכ אינ הויפ געפונענ דער הונט סירקאָ, נאָכ גאָר א

1 א באלכיי, אינ וועלכנ עס איז איבערגעגאנגענ די נעשאָמע פונ א מענטשנ; אנ אָבערגלויבונג, אז דעמ מענטשנס נעשאָמע גייט איבער נאָכנ טויט אינ אנדערע באשעפענישנ.

יונגער, נאָר שוין א פארשטאנדיקער, אַן עמעסער „באַרדאַס", אַף אזוי ווײַט, אז ער האָט געקענט די נײַע באַלעבאַטים — איז איינס; און דאָס צווייטע: פאר א ייִדן האָט ער געהאט דערעכערעץ, ניט זאָטשעפּעט, כאָלילע, ווי אנדערע הינט, וואָס האָבן א טעווע — ווי־באַלד זיי דערזעען פאר זיך א לאַנגע קאָפּאָטע, אהא, אזוי ווערן זיי מאָלע רעציכע...

פארשטייט זיך, אז מיט די נײַע באַלעבאַטים האָט סירקאָ ניט געהאט קיין שום מאַגע־אומאַכע[1], איז שטוב ניט אַרײַנגעשמעקט אפילע. מיסטאמע האָט מען אים לעכאַטכילע געגעבן אָנצוהערעניש מיט א שײַט־האָלץ איבערן קאָפּ, אז אין א ייִדישער שטוב זאָל א הונט ניט קריכן...

אין קיך אַרײַן האָט ער אויך ניט געהאט קיין דריסאַס־האַרעגעל[2]. „פרומע די מויד" מיטן בלינדן אויגל האָט אים „אָפּגעלאָנטשעט" דער־פון סאַכאַקל מיט אַן אָקרעפּ זודיק וואַסער, וואָס זי האָט איינמאָל אין אַן ערעוו־שאַבעס אויסגעגאָסן אַף אים מיטאַקיוון און אָפּגעקאָכט אים א שטיק פעל, און דאַפקע גאָר אין גוטן מוט, און נאָך גע־לאַכט אויך.

אַך, אָט די פרומע! א טאָטעריש האַרץ האָט געהאט אָט די מויד! ניט קיין הונט, ניט קיין קאַץ האָט זי ניט געקאָנט פארטראָגן. מיט טרערן אַף די אויגן האָט שאָלעם נאָכעם וועוויקס איינמאָל קוים אַרויסגעראַטעוועט פון אירע הענט די קאַץ, וואָס זי האָט צוגעבונדן צום פּיסל פון טיש און מיטן שטעקן פּונעם בעזעם אזוי אומבעראַכ־מאָנעסדיק געשלאָגן, אז די קוילעס פון דעם אומגליקלעכן באַשעפע־ניש זײַנען געגאַנגען אין הימל אַרײַן!

— פרומעניו, האַרצעניו, ליובעניו, וואָס טוכטו? א צאַר־באַלעכאַים! גאָט וועט שטראָפן! שלאָג מיך בעסער, שלאָג מיך, אבי ניט די קאַץ! — האָט זיך שאָלעם געבעטן און אונטערגעשטעלט דעם רוקן אָט דער דעספּאָטישער מויד, וואָס האָט זיך אַליין אַרומגעקוקט, אז שוין צו אַכזאָריעסדיק האָט זי זיך באַגאַנגען מיט דער קאַץ, און האָט זי אָפּגעגאָסן מיט א קוואָרט קאַלט וואַסער — קוים „אָטכאַיוטשעט" דאָס האַלב טויטע באַשעפעניש.

און דאָס אַלצדינג איז געווען, מיינט איר, איבער וואָס? איבער א

1 געמיינט: ניט געקומען אין קיין שום באַריר.
2 קיין אַרײַנטריט.

נאַרישקײַט: פרומע האָט זיכ אויסגעדאַכט, אַז די „נאַשערנ" (קיינ אַנדער נאָמענ האָט זי בא איר ניט געהאַט!) האָט שוינ עפּעס געכאַפּט, וואָרעמ זי האָט זי געטראָפנ באַלעקנ זיכ. „וואָס באַלעקט זיכ פּלוצעמ, אינמיטנדערינענ, אַ קאַצ?"... אַלעמענ אונ יעדנ אייגנציקנ האָט פרומע כּוישעד געווענ: וויבאַלד אַ קאַצ — איז זי מיסטאָמע אַ נאַשערנ, אַ הונט — אַ מאַזיק, אַ קינד — אַ כאַזער... אונ אַזוי אַלע, די גאַנצע וועלט! נאָר מיר קערנ זיכ אומ צוריק צומ הונט סירקאָ.

אַרויסגעטריבנ געוואָרנ אַזוי מיִעס סײַ פונ שטוב סײַ פונ קיכ, וואָלט אַנ אַנדער הונט אַפ זײַנ אָרט געוויס אָפּגעטראָטנ פונעמ דאָזיקנ הויפ: „לעבט אײַכ הונדערט אונ צוואַנציק יאָר!" ניינ, סירקאָ איז געווענ ניט אַזאַ מינ. ער זאָל וויסנ — דער טויט זאָל זײַנ, וועט ער פונ הויפ ניט אַוועק! דאָ איז ער געבאָרנ געוואָרנ, דאָ וועט ער פּייגערנ... אויבפּראַט, ער האָט געהאַט גוטע [illegible] פאַר זיכ: די קינדער פונ דעמ באַלעבאָס. ער האָט נויסע-כּיינ געווענ[2] אינ זייערע אויגנ, כאָטש פרומע האָט זיכ געפלײַסט אימ צו פאַרמיִעסנ. אַ סאַכ, אַ סאַכ הינט וואָלטנ זיכ ווינטשנ האָבנ אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט געהאַט. פונעמ שענסטנ אונ פונעמ בעסטנ האָבנ אימ כעוורע אַרויסגעטראָגנ אינ די קעשענעס, פאַרשטייט זיכ, בעסאָד-סוידעס, אַז קיינער זאָל ניט זענ אונ אַפילע ניט אָנשמויסנ זיכ, וואָרעמ ס'וואָלט געקאָנט זײַנ זייער מיִעס פאַר ביידע צדאָדימ. סירקאָ האָט שוינ געוווסט די צײַט פונ אָנבײַסנ, פונ וואַרעמעס אונ פונ וועטשערע, אונ האָט שוינ אַרויסגעקוקט מיט אַלע אויגנ, ווענ וועט מענ אימ שוינ אַרויסטראָגנ פונ אַלע גוטע זאַכנ. ער האָט שוינ געוווסט אַפילע, בא ווועמענ אינ וואָסער אַ קעשענע אָנצושמעקנ אונ האָט שוינ אַליינ געשטופּט די מאָרדע אַהינ — אַ הונט אַ כאָכעמ!

הײַנט די קונצנ, וואָס כעוורע האָבנ אימ אויסגעלערנט! אַנידערלייגנ אימ, לעמאָשל, אַפנ שפּיצ נאָז אַנ אָפּגעלעקט ביינדל, אָדער אַ שטיקל ברויט, אונ זאָגנ אימ: „ניע רוש!" (געוויינטלעכ רעדט מענ מיט אַ הונט אַפ גויִיש) — וועט ער אײַכ וואַרטנ מיט דערעכערעצ וויפל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערנ דאָס גוטע וואָרט: „האַמ!", דעמלט טוט ער אַ שפּרונג אונטער — אונ פאַרטיק.

1 פאַרטיידיקער.

2 ער איז געפעלנ געוואָרנ, ער האָט אויסגענומענ.

ווינטער באנאכט, ווען די קינדער גייען אין כיידער אריין, האָט זיך סירקאָ ניט געקאָנט דערוואַרטן אָפּ זיינע כאַווירים, און אַלעמאָל, אַרום זייגער נײַן, איז ער אויסגעוואַקסן אונטערן פענצטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפרוירענע טאַפּליעס — אַ סימען, אַז ס׳איז שוין צײַט צו פאַרמאַכן די ספאָרים און גיין אַהיים עסן וועטשערע. באַם רעבן איז סירקאָ געווען, לעהאַוודל, אַ זייגער. „ניט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז אַזאַ הונט איז אַ גילגל!" — און געלאָזט די קינדער פרײַ, נעמען די פּאַפּירענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און גיין אַהיים האָפּערדיק, מיט די פרײלעכע יעוואָנישע לידער, סאָלדאַטסקע ניגונים:

ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע,
פּאָדיעם, פּאָדיעם נאַ קוואַרטירע,
אַכטער-באַכטער קאָלאָשקאַ,
וואָסים דיעוויגי ראַבאָשקאַ...

אָדער:

פּאַרא, פּאַרא!
פּאַרא וויביראַטסאַ!
אי סאָ וסיעמי גאָספּאָדאַמי
ראַספּראָשטשאַטסאַ — פּאַרא!..

סירקאָ איז געלאָפן אָפּצופרײַער און פאַר גרויס פרייד און היס-פּײַלעס געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליב די שטיקלעך ברויט מיט די אָפּגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשע-רע. אַ הונט אַ כאָרעצ[1]!

וויפל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אָפּן האַרצן איז וויסט, אָפּ דער נעשאָמע סומנע, אין דער היים געכאַפּט אַ פּסאַק, אין כיידער פאַרבעסערט, — דעמלט פאַרקלײַבט זיך שאָלעם נאָכעם ווערויקס ווײַט אין גאָרטן, אָפּ יענער זײַט ביימער, און סירקאָ מיט אים. דאָרט, הינטערן פּלויט, אָפּ אַ בערגל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זײַן געטרײַען סירקאָ, וואָס ציט אויס די מאָרדע, קוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ זינדיקער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער ביים-מײַסע? פאַרשטייט ער טאַקע יעדע זאַך, ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נעשאָמע, ווי, לעהאַוודל, אַ מענטש?"... און עס קומט אים אָפּן זינען דעם רעבנס ווערטער: „דער הונט איז אַ גילגל פון

1 זייער אַ קלוגער.

א מענטשן״... און ער דערמאָנט זיך, וואָס שלוימע-האמעלעך זאָגט אין קויהעלעס [1]: אומיסאר האָדאָם מין האבהיימאָ אָין — קיין כילעק ניט פאראן צווישן א מענטשן און א בעהייכע... „אויב ס׳איז קיין כילעק ניט פאראן, פארוואָס זשע איז ער א הונט און איך א מענטש?״... אזוי טראכט ער זיך און ער קוקט מיט ראכמאָנעס און, צו גלייכער צייט, מיט דערעכערעץ אפן הונט, און דער הונט — אפ אים, ווי זיינער א גלייכן. א הונט א כאָווער! א טייערער, א געטרייער כאָווער — סירקאָ!

11

סירקאָס טראַגעדיע

א מיעסער בילבל. — דאָס אומקומעניש פון אן אומשולדיקן הונט. — הייסע טרערן.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמע, ווען איך וועל זאָגן, אז סירקאָ איז געווען א הונט א כאָכעם, וואָס האָט פארשטאנען, ווער עס האָט אים מער ליב פון אלעמען, און דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס מער ווי צו אלע קינדער האָט זיך סירקאָ דער הונט צוגעבונדן צום פארפאסער פון די דאָזיקע קסאָווים, געשלאָסן מיט אים כאָווערשאפט אָן ווערטער און ליב געהאט, געווען נאָך אים טאקע בעעמעס די קאפּאָרע, און טאקע בעעמעס גרייט געווען זיך מאפקער זיין פאר זיין כאָווער און פאר זיין האר. א שטומע צונג — ניט געווען בעקויעך דאָס ארויסצובאווייזן, איבערגעבן מיט ווערטער, האָט ער עס ארויסבאוויזן, ווי א הונט, מיט זיינע שפּרינגען און מיט זיינע קוויטשען און מיט זיין ווארפן זיך פאר אים אין דער ערד אריין אפ זיין הינטישן שטייגער. ס׳איז גענוג געווען איין וואָרט, אז זיין כאָווער און זיין האר זאָל אים א זאָג טאָן: „נא מיעסטאָ!״ — זאָל סירקאָ אוועק, ווי א סטאטיק, און ליגן, ווי א קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אויגל לאָקערן, אכטונג געבן, וואָס זיין האר טוט.

צווישן דעם „האר״ און זיין „קנעכט״ סירקאָ איז געווען א שטילע

1 א ביבלישער בוך, וואָס די רעליגיעזע לעגענדע האלט, אז דער אווטאָר זיינער איז קלוימערשט שלוימע־האמעלעך — דער קיניג שלוימע.

ליבע, און דער האַר האָט בעשום-אויפן ניט געקאָנט פאַרשטעלן זיך, וואָס וועט זײַן, אַז טירקאַ וועט ניט זײַן. וואָס הייסט, ער וועט ניט זײַן? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקאָ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אוועקפאָרן און פאַרגעסן דעם זײַ-געזונט?.. וויפל מאָל האָבן גויים געפּרוּווט פאַרנאַרן סירקאָן צו זיך אין דאָרף אַרײַן, — איז ער דען ניט געקומען צו לויפן אָפּ מאָרגן אַ פאַרסאַפּעטער מיט אַן אַרויס-געשטעלטער צונג און געוואָרפן זיך און געקאַטשעט זיך און גע-שפּרונגען צו זײַן האַר אָפּן האַלדז און געקוויטשעט און געלעקט אים דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן זײַנען אים געשטאַנען אין די אויגן!

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פינצטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרײַער סירקאָ איז אַוועק, אַוועק אָפּ טאָמיד, אָפּ אייביק, און אַזוי אומגערעכט אַוועק, אַזוי מיִעס פאַרדראָסיק, אַזוי מוירעדיק-טראַגיש!

זומער האָט זיך געטראָפן די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע, אום סאַמע טאַמוז. דאָס איז געווען אַ זומער פון שרעקלעכע היצן, אָן אַ טראָפּן רעגן — מענטשן זײַנען מאַמעש אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זײַנען די הינט מע-סוקן — זיי ווערן מעשוגע.

איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אַ הונט איז מעשוגע גע-וואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייסט ניט וועלכע. איז געפאַלן אַ פּאַכעד אָפּ די שטאָט-לײַט, און מע האָט זיך גענומען קוידעם צום פאַרזיכערונגס-מיטל אָפּ צו פאַרהיטן קליינע קינדער, טאָמער איז עמעצער כאָלילע צעביסן געוואָרן פון אַ מעשוגענעם הונט.

דאָס דאָזיקע מיטל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אַלע קינדער אָפּגעשיקט צום אַלטן טראָפּים, אַ גוי אַ זנאַכער, וואָס האָט שאַרפע נעגל און מיט זײַנע שאַרפע נעגל קאָן ער „אַראָפּנעמען בלויע הינטעלעך" פון אונטער דער צונג, און אַזוי קונציק, אַז מע זאָל גאָרניט פילן. די אָפּעראַציע איז ניט אַזאַ מעסוקענע, נאָר שטאַרק אָנגענעם איז דאָס אויך ניט, אַז אַ גוי קריכט צו אײַך מיט די נעגל אין מויל אַרײַן און זוכט בא אײַך „בלויע הינטעלעך" אונטער דער צונג...

דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייסט פונוואַנען, צוויי קאַצאַפּעס,

הינטשלעגערס, אָנגעוואָפּנט מיט גראָבע שטריק און מיט אײַזערנע קרוקעס, און די קאַצאַפּעס האָבן זיך א נעם געגעבן צו דער ארבעט. אין איין טאָג האָבן די דאָזיקע טאַליאַנים אוועקגעלייגט א פּאָר צענ-דליק הינט. אפן קוק האָבן זיי אײַך געקענט אָפּשאַצן, וועלכער הונט ס'איז מעשוגע און וועלכער ניט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אשטייגער, אז דער גורל וועט פאלן אויך אפן דעם גוטן, קלוגן, סטאטעטשנעם סירקאָ?

א סוואָרע, אז די קאַצאַפּעס האָבן באקומען פון דער שטאָט זייער לוין נאָכן צאָל פון די אויסגעהארגעטע הינט, און וויבאלד אזוי, איז גאנצ מעגלעך, אז ס'זײַנען געווען, נעבעך, א סאך אומשולדיקע קאָרבאָנעס — און סירקאָ איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זײַנען די קינדער געווירע געוואָרן שוין לעאכער-האמײַסע [1], קומענדיק פון כיידער אהיים, — און זיי האָבן אופגעהויבן א גאנצע רעוואָליוציע אין שטוב: „סטײַטש, סירקאָ!.. סטײַטש, ווי האָט מען עס דערלאָזט אזא מײַסע!"...

פארשטייט זיך, אז די רעוואָליוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א קאָנטררעוואָליוציע: „כיידער-יינגלעך זאָלן האָבן א האסאָגע אין זינען האָבן הינט!"... און מע האָט זיי מעכאבעד געווען מיט רעכטע פּעטש, און אפ צו פארבײַסן האָט מען זיי צוגעשטעלט א בענ-קעלע פּארנ רעבן, געבעטן, ער זאָל ניט זשאלעווען קיין שמיצ. און דער רעבע האָט צוליב געטאָן — ניט געזשאלעוועט קיין שמיצ... אוי, שמיצ!..

נאָר דאָס אלצדינג איז געווען גאָרנישט אקעגן דעם, וואָס סיר-קאָ איז נעבעך אומגעקומען אומזיסט-אומנישט!

מער פון אלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג — דער מעכאַבער פון די דאָזיקע מעמוארן. דער האָט עטלעכע טעג דורכאנאנד ניט געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן, געקאטשעט זיך אפ אלע זײַטן, גע-זיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, ניט געקאָנט מויכל זײַן די שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס האָבן ניט אין זיך קיין קאפ ראַכמאָנעס, קיין צאר-באלעכאַיִם, קיין טראָפּן יוישער — און ער האָט שטארק-שטארק נאָכגעדענקט נאָך דעם, וואָס איז א הונט און וואָס איז א מענטש, לעהאוודל?.. פארוואָס איז א הונט אזוי געטרײַ צו א מענטשן, און

---

1 נאָך דער געשעעניש.

פאַרוואָס איז א מענטש א טאַליענ?.. אונ עס קומט אים אפּנ זינענ סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגנ, אונ ער פאַלט צו ביטנ פּאָנ׳ם צו דער קישנ אונ באַנעצט זי מיט ביטערע, ביטערע טרערנ.

12

דער יעיצערטאָוו[1] מיטנ יעיצערהאָרע[2]

אויזער דער קאַרנאָסער — א מאָסער. — א סאַכ אפּעטראָפּסים[3]. — די באָבע מינדעס שאַבעס־אויבסט. — מוסער־זאָגער אונ מאָראַל־פּריידיקער.

טאָמער וואָלט א ייִנגל פאַרגעסנ, אז ער האָט געהאַט א הונט פּאַר א כאַווער, האָט מענ אים דערמאָנט אפּ יעדנ טריט אונ שריט: „סירקאָ האָט דיר געלאָזט גריסנ“... אונ באַ אזא געלעגנהײַט האָט מענ אים שוינ דערווײַל אַרײַנגעזאָגט א ביסל מוסער — ער זאָל האָבנ צו געדענקענ אפּ ווײַטער. דאָס מוסער־זאָגנ איז פּאַר אים געווענ א סאַכ ערגער פונ פּעטש. ניט אומזיסט זאָגט מענ באַ אונדז א שפּריכוואָרט: „א פּאַטש פאַרגייט, א וואָרט באַשטייט“. אוביפראַט, אז דאָ איז געווענ ביידע זאַכנ: אי פּעטש אי ווערטער. אונ ווערטער זײַנענ געגאַנגענ פונ אלע זײַטנ. ווער ס׳האָט געהאַט גאָט אינ האַרצנ, דער האָט געשטראָפּט, אונ דאַפּקע מיט גוטע רייד. דאַכט זיכ, וואָס געהער זיכ אָנ א ייִד א שאַמעס צו א נאָגידס א ייִנגל, בייס ער דאַוונט? אונ וואָס איז זײַנ אייסעק, אשטייגער, וואָס א נאָגידס א ייִנגל קוקט דורכנ פּענצטער אַרויס אקוראַט בייס שמוינעסרע[4]? אונ א נאָגידס א ייִנגל, מיינט איר, קוקט אומזיסט דורכנ פּענצטער? ס׳מעג זיכ טאַקע זײַנ שמוינעסרע, ס׳איז אָבער פּאָרט העכסט אינטערעסאַנט צו זענ א זעלטענע סצענע, וואָס ס׳איז קעדײַ אָנצוקוקנ אונ זיכ א מוסער אַראָפּנעמענ, וויאַזוי א הונט יאָגט זיכ נאָכ א קאַץ. די קאַץ האָט זיכ אָנגעבלאָזנ אונ לויפט פײַל אויסנ בויגנ — דער הונט נאָכ איר. די

bow swift as an arrow

1 לויט די אָנשויונגענ פונ דער ייִדישער רעליגיע — דער גײַסט, וואָס ווירקט אפּנ מענטשנ, ער זאָל טאָנ גוטס (מיצוועס).

2 לויט די אָנשויונגענ פונ דער ייִדישער רעליגיע — דער גײַסט, וואָס ווירקט אפּנ מענטשנ, ער זאָל טאָנ שלעכטס (אווייירעס).

3 אָפּעקונעס (איינצאָל — אפּעטראָפּעס).

4 די גרונט־טפילע באַם דאַווענ.

קאַץ אויפֿן פּאַרקאַן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ אַראָפּ פֿונעם פּאַר־קאַן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ צום רינשטאָק — דער הונט נאָך איר. די קאַץ דורכן רינשטאָק אויפֿן דאַך — דער הונט א מאַקע! בלײַבט ער שטיין, דער קעלעוו שעביקלאָווים, ווי א נאַר, און באַלעקט זיך און טראַכט זיך, אויפֿאָנעם: „וואָס האָב איך, הונט, נאָכצולויפֿן נאָך א קאַץ, וועלכע איז גאָר ניט מײַן שטאַם, און וואָס האָב איך צו טאָן אויפֿן דאַך?“...

— אָט אַזוי שטייט א ייִנגעלע שמויגעסרע? — זאָגט מײַלעך דער שאַמעס און דערלאַנגט איבערן האַלדז־און־נאַקן. — וואַרט, שייגעץ, איך וועל שוין דערציילן דײַן טאַטן!..

אָדער, אַשטייגער, וואָס גייט עס אָן אויזער דעם קאַרנאָסן בע־דער (אַמאָל איז אויזער געווען א שוסטער, אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אויסגעמאַטערט און האָט זיך באַשטעלט פֿאַר א בעדער), וואָס נאָכעם וועוויקס ייִנגלעך גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ אויפֿן געזעס און רײַבן אויס די הויזן? האָט דאָס אויזער דער קאַרנאָסער בע־דער באַדאַרפֿט דערזען פֿון באָד אַרויס און האָט זיך עס א ביסל צע־לאָזט אויף זײַן פּאָנפּעוואַטע קיילע:

— מאַמזיירים! הולטײַעס! א רוח אין אײַער פּאָפּער און מופּער אַרײַן! איר נעמט נײַע הויזן און מאַכט א פּעל, אויוועך אויף באַל־פּאַשכיס! אָט לויף איך אַוועק צו אײַך אין כײַפער אַרײַן און שפּעל אײַך צו א פּענקעלע!

פֿאַר די, וואָס פֿאַרשטייען ניט פּאָנפּאַטש־לאָשן, מוז מען דאָס איבערזעצן: „מאַמזיירים, הולטײַעס, א רוח אין אײַער פֿאָטער און מוטער אַרײַן! איר נעמט נײַע הויזן און מאַכט א טעל, אויוועך אויף באַל־טאַשכיס[1]! אָט לויף איך אַוועק צו אײַך אין כיידער אַרײַן און שטעל אײַך צו א בענקעלע!“...

צושטעלן א בענקעלע — דאָס איז ניט נאָר א מיצווע, דאָס איז א כיוווּ, וואָס יעדער ייִד איז מעכוייעוו צו טאָן, וואָרעם יעדער ייִד האָט קינדער און קיינער קאָן ניט אָרעוו זײַן, וואָס פֿון זײַנע קינ־דער קאָן אַמאָל אויסוואַקסן. באַדאַרף מען זיי גוט נאָכקוקן און העלפֿן כאָטש מיטן מויל, אויב מע קאָן ניט מיט די הענט. דעריבער האָבן די קינדער געהאַט א סאַך מאַדריכים[2] און אַפּעטראָפּסים און אָנגע־

1 פֿאָלגט ניט דעם געזעץ פֿון דער טוירע: „באַל־טאַשכיס“ — זאָלסט ניט קאַליע מאַכן.
2 דערציִערס, לערערס.

הערט זיך אזויפיל מוסער, שטראָף-רייד און מאָראַל, אַז ס'האָט שטענדיק געזשומעט אין די אויערן: „זשו-זשו-זשו—דאָס זאָלסטו ניט טאָן!" „זשו-זשו-זשו — דאָ זאָלסטו ניט שטיין!" „זשו-זשו-זשו—אהין זאָלסטו ניט גיין!" אַלע האָבן געזשווזשוקעט: טאטע-מאמע, שוועסטער און ברידער, דער רעבע, די דינסטמויד, די פעטערס, די מומעס, די באָבע, און איבערהויפּט די באָבע מינדע, וואָס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן מיט א פּאָר ווערטער.

די באָבע מינדע—דאָס איז געווען א יידענע א הויכע און א טשעפּקע, אַן אָפּגעפּוצטע און א פרומע מיט סאקאָנעס-נעפּאָשעס! איר אַוודע [1] איז געווען—אכטונג צו געבן אַף די קינדער און אַף זייער יידישקייט: אויסגלעטן די איינִיקלעך, די פּייעס מיט באַשפּייטע פינגער, אָפּרייניקן און אויסגלייכן די מאַלבושימלעך, זיך צוהערן ווי זיי דאַוונען, בענטשן און לייענען קרישמע פארן שלאָפן גיין. דערפאַר האָבן אַלע איינִיקלעך געמוזט קומען צו איר שאבעס באַטאָג זאָגן דער באָבען א גוט-שאבעס, זיך אויסזעצן, ווי די סטאטקעס, בא דער וואַנט און זיצן און וואַרטן, ביז זי וועט געבן „שאבעס-אויבסט". געגעבן האָט זי דעם „שאבעס-אויבסט" עפּעס ניט אזוי בעיִאַד רעכאָוואָ [2], נאָר דערפאַר אַף ריינע גלאַנצנדיקע שעלעכלעך: אַן עפּעלע, א פּערשקע, א באָקסער, א פייג, אָדער דריי—פיר איינגעדאַרטע ראָזינקעס, און מוסער האָט זי דערביי געזאָגט אָן א שיר! דער מוסער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע באַדאַרף פאָלגן טאַטע-מאמע און גוטע-פרומע לייט, און אַז מע באַדאַרף זיין יידן, און אַז גאָט וועט שטראָפן פאַר איטלעכס ברעקעלע—פאַר ניט דאַוונען, פאַר ניט פאָלגן, פאַר ניט לערנען, פאַר שטיפן, און אפילע פאַר א שלעכטע מאַכשאָווע, און אפילע פאַר א פלעק אַף דער קאַפּאָטע,— אזוי, אַז ס'איז קימאט ניט איינגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פּערשקע, דער באָקסער, די פייג, אָדער די דריי—פיר איינגעדאַרטע ראָזינקעס.

נאָר וואָס פאַר א ווערט האָט געהאַט דער באָבעס מוסער אַקעגן יענעם קוואַל פון מוסער, וואָס דער רעבע האָט נאָכדעם אויסגעגאָסן פאַר זיינע טאַלמידים טאַקע דעם זעלבן שאבעס באַטאָג פאַר מינכע דאַוונען? טייכן טרערן האָט ער אַרויסגעצויגן פון אַלעמענס אויגן — אזוי שאַרף און בוילעט האָט ער אויסגעמאָלט דעם יעיצער-

1 אַרבעט, באַשעפטיקונג.
2 מיט א ברייטער האַנט.

טאָוו מיטן יעיצערהאָרע, דעם גאניידן מיטן גענעם, מיטן מאלעכ-האדוימע[1], מיטן ווארפן קאפאקאל[2] פון איין עק וועלט ביזן אנדערן! מילי-מיליאסן שיידים, רוכעס און ניט-גוטע האָט ער אויס-געשפרייט פאר די טאלמידימס פיס, געזען זיי בא איטלעכן אונטער די נעגל, געווען זיכער, אז יעדער איינציקער איז א יוירעש-גענעם[3], וואָרעם טאָמער האָט זיך אפילע געפונען איינער אזעלכער, וואָס האָט ניט געזינדיקט, וואָס האָט געדאווענט און געלערנט און געטאָן אלצ-דינג, וואָס דער יעיצערטאָוו הייסט צו טאָן, האָט ער דאָך געפאָלגט דעם יעיצערהאָרע און געזינדיקט בעמאכשאָווע. און אויב ניט בעמאכשאָווע, האָט ער אין שלאָף, אין כאָלעם עפעס מעהארהער געווען[4] וועגן א זאך, וואָס מע טאָר ניט...

האקלאל, ס'איז ניט געווען זיך אויסצובאהאלטן פונעם מאזיק, פונעם יעיצערהאָרע, אין ערגעץ, סיידן לייג זיך אוועק און שטארב! און דאָ, אפ צולאָכעס, ווילט זיך דאפקע א לעב טאָן, און דאפקע א שטיפ טאָן, און דאפקע לאכן, און דאפקע נאשן, און דאפקע אָפ-כאפן דאָס דאווענען, און דאפקע טראכטן פון דעם, וואָס מע טאָר ניט... דאָס איז שוין געווען דעם יעיצערהאָרעס ארבעט, וואָס האָט געהאט געניוג שליכים אפ ארייַנצוכאפן דעם אומשולדיקן אין נעץ ארייַן — און קוים האָט ער שוין ארייַנגעכאפט, איז מען שוין בע-מיילע נאָכגעגאנגען אים, ווי א קעלבל, און געטאָן אלצדינג, וואָס דער יעיצערהאָרע האָט געהייסן טאָן. און דער יעיצערהאָרע האָט שוין אזא גליק, אז אים פאָלגט מען א סאך מער ווי דעם יעיצערטאָוו. עס העלפט ניט קיין שום מוסער זאָגן מיט קיין שום מאָראל פריידיקן. אדעראבע—וואָס מער דער יעיצערטאָוו פלייַסט זיך, אלץ שטארקער ארבעט דער יעיצערהאָרע. איך האָב מוירע ארויסצוריידן, נאָר מיר שייַנט, אז ס'זאָל ניט זייַן קיין יעיצער-טאָוו, וואָלט דער יעיצערהאָרע ניט געהאט וואָס צו טאָן...

---

1 דער מאלעכ, וואָס נעמט צום פארהער די נעשאָמע פון געשטאָרבענעם גלייַך נאָכן טויט (לויט דעם אָבערגלויבן פון רעליגיעזע יידן).

2 א שטראָף נאָכן טויט פאר די זינד, לויט די פאָרשטעלונגען פון רעליגי-עזע יידן.

3 געמיינט: ער וועט זייַן אין גענעם.

4 געטראכט, געקלערט.

13

גנייווע, קאָרטנשפּיל און אַנדערע אווייִרעס

די קינדער העלפֿן דער מאַמע אָפּן יאַריד. — קאָרטן לעקאָוועד כּאַנעקע. — בערל דער אַלמאַנעס לערנט גאַנווענען. — א יונג אַ אויסוואָרף.

מיט נאָכעם ווערויקס קינדער האָט זיך דער יעיצערהאָרע באַ-גאַנגען, ווי אַ מערדער. לוי-דײַ וואָס די קונדייסים האָבן פּאַרקנייטשט דאָס דאַוונען, העכער האַלב איבערגעהיפּערט און געזאָגט דער באַ-בען אַ גרויסן ליגן, אַז זיי האָבן אויסערן דאַוונען נאָך געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך טילים, — האָבן זיי נאָך פּאָשעט אויסגעלערנט זיך גאַנווענען, נאַשן, קאָרטן שפּילן און נאָך אַנדערע אווייִרעס... פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלצדינג איז געגאַנגען בעהאַדראָגע, איינס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: אווייִרע גוירערעס אווייִרע[1]... און געגאַנגען איז דאָס אָט וויַאַזוי:

איך האָב אײַך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט אויבן, אַז די וואָראָנ-קאָווער ייִדן האָבן געלעבט פֿונעם גוי, און איבערהויפּט פֿון די גרויסע יאַרידים, וואָס האָבן געהייסן מיטן נאָמען „קראַסנע טאָרגעס". אָפּ די דאָזיקע יאַרידים האָבן ייִדן ארויסגעקוקט, האָבן זיך געטומלט, געמאַכט געשעפֿטן, געלייזט געלט, און גאַנאָווים האָבן געטאָן זייערס — זיי האָבן געגאַנוועט. ס'איז גאָר ניט געווען אויסצושטיין און אײַנצוהיטן זיך פֿון זיי! אָט האָט איר באַ איינעם ארויסגעטרייסלט פֿון ארבל אַ פּאַטשיילע אָדער אַ סטענגעלע, און אָט האָט שוין אַן אַנדערער אוועקגעלאַקכנט אונטער דער נאָז אַ ציילעווו ליכטל, אָדער אַ באָקסער. וואָס טוט מען? איז די מאַמע, כּײַע-עסטער נאָכעם ווערויקס, געפֿאַלן אָפּ אַן אייצע: אוועקגעשטעלט אירע ייִנגלעך אין קלייט, זיי זאָלן אַכטונג געבן, מע זאָל ניט גאַנ-ווענען — און כּעוורע האָבן איר גוט און געטרײַ אַכטונג גע-געבן: אַכוץ וואָס מע האָט אָנגעשטופּט פֿולע קעשענעס מיט באָקסערן, מיט טיטון, מיט ניסלעך און מיט טרוקענע פֿלאָמען, האָט מען זיך נאָך צוגעכאַפּט צום גרינעם קעסטעלע, ווו דער „פּידיען" איז געלעגן, און אַקוראַט בײַס די מאַמע האָט זיך פֿאַרדרייט מיט אַ קוינעטע, האָט מען אַרײַנגערוקט אין קעשענע אַ פּאָר מעזור-

---

1 איין אווייִרע שלעפּט נאָך זיך די צווייטע.

מענע מאטבייעס, האַרטע זעקסערלעך, און מע איז אוועק מיט זיי דערנאָך אין כיידער און דאָרט פאַרנאַשט אַף בלינעס, קאָרזשעס, מאָנעלעך, אַרבעסלעך און סעמעטשקעס, אָדער — גאָר פאַרשפּילט אין קאָרטן.

שפּילן אין קאָרטן איז געווען אַ מין כאַלאַס, אַן עפּידעמיע אין אַלע ייִדישע כאַדאָרים, וואָס גענומען האָט זיך עס פון כאַנעקע און איז פאַרבליבן אַפן גאַנצן ווינטער. עס איז באַוווסט, אַז כאַנעקע איז אַ מיצווע צו שפּילן. ווער ס׳ע שפּילט אין דריידל, און ווער ס׳ע שפּילט אין קאָרטן. עמעס, מיר מיינען ניט כאָלילע קאָרטן מאַמעש, אָפּגעדרוקטע קאָרטן; מיר ריידן דאָ פון געמאַכטע, פון ייִדישע קאָרטן, פון „לאַמעד-אַלעף-קאָרטן“ [1]. נאָר ס׳איז אַלצ־יינס. דער אייגענער יעיצערהאָרע מיטן אייגענעם אוזאַרט. געקומען כאַנעקע, האָט דער רעבע אַליין ניט נאָר געהייסן שפּילן — ער האָט אויך גענומען אָנטייל אינעם שפּילן און איז, אַדעראַבע, פאַרקערט, געווען גאַנץ צופרידן אָפּגעווינען בא זײַנע טאַלמידים דאָס גאַנצע כאַנעקע-געלט. און פאַרשפּילן דעם רעבן דאָס כאַנעקע-געלט איז געווען אַ פאַרגעניגן און אַ קאָוועד און אַ פרייד. יעדנפאַלס — בעסער צו פאַרשפּילן דעם רעבן דאָס כאַנעקע-געלט, איידער זײַן פון רעבן אַ געשמיסענער — דאָס וועט, דאַכט מיר, צוגעבן יעדער פאַרשטענדיקער מענטש...

דערפאַר אָבער, אַז ס׳איז אוועק כאַנעקע, איז געווען אויס יאָמטעוו און אויס קאָרטן! דאָס הייסט, דער רעבע האָט אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: היזאָהער וועהישאָמער [2] — טאָמער וועט מען זיך דערוועגן עמעצער צורירן זיך צו אַ קאָרט, אָדער אַפילע ריידן פון קאָרטן, אָדער טראַכטן וועגן קאָרטן, איז אַכאַס דאָסוי לעהאָמיס [3] — איז ער אַ געשמיסענער!..

אַפּאָנעם, אַז דער רעבע איז אַליין געווען אַמאָל אַ רעכטער קונדעס און האָט ליב געהאַט אַ קערטל ניט נאָר לעקאָוועד כאַנעקע. וואָרעם אַז ניט, פונוואַנען נעמט זיך צו אים גאָר דער דאָזיקער געדאַנק?.. ווי־אַזוי די מײַסע איז, נאָר זײַנע טאַלמידים האָבן דעם

1 31 קאָרטן, אַף וועלכע ס׳איז אָנגעשריבן די צאָלן פון 1 ביז 31 מיט ייִדישע אויסיִעס, וואָס באַטײַטן אויך צאָלן, ווי למשל א — 1, ב — 2, ג — 3 אאַוו. ביז לא — 31.

2 געוואָרנט און געהיט; געמיינט: זיך ניט דערוועגן.

3 עס קומט אים טויטשטראָף.

גאנצן ווינטער נאָכ כאנעקע געשפּילט אינ קאָרטנ מיט א סאכ מער היצ אונ מיט נאָכ א גרעסערנ אזארט, ווי כאנעקע. מע האָט פּארשפּילט די אָנבײַסנס מיט די מיטיקס, מע האָט פּארשפּילט ווו ווער ס'האָט געהאט א מעזומענעמ גראָשנ, אונ אז ס'איז ניט געווענ קײנ געלט אונ שפּילנ האָט זיכ געוואָלט, האָט מענ געזוכט קאָלערלײ וועגנ אפּ צו קריגנ געלט. ווער עס האָט זיכ דערגריבלט צו רעב-מייער-באלאנעס-פּושקע[1] אונ דורכ א שטרויעלע מיט וואקס ארויסגעקריגנ פונ דאָרט אײנציקווײַז די פּארוויינטע גראָשנס, וואָס די מאמע האָט אהינ ארײַנגעוואָרפנ אלע פרײַטיק פּארנאכט פּאר ליכט-בענטשנ. ווער עס האָט זיכ אנ אייצע געגעבנ, דורכ א שליכעס אינ מארק, עפּעס ארויפכאפּנ א פּאָר גראָשנס „קאָמיסיע”. אונ ווער עס האָט זיכ פּאָשעט דעביוועט צומ טאטנס בײַטעלע, אָדער צו דער מאמעס קעשענע, בא דער נאכט, ווענ אלע שלאָפנ, אונ ארויסגעטרייסלט פונ דאָרט וויפל עס האָט זיכ געלאָזט. אונ דאָס אלצדינג איז געטאָנ געוואָרנ מיט די גרעסטע פּכאָדימ[2] אונ מיט דער גרעסטער ריזיקע. אונ דאָס אלצדינג איז אוועק אפּ קאָרטנ-שפּיל אינ לאמעד-אלעפּ!

די פראגע איז נאָר געווענ: ווענ אונ ווו? אונ וויאזוי שפּילט מענ, אז דער רעבע זאָל ניט געווירע ווערנ? דערפּאר האָבנ שוינ געזאָרגט די כאוויירימ פונ דער עלטערער קיטע: אזעלכע ייִנגלעכ, ווי עליע קיילעס, א כאָסנ-באָכער, א געלער, מיט א זילבערנעמ זייגער, אונ בערל דער אלמאָנעס, גלאט א באָכער מיט גראָבע ליפּנ אונ מיט מאָדנע געזונטע צײנ, וואָס קאָנענ ברעכנ אײַזנ. עס האָט שוינ דעמלט זיכ געשײַט אימ א בערדל—אונ ער אליינ איז שולדיק אינ דעמ: ווײַל ער רייכערט ציגאַרעטן. אזוי האָט בערל אליינ געזאָגט אפּ זיכ. „א סימענ האָט איר, — האָט ער געטײַנעט, — אָט הייבט איר אָנ צו רייכערנ ציגאַרעטן, וועט זיכ בא אײַכ אויכ אָנהייבנ אויסשיטנ בערדלעכ”... אונ ער האָט אויסגעלערנט אפּ א טשיקאַוועס א סאכ כאוויירימ „רייכערנ ציגאַרעטן”. אונ ניט נאָר רייכערנ האָט ער זיי אויסגעלערנט—ער האָט זיי באוויזנ א וועג, וויאזוי מע קריגט דעמ מאטעריאל אפּ צו רייכערנ... דאָס הייסט, בעסער געזאָגט — ער האָט זיי אויסגעלערנט גאנוועגנ. פּארשטייט זיכ, אז פּאר

---

1 בא רעליגיעזע ייִדנ איז געווענ א מינהעג צו ווארפנ נעדאָוועס אינ א פּושקע אינ נאָמענ פונ רעב מייער באלאנעס (רעב מייער, וואָס האָט ניסימ געטאָנ).
2 שרעק.

זיין אויסלערנען האָט בערל באַקומען באַצאָלט — טאַקע מיט „טיטונ“ און מיט פּאַפּיראָס-פּאַפּיר.

און בערל האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם: דער, וואָס האָט אים געפאָלגט און געבראַכט טיטונ מיט פּאַפּיראָס-פּאַפּיר — דער איז געווען א ווויל יינגל, א כּאַווער. און ווער ס'האָט מוירע געהאַט אָדער ניט געקאָנט גאַנווענען — דער האָט באַ אים געהייסן „א קוואַטש און א לעמעשקע“ און איז אַרויס פון כאַווערשאַפט, און אַז ס'איז אים אָפּגעגאָלטן, האָט ער נאָך געכאַפּט געשלאָגן אויך, טאַקע פון אים אליין, פון בערלען הייסט עס. פאַרקריגן זיך אָפּ בערלען אָדער באַקלאָגן זיך אָפּ אים — איז געווען אומעגלעך, וואָרעם דאָס וואָלט געהייסן אַרויסגעבן זיך אַליין — און דערום זיינען געווען ווינציק העלדן. דעריבער האָט מען געטאָן אַלצדינג, וואָס בערל דער אַל-מאָנעס האָט געהייסן, און מע איז געזונקען מיט אים וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער אין אָפּגרונט אַריין, און גאָט ווייסט, וווהין כּעווען וואָלט מיט אים פאַרגאַנגען, ווען בערל דער אַלמאָנעס זאָל ניט געווען האָבן זיין ווייסטן סאָף פון זיך אַליין אָפּ אזא מין אופן, וואָס קיינעם וואָלט דאָס גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאַלן און וואָס זיינע כאַווערים פון כיידער זיינען נאָך געווען אזוי יונג און אומ-שולדיק, אַז זיי האָבן נאָך רעכט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. זיי ווייסן נאָר, אַז ס'איז געווען א מייסע איינמאָל אין א פרייטיק, האָט מען געכאַפּט דעם באָכער אָפּ יענער זייט באָד, ווו ער האָט אַרויסגעקאַלופּעט א שטיקל גלאָז פון א טאַפּליע און אַריינגעקוקט מיט איין אויג אינווייניק אַריין צו די ווייבער, ווי זיי באָדן זיך...

ווייוויי, וואָס ס'האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן אין שטעטל! זיין מאַמע, די אַלמאָנע, האָט געכאַלעשט, און אים האָט מען אָפּגענו-מען פון כיידער און ניט אַריינגעלאָזט אין בעסמעדרעש אַריין, און קיין יינגל, אַבי נאָר א טאַטנס א קינד, האָט ניט געוואַגט מער צו באַגעגענען זיך מיט דעם „מומער-לעהאַכיס“. אזוי האָט מען אים נאָך דעם א נאָמען געגעבן. און ביכדיי צו פאַרענטפערן, אָפּאָנעם, דעם דאָזיקן נאָמען, האָט זיך בערל דער אַלמאָנעס אין א צייט אַרום, זיין מאַמע די אַלמאָנע האָט שוין דעמלט ניט געלעבט, אָפּגעשמאַדט און פאַרפאַלן געוואָרן.

14

פייגעלע־אשמעדײַ [1]

שקאָצים ווערן באַלע־טשוווע. — א רועב, ניט קיין מיידל. — א מאכשייפע, וואָס קיצלט.

פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער יעיצערהאָרע האָט אינגאַנצן אויסגעפירט און אַז דער יעיצערטאָוו איז אַלעמאָל געווען הינטערשטעליק. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען א ראָש־כוידעש עלעל אַפ דער וועלט, מיט טשוווע־טעג [2], מיט א ראָשע־שאָנע—יאָמקיפּער, און גלאַט טפילעס, טאַנייסים און סיגופים [3], וואָס ערלעכע ייִדן האָבן צוגעטראַכט. ניט קוקנדיק אַף די קליינע גנייווע־לעך, אַף די קאָרטן און אַף די אַנדערע ייִנגלשע אַווייראָס, קאָן מען זאָגן גאַנץ זיכערלעך, אַז דער מיכּלכטער פון די ברידער, שאָלעם נאָכעם וועוויקס, איז געווען בעעמעס פרום, מוירע געהאַט פאַר גאָט און געגעבן זיך ניט איין מאָל דאָס וואָרט, אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיך פאַרבעסערן און וועט, אימירצעשעם, זײַן גוט און פרום, אַזוי ווי די באָבע מינדע האָט געהייסן, און אַזוי ווי דער רעבע האָט געהייסן, און אַזוי ווי אַלע גוטע־פרומע לײַט הייסן.

אָפּטמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט געוויינט באַם דאַוונען, זיך געשלאָגן אַלכעט [4] און דערוויַיטערט זיך פון די עלטערע ברי־דער און פון אַלע יענע כאַווײרים־שקאָצים, וואָס ריידן אָן שלעכטס טאָן. און אַן עמעסער באַלטשוווענִיק איז ער געוואָרן, אַז ס׳איז געקומען די צײַט פון טשוווע־טעג, פון יאָמים־נוראָים [5].

זײַן גוט און פרום איז ביכלאַל זייער זיס און אָנגענעם. נאָר ווער עס האָט אַמאָל געפּרוּווט זײַן א באַלטשוווענִיק—דער וועט מוידע זײַן, אַז קיין בעסערע זאַך קאָן שוין גאָר אַף דער וועלט ניט זײַן. א באַלטשוווע איז א מענטש, וואָס בעט זיך איבער מיט גאָט, נעמט

---

1 אשמעדײַ—דער קיניג פון די שיידים (לויט דער טאַלמודישער לעגענדע).

2 די טעג צווישן ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער.

3 פּײַניקונגען, וואָס רעליגיעזע ייִדן נעמען אַף זיך, רעכענענדיק, אַז דערמיט קומען זיי אָפּ אַף דער וועלט פאַר זייערע זינד קעגן גאָט.

4 א רעליגיעזע צערעמאָניע: זיך קלאַפּן מיטן פויסט אין ברוסט און בעטן גאָט, ער זאָל מויכל זײַן די זינד.

5 געמיינט: די רעליגיעזע יאָמטויווים ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער.

אײַנ דעמ יעיצערהאָרע אונ באַהעפט זיכ מיט דער שכינע[1]. באַרעכנט נאָר: וואָס קאָנ זײַנ בעסער פונ דעמ, אז מע בעט זיכ איבער? אונ וואָס קאָנ זײַנ זיסער פונ ניצאָכנ? אונ וואָס קאָנ זײַנ ליבער פונ דער שכינע? א באַלטשוווע פילט זיכ גאַנצ, אונ שטאַרק, אונ ריינ, אונ פריש, אונ נײַ־געבוירנ, אונ קאָנ קוקנ איטלעכנ גלײַכ אינ די אויגנ אַרײַנ. ס׳איז גוט, אויסגעצייכנט גוט צו זײַנ א באַלטשוווע!

שוינ אז דער כוידעש עלעל איז אַרײַנגעטראָגנ אונ עס האָט זיכ געלאָזט הערנ דער ערשטער בלאָז פונעמ שופֿע, האָט זיכ דעמ העלד פונ דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע אויסגעוויזנ, אז ער זעט ליגנ דעמ יעיצערהאָרע א געבונדענעמ, זיכ וואַלגערנ אַפ דער ערד אונ זיכ בעטנ ראַכמימ, מע זאָל אימ אזוי שטאַרק ניט טרעטנ מיט די פיס. אונ ווער שמועסט ראָשעשאָנע! אונ ווער שמועסט יאָמקי־פער! דאָס לײַדנ פונעמ שווערנ טאָנעס, דאָס הונגעריק זײַנ אונ דאָס וועלנ א טרונק ביז צומ שטאַרבנ אונ אײַנהאַלטנ זיכ גלײַכ מיט אַלע גרויסע—דאָס אַלצ האָט אינ זיכ אזויפיל זיסקײַט, אזויפיל רייצ אונ שיינקײַט, אז דאָס קאָנ אָפּשאַצנ נאָר דער, וואָס איז אַלײנ א פרומער אָדער געווענ אַמאָל פרומ. וואָס פאַר א פאַרגעניגנ קאָנ זיכ פאַרגלײַכנ מיט יענעמ פאַרגעניגנ, ווענ מע גייט אַרויס אנ אויס־געהונגערטער אונ אנ אויסגעמאַטערטער מאָצע־יאָמקיפּער[2] פונ בעסמעדרעש, אנ אָפּגערייניקטער פונ אַלע זינד אונ מיט אנ אויס־געלײַטערטער נעשאָמע, מע רעכנט צו גיינ אַהיימ גיכער אָפּפאַסטנ זיכ אונ מע פילט שוינ דעמ טאַמ גאַניידנ פונעמ קאָרענעמ לעקעכ, אײַנגעטונקענ אינ שטאַרקנ בראַנפנ, אונ צומ סאָף—סטאָפּ! וואָס איז די מײַסע? יידנ האָבנ זיכ אָוועקגעשטעלט מעכאַדעש זײַנ די לע־וואָנע[3]. „מיר זײַנענ טאַקע, גאָטעניו, גוט הונגעריק אונ גוט מיד אונ גוט אויסגעכוטשעט, נאָר איינס צומ אַנדערנ געהער זיכ ניט אָנ—דײַנ לעוואָנע וועלנ מיר דיר מעכאַדעש זײַנ“.

אכ, ווי גוט ס׳איז צו זײַנ א ייד, אונ אנ ערלעכער ייד, א באַלטשוווע!

איז אָבער דער יעיצערהאָרע—ניט געדאַכט זאָל ער ווערנ! מישט

1 גאָטהײַט, גאָטס גײַסט.

2 יאָמקיפּער אָפּדערנאַכט.

3 א רעליגיעזער ריטואַל — זיכ שטעלנ קעגנ דער לעוואָנע אונ זאָגנ געוויסע טפילעס.

זיך אריינ דער סאָטנ-האמעקאטרעג[1] אונ מאכט קאַליע אינגאנצנ. דאָס מאָל האָט זיך דער סאָטנ-האמעקאטרעג באוויזנ אינעם גע-שטאלט פונ א דאָרפיש מיידל מיט געגרייזלטע האָר אונ מיט גרינע אויגנ. פונוואנענ האָט זיך גענומענ דאָס מיידל — וועט איר האָרכנ.

אפ אלע ימים-נוראָים, אזוי איז געווענ א מינהעג פונ קאַד-מוינים[2], האָבנ זיך צונויפגעפאָרנ פונ די ארומיקע דערפער אינעם קליינעם שטעטל וואָראָנקאָ דאָרפס-יידנ (יישוווניקעס), אָדער „יאָמטעוו-ניקעס", ווי זיי האָבנ דאָרט געהייסנ. יעדער באלעבאָס האָט זיך געהאט זיינ יאָמטעווניק מיט זיינ יאָמטעווניטשקע. נאָכעם וועוויקס יאָמטעווניק איז געווענ א וויַיטער קאָרעוו מיטנ נאָמענ „ליפשיצ דער הלובאָקער", א פרומער ייד מיט א ברייטנ שטערנ, א שטערנ פונ א באלמויעכ[3], כאָטש בעעמעס איז ער געווענ ניט אזא גרויסער כאָכעם. אונ א וויַיב האָט ער געהאט אויכ א פרומע, וואָס האָט ליב געהאט דאוונענ אונ שמעקנ טאבעק. קיינ קינדער האָבנ זיי ניט געהאט, נאָר א דינסטמיידל, א יעסוימע אונ א וויַיטע קרוי-ווע, אונ געהייסנ האָט זי פייגל. בא די קונדייסים האָט זי געהאט אנ אנדער נאָמענ — „פייגעלע-אשמעדיַי", דערפאר, וואָס דאָס איז גע-ווענ א ברענ, א רועכ, ניט קיינ מיידל, געהאט אינ זיך ייִנגלשע גענג, ליב געהאט שטיפנ מיט ייִנגלעכ, אז קיינער זאָל ניט זענ, דערציילנ זיי מייסעס אונ זינגענ לידלעכ, צומיינסטנ — גויִשע.

איינמאָל — ס'איז געווענ כאלעמויעד-סוקעס[4], א ווארעמע, א ליכ-טיקע נאכט — האָט זי זיך צוגעגאנוועט צום געלעגער, ווו די ייִנגלעכ זיינענ געשלאָפנ (צוליב די יאָמטעווניקעס די קרויווים האָט מענ די קינדער אויסגעלייגט שלאָפנ אינ הויפ, אפ דער ערד), אונ האָט זיך אוועקגעזעצט א האלב-נאקעטע, גענומענ זיך צעפלעכטנ די האָר אונ בייס-מייסע דערציילנ מאָדנע מייסעס. דאָס זיינענ ניט געווענ די מייסעס, וואָס שאָלעמס כאווער, שמוליק דעם ראָווס, פלעגט דערציילנ. דאָס זיינענ געווענ מייסעס פונ שיידים, רוכעס אונ לייִ-צים, וואָס טוענ אָפ שפיצלעכ אלערליי: קערנ איבער די מאלבושים

1 דער רועכ, וואָס קלאָגט אָנ, וואָס פארמאסערט.

2 פונ לאנג אָנ, פונ פארצייטנס.

3 א קלוגער.

4 5 טעג פונעמ יאָמטעוו סוקעס, צווישנ די ערשטע צוויי טעג אונ די לעצטע צוויי טעג. די דאָזיקע טעג רעכענענ זיכ אויכ פאר יאָמטעוו, נאָר ניט אזוי ווינכטיק, ווי די ערשטע אונ לעצטע טעג.

אף דער לינקער זײַט, שטעלן איבער דאָס מעבל, בלעטערן איבער די ספאָרים, ברעכן דאָס געפעס, שלעפן ארויס די טעפלעך פונעם אויוון, און נאָך אזעלכע מײַסים אשער לוי יעאָכו [1]. און פון מעכאשפים האָט זי גענומען דערציילן, כוּן מעכאשפים און מאכשייפעס, וויאזוי א מאכשייפע, אז זי וויל נאָר, קאָן זי פארמוטשען הונדערט מענטשן נאָר מיט איר קיצלען אליין...

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס: מיט איר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אײַך ווײַזן, וויאזוי א מאכשייפע קיצלט.

און פייגעלע-אשמעדײַ האָט זיך א לאָז געגעבן מיט די צעפאטלטע האָר באווײַזן, וויאזוי א מאכשייפע קיצלט. פריער האָבן די יינגלעך געלאכט; דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך זיפשלאָגן פון איר, זיך באָרען. כעוורע האָבן זיך רעכט אײַנגעפלאָנטעט איר אין די צעפאטלטע האָר, איר אײַנגעטיילט קלעפ מיט קולעקעס, מיט בוכענצעס, ווי גאָט האָט געבאָטן. פייגעלע האָט זיך קלוימערשט באשיצט, נאָר ס'איז געווען צו זען, אז די קלעפ זײַנען איר אָנגענעמען... זי האָט צוגענומען די קלעפ און געוואָלט נאָך... דאָס פאָנעם האָט איר געפלאַמט. די אויגן (העל-גרינע אויגן, ווי בא א קאַץ) האָבן געגלאנצט. אקעגן דער שײַן פון דער לעוואָנע האָט זי אויסגעזען, ווי אן עמעסע מאכשייפע! נאָר ערגער פון אלץ איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע מאכשייפע האָט זיי ניט נאָר בײַגעקומען אלעמען, נאָר זי האָט זיי יעדן אײַנציקווײַז ארומגענומען, צוגעקוועטשט צום הארצן און געקושט, געקושט גלײַך אין די ליפן ארײַן!..

א גליק, וואָס דאָס איז געווען פאר הוישײַנעראבע [2], איידער דאָס קוויטל איז נאָך אָפגעכאסמעט, און מע קאָן נאָך אויסבעטן באם ריבוינעשעלוילעם, ער זאָל דאָס דאָזיקע ניט-ווילנדיקע קושן זיך מיט א נעקייווע ניט פארעכענען פאר א צו גרויסע אוויירע, וואָרעם גאָט איז אן איידעס, אז דאָס איז געווען ניט בעמייזיד [3], נאָר בעשויגעג [4]...

---

1 דאָ געמיינט: זאכן, וואָס מע קאָן זיך עס ניט פאָרשטעלן.

2 דער זיבעטער טאָג סוקעס: לויט דעם אָבערגלויבן ווערט אין דעם דאָזיקן טאָג אפן הימל געכאסמעט דאָס „קוויטל", וואָס עס זאָל מיטן מענטשן פאָרקומען אין דעם קומענדיקן יאָר.

3 אומיסטן, מיטאקיוון.

4 אומגערן.

פונוואנענ האָט זיכ גענומענ אָט די פייגעלע-אשמעדײַ? וואָס פאר א באשעפעניש איז דאָס געווענ: א רוענ? א שעד? א גילגל? אָדער דער סאָטנ-האמעקאטרעג האָט זיכ פארשטעלט אינעמ געשטאלט פונ א נעקייווע, ביכדיי צו ברענגענ אומשולדיקע קינדער צו אזא אווײרע—זיכ קושנ קעגנ זייער אייגענעמ ראָצנ מיט א מיידל?..

15

דער לעצ

א „דאָמאָוויק", וואָס טוט אָפּ מײַסימ. — געכאפּט דעמ לעצ. — מע מאכט כאסענע אנ אויסגעלאָזענע מויד אונ זי ווערט אנ אישע צנועה[1].

ווער פייגעלע-אשמעדײַ איז געווענ — האָט זיכ גיכ ארויסבא-וויזנ, אונ אפּ אזא וווּנדערלעכנ אויפנ, אז ס'איז קעדײַ צו דערציילנ.

דעמ זעלבנ ווינטער—גרומ כאנעקע איז דאָס געווענ—קומט צו פאָרנ אָט דער ליפשיצ פונ הלובאָקע מיט א נײַס, אז בא אימ אינ שטוב האָט זיכ פארנאדעט א לעצ, א „דאָמאָוויק", וואָס מאכט אימ אומגליקלעכ!.. טכילעס האָט דער „לעצ" — אזוי דערציילט ליפשיצ—געמאכט פונ זיי נאָר כויזעק: אלע נאכט האָט ער איבערגעבלעטערט די געמאָרעס, צעריסנ די סידורימ מיט די כומאָשימ, איבערגעקערט די טעלער אינ שאפע, צעבראָכנ די טעפּ, ארײַנגעוואָרפנ אינ פאָמע-ניצע דאָס טפילנ-זעקל, דעמ געמאָלטנ מיזרעכ[2], אונ מוישע מאָנ-טעפיאָרענ[3] אויסגעדרייט מיטנ פּאָנעמ צו דער וואנט—אונ מע זאָל דאָס הערנ, איר זאָלט זאָגנ, אפילע א שאָרכ פונ עמעצנ! שפּעטער האָט דער לעצ אָנגעהויבנ אויסליידיקנ אונ איבערקערנ זיי אלע קע-שענעס, ארויסגאנווענענ דאָס קליינגעלט פונ טישקעסטל, צוגענומענ אונ פארטאכטאָרעט ערגעצ דעמ ווײַבס פערל—א ריינער אומגליק!.. איז ער, הייסט עס, איצטער געקומענ צו זײַנ קאָרעוו, צו נאָכעמ וועוויקס, פרעגנ אנ אייצע, וואָס טוט מענ? צי זאָל ער מעלדנ אינ סטאנ? צי זאָל ער פאָרנ קיינ טאלנע צומ רעבנ? צי זאָל ער זיכ גאָר ארויסקלײַבנ פונ הלובאָקע?

---

1 א פרומע פרוי.

2 אנ אָרנאמענטאל געמעל, וואָס אינ רעליגיעזע יידישע הײַזער פלעגט מענ אויפ-הענגענ אפּ דער מיזרעכ-וואנט.

3 א באוווסטער יידישער גוויר, א פילאנטראָפּ (דאָ געמיינט: זײַנ פּאָרטרעט).

אויסגעהערט די מײַסע, האָט אים נאָכעמ װעװיקס מער ניט א פרעג געטאָנ: „אונ װוּ שלאָפט דאָס דינסטמיידל? אונ װיאַזוי איז זי מיט דער באַלעבאָסטע?״.. ליפשיצ האָט זיכ אוש געכוּנעב באַליי־דיקט: ערשטנס, איז פייגל זייערע אַנ אָרעמע קרויווע, װאָס זײַנ װײַב וויל זי כאַסענע מאַכנ, געבנ נאַדנ, אונ ס׳איז איר בא זיי גוט, װי די װעלט; אונ, צווייטנס, שלאָפט זי װי א געהארגעטע ער־געצ ווייס איכ װוּ, אינ קיכ, בא דער פארשלאָסענער טיר!

— האָט זי ניט עפּעס באַקאַנטע אינ דאָרפ?.. — האָט אים נאָכעמ װידער א פרעג געגעבנ, אונ ליפשיצ איז שוינ גאָר אינ קאַס גע־װאָרנ אונ צעשריִענ זיכ:

— פונוואַנענ האָבנ זיכ גענומענ צו איר באַקאַנטע אינ א דאָרפ פונ סאַמע גויִמ? צי עפשער מיינסטו, אז דער לעצ דאָס איז פייגל?..

— כאַסוועכאָלילע! — האָט אים נאָכעמ װעװיקס געענטפערט אונ גוט אויסגעלאַכט זיכ פונ זײַנ נאַרישנ קאָרעוו, געפרוּווט אים איבער־צײַגנ, אז קיינ לייצימ אונ קיינ „דאָמאָװיקעס״ זײַנענ ביכלאַל ניטאָ. ליפשיצ האָט אָבער ניט געוואָלט הערנ אפילע. ער האָט געשוואָרנ, ער זאָל אַזוי דערלעבנ הערנ שוֹפער שעל מאָשיִעכ[1], װי ער האָט אַליינ געהערט באַנאַכט א סאָפּענ פונ א מינ לעבעדיק באַשעפעניש, א קראַצנ פונ נעגל, אונ אפ מאָרגנ האָט מענ געזענ אינ קיכ עפעס מעשונע-מאָדנע סימאָנימ פונ הינערשע פיסלעכ אפנ אויסגעשאָטענעמ זאַמד, װאָס אפ דער ערד.

דערזענ, מיט װעמענ ער האָט צו טאָנ, האָט נאָכעמ װעװיקס א דריי געגעבנ, װי מע זאָגט, דעמ דישל צוריק: עס קאָנ זייער זײַנ, אז דער לעצ איז א לעצ. נאָר װאָס דענ? ער װאָלט א באַלנ גע־װענ זײַנ דערבײַ... אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמענ אים, נאָכע־מענ, צו זיכ אינ דאָרפ ארײַנ — ער וויל אַליינ זענ מיט זײַנע אויגנ... אונ װיבאַלד אַז שוינ יאָ פאָרנ, זאָל שוינ מיטפאָרנ אויכ זײַנ ייִנ־גערער ברודער, ניסל װעװיקס, אָדער ניסל ראַבינאָוויטש.

— מײַנ ניסל — האָט נאָכעמ געגעבנ צו פארשטיינ — איז א יונגער־מאַנ א כוואַט, א מענטש, װאָס פילט זיכ, קיינ אײַנאָרע, אינ קויעכ. ער האָט שוינ אַמאָל אויסגעפּאַטשט א סטאַנאָװאָי פריסטאַװ, איז צו גאָט א האָפענונג, אז ער װעט קאָנענ גויװער זײַנ א לעצ אויכ... פאָרנ מיר?

1 דער שוֹיפער פונ מאָשיִעכ.

— מיטן גרעסטן קאָוועד! — האָט זיך ליפשיץ אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און אַלע דריי האָבן זיך גוט אָנגעפּעלצט מיט וואַרעמע יענאָ-טענע פּעלצן, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ברייטן שליטן און זײַנען אַוועק צו ליפשיצן אין דאָרף אַרײַן, קיין הלובאָקע.

געקומען אין דאָרף שוין פאַרנאַכטלעך, האָט מען די ליבע געסט זייער שיין אויפגענומען, געקאָכט פון זייערטוועגן אַ מילכיקע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאַנצע צײַט פון דעם לעץ, וואָס האָט זיך באַ זיי פאַרנאַדעט.

שפּעטער, בייס פייגל האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט נאָכעם געמאַכט אַ גאַנץ ברייטן שמועס וועגן דעם, אַז ער און זייער גאַנצע מישפּאָכע, די ראַבינאָוויטשעס, הייסט עס, האָבן פון געבוירן אַ מאָדנע הארטן שלאָף, כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס מיט די בעטלעך, כאָטש שיסט אין זיי מיט האַרמאַטן! נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַר אַ דיבעק [1], פאַר אַ לעץ און פאַר אַ „דאָמאָוויק" קיין מוירע ניט, כאָטש זיי פירן מיט זיך געלט, וואָרעם זיי זײַנען ניט קיין נאַראָנים: דאָס געלט האַלטן זיי באַ זיך גוט אײַנגעניייט, מעכילע, אין די אונטערשטע בגאָדים, וועלכע זיי טוען קיינמאָל ניט אויס, און זיי גלייבן גלאַט ניט אין דיבוקים, לייצים און „דאָ-מאָוויקעס", מעכאַשפים און נאָך אַזעלכע זאַכן — ווייס איך וואָס! דאָס האָבן סאָנים אויסגעטראַכט און נאַראָנים גלייבן זיי!..

דערויף האָט זיי ליפשיץ געענטפערט ביטמימעס [2], אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יוישער, אַז דער לעץ זאָל זיך אַ נעם טאָן צו זיי הײַנטיקע נאַכט, זיי זאָלן וויסן, מיט וואָס מע עסט דאָס. און אָט אַזוי האָט מען דעם אָוונט פאַרבראַכט אַלץ אין אַזעלכע שמועסן, געהייסן דערלאַנגען ווײַן, און ביידע ברידער האָבן זיך געמאַכט קלוימערשט, ווי מע איז שוין שיקורלעך, און מע האָט זיך געלייגט שלאָפן, אויסגעלאָשן די ליכט, און די געסט האָבן זיך גיך געלאָזט הערן מיט אַ כראָפּען, איינער העכער פונעם אַנדערן — אַ גאַנצער קאָנצערט.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי, מיט אַ גע-שלעג, מיט מאָדנע קוילעס, אויף יידיש און אויף גויאיש, אַזוי אַז די

1 לויט דער איבערגלויבונג פון רעליגיעזע יידן — אַ שלעכטער גײַסט, וואָס כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ מענטשן.

2 אופריכטיק, גאַנץ.

ליפשיצעס האָבן זיך אופגעכאפּט אין אײַן ציטערניש, אָנגעצונדן פײַער, און פאר זייער אויגן האָט זיך באוויזן אזא מין בילד: בא נאָכעמען אין די הענט איז געלעגן פייגעלע-אשמעדײַ א געבונדענע און געריסן זיך מיט אלע קריעס, און ניסל (געווען א ייִד א גוואר) האָט זיך געראַנגלט מיט כוועדאָר דעם וואָלאָסטנאָי שרײַבער פון דאָרף, וואָס האָט אים צעביסן און צעבלוטיקט די הענט, נאָר ניסל האָט אים געפּאקט, געבונדן ווי א באראַן—און אז ס׳איז געוואָרן טאָג, האָט מען זיי ביידן, פייגל די מויד און כוועדאָר דעם שרײַ-בער, אָפּגעפירט אין וואָלאָכט ארײַן. דאָרט האָט מען געשטעלט צוויי עמער בראַנפן, און מע איז געקומען צו אזא מין ספּראָווע: אזוי ווי כוועדאָר איז אליין דער וואָלאָסטנאָי שרײַבער, זאָל ער זיך מודה זײַן און אָפּגעבן אלצדינג, וואָס ער האָט דורך דער מויד בא די ליפשיצעס אוועקגעלאַקכנט, וועט מען אים נאָר מעקײַעם פּסאק זײַן, דאָס הייסט, פון דער גרינג אָנשמײַסן, און מע וועט מאכן א שווײַג. און צו דער מויד האָט מען זיך גענומען מיט גוטע רייד, אז איבער-געבן זי אין גוישע הענט וויל מען ניט בעשום-אופן, כאָטש זי איז אן אשמעדײַ, א הולטײַקע און ערגער פון א מעשומעדעס... מע פאָדערט פון איר נאָר, זי זאָל אויסזאָגן, ווו די פּערל און די איבעריקע זאכן זײַנען, און מע גיט איר א טיִאס-קאפּ[1], אז מע נעמט זי צו אין שנאָט ארײַן און מע גיט איר א כאָסן, טאקע שוין און טאקע באלד און אפן שענסטן אופן, מיט קלעזמער און מיט כאסענע-קליידער און מיט א כופּע-וועטשערע, ווי אן ערלעכער, א קאָשערער ייִדישער טאָכטער—קיין פויגל וועט ניט וויסן פון דער גאנצער מײַסע, קיין האָן וועט ניט קרייען!

און אזוי איז דאָס טאקע געווען. א כאָסן האָט מען איר געגעבן א יונג מיט ביינער, מוישע-הערש האָט ער געהייסן, א דאמסקי שנײַ-דער. די ראבינאָוויטשעס זײַנען געווען די מעכוטאָנים און די אונ-טערפירער. אפ דער כאסענע איז געווען די גאנצע שטאָט און אויך „נאטשאלסטווע”. מע האָט אויסגעטרונקען אָן א שיר פלעשער מיט ווײַן און מיט ביר, און ניסל ראבינאָוויטש מיטן סטאנאָוואָי פּריס-טאוו האָבן ביידע אזוי געטאנצט, אז מע האָט באדארפט גיין קוקן אפ כידושים!

נאָך דער כאסענע איז פייגעלע געוואָרן ניט צו דערקענען.

---

1 געמיינט: מע קאווירט איר, מע גאראנטירט איר.

פרום ווי א רעבעצנ, ניט געקוקט קיינ מאנצבל גלייכ אינ די אויגנ אריינ, אונ מיט נאָכעם וועוויקס ייִנגלעכ איז זי גייכ ווי קיינמאָל ניט געווענ באקאנט. אונ אז מע האָט באדארפט אינ שטאָט עמעצנ מאכנ א נעדאָווע, נעמענ א פאטשיילע אונ גיינ איבער די הייזער, איז זי געווענ פונ די ערשטע. אז מע שמועסט אנ אישע קשיירע[1], א גאבעטע, איז דאָכ ניט שייעכ! נאָר איינס צום אנדערנ געהער זיכ ניט אָנ: איר מיידלשער נאָמענ „פייגעלע-אשמעדיי‟ איז איר פארבליבנ אפ אייביק. וועגנ דעם האָבנ שוינ געזאָרגט נאָכעם וועוויקס קונדייסים, אונ מער פונ אלע—דער מיטלסטער אונ דער גרעסטער קונדעס, דער שרייבער פונ די דאָזיקע געשיכטנ.

16

די מישפּאָכע

דריי ברידער — דריי פארשיידענע טיפּנ. — א „דיעלאָ‟ מיט „קאזנא‟. — דער פעטער פיניע טאנצט אפ לייכטער.

דער פאָטער פונעם העלד פונ די דאָזיקע באשרייבונגענ, נאָכעם וועוויקס, האָט געהאט נאָכ צוויי ברידער: פיניע וועוויקס אונ ניסל וועוויקס—דער, וואָס איז אויבנ דערמאָנט. אונ אנ אנטיק איז דאָס, וואָס יעדער פונ די דריי ברידער איז זיכ געווענ א טיפּ פאר זיכ אונ קיינ ברעקל ניט געראָטנ איינס אינ דאָס אנדערע. דער עלטערער, נאָכעם וועוויקס, איז געווענ, ווי מיר ווייסנ שוינ, א מישמאש פונ א כאָסיד אונ א מאסקל, א פילאָזאָפ אונ א שיינער דאווענער, א לאמדנ אונ א כאקרענ, אונ בעטעווע א מענטש א שטילער, א פארבאָרגענער אונ א גרויסער באל-מאָרעשכוירע. דער אנדערער, פיניע וועוויקס,—דער איז געווענ שוינ גאָר א גרויסער יעריי-שאָמאַיִם, מיט גאָר א לאנגנ טאלעסקאָטנ[2], א שיינער ייִד, איכ מיינ טאקע א שיינער אפנ פּאָנעמ, מיט א שיינער באָרד, שיי[illegible]ע, ש[illegible]ייכלענזיקע אויגנ, אונ בעטעווע זייער א לעבעדיקער, א מענטש, וואָס קאָהאָלט זיכ, א קאָכלעפל, א בעריע א מויעל,

1 געמיינט: זייער א פרומע פרוי.

2 א פירעקיק שטיקל צייג, אינ אלע פיר עקנ איינגעפלאָכטנ ציצעס (אזעלכע קוטאסנ). רעליגיעזע ייִדנ טראָגנ א טאלעסקאָטנ אונטער די אויבערשטע קליידער.

24—240

כאָלילע ניט צוליב געלט, נאָר פּאַשעט לעשעמ מיצווע. מיט איינעמ וואָרט, דאָס איז געווענ א ייִד פונ הו-הא, שטענדיק פאַרטראָגנ אינ פרעמדע געשעפטנ, לאַדענישנ, דולנישנ, פּאוליאָנעשנ, אויסגלייַכענישנ, אַלמאָנעס, יעסוימימ אונ גלאַט אָרעמעלייַט. הייַנט ווי איז עפּעס גאַבאָעס אינ בעסמעדרעש, אינ קלויז, אינ כעווורע-קאַדישע[1], אינ כעווורע-מישנאַיעס[2] אונ כעווורע-טילימ[3]? איכ האָב מוירע, אַז דאָס איז בא אימ געווענ טייַערער פונ אַנ אייגענעמ מאַרק אָדער א יאַריד. רעבע-געלט האָט דאָס אימ אויכ געקאָסט גענוג. נאָר ווייַל ס'איז א מיצווע, וואָס מאַכט דאָס אויס? אַדרעבע, וואָס מער עס קאָסט רעבע-געלט, אַלצ גרעסער איז די מיצווע, אונ באַקלאָגנ זיכ דערופ טאָר מענ ניט, וואָרעמ דעמאָלט איז שוינ די מיצווע אויס מיצווע.

לעמאָשל, עס געדענקט זיכ א מייַסע: איינמאָל האָט געצאָלט זייַנ „טאָרגעס“ אַפ דער „פּאָטשט“. ביכדיי מע זאָל זיכ ניט שמייַסנ אינ די מעלאָכימ אונ מע זאָל צו דער פּאָטשט ניט דערלייגנ קיינ געלט, זייַנענ ייִדנ געפאַלנ אַפ א האַמצאָע, אַז דער, וואָס וויל נעמענ די פּאָטשט, זאָל צעטיילנ צווישנ די קאָנקורענטנ א געוויסע סומע געלט, וועט מענ אימ ניט קאַליע מאַכנ די מעקאָכימ. נאָר די קאָנקורענטנ אַליינ וועט מענ דאָכ ניט גלייבנ, לייגט מענ אייַנ דאָס געלט אינ א זיכערנ אָרט אונ מע גייט אַפ די טאָרגעס. אונ וואָס קאָנ זייַנ נאָכ א מער זיכערער אָרט, ווי בא מיניע וועוויקנ? האָט מענ אייַנגעלייגט בא אימ דאָס געלט אונ מע איז אַוועק אַפ טאָרגעס, אונ דער, וואָס האָט דאָס געלט אייַנגעלייגט, האָט אָפּגעטאָנ א שפּיצל, זיכ קלוימערשט פונ די טאָרגעס אַרויסגעגליטשט, דאָס געלט צוגענומענ אונ עפּעס דערנאָכ אַרויסגעשטעלט אַלעמענ א שיינע פייַג. אַוודע האָבנ די קאָנקורענטנ געמאַכערט ווי מע דאַרפ, אונ מע האָט צומ ערשטנ א נעמ געגעבנ זיכ צו יענעמ פּאַרשוינ, וואָס האָט דאָס געלט געגעבנ, אונ דערנאָכ צומ צווייטנ פּאַרשוינ, וואָס דאָס געלט איז געווענ בא אימ אייַנגעלייגט: רעב ייִד, זייַט זשע מויכל, וואָס

1 א רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיכ מיט באַגראָבנ טויטע לויטנ ייִדישנ ריטואַל.

2 א רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיכ מיט לערנענ מישנאַיעס (דער עלטערער טייל פונ טאַלמוד).

3 א רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס קלייַבט זיכ צונויפ אַפ צו לייענענ צוזאַמענ דעמ ביבלישנ בוכ „טילימ“.

איז דאָ געווענ פאר א מײַסע? האָט זיי נעבעכ פיניע וועוויקס דערציילט די מײַסע, ווי דער עמעס איז. האָט מענ אימ געכישפעט פאר באגאנווענענ „קאזנא", אונ דאָס גליק איז געווענ, וואָס אפנ אָרט פונ טורמע האָט מענ אימ אָפגעמישפעט נאָר מיט געלט-שטראָפ.

מיינט איר אוודע, אז דאָס האָט אימ אָנגעלערנט? האָט איר א טאָעס. יענעמס געשעפטנ, דאָרט, ווו סע שמעקט מיט קאָהאָל אונ מיט א טרווע פאר א יידנ, זײַנענ בילכער פונ אייגענע געשעפטנ. אוועקווארפנ, לעמאָשל, א מארק אָדער א יאריד אונ לויפנ אפ א בריס — פונ דעמ שמועכט מענ ניט. דערופ איז מענ דאָכ עפעס א מויעל בא יידנ. אָדער כאסענע מאכנ אנ אָרעמע יעסוימע אונ טאנצנ מיט די אָרעמע מעכוטאָנימ א גאנצע נאכט — דאָס איז דאָכ אוודע א גרויסע מיצווע, וואָס ניט צאָפ קומט עס צו דער האנט.

ריידנדיק פונ טאנצנ, איז זיכ שווער אײַנצוהאלטנ אונ ניט באווונדערנ, פונ וואנענ האָט זיכ גענומענ צו אָט אזא יידנ א יעריי-שאָמאימ, ער זאָל קענענ טאנצנ, אונ נאָכ אזוי שיינ טאנצנ? ווו האָט ער זיכ דאָס געלערנט, לעמאָשל? אונ ווער איז געווענ זײַנ רעבע יענע יאָרנ? טאנצנ א „כאָסיד", א „קאָזאק" אונ א „פאָניע"— פונ דעמ איז אָפגערעדט.

— שטיל זאָל זײַנ! רעב פיניע וועוויקס וועט טאנצנ א „כאָסיד"!

— צערוקט זיכ, אוילעמ! רעב פיניע וועוויקס וועט גיינ א „קאָזאק"!

אָדער:

— ווײַבער, אפ א זײַט! רעב פיניע וועוויקס וועט אונדז ווײַזנ א „פאָניע"!

אונ דער גאנצער אוילעמ צערוקט זיכ, מאכט א ווארע. אונ דער פעטער פיניע „טאנצט א כאָסיד", „גייט א קאָזאק", אָדער ער „ווײַזט א פאָניע", אונ דער אוילעמ שטייט אפ קעפ. אינ לוי ראָאסאָ[1]!

וואָס אָרעמער ס'איז געווענ די כאסענע, אלצ גרעסער איז געווענ די סימכע. דאָס הייסט, וואָס די מעכוטאָנימ זײַנענ געווענ גרעסערע אָרעמעלײַט, אלצ מער האָט דאָרט דער פעטער פיניע געטאנצט אונ באוויזנ אזעלכע קונצנ, וואָס טאקע אינ לוי ראָאסאָ — אונ טאקע נאָר לעשעמ מיצווע, ביכדיי צו מעסאמייעכ זײַנ כאָסנ-קאלע. מע האָט באדארפט אפ כידושימ גיינ זענ פיניע וועוויקס, ווי ער טאנצט „אפ לײַכטער" מיט ברענענדיקע ליכט, אָדער „אפ א שפיגל", אונ אזוי

1 קיינ אויג האָט אזוינס גאָר ניט געזענ.

גרינג, אזוי גראַציעז, ווי דער גרעסטער פֿון די הײַנטיקע טענצער פֿון דער וועלט. אזא מין טאנצן וואָלט מען הײַנטיקע צײַטן געקאָנט ווײַזן אפֿ בילעטן און מאכן א סאך געלט. די קאַפּאָטע אראָפּגעוואָרפֿן, דעם טאַלעסקאָטן ארויסגעצויגן, די ארבל פֿארקאַטשעט, די הויזן בע־מײלע ארײַנגעשטעקט אין די שטיוול, און די פֿיס קוים־קוים וואָס זיי באַרירן די ערד, און דער קאָפּ איז פֿארוואָרפֿן אַרופֿ, די אויגן צו, אפּן פּאָנעם זעט מען היספּײַלעס מיט היסרוימעמעס[1], ווי בעשאַס דאַווענען. און די קלעזמער שפּילן א ייִדישע זאך, און דער עולעם פּליעסקעט, און די ראָד ווערט אלעמאָל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, ארויסמײַדנדיק די לײַכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, גייט ארײַן וואָס ווײַטער אין אלץ מער היספּײַלעס און אין אלץ מער היסרוימעמעס־האַנעפֿעש[2] — ניין, דאָס איז ניט געווען קיין טאנצן! איך וואָלט געזאָגט, אז דאָס איז געווען גיכער א מין אווודאַס־האַ־בוירע, א ריינע גאָטעס־דינסט. און איך שטעל זיך אָפּ און פֿרעג נאָכאמאָל די אייגענע קאַשע: פֿונוואַנען האָט זיך גענומען צו אָט אזא ייִדן א יערײ־שאָמאַיִם, ער זאָל דערגרייכן אזוי ווײַט אין דער קונסט פֿון טאנצן? ווו האָט ער זיך עס אויסגעלערנט? און ווער האָט געקאָנט זײַן דער רעבע זײַנער?

פֿארעדט זיך וועגן טענץ, האָבן מיר דערווײַל פֿארגעסן דעם דריטן ברודער, ניסל וועוויקס, פֿון וועלכן מיר וועלן זאָגן עטלעכע ווערטער אינעם ווײַטעריקן קאַפּיטל.

17

דער פֿעטער ניסל און די מומע האָדל

דער פֿעטער ניסל „הוליעט“. — א כאָשעוו בא „באַטשאַלסטווע“. — א ווײַב א צאָרע. — זיך פֿארשטעלט פֿאַר א טשינאָווניק, אָנגע־ארבעט א כאַסענע, אוועק קיין אמעריקע. — א ניצעץ[3] פֿון א פּאָעט.

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נאָכעם און פּיניע וועוויקס, זײַנען געווען כסידים, איז דער דריטער, דער ייִנגסטער ברודער, ניסל וועוויקס, אָדער ווי ער האָט זיך שוין די לעצטע צײַט גערופֿן בא

1 דערהויבנקייט.

2 דערהויבנקייט פֿון דער נעשאָמע.

3 א פֿונק.

זײַנ פאַמיליע-נאָמענ, ניסל ראַבינאָװיטש, געװענ שױנ גאָר אַ װעלטלעכער, געטראָגנ זיכ װי אַ שטשאָגעל: הינטנ אינ דער קאַפּאָטע אַ שפּאַלט. — דאָס האָט געהײסנ יענע יאָרנ מײַע פּראַנט, אָדער מײַסע דײַטש — לאַקירטע שטיװלעטנ מיט שפּראָנזשיקעס אונ שטאַרק-שטאַרק אױסגעבױגענע פּײעס. אונ געהאַלטנ האָט ער זיכ דעמאָקראַטיש. דהײַנו: אינ בעכמעדרעש האָט ער געדאַװנט, װי אַלע פּאָרנעמכטע באַלעבאַטימ, אָנ אָרט אינ מיזרעכ, נאָר געזעסנ איז ער אױפ דער לעזשאַנקע אינ פּאָליש, געהאַלטנ אַ כומעש מיטנ „ביור“[1] אונ דערצײלט, דאַפּקע פאַרנ פּראָסטנ עולעמ, מײַסעס פונ רעב מױשעלע װײַנשטײנ, פונ מאָנטעפיאָרענ אונ פונ ראָטשילדנ אױכ. דערצו האָט ער געהאַט אַ באַכאָװנע שטימ, געקאָנט שײנ זינגענ, ליב געהאַט אַ סאַכ לאַכנ אונ געקאָנט מאַכנ לאַכנדיק יענעמ. מײנסטנס האָבנ פונ אימ געלאַכט װײַבער אונ מײדלעכ — די זײַנענ מאַמעש צעגאַנגענ פאַר געלעכטער, אַז ער האָט נאָר געװאָלט. מיט װאָס ער האָט זײ גענומענ — איז שװער צו װיסנ. נאָר ס'איז געװענ גענוג, ער זאָל זײ זאָגנ אײנ װאָרט — אונ די געלעכטערנ זײַנענ שױנ געגאַנגענ ביזנ הימל.

הײַנט װאָס פאַר אַ „הוליאַק“ איז דאָס געװענ! אָנ אימ אַ כאַסענע איז געװענ אַ לעװײַע, ניט קײנ כאַסענע. ניסל װעװיקס, אָדער ניכל ראַבינאָװיטש, האָט געקאָנט מעײַע-מײסימ זײַנ, אַ גאַנצע װעלט מאַכנ רײדעװודיק, לאַכנדיק אונ טאַנצנדיק. דער כילעק צװישנ אימ אונ צװישנ פעטער פּיניע איז געװענ, װאָס דער פעטער פּיניע האָט געקענט טאַנצנ, אונ דער פעטער ניכל האָט געקענט מאַכנ טאַנצנ אַנדערע. אַלע אונ אַלצ האָבנ מיט אימ אױפ אַ סימכע מיטגעטרונקענ, מיטגעזונגענ אונ מיטגעטאַנצט. דער ערשטער איז געװענ דער סטאַנאָװאָי פּריסטאַװ. מיט אימ האָט ער זיכ געביטנ מיט די היטלענ — אונ ס'איז געװענ לײַהודימ.

ביכלאַל איז ניסל ראַבינאָװיטש געװענ מיט נאַטשאַלסטװע אױסגעבונדנ אונ האָט געפירט דאָס שטעטל בעיאַד ראָמאָ, גלײַכ װי ער װאָלט אַלײנ געװענ אַ נאַטשאַלניק, אַ טשינאָװניק. דערצו האָט ער געהאַט אַ פּע-קאָריש[2], גערעדט רוסיש, װי אַנ עכטער פּאָניע: „מעזשדו

1 אַ קאָמענטאַר אױפ דער טױרע, װעלכנ די רעליגיעזע ייִדנ האָבנ געהאַלטנ פאַר אַפּיקאָרסיש.

2 געמײנט: אַ מױל צומ רײדנ.

פּראָכשים, וואשא מילאָכט, פּאָזוואָלטי וואמ פּאָקוריט נא נאש שטשאָט אי טשטאָבי ניע בילאָ ניקאקיכ קאקיוו!"... (זייט זשע מויכל, איכ איינ־וועגס פאַרייכערט אונדזערנ א פּאַפּיראָס, אונ אָנ א שום כערעצ!). ניט נאָר ייִדנ — גויים האָבנ כאר אים געהאט דערעכערעצ: „כאָדים דאָ מיסעליא: וויכ אי דילאָ סקאזשע, אי טשארקא הורילקא בידע" (לאָמיר גיינ צו ניסלענ: אי אייסעק וועט ער אונדז זאָגנ אי א גלעזל בראנכנ וועט זיינ).

קאָהאָנ זיכ האָט ער נאָכ מער ליב געהאט, ווי דער פעטער פיניע. שטענדיק האָט ער זיכ מיט עמעצנ, אָדער פאר עמעצנ, גע־לאָרנ, אונ אים האָט זיכ אויסגעמאָלט, אז ער ווייסט אלע זאקאָנעס. א קלייניקייט — א ייִד רעדט אזוי גוט רוסיש, אז ס'איז גאָר ניט צו דערקענענ, אז דאָס רעדט א ייִד, אונ דערצו איז ער אזוי אויסגעבונדנ מיט נאטשאלסטווע, פּאטשט דעם סטאראָסטע, ווי א הונט, שיקערט מיטנ כטארשינא א גאנצע נאכט טאקע בא זיכ אינ שענק, אונ מיטנ סטאנאָוואָי פּריסטאוו קושט ער זיכ, ווי מיט א ברודער!..

נאָר אפ וויפל דער פעטער ניסל איז געווענ א כאָשעוו אינ שטאָט, אפ אזויפיל איז ער געווענ ניט קיינ כאָשעוו בא זיינ אייגנ ווייב, בא דער מומע האָדל (אלע גרויסע מענטשנ זיינענ בא זייערע ווייבער גאָרנישט!). די מומע האָדל איז געווענ א ווייבעלע א קליינס אונ א שווארצס, נאָר דאָס דאָזיקע קליינע ווייבעלע האָט געהאלטנ איר גרויכנ מאנ אינ דער מוירע — איימאס מאָוועס[1]!

עס איז געווענ צו באוונדערנ, ווי אָט דער גרויסער הויכער פּע־טער ניסל, דער כאָשעוו בא נאטשאלסטווע, וואָס רעדט אזוי גוט רוסיש, אונ דער שטענדיק פריילעכער אונ אויסגעפּוצטער קאוואלער אונ אָנגעלייגטער גאסט בא ווייבער, איז א באלנ געווענ צו כאפּנ כונ זיינ אייגנ קליינ־געוואקסנ ווייבעלע אָדער מיט א קישעלע אי־בערנ קאָפּ, אָדער מיט א נאסנ בעזעמ איבער דער אויסגעפּוצטער קאפּאָטע! צומיינסטנ האָט זי ליב געהאט אים בעזעמענ דאפקע יאָמ־טעוו, אונ דאפקע סימכאסטוירע, אונ דאפקע פארנ גאנצנ אוילעמ אינ די אויגנ: „לאָז מענ וויסנ וואָס פאר א מאנ זיינ ווייב האָט!"... ער אָבער האָט דאָס אָנגענומענ פאר א קאטאָוועס, זיכ פארעלאָכנ מיט אלע ייִדנ אינ זאל, אופגעעפנט פלעשער מיט ב אנפנ, אופגעשלאָגנ אלע פּנסלעכ מיט געזייערטע אוגעורקעס אינ קעלער,

---

1 טויט־שרעק.

אַרויסגענומענע אַלע טעפּ און טעפּלעך פונעם אויוון — געמאַכט אַ כּורבן, אַ פּאָגראָם אין שטוב, און אָפּגעקרענקט נאָכדעם דערפאַר פון דער מומע האָדל דרײַ וואָכן קעסיידער. ס׳איז אָבער געווען קעדײַ — מע האָט זיך גוט אָנגעהוליעט!

שענער פון אַלצדינג איז געווען דאָס, וואָס דער פעטער ניסל האָט אַן דער מומע האָדל ניט געטאָן פונדאַנען אַהין. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסן באַרדאַס; ניט מער, פלעגט ער אָפּ איר מעלאַמעד-זכוס זײַן[1], זי איז פון קאָרסון, אַ שטאָט אַזעלכע אין קיִע-ווער גובערניע, און די קאָרסונער זײַנען אַלע „ספּילשליוועס"... צו דערצו איז דאָ נאָר איין רעפּוע — האָט ער געזאָגט: — פּערל. אַז גאָט זאָל אים העלפן, ער זאָל איר קאָנען קויפן גרויסע פּערל, וואָלט איר כאַראַקטער, זאָגט ער, זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. „איך ווייס נאָך אַ בעסערע רעפּוע", — האָט אים דער עלטערער ברודער נאָכעם געפּרוווט עפּענען די אויגן און האָט אים אַרײַנגערוקט אַ סאָד אָפּן אויער, פון וועלכן דער פעטער ניסל איז געוואָרן אַן אופגעציטערטער:

— זאָל גאָט היטן! זאָל דער אייבערשטער שוימער-אומאצל זײַן!

— כאָלג מיך, ניסל! טו ווי איך זאָג דיר, וועט דיר זײַן אַז גוט און אַז ווילל!..

אין וואָס די דאָזיקע אייצע איז באַשטאַנען, האָט זיך אַרויסגע-וויזן ערשט הערט-הערט שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום. דעם דאָזיקן סאָד האָט די מומע האָדל אַליין צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט דער-מיט, וואָס זי האָט געטאַדלט און געשימפּט[2], געשבּירט און געשאָלטן די גאַנצע מישפּאָכע פון איר מאַן: „די מישפּאָכטערע" — קיין אַנדער נאָ-מען האָבן בײַ איר די ראַבינאָוויטשעס ניט געהאַט. „שלאָגן אַ ווײַב איז בײַ זיי אַ וואָכעדיקער גאַנג... נאָר ס׳וועט זיי פריִער אָפּדאַרן די האַנט, איידער זיי וועלן זיך צורירן"...

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוווּסט פונעם סאָד, אַז ניסל ראַבי-נאָוויטש האָט נעבעך אָפּגעשניטענע יאָרן פון זײַן ווײַב, כאָטש אַפילע בײַ דער וועלט איז ער אַ טאַקעפּ און בײַ נאַטשאַלסטווע אַ גאַנצער קאָכ־עפּל. האַלעווײַ וואָלט ער ניט געווען אַזאַ טאַקעפּ! וואָרעם דאָס, וואָס ער איז געווען אַ טאַקעפּ, האָט אים, אייגנטלעך, אָפּגעקוילעט און סאָפּקאָלסאָפּ גליקלעך געמאַכט אים. מיט די קינדער און קינדס-

---

1 דאָ: פאַרענטפערן.

2 געזידלט.

קינדער אפ אייביקע יאָרנ. וועגנ דעמ ווערט דערציילט א מײַסע, וואָס שמעקט אויכגעטראכט צו זײַנ, נאָר איכ גיב זי איבער, ווי איכ האָב זי געהערט.

אינ א קליינ שטעטל, ניט ווײַט פונ וואָראָנקאָ, דאכט זיכ, אינ בערעזאנ, האָבנ גוייִמ געמאכט א פריגאָוואָר אפ א ייִדנ, אז מע זאָל אימ ארויכטרײַבנ. וואָס טוט מענ? איז מענ געקומענ צו לויפנ צו ניסל וועוויקס, אָדער צו ניסל ראבינאָוויטש: כטײַטש, אזא כאָשעוו בא נאטשאלכטווע, וואָס רעדט אזוי גוט רוסיש אונ קושט זיכ מיטנ סטאנאָוואָי פריסטאוו!.. דער פעטער ניסל האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ צומ פריסטאוו — ער קאָנ דאָ גאָרניט העלפנ: דאָס ווענדט זיכ נאָר אינעמ „סכראוונִיק”. אונ דער כפראוונִיק איז, ערשטנס, א נײַער מענטש אונ, צווייטנס, א גרויסער האָמענ! וואָס זשע טוט מענ ווײַ־טער? ווי לאָזט מענ דאָס „ראזאָרענ” א ייִדנ אונ מאכנ א טאָל פונ א גאנצער מישפּאָכע? „וואַרט נאָר אויס א ביסל, בודיעט דיעלאָ וושל'אפע — ס'וועט זײַנ רעכט!” — אזוי האָט געזאָגט דער פעטער ניסל אונ האָט אָפגעטאָנ גאָר א קלייניקײַט: ער האָט געקריגנ די גאנצע אוניפאָרמ, וואָס א טשינאָווניק טראָגט, האָט זיכ פארשטעלט פאר א „ספראוונִיק”, געכאפט א פאָטשט אונ איז ארײַנגעפאָרנ אינ דאָרפ ארײַנ מיט א גלאָק, אונ האָט געשיקט רופנ צו זיכ דעמ כטאר־ענא מיט דער גאנצער „הראָמאדע”, אונ האָט זיכ צעשריענ אפ זיי: „קאק ווי כמעיעטיע, טאכיִע־סיאקיִע?!” אונ געטופעט מיטנ פוס, ווי אנ עמעסער ספראוונִיק, אז ס'איז ניט „פאָ־זאקאָנו”, אונ האָט צעריכנ דעמ פריגאָוואָר אפ שטיק־שטיקלעכ אונ אָנגעזאָגט זיי, אז טאָמער דערוועגנ זיי זיכ קלאָגנ אפ אימ צומ גובערנאטאָר, זאָלנ זיי וויסנ, אז ער, דער נײַער כפראוונִיק הייסט עס, איז טאקע דעמ גובערנא־טאָרס אנ אייגענער פעטער, פונ דער מאמעס צאד, אונ זײַנ ווײַב געהער זיכ אָנ א שטיקל קרווע מיטנ „מיניסטער אָוונוטרעניכ אי וונִיעשניכ דיעל”!..

ווער עס האָט געמאסערט — ווייסט מענ ניט. נאָר די געשיכטע מיטנ צעריסענעמ פריגאָוואָר אונ די מײַסעס מיטנ גובערנאטאָר אונ מיטנ „מיניסטער אָוונוטרעניכ אי וונִיעשניכ דיעל” זײַנענ ארופ, ווי בוימל אפנ וואסער, אונ ס'איז געוואָרנ א „דיעלאָ”, אונ מע האָט אימ מעכילע אײַנגעזעצט אונ געמישפּעט, אונ דער שפּיץ איז געווענ, אז דער בראווער פעטער ניכל האָט נעבעכ געמוזט ווערנ א בוירייקעכ, פאָשעט, הייסט עס, נעמענ אונ אנטלויפנ. עס האָט זיכ אימ אײַנ־

געגעבן — ער איז אַנטלאָפּן, האָט זיך פריִער אָפּגעוואַלגערט א שטיקל צײַט אין אָדעס, זיך געמאַכט א נײַעם פּאַס מיט א נײַעם נאָמען און איז אוועק קין אַמעריקע, אוש קיין קאַנאַדע, די ערשטע צײַט גוט אויסגעריסן געווען, נאָר אין א פּאָר יאָר אַרום האָבן אָנגעהויבן גיין פון אים „ל׳טערס"[1], אַז ער „מאַכט א לעבן". שפּעטער האָט ער אַריבערגעצויגן אַהין זײַן גאַנצע מישפּאָכע, וועלכע האָט אויך געשריבן בריוו, אַז זיי „מאַכן א לעבן". נאָכדעם זײַנען אָנגעקומען פון זיי אַלעמען זייער שיינע „פּיקטשורס"[2] — גראַפּן, עמזסדיקע ס׳אָרעס! נאָר ווי־אַזוי מע „מאַכט א לעבן" און ווי־אַזוי איז בכלל דאָס לעבן אין אַמעריקע — דאָס האָט מען ניט געקאָנט פון זיי אַרויסבאַקומען בשום־אופן.

עס איז העט־הערט, אין א יאָר עטלעכע און דרײַסיק אַרום, אין עם יאָר 1905/6, אין דער צײַט, ווען דער, וואָס שרײַבט די דאָזיקע ביאָ־גראַפיע, האָט אַליין באַדאַרפט אַריבערוואַנדערן איבערן יאַם און איז געקומען בשלום קיין אַמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באַקומען גענויע ידיעות וועגן זײַן פעטער. איז ער געוווירע געוואָרן, אַז דער פעטער ניסל איז שוין א שויכן־אָפּאָר[3], נאָר ער האָט איבער־געלאָזט א שיינעם נאָמען און א שיינע פּאַרמעגן. זײַנע קינדער און זײַנע אייניקלעך זײַנען דאָס, וואָס מע רופט אין אַמעריקע: אָלרײַט.

דאָס בילד פון עם פעטער ניסל וואָלט אָבער ניט געווען אינגאַנצן, ווען מיר זאָלן דערבלאָזן נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיקן מענטשן איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען א פּאָעט; ער האָט ליב געהאַט זינגען ייִדישע לידער, אייגענע. אין דער צײַט, וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה, האָט ער באַשאַפן א ליד אַז זיך אַליין, אין ייִדיש, נאָכן אַלפבית, און א שיינע מעלאָדיע דערצו, — א מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע אייזורים. וויפל גאַלאַנטן זײַנען בײַ אונדז אָט אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען, וואָס מע ווייסט פון זיי גאָרניט!..

1 בריוו.

2 כאָטאָגראַפיעס.

3 א געשטאָרבענער.

18

פינעלע שימעלעס פאָרט קיינ אָדעס

שימעלע רעדט מער אפ גויִיש. — דערציילט גרויסקייט פונ עזראָסינ. — קלייבט זיכ אריבער קיינ אָדעס. — זיינ זונ פינעלע האָט אנ אָפּעראַ־ציע. — אנ ארבעסל אינ אויער. — דער אָפּשייד־ווארעמעס.

דעמ העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט זיכ אויסגעוויזנ, ווי עס ווייזט זיכ אויס מיסטאמע יעדנ ייִדישנ יינגל, אז זיינ שטעטל — דאָס איז דער מיטלפונקט פונ דער וועלט, דער סאמע נאָפּל פונ דער ערד, אונ זיינע יידנ — דאָס זיינענ די אויסדערוויילטסטע בא גאָט, וואָס צוליב זיי איז באשאפנ געוואָרנ די דאָזיקע וועלט, אונ, פאר־שטייט זיכ, אז אינ דער שפּיצ פונ די אויסדערוויילטסטע שטייענ וועוויקס קינדער, די ראבינאָוויטשעס, אונ דער ראָש-וועדישנ[1] אונ דער סאמע שפּיגל, דער סאמע צימעס פונ די ראבינאָוויטשעס — דאָס איז געוויס זיינ טאטע, נאָכעמ וועוויקס. וואָרעמ ווער זיצט אינ בעס-מעדרעש אויבנאָנ אינ מיזרעכ-וואנט, דער צווייטער פונעמ ראָוו, באמ סאמע אָרנקוידעש? צו וועמענ קומט מענ צום-אליִמ-ערשטנ גוט-יאָמ-טעוו בעטנ? אונ צו וועמענ קלייבט מענ זיכ צונויפ אלע שאבעסצו-נאכטס אפ מעלאווע-מאלקע[2] אונ מע טרינקט אונ מע זינגט אונ מע טאנצט אונ מע הוליעט ביזנ ווייסנ טאָג אריינ? ניינ, ניטאָ קיינ שע-נערס פונ זיינ מישפּאָכע. ניטאָ קיינ רייכערס פונ זייער שטוב. ניטאָ קיינ גרעסערער פונ זיינ טאטנ. ניטאָ קיינ פרימערער פונ זיינ פעטער פיניע. ניטאָ קיינ פריילעכערער פונ זיינ פעטער ניסל. אונ קוקנדיק אפ זיינ הויכנ טוכנ, נאָכעמ וועוויקס, אונטער א שאבעס אָדער א יאָמטעוו, אינ דער שיינער זיידענער קאפּאָטע מיטנ ברייטנ גארטל אונ מיט דער נאפּאָלעאָנקע אפנ קאָפּ; אָדער אפ זיינ בידעריטשקער מאמע, ביילע-עסטער נאָכעמ וועוויקס, בייס זי הייבט אופּ אירע אייד-לע, ווייסע הענט ארופּ בא ליכט בענטשנ איבער די גרויסע, הויכע, געבלאָזענע זילבערנע לייכטער, אָדער אפ דער הויכער טשעפּקער באָבע מינדע, ווי זי רעדט זיכ אויס מיט גאָט, ווי מיט א גאנצ באקאנטנ שמעלקע, אָדער אפנ פעטער ניסל דעמ גוואר, ווי ער האקט רוסיש ווי אנ עכטער פּאָניע — האָט זיכ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס הארצ

1 דער סאמע ערשטער.

2 די סודע, וואָס רעליגיעזע יידנ פראווענ שאבעסצונאכטס.

אלעמאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גאדלעס קעגן אנדערע קינ-
דער, און ער האָט געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט געהאט דאָס גליק
צו געבוירן ווערן אין דער דאָזיקער מישפּאָכע, אונטער דער דאָזיקער
גילדענער פאָן, וווּ ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווי א פּרינץ, און
זיכער, ווי אין א פעסטונג, ווי אין א קייזערלעכן פּאלאץ.

און אָט האָבן זיך פּלוצעם די זײַלן פון דער פעסטונג געגעבן
א שאָקל, דער פּאלאץ האָט גענומען אײַנבייגן זיך אַפ אומצופאלן,
און דער גאנצער קישעפ פונעם גליקלעכן שטעטל איז מיטאמאָל פאר-
שווּנדן געוואָרן. דער יונגער פּרינץ איז געווירע געוואָרן, אז
ניט דאָ איז דער נאָפּל פון דער ערד, אז ס'איז פאראן אַפ דער
וועלט א סאך, א סאך גרעסערע שטעט פון וואָראָנקאָ, און אז עס
געפינען זיך אַפ דער וועלט א סאך, א סאך רײַכערע יידן פון די
ראבינאָוויטשעס. און געווירע געוואָרן איז ער אָט דאָס אלצדינג פון
זײַן נײַעם כאווער, פינעלע שימעלעס, פון וועלכן מיר דערציילן
דאָ אינקורצן.

אויסער וועוויקס קינדער, די ראבינאָוויטשעס, איז געווען אין
וואָראָנקאָ נאָך א ייד א באַלעבאָס, פון די נ ע ג י ד י ם, מיטן נאָמען
שימעלע. דאָס איז געווען א געפּאקטער יידל מיט א קײַלעכיק בײַכל
און מיט א סימפּאטיש שמייכלענדיק פּאָנעם, דאָס מויל א ביסל אַפ
א זײַט. ער איז געווען ניט אזא גוויר, ווי א פארלעבער. „א קערבל
איז בא אים געווען א מאמזער". וויפל ס'איז געווען, האָט מען פאר-
לעבט. און אז ס'איז ניט געווען, האָט מען געבאָרגט און געליִען
און ווײַטער געלעבט א גוטן טאָג.

אין שטאָט האָט מען אים געהאלטן פאר א שטיקל אפּיקוירעס,
ווײַל ער האָט געטראָגן א „הענגקאָלנער" און א ביסל שוין צו א קײַ-
לעכיק בערדל, שטארק צוגעפּוצט; דערפאר האָט ער אָבער געהאט אן
אָפענע האנט אַפ געבן א נעדאָווע, און אינמיטן דער וואָך, אז ס'האָט
זיך אים פארגלוסט, האָט ער פארופן געסט, געמאכט א סודע פון
דער ברייטער האנט — כײַ געלעבט!

מער פון אלע ראבינאָוויטשעס האָט ער ליב געהאט דעם פעטער
ניסל, געטראָגן, גלײַך ווי ער, א צעשפּאָלטענע קאפּאָטע און שטארק
אונטערגעהאקטע פּייעס, און ליב געהאט, ווי דער שפּאָלער זיידע[1], ריידן
מיט א יידן אַפ גויִיש: „ע, ווי סוקינע דיעטי! וואָס באַלעבעטשעם

1 א כסידישער רעבע פון שטעטל שפּאָלע.

איר דוואָרים בטיילים[1]? פּאָרא באָגו מאָליטסאַ!״ אַ האַנטעריפּט האָט ער געהאַט אַ זעלטענע — אַ „קאַכוועראַבע״, דערפאַר ווײַל ער איז געווען אַ „לוואַק״ (געשריבן מיט דער לינקער האַנט, און אַלע ליוואַקעס שרײַבן אויסגעצייכנט שיין — דאָס איז דאָך יאָדוע[2]). אין דער היים איז ער אַלעמאָל געווען אַ גאַסט, נאָר אַף יאָמטעוו. אָפּגעיאָמטעוועט, איז ער ערגעץ אַוועקגעפאָרן, מע ווייסט ניט וווהין, און געקומען אַפן אַנדערן יאָמטעוו און אָנגעבראַכט אַהיים אַזויפיל מאַטאָנעס, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם און גערעדט פון שימע-לעס מאַטאָנעס אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם.

איינמאָל אונטער אַ פּייסעך איז ער געקומען פון ערגעץ צו פאָרן און אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ער פאָרט אַרויס פון וואָראָנקאָ. ווו-הין? אָ, ווײַט! זייער ווײַט! אַזש קיין אָדעס! „סקאָטינעס, האָט ער געזאָגט, זיצן אָט דאָ, אין אַזאַ העק, טשאָרט וואַס פּאָבערי! איר זאָלט זײַן אין אָדעס, וואָלט איר געוווסט, פאַ קראַסי מיר, וואָס הייסט אַ שטאָט! איר זאָלט אַ קוק טאָן באַ עפּראָסין אַ קאַנטאָר מיט סלוזשע-שטשעס, טשאָרט וואַס פּאָבערי! וויפל גאָלד דאָרט וואַלגערט זיך איבער אין איין טאָג, מעגט איר זיך עס ווינטשן פאַרמאָגן אַלע, סוקינע דיעטי, מיט מיר אינאיינעם!״...

דער אוילעם, פאַרשטייט זיך, האָט שימעלען אויסגעהערט מיט אָפענע מײַלער, זיך געכידעשט אַף עפּראָסיס קאַנטאָר און אַפן געלט, וואָס דאָרטן וואַלגערט זיך איבער אַ טאָג; נאָר הינטער די אויגן האָט מען געמאַכט כויזעק סײַ פון שימעלען סײַ פון עפּראָסיס קאַנטאָר. און מער פון אַלעמען האָט כויזעק געמאַכט שמועל-עליע דער נײַער דאָוו און כאַזן, וואָס איז נאָרוואָס אַראָפּגעקומען פון באָרישפּאָליע, אַ יונגערמאַן אַ קלוגער און אַ גרויסער שייגעץ, אַן אויס-מעכוצעפּ-פּאָנעם[3]. ער האָט געזאָגט: „שפּײַט אים אין פּאָנעם, אָט דעם שימעלען! ערשטנס, פאָרט ער גאָר ניט אַוועק; וועהאַשייניס[4], איז ניט קיין אָדעס, נאָר אַ ביסל נעענטער, קיין רזשישטשעוו, און ניט ווײַל די היגע מענטשן זײַנען סקאָטינעס, נאָר פּאָשעט ווײַל ער איז אַ באַלכוייוו, די האָר זײַנען ניט זײַנע — כאַ-כאַ-כאַ!״

נאָר וויאַזוי די מײַסע איז, צי אָדעס, צי רזשישטשעוו, צי ווײַל

1 וואָס רעדט איר פּוסטע רייד.

2 באַוווסט.

3 אַ גרויסער אויספּאָנעם.

4 צווייטנס.

די וואָראָנקאָווער מענטשנ זײַנענ סקאָטינעס, צי ווײַל ער איז א באַלכויוו, די האָר זײַנענ ניט זײַנע, — שימעלע האָט ניט געמאַכט קיינ לעצאָנעס: ער האָט באַלד נאָכ פּייסעכ גענומענ אַ ספּאַר־קויפּנ דאָס באַלעבאַטישקײַט פאַר האַלב געלט, א סאַכ זאַכנ האָט ער צעגעבנ אומיסט, אויסגעקלײדט די מיידלעכ אַזוי ווי די קאַלעס, אונ פאַר די יינגלעכ באַשטעלט בײַ יִסראָעל דעמ שנײַדער קורצע ווײַטיקלעכ[1], ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער שטאָט ווי אָדעס. אונ בכדי דאָס שטעטל זאָל נאָכ מער קאָכנ, האָט שימעלע באַפוילנ העניענ. זײַנ ווײַב, זי זאָל מאַכנ א סעודע — מילכיקע וואַרעניקעס, טשאָרט איכ פּאָבערי — פאַר דער גאַנצער שטאָט!

פאַרשטייט זיכ, אַז געקומענ אַפ דער סימכע זײַנענ אַלע, די גאַנצע שטאָט, אונ דער ערשטער איז געווענ דאָפּקע שמועל־עליע, דער בײַער ראָוו אונ כאַזנ, וואָס האָט הינטער די אויגנ אַזוי כויזעק געמאַכט פונ שימעלענ, געמאַכט פונ אים גאָר אויסצודרייענ; דערפאַר האָט ער אָבער אינ די אויגנ אים אַזוי געכאַנפעט, אַז עס האָט פּאָ־שעט געשלאָגנ צו דער גאַל!

איניינעמ מיט די גרויסע זײַנענ געקומענ צו דער סעודע, וואָס שימעלע האָט געמאַכט, אויכ קליינוואַרג. נאָר אָנשטאָט דעמ, זײ זאָלנ זיצנ אינ שטוב גלײַכ מיט אַלע, זײַנענ זײ בעסער געווענ אינ דרויסנ בײַ די בוידנ, זענ ווי מע פּאַקט זיכ אינ וועג אַרײַנ. אונ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס האָט זיכ מיט דעמ יינגסטנ פונ שימעלעס קינדער, מיט פינעלענ, א יינגל מיט א פאַרזאָרגט פּענעמל אונ מיט גרויסע ביינקאָוואַטע[2] אויגנ, פאַרקליבנ אינ איינע פונ די בוידנ, אַרומגעקראָכנ גאַנצ אויבנאָנ, זיכ באַזעצט אונ געשמועסט פונ דער ווײַטער נעסיע, וואָס זײ שטייט פאָר.

פינעלע שימעלעס איז געווענ אינ יענער צײַט דער סאַמע גליִענט־סטער כאַווער פונ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס — אינ אים האָט שאָלעמ ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער ווייסט אַלצדינג, וואָס אַפ דער וועלט טוט זיכ, וואָרעמ אַכוצ וואָס פינעלע האָט זיכ אָנגעהערט א סאַכ מײַסעס פונ גרויסע שטעט פונ זײַנ טאַטנ, שימעלענ, איז ער אַליינ אויכ געווענ אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פּעריאַסלאַוו, איבער א מײַסע מיט אַנ אַרבעסל.

1 געמיינט: קורצע קאַפּאָטקעלעכ.

2 קײַלעכ־אָמיקע.

פינעלע האָט, שפּילנדיק, געפּרוּווט אַרײַנלייגנ איינמאָל אַנ אָרבעסל אינ איינ אויער אַרײַנ און אַרויסנעמענ דאָס פונעמ אַנדערנ אויער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָרבעסל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ניט געוואָלט אַרויס ניט פונ דעמ אויער און ניט פונעמ אַנדערנ אויער, און עס האָט בעסער אָנגעהויבנ צו וואַקסנ בײַ אימ אַ נווייניק און אַרויסגערופנ אַזאַ קאָפּווייטעק, אַז דער קונדס האָט געמוזט אויסזאָגנ דימ גאַנצנ עמעס מיטנ אָרבעסל. האָט ער פריִער באַקומענ אַ רעכטע פּאָרציע שמיץ — „אַ ייִנגעלע זאָל ניט לייגנ קיינ אָרבעסלעכ אינ אויער אַרײַנ“, און דערנאָכ האָט מענ מיט דרעטלעכ און מיט שפּיזלעכ און מיט „כירגיקלעכ“ געפּאָרקעט אימ אַזוי לאַנג אינ אויער, ביז מע האָט אימ געמוזט אָפּפירנ אינ דער גרויסער שטאָט אַרײַנ, קיינ פּערעיאַסלאַוו, צו אַנ אָפּעראַציע.

פונ דער דאָזיקער נעסיִע אינ דער גרויסער שטאָט אַרײַנ האָט פינעלע נאָכדעמ געהאַט צו דערציילנ און צו דערציילנ גאַנצע פּעק, און ער איז ניט ווילנדיק אויסגעוואַקסנ בײַ זײַנע כאַווײרימ אינ די אויגנ מיט אַ גאַנצנ קאָפּ העכער. אַ קליינינקייט — אַ ייִנגל איז אַליינ געווענ אינ פּערעיאַסלאַוו און אַליינ געזענ מיט זײַנע אייגענע אויגנ אָנ אַ שיִער הײַזער מיט בלעכ געדעקט, מיט „פּעשעכאָדנ“ (טראָטואַרנ) אויפ אַלע גאַסנ, ווײַסע קלויסטערס מיט גרינע קופּעלעס און מיט גאָלדענע צלאָכימ, געמויערטע קלייטנ, קאַוועניעס און דיניעס גאַנצע בערג, עפּל און באַרנ אָנ אַ שיִער און אָנ אַ צאָל, וואָס וואַלגערנ זיך אויפ דער הוילער ערד, און כאָלדאַטנ, וואָס „מאַרעטירנ“ אינ די גאַסנ, און נאָכ קעדוימע אַזעלכע כידושימ וועניפלאָעס!

פונ דעמלט אָנ זײַנענ פינעלע שימעלעס און שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס געוואָרנ כאַווער, נעפּעש אַכאַט, און פאַר קיינעמ איז שימעלעס אָפּפאָרנ פונ וואָראָנקאָ ניט געווענ אַזאַ קלאָפּ, ווי פאַר שאָלעמענ! אַכוץ וואָס ער האָט מעקאַנע געווענ פינעלענ, וואָס יענער פאָרט און ער ניט, איז אימ שווער געווענ זיך צעשיידנ מיט זײַנ כאַווער, וועלכנ ער האָט ליב געקריגנ ניט ווייניקער ווי זײַנע פריִער דערמאָנטע כאַווײרימ.

בײַ זייער לעצטנ זעענעש, כאָטש געזעגענענ זיך, האָט דער גליקלעכער פינעלע שימעלעס, פּײַטשיק אויסגעקליידט און אַנ אויסגעצוואָגינער, אַרײַנגעלייגט די הענט אינ די קעשענעס און גענומענ מאַכנ כויזעק פונ וואָראָנקאָ. „וואָס איז וואָראָנקאָ? — אַ העק, אַ גרוב, אַ דאָרפ, ערגער פונ אַ דאָרפ! און די מענטשנ? — קאַפּצאָנימ, דאַל-

פּנים, אַיִים וועעווויינים! וואָס איז אָדעס פֿאַרמאָגט איין עפֿראָסי, נארעלע, פֿאַרמאָגן דאָס ניט אַלע וואָראָנקאָווער ייִדן שוין מיט די נעגידים אינאיינעם"...

דערנאָך האָט פֿינעלע גענומען צו דערציילן גרויסקייט פֿון זיך און פֿון זייער מישפּאָכע, וויאַזוי זיי וועלן דאָס באַלד געבן א פּאָר אַרויס מיט די בוידן, אַז ס'וועט אַזש גיין א רויך! און וויאַזוי זיי וועלן זיך עס א ביסל אָנפּאָרן! און דערנאָך וואָס ס'וועט זיך טאָן, אַז זיי וועלן דאָס געבן א פּאָר אַרײַן קיין אָדעס! אַלע גרויסע לײַט וועלן זיי אַרויסקומען אַקעגן מיט א ברייטן שאָלעם-אַלייכעם און מיט פֿרישע קוילעטשן און מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט גוטן ווישניק, צוגן עפֿראָסי וועט אויך זײַן דאָרטן...

— ווער איז דאָס דער עפֿראָסי? — פֿרעגט אים שאָלעם.

— עפֿראָסי ווייסטו ניט? — ענטפֿערט אים פֿינעלע, ווי א גרויסער. — עפֿראָסי דאָס איז אונדזערער א קאָרעוו פֿון דער מאַמעס צאַד, א גוויר, אַן אַדיר, א ביליאָנשטשיק! איך האָב דאָך דיר געזאָגט שוין, אַז וואָס דער איין עפֿראָסי פֿאַרמאָגט אין איין קעשענע, נארעלע, פֿאַרמאָגן דאָס ניט אַלע היגע ייִדן מיט די נעגידים אינאיינעם. קאָנסט פֿאַרשטיין, ווי רײַך ער איז, אַז פֿאָרן פֿאָרט ער אַרויס מיט זעקס פֿערד „נאַ-שפּיץ" און איינער א רײַטער פֿליט אָפּ צו פֿריִער. אָנגעטאָן גייט ער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין זײַד און אין סאַמעט, און צוויי טו-לעפּעס האָט ער: איינער איז א יענאָטענער און דער אַנדערער איז פֿון פֿיזעם. און עסן עסט ער אינדערוואָכן נאָר קוילעטש און נאָר געבראָטענע קאַטשקעס און פֿאַרטרינקט מיטן בעסטן ווישניק...

— און וואָס וועט איר דאָרטן טאָן? — פֿרעגט אים שאָלעם און שלינגט די סלינע פֿון די געבראָטענע קאַטשקעס מיטן גוטן ווישניק.

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפֿערט אים פֿינעלע אַזוי פֿראָסט און ערנסט. — וואָס טוען אַלע ייִדן אין אָדעס? וואָס טוט עפֿראָסי? עפֿראָסי האָט אייגענע אַמבאַרעס מיט ווייץ, מײַן טאַטע וועט האָבן אַמבאַרעס מיט ווייץ. עפֿראָסי האָט א קאַנטאָר מיט מענטשן, מײַן טאַטע וועט האָבן א קאַנטאָר מיט מענטשן. און געלט — געלט וועט זיך אונדז שיטן אין די קעשענעס פֿולע זעקן! דו שפּילסט זיך מיט אָדעס?..

און פֿינעלע האָט גענומען דערציילן די גרויסקייט פֿון עפֿראָסין און די שיינקייט פֿון דער שטאָט אָדעס מיט אירע דרײַעטאַזשנע מויערן. „נארעלע, אונדזער שטאָט איז אַקעגן אָדעס, וויאַזוי זאָל איך דיר

זאָגנ? — ווי, לעמאָשל, א פליג קעגנ א קלויסטער, אָדער ווי א מו-רעשקע קעגנ א העלפאנד!״

איר וואָלט געמעגט שווערנ, אז ער איז דאָרטנ אלײנ געוועג און געזעגנ אלצדינג מיט זײַנע אײגענע אויגנ. זײַנ כאווער האָט אימ געקוקט אינ מויל ארײַנ און געשלונגענ מיט דאָרשט איטלעכס וואָרט און שטארק, שטארק מעקאנע געוועג! אײנ זאכ נאָר איז אימ געווענ א ביסל קאָשע, און ער האָט זיכ ניט געפוילט עס א פרעג טאָנ בא זײַנ כאווער פינעלענ: וויבאלד אָדעס איז יאָ אזא טײַערע שטאָט און עפראָסי דער מיליאָנשטשיק איז זײערער א קאָרעוו, וואָס זשע האָבנ זײ געשוויגנ ביז אהער? פארוואָס זײַנענ זײ פריִער ניט ארויסגעפאָרנ אהינצוצו?.. דערויף האָט פינעלע אָפגעענטפערט, גאָר קײנ סאכ ניט געטראכט:

— נארעלע! א קאָרעוו, מײנסטו, טאקע א נאָענטער קאָרעוו — א פעטער? צי א געשוועסטערקינד? צי א מעכוטנ? עס הײבט זיכ גאָר ניט אָנ! א ווײַטער קאָרעוו! אפילע ניט קײנ שײני-שעבעשלישי [1]. זײ זײַנענ נאָר בײדע, דאָס הײסט עפראָסי און מײַנ מאמע, פונ אײנ שטאָט, פונ מעזשירעטשקע. מײַנ מאמעס מאמע איז פונ מעזשירעטשקע און עפראָסיס טאטע, זאָגט מענ, איז אויכ געווענ א מעזשירעטשקער...

מע קאָנ ניט זאָגנ, אז פינעלעס ענטפער זאָל זײַנ א טערעצ מאסעיק [2] אפ דער פראגע, וואָס שאָלעמ האָט אימ אוועקגעשטעלט. נאָר די צײַט איז זיכ געגאנגענ, און די צוויי כאווײרימ האָבנ זיכ אזוי פארעדט וועגנ אָדעס און וועגנ עפראָסיס יִכעס פונ מעזשירעטשקע און וועגנ נאָכ זאכנ, אז זײ האָבנ זיכ גאָר ניט אומגעקוקט, ווי דער פרימאָרגנ איז אוועק. דער אוילעמ האָט שוינ דערווײַל לאנג אָפגע-געסנ די וואַרעניקעס, געווענ עפעס מאָדנע אופגערוימט, רויטלעכ און פארשוויצט, און מע איז שוינ געשטאנענ בא די בוידנ אונ גע-נומענ געזעגענענ זיכ זײער פרײַנטלעכ מיט שימעלענ און מיט זײַנ מישפאָכע, קושנ זיכ און ווינטשעווענ אלדאָס גוטס. מער פונ אלעמענ האָט זיכ געקושט שמועל-עליע דער ראָוו און כאזנ, געהאלטנ עפעס מאָדנע די אײבערשטע ליפ, ווי זי וואָלט וועלנ לאכנ, און צוגעוויג-טשעוועט די אָפפאָרנדיקע, ס׳זאָל זײַנ אינ א מאזלדיקער שאָ, און געבעטנ שימעלענ, ער זאָל זײַנ אזוי גוט און לאָזנ גריסנ גאנצ

---

1 גלידשוועסטערקינד.

2 א באפרידיקנדיקער ענטפער.

אָדעס אונ עפּראָסינ — „לעבּאנאשעמ, ניט פארגעסנ עפּראָסינ לאָזנ גריסנ גאָר פריינטלעכ!״

— פראָשטשאווייטע, כוקינע דיעטי! — האָט זיכ שימעלע כריי׳עכ אָפּגעזוגנט צומ לעצטנ מאָל שוינ פונ בויד ארויס מיטנ גאנצנ שטעטל. — פּראָשטשאווייטע! ניע פּאָמינייטע ליכאָמ! אונ לאָז אייך גאָט העלפנ, איר זאָלט זיכ ארויסקאראטשקענ פונ דער דאָזיקער בלאָטע בימהיירא בעיאָמיינו[1] — היידא!

— היידא! — האָט אימ נאָכגעזאָגט אויכ פינעלע, א שטייענדיקער אינ בויד, האלטנדיק ביידע הענט אינ די קעשענעס, ווי א גרויסער, אונ קוקנדיק אפ זיינ כאווער שאָלעמ מיט קינאה אונ מיט גאַדלעס — אונ די בוידנ האָבנ זיכ גערירט.

אונ אז די בוידנ זיינענ אוועק, איבערלאָזנדיק נאָכ זיכ א רייעכ פונ פערד אונ א גאנצע וואנט פונ שטויב, האָט זיכ שמועל-עליע געכאפּט מיט ביידע הענט בא די זייטנ אונ האָט אזוי געלאכט, זיכ אזוי געקאטשעט, גלייכ ווי צענ טויזנט שיידימ וואָלטנ אימ געקיצלט בא די פּיאטעס: „כא-כא! קיינ אָדעס פּאָרט ער! צו עפּראָסינ, כא-כא-כא!!!״...

אינ דער מינוט האָט זיכ דער פאלשער שמועל-עליע געקויפט א סינע, א דאמ-כוינע! דאָס איז געווענ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס: אימ איז ניט געווענ צומ לאכנ. אדעראבע, אימ האָט זיכ געוואָלט וויינענ. ערשטנס, פארלירנ א כאווער — פינעלענ. צווייטנס, די קינע: יענער פּאָרט אוועק. אונ וווהינ? אזוי ווייט! גאָר קיינ אָדעס! אונ וועאל קולאָמ[2] — אונ דאָס איז דער איקער, — וואָס דאָס אמאָליקע שיינע כיינעוודיקע שטעטל וואָראָנקאָ איז עפּעס ווי קלענער געוואָרנ, קלענער אונ נידעריקער אונ טונקעלער, אונ עס האָט מיטאמאָל אָנגעווירנ דעמ גאנצנ כיינ, מיטנ גאנצנ גלאנצ אינ מיטנ גאנצנ קישעפ. אונ עס האָט אימ פארקלעמט בא דער נעשאָמע, אונ ער איז, א באטריבטער, א פארביטערטער, מיט א צעווייטעקט הארצ, אוועק אינ כיידער ארייננ...

נ. ב. אינ א צייט ארומ, עס זיינענ אוועק יאָרנ אונ יאָרנ, האָט זיכ ארויסבאוויזנ, אז שמועל-עליע דער כאזנ האָט ניט אומזיסט אזוי

געמיינט: אינגיכנ.

דאָ: אונ מער פונ אלצ.

געלאכט: שימעלע איז אריבערגעפאָרן מיט זײַן געזינדל ניט קיין אָדעס, נאָר קיין רזשישטשעװ, א קלײן שטעטל אין קיעװער גובערניע, גאָר ניט אזױ שטארק װײַט פון װאָראָנקאָ. צו װאָס האָט אים גע-טױגט דער אָנשטעל פון אָדעס און פון עפּראָכין — דארף מען פרעגן בא זײַנע קינדער, װאָרעם שימעלע איז שױן לאנג אפ דער װעלט ניטאָ.

19

מעשאנע מאָקעם — מעשאנע מאזל[1]

עס האלט בא פארלאָזן קאסרילעװקע. — הערשל מיט דער סינ טוט אָן דעם שוטעף א ספאָדעק. — דער באָבע מינדעס טאכריכים.

פונװאנען דאָס האָט זיך גענומען — קאָן דער פארפאסער פון די דאָזיקע באשרײַבונגען ניט זאָגן. נאָר שימעלע האָט געמאכט דעם ערשטן פעטשאטעק. טײקעף נאָך זײַן ארױספאָרן האָבן די איבעריקע װאָראָנקאָװער באלעבאטים אױך גענומען שמועסן פון „מעשאנע מאָ-קעם — מעשאנע מאזל“ און פון אריבערפעקלען זיך אין אנדערע גרע-סערע שטעט: װער קײן באריספאָליע, װער קײן רזשישטשעװ, װער קײן װאסילקאָװ און װער נאָך װײַטער.

אױך אפ נאָכעם װעװיקס האָבן זײַנע קינדער געהערט דערציילן בעסאָד-סוידעס, אז ער קלײַבט זיך אריבער אינגיכן צוריק קיין פע-רעיאסלאװ, אין דער גרױסער שטאָט, פונװאנען ער איז אמאָל ארי-בערגעפאָרן אהער, קיין װאָראָנקאָ, בײס די קינדער זײַנען נאָך גע-װען גאָר קלײניטשקע, און אױסגעלאָזט האָט מען דעם סאָד מיט די װערטער: „מעשאנע מאָקעם — מעשאנע מאזל“...

בא די קינדער האָט דאָס פערעיאסלאװ אױסגעזען מוידעדיק גרױס און פול מיט כײן און פול מיט סאָד. „פערעיאסלאװ איז א מאָקעם פארנאָסע“, — אזױ האָבן צװישן זיך געמועסט די גרױסע, און קלײנ-װארג האָבן זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסן, נאָך װינציק פארשטא-נען, נאָר געפילט האָבן זײ, אז דאָס פערעיאסלאװ איז עפּעס א גוטע זאך, האָבן זײ געקליבן טײַנעג און צו גלײַכער צײַט האָט זײ באנק געטאָן זיך שיידן מיטן קלײנעם שטעטעלע, װוּ זײ האָבן פארבראכט זײערע בעסטע קינדערשע יאָרן, די סאמע גאָלדענע צײַט פון זײער יוגנט.

1 געענדערט דאָס אָרט — געענדערט דאָס מאזל.

„וואָס וועט זײַן — האָט זיך דער קלײנער שאָלעם געטראַכט — מיט דעם וואָראָנקאָווער אַלטן בעסמעדרעש, אַז אַלע ייִדן וועלן זיך צעפּאָרן? ווער וועט זיצן אױף זײערע ערטער אין מיזרעך-זײַט? און דער באַרג, וואָס אױף יענער זײַט בעסמעדרעש, וואָס וועט זײַן מיט אים? און מיט די ייִדישע קלײטן? און מיטן אױיצער?.. ניט שױן זשע וועט פאַרלױרן גײן אַזאַ גוטס, וואָס ליגט אָנגעגרײט פון ייִדנס וועגן טיף אין דער ערד אַזױפיל יאָרן? ניט שױן זשע וועט דאָס אַלצדינג אונטערגײן, קאַלאָ ווענעוואַד ווערן [1]?״...

וױפל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו רײדן אין שטוב כּון „אַזעלכע זאַכן״, האָבן זײ דאָך געכאַפּט ווערטער: „מעשאַנע מאָקעם — מעשאַנע מאַזל״... „פּאַרנאָסע איז געשלאָגן״... פאַרוואָס, אַז מע איז מעשאַנע דעם מאָקעם, איז מען מעשאַנע דעם מאַזל? און וואָס איז, אײגנטלעך, אַזעלכעס „פּאַרנאָסע״ און וױאַזױ „שלאָגט״ מען זי? — דאָס האָבן קלײנװאַרג נאָך ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר לױט דער מינע, וואָס די גרעסערע האָבן בײס-מײַסע געמאַכט, האָבן די קלענערע זיך אָנגעשטױסן, אַז עפּעס טוט זיך, עפּעס קומט פאָר... שטענדיק אַ שטילער, אַ רױקער, אַ באַל-מאָרעשכױרע, איז נאָכעם וועוויקס געוואָרן נאָך מער שטיל און נאָך מער מאָרעשכױרעדיק. טאָמיד אַן אײַנגעבױגענער, איז ער געוואָרן נאָך מער אײַנגעבױגן. אױפן הױכן ווײַסן שטערן האָבן זיך אױסגעלײגט נאָכאַמאָל אַזױפיל קנײטשן, װי פריִער. אײנצװײען פלעגט ער זיך פאַרשליסן מיטן ייִנגערן ברודער, מיטן פעטער ניסלען, רײ-בערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּעס נאָר געסױדעט זיך און נאָר געשטיקט זיך... מע האָט דעם לעצטן ווינטער אױפגעהערט באַ די ראַבינאָװיטשעס פּראַוען מעלאַווע-מאַלקעס פאַר דער גאַנצער שטאָט. דעם לעצטן סימכאַסטױרע און שמינע-אַצערעס [2] האָט מען אַפילע נאָך געהוליעט, דער פעטער ניסל האָט אַפילע זיך נאָך געביטן מיטן סטאַנאָװױ מיט די היטלען און קלױמערשט געטאַנצט מיט אים אױפן דאַך אױך — נאָר ס'איז שױן געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצן, וואָס פריִער. אַפילע די מומע האָדל איז געוואָרן געלאַסן, פאַרלאָרן אַ סאַך פון איר גיפט... עפּעס איז די גאַנצע מישפּאָכע געוואָרן װי צעשדױפן. נאָר אײנע באָבע מינדע האָט זיך נאָך געהאַלטן שטאָלץ,

1 פאַרלאָרן גײן.
2 די לעצטע צוױי טעג פון דעם רעליגיעזן יאָמטעװ סוקעס.

װי א דעמב. די אײגענע רײנקײט און טשעפּקעקײט, װאָס פריִער. די אײגענע ציכטיקײט און זױבערקײט, װאָס אלעמאָל. נאָר די שאבעס־אויבסטנ זײַנענ געװענ, דאכט זיכ, שוינ ניט די, װאָס טאָמיד. די עפּעלעכ א ביסל צוגעפרוירנ און צוגעלעגערט און א ביסלע װי אונטערגעפוילט, די ניסלעכ פּײַפּעדיק, און אינ די פּײַגנ האָבנ זיכ פּארפּלאָדעט װערעמ... געדאוונט און געבענטשט האָט די באָבע מינדע, װי פריִער, געשמאק און הויכ אפּ א קאָל, װי א מאנצבל, פונ איר גרויסנ ציכטיקנ קאָרבנ־מינכע[1] ארויס, און אויסגעשמועסט זיכ מיטנ ריבוינעשעלוילעמ. נאָר ס'איז שוינ געװענ ניט דאָס דאװנענ און ניט דאָס אויסשמועסנ זיכ מיט גאָט. עפּעס האָט זיכ געטאָנ אינ דער מישפּאָכע, עפּעס איז פּאָרגעקומענ בא די ראבינאָװיטשעס א מינ סאָד.

אזוי האָט זיכ עס געצויגנ א גאנצ װינטער, ביז עס האָט פּלוצעמ אויסגעזוצט דער בלאָטער, דער עמעס איז ארופּ װי בוימל אפּנ װאסער, און די גאנצע שטאָט איז געװוירע געװאָרנ פונעמ סאָד, אז נאָכעמ װעװיקס שוטעפּ פונ דער פּאָסעסיע[2], א ייִד אנ אָנגעפּעלצטער מיט א רויטער נאָז (הערשל האָט ער געהײסנ, נאָר װײַל ער האָט ניט געקאָנט ארויסריידנ קיינ שינ, נאָר א סינ, האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ „הערסל מיט דער סינ"), האָט זײַנ שוטעפּ נאָכעמענ בעדיל־האדאל געשטעלט, פּאָשעט באגאנװעט, און כוצ־לאָזע האָט ער אימ נאָכ שטילערהייט אויסגעדונגענ פונ דער פּאָסעסיע! איז געװאָרנ א װאיִצאקו[3] אינ שטאָט: „סטײַטש, רעב נאָכעמ, װאָס שװײַגט איר אימ? פּארװאָס נעמט איר אימ ניט צומ ראָװ, צו מענטשנ?" נאָר אז ס'איז געקומענ צומ ראָװ און צו מענטשנ, האָט דער דאָזיקער הערסל מיט דער סינ זיכ אויסגעלאכט און ארויסגערעדט זיכ עפּעס מוירעדיק גראָב (און דאפקע מיט דער סינ, װי זײַנ שטייגער איז), אז ס'איז נאָר א ביזאָיענ דאָס פּארנ מויל צו ברענגענ...

— א יונגאטש קאָנ! — האָט דער פּעטער ניסל געטײַנעט, געמאכט מיט די הענט און גערײַכערט מוירעדיק גראָבע פּאפּיראָסנ, און ער האָט זיכ געשװאָרנ, אז זײַנ נאָמענ װעט ניט הייסנ ניסל, אויב ער װעט אָט דעמ שייגעצ, דעמ הולטײַ, דעמ גראָבנ יונג מיט דער סינ

1 דאָ: סידער.
2 אנ ארענדירט גוט.
3 געמיינט: א געשריי.

ניט ארײַנפּאַקן אין אַסטראָג אַרײַן, װינציקסטנס, אַף פינף און צװאַנ־
ציק יאָר!

— װאָסער פּאַקן? װאָסער אַסטראָג? װאָסערע פינף און צװאַנציק
יאָר? — אַזױ האָט אים דער עלטערער ברודער, נאָכעם, אָפּגעקילט מיט
אַ ביטערן שמײכל און אױך פאַרײכערט אַ גראָבן פּאַפּיראָס. — מע
האָט מיר אָנגעטאָן אַ ספּאָדעק, און מע מוז איצטער פאָרן צוריק קײן
פּערעיאַסלאַװ. מעשאַנע מאָקעם — מעשאַנע מאַזל...

דאָס זײַנען געװען קלאָרע דיבורים, װאָס כעװרע האָבן פאַר־
שטאַנען, כאָטש אײן זאַך איז זײ נאָך געװען אַ ביסל ניט אַזױ פאַר־
שטענדלעך: פון װאָסער אַ „ספּאָדעק" האָט זיך דאָ גערעדט? צוגײן
צום טאַטן און פרעגן — דערױף האָט קײנער ניט געװאַגט. צופיל דערע־
כערעץ האָט מען געהאַט פאַר אַ טאַטן, מע זאָל צוגײן צו אים פרעגן:
„טאַטע, װאָס פאַר אַ ספּאָדעק האָט מען דיר אָנגעטאָן?" די קינדער
האָבן נאָר געזען, אַז דער טאַטע צאַנקט, גײט אײַנגעבױגן. יעדער
זיפץ און יעדער קרעכץ רײַסט אַרױס אַ שטיק האַרץ.

— איר װעט דאָ בלײַבן איבערן זומער לערנען, אַן אַװײרע
אײנמיטן זמאַן[1] אײַך אָפּצורײַסן, און אימירצעשעם אַף סוקעס װעט
מען שיקן נאָך אײַך אַ פור, װעט איר קומען צו פאָרן.

אַזױ האָט נאָכעם װעװיקס געגעבן צו װיסן די קינדער אײנמאָל
אין אַ זומערדיקן טאָג, און צו זײער שטוב זײַנען צוגעפאָרן צװײ
בױדן, פּונקט אַזױ װי דעמלט צו שימעלען, און מע האָט זיך גענו־
מען פּאַקן אין װעג און געזעגענען זיך מיט דער שטאָט. ס'איז אָבער
געװען ניט דאָס פּאַקן זיך און ניט דאָס געזעגענען זיך און ניט די
פרײלעכע װאַרעניקעס, װאָס בײַ שימעלען. עפּעס האָט זיך אַ באַזונ־
דער טרױער אױסגעגאָסן אַף אַלעמען און אַ מאָרעשכױרע איז גע־
לעגן אַף אַלע פּענעמער. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפילט די ראַ־
בינאָװיטשעס. „זאָל זײ גאָט העלפן; מעשאַנע מאָקעם — מעשאַנע מאַזל;
נעבעך אַ ראַכמאָנעס!" — אַזױ האָט מען געשמועסט הינטער די אױגן,
און די קינדער האָבן נאָך װינציק־װאָס פאַרשטאַנען, פאַרװאָס און
אַף װעמען איז עס אַזאַ ראַכמאָנעס? אױב שױן יאָ אַ ראַכמאָנעס,
איז עס געװען אַף דער באָבע מינדע, װאָס האָט אַף די עלטערע
יאָרן באַדאַרפט צונױפקלײַבן איר קאַסטן, זיך פּאַקן אין װעג אַרײַן.
יונגװאַרג האָבן דערװײַל געהאַט אַ געלעגנהײט כאַפּן אַ קוק, װאָס

[1] דאָ: אַ לערן־סעזאָן (סעמעסטער) אין כײדער.

באַ דער באָבע אינ קאסטנ טוט זיכ: אויסער די זײַדענע אויסגעפרעסטע טיכעלעכ, וואָס זײַנענ געלעגנ אויסגעלייגט צווישנ די בלעטער פונ קאָרבנ-מינכע, אויסער די יאָמטעוודיקע זײַדענע מאלבושימ אונ סאמעטענע רעזעוועלקעס, עפעס מאָדנע גענייט, מיט קורצינקע ארבעלעכ אונ פייענע עקלעכ — אויסער דעמ גוטס אונ האָב, איז דאָרט געלעגנ ווײַט-ווײַט אינ א ווינקעלע זייער א סאכ ווײַס-שטאָפ. דאָס איז געווענ דער אלטערס טאכריכימ, וואָס זײַנענ געלעגנ בא איר צוגעגרייט פונ ווייס איכ ווענ אפ איבער הונדערט יאָר, אז טאָמער וועט זי שטארבנ, זאָל זי ניט דארפנ אָנקומענ צו א קינד... דאָס האָבנ געוווּסט אלע; פונדעסטוועגנ האָבנ כעוורע געהאט א הארצ א פרעג צו טאָג בא דער באָבע: „צו וואָס באדארפ זי האָבנ אזויפיל ווײַסע מאטעריע?“... דער פרעגער איז געווענ ניט קיינ אנדערער, נאָר דער קלענסטער פונ אלע אינ וווּקס אונ דער גרעסטער פונ אלע אינ שקאָצערײַ, דער שרײַבער פונ די דאָזיקע זיכרוינעס. ער האָט דערפאר באקומענ פונ דער באָבע א שיינ ביסל מוסער, אונ זי האָט אימ נאָכ צוגעזאָגט צושטעלנ א גענקעלע פארנ טאטנ. זי קלײַבט זיכ שוינ פונ לאנג, האָט זי געזאָגט, אפ דעמ קליינעמ „לעצ“. זי ווייסט, זאָגט זי, גאנצ גוט, אז ער מאכט איר נאָכ הינטער די פלייצעס, וויאזוי זי דאוונט אונ וויאזוי זי בענטשט (אונ דאָס איז דאפקע געווענ אנ עמעס). זי וועט שוינ דאָס אלצדינג דערציילנ, אלצדינג! זי וועט זיכ שוינ קילנ דאָס הארצ!.. צומ סאָפ האָט זיכ אויסגעלאָזט, אז ווער-וואָס? די באָבע האָט אפילע ניט אָנגעהויבנ צו דערציילנ. אדעראבע, פארנ אוועקפאָרנ, אז ס׳איז געקומענ צומ געזעגענענ זיכ, האָט זי זיכ צעקושט מיט יעדנ קינד באזונדער, ווי נאָר א מאמע קאָנ זיכ קושנ, אונ געוויינט, ווי נאָר א מאמע קאָנ וויינענ. אונ שפעטער, אז מע האָט שוינ באדארפט טאקע זעצנ זיכ פאָרנ, האָט זי צומ לעצטנ מאָל זיכ אָפגערופנ צו די קינדער:

— זײַט זשע געזונט, קינדערלעכ! גאָט זאָל העלפנ, איר זאָלט דערלעבנ אלע צו גיינ נאָכ מײַנ לעווײַע...

אזא מינ ווינטשעוואניע!

דער אוילעם צעקריכט זיך

שמועל-עליע שפּילט אין שאָך. — דער אוילעם קומט זיך געזעגענען. — ווייבער מיט פּאַרווייִנטע אויגן פּיסקלען זיך. — מע דאַרף זיין פון אייזן, מע זאָל ניט לאַכן.

דער טאָג פון נאָכעם וועוויקס אוועקפאָרן איז געווען פאַר דער שטאָט א טישעבאָוו[1] און פאַר די קינדער — א סימכאַסטוירע[2]: א קליי־ניקייט אזא יאָמטעוו? ערשטנס, לערנט מען ניט. ווער וועט דאָס גיין אין אזא טאָג אין כיידער אריין? און צווייטנס, איז גלאַט לעבעדיק — מע קלייבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלע־זער, גאָפּל-מעסער, עס קומען בוידן, און עסן עסט מען ווי ערעוו־פּייסעך, בעכ־פּאָזנדיק[3]! הײַנט די פּאָר גראָשנס, וואָס מע וועט באַקומען „אָטיזגע" (אָפּפאָר-געלט)? דערווייל זעט מען עס נאָך ניט. דערווייל קומען נאָך באַלעבאַטים זיך געזעגענען. דאָס הייסט, זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגן „זייט געזונט", וועלן זיי זאָגן „פאָרט געזונט" און אָנ־ווינטשן דערביי אָן א שיר גוטע זאַכן, ווי געזונט און האַצלאָכע און מאַזל און אַלדאָס גוטס.

פריער פון אַלע איז געקומען שמועל-עליע דער ראָוו און כאַזן. שמועל-עליע איז אַן זאָפּטער אייִנגייער צו די ראַבינאָוויטשעס. ער קומט אַלע טאָג. ווי אַן ערלעכער ייִד לאָזט ניט דורך דאַווענען, אַזוי לאָזט ער ניט דורך קיין שאָך-שפּילן מיט רעב נאָכעמען. שפּילן א שאָך איז בא אים א פאַרגעניגן. געווינען בא רעב נאָכעמען א שאָך איז בא אים א גליק. א מאָדנע טעווע בא דעם שמועל-עליען: פאַר־שפּילט ער — שרייט ער, געווינט ער — שרייט ער. נאָר געווינען געווינט ער זעלטן. מערסטנטיילס פאַרשפּילט ער. און אז ער פאַרשפּילט, שרייט ער, אז ער האָט געהאַט א טאָעס, אז ער איז געגאַנגען ניט מיט דעם ציגל, וואָס ער האָט געוואָלט, און אז ער זאָל געווען גייִן אַנדערש, וואָלט דער אַנדערער פאַרשפּילט!..

בא אזא שפּיל, אז ס'איז געזעסן דער פעטער ניסל, האָט ער

1 דאָ: א טרויער־טאָג.
2 דאָ געמיינט: א פרייִלעכער טאָג.
3 אין אייִלעניש.

ניט געקאָנט ליידן. האָט ער געפרעגט שמועל-עליען: „וואָס שרייט איר?“ דער טאַטע נאָכעם איז אָבער ניט געווען אזא מענטש. ער האָט רויִק אויסגעהערט שמועל-עליען, ווי ער קאָכט זיך, פאַוואָלינקע געשמייכלט זיך אין באָרד אריין און געשפּילט ווייטער. די מאַמע כייע-עסטער איז געווען אויסער זיך: אין אזא צייט, א שאָ פאַרן אוועקפאָר, זעצט מען זיך אוועק שפּילן אין שאָך? „דאָס לעצטע מאָל, כייע-עסטער, געזונט זאָלט איר זיין! איר פאָרט אוועק, דער אוילעם צעקריכט זיך, קיינער בלייבט ניט, מיט וועמען וועל איך שפּילן אין שאָך?“

אזוי בעט זיך שמועל-עליע דער כאזן און פארשארט דאָס היטל ארוף, נעמט זיך צו דער ארבעט און הייבט שוין אָן צו קאָכן זיך און צו שרייען, אז ניט אזוי איז ער געגאנגען, ווי ער האָט געוואָלט, און נאָכעם שמייכלט און לאָזט אים גיין אנדערש.

דאָס שפּילן גייט אָבער בא זיי ניט ווי אלעמאָל. עס קומען אלע מינוט צו גיין נייע מענטשן זיך געזעגענען. מע קאָן ניט זיין אזוי גראָב און מע מוז איבעררייסן אינמיטן שפּילן, אז עס קומט צו גיין אזא ייִד א שאָכן, ווי רעב אייזיק. ער מעג טאקע האָבן א ציגן בערדל און דאוונען אפּ א דין קעלכל, איז ער אָבער א ליבאַווי-טשער כאָסיד און זייער אן ערלעכער ייִד. צי, אשטייגער, באלד נאָך אים איז געקומען דאָן. דאָן איז א יונגערמאן מיט ווייסע האָר, דאָס הייסט געל, נאָר געל, ווי פלאקס. ער איז בעטעווע א שווייגער, רעדט ניט מיט קיינעם. נאָר איצט, אז רעב נאָכעם פאָרט ארויס פון וואָראָנקאָ, האָט זיך דאָן צערעדט. ער וואָלט אפילע געווען, זאָגט ער, אויך ארויספאָרן, ער זאָל האָבן וווהין. כאפּט דאָס דער רוּעך! ער וואָלט א באלן געווען פּארקויפן זיין געשעפט, ער זאָל האָבן וועמען. כאפּט דאָס דער רוּעך!.. שמועל-עליע קוקט אפּ אים, ווי א גאזלען, און דאָן הערט ניט אוף צו שיטן מיט ווערטער. א מענטש האָט זיך צערעדט! אנשוויגן ווערט ער ערשט דעמלט, ווען עס קו-מען צו גיין אנדערע זיך געזעגענען. און קומען קומט די גאנצע שטאָט, איינס נאָכס אנדערע. פרייִער ייִדן, דערנאָך ווייבער. אלע אראָפּגעלאָזט די נעז, אלע פארזאָרגט. אנדערע פארוויינט. איינע ייִדענע האָט געבראכט צו טראָגן די קינדער מאָנפאסיע-קאָנפעקטן. א ייִדענע א צידקאָניעס[1]!..

---

1 זייער א פרומע ייִדענע.

שטארק פארוויינט זײַנען די צוויי ווײַבער, וואָס האָבן כאסענע געהאט בא די ראבינאָוויטשעס אינ שטוב. דאָס זײַנען „פרומע די מויד״ מיטנ בלינדנ אייגל אונ „פייגעלע-אשמעדײַ״. די צוויי האָבנ אזוי שטארק געווישט די אויגנ אונ געשנײַצט די נעז אונ געמאכט אזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אז שאָלעמ, דער קלײנער „לעצ״, האָט זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ אונ האָט זיי בײדנ, טאקע דאָ אפנ אָרט, היטער זײערע פּלײצעס, קונציק נאָכגעמאכט מיט די זעלבע פּיסקעס אונ מיטנ זעלבנ שנײַצנ די נאָז, אונ כעוורע קלײנווארג האָבנ אלע-מאָל אויסגעשאָסנ א הילכיקנ געלעכטער. האָט זיכ אָנגעהויבנ א כא-סענע: „וואָס איז דער געלענדער?״ די מאמע כײַע-עסטער, א ייִדענע ביכלאל א בײזע, אונ דערצו נאָכ פארצאָרנט אונ פארטאראראמט פונעמ אוועקפאָרנ, האָט אוועקגעוואָרפנ אלע ארבעט אונ אויסגעלאָזט איר צעווײטעקט הארצ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגײנ דעמ סײכל: „וואָס איז דער געלענדער? אונ וואָס איז די געדולע?״... איז פרומע די מויד איר געקומענ צו הילפ אונ געזאָגט, אז זי וועט גײנ שווערנ בא א „רײניקײַט״ [1], אז דאָס שטאמט פונ אָט דעמ קלײ-נעמ ווערוריק, דעמ סאמאָוואָליעצ, דעמ זוילעל-וועסויווענִיק, דעמ איוואנ פּאָפּערילע, דעמ ימאכשמוינִיק, דעמ אויסווורפלינג, דעמ קאָל-בויניק... דאָס האָט זי געמיינט ניט קײנעמ, נאָר דעמ מעכאבער פונעמ דאָזיקנ בוכ, וואָס איז געשטאנענ בײס-מײַסע א נעבעכל, גאָט די נעשאָמע שולדיק. עס קאָנ זײַנ, אז ער וואָלט געכאפּט א רעכטע „אָטיזנע״ פונ דער מאמע, ווענ עס מישט זיכ ניט ארײַנ די אלטע באָבע מינדע אונ לײזט אימ ניט אויס פונ מעזומענע פּעטש. דערזענ, אז מיט איר אײניקל האלט עס שמאָל, האָט זיכ די באָבע מינדע אָנגערופנ צומ גאנצנ עולעמ:

— קינדערלעכ! בא אונדז איז א מינהעג פונ קאדמוינימ, אז אײדער מע געזעגנט זיכ פארנ אוועקפאָרנ, באדארפ מענ זיכ צוזעצנ כאָטש אפ אײנ מינוט...

די באָבע מינדע האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ דער פאריאָסעמטער קאנאפּע, וואָס צומ איבערפירנ איז זי געווענ צו אלט אונ פארקויפנ איז ניט געווענ וועמענ, אונ דער גאנצער עולעמ האָט זיכ אוועק-געזעצט נאָכ איר, אונ ס׳איז געוואָרנ א ווײַלע שטיל, כאָטש א פליג דורכצופליִענ. דערנאָכ איז געקומענ דער לעצטער אקט, דער סאמע

---

1 א טוירע.

שוורסטער — דאָס געזעגנענ זיכ און דאָס קושנ זיכ. און דאנקענ גאָט — מע איז דאָכ אויכ איבערגעקומענ. די בוידנ זײַנענ גרייט. נאָכאמאָל „זײַט געזונט!“ און נאָכאמאָל „פאָרט געזונט!“ און ווידעראמאָל א ווישעניש פונ אויגנ און א שנײַצנ פונ נעז, און פּיסקעס, פּיסקעס! גוואלד, רבוינעשעלוילעמ! גיי האלט זיכ אײַנ און מאכ ניט נאָכ די ווײַבער, ווי זיי קרימענ זיכ, ציטערנ מיט די גוידערס און מאכנ פּיסקעס!.. זיי לאָזנ אפילע ניט געזעגענענ זיכ, ווי עס געהער צו זײַנ. עס ווערט מיטאמאָל שטארק אומעטיק אפנ הארצנ. א ראכמאָנעס אפנ טאטנ, א ראכמאָנעס אפ דער מאמע, א ראכמאָנעס אפ דער באָבע מינדע. אָט טראָגט מענ איר אלטנ מיט אײַזנ געקאָוועטנ קאסטנ; דאָרט ליגנ אירע טאכריכימ... עס טוט א צופּ, א נעמ אָנ בא דער נעשאָמע. עס גלוסט זיכ א וויינ טאָנ. אוביפראט, אז מע זעט, אז אזא מענטש, ווי דער פעטער ניסל, ווישט אויכ די אויגנ, אז קיינער זעט ניט... דער פעטער ניסל זאָל וויינענ? ווי קומט עס?.. דער טאטע רופט צו די כעוורע איינציקווײַז, נעמט ארויס פונ בײַטעלע צו זילבערנע מאטבייעס. די מאמע אויכ. און די באָבע מינדע האָט נאָכ פונ פריער אָנגעגרייט איטלעכנ באזונדער אינ א פאפירל קליינגעלט — אכאס לעאכאס[1] וועט דאָס זײַנ א רעכטע מאטבייע! גאָט זאָל העלפנ, די בוידנ זאָלנ שוינ רירנ. אָט האָבנ זיי גערירט. די רעדער קויקלענ זיכ. דער אוילעמ האָט זיכ געגעבנ מיטאמאָל א שטופּ: „פאָרט געזונט! זײַט מאצליעכ!“ פונ דער בויד ארויס קוקט זיכ אומ די באָבע מינדע, גלײַכ ווי זי וואָלט וועלנ נאָכאמאָל, צומ לעצטנ מאָל, געבנ א קוק אפ דעמ אָרט, וואָס זי האָט פארלאָזט אפ שטענדיק, אפ אייביק... עס נעמט זיי ווידער אָנ אנ אומעט און דאָס געפיל פונ ראכמאָנעס כאפּט זיכ אומ נאָכאמאָל בא זיי אפ א ווײַלע און ווערט פארלאָשנ — עס ווילט זיכ איבערציילנ דאָס ביסל מינצ...

פונעמ גאנצנ טאראראמ מיטנ גאנצנ הארמידער האָט זיכ סאָפ-קאָלסאָפ אויסגעלאָזט א שטילשווײַגעניש. די בוידנ זײַנענ אוועק, איבערגעלאָזט נאָכ זיכ א געדיכטנ שטויב, א רייעכ פונ סמאָלע און א מאָדנע פוסטקײַט. דער אוילעמ האָט גענומענ ביסלעכווײַז, איינציקווײַז, ווי פארשעמט, זיכ צעגיינ, דער אהער, דער אהינ, עפּעס גלײַכ ווי די אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסל — יענער איז גאָר אנ-

1 איינס צו איינס, געמיינט: אלצ צוזאמענ.

טרונגען געוואָרן. געבליבן שפּעטער פון אלע איז שמועל-עליע דער כאזן. ער איז נאָך לאנג-לאנג געשטאנען און נאָכגעקוקט די אָפּגע-פּאָרענע, פארשטעלט מיט דער האנט די אויגן פון דער זון, וואָס האָט בעעמעס גאָר ניט אזוי שטארק געבראָטן און גאָר ניט אזוי שטארק געשײַנט. דערנאָך האָט ער מיט א ביטער שמייכעלע א זאָג געגעבן צו זיך אליין: „דער אוילעם צעקריכט זיך, אזוי ווי ווערעם"...

און ער האָט אויסגעשפּיגן.

21

גערגעלע־גאנעוו

מוישע דער שויכעט — א צאדיק. — גערגעלע — א באָכער מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ. — די קונסט פון גאנווענען עפּל. — געפּאקט בא דער פּושקע טאבעק. — דעם רעבנס טויט.

דאָס דארף מען פארשטיין, אז איבערגעלאָזט האָט מען קליינ-ווארג אין שטעטל עפּעס ניט גלאט אזוי אפ הע־פקער. דער פּאָטער האָט פאר זיי געזוכט א מעלאמעד מיט א מאדריך, אן אפּעטראָפּעס, איינגעמ. דאָס הייסט: די קינדער זאָלן בא אים אי לערנען אי עסן קעסט, און דער רעבע זאָל אפ זיי האזשגאָכע געבן. און עס איז אים אָפּגעראָטן ארום און ארום. דער רעבע מיטן אפּעטראָפּעס, מיטן באל-מאזשגיעך, וואָס ער האָט געפּונען פאר זײַנע קינדער, איז גע-ווען אן אויסגעשפּילטער, א געראָטענער, טאקע דעם אלטן וואָראָנ-קאָווער שויכעטס א זון, מוישע דער שויכעט.

דאָס איז געווען א זײַדענער יונגערמאן, א צאצקע, א מופלעג בעטוירע[1] און א שיינער באל-טאנאך, און גלאט א דימענט פון א מענטשן. דער כיסאָרן איז אָבער געווען, וואָס אָט דער רעבע איז געווען ניט קיין געזונטער און בעטעווע שוין צו א גוטער, צו א ווייכער, געגאנגען מיט זײַנע טאלמידים אפ א נײַעם דערעך — ניט מיט שמיץ, נאָר מיט גוטע ווייכע ווארעמע רייד, צו וועלכע די קינ-דער זײַנען גאָר ניט געוווינט געוואָרן, און דעריבער טאקע האָבן זיי אָפּגענארט דעם רעבן פון קאָפּ ביז די פיס, מעכילע געפּירט אים

1 א מענטש, וואָס קען זייער גוט די רעליגיעזע ספאָרים.

אינ באָד אַרײַנ: ניט געדאַוונט אונ ניט געלערנט, אונ שפּעטער-צו, אַז מוישע דער שויכעט איז שוינ גאָר גוט קראַנק געוואָרנ, באַקומענ די „דאָר"[1] אונ אַוועקגעלייגט זיכ, האָבנ כעוורע אָנגעהויבנ אַרומצוגיינ פּוסטעפּאַס, שלאָגנ ביידעקעס, זיכ כאַווערנ מיט גערגעלע-גאַנעוו, א יינגל א יאָסעמ אונ א באָרוועסער, מיט מאַמזערישע אויגנ, מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ — א רעכטער באָסיאַק! זײַנ עמעסער נאָמענ איז געווענ גערשנ, נאָר דאָס האָט זײַנ מאַמע, כאָרע-פּייגע די קעכנ, זאָגט ער, אַזוי פאַרצויגנ, אונ דעמ נאָמענ „גאַנעוו" האָט אימ שוינ צוגעלייגט, זאָגט ער, זײַנ שטיפּטאַטע, יויסעפּ-מייער דער העקער, כאָטש ער האָט נאָכ דעמלט, זאָגט ער, בא קיינעמ קיינ זאַכ ניט אַוועקגעגנבעט. מע זאָל אימ ניט געווענ, זאָגט ער, א נאָמענ געבנ גאַנעוו, וואָלט ער עפּשער קיינ גאַנעוו קיינמאָל ניט געוואָרנ. איצט וועט ער שוינ, זאָגט ער, זיי אַפּ צולאָכעס, ווערנ א גאַנעוו — האַלעווײַ עס זאָל נאָר זײַנ וואָס צו גאַנווענענ!..

אַזוי האָט זיכ גערגעלע-גאַנעוו באַרימט גאַנצ ערנסט אונ מיט א מינע פונ א גרויסנ פאַר שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס, וואָס איז געווענ איבעראַשט פונעמ יינגל מיט די קלוגע אויגנ אונ מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ. זייער באַקאַנטשאַפט האָבנ זיי געשלאָסנ טאַקע בא כוישע דעמ שויכעט אינ כיידער. א גאַנצע וואָכ איז מוישע דער שויכעט געווענ א מעלאַמעד, נאָר דאָנערשטיק איז ער געווענ א שויכעט, אונ אַלע ווײַבלעכ אונ אַלע מיידלעכ האָבנ זיכ דעמ דאָנערשטיקדיקנ טאָג דאָ צונויפגעזאַמלט מיט זייערע איפּעס, גענדז אונ קאַטשקעס. צווישנ זיי איז געווענ איינער א באָכערל מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווענ גערגעלע — אויכ מיט אנ אָפּ, וואָס די מאַמע די קעכנ האָט דורכ אימ געשיקט צומ שויכעט קוילענ אַפּ שאַבעס. זיצנדיק צווישנ די ווײַבלעכ אונ וואַרטנדיק אויפנ שויכעט, האָט דערווײַל אָט דער גערגעלע געווײַלט דעמ אוילעמ, דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט אַזעלכע מעשונע אָנשטעלנ, אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס אונ אַזעלכע מעשוגענע האַוויײַעס, אַז וויפל ס'איז געווענ ווײַבלעכ אונ מיידלעכ, האָבנ אימ אַלע געשאָלטנ מיט טויטע קלאָלעס: „גאַנעוו", אונ „מעשומעד", אונ „כאָליערע", אונ וואָס אינ דער קאָרט, אונ געלאַכט בייס-כײַסע צומ טויט! „אָט דער איז פונ מײַנע לײַט!" — האָט זיכ געזאָגט שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס אונ איז געוואָרנ מיט אימ

1 טשאַכאָטקע, שווינדזוכט.

כאווער. פארשטייט זיך, בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט וויסן, וואָרעם א „טאטנס א קינד" וואָלט געקאָנט האָבן א מיִעסן פסאק פאר אזא כאווערן זיך מיט א קעכנס א יינגל און א גאַנעוו דערצו.

עס איז אָבער געווען א באַזונדער מין זיסקייט אין דעם כאווערן זיך דאפקע מיט אזא יינגל, מיט וועלכן מע קאָן זיך באגעגענען נאָר פארנאכטלעך, ביין מינכע לעמיירעוו, ריידן א פאָר ווערטער, מאכן א פאָר קונצן, זיך לאָזן לויפן ביידע אראָפּ א בארג, אוקעדוימע. עס איז געווען א באַזונדער פארגעניגן אריינרוקן אים אין האַנט ארייַן, אז קיינער זעט ניט, אמאָל א גראָשן, אמאָל א צוקערקע און אמאָל גלאט א שטיקל ברויט — גערגעלע האָט אלצדינג גענומען בעסימכע-ראבע[1], כאָלילע ניט ווי א נעדאָווע, און ניט געזאָגט קיין דאנק אפילע, נאָר צוגענומען מיט ביידע הענט, ווי א כויוו, וואָס קומט אים, און געהייסן זיך ברענגען מאָרגן נאָכאמאָל, געגעבן איי-צעס, וויאַזוי מע זאָל פון זיינטוועגן „קריגן", דאָס הייסט, מעכילע, גאַנווענען. ניט אפן גראָבן ארט כאָלילע, נאָר איידל. לעמאָשל, דער אייגענער גערגעלע האָט אויסגעלערנט זיינע כאווירים, און דאפקע אין א גאָר קורצער צייט, וויאַזוי מע קאָן קריגן אומזיסט עפל אין מארק, אָדער בארן. מע מיינט ניט פון פרעמדע גערטנער, כאָלילע. וואָרעם וואָס פאר א טאטנס א קינד וועט זיך עס איינשטעלן אריבער-קריכן, ווי א גוי, איבער א פלויט, אריינשפרינגען אין א פרעמדן גאָרטן, וווּ עס געפינט זיך א שוימער, וואָס קאָן ברעכן א ביין, און א הונט אפ א קייט, וואָס קאָן דוירעס[2] זיין א מענטשן? קריגן אומזיסטע עפל וויפל מע וויל האָט זיי גערגעלע-גאַנעוו אויסגעלערנט גאָר שפילנדיק זיך, און אפילע ניט אויוועך צו זיין אפן לאוו פון „לוי סיגנויוו"[3]. וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? אָט וועט איר האָרכן — און זאָגט איר, אויב דאָס הייסט געגאַנוועט.

זומער-לעבן. נאָרוואָס אופגעקומען עפל און בארן. שוין פאר-נאכטלעך. ווייבער זיצן נאָך, אויסגעלייגט מיט זייער סכוירע אפ די טישלעך, אָדער גאָר אפ דער ערד, ריידן פונעם גערעטעניש, וואָס הייַנטיקס יאָר איז אפ אויבסטן, פון דעם, וואָס קיין רעגן גייט ניט, און אז עס גייט ניט קיין רעגן, איז א שטויב, און אז ס'איז א

---

1 מיט גרויס פרייד.

2 צערייסן.

3 ברעכן דעם פארבאָט פון דער טוירע: „זאָלסט ניט גאַנווענען".

שטויב, איז דאָ א סאך פליי... די מאנענ פונ די ווײַבער זײַנענ אינ בעסמעדרעש, כאפנ ארײַנ א מינכע-מײַרעוו. דעמלט איז די בעסטע צײַט. דעמלט לאָזנ זיך ווײַסע-כעווערניקעס אפ דער ארבעט — צו קריגנ א מזיכטע עפּל. כעוורע גייענ באָרוועס אונ אלע אָנגעוואָפּנט מיט שטעקלעך, אונ אפ די שטעקלעך טשוועקלעך, אויסגעבויגנ ווי האטשקעלעך, אונ מע לאָזט זיך לויפנ — דאָס ווערט אָנגערופנ „פּאָטשט". איינער איז דאָס פערד, אונ די איבעריקע זײַנענ פארשוינ-דלעך, וואָס האלטנ אים באם צוימל, טרײַבנ אים, הוקענ אונטער אונ פײַפנ אונ שרײַענ: „פּאָשאָל!" אונ אקוראט אז עס קומט צו דער קופּע עפּלעך אָדער בארלעך, טוט גערגעלע א קאָמאנדע: „פּאלקי דאָלאָי!" — טוענ כעוורע א שאר מיט די האטשקעוואטע שטעקלעך, אונ מאכמעס דער שטויב איז פונעם לויפנ זייער גרויס, באמערקט מענ ניט, ווי עס קאטשענ זיך עטלעכע אָנגעכאפּטע עפּלעך אָדער בארלעך. אָפּגעלאָפנ א ביסל, ציט זיך גערגעלע אויס, אונ נאָך אים — די ווײַסע-כעווערניקעס, אפ דער ערד אונ מע נעמט זיך צום „רויב", צו די אָנגעכאפּטע עפּלעך. מע שטופּט ווער אינ די קעשענעס, ווער גלײַך אינ מויל ארײַנ — כײַ געלעבט! ס'איז ניט אזוי זיס די גנייווע, ס'איז ניט אזוי אָנגעלייגט די עפּלעך, ווי ס'איז גלאט פריילעך!

גערגעלע איז איבערהויפּט א פריילעכער יונג, כאָטש ווער עס האָט גאָט אינ הארצנ — דער לייגט אינ אים ארײַנ וויפל ער וויל. אנ אָרעמ ייִנגל אונ א יאָסעמ — ווער וועט זיך פאר אים אָנעמענ? אונ דערצו נאָך א גאנעוו! נאָטע דער שאמעס פונ בעסמעדרעש האָט אים געכאפּט איינמאָל מיט א פרעמדנ סידער, אונ רודע-באסיע, וואָס באקט בייגל אונ בלינעס, האָט בא אים אויסגעטרייסלט א האלבנ קאָרזש פונ בוזעמ — אזעלכנ איז א מיצווע צו ברעכנ די ביינער! דערצו האָט ער א מויל — סאקאָנעס-נעפאָשעך! אפ אלעמענ האָט ער אײַך אנ אנדער כיסאָרנ, אונ אפ יעדנ — א צונעמעניש, אונ ווײַל אליינ איז ער העפקער אונ אײַנצושטעלנ האָט ער ניט וואָס, האָט ער ליב איטלעכנ באזונדער אונטערשטעלנ זײַנ באָרוועכנ פוס, ווי א קאָטשערע, אזוי אז יענער זאָל זיך אויסציִענ, ווי לאנג ער איז — מעג עס זײַנ דער ראָוו אליינ, די רעבעצנ אָדער די שויכעטקע — פּוצ אינ דער ערד ארײַנ! דאָס איז דעמ קליינעמ שאָלעמענ שטארק געפעלנ, אונ מיט דער צײַט האָט ער אים אזוי ליב געקריגנ, אז ער האָט אים געטראָגנ גאנצע שטיקער ברויט פונ דער שויכעטקעס טיש אינ קעשענע, מעכילע ביגנייווע, אונ אמאָל טאקע אוועקגעלאקכנט

פונ דער צוקער-פושקע א שטיקל צוקער אויכ. ער האָט ליב געהאט צוקער. מער פונ אלצ האָט אָבער גערגעלע ליב געהאט א ציגאר טיטונ, אויסגעגאנגענ נאָכ א פאפיראָסל! נאָר ווו קריגט מענ אזא זאכ, אז דער רעבע איז קראנק אונ רייכערט ניט, אונ דער טאטע איז ניטאָ? האָט אימ גערגעלע געגעבנ אנ אייצע, ער זאָל זיכ אָפטער א ביסל ארײַנכאפנ צומ פעטער ניסלענ — יענער רייכערט דאָכ „פערווע דיובעק”!

דאָס איז געווענ א ווילע אייצע. דער פעטער ניסל האָט געהאט א ברייטע האנט. די פושקע טיטונ איז בא אימ געשטאנענ אָפנ, פראנק אונ פרײַ, א..נ געזימס, אונטערנ שפיגל. אהינ האָט זיכ דער קליינער שאָלעמ אָנגעהויבנ אָפטלעכ ארײַנכאפנ, ארײַנשטעקנ די יאד, אָנעמענ א פולע ושמעניע דיובעק אונ ארײַנ אינ די הויזנ-קעשענעס. באדארפ זיכ טרעפנ, מײַסע סאָטנ, אז די מומע האָדל דערזעט עס (אונ דאפקע זי דארפ דערזענ, ניט קיינ אנדערער!). דאָ האָט זיכ ארומגעלאָזט דער הימל אפ דער ערד. עק וועלט! ס'איז גאָר ניט געווענ אזא שטראָפ, וואָס דער קליינער פארברעכער זאָל דאָס ניט האָבנ פארדינט. ארבע מיסעס בעסדנ[1]! עס האָט זיכ אימ אויסגעדאכט, אז וואָס שטרענגער אונ וואָס גיכער דער פסאק זאָל שוינ זײַנ, וואָלט געווענ בעסער. האָט גאָט געטאָנ א נעס. עס האָט זיכ געטראָפנ א גליק, וואָס איז געווענ, אייגנטלעכ, אנ אומגליק, א גרויסער אומגליק: מע איז געקומענ צו לויפנ פלוצעמ צומ פעטער ניסלענ, אז ער זאָל גיינ וואָס גיכער, וואָרעמ מוישע דער שויכעט איז פארבײַ, די גאנצע שטאָט איז דאָרט, ער גויסעסט שוינ...

דאָס איז געווענ פארנ קליינעמ פארברעכער א נײַער קלאפ, עפשער נאָכ א גרעסערער פונעמ ערשטנ. קיינ אנדער רעבנ האָבנ די טאלמידימ אזוי ניט ליב געהאט, ווי אָט דעמ רעבנ. דאָס איז געווענ עפעס א מאלעכ, ניט קיינ רעבע! ערשט דעמלט, ווענ כעווריע נויסע-האמיטע[2] האָבנ אימ, אנ איבערגעדעקטנ מיט שווארצנ, געגעבנ א כאפ אפ די פלייצעס אונ א טראָג אוועק אפנ היילינקנ אָרט אונ די גאנצע שטאָט איז נאָכגעגאנגענ נאָכ דער לעווײַע, האָבנ נאָכעמ

---

1 פירערליי טויט-שטראָפנ (פארשטיינערנ, פארברענענ, אָפהאקנ דעמ קאָפ, דערווערגנ), וואָס פלעגנ אָנגעווענדט ווערנ פאר פאו שיידענע רעליגיעזע אונ קרימינעלע פארברעכנס לויט די געזעצנ פונ ביבל אונ טאלמוד.

2 א רעליגיעזע געזעלשאפט, וואָס פארנעמט זיכ מיט אוועקטראָגנ דעמ געשטאָרבענעמ אפנ בעסוילעמ.

וועוויקס קינדער זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ בריליאַנטענער רעבע דאָס איז געווען, און ווי ווײַט זיי האָבן ניט געוווסט אים צו שאַנעווען — און אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך אויפגעעפנט בײַ זיי. נאָך אַן אייגענעם ברודער באַדאַרף מען אַזוי ניט וויינען, ווי די האָבן געוויינט נאָך זייער יונגן רעבן, מוישע דעם שויכעט.

מער פון אַלע און וואָרעמער פון אַלע האָט געוויינט שאָלעם. דער האָט זיך געפילט קעגן אים אַ פאַרזינדיקטער, אַ כויטע גאָמור [1]. ערשטנס, האָט אים דער רעבע געהאַלטן פאַרן בעסטן און פאַרן ערלעכסטן, צום סאָף האָט ער זעלטן געוווסט דאָנערשטיק דאָס לייענען. ער האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ער ווייסט, געשאָקלט זיך און געזונגען און געדרייט מיט דער האַנט — אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט! הײַנט וויפל מאָל האָט ער איבערגעהיפּט העכער האַלב דאַווענען! און טאַקע גלאַט ניט געדאַוונט ניט קיין מינכע, ניט קיין מײַרעוו, נאָר אַרומגעלאָפֿן מיט גערגעלע-גאַנעוו, געדרייצט דעם גאַלעכס הינט דורך די גראַטעס, אָדער געגאַנוועט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ, אויף ד ע ר וועלט, האָט דאָס דער רעבע ניט געוווסט, ער וואָלט זיך עס גאָר אויף אים ניט געגלייבט. אָבער דאָרט, אויף י ע נ ע ר וועלט, ווו ער ווייסט שוין אַלץ, אַלץ, אַלץ?..

22

מייער־וועלוול באַלעגאָלע מיט זײַנע „סוסים"

דער פעטער ניסל — מיט ווײַסע־כעווערעניקעס אַ ווײַסער־כעווערעניק. — מייער־וועלוולס בויד מיט די דרײַ סוסים: „מודריק", „טענצער" און די „יאַכסנטע". — דער באַלעגאָלע דערציילט זײַן ביאָגראַפיע.

סאָף זומער (אין דרויסן איז נאָך געווען רעכט וואַרעם, נאָר געשמעקט האָט שוין מיט ראָשכוידעש עלעל) איז אָנגעקומען אַ בויד מיט דרײַ פערד פון דער גרויסער שטאָט, פון פערעיאַסלאַוו. צוגעפאָרן צום פעטער ניסלס שטוב, האָט דער באַלעגאָלע, אַ באַריידעוודיקער ייִד מיטן נאָמען מייער-וועלוול, זיך צעשפּיליעט און אַרויסבאַקומען ערגעץ פון אַ ווײַטער קעשענע אַ בריוול, געשריבן פון נאָכעם וועוויקס צו זײַן ברודער ניסל ראַבינאָוויטש. אין בריוול איז געשטאַנען, אַז מע שיקט נאָך די קינדער, ערשטנס, אַ פור, צווייטנס,

---

1 געמיינט: אַ שטאַרק זינדיקער.

דרײַ פּאָר שטיוועלעכ, אונ, דריטנס, עסנוואַרג: קיכלעכ, האַרטע אייער אונ בארנ — דאָס איז „ציידע-לאַדערעכ“[1] אפ צוויי טאָג. אונ כוצ-לאָזע, עקסטרע פונ דער באָבע מינדע, א וואַרעמע קאָלדרע מיט אנ אלטנ שאַל אפ אײַנצוהילנ די קינדער, טאָמער ווערט כאָלילע קאַלט, אָדער עס גייט א רעגנ. דעמ באלעגאָלע האָט מענ אָנגעזאָגט, אז ער זאָל, לעמאנאַשעמ, אוּפּזעצנ די קינדער אפנ אנדערנ טאָג אינ-דערפרי באַלד נאָכנ דאַוונענ, אונ אז נעכטיקנ זאָל ער מיט זיי אינ באָרישפּאָליע, וועלנ זיי קאָנענ קומענ, אימירצעשעמ, אפנ אנדערנ טאָג ארומ מינכע-צײַט אהיימ, קיינ פּערעיאַסלאַוו.

ווו נעמט מענ פּארב אפ צו באשרײַבנ די סימכע פונ נאָכעמ וועוויקס קינדער, אז מע האָט זיי איבערגעגעבנ דעמ אינהאַלט פונ דעמ דאָזיקנ בריוו טאַקע אינאיינעמ מיט דרײַ פּאָר שטיוועלעכ? אפ וואָס זאָל מענ זיכ פריִער פרייענ: אפ די נײַע שטיוועלעכ? אָדער אפ דעמ, וואָס מע וועט צוויי טעג נאָכאנאַנד פאָרנ אינ א בויד מיט דרײַ פערד, צי אפ דעמ, וואָס מע וועט איבערמאָרגנ אפדערנאַכט שוינ זײַנ אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פּערעיאַסלאַוו?

— קומט אהער, שקאָצימ, אכבערישימ, ווײַסע-כעווערניקעס, זעצט אײַכ קאָרשט אוועקעט אונ מעסט אָנ אָט די שטיוועלעכ! — אזוי האָט געקאָמאנדעוועט דער פעטער ניסל, געשענקט אלע דרײַ צו שנעל, ווענעמ אינ נאָז ארײַנ אונ וועמענ אינ אנ אויער.

דער פעטער ניסל האָט ליב געהאַט קינדער: אייגענע, פרעמדע — אלציינס, אונ דעריבער איז באקומענ פונ אימ א שנעל געווענ ניט קיינ שטראָפ, נאָר א פארגעניגנ, עס האָט געמעגט אפילע שמארצנ דערנאָכ א האַלבע שאָ קעסיידער. פונ דעמ, וואָס מע האָט ליב, איז א פּאַטש אויכ א מאַטאָנע. אונ ליב האָבנ אימ די קינדער גע-האַט דערפאַר שוינ אליינ, וואָס ער איז געווענ קימאַט דער איינציקער אינ דער מישפּאָכע, וואָס האָט קיינמאָל קיינעמ ניט געשטראָפט, קיינ מוסער ניט געזאָגט אונ ניט אכטונג געגעבנ, ווי אנדערע, מע זאָל לערנענ אָדער דאַוונענ. אדעראַבע, מיט קינדער קונדייסימ איז ער אליינ אויכ געווענ א קונדעס, ליב געהאַט א לאַכ צו טאָנ אונ א שטיפ טאָנ, אינאיינעמ מיט זיי ארײַנלאָזנ א רעכטע פאָרציע שמעק-טאַבעקע אינ נאָז ארײַנ אנ אלטנ ייִדנ, וואָס איז אנשלאָפנ געוואָרנ, זיצנדיק אינ בעסמעדרעש, אונ ווינטשעווענ אימ נאָכדעמ „צו גע-

1 שפּײַז אינ וועג.

זונט״, אז יענער האָט זיכ אופגעכאפט מיט א ניסערײַ אונ מיט א הוסטערײַ. אונ ווער שמועכט סימכאסטוירע — דעמלט איז ער געווענ מער ווײַסע-כעווערניק פונ אלע ווײַסע-כעווערניקעס; ער אליינ האָט אָנגעטרונקענ געדאליע דעמ שיקער מיט בראנפנ אונ געהאָלפנ די קינדער, זיי זאָלנ בינדנ געדאליענ הענט אונ פיס, ווי א באראנ, פארשליסנ אימ אינ קאמער אונ דאָרטנ צוקרעמפעווענ זײַנ האנט דורכ א לאנגנ שטריק צומ סוואָלעק[1] מיט א גלאָק, אזוי, אז ער וועט זיכ אויסניכטערנ אונ וועט וועלנ אופשטיינ, זאָל ער ניט ווילנדיק אָנהייבנ קלינגענ, ווי אפ א סרייפע, אונ די גאנצע שטאָט זאָל זיכ צונויפלויפנ מיט א ליארעמ אונ א געפילדער: „ווער ברענט?״...

פונ דעמ איז צו פארשטיינ, ווי שווער ס׳איז געווענ מיט אזא פעטער זיכ צעשיידנ! באמ געזעגענענ זיכ האָט ער די כעווערע געטרייסט מיט ווערטער אונ מיט א זעצ אינ די פלייצעס: „נישקאָשע, ניטשעוואָ, מירנ זיכ נאָכ זענ! *איכ וועל דאָ אויכ לאנג ניט פארבלײַבנ!*״... אזוי ווי דאָס הארצ האָט אימ געזאָגט — ווי דער לעזער ווייסט שוינ פונ די פריערדיקע באשרײַבונגענ.

אָנגעטאָנ די נײַע שטיוועלעכ אונ געפילט זיכ אינ זיי מעכײַעדיק גוט, ווי אויסגעוואקסנ, האָבנ כעווערע קוידעמקאָל באקאנט זיכ מיט דער בויד, מיט אלע דרײַ פערדלעכ אונ מיטנ באלעגאָלע, וואָס וועט זיי פירנ פונדאנענ אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ.

די בויד — א בויד ווי אלע בוידנ, אויבנ מיט א גרויענ געלאטעטנ דעקטוכ, גוט אויסגעבעט מיט היי אונ מיט ראָגאָזשעס, דאכט זיכ, ווייכ, דארפ זײַנ א טײַנעג צו זיצנ. דעמ „טײַנעג״ זײַנענ כעוורע געוווירע געוואָרנ נאָכדעמ, אפנ אנדערנ טאָג פונ דער נעסיִע, אז זיי האָבנ שוינ ניט געפילט איינ ביינ א גאנצנ. דאָס איז די בויד. אונ די פערדלעכ — זיי פארדינענ באשרײַבנ צו ווערנ כאָטש אינ קורצע ווערטער, נאָר יעדעס פערדל באזונדער, וואָרעמ די דרײַ פערדלעכ (בא מייער-וועלוול באלעגאָלע האָבנ זיי געהייסנ „סוסים״) האָבנ זיכ אזוי אָנגעקערט איינס מיט דאָס אנדערע, אזוי ווי עס קערט זיכ אָנ, לעמאָשל, א שטרויענער דאכ מיט א פידיענ-האָבנ[2]. דאָס איז געווענ א *ייִדישע טראָיקע*.

1 א באלקנ.

2 אויסלייזנ דעמ זונ. א רעליגיעזער מינהעג: ווענ עס ווערט געבוירנ אנ ערשטלינג א ייִנגל, געבנ פאר אימ אויסלייז-געלט.

מיר הייבן אָן פונעם מיטלסטן, פונעם „קאָרעגאַי". בא מייער-וועלוול דעם באַלעגאָלע האָט ער געהייסן מיטן נאָמען „מודריק". פאַרוואָס מודריק? ווייסט מען ניט. עפּשער דערפאַר, ווייל מודריק נעמט זיך פונעם וואָרט מודרי, און מודרי איז דער טייטש כאָכעם, כאָטש קיין גרויסער כאָכעם, דארף מען זאָגן דעם עמעס, איז דער דאָזיקער מודריק ניט געווען. ער איז נאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן—דאָס יאָ. דאָס האָט מען געקאָנט ארויסזען פון זיין אלטער מאָרדע מיט די ריינענדיקע אויגן און פון זיינע אויסגעטריפּעטע עק און פון די הויכע ביינער, וואָס האָבן ארויסגעסטאַרטשעט פון זיינע אמאָליקע ברייטע הינטן. און פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אָפּ זיינע עלטער, איז דער גאנצער וואָגן מיט דער גאנצער מאַסע געלעגן קי-מאַט נאָר אויף אים, מאַכמעס יענע, די צוויי „פּריסטיאַזשנע", האָבן זיך נאָר געמאַכט ווי זיי שלעפּן.

די דאָזיקע צוויי „סוסים" האָבן אויך געהאַט נעמען. איינס האָט מען גערופן מיטן נאָמען „טענצער", ווייל דער גאנג זיינער איז געווען מיט א טענצל. ער האָט געהאַלטן אין איין טאַנצן. אַלע פיר פיס האָבן בא אים געטאַנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאַנצט באַזונדער. זיי האָבן זיך ניט אופגערעדט. און דערפאַר איז פון זיין טאַנצן קיין גוטס ניט ארויסגעקומען. ער האָט נאָר געשטערט מו-דריקן—איז איינס; און ווידער האָט ער אַזוי געטרייסלט דעם וואָגן, אַז ס'האָט ארויסגעטרייסלט די נעשאָמע. מאָלט אייך, מייער-וועלוול האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט: „וועסט בא מיר טאַנצן!"— האָט ער אים געזאָגט און איינגעטייטשט אמאָל מיט דער בייטש און אמאָל מיטן שטעקל פון דער בייטש. דעם גאנצן וועג האָט ער אים גע-האַלטן אין איין שלאָגן, געלערנט מיט אים באַלעק [1]. דאָס האָט אָבער ווינציק-וואָס געהאָלפן. טענצער איז ניט ניספּאָעל געוואָרן און ניט אופגעהערט צו טאַנצן. אדעראבע, אַז מע האָט אים גוט דערלאַנגט, איז נאָך געווען ערגער: ער האָט אָפּגעענטפערט מיט ביידע הינטער-שטע פיס, ווי איינער רעדט: „אַז דו ווילסט, נא דיר!.." אין וווּקס איז ער געווען א קליינער, א סאַך קלענער פון מודריקן, נאָר א מאָרדע האָט ער געהאַט א סאַך א קליגערע פון מודריקן. גאָר קיין ערעך ניט. ס'איז מעגלעך, אַז מייער-וועלוול האָט ניט מעגאַזעם גע-ווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַרימט, אַז טענצער איז געווען

1 דאָ געמיינט: ער האָט אים שטאַרק געשלאָגן.

אמאָל גאָר פונ די „געהויבענע סוסימ“, נאָר ווײַל ער איז פונ א גוט אויג געכאפט געוואָרנ אפ די ראגלאַימ אונ מע האָט מיט אימ גאָרנישט געקאָנט מאכנ, איז ער ארײַנגעפאלנ צו אימ אינ די הענט ארײַנ אונ ער לערנט מיט אימ פונ דעמלט אָנ באָלעק.

דערפאר האָט מייער-וועלוול דעמ דריטנ סוס געלאָזט צורו, געלטנ, פונ יויצע וועגנ, דערלאנגט א שמיצל. געווענ איז דאָס א שקאפקע, א נידעריקע אונ א גראָבע, מיט מאָכנאטע פיס, אונ געהייסנ האָט זי בא אימ די „יאכסנטע“, דערפאר, וואָס זי קומט ארויס פונ א גרויסנ ייכעס: זי איז געווענ אמאָל — אזוי האָט דערציילט מייער-וועלוול, פאָרנדיק אינ וועג, — א גאלעכס א פערד. ווי קומט זי צו אימ? איז דערינענ א גאנצע מײַסע, וואָס מע קאָנ זי ניט איבערדערציילנ מיט אלע פישטשעווקעס: ערשטנס, איז דאָס שוינ זייער לאנג — ווי קאָנ מענ זיכ אָנגעדענקענ? אונ, צווייטנס, האָט זיכ די מײַסע נאָכ דעמלט בא מייער-וועלוולענ ניט געקלעפט אקוראט. עס געדענקט זיכ נאָר, אז די יאכסנטע איז געווענ, ווי מייער-וועלוול דערציילט מיט א שמייכל, א געגאנוועטע. דאָס הייסט, ניט ער, כאָלילע, האָט זי געגאנוועט; געגאנוועט האָבנ אנדערע, נאָר ער האָט זי אוועקגעקויפט בעכאָצע-כינעמ[1], אונ בייס ער האָט זי געקויפט, האָט ער ניט אָנגעהויבנ צו וויסנ, ער זאָל אזוי ניט וויסנ פונ קיינ צאר אונ פונ קיינ דאלעס, אז זי איז א געגאנוועטע, וואָרעמ ווענ ער זאָל וויסנ, אז זי איז א געגאנוועטע, אונ נאָכ בא א גאלעכ דערצו, וואָלט ער זיכ ניט צוגערירט צו איר, מע זאָל אימ אָפגילטנ (דערבײַ מאכט שוינ מייער-וועלוול אנ ערנסטע מינע), טאקע מאמעש אָפגילטנ! ניט מאכמעס ער איז אזא צאדיק אינ פעלצ אונ האָט מוירע זיכ צורירנ צו א געגאנוועטע פערד. וואָס גייט אימ אָנ, אז יענער איז א גאנעוו? ביסטו א גאנעוו, וועט מענ דיכ שמײַסנ אפ יענער וועלט. נאָר ער וואָלט זי ניט געקויפט איבער אנ אנדער זאכ. ער האָט פײַנט פאָליציע, אזוי ווי כאזער. ער וויל ניט האָבנ קיינ שומ „דאָטשיניעניעס“[2] מיט פאָליציע! וועהאָרײַע, ער האָט אמאָל געהאט אפ זיכ א פעקל, אנ אומגליק, א בילבל. סאָנימ באלעגאָלעס האָבנ אימ אונטערגעשטעלט א פיסל, יאנקל בולגאטש, א רועכ אינ זײַנ קוטשמע!..

1 האלב אומזיסט.

2 געמיינט: געשעפטנ.

און דאָ גייט אוועק בא מייער-וועלוולען א זײַטיקע מײַסע, און נאָכ א מײַסע, און נאָכ א מײַסע, און פונ די אלע מײַסעס האָט מענ געקאָנט שטארק כורשעד זײַנ, אז מייער-וועלוול האָט שטארקע „דאָטשיניעניעס" מיט פערד-גאנאָווימ און מיט פאָליציע...

דערפאר האָט ער אָבער געהאט א מײַלע — ער איז געווענ, ווי מיר האָבנ שוינ אויבנ געזאָגט, א באריידז/וודיקער און האָט מיט זײַנע נײַנ מאָס רייד זייער גוט אונטערגעהאלטנ די יונגע פארשוינדלעכ דעמ גאנצנ וועג פונ וואָראָנקאָ קיינ באָרישפאָליע און פונ באָרישפאָליע קיינ פערעיאסלאוו — דאָס מויל האָט זיכ אימ ניט צוגעמאכט אפ קיינ מיעוט אפילע. אלצדינג זײַנענ פונ אימ די קינדער געווירע געוואָרנ, פונ זינט ער איז געווענ א יינגל א שמײַסער בא יאנקל בולגאטש, און דערנאָכ, וויאזוי ער האָט כאסענע געהאט און אליינ געוואָרנ פאר זיכ א באלעגאָלע, האָט אימ יאנקל בולגאטש געדוידענט, געגראָבנ, נאָר ער האָט אימ אינ דער ערד! און פונ זײַנ ווײַב האָט ער דערציילט, וויאזוי זי איז געווענ אמאָל א מיידל און דאפקע א שיינע, א קראסאוויצע! און וויאזוי ער איז געווענ נאָכ איר די קאפאָרע: שיר-שיר ניט אײַנגענומענ א מיסע-מעשונע — אזא קראסאוויצע איז דאָס געווענ! הײַנט, ווענ ער ווערט צוריק א באָכער, וואָלט ער אפילע ניט געוואָלט קוקנ אפ איר, נאָר דעמלט איז ער נאָכ געווענ א „יאט"...

דאָס וואָרט „יאט" האָבנ כעוורע ניט רעכט פארשטאנענ; נאָר אז מייער-וועלוול האָט גענומענ דערציילנ אינ זײַנ ווײַטערדיקער ביאָגראפיע, וויאזוי זײַנ ווײַב האָט אימ קארגער א יאָר נאָכ דער כאסענע געבוירנ א יאטל, און שפעטער מיט א יאָר נאָכ א יאטל, און נאָכ א יאטל, און נאָכ א יאטל — האָבנ זיכ כעוורע אָנגעשטויסנ וואָס דאָס איז.

געענדיקט דערציילנ זײַנ אייגענע געשיכטע, איז מייער-וועלוול באלעגאָלע אריבער צו דער געשיכטע פונ יאנקל בולגאטש און פונ אנדערע באלעגאָלעס, אָנגערוכנ אלעכענ בא די נעמענ און באקאנט געמאכט, וויפל און וואָסערע פערד יעדער האָט, ווער עס האָט פערד, טאקע „כוסימ", און ווער עס הזט „פעגירעס, נעוויילעס, נעל".

פונ באלעגאָלעס איז מייער-וועלוול אריבער אפ פערד-הענדלער און אפ ציגײַנערס און אפ גאנאָווימ און אפ „נעוויימ". דער כילעק פונ א גאזלענ ביז א גאָנעוו איז דער — אזוי האָט מייער-וועלוול געגעבנ צו פארשטיינ, — וואָס דער גאנעוו פירט ארויס דעמ סוס פונ

שטאל, און דער „באָווי" — דער טרעפט און ווײַזט אָנ, ווו דער סוס געפינט זיכ. דעריבער מוז מענ מיט די נעווייִם שלאָגנ בלאָט נאָכ מער ווי מיט די גאנאָווים... ניינ, די קינדער וועלנ דאָס אינ צוויי יאָר ניט געווירע ווערנ, וואָס זיי זײַנענ געווירע געוואָרנ פונ מייער־וועלוול באלעגאָלע אינ די צוויי טעג פונ זייער נעסיִע.

אצינד, אז מיר זײַנענ שוינ באקאנט מיטנ באלעגאָלע, מיט זײַנ בויד און מיט זײַנע דרײַ סוסימ, מעגנ מיר זיכ אומקערנ אפ א קורצע ווײַלע צוריק קיינ וואָראָנקאָ און דערציילנ, וויאזוי דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע האָט זיכ אָפּגעזעגנט מיט זײַנ שטעטעלע, איידער ער האָט דאָס פארלאָזנ אפ שטענדיק.

23

זײַ געזונט, וואָראָנקאָ!

דער העלד געזעגנט זיכ אָפּ מיט זײַנ שטעטעלע. — ער שווערמט[1] וועגנ אויצער. — ער איז גרייט אוועקצושענקענ געראָגעלעכ זײַנע אלטע שיכ. — א בארישער אינצידענט מיט „פרומע די מוידל".

וויפל דאָס שטעטל האָט זיכ ניט צוגעגעסנ, וויפל די מענטשנ זײַנענ ניט נימעס געוואָרנ, און וויפל פײַנעלע שימעלעס האָט אינ זײַנ צײַט ניט געצאָבנ עס צו קליינגעלט, האָט וואָראָנקאָ פארנ אוועקפאָר פונ נאָכעמ וועוויקס קינדער אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ צוריק באקומענ בא זיי אינ די אויגנ דעם אמאָליקנ כיינ מיטנ אמאָליקנ גלאנצ, אינ עס האָט בעמעס הארצעדיק באנק געטאָנ מיט דעם זיכ צו שיידנ.

גלײַכ ווי מיט עפּעס א לעבעדיקער זאכ, גלײַכ ווי מיט א ליבנ און געטרײַענ כאווער — אזוי האָט זיכ שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס געזעגנט מיטנ שטעטל, אָנגעהויבנ פונ דעם הויפ מיטנ גאָרטנ און מיט א טלעבעט ביימעלע, וואָס האָבנ שוינ איצטער געהערט צו אנ אנ־דערנ, אינ אויסגעלאָזט מיטנ בארג, וואָס אפ יענער זײַט בעסמע־דרעש, און מיט דער „לעוואדע"[2], וואָס אפ יענער זײַט שטאָט, —

1 טרוימט.

2 לאָנקע.

די ערטער, ווו ער האָט פארבראכט מיט זײַנע בעסטע כאווירימ, רעכנענדיק פונ דעמ ערשטנ, פונ שמוליק דעמ יאָסעמ, ביז לעצטנ— ביז גערגעלע-גאנעוו.

גאנצ באזונדער האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אפ יענעמ אָרט, ווו עס איז געלעגנ, וועדליק שמוליק האָט געוווּסט קימאט פאר געוויס, באהאלטנ דער אויצער; ווי א פארקישעפטער איז ער געשטאנענ איינער אליינ אינ א הייליקער שטילקײַט, אונ א גאנצע ריי פונ מאכשאָווועס האָבנ זיכ דורכגעטראָגנ אינ זײַנ קאָפּ: וואָס וועט זײַנ מיטנ דאָזיקנ אויצער, טאָמער כאסוועשאָלעמ געפינט אימ א גוי, ניט קיינ ייִד?.. אונ צי איז דאָס מעגלעכ, אז א גוי זאָל אימ געפינענ?— דאָס קאָנ וויסנ נאָר אזא מענטש, ווי זײַנ כאווער שמוליק... ווו קאָנ זײַנ איצטער שמוליק? צי וועט ער זיכ באגעגענענ אמאָל מיט שמוליקנ? אונ וואָס וועט זײַנ, אויב זיי וועלנ זיכ באגעגענענ? — אז זיי וועלנ זיכ באגעגענענ ערגעצ-ווו, איז דאָס ערשטע וועלנ זיי מיסטאמע ביידע קומענ צו פאָרנ אהער אפ א קורצע צײַט, ביידע אינײנעמ, באקוקנ נאָכאמאָל די אלע ערטער, ווו זיי האָבנ אינײנעמ פארבראכט זייערע בעסטע ייִנגלשע יאָרנ. אונ דערנאָכ וועלנ זיי זיכ א נעמ טאָנ צומ אויצער אפ אלע קיילימ: פריִער וועט איינער פאסטנ טאנייסימ, דערנאָכ דער אנדערער, אונ אז זיי וועלנ פארטיק ווערנ מיט די טאנייסימ אונ מיטנ טילימ-זאָגנ, וועלנ זיי נעמענ זוכנ דעמ אויצער. אונ אז זיי וועלנ געפינענ דעמ אויצער, וועלנ זיי זיכ מיט אימ צעטיילנ אפ דער האלב, כיילעק קעכיילעק — אונ אכ! ס'ארא יאָמטעוו דאָס וועט זײַנ! דעמ גרעסטנ כיילעק, פארשטייט זיכ, וועט באקומענ דער טאטע, נאָכנמ ווערוויקס. דערנאָכ דער פעטער ניכל — אויכ א היפשנ כיילעק. דערנאָכ דער פעטער פיניע אונ די איבעריקע קרויווימ פונ דער מישפּאָכע. גאָר א גרויסער טייל פונעמ אויצער וועט ארײַנפאלנ טאקע דאָ גופע, צו די וואָראָנקאָווער ייִדנ. מוישע דעמ שויכעטס ווײַב, די אלמאָנע נעבעכ — איר דארפ מענ געבנ אזויפיל, אז זי זאָל ניט ליידנ פונ כאסענע האָבנ נאָכאמאָל אונ זאָל פארשפּאָרנ זיכ שלעפּנ קיינ כוואָסטעוו צו אירע אָרעמע קרויווימ, וואָס האָבנ אליינ קוימ א טאָג איבערצוקומענ. די צוויי גאבעטעס, „פרומע די מויד" אונ „פייגעלע-שמעדײַ", כאָטש זיי האָבנ דאָס ניט פארדינט, וועלנ אויכ פונדעסטוועגנ באקומענ אזויפיל, וואָס זייערע מאמעס האָבנ עס אפילע אינ כאָלעמ ניט געזענ. די אלטע רודע-באסיע, וואָס באקט בייגל, בלינעס אונ קאָרזשעס אונ האלט אויס

מיט אירע געשוואָלענע הענט א גאנצע מישפּאָכע, וואָלט שוין גע־מעגט אפ דער עלטער, בישקאָשע, זיך א ביסל אָפּרוען. און מיילעך דער שאמעס, און ישראליע דער שיקער — פארוואָס זאָל מען זיי דורכלאָזן? צי, אשטייגער, שמועל-עליע דער כאזן קלאָגט זיך, אז ס'איז אים דאָ ענג, ער האָט א קאָל און וואָלט געקאָנט זינגען א סאך בעסער פון די גרעסטע כאזאָנים אין דער וועלט, ווען ער זאָל האָבן נאָטן — באדארף מען זען, אז ער זאָל האָבן נאָטן. בלייבט איבער איצטער נאָר איין גערגעלע-גאנעוו. וואָס טוט מען מיט דעם יונג, אז ער זאָל ווערן אויס גאנעוו? קוידעם דארף מען זען, אז זיין מאמע זאָל ווערן אויס קעכן, און זיין שטיפפאטן דעם העקער באדארף מען קויפן א שטיב אן אייגענע, און געלט באדארף מען אים אָנשיטן פולע קעשענעס, און זאָגן אים בעפיירעש, אז דאָס איז ניט צוליב אים, נאָר צוליב זיין שטיפזון גערגעלע — ער זאָל אים אופהערן צו שלאָגן און צו רופן גאנעוו...

בא די געדאנקען וואקסט אויס גערגעלע-גאנעוו! א באָרוועסער, ווי אלעמאָל, און אן אָפּגעריסענער.

— הוי קומסטו אהער?

— און דו?

זיי צערייידן זיך און לאָזן זיך גיין. שאָלעם איז אים מוידיע, אז ער פאָרט אוועק. גערגעלע ווייסט עס. ער האָט שוין געהערט און געזען אפילע די בויד מיט די דריי פערד.

— געזען? וואָס זאָגסטו אף זיי?

— אף וועמען?

— אף די פערד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? פערד...

— און די בויד ווי געפעלט דיר?

— א בויד...

גערגעלע איז ניט אופגעלייגט, ניט גוט געלוינט. זיין כאווער וויל אים מאכן פריילעכער.

— דו ווייסט? איך האָב נאָרוואָס פון דיר געטראכט, ביסטו אָנ־געקומען אקוראט איינמיטן...

— טאקע? וואָס האָסטו געטראכט, אשטייגער?

— איך האָב געטראכט... איך האָב דיך איבזינען געהאט באם אויצער...

— בא וואָסער אויצער?

שאָלעמענ ווערט שלעכט: זאָל ער אים זאָגנ, צי זאָל ער אים ניט זאָגנ? גערגעלע פרעגט נאָכאמאָל: „וואָסער א־יצער?“ עס העלפט ניט — מע מוז אים זאָגנ. אונ ער דערציילט א־יס וועגנ אר־צער. גערגעלע ווערט ניי־עריק: „ווו זשע געפ נט ער זיכ, דער אר צער?“ זיינ כאווער ווערט נאָכ ערגער: זאָל ער אים זאָגנ, צי זאָל ער אים ניט זאָגנ? אינ גערגעלעס אויגנ צינדט זיכ אָנ א פייערל: „וואָס האָסטו מוירע זאָגנ — איכ וועל אים אויסכאפנ?..“ שאָלעם האָט שוינ כאראָטע, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבנ, אונ ער רעדט צו אים מיט דעם אייגענעם טאָנ, ווי פינעלע שימעלעס האָט אמאָל מיט אים גערעדט — פונ אויבנ אראָפ.

— נארעלע, אונ אז איכ וועל דיר אפילע זאָגנ ווו, וועסטו אויכ אהינ ניט קאָנענ צוקימענ, וואָרעמ מע דארפ דערצו קענענ קאבאָלע — איז איינס; אונ צווייטנס, באדארפ מענ פאסטנ פערציק טאנייסים אינ אינ איינ־אונ־פערציקסטנ טאָג...

— אונ אפנ איינ־אונ־פערציקסטנ טאָג ביסטו א שויטע! — שלאָגט אימ איבער גערגעלע אונ כאפט א קוק אראָפ אפ זיינ כאווערס שטיוועלעכ. אפאָנעם, זיי זיינענ אים געפעלנ.

— נייע?

זיינ כאווער ווערט ווי פארשעמט: שפאָגל־נייע שטיוועלעכ אינ דער צייט, ווענ גערגעלע איז א באָרוועסער! אונ ער רופט זיכ אָנ צו גערגעלענ:

— אויב דו ווילסט, קומ מיט מיר צום פעטער גיסלענ, וועל איכ דיר עפעס שענקענ...

— עפעס שענקענ? פארוואָס ניט?.. — גערגעלע איז גאנצ צופרידנ, אונביידע מאכנ זיי גיכע טריט. געקומענ אהיימ צום פעטער גיסלענ, טרעפנ זיי דאָרט א גאנצע כאליאסטרע פריינט אונ גוטע־פריינט, וואָס האָבנ דערהערט, אז א פור איז געקומענ צו פאָרנ נאָכ נאָכעמ וועווקס קינדער, זיינענ זיי דאָס געקומענ זיכ געזעגענענ אונ לאָזנ גריסנ זייערע טאטע־מאמע גאָר פריינטלעכ...

צווישנ דער כאליאסטרע האָבנ זיכ געפונענ אויכ די צוויי גאבעטעס, „פרומע די מויד“ אונ „פייגעלע־אשמעדיי“, דערווייל אליינ, אָנ זייערע מאנענ. שפעטער א ביסל וועלנ קומענ די מאנענ אויכ זיכ צו געזעגענענ אונ צו לאָזנ גריסנ. אלע קוקנ אפ די קינדער מיט רעספעקט — מענטשנ פאָרנ אינ א גרויסער שטאָט, קיינ פערעיאסלאוו! מע רעדט שוינ צו זיי גאָר מיט אנ אנדער לאָשנ. מע גיט

זיי אייצעס, וויאזוי זיי זאָלן פאָרן און ווו זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אין באָרישפּאָליע. דער פעטער ניסל שענקט זיי צו שנעל, ווי זיין שטייגער איז, און פרעגט די שקאָצים, אויב זיי וועלן אַמאָל צושרייבן א בריוול? — א שיינע א ביסל! זיי וועלן שרייבן אַלע וואָך, צוויי מאָל א וואָך, אַלע טאָג!.. שמועל-עליע דער כאזן בעט, זיי זאָלן איבערגעבן פון אים גאָר א באזונדערן גרוס דעם טאטן און זאָגן, אז זינט יענער איז ארויסגעפאָרן פונדאנען, האָט ער, שמועל-עליע, נאָך איין שאָך אפילע ניט געשפילט, ווארעם ווראַנקאָ איז א פוסטקע! די מומע האָדל איז מיטאמאָל געוואָרן גוט, כאָטש לייג זי צו צו א מאקע. זי האָט געזאָגט, אז זי פארשטייט ניט, וויאזוי שיקט מען דאָס ארויס קינדער הונגעריקע? און וואָס איז דאָס פאר א שפייז אין וועג אַפּ צוויי מעסלעס קיכלעך, האַרטע אייער און באַרנס? די קינדער וועלן דאָך אויסגיין פון הונגער! און זי האָט גענומען פאקן זיי אין וועג אריין וואָס זי האָט געקאָנט: שמאלץ אין א קליין טעפּעלע, א סלויעקל פארצוקערטע איינגעמאכטס, אפּאַנעם, פון פאראַיאָרן זומער, און פּאָווידלע, נאָר אזא זויערע, וואָס מע קאָן דערזען קראָקע מיט לעמבערג!

אין דער צייט, וואָס די מומע האָדל האָט געפּאקט אין וועג אריין און די קינדער זיינען געווען פארנומען מיטן געזעגענען זיך, האָט זיך דערווייל אָפּגעשפּילט א קליינע טראגעדיע צווישן „פרומע די מויד” און גערגעלע־גאנעוו. פרומע האָט דערזען גערגעלען, האָט זי א קוק געגעבן אַף אים מיטן בלינדן אייגל און א פרעג געטאָן בא פייגעלע-אשמעדיי: „וואָס טוט דאָ דער גאנעוו?..” האָט גערגעלע ניט געוואַרט, ביז יענע וועט ענטפערן, און האָט פון זיין זייט א פרעג געגעבן: „וואָס טוט דאָ די בלינדע?..” עס וואָלט געקאָנט ארויס דערפון א מיעסער סקאנדאל, ווען שאָלעם נעמט ניט זיין כאָווער גערגעלע פאר א האנט און פירט אים ניט ארויס אין הויף אריין (אין אזא טאָג מעג מען אלצדינג, אפילע כאווערן זיך מיט גערגעלע־גאנעוו).

— איך האָב געזאָגט, איכ'ל דיר עפּעס שענקען א זאך? נא!..

און שאָלעם נאָכעם וועוויקס, צופרידן פון זיין פילאנטראָפּיע, שטרעקט אויס זיין כאווער גערגעלע-גאנעוו זיינע אלטע שטיוועלעך, ארויסגענומענע פון אונטער דער פאָלע. גערגעלע, אַפּאַנעם, האָט זיך געריכט אַף אַן אנדער מין מאַטאָנע, ניט אַף א פאָר אלטע שטיוועלעך. און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פון עם אינצידענט מיט

דער בלינדער פרומע און ניט צופרידנ מיט דעם, וואָס זיינ כאוועד האָט פונ אימ פארלייקנט דעמ אָרט פונעמ אויצער, און גלאט ניט אופגעלייגט דעמ טאָג, האָט ער די שטיוועלעכ בא זיינ כאוועד צו-גענומענ, נאָר ער האָט זיי באלד געגעבנ א שמייס אוועק פונ זיכ מיט קאַס, און ער איז א באָרוועסער אוועק פונ הויפ, זיכ געלאָזט לויפנ — און איז פארשוואונדנ געוואָרנ.

. . . .

א נארישער אינצידענט — נאָר וויפל געזונט האָט ער געקאָסט! גערגעלעס אנטרונענ ווערנ האָט פארביטערט זיינ כאווערס געזעגע-נענ זיכ מיטנ שטעטעלע און אָפגעסאמט אימ די גאנצע זיסקייט פונ דער ערשטער גרויסער שיינער ווייטער נעסיע. וויפל ער האָט ניט געוואָלט נאָכדעמ אָפטרייבנ פונ זיכ דאָס טרויעריקע בילד פונ זיינ באליידיקטנ כאוועד, איז עס דאפקע געקראָכנ אימ אינ פּאָנעמ אריינ, געשטאנענ פאר די אויגנ און גענאָגט דאָס הארצ: „האָסט באליי-דיקט, באליידיקט אנ אָרעמענ כאווער!“...

ארויסגעפאָרנ פונ מארק, געפאטערט די קלייטנ, די הייזלעכ, דעמ בעסוילעמ און, לעהאוודל, דעמ גוישנ „צווינטער“, אינ אריבערגע-פאָרנ דאָס בריקל און געלאָזט הינטער זיכ שוינ די לעוואדע אויכ — אוים וואָראָנקאָ! דעמלט האָט דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגרא-פיע מיטאמאָל דערפילט עפּעס א מאָדנע ענגשאפט אינ האלדז, און א וואַרעמ געפיל פונ ראכמאָנעס צומ קליינעמ שטעטעלע האָט אימ דורכגענומענ דורכ און דורכ, גלייכ ווי דאָס שטעטעלע וואָלט גע-בליבנ א יאָסעמ... דאָס דאָזיקע געפיל אייגנעמ מיטנ פאַדראָס פונ גערגעלעס אנטרונענ ווערנ האָבנ ווייכ געמאכט זיינ הארצ און באַ-נעצט זיינע אויגנ. אָפגעקערעוועט דעמ קאָפּ אפ א זייט, ביכדיי זיי-נע ברידער זאָלנ עס ניט באמערקנ, האָט ער אָפּגעווישט א טרער און האָט שטילערהייט זיכ אָפגעזעגנט דאָס לעצטע מאָל מיטנ שטע-טעלע: „זיי געזונט, וואָראָנקאָ, זיי געזונט!“...

24

די נעסיע

די רייַזע בא מייער-וועלוול באַלעגאָלע אינ בויד. — פילאָזאָפישע געדאַנקענ. — די ערשטע סטאַנציע אינ וועג. — באַרישפּאָליע. — „נע־זיקע“ באַלעבאַטימ פונ דער אַכסאַניע. — א נאַכטלעגער אפ דער ערד. — דער העלד געזעגנט זיכ אפ שטענדיק מיט וואָראָנקאָ.

נאָר דער, וואָס איז אַליינ אויסגעוואַקסנ אינ א קליינ שטעטל אונ איז דאָס ערשטע מאָל אפ זייַנ לעבנ אַרויסגעפאָרנ פונעמ קליינעמ שטעטל אפ גאָטס וועלט, יענער וועט פאַרשטיינ אונ וועט מיטפילנ דעמ גליק מיט דעמ פאַרגעניגנ מיט דעמ ראַכוועס-האַנעפעש[1], וואָס קליינוואַרג האָט געפילט פונ דער דאָזיקער ערשטער אָנגעלייגטער נעסיע. די ערשטע צייַט האָט מענ זיכ אינ בויד גאָר קיינ אָרט ניט געקענט געפינענ. האָט מענ זיכ אָנגעלעגט, ווי דער טאַטע צומ סיידער אפ דעמ העסע-בעט[2], אָדער מע האָט אַרייַנגעלייגט די הענט אינ די קעשענעס אונ אויסגעצויגנ זיכ אינ דער לענג, אָדער מע האָט זיכ גאָר אופגעשטעלט, אָנגעהאַלטנ זיכ מיט די הענט אינ די רייפנ פונעמ בייַדל. דאָס האָט רעב מייער-וועלוול באַלעגאָלע ניט געוואָלט לייַדנ. אונ כאָטש ער האָט געשלאָגנ מיט כעוורע בלאַט אונ א גאַנצנ וועג דערציילט זיי באַלעגאָלע-מייַסעס, פונדעסטוועגנ האָט דאָס אימ ניט געשאַט מאַפטיעכ צו זייַנ[3], אַז טאָמער וועלנ זיי אימ אַרויסכרייַסנ א שטיקל בויד, וועט ער זיי אַרויסרייַסנ די קישקעס. מייער-וועלוול האָט דאָס אָפגעזאָגט, א שמיצ געגעבנ די „סוסימ“ אונ געפאָרנ ווייַטער.

ווער עס געדענקט דעמ טאַמ פונ פאָרנ דעמ ערשטנ מאָל, דער ווייסט, וויאַזוי דער וועג לויפט, וויאַזוי די ערד ווערט פאַרשווונדנ אונטער די רעדער אונ אונטער די פיס פונ די פערד, וויאַזוי אַלצ שוועבט פאַר די אויגנ, וויאַזוי סע שמעקט א פאַרשפעטיקט גרעזל, אָדער א פאַרטשעפעטע צווייַג פונ אנ עלנטנ בוימ, וויאַזוי די פרישע לופט כאַפט זיכ אַרייַנ דורכ דער נאָז אונ דורכ דעמ האַלדז אינעווייניק אַרייַנ אונ גלעט, גלעט — א מעכייַע! אונ עס הייבט אייַכ,

1 געמיינט: דאָס גוט פילנ זיכ.
2 א ספעציעל אויסגעבעטער שטול, וואָס ווערט באַנוצט פייסעכ בייַמ סיידער.
3 צוזאָגנ.

און עס זינגט זיך אײַך — ס'איז אײַך גוט אָן אַן עק און אָן אַ שיר! דורכגעלאָזט אַלע הײַזער מיטן בריקל, מיט דער לעוואַדע, מיטן בעסוילעם, פֿליט איר ווײַטער און ווײַטער, און איר דערזעט הויכע „לעבעדיקע מייסים", וואָס דרייען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, עס נעמט אוש אָן אַ פּאַכעד. צום סוף, אַז מע קומט צו נאָענט, זעט מען, אַז ס'איז גאָר ווינטמילן. נאָר אָט באַלד ווערן זיי אויך פֿאַרשוווּנדן, און איר זעט מער ניט, נאָר הימל און פֿעלד, פֿעלד און הימל, און עס גלוסט זיך אײַך אַראָפּשפּרינגען פֿון וואָגן, אָדער בעסער אַרויספֿליען פֿון וואָגן און אַרײַנשווימען אין דער דאָזיקער בלויקײַט, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. ניט ווילנדיק קומען געדאַנקען, ווי קליין דער מענטש איז און ווי גרויס איז דער, וואָס האָט באַשאַפֿן אָט די דאָזיקע שיינע גרויסע וועלט, און אַ פֿאַרוויגטער פֿון די געדאַנקען, הייבט זיך אײַך אָן צו דרעמלען. נאָר אָט שנײַדט זיך אויס פֿאַר די אויגן עפּעס אַ גרויסע פֿור, מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי, אַ באָרוועסער, מיט אַ גרויס היטל, גייט צופֿוס, און מייער-וועלוול גריסט זיך מיטן גוי האַלב אויף גויִיש און האַלב אויף ייִדיש: „זדראָוואָ, טשאָלאָוויטשע, האַרצווייטעק אין בויך נעכײַ טובי בודע, און בויכווייטעק אוהאָלעוו..." דער גוי ווייסט ניט, וואָס דער ייִד זאָגט צו אים, צי גוטס, צי שלעכטס, שטייט ער אַ ווײַלע אַ פֿאַרטומלטער; דערנאָך טוט ער אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ מורקע אונטער דער נאָז אַ דאַנק און פֿאָרט ווײַטער, און כעוורע קליינוואַרג שיסן אויס אַ געלעכטער. מייער-וועלוול, וואָס האָט אַפֿילו קיין שמייכל ניט געטאָן, דרייט אויס דעם קאָפּ צו זײַנע יונגע פֿאַרשווינדלעך: „וואָס פֿאַר אַ געלעכטער אויף אײַך, מאַמזיירים?" אַ שיינע מייסע, נאָר אַ קורצע — ער פֿרעגט גאָר, וואָס פֿאַר אַ געלעכטער!.. און אַזוי גייט עס ווײַטער דעם גאַנצן טאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון דער דאָזיקער גליקלעכער נעסיע אין סאָף זומער.

די לעצטע טעג פֿון זומער — ווי שיין זיי זײַנען! די פֿעלדער נאַקעט, עטערווײַז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אַראָפּגענומען, נאָר וווּ-ניט-וווּ וואַרפֿט זיך דורך אַ בלימל, אַ זאַנג, אַ קווייטל. אין די גויִישע גערטנער ליגן נאָך די קאַווענעס און אַרבוזעס, וואָס דאַרפֿן פֿאַרטיק ווערן, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפֿט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן מיט שטאָלץ, באַווײַזן זייערע געלע רײַכע קוטשמעס. און די גאַנצע וועלט איז

נאָך פול מיט פליעלעך און בורעשקעס, וואָס זשומען און הודען, מיט היישעריקלעך, וואָס שפרינגען, מיט פערכלעך און פליטערלעך, וואָס טראָגן זיך און וויגן זיך יאָמטעוודיק אין דער לופטן. און דער רייעך פון פעלד פאַרטראָגט אין נאָז אַרײַן, און די וועלט אַרום און אַרום זעט אויס אַזוי גרויס, און דער הימל אויבן אַזוי קײַלעכיק, און צום צווייטן מאָל קומט אָן די געדאַנקען, אַז די מענטשן זײַנען צו קליין, צו קליין פאַר אַזאַ גרויסער וועלט, און אַז נאָר גאָט, וואָס איז מלוי כל הארץ כבודו[1],— ער איז אָנגעמאָסטן פאַר אַזאַ וועלט...

— קריכט אַראָפּ, באַמזיירים, מיר זײַנען שוין אין באָרישפּאָליע. דאָ נעכטיקן מיר איבער, און „בירטשעמאָרגן" פאָרן מיר ווײַטער.

באָרישפּאָליע — אַ נײַע שטאָט. בעסער וועט זײַן, אַז מיר וועלן זאָגן — אַ נײַ דאָרף, אַ גרויס דאָרף. הײַזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקאַ, מענטשן אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. אַ צופאַל, אָדער ס'איז טאַקע אַזוי, נאָר די פריערע זײַנען געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע, די באַלעבאָסטע און זייערע פיר דערוואַקסענע טעכטער — אַלע זײַנען זיי געווען מיט לאַנגע נעז, און כאָבער איז קאַרג, האָט די ייִנגסטע נאָך אַ לענגערע נאָז פון זיי אַלע. דערהערט פונעם באַלעגאָלע, ווער די פאַרשווינדלעך זײַנען, האָט דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָס זיי אויפגענומען מיט קאָוועד, זיי אָפּגעגעבן שאָלעם-אַלייכעם, געהייסן דער לאַנגנאָזיקער דינסט, זי זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר, אַ ווינק געגעבן צו דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָסטע, זי זאָל דערלאַנגען פאַרבײַסן, און אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די לאַנגנאָזיקע טעכטער, זיי זאָלן אָנטאָן די שיך — זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס.

מיט די דאָזיקע באָרוועסע מיידלעך זײַנען די יונגע רײַזנדע געוואָרן אַ ביסל שפּעטער גאַנץ היימיש. מיט גרויס נײַגעריקייט האָבן די בייולעך זיך אויסגעפרעגט בײַ די ייִנגלעך, פון וואַנען און וווהין זיי פאָרן, און וויאַזוי זיי הייסן, און ווי געפעלט זיי באָרישפּאָליע — אַלצדינג האָבן זיי געוואָלט וויסן, אַפילו וויפל יעדער איז אַלט. דערנאָך האָבן אַלע אינאיינעם, די ייִנגלעך מיט די מיידלעך, פאַרזוכט פון דער זיסער פּאַווידלע, וואָס די מומע האָדל האָט מיטגעגעבן, און די געלעכטערן זײַנען געגאַנגען ביזן הימל אַרײַן.

1 וואָס די וועלט איז פול מיט זײַן פּראַכט.

דערנאָכ האָט מענ גענומענ שפּילנ „קוציבאבע“ אָדער אינ „זשמורקעס“ — א שפּיל, וואָס מע פארבינדט איינעמ די אויגנ אונ מע לאָזט אימ, ער זאָל כאפּנ וועמענ ער וויל. די מיידלעכ האָבנ זיכ שטארק צעהיצט, אונ אז ס׳איז זיי געראָטנ צו כאפּנ עמעצנ פונ די יינגלעכ, האָבנ זיי אימ אזוי שטארק געקוועטשט צו דער ברוסט, אז ס׳איז יענעמ שיר די נעשאָמע ניט ארויס...

באנאכט האָט מענ די געסט באלייגט אפ דער ערד, מיט היי אויסגעבעט, אונ ביכדיי זיי זאָלנ זיכ ניט געפינענ באליידיקט, האָט זיי די לאנגנאָזיקע באלעבאָסטע באוויזנ, אז אינעמ צווייטנ ווינקל פונעמ זעלבנ כיידער ליגנ אירע טעכטער אויכ אפ דער ערד, „אונ וואקסנ פונדעסטוועגנ, קיינ איינאָרע, גאנצ נישקשעדיק“, — האָט זי צוגעלייגט אונ ארויסגעשנייצט די לאנגע נאָז. כאָטש די כוורע וואָלטנ דעמ דאָזיקנ געלעגער אָנגענומענ מיט פארגעניגנ, ווענ זיי זאָלנ זיכ ניט שעמענ פאר די מיידלעכ אויסצוטאָנ. אונ די מיידלעכ האָבנ זיכ דאפקע ניט געשעמט אונ האָבנ גאנצ גרינג אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די קאָפּטלעכ; געבליבנ באָרוועסע אונ אינ איינע קליידלעכ, מיט נאקעטע העלדזער, האָבנ זיי צעלאָזט די האָר אונ מאָדנע איבערגעקוקט זיכ. געוואָרפנ אפ די יינגלעכ מיט די אויגנ אונ געלאכט, געלאכט, געלאכט.

— לאָז זיינ שטיל! — האָט אויסגעקאָמאנדעוועט דער באלעבאָס אונ האָט אויסגעלאָשנ דעמ הענגלאָמפּ. עס האָט זיכ אָבער אינ דער פינצטער נאָכ געהערט א פארשטיקטער געלעכטער פונביידע צדאָדימ אונ א שאָראָכ פונ היי. אָבער ניט לאנג, וואָרעמ ס׳איז געקומענ דער געזונטער יונגער אומשולדיקער שלאָפ אונ האָט צוגעשלאָסנ די געזונטע יונגע אומשולדיקע אויגנ.

די „בראָכעס“ פונ אינדערפרי, וואָס דער באלעבאָס האָט געזונגענ מיטנ געווייסנ ניגנ, האָבנ אָנגעזאָגט די קינדער, אז ס׳איז שוינ טאָג אונ אז מע דארפ פאָרנ קיינ פּערעיאסלאוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי א ברי געגעבנ אונ אָנגעפילט דאָס הארצ מיט סימכע אונ מיט טייבעג. מייער-וועלוול באלעגאָלע האָט צונויפגעלייגט דעמ טאַלעס-אונ-טפילנ אונ דאָס פּאָנעמ האָט אימ געשיינט, ווי בא א צאַדיק. דערנאָכ איז ער אוועק שפּאנענ די „סוסימ“. דאָרט האָט ער זיכ אויסגעטיינעט מיט „מודריקנ“, מיט „טענצערנ“ אונ מיט דער „יאכסנטע“ אפ זיינ לאָשנ, איינגעטיילט יעדנ באזונדער, נאָר דעמ גרעסטנ כיילעק האָט באקומענ „טענצער“, דערפאר, ער זאָל ניט טאנצנ דעמלט, ווענ מע שפּילט ניט...

די זונ האָט אראָפּגעשײַנט, אונ דער גאנצער הויפ איז געווענ ווי אײַנגעטונקענ אינ גינ-גאָלד, אונ בריליאנטנ האָבנ געפינקלט אונ געשפּילט זיכ ארומעטום — בריליאנטנ, דימענטנ! אפילע די קופּע מיסט, וואָס האָט זיכ אָנגעזאמלט דורכנ גאנצנ זומער, אונ עפּשער דורכ צוויי זומערנ, איז געווענ מיט גאָלד באדעקט. אונ ווער שמועסט, דער האָנ מיט די הינער, וואָס האָבנ זיכ דאָ געפּאָרעט אפ דער קופּע, — די האָבנ אויסגעזענ ביזנ לעצטנ פּעדערל זאָהאָוו טאָהויר[1]. זייער קוואָקענ האָט געגלעט. זייער שארנ מיט די פּיסלעכ האָט געהאט דעמ זיבעטנ כיינ. אונ אז דער געלער האָנ איז ארופ אפ דער קופּע אונ האָט צוגעמאכט די אייגעלעכ אונ האָט אויסגעצויגנ דעמ לאנגנ, שיי- נעמ, קאָפּלמוינעדיקנ[2] קוקאָרעקו אפ זײַנ כאזאָנישנ שטייגער, האָט זיכ דערפילט די שיינקײַט פונ דער וועלט אונ ווידערהאָל די גרויס- קײַט פונ דעמ, וואָס האָט באשאפנ די וועלט. אונ עס האָט זיכ גע- גלוסט אימ אָפּגעבנ א שוואכ — ניט כאָלילע אוועקשטעלנ זיכ דאוו- נענ, ווי דער באלעבאָס פונ דער באַרישפּאָליער סטאנציע, אָדער ווי מייער-וועלוול באלעגאָלע, — נײנ, דערופ האָבנ כעוורע קיינ כייפּעק ניט געהאט, דאָס האָט זיכ זיי שוינ לאנג צוגעגעסנ; נאָר איננווייניק בא זיכ אינ הארצנ דאנקענ אונ לויבנ גאָט — דאָס יאָ.

— קריכט אינ וואָגנ ארײַנ, מאמזיירימ, מיר האָבנ נאָכ א טאָג צו פאָרנ! — האָט מייער-וועלוול זיי צוגעטריבנ, באצאָלט פאר היי אונ האָבער אונ געזעגנט זיכ מיט די באלעבאטימ פונ דער סטאנציע. כעוורע האָבנ זיכ אויכ גאנצ פײַנ אָפּגעזעגנט מיט דער לאנגנעזיקער מישפּאָכע, ארײַנ אינ בויד ארײַנ, אינ א נײַע פרישקײַט, א נײַע זיסקײַט, א נײַע ראכוועס האָט זיי אונטערגעכאפּט אונ ארומגענומענ פונ אלע זײַטנ, באלד נאָכ דעמ, ווי דער וואָגנ האָט טרייסלענדיק זיכ ארויסגעקאטשעט פונ באַרישפּאָליע אונ ארויסגעפאָרנ ווידער אפ דער ברייטער וועלט פונ פעלדער אונ גערטנער, פונ זאמד אונ פונ וואלד אונ פונ הימל אונ ווײַטער הימל. עס האָט שוינ אָנגעהויבנ ווערנ א ביסל צופיל הימל. עס האָט שוינ אָנגעהויבנ א ביסל צועסנ זיכ — ניט אזוי דער הימל, ווי דאָס פאָרנ, אונ ניט אזוי דאָס פאָרנ, ווי דער באלעגאָלע מייער-וועלוול מיט זײַנע מײַסעס. אונ אגעיז האָט אָנגעהויבנ פויקנ אינ קאָפּ, שווינדלענ אינ די אויגנ אונ שטעכנ

1 ריינ גאָלד.

2 דאָ געמיינט: אכטגאָרנדיקנ.

אינ די זײַטנ פונעמ טרײסלענ, וואָס ס׳האָט געטרײסלט, אונ פונעמ ווארפנ, וואָס ס׳האָט געוואָרפנ. טער-טער-טער-טער! עס האָט אויסגעוויזנ, אז ס׳וועט אײביק אזוי טערקענ, עס וועט גאָר קײנמאָל ניט אויפהערנ. אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ וועלנ אראָפּקריכנ, אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ בענקענ נאָכ דער ערד, בענקענ אַהײמ, בענקענ נאָכנ שטעטעלע, נאָכ וואָראָנקאָ. אונ דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט זיכ פארשלאָגנ אינ א ווינקעלע בא מײער-וועלוועלנ אינ בויד, אָפּגעזיפצט פונ דער גרינג אונ מיט הארצ געזעגנט זיכ מיט דעמ נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל אונ געשעפּטשעט שטילערהײט, זײַנע ברידער זאָלנ עס ניט הערנ:

— זײַ געזונט, וואָראָנקאָ! זײַ געזונט, זײַ געזונט!..

25

אינ דער נײַער הײמ

פערעיאסלאוו א קראכי [1]. — א קאלט באגעגעניש. — דאָס זילבער איז פארזעצט, פארנאָסע געשלאָגנ. — דער טאטע איז פארזאָרגט.

נאָכ צוויי טעג טרײסלענ זיכ אינ היצקענ זיכ, ווארפנ זיכ אונ קאטשענ זיכ, אונ אָנגעגעסנ זיכ מיט שטויב, אונ אָנגעהערט זיכ מיט באלעגאָלע-מײַסעס, האָבנ די יונגע רײַזנדע אפנ צווײטנ טאָג פארנאכט דערפילט, אז זײ זײַנענ שוינ אָט-אָט אינ דער הײמ. נאָכ א ביסעלע, אונ עס האָבנ זיכ אינ דער פינצטערער נאכט אָנגעהויבנ באווײַזנ קלײנע פײַערלעכ — כימאָנים פונ א שטאָט. דערנאָכ האָבנ די רעדער גענומענ קלאפּנ איבער שטײנער, אונ די בויד האָט געטראסקעט נאָכ ערגער ווי פריער. דאָס איז שוינ געווענ די עמעסע שטאָט, די גרויסע שטאָט פערעיאסלאוו. מיט א ראַש אונ מיט א הארמידער האָט זיכ מײער-וועלוועלס בויד צוגעקײַטשעט צו א פינצטערנ הויפ, ווו ס׳איז געהאנגענ איבערנ טיער א פארויכערטע לאמטערנע מיט א בעזעמל פונ הײ — א סימענ אפ אנ אײַנפאָר-הויז.

אז זײערע עלטערנס פארנאָסע איז איצט אנ אײַנפאָר-הויז — דאָס איז פאר די קינדער געווענ א סורפּריז אונ א באלײדיקונג. סטײַטש, זײער טאטע נאָכעמ וועט אופנעמענ געסט? זײער מאמע כײַע-עסטער וועט קאָכנ פאר זײ וואַרענעס? זײער באָבע מינדע וועט

1 א גרויסע שטאָט.

זיי באַדינענ? קיינ שמאַרקערנ אַראָפּפאַל, קיינ גריבעלערנ בייאָיענ האָבנ זיי זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ. און דער טירמער שאָלעמ, וואָס האָט שטענדיק גענאָלענט פונ בעסערע צייטנ, וואָס האָט זיכ אַרומ-געטראָגנ מיט זײַנ אויצער, האָט דערנאָכ אינ דער שטיל געטרויערט, געוויינט אינ דער פאַרבאָרגעניש און שטאַרק געבענקט צוריק צומ ליבנ קליינעמ וואָראָנקאָ. ער האָט ניט פאַ שטאַנענ, פאַרוואָס האָבנ די גרויסע געהײַט געזאָגט: מעשאַנע מאָקעמ — מעשאַנע מאַזל? א שיינער „מעשאַנע מאָקעמ — מעשאַנע מאַזל“ — ניטאָ וואָס צו ריידנ!..

— קריכט אַרויס, מאַמזיירימ, מיר זײַענ שוינ געקומענ! — אַזוי האָט מײער-וועלוול אָנגעזאָגט די פּסורע נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ א לאַנגנ „טפּרררו“ זיכ אָפּגעשטעלט באַמ גאַנעק פונעמ אײַנפאָר-הויז.

צעבראָכענע, צעלאַמעטע און הונגעריקע, האָבנ כעוורע גענומענ אײַנציקווייז אַרויסקריכנ פונ בויד און אויסגעגלײַכט זיכ די ביינער. נאָכ האָט זיכ געעפנט די שטוב-טיר און עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באַווײַזנ אויפנ פינצטערנ גאַנעק פיגורנ, איינע נאָכ דער אַנדערער, וואָס מע האָט זיי אינ דער פינצטערניש פונ דער נאַכט געקאָנט דער-קענענ נאָר נאָכנ קאָל. די ערשטע פיגור איז געווענ א הויכע און א ברייטע. דאָס איז געווענ די באָבע מינדע. זי האָט אויסגעצויגנ דעמ אַלטנ קאָפּ און א זאָג געגעבנ: „אָ! געלויבט ביסטו גאָט, זיי זײַנענ שוינ געקומענ“. די צווייטע פיגור איז געווענ א קלייניטשקע, א זשווזשווע. דאָס איז געווענ די מאַמע כײַע-ענטער. זי האָט ווי א פרעג געגעבנ עמעצנ א דריטנ: „שוינ געקומענ?“ — „שוינ געקומענ!“ — האָט איר אָפּגעענטפערט מיט פרייד א דריטע פיגור, א לאַנגע און א דינע. דאָס איז געווענ דער טאַטע, רעב נאָכעמ ווערויקס, איצט שוינ רעב נאָכעמ ראַבינאָוויטש (אינ דער גרויסער שטאָט האָט מענ דעמ זיידנס ווערויק געגעבנ דעכיכיע).

א באַגעגעניש איז דאָס געווענ ניט אַזאַ, ווי די קינדער האָבנ געוואַרט. מע האָט זיכ אַפילע צעקושט, נאָר קאַלטלעכ. דערנאָכ האָט מענ זיי א פרעג געגעבנ: „ס׳מאַכט איר?“ וואָס קאָנ מענ ענטפערנ דערויפ? „גאָרנישט...“ די ערשטע איז געווענ די באָבע מינדע, וואָס האָט זיכ דערמאָנט, אַז די קינדער קאָנענ וועלנ עסנ. „איר זײַט הונגעריק?“ נאָכ א מינ הונגעריק! „איר׳ט עפּעס עסנ?“ נאָכ א מינ עסנ! „מינכע-מײַרעװ געדאַווענט?“ נאָכ א מינ דאַווענענ!..

די מאַמע האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ אינ קיכ מאַכנ עפּעס עסנ, און דער טאַטע האָט דערווײַל פאַרהערט די קינדער, ווי זיי האַלטנ

אין לערנען. אָ, זיי האלטן ווײַט! נאָר וואָס דרייט מען זיי א מויעך, אז עס ווילט זיך גאָר באטראכטן די נײַע היים, די נײַע שטוב?

און זיי בייגן דעם קאָפּ אפּ זאלע זײַטן און קוקן זיך ארום, ווי זיי זײַנען אין דער וועלט. זיי דערזעען פאר זיך א גרויסע, נאָך א סומנע, א נארישעוואטע שטוב מיט א סאך כאדאָרימלעך, איבער־גנעצוימט מיט דינע ברעטלעך. דאָס זײַנען כאדאָרים פאר אָרכים, און אָרכים — ניט איינער. אינמיטן שטוב איז א זאל. אין זאל האָבן כעוו־רע דערקענט דאָס גאנצע וואָראָנקאָווער מעבל: דעם קײַלעכדיקן רויטן טיש אפּ דרײַ לאפּעס, די אלטע פאנירטע רויטע קאַנאפּע מיטן אויסגעטריפּעטן געזעס, דעם קײַלעכיקן פאנירטן רויטן שפּיגל מיט די צוויי אויסגעשניצטע הענט פון אויבן, ווי בא קויהאנים צום דו־כענען[1], און די גלעזערנע שאפע, פונוואנען עס האָבן ארויסגעקוקט נאָר די פּייסעכדיקע פּילפּארביקע טעלער, דאָס זילבערנע כאנעקע־לעמפּל[2] מיטן אלטן זילבערנעם האָדעס־בעכער[3], וואָס איז געמאכט געוואָרן ווי אן עפּל אפּ א גרויסער צווײַג מיט בלעטלעך. די אלע איבעריקע זילבערנע־געגילטע קויסעס, בעכער, בעכערלעך, גאָפּלען, מעסערס און לעפל און דאָס גאנצע זילבער — איז ניט געווען שוין מער. ווו איז דאָס אהינגעקומען? ערשט העט־שפּעטער, אין א צײַט ארום, זײַנען זיי געווירע געוואָרן, אז טאטע־מאמע האָבן עס אײַ־ניינעם מיט דער מאמעס פּערל און צירונג פארזעצט בא א פּערע־יאסלאווער גאָגיד און ניט געקאָנט שוין מער אויסקויפן קיינמאָל.

— גייט וואשט אײַך! — זאָגט די באָבע מינדע נאָך דעם, ווי די מאמע כײַע־עסטער האָט געבראכט צו טראָגן פון קיך עפּעס ניט אזא געהויבענע וועטשערע: צוגעווארעמטע קאשע מיט פאסאָליעס, און דאָס דארף מען עסן מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אלטגעבאקן! די מאמע אליין שנײַדט דאָס מיט א מעסער און טיילט אויס יעדן זײַן כיילעק — דאָס איז בא זיי קיינמאָל ניט געווען. א קאפּצאָנישער מינהעג!.. און דער טאטע זיצט בא דער זײַט און הערט ניט אופּ צו

---

1 א רעליגיעזע צערעמאָניע אין בעסמעדרעש: די „קויהאנים” (די, וואָס שטא־מען, לויט דער לעגענדע, קלוימערשט פון די אמאָליקע יידישע פּריסטער) פארדעקן זיך מיט טאלייסים, מיט אופגעהויבענע הענט בענטשן זיי דעם איבעריקן אוילעם.

2 א ספּעציעלער לײַכטער מיט אכט רערלעך, וואָס רעליגיעזע יידן באנוצן אפּ אויסצופילן דעם ריטואל פון בענטשן „כאנעקע־ליכטלעך”.

3 אזא פּושקעלע, אין וועלכן מע האלט שמעקנדיקע געווירצן. ווערט געברויכט בא רעליגיעזע יידן שאבעסצונאכטס בא דער טפילע „האוודאָלע”.

עקזאמענירן, ווי האלט מען אין טאנאך. דער טאטע זעט אויס צו־פרידן. די קינדער האלטן וויַט. און ווער שמועסט, דער מיטלסטער, שאָלעם, דער איז קלאָר באַל־פּע[1], קאָן זאָגן גאַנצע קאַפּיטלעך יע־שײַע[2] אַף אויסווייניק, ווי א וואסער.

— נו, געענוג שוין, לאָזן זיי גיין שלאָפן! — זאָגט די מאמע און נעמט צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט פון טיש און פארשליסט דאָס אין שאפע. דאָס איז אויך ניט געווען בא זיי דאָרטן אין וואָראָנקאָ. דאָס איז גאָר א מיִעכער מינהעג!..

עס איז שווער צו זאָגן: צי ווײַל דער וועג איז געווען א לאַנ־גער, א שווערער און מע איז געווען צעבראָכן אַף שטיק־שטיקלעך, אָדער עפשער דערפאר, וואָס דאָס באַגעגעניש איז געווען עפּעס ניט איבעריק פריַינטלעך און די אופנאמע קאַפּצאָנישדיק — נאָר די נײַע היים, וואָס כעוורע האָבן וועגן איר אַזויפיל געכאָלעמט, האָט ניט געפונען בא זיי אין די אויגן יענעם כיין, וואָס זיי האָבן געמיינט און געוואָלט. צופיל האָבן זיי, אַפּאָנעם, געוואַרט פון דעם — דערי־בער האָבן זיי זיך געפילט ווי אָפּגעשמיסענע און זײַנען געווען צו־פרידן, אַז מע האָט זיי געהייסן לייענען קרישמע און גיין שלאָפן.

ליגנדיק דערנאָך אַף שטרויענע זעק, אויסגעבעט אַף דער ערד, אלע קינדער אינאיינעם, אין א גרויסן פינצטערן ביידער אָן א שום מעבל — א מין דורכגאנגס־ביידער פון זאל אין קיך אַרײַן, — האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביִאָגראַפיע לאַנג ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. אין זײַן קאָפּ האָבן זיך געבאָמבלט אלערליי מאכשאָוועס און געדאַנקען מיט קאשעס, קאשעס און קאשעס: פארוואָס איז דאָ אזוי פינצטער אין אומעטיק? פארוואָס זײַנען דאָ אלע אזוי פארזאָרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאמען, וואָס זי איז געוואָרן אזוי קארג מיט סאקאָנעס? וואָס איז דאָס מיטן טאטן, וואָס ער איז געוואָרן אזוי אײַנגעבויגן, סוטולעוואטע און אזוי שטארק פארעלטערט, אַז עס קלעמט דאָס הארץ קוקנדיק אַף זײַן געל געקנייטשט פּאָנעם? ניט שוין זשע איז דאָס אלצדינג נאָר צוליב דעם, וואָס מע האָט גע־זאָגט אין וואָראָנקאָ, אַז די פּארנאָסע איז געשלאָגן? ניט שוין זשע איז אָט דאָס דער „מעשאנע מאָקעם — מעשאנע מאזל"? וואָס טוט מען דערצו? דערצו איז — דער אויצער. אכ! ווען ער

---

1 אויסווייניק.

2 דאָ: דער נאָמען פון איינעם פון די ביבלישע ביכער.

ברענגט מיט זיכ כאָטש א קלײנעם כײלעק פונ יענעם אויצער, וואָס ליגט באַהאַלטנ אינ וואָזאָנקאָ!..

דערמאָנט זיכ אינעם אויצער, קומט אים אפנ זינענ זײַנ כאַווער שמוליק דער יאָסעם מיט זײַנע וווּנדערלעכע מײַסעס וועגנ שײנע אויצרעס פונ גאָלד אונ זילבער, דימענטנ אונ בריליאַנטנ, וואָס געפינענ זיכ אינ גאַנײדנ-האַט כבנ, אונ וועגנ יענעם אויצער, וואָס געפינט זיכ אפ יענער זײַט וואָראָנקאָ ער בזכמעדרעש נאָכ פונ כמעלניצקיס צײַטנ... אונ עס כאָלעמט זיכ אים אויצרעס, גאָלד אונ זילבער, דימענטנ אונ בריליאַנטנ. אונ זײַנ כאַווער שמוליק קומט אים צו כאָלעם, דער ליבער שמוליק מיט זײַנ כײנעוודיקנ פּאָנעם, מיט זײַנע גלאַנצנדיקע, מיט פעטנ צוגעשמירטע האָר. אונ עס כאָלעמט זיכ אים אויס, אז ער הערט זײַנ ווײכ-הײזעריק קאָל, ווי ער רעדט צו אים זיס-פרײַנטלעכ, ווי אנ אלטער, אונ ווי ער טרייסט אים מיט גוטע ווערטער: „זאָרג ניט, שאָלעמאָני טײַערער, נאָט האָסטו פונ מיר א מאַטאָנע — א שטײנ פונ יענע צוויי שטײנער; קלײַב דיר אויס וועלכנ דו ווילסט — דעם שטײנ, וואָס הײסט „יאָשפע", אָדער דעם שטײנ, וואָס הײסט „קאַדקויד"... שאָלעמ איז אינ פארלעגנהײַט. ער ווייסט ניט, ער האָט פארגעסנ, וועלכער שטײנ איז בעסער — דער שטײנ, וואָס הײסט „יאָשפע", אָדער דער שטײנ, וואָס הײסט „קאַדקויד"? אונ אזוי ווי ער טראכט דאָ אזוי, שפרינגט אונטער גערגעלע-גאַנעוו, כאפט אויס בײדע שטײנער אונ ווערט מיט זיי פארשווונדנ. אינ פינעלע שיכעלעס — פונוואַנענ האָט דער זיכ גענומענ אהער? — האַלט די הענט אינ די קעשענעס אונ קאטשעט זיכ פאר געלעכטער. „פינעלע, וואָס לאַכסטו?" „פונ דײַנ מומע האָדל מיט איר פאָווידלע — כא-כא-כא!.."

— שטײט אופ, כעווורע פּלעצל! זע נאָר, ס'איז זיי גאָר ניט צו דערוועקנ! מע דאַרפ אַרויסטראָגנ דעם העקדעש! מע דאַרפ קאָכנ וואַרעמעס! אונ זיי שלאָפנ — א זיסער שלאָפ אפ זיי! — קלאָפּט זיכ די מאַמע כײַע-עסטער, א קלײניטשקע, א זשוואַווע, א פאַרפּאָרעטע, א כאַרטאַדראַבאַטע פונ דער ארבעט אינ שטוב אונ אינ קיכ — אײנ מענטש אלײנ.

— אי-אַ-נו, דאַווענ! — העלפט איר אונטער די באָבע מינדע, האַלט א קאָרבנ-מינכע אינ האַנט אונ בישט א בלעטל נאָכ א בלעטל אונ זאָגט מיט קאַוואָנע, טאָר ניט מאַפסיק זײַנ[1].

---

1 טאָר ניט איבעררײַסנ אינמיטנ דאַווענ.

— נאָכן דאַווענען וועט איר זיך דורכגיין צו דער מישפּאָכע אָפּ־געבן אַלעמען שאַלעם־אַליכעם, און אין איינעם וועט איר שוין אָנ־הייבן גיין, איבערצעשעני, נאָך יאָמטעוו.

אַזוי לייגט צו דער טאַטע ווייכער פון אַלע. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ספּאָס אַ מאָדנע כאַלאַט, אַפּ קעצ אונטערגעשלאָגן, כאָטש ס'איז נאָך וואַרעם אין דרויסן, און אַן איינגעהויקערטער, אַ פֿאַרזאָרגטער, פּאַרציט ער זיך מיט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס און זיפּט אַזוי טיף, אַז עס רייכט אויס אַ שטיק האַרץ. עפּעס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז גאָר קלענער געוואָרן, עלטער און קלענער... און עס ווילט זיך לויפן פון שטוב אַרויס וואָס גיכער, לויפן אין דרויסן אַרויס, אָנקוקן די שטאָט, זיך באַקענען מיט דער מישפּאָכע.

26

די גרויסע שטאָט

מע גייט באַקענען זיך מיט דער מישפּאָכע. — די מומע כאַנע מיט אירע קינדער. — עליע און אַווראַמל פֿאַרהערן דעם העלד, ווי ער האַלט אין טאַנאַך. — באַם פעטער פּיניע פֿאַרהערט מען אים אין שרייבן.

אַפּ וויפל די שטאָט האָט באַנאַכט אויסגעוויזן וויסט און פינצטער, אַפּ אַזוי־פיל האָט זי איבערפֿריי געשיינט און געגלישטשעט און געפֿונען כיין אין לייטזעליקייט אין די גאַסן פון די וואָראָנ־קאָווער ייִנגלעך, די קליינשטעטלדיקע קינדער, וואָס האָבן געכאַפּט היכפּיילעס פון איטלעכס ברעקל באַזונדער. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַפּ זייער לעבן ניט געזען, אַז גאַסן זאָלן זיין אַזוי ברייט און לאַנג און האָבן פון ביידע זייטן הילצערנע „פּעשעכאָדן" (טראָטואַרן); אַז שטיבער זאָלן זיין געדעקט מיט בלעך; אַז פּענצטער זאָלן זיין פון דרויסן מיט געפּאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדן; אַז קלייטן זאָלן זיין געמויערטע פון ציגל און האָבן אייזערנע טירן. היינט דער מאַרק, די קלויסטערס, און, לעהאַוודל, די באָטעמעדראַשים מיט די שולן, און אַפילע די מענטשן — אַלע און אַלץ איז אַזוי גרויס און אַזוי שיין און אַזוי ריין און אַזוי יאָנטעוודיק־פריילעך! ניין, פּינע־לע שימעלעס האָט ניט מעגאַזעם געווען, אַז ער האָט דערציילט „וווּנדער־דינים" פון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט. אַזוי ווי אַפּ רעדלעך האָבן זיך געגליטשט זייערע פיס איבער די הילצערנע „פּעשעכאָדן",

גייענדיק מיטן טאטן צו דער מישפּאָכע, זיך באַקענען און אָפּגעבן שאָלעם. און נאָר ווײַל דאָ איז געווען דער טאטע, האָבן זיי פאר דערעכערעצ ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן אפ יעדן טריט און באוווּנדערן די כּידושים וועניפלאָעס, וואָס זייערע אויגן האָבן דערזען. ווי דער שטייגער איז, איז אפצופרי׳ער געגאנגען דער טאטע, און די קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, פון הינטן.

ארײַנגעטראָטן אין א גרויסן הויף און דורכגעשפּאַנט דורך א גרויסן גלעזערנעם ליכטיקן קאָרידאָר, איז מען ארײַנגעקומען אין א רײַכער פריצישער שטוב מיט געוועקסלטע פּאָדלאָגעס, ווייכע קאנאַ־פּעס און שטולן, הויכע ביז דער סטעליע שפּיגלען, געשניצטע שאַ־פעס, גלעזערנע קאנדעליאַברעס אפ דער סטעליע, מעשענע העססעס[1] אפ די ווענט — אן עמעסער „פּאלאַץ״, א „דירע־מעלוכע״!

דאָס איז געווען דער מומע כאנעס שטוב — א מאָדנע שטוב. א שטוב אָן א טאטן (די מומע כאנע איז אן אלמאָנע). די קינדער האָבן ניט געהערט זייער מאמע, ניט זייער דעבן, ניט קיינעם. א קליינע אנארכיע. איטלעכער האָט זיך געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. און אלע צווישן זיך האָבן געהאלטן אין איין קריגן זיך, געגעבן זיך איינס דאָס אנדערע צונעמענישן, און געלאכט האָט מען הילכיק, און גערעדט האָבן אלע אינאיינעם, און געטומלט אזוי שטארק, אז דער קאָפּ האָט זיך אײַך געדרייט.

די מומע כאנע אליין — א ייִדענע א הויכע, א גרויסארטיקע. עס וואָלט איר אָנגעשטאנען זײַן א גראנד־דאמע, פון די, וואָס שמעקן טאבעקע פון א גאָלדן פּושקעלע, אפ וועלכן סע שטייט אויסגעמאָלט א פּרינץ פון די אמאָליקע פּרינצן, מיט א גרוי צעפּל און מיט זײַדענע זאָקן. די מומע כאנע איז געווען, ווײַזט אויס, אמאָל א יעפּאס־טויאר. דאָס איז צו זען נאָך די טעכטער: זעלטענע־זעלטענע שיינהײַטן. ווי נאָר קליינוואַרג זײַנען ארײַנגעקומען, אזוי איז געוואָרן א טומל, א געשריי און א געפּילדער:

— אָט דאָס זײַנען זיי? אָט דאָס איז ער, דער באַל־טאנאכ? אנו, קום נאָר אהער, שעם זיך ניט! זעט נאָר, ווי ער שעמט זיך דאָס א ביסל, כא־כא־כא!

דער טאטע האָט זיך, אפּאָנעם, ניט געקאָנט אײַנהאלטן פון צו געבן זיך א באַרים מיט זײַן זון, אז ער איז א גוטער באַל־טאנאכ, האָט מען

---

1 א וואנט־לײַכטער.

אים געקרוינט דאָ טאקע באלד אפן אָרט מיטן נאָמען: „באַל-טאנאכ״.

— גיס אָן דעם באַל-טאנאכ א גלעזל טיי און גיב אים אן עפּל מיט א באר, לאָז ער פארזוכן, — דער באַל-טאנאכ, אונדזערע פּערע-יאסלאווער אויבסטן.

— שאַט, ווייסט איר וואָס? לאָז מען אריינרופן אהערצו עליען מיט אוורעמלען, וועלן זיי אים פארהערן.

און מע האָט אריינגערופן עליען מיט אוורעמלען.

עליע און אוורעמל זײַנען שוין היפּשע באָכערים מיט פּײַנע בערדלעך און קערן זיך אָן צו דער מומע כאנעס מישפּאָכע פון איר מאנס צאד. זיצן א הויפּ קעגן א הויפּ. זייער פּאָטער, ייִצכאָק-יאנקל, איז אן אָפּגעקומענער נאָגיד, לאָדט זיך קאָל-יאָמאָוו[1] מיט „קאזנא״, טראָגט אן אוידינגל אין לינקן אויער, א שיינע קײַלעכיקע באָרד, קוקט ניט אפּ קיינעם, רעדט ניט מיט קיינעם, און שטענדיק שמייכלט ער מיט אזא מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס האָב איך מיט אײַך צו שמועסן, אז איר זײַט אלע בעהיימעס?״

די ארײַנגעקומענע באָכערים האָבן גלײַך, אָן צערעמאָניעס, א נעם געגעבן דאָס וואָראָנקאָווער באָכערל צום עקזאמען, אים פאר-הערט אין טאנאכ אפּ אויסוויינִיק פון איין עק ביזן אנדערן. און מע דארפּ מוידע זײַן, אז דאָס וואָראָנקאָווער באָכערל האָט דעם עק-זאמען אויסגעהאלטן גאָר-גאָר גלענצנדיק. ער האָט ניט נאָר געטראָפּן איטלעכס וואָרט ווו עס שטייט, אין וואָסער א קאפּיטל, אין וואָסער פּאָסעק, נאָר אפילע געזאָגט, ווו סע געפינען זיך אלע איבעריקע ווערטער פונעם זעלבן שוירעש. דער טאטע האָט געקוואָלן, געקליבן טײַנוג, מאמעש געוואָרן ברייטער ווי לענגער. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט אים געשײַנט. די קנייטשן, וואָס אפן שטערן, האָבן זיך אויסגע-גלײַכט, און אליין האָט ער זיך עפּעס ווי אויסגעגלײַכט, געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש.

— אז ס׳איז יאָ אזוי, לאָז מען געבן דעם באַל-טאנאכ נאָך אן עפּל און נאָך א באר און נאָך ניס, און קאָנפעקטן, קאָנפעקטן! — האָבן דער מומע כאנעס טעכטער די יעפּאס-טויארס געקאָמאנדע-וועט, און דער נאָמען „באַל-טאנאכ״ איז אים פארבליבן אפּ א לאנגע צײַט ניט נאָר אין דער מישפּאָכע — מע האָט אים שוין דערנאָך אין בעס-

---

1 אלע זײַנע יאָרן.

מעדרעש, צווישנ ייִנגלעכ קונדייסימ, אַנדערש ניט גערופנ, ווי דער וואָ־ראָנקאָווער „באַל-טאַנאַכ“. אויכ די גרויסע, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אינ האַרצנ, דער האָט אימ געכאַפּט פאַר אַנ אויער: „זאָג נאָר, דו קליינער באַל-טאַנאַכ, וווּ שטייט ערגעצ אָט דער אונ דער פּאָסעק?“

דעמ באַל-טאַנאַכ איז שטאַרק געפעלנ געוואָרנ דער מומע כאַ־נעס שטוב מיט דער מומע כאַנעס קינדער, פיניע מיט מאָכענ, צוויי ייִנגלעכ שקאָציכ, מיט וועלכע ער איז גיכ געוואָרנ כאַווער. עס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז קיינ שענערע אונ קיינ רייַכערע שטוב, ווי דער מומע כאַנעס, איז נישטאָ ניט נאָר אינ פּערעיאַסלאַוו, נאָר אַפ דער גאַנצער וועלט. וואָרעמ וווּ האָט איר געזענ, אַז עפּל זאָל מענ שלעפנ אויפנ אַ פּאַס, ניכלעכ פונ אַ זאַק אונ קאָנכעקטנ פונ אַ טערבע?..

גאַנצ אַנדערש האָט אויסגעזענ דעמ פּעטער פיניעס שטוב. אַ שטוב אַ ייִדישע, מיט אַ סוקע, מיט אַ סאַכ כפּאָרימ, גאַנצ שאַס[1], אַ זילבערנ כאַנעקע-לעמפּל, אַ לאַנגע וואַקסענע האַוודאָלע. נאָר ווי קומט עס צו דער מומע כאַנעס? אַ פרומע שטוב. אַלע זייַנענ דאָרטנ פרומ. אַזוי ווי דער פּעטער פיניע, אַזוי זייַנע קינדער. די זינ אינ לאַנגע קאַפּאָטקעלעכ ביז צו דער ערד, מיט אַרבעקאַנפעס לאַנגע ביז די קניִעס. די טעכטער — צניִעסדיק אָנגערוקט די פּאַטשיילעס איבערנ פּנימ, קוקנ ניט קיינ פרעמדנ גלייַכ אינ די אויגנ אַרייַנ. נאָר אַז מע דערזעט אַ פרעמדנ, ווערט מענ רויט, ווי אַ צוויק, אונ מע לאַכט אַפ קרעדיט. די מומע טעמע, אַ ייִדענע אַ פרומע מיט ווייַסע ברע־מענ, אינ באַ דער זייַט איר מאַמע — צוויי טראָפּנס וואַסער די מומע טעמע, גאָר ניט צו דערקענענ, ווער ס'איז מאַמע, ווער ס'איז טאָכטער, ווענ די מאַמע זאָל ניט טרייסלענ מיטנ קאָפּ: ניינ-ניינ.

דאָ, באַמ פּעטער פיניענ, האָט דער טאַטע נאָכעמ שוינ ניט באַרימט זיכ מיט זייַנ „באַל-טאַנאַכ“. אינ דער דאָזיקער שטוב האַלט מענ ניט פונעמ טאַנאַכ. ווער לערנט טאַנאַכ? טאַנאַכ לערנענ אַפּי־קאָרסימ. דערפאַר האָט ער זיכ ניט געקאָנט אייַנהאַלטנ פונ באַרימענ זיכ מיט זייַנע קינדערס קסאַוו. זייַנע קינדער, האָט ער געזאָגט, שרייַבנ, אַז עס לאָזט זיכ אויס די וועלט.

— אָט דער קליינער — האָט ער אַ ווייַז געגעבנ אַפנ באַל-טאַ־נאַכ — האָט אַ הענטל, אַ קאַסוועראַבע[2]!

1 טאַלמוד.

2 געמיינט: אַ שיינע האַנטשריפט.

— אנו, ווײַזט נאָר אהער א טינט און פען! — האָט דער פעטער פּיניע א שאַפּ געגעבן און האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל פון בײדע הענט, גלײַך ווי ער אלײן באדאַרף עפּעס כאַפּן אָן אַרבעט. — א טינט און פען זאָל מיר באַשאַפן ווערן, וועלן מיר אים פאַרהערן שרײַבן, אַט דעם „קאַסווּעראַבע”. אָבער גיכ! און באַלד!

דעם פעטער פּיניעס באַפעל איז געווען א באַפעל פון א שטרענגן גענעראַל, און אַלע קינדער, די ייִנגלעך מיט די מײדלעך, האָבן זיך א וואָרף געגעבן אין אַלע ווינקעלעך נאָך א טינט און פען.

— א שטיקל פּאַפּיר! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט ווידער דער גענעראַל. ס'איז אָבער ניט געווען אינערגעץ קײן איבעריק שטיקל פּאַפּיר.

— שאַט! ווײסט איר וואָס? לאָז ער אָנשרײַבן אָט דאָ אויף מײַן סידורל.

אויף דער דאָזיקער האַמצאָע איז געפאַלן דעם פעטער פּיניעס ייִנגערער זון, איצל, א טשיקאַווע באָכערל מיט א שפּיציקן קעפּל און מיט א לאַנג נעזל.

— נעם שרײַב! — האָט דער טאַטע באַפוילן צו זײַן „באַל-טאַנאַך”.

— וואָס זאָל איך שרײַבן?

— שרײַב וואָס דו ווילסט.

אײַנגעטונקען די פען, האָט דער באַל-טאַנאַך, אָדער דער „קאַס-ווּעראַבע”, א ביסל א טראַכט געגעבן: ניט געהאַט וואָס צו שרײַבן, כאָטש טו זיך אָן א בײַסע! דעם פעטער פּיניעס הײזגעזינד האָט שוין מיסטאָמע איבערגעטראַכט, אַז דער „קאַסווּעראַבע” קאָן שרײַבן נאָר דעמאָלט, ווען מע זעט ניט. נאָר דאָ איז אים געקומען אויפן זי־קאָרן דאָס, וואָס קומט אויף יעדן ייִדיש: כײפער בלעגט יענע יאָרן שטײן געשריבן, אין שאַלעם האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבל, געגעבן א דרײ מיט דער האַנט, אײַנגעטונקען נאָכאַמאָל די פען און אין עטלעכע מינוט אַרום איז געווען אָנגעשריבן אָט וואָס:

„אעפ״י (אף אל פי) שעאָכרו כאַכאָמים ליכטויוו אל האַסײפער, עלאָ מישום סיבאָן בעאַלמאָ בוכאָר”. אויף ייִדיש וועט דאָס הײסן אַזוי גוט ווי:

כאָטש אַפילע אויף א סײפער שרײַבן טאָר מען ניט, נאָר צוליב א סימען מעג מען.

דאָס איז געווען א מין האַקדאָמע, נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיקע באַקאַנטע אויפשריפט:

„זע האסידער שײַעב. לעמי שײַעכ? לעמי שעשײַעב שײַעב. פּאָרט לעמי שײַעכ? לעמי שעקאָנאָ. מי קאָנאָ? מי שעקאָנאָ קאָנאָ. פּאָרט מי קאָנאָ? מי שענאָסאנ מאָוים. מי נאָסאנ מאָוים? מי שענאָסאנ נאָסאנ. פּאָרט מי נאָסאנ? מי שעהו נאָגיד. מי נאָגיד? מי שעהו נאָגיד. פּאָרט מי נאָגיד? האנאָגיד ה״ה האבאָכער האמעפורסעמ מוהר״ר יִיצכאָק בעהאָראוו האנאָגיד האמעפורסעמ מוהר״ר פּינכעס ראבינאָוויטש בק״ק פּערע׳יאסלאוו״.

איבערזעצט אפ יִדיש ווערט דאָס אויסקומענ אזוי:

„דאָס דאָזיקע סידערל געהערט. צו וועמענ געהערט דאָס סידערל? צו וועמענ עס געהערט עס. פּאָרט צו וועמענ? צו דעמ, וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געקויפט האָט דאָס געקויפט. פּאָרט ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געגעבנ געלט. ווער האָט געגעבנ געלט? ווער עס האָט געגעבנ האָט געגעבנ. פּאָרט ווער האָט געגעבנ? ווער ס'איז א נאָגיד. ווער איז א נאָגיד? ווער ס'איז א נאָגיד איז א נאָגיד. פּאָרט ווער איז א נאָגיד? א נאָגיד איז דער באַרימטער באָכער יִיצכאָק דער זונ פונעמ באַרימטנ נאָגיד פּינכעס ראבינאָוויטש אינ דער שטאָט פּערעיאסלאוו״.

עס איז שווער צו באַשרײַבנ, וואָס פאר א פוראָר דאָס האָט געמאכט, הענ מיצאד האלאָשנ וועהענ מיצאד האקסאוו [1]! אונ דער איקער — דאָס קסאוו! דער „קאסווערארבע״ האָט זיך שוינ גוט געפּלײַסט, אז דער טאטע זײַנער זאָל כאָלילע ניט פארשעמט ווערנ. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע קויכעס. ער האָט געשוויצט, ווי א ביבער. ער האָט אויסגעקליבנ דאָס סאמע שענסטע אונ סאמע קלענסטע פּערל־קסאוו, וואָס מע דארפ אָנטאָנ דערצו א שפּאקטיוו, מע זאָל דערזענ די אויסיִעסלעב. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעמ גאנצנ קויעכ פונ קאַליגראפיע, וואָס ער האָט ארויסגעפירט בעיערושע פונ זײַנ וואָראָנקאָווער רעבנ ר' זאָרעכל, וועלכער האָט באשאפנ אינ יענעמ שטעטעלע, קאָנ מענ זאָגנ, א גאנצנ דאָר פונ קאליגראפנ, וואָס האָבנ זיך צעקראָכנ איבער דער וועלט אונ וואָס צייכענענ זיך אויס קימאט אלע מיט זייער שיינ־שרײַבנ אד האיאָמ האזע [2].

1 סײַ מיצאד דער שפּראכ סײַ מיצאד דער האנטשריפט.

2 ביז הײַנטיקנ טאָג.

27

ביינ־האזמאנימ

ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס. — נײַע כאווייריִמ. — גארמיזאָ דער מעלאמעד א באל־קוירע. — די וואָראָנקאָווער ווײַסע־כעווערניקעס באווײַזנ וואָס זיי קענענ.

ביינ-האזמאנימ — ווער וועט דאָס פארשטיינ? וואקאציע, וואקיישאָנ, פעריענ, קאניקולעס — דאָס זײַנענ אלצ ווערטער פונעמ זעלבנ באגריפ. זיי זאָגנ אָבער ניט דאָס, וואָס דאָס וואָרט „ביינ-האזמאנימ" זאָגט דעמ יידישנ יינגל.

דאָס קינד, וואָס קומט פונ דער שול, אָדער פונ גימנאזיע, אפ וואקאציע אהיימ, האָט זיכ גענוג אָנגעשפּילט דאָרטנ, ווי מע לערנט, גענוג אָנגעטאנצט אונ אָנגעהוליעט, גענוג אָנגעלאָפנ זיכ אונ גענוג אָנגעשטיפּט זיכ מיט די כאווייריִמ דורכנ יאָר — עס קאָנ זײַנ, מער געשטיפּט, ווי געלערנט. דאָס יידישע כיידער-יינגל — דער האָט נעבעכ דאָס גאנצע יאָר געהאָרעוועט, געזעסנ ביז שפּעט אינ דער נאכט אונ געלערנט — געלערנט, געלערנט אונ געלערנט! אונ מיטאמאָל — ביינ-האזמאנימ! אָנדערהאלבנ כאדאָשימ דורכאנאנד, פונ כאָצעס עלעל ביז סאָפ טישרע, וועט מענ ניט גיינ אינ כיידער — וואָס קאָנ זײַנ א גרעסערער יאָמטעוו? אונ דערצו גייענ נאָכ די יאָמטויווימ אויכ: יאָמימ-נויראָימ! סוקעס! סימכאסטוירע! אונ דאָס אלצדינג איניינעמ גענומענ — אפ א נײַ אָרט, אינ דער גרויכער שטאָט, אינ פּערעיאסלאוו!

קיידעמקאָל באדארפ מענ אָנקוקנ די שטאָט. כעוורע האָבנ זי נאָכ קימאט גאָר ניט געזענ. אכוצ ווי בא דער מומע כאנענ אונ באמ פעטער פיניענ אונ אכוצ ווי אינ גרויסנ בעסמעדרעש, אינ אלטנ בעסמעדרעש אונ אינ דער קאלטער שול, דאָרט, ווו צאלי דער כאזנ דאַוונט, זײַנענ די וואָראָנקאָווער קינדער קימאט אינערגעצ ניט געווענ. נאָכ פאראנ גענוג גאסנ אונ גענוג ערטער. פאראנ די „אלטיצע", אונ פאראנ די „טרובײַלא" (טײַכנ אזעלכע), אונ פאראנ די לאנגע בריק. אונ ווו זײַנענ די „פידוואָרקעס", וואָס אפ יענער זײַט בריק? די „פידוואָרקעס" — דאָס איז א באזונדערער מינ שטאָט, וואָס געהערט פונדעסטוועגנ צו פּערעיאסלאוו. „ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס" שטאמט פונ דאָרט. ארנאָלד קומט אָפט ארײַנ צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ א ביסל פארברענגענ, ריידנ פונעמ

ראמבאמ[1] און פונעמ קוזרי[2] און פונ באָרעכ שפינאָזא און פונ מוישע מענדעלסאָנ און פונ נאָכ אַזעלכע גרויסע מענטשנ, וועלכע שאָלעמ האָט ניט געקאָנט זיכ אָנגעדענקען, כוץ איינעמ מיטנ נאָמענ דרע-פער[3] — דער האָט זיכ איינגעפונדעוועט בא אימ אינ זיקאָרנ: דרע-פער... „ארנאָלד איז שטארק געלערנט. — זאָגט אַפ אימ דער טאטע נאָכעמ, וואָס האלט פונ אימ אנ אוילעמ-אומלויע[4]. — ארנאָלד זאָל ניט זיינ קיינ ייִד, וואָלט ער געקאָנט זיינ א פראָקוראָר". פארוואָס עפעס א פראָקוראָר? און פארוואָס זאָל א ייִד ניט קאָנענ זיינ? — דאָס האָט נאָכ שאָלעמ ניט געקאָנט פארשטיינ. פונ אנטיסעמיטיזמ האָט ער גע-ווּסט נאָר איינ זאכ: הינט. דורכ זיינ אייגענעמ דערפארנ. אינ וואָראָנקאָ האָבנ שקאָצימלעכ אָנגעדרייצט אַפ אימ הינט, וואָס האָבנ אימ אָוועקגעלייגט און צעביסנ, איבערגעלאָזט א סימענ ביז צו הייַנטיקנ טאָג.

אָט דעמ „ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס" האָט דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע א סאכ צו פארדאנקענ אינ זיינ שפעטערדיקנ שטודירנ, און מיר וועלנ זיכ דעריבער מיט אימ נאָכ באגעגענענ. דערווייל איז ביינ-האזמאנימ און ערעוו-יאָמטעוו. צייט צו שליסנ באקאנטשאפט מיט נייע כאווײרימ און גלאט ייִנגלעכ.

פונ זיי כאָשעווע באלעבאטישע ייִנגלעכ פארנעמענ דעמ אויבנאָנ מוישל ייִצכאָק-וויגדערס, א באָכערל א געלס, אַנ אויסגעצוואָגנס, מיט אנ אלפאגעווע קאפאָטקעלע, און א גאדלענ א יונג, וואָס סע שטייט אימ ניט אָנ מיט זיכ אליינ צו ריידנ — און איז גערעכט. ערשטנס, האָט זיינ טאטע ייִצכאָק-וויגדער אנ אייגענע שטוב מיט א ווייסנ גאנעק. הייַנט איז דאָ בא דעמ ייִצכאָק-וויגדערנ זייגערס אינ שטוב מיט זייגערלעכ אָנ א צאָל און אָנ א שיר. אַז עס קומט זייגער צוועלפ און די זייגערס הייבנ אָנ שלאָגנ, קאָנ מענ פארטויבט ווערנ. אליינ איז דער ייִצכאָק-וויגדער א ייִד, וואָס לאָדט זיכ מיט דער גאנצער וועלט און האָט אויגנ פונ א גאזלענ. אלע ייִנגלעכ פונ בעסמעדרעש ציטערנ פאר זיינ קוק.

---

1 אברעוויאציע פונ מוישע בענ מיימאָנ (1135—1204), אווטאָר פונ ייִדישע רע-ליגיעז-פילאָסאָפישע און ראביניסטישע ווערק.

2 א רעליגיעז-פילאָסאָפישער בוכ פונעמ באווּסטנ העברעיִשנ פאָעט יעהודע האלייווי (געלעבט סאָפ XI — אָנהייב XII יה.).

3 אנ אמעריקאנישער בורזשואזער נאטור-פאָרשער און קולטור-היסטאָריקער (1311 — 1882).

4 געמיינט: ער האלט פונ אימ זייער שטארק.

דער צווייטער נאָכ מוישעלענ גייט זיאמע קאָרעצקי — א ייִנגל פונ די גאָר גרויסע שקאָצימ, א ביסל א כוטולעוואטער, ניט מיט יעדנ איז ער א מעכוטנ צונ ניט יעדער איז מיט אימ א מעכוטנ, וואָרעמ זײַנ טאַטע איז א „גאָלועכ" מיט אנ אונטערגעשאָרענער באָרד, אנ אדוואָקאט אינ פעטערבורג, אונ טראָגט מאָנע ברינ אפ דער נאָז, וואָס מע רופט זיי „פענצנע". אָט דער זיאמע האָט אויס-געלערנט די גאנצע שכאָט קינדער שווימענ, באָדנ זיכ, גליטשנ זיכ אפנ אײַז אונ נאָכ א סאכ זאכנ, וואָס ניט אלע יידישע קינדער קענענ עס.

נאָכ זיאמענ גייט ייִסראָלי בענדיצקיס זונדל, א בלייכער אונ א ציטעריקער, כײַטל רודערמאנ — א מעלאמעדס א ייִנגל מיט גראָבע פיסקעס, אווערעמל זאַלאָטושקינ — א שווארצער, ווי אנ אראפ, די מערפערטס אונ די ליפסקיס — אָפ עפוצטע באָנימלעכ מיט אויסגע-וועקסלטע שטיוועלעכ. מיט די האָט מענ באדארפט האָבנ א זכיע צו ריידנ. וואָרעמ ווער כארמאָגט אזעלכע אויסגעוועקסלטע שטיוועלעכ אינדערוואָכנ? נאָכ זיי גייענ די קאנאווערלעכ — קינדער מאזיקימ, וואָס האָבנ צו טאָנ מיט הינט, כושענ קעצ. מיט די אלע וויל שאָלעמ זיכ ניט כאווערנ. ער האָט בעסער ליב זיכ כאווערנ מיט אזעלכע ייִנגלעכ, ווי מאָטל סריבנע, א באָכערל מיט לאנגע פייעלעכ, וואָס שפילט אפנ פידל, אָדער עליע דאָדיעס — א ייִנגל א ברענ, וואָס האלט אינ איינ לאכנ, אונ נאָכ אזעלכע. מיט זיי דאוונט ער אינ איינ בעכמעדרעש, קוקט מענ אינ איינ מאכזער ארײַנ, מאכט מענ איניי-נעמ „שטוקעס": מע קרימט איבער רעפאָעל דעמ שאמעס, ווי ער קוקט בימנ אייגל אונ זינגט: „אכצנ גילדנ אומ קויהענ!" וואָווע קאָ-רעצקינ, ווי ער פײַפט מיט דער נאָז. בענצי קאנאווער, ווי ער שמעכט טאבעקע. ייִצכאָק־וויגדער, ווי ער מאכט מיט די פלייצעס. שאָלעמ ווילענסקי, ווי ער גלעט זיכ דאָס בערדל צונ קאכיקעט מיט דער נאָז. ס'איז דאָ, באָרעכאשעמ, וועמענ נאָכצומאכנ. ס'איז גענונג גאר-מיזאָ דער מעלאמעד, וויאזוי ער לייענט אינ דער טוירע. אימ האָט שאָלעמ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס געשטודירט צוויי שאבאָסימ קעסיי-דער, וויאזוי גארמיזאָ דער מעלאמעד צעשאָקלט זיכ אפ איינ פוס, דערנאָכ פארקרימט ער דאָס געשטופלטע פּאָנעמ, שטעלט ארויס די געלע ציינ, ציט אויס דעמ לאנגנ האלדז, טוט א פיר מיט דער שפיצעכיקער נאָז אינ דער לופטנ ארויפ אונ אראָפ אונ לאָזט ארויס מיט א מעשונע־מאָדנע גאָרגל־שטימע: „רעיי נאָסאטי לעפאָ-נעכאָ האַיוימ עס האכאַימ ווע עס האטויוו ווע עס האַ-

מאָוועס וועס האָראָ..." מע קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער! אַלע די, וואָס האָבן געהערט שאָלעמען נאָכמאַכן גאַרמיזאָן, ווי ער לייענט, האָבן געשוואָרן, אַז ס'איז גאַרמיזאָ מיט די ביינער! נאָר גאַרמיזאָ אַליין, אַז ער איז געוווירע געוואָרן, אַז ער מאַכט אים נאָך, איז ער געווען ניט צופרידן. ער האָט זיך ניט געפוילט און איז אַוועק צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן אַהיים און האָט אים דערציילט די גאַנצע מייסע, אַז ער, גאַרמיזאָ, האָט געהערט זאָגן, אַז בא רעב נאָכעמען איז דאָ אַ יינגל, וואָס מאַכט אים נאָך, וויאַזוי ער לייענט אין דער טוירע. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל האַרמידער. נאָכעם האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ „ספּראַווקע", לאָזן נאָר די קינדער קומען אַהיים. די קינדער זיינען געקומען אַהיים, און מע האָט זיך צו זיי אַ נעם געגעבן. דער טאַטע האָט געטראָפן, אַז דאָס דאַרף זיין שאָלעמס אַרבעט.

— קום נאָר אַהער, שאָלעם. זאָג נאָר, וויאַזוי מאַכסטו דאָס נאָך גאַרמיזאָ דעם מעלאַמעד, ווי ער לייענט אין דער טוירע?

— וויאַזוי איך מאַך אים נאָך? אָט וויאַזוי.

און שאָלעם האָט זיך ניט געפוילט און האָט זיך צעשאָקלט אַף איין פוס, פאַרקרימט דאָס פּאָנעם, ווי גאַרמיזאָ, אַרויסגעשטעלט די ציין, אויסגעצויגן דעם האַלדז, אַ פּיר געגעבן מיט דער נאָז אין דער לופטן אַרוף און אַראָפּ און אָנגעהויבן אַף אַ מעשונע-מאָדנע גאָרגל-שטימע: „ר ע יי נ אָ ס א ט י ל ע פּ אָ נ ע כ אָ ה א י ו י ם ע ס ה א כ א יִ ם..."

שאָלעם האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען דעם טאַטן אַזוי לאַכן, ווי ער האָט געלאַכט יענעם טאָג. ער האָט גאָר ניט געקאָנט קומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט און אויסגעהוסט און אויסגעווישט די אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלע קינדער:

— זעט איר, וואָס ביין-האַזמאַנים מאַכט? מע גייט אַרום פּוסטעפּאַס, עס ליגט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס, נאָכמאַכן גאַרמיזאָ דעם מעלאַמעד, ווי ער לייענט אין דער טוירע (דאָ האָט דער טאַטע ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך און האָט באַהאַלטן דאָס לאַכנדיקע פּאָנעם אין דער פּאַטשיילע). אימירצעשעם, באַלד נאָך סוקעס נעם איך צו צו אייך אַ רעבן, און איר'ט אָנהייבן גיין אין כיידער אַריין. אויס ביין־האַזמאַנים!

וויבאַלד אַז יאָ אויס ביין-האַזמאַנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקע געבן אַ לעב אונטער, ווי עס געהער צו זיין!

און כעוורע האָבן גענומען אויסנוצן זייער פרייהייט אַפן סאַמע ברייטסטן אויפן, זיך באַקאַנט מיט ווו ערגעץ אַ זלידנע יינגל, מיט איבערגעקליבן, מיט יעדן געשלאָסן כאַוועראַפט, געהוליעט, ווי

די רעקרוטן, איידער מע גיט זיי אָפּ אין דער דינסט. די וואָראָנ־קאָווער ייִנגלעך האָבן באַוויזן די פּערעיאַסלאַווער ייִנגלעך, אַז כאָטש זיי זײַנען פֿון אַ קליין שטעטל, פֿונדעסטוועגן ווייסן זיי אַ סאַך זאַכן אַזעלכע, וואָס די פּערעיאַסלאַווער ייִנגלעך ווייסן זיי ניט. לעמאָשל, זיי ווייסן ניט, אַז צו יעדן נאָמען קאָן מען צוזעצן אַ גראַם, נעמט וואָס פֿאַר אַ נאָמען איר ווילט. אַשטייגער: „מאָטל" — מאָטל קאַפּאָטל, דרומען דראָטל, יויסעף סאָטל, ערעץ קנאָטל. „לייבל" — לייבל קאַפּייבל, דרומען דרייבל, יויסעף סייבל, ערעץ קנייבל. „יאַנקל" — יאַנקל קאַפּאַנקל, דרומען דראַנקל, יויסעף סאַנקל, ערעץ קנאַנקל. און אַזוי איטלעכן, אָפּ וואָס פֿאַר אַ נאָמען איר ווילט.

הײַנט ווייסן ניט די שטאָטישע קינדער פֿון טאַשראַק־לאָשן, דאָס הייסט, פֿון ריידן פֿאַרקערט. צום בײַשפּיל: „טאָ אוטספּאַך אַ שטאַפּ" — הייסט דאָס: „אָט כאַפּסטו אַ פּאַטש". „אַנ ריד אַ גײַפּ" — „נאַ דיר אַ פֿײַג". מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט שאָלעם געקאָנט אָוועקריידן אָפּ דעם לאָשן אַ שאָ קעסיידער. ס'איז דאָך אַ מעכײַע נעפֿאָשעס — מע קאָן אַזוי אָוועקריידן פֿון וועמען איר ווילט, יענעם אין די אויגן, און יענער זאָל ניט וויסן, ווער ס'האָט אים געשלייערט. הײַנט וואָס זײַנען דאָס פֿאַרא ייִנגלעך, די פּערעיאַסלאַווער, אַז זיי לאָזן דורך אַ גאַלעך פֿאַרבײַגיין, גלײַך ווי אַ גלײַכן מענטשן, און זאָגן אים קיין וואָרט אַפּילע? ניין, די וואָראָנקאָווער ייִנגלעך זײַנען ניט אַזעלכע נאַראָנים, זיי וועלן ניט דורכלאָזן קיין גאַלעך גלאַט אַזוי. אַלע ייִנגלעך, וויפֿל זיי זאָלן ניט זײַן, וועלן זיי זיך אויסשטעלן דעם גאַלעך פֿון הינטן און וועלן זינגען אָפּ אַ קאָל מיט אַ ניגן: „גאַלעך־צאָפּ, אַ רועך אין דײַן קאָפּ! מיר אַ ברויט, דיר אַ טויט! מיר אַ וואָגן, דיך באַגראָבן! מיר אַ שליטן, דיך באַשיטן!" די פּערעיאַסלאַווער ייִנגלעך זאָגן, אַז דאָ, אין פּערעיאַסלאַוו, טאָר מען פֿאַר אַ גאַלעך אַזעלכעס ניט זינגען, וואָרעם מע קאָן כאַפּן אַ מיִעסן פּסאַק. נאַט אײַך נאָך אַ נײַס! גאָר מוירע האָבן פֿאַר אַ גאַלעך! ס'איז ניט גוט, אַז אַ גאַלעך גייט איבער דעם וועג — דאָס יאָ. אָבער מוירע האָבן? — פּערעיאַסלאַוו איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט און אַ שיינע — וואָס איז דאָ צו ריידן? — דאָרט, אין וואָראָנקאָ, איז אָבער געווען פֿרייִלעכער, אַז ס'איז געקומען בײַן־האַזמאַנים. אַזוי האָבן זיך געטראַכט די וואָראָנקאָווער קינדער און האָבן געוואָלט פֿונדעסטוועגן, אַז אָט די טעג פֿון בײַן־האַזמאַנים דאָ אין פּערעיאַסלאַוו זאָלן זיך נאָך ציִען און ציִען.

28

מעלאמדימ און לערערס

רעב ארנ כאדאראָווער — א מעלאמעד א באל-מעגאזעמ [1]. — א גאנצע סעריע פונ מעלאמדימ. — מאָניש דער מעלאמעד מיטנ „בײנדל“. — די טאלמידימ כאפנ א קערטל אינ כײדער.

די טעג פונ בײנ-האמאנימ זײַנענ נאָכ ניט אװעקגעגאנגענ, די יאָמטױװימ זײַנענ נאָכ געװענ פאָרױס, און נאָכעמ ראבינאָװיטש האָט שױנ געפירט אונטערהאנדלונגענ װעגנ א מעלאמעד פאר די קינדער. מעלאמדימ זײַנענ געװענ עטלעכע. ערשטנס, טאקע דער אױבנ דער־מאָנטער גארמיזאַ, װאָס לײענט אזױ שײנ אינ דער טױרע. נאָכ אימ איז געגאנגענ רעב ארנ כאדאראָװער, זײער א װױלער מעלאמעד, נאָר א מאָדנער באל-מעגאזעמ. ער האָט ליב צו דערצײלנ מײַסעס פאר זײַנע טאלמידימ, מעשונע-װילדע מײַסעס פונ פארצײַטנ. לעמאָשל, א מײַסע פונ זײַנ זײדנ, װאָס איז געװענ א גװאר און האָט ניט מױרע געהאט פאר קײנעמ. אײנמאָל איז דער זײדע זײַנער געפאָרנ װינטער באנאכט דורכנ א װאלד, זײַנענ ארױסגעלאָפנ פונ װאלד צװעלפ הונגעריקע װעלפ — און דאװײַ לױפנ נאָכנ שליטנ. אז זײַנ זײדע כאפט זיכ ניט אראָפ, נעמט די װעלפ, שטעקט זײ ארײַנ די האנט אינ מױל ארײַנ און קערט זײ איבער אלע צװעלפ אפ דער לינקער זײַט!

און נאָכ א מײַסע פונ זײַנ זײדנ, װיאזױ ער האָט אײנמאָל אָפ־געראטעװעט די גאנצע שטאָט פונ אנ אומגליק. גױִימ האָבנ זיכ צו־נױפגעקליבנ אײנמאָל אינ א זונטיק אפ א יאריד, האָבנ זיכ גוט אָנ־געשיקערט און דאװײַ שלאָגנ יידנ. איז זיכ מעיאשעװ זײַנ זײדע, ער האָט געהאלטנ סאמע אינ מיטנ דאװענ, װארפט ער אראָפ פונ זיכ דעמ טאלעס-און-טפילנ, קלײַבט אױס דעמ גרעסטנ פונ אלע גױִימ, איװאנ פאָפעױלע האָט מענ אימ גערופנ, און נעמט אימ אָנ מיט בײדע הענט פאר די פיס, און דאװײַ שלאָגנ מיט איװאנענ איבער גױִישע קעפ. האָבנ די גױִימ אָנגעהױבנ פאלנ, זײַנענ זײ געפאלנ אזױ װי פליגנ. און אז ער האָט אױסגעלײגט אלע גױִימ ביז אײ־נעמ, האָט ער איװאנענ אָפגעלאָזט און געזאָגט צו אימ: „אצינד קאָנסטו גײנ אהײמ, און איכ װעל גײנ דאװענענ“...

1 אנ איבערטרײַבער.

אכוצ וואָס זײַנ זיידע איז געווענ א גוואר, איז ער נאָכ געווענ א צעטראָגענע בריִע, זאָל גאָט שוימער אומאצל זײַנ! ער, אז ער פּלעגט זיכ פארטראכטנ — אזוי דערציילט רעב ארנ כאָדאָראָווער אפ זײַנ זיידנ — איז געווענ מיט סאקאָנעס-נעפאָשעס! איינמאָל איז ער ארומגעגאנגענ איבערנ שטוב א פארטראכטער, ארומגעגאנגענ, ארומגעגאנגענ אונ ארומגעגאנגענ. ער טוט א קוק — ער שטייט אפנ טיש!..

אָט אזא מינ מעלאמעד איז דאָס געווענ רעב ארנ כאָדאָראָווער. נאָכ אימ זײַנענ געגאנגענ א גאנצע סעריע מעלאמדימ, ווי רעב יעשיִע דער מעלאמער, מייער-הערש דער מעלאמעד, יאקיר-סימכע דער מעלאמעד, אונ דער קאָידאנאָווער מעלאמעד, אונ מענדל דער גראָבער. האָט אָבער יעדער פונ זיי געהאט זײַנ כיסאָרנ: האָט ער געקענט לערנענ — איז ער ניט געווענ קיינ באל-טאנאכ; איז ער געווענ א באל-טאנאכ — האָט ער ניט געקענט לערנענ. פונ אלע מעלאמדימ וואָלט מענדל דער גראָבער געווענ דער בעסטער מעלאמעד, ער זאָל ניט האָבנ דעמ כיסאָרנ, וואָס ער שלאָגט זיכ. קינדער, אז מע דערמאָנט זיי דעמ נאָמענ „מענדל דער גראָבער“, ציטערנ זיי. מאָלט אײַכ, מאָניש דער מעלאמעד שלאָגט זיכ אויכ, נאָר מיט א גאנג. יענער, מענדל דער גראָבער, קאָנ הארגענענ אפ טויט. דערפאר אָבער וויִאזוי לערנט ער! איינעמ פונ די צוויי, האָט נאָכעמ צוגעזאָגט די קינדער, אז ער וועט, אימירצעשעמ, דינגענ.

זײַנענ זיי שוינ באוואָרנט, הייסט עס, מיט א מעלאמעד. איצט בלײַבט איבער שרײַבנ. ווו וועלנ די קינדער לערנענ שרײַבנ? וואָס אָנבאלאנגט יִידיש, האָבנ זיי באמ וואָראָנקאָווער רעב זאָרעכלענ שוינ אויסגעלערנט זיכ שרײַבנ. וואָס טוט מענ אָבער מיט רוסיש? האָט אפילע א גוטערפרײַנט, ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס, וואָס איז שוינ דערמאָנט געוואָרנ אויבנ, געגעבנ אנ אייצע, מע זאָל די קינדער אוועקפירנ גלײַכ אינ דער „יעוורייסקע אוטשילישטשע“, וועט קאָסטנ וואָלוול אונ ס׳וועט זײַנ גוט. האָט דערהערט די באָבע מינדע אונ האָט געשוואָרנ, אז קאָלזמאנ זי לעבט, וועלנ אירע אייניקלעכ זײַנ יִידנ — אונ עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ שמא-יִסראָעל. איז געוואָרנ א רייד וועגנ לערערס. נויעכ בוסל איז א גוטער לערער, איז ער א באלעגאָלעס אנ איידעמ. איצי דער שרײַבער, וואָס לערנט בריוונשטעלער, האָט א שיינע האנט, איז ער שוואכ אינ „לאָשנ“. אווראָמ דער שרײַבער, טאקע איציס א ברודער, איז שוואכ אינ ביידע זאכנ. וואָס טוט מענ? איז געבליבנ מאָניש דער מעלאמעד. דאָס איז א יִיד

מיט אלע מײַלעס: ער איז א באל-טאנאך, קען דיקדוק[1], פארשטייט א בלאט גמרא און שרײַבט רוסיש, אז עס לאָזט זיך אויס די וועלט! עמעס, ער ווייסט ניט וואָס ער שרײַבט, און אז ער שרײַבט, איז דאָס ניט אלפּי גראמאטיקע — מאכט ניט אויס. די קינדער זײַנען נאָך צו יונג, זיי זאָלן קענען גראמאטיקע. לאָזן זיי פריִער קענען דיקדוק — דאָס איז בילכער. אײַ וואָס מאָניש דער מעלאמעד שלאָגט זיך? לאָזן די קינדער נאָר וועלן לערנען, וועט מען זיי ניט שלאָגן. שלאָגט דען א רעבע אומזיסט? וועהאָרײַע: די קינדער האָבן דאָס ארויסגעזוגן דערנאָכדעם בעכוש. מאָניש האָט פײַנט געהאט, ווי אנדערע מעלאמדים, שלאָגן אָדער שמײַסן. ער האָט געהאט אינעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האנט א ביינדל. מיטן דאָזיקן ביינדל, אז ער האָט אײַך דערלאנגט אין זײַט ארײַן, אָדער הינטן אין דער פלייצע, אָדער ארײַנגעקוועטשט אײַך אין שלייף ארײַן, האָט איר געקאָנט דערזען דעם עלטער-זיידן פון יענער וועלט. אָט אזא ביינדל איז דאָס געווען! שאָלעם האָט זיך געפלײַסט, ווי ווײַט מעגלעך, ער זאָל דאָס דאָזיקע „ביינדל" אויסמײַדן. און עס וואָלט אים עפשער געראָטן, ווײַל ער איז געווען פון די, וואָס האָבן דאָנערשטיק די גמאָרע געוווסט, אָדער געמאכט זיך, אז זיי וייסן. פון טאנאך איז דאָך אָפּגערעדט. באם שרײַבן איז ער אויך געווען נישקאָשעדיק. דערפאר אָבער, אז ס'איז געקומען צו שקאָצערײַ — דאָ האָט ער שוין געמוזט פארזוכן דעם טאם פונעם „ביינדל", וואָס ליגט אים נאָך אדאיאָם אין זיקאָרן. נאָר ניט דאָס איז געווען דער כיסאָרן, וואָס נאָכעם ראבינאָוויטש איז ניט געווען צופרידן מיטן מעלאמעד מאָניש. דער כיסאָרן איז געווען, וואָס ס'האָט זיך ארויסבאוויזן, אז מאָניש הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס דיקדוק איז. אז מע האָט אים א פרעג געגעבן: „רעב מאָניש, פארוואָס לערנט איר ניט מיט די קינדער קיין דיקדוק?" האָט ער געענטפערט: „ווייס איך וואָס, דיקדוק, ריקדעק, שמינדרעק בלע'ז[2]!" — און האָט זיך נאָך אויסגעלאכט אויך. דאָס האָט נאָכעמען שרעקלעך פארדראָסן, און אז ס'איז געקומען צום צווייטן זמאן, האָט ער די קינדער פון מאָנישן אָפּגענומען און אוועקגעגעבן צו אן אנדער מעלאמעד.

---

1 גראמאטיק; געמיינט: העברעיִשע גראמאטיק.

2 א העברעיִשע אברעוויאציע, וואָס באטײַט „אפ א פרעמדער שפראך". דאָ: דיקדעק, ריקדעק, שמינדרעק בעלאז" — א קאלאמבור.

יענער איז שוינ געווענ א „מעדאקדעק״ [1], געוווסט דעם „מאסלול״ [2] אפ אויסווייניק. האָט ער אָבער געהאט אנ אנדער כיסאָרנ — ער האָט ליב געהאט זיכ קאָהאָלנ. אלע טאָג האָט ער געהאט וואָס צו טאָנ: איז ניט קיינ כאסענע — איז א בריס, איז ניט קיינ בריס — איז א פּידיענ-האבענ, א בארמיצווע, א געט, אָדער גלאט א פאַרלאָזעניש, א בוירערעס, אנ אויסגלײַכעניש. נאָר פאר וועמענ ס׳איז א כיסאָרנ אונ פאר וועמענ א מײַלע. פאר די קינדער איז דער רעבע געווענ א מאלעכ פונ גאָט אונ דער כיידער — א גאנ־עדנ. מע האָט געקאָנט שפּילנ אינ וואָס פאר א שפּיל איר ווילט, אפּילע אינ קאָרטנ, — ניט אינ די וואָראָנקאָווער ל״א-קאָרטנ! פע! נאָר טאקע אינ עמעסע קאָרטנ. אונ געשפּילט האָט מענ אינ „טרילִיסטיק״, אָדער אינ „סטארשי קאָזיר״ — א שפּיל, וואָס די ארעסטאנטנ שפּילנ אינ די טורמעס. די קאָרטנ אליינ זײַנענ אויכ געווענ „ארעסטאנטסקע״ קאָרטנ — שווארצע, פעטע, אָנגעשוואָלענע. פונדעסטוועגנ האָט מענ פארשפּילט אלע אָנבײַסנס מיט אלע מיטיקס, אונ ווו ס׳איז געווענ ערגעצ א פּאָר גראָשנס, זײַנענ זיי ארײַנ אינ די קאָרטנ.

דאָס גאנצע געלט האָבנ אָפּגעווונענ די עלטערע באָכערימ, אזעלכע, ווי, לעמאָשל, זיאמע קאָרעצקי, א טשיקאווע באָכערל, וואָס איז דערמאָנט אויבנ. ער האָט ארופגעפירט זײַנע יונגע כאווײרימ אפ אלע גוטע זאכנ. זײַנ פּרינציפּ איז באשטאנענ אינ דרײַ קלאָלימ: 1) טאטע-מאמע ניט פאָלגנ; 2) דעמ רעבנ פײַנט האָבנ; 3) פאר גאָט קיינ מוירע ניט האָבנ.

א מײַלע האָבנ געהאט די גרויסע באָכערימלעכ, אז זיי האָבנ אָפּגעווונענ דאָס געלט בא די קליינע, האָבנ זיי זיכ נאָכ געדרייצט אונ געמאכט כויזעק. עמעסע קאָרטנשפּילער טוענ דאָס ניט... פונדעסטוועגנ דארפ מענ ניט מיינענ, אז זיי איז דאָס גרינג אָנגעקומענ. זיי אליינ זײַנענ אויכ אויסגעשטאנענ גענוג צאָרעס. ערשטנס, האָט מענ געמוזט אונטערקויפנ די רעבעצנ, זי זאָל ניט דערציילנ דעמ רעבנ, אז מע שפּילט אינ קאָרטנ. אונ צווייטנס, האָט דער רעבע געהאט א זונ, פײַוול, נאָר גערופנ האָט מענ אימ „ליפּ״, מאכמעס ער האָט געהאט א גראָבע ליפּ. האָט מענ באדארפט אָט די „ליפּ״ קיכלענ אונ כאנפענענ אונ אונטערשמירנ אמאָל מיט אנ אָנ-

1 א מענטש, וואָס ווייסט די העברעיִשע גראמאטיק.

2 א לערנבוכ פונ העברעיִשער גראמאטיק.

בײַסנ, אַ־זאָל מיט א נאשערײַ, אונ מערסטנטײל מיט ניסלעכ. די „ליפּ" האָט ליב געהאט קנאקנ ניסלעכ. אָנק־קנ, ווי די „ליפּ" קנאקט ניסלעכ, האָט געשלאָגנ צו דער גאל. צוביפראַט נאָכ פאר פרעמד געלט. נאָר וואָס זאָל מענ טאָנ? אז די „ליפּ" וועט דערציילנ דעם רעבנ, אז די קינדער שפּילנ אינ קאָרטנ, וועט זײַנ בעסער?

פונ די אלע מעלאמדים אונ לערערס אונ פונ די אלע לערנעכצנ האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש געהאט ווינציק נאכעס. אלע שאבעס האָט ער די קינדער פארהערט אונ זיפצנדיק געשאָקלט מיטנ קאָפּ. מער פונ אלע קינדער האָט ער געטראָגנ אפנ קאָפּ דעם מיטלכטנ, דעם „באל-טאנאכ". ער האָט, אפּאַנעמ, געוואוסט פונ אימ א סאכ מער. „וואָס וועט זײַנ? — האָט ער געפרעגט. — וואָס וועט זײַנ דער טאכלעס? אָט-אָט, אָקאָרשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו בארמיצווע, אונ דו וועסט אפילע קײנ צוויי ווערטער ניט קאָנענ זאָגנ!.." אונ ער האָט גענומענ זוכנ א רעכטנ געמאָרע-מעלאמעד, אונ ער האָט אימ געפאקט.

29

דער געמאָרע־מעלאמעד

מוישע־דאָוויד רודערמאנ — א געמאָרע־מעלאכער. — זײַנ זונ שימענ האלט בא שמאדנ זיכ. — די שטאָט ראטעוועט אימ ארויס פונ מאָנאסטיר. — דער פעטער פיניע קאָכט זיכ.

דאָס איז געווענ א רעבע א ליטוואק, מיטנ נאָמענ מוישע-דאָוויד רודערמאנ, א ייִד א יאדישלעווער, אנ אײַנגעהויקערטער, מיט געדיכטע שווארצע ברעמענ, א גרו סער לאמדנ, א שײנער באל-טאנאכ אונ א מעדאקדעק — מ ט אלע מײַלעס. אונ דערצו נאָכ א פרומער, אנ עמעסער יערײ-שאָמאַימ. גײט ריכט ז כ, אז אפּ דעם ייִדנ וועט אויכ זײַנ א פגאמ [1], אונ נאָכ וואָסער א פגאמ! דער פגאמ איז געווענ דער, וואָס דעם דאָזיקנ מעלאמעדס זונ לערנט אינ דער „אויעזדנע". אינ דער גאנצער שטאָט זײַנענ דעמלט געווענ מער ניט ווי צוויי באָכערימ, וואָס האָבנ געלערנט אינ דער „אויעזדנע": מוישע-דאָוויד רודערמאנס זונ, שימענ רודערמאנ, א באָכער, וואָס סע האָט

---

1 דעפעקט.

זיכ פרי אָנגעהויבנ אויסשיטנ בא אימ א שווארצ בערדל, אונ טאמארקינ, דעמ אדוואָקאטס זונדל, כאַימ טאמארקינ, א באָכערל א קורצער אונ א גראָבער, מיט קליינע אייגלעכ אונ מיט אנ אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגנ דאָס העמדל איבער די הויזנ, ווי א שייגעצל, געשפּילט מיט די גויִשע שקאָצימלעכ אינ „מיאטש“, קיינמאָל ניט געגאנגענ אינ שול ארײַנ, אכוצ יאָנקיפּער, אונ שטילערהייט גערייכערט גראָבע „ציגײַערנ“.

דאָס זײַנענ געווענ די פּיאָנערנ, אזוי צו זאָגנ, די ערשטע שוועלבעלעכ פונ דער האסקאָלע אינ דער שטאָט פּערעיאסלאוו, די איינציקע צוויי יִדישע קינדער צווישנ עטלעכע הונדערט שקאָצימלעכ. די שקאָצימלעכ האָבנ טכילעס געקוקט אפּ די צוויי „זשידע יאטעס“, ווי אפּ כידושימ, ווי אפּ קינדער פונ אנ אנדער וועלט. דערנאָכ האָבנ זיי צוועקגעלייגט די „זשידעניאטעס“ אפּ דער ערד אינמיטנ הויפּ פונ דער „אויעזדנע“ אונ אָנגעשמירט זיי די ליפּנ מיט כאזער. דערנאָכ איז מענ געוואָרנ כאווער, געשלאָסנ ברודערשאפּט, גאָר נעפּעש אכאס. גויִשע שקאָצימלעכ זײַנענ נאָכ דעמלט — אוי וויי! — געווענ ריינ פונ מענטשנהאס, ניט געוואוכסט פּונ קיינ יִדנ-העצעס, אונ דער גיפּט פונ אנטיסעמיטיזמ האָט זיי נאָכ ניט אָנגערירט. קוימ האָט מענ דעמ „זשידיאָנאָק“ אוועקגעלייגט, אָנגעשמירט די ליפּנ מיט כאזער אונ דורכגעבראָכנ די ביינער, ציז כאָטש ער איז א „הערשקאָ“, פּונדעסטוועגנ איז ער א כעווערמאנ גלײַכ מיט אלע...

דאָס אָפּגעבנ נאָכעמ וועוויקס קינדער צו מוישע-דאָוויד רודערמאנ איז ניט אָפּגעלאָפנ גלאט. דער פּעטער פּיניע, אז ער איז געוווירע געוואָרנ, אז זײַנ ברודער נאָכעמ האָט אָפּגעגעבנ די קינדער צו אזא מעלאמעד, וואָס האָט א זונ אינ דער „אויעזדנע“, האָט ער געארבעט מײַסימ. ער האָט געטײַנעט, אז פונ דער „אויעזדנע“ איז איינ טריט צו שמאד. פארוואָס?

— אָט אזוי: אז מירנ לעבנ, וועלנ מיר זענ...

אונ קאכאווע. עס איז, אפּאָנעמ, באשערט געווענ, אז דער פּעטער פּיניע זאָל איצטיקס מאָל זײַנ א נאָווי. אונ אזוי איז געווענ די מײַסע:

איינמאָל אינ א שאבעס איז ארויס א קלאנג אינ שטאָט, אז די צוויי יִדישע יִנגלעכ, וואָס לערנענ זיכ אינ דער „אויעזדנע“, שימענ רודערמאנ אונ כאַימ טאמארקינ, האלטנ בא שמאדנ זיכ! פארשטייט זיכ, אז קיינער האָט ניט געוואָלט גלייבנ: „ווייס איכ — וואָס? ווער? ווענעמ? וואָס א שטאָט קאָנ אויסטראכטנ!“ נאָר אז מע

קלינגט, איז א כאָגע. שטעלט אײַך פֿאָר, אז ס׳איז דעם זעלבן טאָג שאבעס פֿלוצעם געוואָרן א געלאָפּ, ווי אפֿ א סרייפֿע. די גאנצע שטאָט איז געלאָפֿן צום מאָנאסטיר. וואָס איז די מײַסע? „די מײַסע איז א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע: איר ווילט זען א שיינס? גייט, זײַט מויכל, צום מאָנאסטיר, וועט איר אָנקוקן, ווי די צוויי כעוורעלײַט פֿון דער „אויעזדנע״ האָבן זיך ארופֿגעקליבן גאנץ הויך אפֿן שפּיץ קלויסטער, שטייען דאָרטן אָן היטלען און פֿרעסן ברויט, מיט כאַזער באשמירט, בעפֿארהעסיע[1], אלע זאָלן זען!״...

די בעהאָלע איז געווען אזוי גרויס, אז ס׳איז קיינעם ניט אײַנגעפֿאלן צו פֿרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך צו זען פֿון אונטן ארופֿ, אפֿ אזא הויכן מאָנאסטיר, מיט וואָס דאָס ברויט איז באשמירט: מיט כאַוער? מיט פּוטער? אָדער מיט האָניק?.. די גאנצע שטאָט איז געגאנגען כאָדאָראָם. די וועלט האָט זיך געוויגט: „מיילע, אפֿ טאמארקינס זונדל איז כאָטש קיין כידעש ניט — זײַן פֿאָטער, דער אלטער טאמארקין, איז אליין א טרייפֿניאק, א ייִד א „זאקאָניק״, א שרײַבער פֿון „פּראָשעניעס״, און זײַן זונדל כאַיִם איז געווען, זאָגט מען, א גוי נאָך בא דער מאמען אין בויך. אָבער מוישע-דאָוויד רודערמאנ? א ייִד א יערײ-שאָמאַיִם און א מעלאמעד! דער בעסטער מעלאמעד אין שטאָט! ווי קאָן מען עס דערלאָזן אזא זאך?״

לאָזט זיך אויס, אז ס׳זײַנען דאָ ייִדן, וואָס האָבן געוווסט פֿריִער, אז ס׳וועט אזוי זײַן. פֿונוואנען האָבן זיי דאָס געוווסט? זיי האָבן דאָס פֿארשטאנען מ׳טן סייכל, אז מע טאָר ניט גיין מיט א קינד צופֿיל מיט סטירדעס. „מימאָנעפֿשעך — האָט איר אוועקגעגעבן אײַערע קינדער אין דער „אויעזדנע״, דאָס הייסט, איר זײַט מאסקים, זיי זאָלן זײַן גויִים, דארפֿט איר ניט פֿאָדערן פֿון זיי, אז זיי זאָלן טראָגן ארבעקאנפֿעסן; און אז עס האָט זיך געמאכט, זיי האָבן דורכגעלאָזט א מינכע, באדארפֿ מען אָפּווישן די ליפּן און ניט צעברעכן אפֿ זיי קיין שטעקן און ניט שלאָגן, ווי מע שלאָגט א הונט״...

אזוי האָבן געטײַנעט בעקאָוועדע באלעבאטים, און מע האָט צונויפֿגענומען מענטשן, און מע האָט זיך אָנגעהאלטן, וואָס טוט מען? וויִאזוי ראטעוועט מען ארויס צוויי ייִדישע קינדער פֿון דער שמאד? מע האָט אײַנגעלייגט די וועלט, געוועקט זכוס-אָוועס[2],

---

1 עפּנטלעך.

2 דאָ געמיינט: אָנגעווענדט פּראָטעקציעס.

אופגערודערט „נאטשאלסטווע"... פארשטייט זיך, אז מער פון אלע האָט געארבעט דער פעטער פיניע. דער האָט פארקאַטשעט די ארבל, צעלאָזט די שיינע באָרד, ארומגעלאָפן דעם גאנצן טאָג א פארשוויצ-טער, ניט געגעסן, ניט געטרונקען — ביז, דאנקען גאָט, ס'איז אָפּ-געגאָלטן. מע האָט די צוויי כעוורעלײַט ארויסגענומען פון מאָנא-סטיר.

דער שפּיץ איז געווען: איינער פון זיי, כאַים טאמארקין — דער האָט זיך טאקע געשמאַדט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, און שימען רודערמאַן האָט מען אוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר, ארײַנגעגעבן דעם פּײַנעם באָכער אין דער ראבינער-שול, אף „קאזיאָנע שטשאָט", און ער האָט מיט גאָטס הילף ניט נאָר געענדיקט אף ראבינער, נאָר טאקע געווען נאָכדעם ראבינער, און דאפקע ניט ווײַט פון פּערעיאַסלאוו — אין לובען.

— נו? ווער איז געווען גערעכט? אצינד ווײסטו שוין דײַנע קינדער, צו גאָט א האָפענונג, אָפּנעמען פונעם דאָזיקן מעלאמעד?

אזוי האָט דער פעטער פיניע געזאָגט צו זײַן ברודער נאָכעם, צופרידן פון אלע זײַטן: ערשטנס, וואָס ס'איז אים געראָטן ארויס-צונעמען צוויי יידישע קינדער פון דער שמאַד; צווייטנס, וואָס זײַן ברודערס קינדער וועלן שוין ניט לערנען בא א מעלאמעד, וואָס קען דיקדעק און האָט א זון אין דער „אויעזדנע"; און דריטנס, וואָס זײַנע ווערטער זײַנען מעקוייעם געוואָרן, אז א יידיש קינד לערנט אין די שקאָלעס, איז ער מוכן-אומעזומען[1] צו דער שמאַד...

האָט אָבער דער פעטער פיניע איצטיקס מאָל געהאט א ביטערן טאָעס: זײַן ברודער נאָכעם האָט זיך פאראקשנט און בעשום-אויפן ניט געוואָלט אָפּנעמען זײַנע קינדער פון אזא גוטן מעלאמעד.

— וואָס האָב איך צו אים? ניט גענוג יענער האָט געהאט אזוי-פיל אגמעסנעפעש מיט אזא ביזאָיען, זאָל מען לאָזן א יידן א מע-לאמעד אינמיטן זמאַן אָן ברויט?

דער פעטער פיניע האָט אויסגעהערט דעם ברודער מיט א בי-טער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „האלעווײַ זאָל איך ליגן זאָגנ, נאָר דו פירסט די קינדער אף א גוטן דערעך"... דערנאָך איז ער אופגעשטאנען, געגעבן א קוש די מעזוזע און איז אוועק א באַרוי-געזער.

---

1 פולקום גרייט.

30

דער אמאָליקער „כיידער"

א בילד פונעמ אמאָליקנ „כיידער". — די טאלמידימ העלפנ דעמ רעבנ אונ דער רעבעצנ בא דער ארבעט. — דער רעבע מאכט בראָכע. — זײַנ מוסער־זאָגנ ברענגט צו גײַע זינד.

ניינ, מע האָט די קינדער פונ דעמ פארפלעקטנ, נאָר גערָאטענעמ מעלאמעד רודערמאנ ניט אָפּגענומענ. אדעראבע, זיי זײַנענ פארבליבנ בא אימ אויכ אפנ אנדערנ זמאנ אונ אפנ דריטנ זמאנ — אונ אלע זײַנענ געווענ צופרידנ: דער רעבנ פונ זײַנע טאלמידימ, די טאלמידימ פונ זייער רעבנ אונ דער טאטע — פונ די טאלמידימ מיטנ רעבנ.

מער פונ אלעמענ זײַנענ געווענ צופרידנ די טאלמידימ. גאָט האָט זיי צוגעשיקט א רעבנ, וואָס שלאָגט זיכ ניט, לעגאמרע[1] ניט. ער ווייסט גאָר ניט וואָס הייסט שלאָגנ זיכ. סײַדנ אמאָל, אז א ייִנגל האָט שוינ שטארק דערקוטשעט, אָדער ניט געוואָלט דאווענענ, אָדער ער האָט געהאט אזא פארשטאָפּטנ קאָפּ, כאָטש „פלעקער טעסענ", — דעמאָלט איז שוינ דער רעבע רודערמאנ ארויס פונ די קיילימ, אוועקגעלייגט דעמ באָכער אפנ בענקל, אראָפּגענומענ די פליסענע ווייכע יארמלקע פונעמ קאָפּ, פונ דער גרינג אָפּגעפּיצקעט — אונ גיי!

נאָכ א מײַלע האָט געהאט רודערמאנ דער מעלאמעד — ער האָט געהאלטנ א „זשאָרנע", אזא מאשינ אפּ צו „רײַסנ" גרויפּנ. די מאשינ האָט געהאט א ראָד מיט א הענטל, אונ כונ אויבנ איז געלעגנ מיטנ פּאָנעמ אראָפּ א זאק מיט רעטשקע. פונעמ דרייענ די ראָד האָבנ זיכ די רעטשקע פּאוואָלינקע געשאָטנ אינ יאשטשיק ארײַנ, פונעמ יאשטשיק זײַנענ זיי פּאוואָלינקע געפאלנ אפנ שטיינ, דער שטיינ האָט זיי פּאוואָלינקע געריבנ, אָפּגעשיילט די שאָלעכצ אונ געמאכט פונ די רעטשקע — גרויפּנ. אָט דאָס האָט געהייסנ א „זשאָרנע".

פארשטייט זיכ, אז דער גאנצער אנטיק פונ דער „זשאָרנע" איז געלעגנ אינעמ דרייענ. וואָס מער מע דרייט, מער שיטנ זיכ גרויפּנ. אונ באלאָנימ אפּ דרייענ זײַנענ געווענ א סאכ, קימאט אלע טאלמידימ. יעדער וויל קומענ צו הילפ דעמ רעבנ מוישע-דאָוויד, וואָס קאָנ ניט לעבנ פונ מעלאמדעס אליינ אונ מוז נעבעכ אָנקומענ

1 אינגאנצנ, גאָר.

צו זײַטיקע פּאַרנאָסעס: ער רײַסט גרויפּנ, זי באַקט לעקעכ. באַמ לעקעכ באַקנ, מיינט איר, איז שוינ גאָר ניטאָ וואָס צו טאָנ? ס'איז א סאַכ דאָ וואָס צו טאָנ! אונ דאָ קאָנענ אויכ די קינדער צוהעלפנ. ניט אַזוי באַמ באַקנ, ווי באַמ „אויספּאַטשנ". קאָרענעמ האָניק־לעקעכ באַדאַרפ מענ פּאַטשנ, לאַנג פּאַטשנ, מיט ביידע הענט, ביז ער ציט זיכ, ווי א האָניק־טייג קאָנ זיכ ציִענ. אונ ווער נאָכ קאָנ אַזוי פּאַטשנ, ווי א כיידער־יִנגל? באַלאָנימ פּאַטשערס צווישנ די כיידער־יִנגלעכ זײַנענ דאָ אַזויפיל, אַז מע שלאָגט זיכ אַזש פּאַרנ פּאַטשנ. יעדער וויל פריִער.

דער לעזער באַדאַרפ זיכ ניט ווונדערנ, וואָס איז דאָס פאַר אנ אַוודע — טאַלמידימ זאָלנ „רײַסנ" גרויפּנ, „פּאַטשנ" לעקעכער! לעמײַ בא די וואָראָנקאָווער מעלאַמדימ האָבנ זיי געטאָנ א סאַכ גראָבערע אַרבעט? לעמאָשל, באַמ רעבנ רעב זאָרעכל אונ בא אַנדערע מעלאַמדימ האָבנ נאָכעמ וועוויקס קינדער גאַנצ פּײַנ געשמירט די ערד אַפ שאַבעס, פּאָרלעכווײַז אַרויסגעטראָגנ די פּאָמעניצע, איינציקווײַז געבראַכט צו טראָגנ וואַסער פונעמ גוייִשנ ברונעמ, אונ אַלפּי־גוירל געניאַנטשעט זיכ מיטנ קינד אויכ. פונ גיינ מיט אנ אָפּ צומ שויכעט שמועסט מענ ניט. עס איז געווענ א קאָוועד פאַר די קינדער העלפנ דער רעבעצנ אָפּפּליקנ דאָס אָפּ. אַבי אנ אַרבעט, אַבי ניט געלערנט. ערגער פונ אַלע אַרבעט איז געווענ דאָס לערנענ אינ כיידער. דאָ וועט, דאַכט מיר, זײַנ דאָס אָרט אָפּצומאָלנ דעמ כיידער, ווי ער האָט אויסגעזענ אינ יענע צײַטנ, ביכדיי די קומענדיקע דוירעס, וואָס וועלנ זיכ אינטערעסירנ מיטנ אַמאָליקנ יִדישנ לעבנ אינ דער גליקלעכער „טשערטא", זאָלנ עס האָבנ פאַר די אויגנ.

א קליינ גוייִש שטיבל אַפּ הינערשע פיסלעכ, מיט שטרוי געדעקט, אַמאָל א ביסעלע אײַנגעבויגנ אַפּ א זײַט, אונ אַמאָל אָנ א דאַכ, ווי אָנ א היטל. איינ פענצטערל, אונ אַז א סאַכ — איז צוויי. די אַרויסגעזעצטע טאַבליע איז אָדער פאַרקלעפּט מיט א פּאַפּיר, אָדער פאַרשטעקט מיט א קאָפּנקישעלע. די ערד איז א „געוואַלקעוועטע", באַשמירט מיט לײמ, אונ אַפּ שאַבעס אונ יאָמטעוו — באַשאָטנ מיט זאַמד. א גרויסנ טייל פונעמ כיידער פאַרנעמט דער אויוונ מיטנ אַפּנ־אויוונ אונ מיט דער „לעזשאַנקע". אַפּ דער „לעזשאַנקע" שלאָפט דער רעבע, אונ אַפּנ אויוונ — זײַנע קינדער. בא דער וואַנט שטייט א בעט — דער רעבעצנס בעט — מיט א סאַכ קישנס צוקאָפּנס אונ קליינינקע קישעלעכ כימעט ביז דער סטעליע. דאָרט אַפּנ בעט, אַפּ א ווײַסנ לײַלעכ, ליגט

אמאָל א בלאט לאָקשנ, אמאָל קיכלעכ אונ בייגל (אויב די רעבעצנ פארנעמט זיכ מיט בעקערײַ), אונ אמאָל א קינד (אויב ס'איז געפערלעכ קראנק). אונטערנ אויוונ א „פּאָדפּיטשניק״ (אינ דער ליטע רופט מענ עס „קאטוכ״). דאָרט האָדעוועט מענ אויפעס, געוויינלעכ אפ פּארנאָסע. בא דער קרומער מעובערעסער וואנט — א שאפע אפ האלטנ ברויט, קריגלעכ אונ טעפלעכ. אפ דער שאפע — דאָס אײַזערנע געפעס, א זיפּ, א דערקאטש, א ריבײַזנ אוקעדוימע אזעלכע קיילימ. פונ פאָרנט, סאמע באמ ארײַנגאנג, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, אונ א גרויסע פּאָמעניצע טאָמיד פול, אונ א צעבער א הילצערנער, וואָס רינט, אפ וואסער האלטנ, אונ א האנטעכ, וואָס איז טאָמיד נאס, אפ די הענט אָפּצוווישנ. אונ אינמיטנ שטוב א לאנגער טיש מיט צוויי לאנגע בענק. — דאָס איז, אייגנטלעכ, דער כיידער, די שול, ווו דער רעבע שטודירט מיט זײַנע טאלמידימ. אלע, סײַ דער רעבע סײַ די טאלמידימ, שרײַענ. דער רעבעצנס קינדער, וואָס שפּילנ זיכ אפנ אויוונ, שרײַענ. די רעבעצנ, וואָס פּאָרעט זיכ בא דער „קיכ״, שרײַט אפ אירע קינדער, לעמײַ זיי שרײַענ. די אויפעס, וואָס אונטערנ פּאָדפּיטשניק, קוואָקענ: דאָס האָט די קאָצ אראָפּגעשפּרונגענ פונ דער לעזשאנקע, א שטילינקע, א רויִקע, א גלאטינקע, זיכ ארײַנגעכאפּט אונטערנ פּאָדפּיטשניק אונ ספּאָלאָשעט די אויפעס, ניט געדאכט זאָל זי ווערנ!

אָט אזוי האָט אויסגעזענ דער אמאָליקער וואָראָנקאָווער כיידער. ניט פיל שענער האָט אויסגעזענ דער כיידער אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פּערעיאסלאוו. דער פּערעיאסלאווער רעבע האָט, גלײַכ ווי דער וואָראָנקאָווער, געקנעלט מיט זײַנע טאלמידימ, זיצנדיק ווינטער אינ א וואטאָווע כאלאט מיט א פּליסענער יארמלקע, אונ זומער אינ אנ ארבעקאנפעס, אינ א העמד מיט ברייטע ארבל. ווינטער נאָכנ שלאָפּ האָט ער געטרונקענ, אָנשטאָט טיי, „ליפּעווע צוויט״, אונ זומער — קאלט וואסער פונ א הילצערנ קווערטל, דורכגעזײַט דורכ איינעמ פונ די ברייטע ארבל פונעמ העמד, געמאכט דערופ פריִער מיט גרויס קאוואָנע א בראָכע „שעהאקל ניהיע בידוואָרוי״, אונ אלע טאלמידימ האָבנ אימ געענטפערט אָמיינ. טאָמער האָט א ייִנגל געבראכט עפּעס א פּיירע, האָט דער רעבע געמאכט „בוירע פּרי האָייצ״, אונ די טאלמידימ האָבנ געענטפערט אָמיינ. טאָמער האָט א ייִנגל געבראכט א גרינע אוגערקע, האָט דער רעבע אָפּגעשיילט די אוגערקע, געמאכט אפ איר „בוירע פּרי האָאדאָמאָ״, אונ די טאלמידימ האָבנ געענטפערט אָמיינ.

ס'איז אלצדינג געווען קעדײַ, אבי ניט לערנען. צו שטארק האָט זיך צוגעגעסן דאָס לערנען. א גאנצן טאָג געלערנט. ווינטער באַנאכט געלערנט. אופגעשטאנען פארטאָג און געלערנט. אפילע שאבעס באטאָג אויך געלערנט. און טאָמער ניט געלערנט, איז כאָטש אזוי געזעסן שאבעס באטאָג איבּ כּיידער און אויסגעהערט דעם רעבנס מוסער.

דעם רעבנס מוסער — דאָס איז געווען א רײַכע פאנטאזיע פון „טויזנט איינ נאכט". פונעם רעבנס מוסער האָט מען זיך געזען מיט „יענער וועלט", געפילט דעם טאם פון „כיבעט-האקייווער"[1], זיך צוגעהערט, ווי דער מאלעכ-האדוימע[2] קומט צו מיט שטילע טריט, עפנט אײַך אופ דעם בויך, נעמט ארויס די קישקעס און טוט אײַך א שמיץ מיט זיי איבערן פּאָנעם: „ראָשע, מא שמעכאָ — שייגעץ, וויאזוי רופט מען דיך?"... און דערנאָכדעם, ווי צוויי מאלאכיי-כאבאָלע[3] נעמען אײַך און ווארפן אײַך „קאפאקאל", ווי א מיאטש, פון איין עק וועלט ביזן אנדערן. און טאָמער האָט איר אמאָל געזאָגט א ליגן, הענגט מען אײַך אופ פאר דער צונג אפּ א פלעקל, און איר הענגט, ווי א יאטקע-פלייש. און טאָמער האָט איר אמאָל פארגעסן אָפּגיסן נעגלוואסער[4], שטעלן זיך אוועק צוויי מעכאבלים[5] און רײַסן אײַך מיט אָפצווענגעס די נעגל פון די פינגער. און טאָמער האָט איר אמאָל פרײַטיק זיך געשניטן די נעגל און אומגערן אראָפּגעלאָזט א נאָגל אפּ דער ערד, לאָזט מען אײַך אראָפּ אפּ דער וועלט און מע הייסט אײַך גיין זוכן דעם נאָגל.

דאָס איז פאר קליינע אווירעלעך. הײַנט ווי איז שוין פאר גרויסע אווירעס? לעמאָשל, פאר היפּערן אינ דאוונען? פאר דורכלאָזן א מינכע? פאר ניט לייענען קרישמע? פאר א שלעכטע מאכשאָווע? פאר הירהורים[6] און כאלוימעס? — ניטאָ קיין ראכמאָנעס דאָרטן, ניטאָ! טשוווע, טפילע און צדאָקע — דאָס איז נאָר דאָ, אפּ דער

---

1 די ליידן אינ קייווער, וואָס א געשטאָרבענעם קומט אויס איבערצוטראָגן די ערשטע טעג נאָכן טויט (לויט די פאָרשטעלונגען פון רעליגיעזע יידן).

2 לויט די רעליגיעזע אָבערגלויבונגען — א מאלעכ, וואָס נעמט צום פארהער דעם געשטאָרבענעם.

3 די שלעכטע מאלאָכים, די מאלאָכים, וואָס פילן אוים די „עקזעקוציעס" (לויט די רעליגיעזע אָבערגלויבונגען).

4 א רעליגיעזער ריטואל אָפּצוגיסן מיט וואסער די פינגער פון די הענט נאָכן שלאָפ.

5 געמיינט: שיידים.

6 טראכטענישן, טרוימען (דאָ געמיינט: זינדיקע).

וועלט. אפ יענער וועלט איז שוין שפעט, פארפאלן! „דאָרט זײַט איר שוין מיט אלע רעשאָים גלײַך. דאָרט גייט איר שוין גלײַך אין אייביקן פײַער, אין זודיקן קעסל ארײַן, אין גענעם, שקאָצים, אין גענעם!״...

אזוי לאָזט אויס דער רעבע זײַן מוסער שאבעס באטאָג, און די קינדער הערן צו מיט קאָפּ און וויינען, האָבן כאראָטע, שלאָגן זיך אלכעט, גיבן זיך דאָס וואָרט, שוין זײַן גוט און פרום. נאָר קוים איז דער רעבע אופגעשטאנען פון טיש און די קינדער נאָך אים, אזוי איז פארגעסן געוואָרן דער גאנצער מוסער; די יענע וועלט מיטן גענעם מיט אלע מאלאכיי-כאבאָלע זײַנען פארשוווּנדן געוואָרן, ווי א שאָטן, וואָס גייט איבער, ווי א כאָלעם, וואָס פליט אוועק, און בעוורע האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע זינד און צו זייערע שילד: געהיפּערט באם דאוונען, דורכגעלאָזט א מינכעלע, ניט געלייענט קיין קרישמע. ווער מיר נעגל-וואסער? וואָס מיר דאוונען? אז אין דרויסן שײַנט די זון, און די שאָטנס דראפּען זיך אפ די ווענט, ווינקען צו אײַך, רופן אײַך: אין דרויסן ארויס, ייִנגעלע, אין דרויסן! דאָרט איז גוט! דאָרט איז ווויל! איין שפּרונג א רעכטער — און דו ביסט באם בריקל. נאָך א שפּרונג — און דו ביסט אפ יענער זײַט בריקל, ווו עס לויפט א טײַכל, ווו עס זשומעט א וואסערל, ווו עס גרינט א גרעזעלע, ווו עס גרעלט א בלימעלע, ווו עס פליט א פייגעלע, ווו עס טאנצט א היישעריק... און דאָס גרינע-גרינע פעלד בעט זיך בא אײַך, איר זאָלט אײַך א וואָרפ טאָן אפ דער ווייכער שמעקנדיקער ערד, ווי איר שטייט און גייט. און דאָ קומט אָן דער טאטע, אָדער די מאמע, אָדער אן עלטערער ברודער, אָדער א שוועסטער — „האָסטו שוין געדאוונט? אין כיידער ארײַן, שקאָץ איינער, אין כיידער ארײַן!״...

31

די בארמיצווע

דער בארמיצווע נעמט אויס. — א גאלעריי טיפּן פון פּערעיאסלאווער באלעבאטים. — א מאמעס טרערן.

ארײַנטראכטנדיק זיך אינעם לערנען אין יענעם מין „כיידער״, בא יענע מינים מעלאמדים, וואָס זײַנען באשריבן אין די פריערדיקע קאפּיטלעך, האָבנדיק פאר זיך די רעבעצן, וואָס מע דארפ איר העלפן, טאטע-מאמע, שוועסטער און ברידער, וואָס מע דארפ זיי פאָלגן א גאנג, און קאָלערליי מינים שקאָצערײַ, פון באָדן זיך זומער אין טײַך

ביז שפּילנ ווינטער אינ קאָרטנ אונ קנעפּלעכ, הײַנט גלאט דאָס ארומלויפנ אונ ארומשפּאצירנ איבער דער שטאָט, — איז שווער צו פארשטײנ, פונוואנענ האָט זיכ גענומענ בא די קינדער דאָס, וואָס זײ האָבנ געקענט? מע דארפ ניט פארגעסנ דאָס אויכ, אז דעמ רעבנ האָט מענ גענארט, דעמ טאטנ האָט מענ גענארט אונ אפילע דעמ ראָוו, צו וועלכנ מע האָט געפירט די קינדער פארהערנ, האָט מענ אויכ אָפּגענארט. הײַנט ווו האָט זיכ גענומענ מאטעריאל אפ אָפּצונארנ א גאנצע שטאָט מיט ײדנ, וואָס זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ אפ דער בארמיצווע צו נאָכעמ ראבינאָוויטשעס זונדל? דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע געדענקט פאר קלאָר, אז ער האָט ניט אָנגעהויבנ צו וויכנ פונ דעמ, וואָס מע האָט אימ אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגנ אפ זײַנ יאָמטעוו — אונ דאָכ האָט געקלונגענ די שטאָט מיט זײַנ בארמיצווע. טאטעס האָבנ מעקאנע געווענ. מאמעס האָבנ זיכ געווונטשנ אזעלכע קינדער.

ס'איז געווענ אנ עמעסער יאָמטעוו. א גרויכארטיקער יאָמטעוו. אונ אינ אימ האָבנ זיכ באשעפטיקט א סאכ הענט, אונטער דער קאָמאנדע פונ דער באָבע מינדע, וואָס האָט אויסגעזוענ אינ איר שאבעסדיקנ אָנטאָנ, מיטנ שטערנטיכל, ווי אנ עמעסער קאָמאנדיר. זי האָט געקאָמאנדעוועט, וועמענ מע זאָל רופנ אונ וועמענ ניט, ווער ס'זאָל זיצנ אויבנאָנ אונ ווער ניט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלנ, וואָסערע בראנפנס אונ וואָסערע ווײַנענ מע זאָל טרינקענ. מיט אלעמענ האָט זי זיכ איבערגעקריגט, אפ אלעמענ זיכ אָנגעבייזערט, ניט געשאנעוועט אפילע דעמ בארמיצווע-העלד אלײנ, ער זאָל זיכ האלטנ, ווי א מענטש, ניט האָבנ קײנ טעווע בײַסנ די נעגל כאָטש צווישנ מענטשנ, ניט לאכנ אלײנ אונ ניט מאכנ לאכנדיק די איבעריקע קינדער, קורצ — ניט זײַנ קײנ ימאכשמויניק.

— גאָט האָט ראכמאָנעס געהאט, האָסט דערלעבט די בארמיצווע, איז שוינ צײַט, זאָלסט ווערנ א שטיקל מענטש! — האָט זי אײַנגעטײַנעט מיט אימ, באשפּיגנ די פינגער אונ אויסגעגלעט אימ דאָס לעצטע רעשט פונ די פּײעלעכ, וואָס זי האָט קוימ „אָפּגעוואָיעוועט" בא איר זונ: נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט שוינ לאנג כײשעק געהאט זײ גאָר אינגאנצנ אָפּשערנ, האָט די באָבע מינדע ניט דערלאָזט.

— אז איכ וועל שטארבנ אונ מײַנע אויגנ וועלנ עס ניט זענ, — האָט זי אימ געזאָגט, — וועסטו דעמאָלט מאכנ דײַנע קינדער פאר גוײמ.

און איצט, קאָלומאַנ איך לעב נאָך, ווייל איך זען אָפּ זייער פּאָנעם כאָטש א סימען פון יידישקייט.

אכוץ דעם גרויסן אוילעם, וואָס מע האָט צונויפגערופן גלייך פון שול אָפּ באַרמיצווע, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע מישפּאָכע. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעבע מוישע-דאָוויד רודערמאַן, אין דער שאַבעסדיקער געווענטענער קאַפּאָטע, מיטן אָפּגעבליאַקעוועט פּליסן היטל, ווי א לאַטקע אַפן קאָפּ, איז אויך געווען בעסויך האַבאָים [1]. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן זייער קליין און פונדערווייטן. פון דער מיַיסע אָן מיטן זון, וואָס האָט זיך געוואָלט שמאַדן, איז ער געוואָרן בא זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך קימאַט גאָר ניט צוגערירט ניט צום קידעש, ניט צום פאַרבייסן, געזעסן פאַרוקט אין א ווינקעלע, איינגעבויגן אינדרייען, און שטילערהייט געהוסט אין די ברייטע אַרבל פון דער שאַבעסדיקער געווענטענער קאַפּאָטע.

נאָר אָט איז געקומען די מינוט פונעם עקזאַמען. דאָס באַר-מיצווע-באָכערל האָט זיך באַדאַרפט אַוועקשטעלן און אַרויסבאַווייזן דעם אוילעם וואָס ער קען,—האָט מיטאַמאָל דער רעבע רודערמאַן אופגעכאַפּט זיך; זיַין פּליִיצע האָט מיטאַמאָל אויסגעגלייכט זיך; די גערדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך אופגעהויבן און זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן, איינגעזויגן אינעם טאַלמיד, און זיַין גראָבער פינגער האָט מיט א קוועטש, ווי דאָס שטעקעלע פונעם דיריזשאָר, אונטערגעזאָגט דעם טאַלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

און דער טאַלמיד, דער באַרמיצווע הייסט עס, איז טכ'לעס שיר ניט אונגעפאַלן פאַר שרעק, געפילט א מאָדנע טרוקנקייט אין מויל און א שווינדל אין די אויגן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער גייט אָפּ אַיַין. אָט-אָט צעשפּאַלט זיך דאָס איַיז, און טראַך — ער טוט א פאַל מיטן גאַנצן אוילעם. נאָר וואָס ווייטער-ווייטער, איז ער, אונטער דעם רעבנס קוק און אונטער דעם רעבנס קוועטש מיטן גראָבן פינגער, געוואָרן בא זיך שטאַרקער און שטאַרקער, און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי אָפּ אַן אייַזערנער בריק, און ער האָט דערפילט א וואַרעמקייט אין אַלע אייוורים, און עס איז אוועק בא אים, ווי א מיזמער.

האַלטנדיק אינמיטן דער אַרבעט און דרייענדיק מיטן פינגער נאָכן רעבנס גראָבן פינגער, האָט דער באַרמיצווע פונדעסטוועגן גוט

[1] צווישן די געקומענע.

געקוקט אפן אוילעם, געזען דעם אויסדרוק פון אלע פּנעמער, ניט דורכגעלאָזט קיינעם. אָט איז יִיצחאָק-וויגדער, וואָס דירט מיט די פּלייצעס און קוקט מיט די גאָזלאָנישע אויגן. אָט איז דער אַלטער יעשיִע סריבנע — מע זאָגט, ער איז שוין א בען-מייע, אלט הונדערט יאָר. די צונג איז בא אים אין מויל ווי א גלעקל, מאכמעס קיין ציין האָט ער שוין ניט. אָט איז זײַן זון בערקע, שוין אויך געגוג אלט, די אויגן האלט ער צו און דעם קאָפּ אפ דער זײַט. אָט איז אָשער ניידיס, וואָס אלע רופן אים דער „פּעטער אָשער״—טאַקע א פּעטער, א ברייטער, א גראָבער. די זײַדענע קאַפּאָטע אפ אים שפּאַלט זיך און אליין איז ער גרויס ווי א טויב. און אָט איז יאָסיע פּרוכשטיין מיט די גרויסע ארײַנגעשטעלטע ציין, מיט די גלאַנצנדע ברילן אין מיטן שיטערן בערדל—אַן אפּיקוירעס א ייִד, וואָס שפּילט מיט נאָכעם ראבינאָוויטשן אין שאָך און לייענט אזעל-כע ביכלעך, ווי „מיסטעריי פּאַריז״, „שווילליי אוילאָם״ און נאָך אזעלכע זאכן. נעבן יאָסיען שטייט זײַן ייִנגערער ברודער, מיכאָעל פּרוכשטיין, א יונגערמאַן א כאָכעם, א מאַמזער, וואָס לייקנט אָפּ אלצדינג, הייסט דער שיקסע פּאַרלעשן דאָס ליכט אום שאַבעס און האלט שטאַרק פון אזעלכע ייִדן, ווי מוישע בערגער און בעני קאַנאַ-ווער, וואָס אלע ווייסן, אז אין דער יוגנט האָבן זיי אַמאָל פּאַר-קוקט אין א זײַט, בײַס דער שערער האָט זיי צורעכט געמאַכט די בערדלעך... ייִסראָעל בענדיצקי איז אויך געווען בעסויך האַבאָיִם. אַמאָל האָט מען אים גערופן ייִסראָעל דער קלעזמער, נאָר איצט האָט ער שוין געהאט אַן אייגענע שטוב, א שטאָט אין מיזרעך, א באָרד האָט ער זיך צעקעמט א ברייטע, א שווארצע, א גלענצנדיקע, און כאָטש ער זאָגט זיך ניט אָפּ איצט אויך פון צו שפּילן אפ א געהויבענער כאַסענע, נאָר פונדעסטוועגן וועט אים קיינער ניט רופן קלעזמער, אפילע הינטער די אויגן. און ער איז טאַקע א שיינער ייִד, פירט זיך מײַסע-באַלעבאָס. אז ער לאַכט, לאַכט ער מיט אלע ציין, קליינע, שיטערע, ווײַסע ציין. אפילע רעפאָעל דעם שאַמעס מיטן אייגל האָט דער באַרמיצווע ניט דורכגעלאָזט. רעפאָעל איז געשטאַנען האַלב אײַנגעבויגן און אינגאַנצן ארײַנגעטאָן אין דעם, וואָס דער באַרמיצווע האָט געדאַרשעט, און עס האָט זיך אויסגעוויזן נאָך זײַן דאַרן פּאָנעם און אויסגעבויגענער נאָז, אז אָט-אָט טוט ער א פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש און רופט אויס מיט זײַן שאַבעסדיקן נוסעך: „צע-ען גיל-דוין אום קויהען!״...

אלעמענ אונ אלצ האָט דער בארמיצווע באמערקט. אונ אלע פענעמער האָבנ אויסגעזענ יאָמטעוודיק. נאָר יאָמטעוודיקער פונ אלע איז געווענ דעמ פעטער פיניעס פּאָנעמ. געזעסנ גאנצ אויבנאָנ, נעבנ בארמיצוועס פּאָטער, אינ זיינ שאבעסדיקער זיידענער קאפּאָטע, מיט א ברייטנ זיידענעמ גארטל, מיט א בלוי סאמעטנ היטל אפנ קאָפּ, האָט דער פעטער פיניע געקוקט אפנ בארמיצווע פונ אונטנ ארופ, געשמייכלט זיכ אינ באָרד אריינ, ווי איינער רעדט: „מיילע, קענענ קענ ער, דער יימאכשמויניק — דאָס זעט מענ... נאָר צי דאוונט ער אָבער אלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגל-וואסער? צי לייענט ער קריִ-שמע פארנ שלאָפּ? צי טראָגט ער ניט אומ שאבעס? — דאָס איז באַ מיר א גרויסער סאָפעק!”...

דערפאר איז אָבער דער פּאָטער פונעמ בארמיצווע געווענ — אימ ניט אינ פּאָנעמ אריינצוקוקנ. עס איז געווענ צו זענ, אז קיינ מער גליקלעכער מענטש, ווי ער, איז אפ דער וועלט ניטאָ. דעמ קאָפּ האָט ער געהאלטנ ארופ, די ליפּנ האָבנ זיכ אימ גערירט, נאָכגע-גאנגענ טריט באַ טריט דעמ זונ, געקוקט אפנ אוילעמ, אפנ ברו-דער פיניע, אפנ רעבנ רודערמאנ, אפנ בארמיצווע אליינ אונ אפּ דער מאמע פונעמ בארמיצווע.

אונ די מאמע, די קליינינטשקע כייע-עסטער, איז געשטאנענ גאָר אומבאמערקט, מיט דערעכערעצ, באַ דער זייט, צווישנ די איבעריקע ווייבער, אינ דער שאבעסדיקער זיידענער פאטשיילע, א פארגאפטע, שטילערהייט, זיפצנדיק, זיכ אויסגעקנאקט אלע פינגער, אונ צוויי בלישטשענדיקע טרערנ, ווי צוויי ברילִיאנטנ, האָבנ זיכ געקייקלט אונ אָפּגעשיינט קעגנ דער זונ אפ איר גליקלעכ, יונג, ווייס, נאָר שוינ געקנייטשט פּאָנעמ.

וואָס זיינענ דאָס געווענ פאר טרערנ? טרערנ פונ פרייד? פונ טייַנעג? פונ גאדלעס? פונ דער שלעכטער צייט? אָדער עפשער האָט א מאמעס הארצ איינגערויכט איר א סאָד אפנ אויער, אז אָט דאָס בארמיצווע-באָכערל, וואָס קלינגט איצט אזוי שיינ, וועט איבגיכנ, גאָר איבגיכנ, זאָגנ קאדעש נאָכ איר נעשאָמע?..

ווער ווייסט, וואָס א מאמע קאָנ וויינענ?

צווייטער טייל

32

דער „באָכער“

זײַנע ברודער הערשל ווערט א כאָסנ. — דאָס פאַרהערעניש מיט א סופליאָר. — א טפילנ־זעקל, א זייגער אונ א קאלע.

— אצינד ביסטו שוינ, מיט גאָטס הילפ, א באָכער. אויס יינגל, אויס שייגעץ, אויס קונדעס. צײַט ווערנ א מענטש אונ אנ ערלע־כער ייד, וואָרעמ די צײַט שטייט ניט: אָט־אָט, אָקאָרשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו א כאָסנ...

דאָס איז געווענ דאָס ביסל מוסער, וואָס מע האָט ארײַנגערעדט דעמ בארמיצווע אפ מאָרגנ נאָכ דעמ פײַערלעכנ שאבעס, אונ דער רעבע האָט אימ געהאָלפנ אָנטאָנ די טפילנ. ער האָט אימ אײַנגע־קרעמפעוועט דעמ „שעל־יאד“ אפ דער לינקער האנט, אז די פינגער האָבנ זיכ אָנגעגאָסנ אונ געוואָרנ בלוי, אונ דער גרויסער „שעל־ראָש“ האָט זיכ אלע מינוט אראָפגערוקט צווישנ די אויגנ, אָדער אראָפגעפאָרנ א ביסל אפ א זײַט, יעדנפאלס שטארק כיישעק געהאט אראָפגליטשנ זיכ אראָפ. דעמ בארמיצווע האָט געקאָסט גענוג מי אײַנצו־האלטנ גלײַכגעוויכט, ניט געקאָנט זיכ א ריר טאָנ פרײַ אונ אפילע א קוק צו טאָנ אפ די ווײַסע־כעוורעניקעס, וואָס האָבנ מיט נײַגע־ריקײַט ארומגערינגלט דעמ בארמיצווע, זענ, ווי ער דאוונט צומ ערשטנ מאָל אינ טפילנ. אונ מע דארפ דעמ עמעס זאָגנ, אז ווענ ניט זיי, אָט די ווײַסע־כעוורעניקעס, וואָלט דער בארמיצווע איצטיקס מאָל געדאוונט מיט הארצ, מיט קאוואָנע אונ מיט ליבשאפט. עס איז אימ געפעלנ די צערעמאָניע פונ טפילנ־לייגנ; עס איז אימ געפעלנ די טײַטש פונ די ווערטער „ווערײראסטיכ“ [1]; עס איז אימ גע־

---

1 איכ וועל דיכ פארקנאסנ; א טפילע באמ אָנטאָנ די טפילנ.

פֿילנ געוואָרנ דער מעכײַעדיקער יוכטנ-רייעכ פֿונ די פֿרישע, נאָרוואָס אויס-געמאַכטע רעצועס[1]; עס איז אימ געפֿעלנ, וואָס מע זאָגט אימ, אַז ער איז שוינ א בחור; עס איז אימ געפֿעלנ, וואָס מע איז אימ מצ-צאַרעפֿ צו א מיניענ[2]. די מעשמאָעס, אַז ער איז שוינ א ייִד גלײַכ מיט אַלע ייִדנ, א מענטש גלײַכ מיט אַלע מענטשנ. אַפֿילע רעפֿאָעל דער שאַמעס מיטנ אײגל קוקט אַפֿ אימ שוינ גאָר אַנדערש, מיט פֿאַרבאָרגענעמ דערעכערעצ. פֿונ די כאַווײרימ שמועסט מענ ניט, אַז זיי זײַנענ אימ מעקאַנע, וואָרעמ ער געדענקט, אַז ער אַלײנ האָט אַמאָל מעקאַנע געווענ זײַנע עלטערנ ברודער הערשל צו זײַנ באַר-מיצווע. אונ ניט אַזוי אַפֿ דער באַרמיצווע, ווי אַפֿ דעמ, וואָס באַלד נאָכ דער באַרמיצווע איז זײַנ ברודער געוואָרנ א כאָסנ, אונ די קאַלע האָט אימ געשענקט אַנ אויסגענייט טפֿילנ-זעקל, אונ דער מעכוטנ — א זילבערנעמ זייגער. בײדע פֿאַקטנ, דאָס הייסט, ווי אַזוי זײַנ ברודער הערשל איז א כאָסנ געוואָרנ אונ וואָס ס׳איז געוואָרנ פֿונ עמ מעכוטנס מאַטאָנע, פֿונעמ זייגער, דאַרפֿנ באַשריבנ ווערנ כאָטש אײנקורצנ.

הערשל איז געווענ א באַרמיצווע-ייִנגל א זיקאָווער, א שײנער, אונ א טשעפּקע באָכערל, דאָס ווײסט. ער האָט ליב געהאַט גײנ רײנ אָנגעטאָנ; נאָר קײנ קאָפּ צומ לערנענ האָט ער ניט געהאַט, אונ קײנ גרויסער וועלער איז ער אויכ ניט געווענ. פֿונדעסטוועגנ, א טאַטנס א קינד, נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס א זונדל — מע האָט אימ גערעדט די פֿײַנסטע שידוכימ, אונ ס׳איז געקומענ צו פֿאָרנ א שיי-נער ייִד מיט א שוואַרצער באָרד, א מעכוטנ פֿונ וואַכילקאָוו, ניט אַלײנ, נאָר מיט א פֿאַרהערער, א יונגערמאַנטשיק מיט א געל בערדל, א געראָטענער, א קענער, א באַל-טאַנאַכ אונ א באַל-לאָשנ-קוידעש, נאָר א ביסל א נודניק, אַנ אײַנגעגעסענער, האָט ליב אַרײַנקריכנ יענעמ אינ די בײנער. צומ-אַלעמ-ערשטנ האָט דער פֿיר-הערער גענומענ אַרויסבאַווײַזנ פֿאַר די מעכוטאָנימ, וואָס ער קענ. צוליב דעמ האָט ער זיכ א נעמ געגעבנ צומ כאָסנס רעבנ, אַרײַנ-געלאָזט זיכ מיט אימ אינ א לאַנגנ דיספּוט וועגנ דיקדעק. וואָס דער

1 די רימענדלעכ, מיט וועלכע מע פֿאַרפֿעסטיקט די טפֿילנ אַפֿ דער האַנט אונ אַפֿ דעמ קאָפּ.

2 מע רעכנט אימ פֿאַר א גלײַכבאַרעכטיקטנ צווישנ די דאַוונער.

רעבע האָט געזאָגט, האָט ער געזאָגט פארקערט. דערנאָך האָט ער א כאַפּ געגעבן דעם רעבן, דער רעבע זאָל אים זאָגן, פונוואָס שטייט אין קוהעלעס[1] „זוהי מאָוועס יאוויש“, מיט א לאָשן-יאָכיר[2], און נית „יאווישור“, מיט א לאָשן-ראבים[3]? דערויף האָט אים דער רעבע געענטפערט: לעמיי שטייט אין קויהעלעס טאקע „אוזכויר עס בוירעכאָ“ מיט א לאָשן-ראבים, נית „אוזכויר עז בויראכאָ“, מיט א לאָשן-יאָכיד? דערנאָך האָט ער א כאַפּ געגעבן דעם רעבן גאָר מיט האצאד: „זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ווו שטייט „וואייסהאלכו מיגוי על גוי“?“ דער רעבע איז געוואָרן א ביסל מעטושטעש, א ביסל פארשעמט און געענטפערט: „דאָס איז פונעם דאוונען „הוידו לאדויני קירו בישמוי“... דער יונגערמאן האָט זיך נית בארויקט: „און ווו שטייט „הוידו לאדוינוי קירו בישמוי“?“ דער רעבע איז געוואָרן נאָך מער מעטושטעש און האָט געענטפערט: „דאָס דארף זיין מיסטאמע אין טילים ערגעץ?“... דאָ האָט דער געלער יונגערמאן אויסגעבראָכן א געלעכטער: „האָט קיין פאריבל נית, רעבע, דאָס שטייט נית אין טילים ערגעץ, דאָס שטייט איין מאָל אין טילים, און איין מאָל, נית דאָ געדאכט, נית מאר אייך געדאכט, נית פאר קיין עום יידן געדאכט, אין דיווריי-האיאָמים[4]“...

פארן רעבן איז דאָס געווען א טויט-קלאפּ. טראָפּנס שווייס זיינען אים ארויסגעטראָטן אפן פּנים. ער איז געווען א געהארגע-טער. „דער יונגערמאן איז א דרייער!“ — אזוי האָט ער געזאָגט צו די קינדער און געווישט זיך דעם שווייס מיט דער פּאָלע. — „טאָמער טוט ער א פארהער דעם כאָסן, איז דער כאָסן א פארפאלענער און דער שידעך איז אויס שידעך“... און אזוי ווי אין דעם שידעך איז געווען פארינטערעסירט אויך ער, דער רעבע טאקע, דאָס הייסט, נית אזוי אינעם שידעך, ווי אינעם שאדכאָנעס-געלט, איז ער געפאלן אף אן אייצע און האָט איינגערוימט א סאָד אפן אויער דעם כאָסנס גרודערל, שאָלעמען, אז ער זאָל זיך פארקלייבן הינטער דער ברײ-טער פאנירטער קאנאפּע, און אף דער קאנאפּע האָט ער אוועקגע-זעצט דעם כאָסן. דערנאָך האָבן זיך די מעכוטאָנים אויסגעזעצט

---

1 איינער פון די ביבל-ביכער.

2 איינצאָל.

3 מערצאָל.

4 איינער פון די ביבל-ביכער.

ארומ דעמ האלב-קײַלעכיקנ פאנירטנ טיש מיט די לאפעס, אונ דער געלער יונגערמאנטשיק האָט א נעמ געגעבנ דעמ כאָסנ אפנ צימבל. אינ דער זעלבער צײַט האָט דעמ כאָסנס מאמע געגרייט צומ טיש, געשטעלט לעקעכ אונ בראנפנ, געוועג, אפאָנעמ, זיכער, אז דער עקזאמענ וועט אָפלויפנ גלאט. „אנו, זאָג נאָר, באָכערל, ווו שטייט „לאפיד בוז לעאשטוס שאאנאָנ נאָכוינ לעמויאדיי ראָגעל"?—„אינ איעוו!"—האָט זיכ געלאָזט הערנ פונ הינטער דער פאנירטער קאנאפע ארויס. „אינ איעוו!"—האָט דער כאָסנ געזאָגט, ווי א מאזיק, הויכ אפנ קאָל. „עמעס, אינ איעוו. אצינד ווייסטו ניט, ווו געפינט זיכ ערגעצ אינ טאנאכ נאָכ א וואָרט פונעמ שוירעש „לעאשטוס"?—פרעגט ווײַטער דער געלער פארהערער. „באיוימ האהו אָוודו עשטוי-נויסאָוו", אינ טילימ!"—פישטשעט דער סופליאָר פונ הינטער דער קאנאפע, אונ דער כאָסנ זאָגט אימ נאָכ וואָרט אינ וואָרט. „זײַנענ מיר מיטנ טאנאכ, הייסט דאָס, אזוי גרויס ווי פארטיק.—זאָגט דער פארהערער אונ ווארפט מיט די אויגנ אפנ טיש, ווו די קליינע כײַע-עסטער פאָרעט זיכ באמ לעקעכ אונ אײַנגעמאכטס.—אצינד וועלנ מיר זיכ ארײַנטאָנ א ביסל אינ דיקדעק ארײַנ. וואָס פאר א פויאל[1] איז אָוודו? וואָס פאר א ביניענ[1]? יואָס פאר א גופ[1]? וואָס פאר א מיספער[1]? אונ וואָס פאר א זמאנ[1]?" האָט דער קליינער שאָלעמ ארויסגעקוויטשעט שטילערהייט פונ הינטער דער קאנאפע ארויס, אונ דער כאָסנ האָט אימ נאָכגעזאָגט איטלעכס וואָרט: „אָוודו איז א פויאל אוימייד, א ביניענ קאל, א גופ ניסטער, א מיספער ראבימ אונ א זמאנ אָוואר, אונ עס וועט זײַנ: אָוואדעטי, אָוואדעטאָ, אָוואדעט, אָוואד, אָוודאָ, אָוואדנו, אוואדעטעמ, אוואדעטענ"...

„גענוג, גענוג, גענוג!"—האָט אויסגערופנ דער פארהערער צופרידנ, געריבנ די הענט אונ געקוקט אפנ געגרייטנ טיש, אונ אויסגעדרייט זיכ צומ שײַנענדיקנ מעכוטנ פונ קאלעס צאד, האָט ער א זאָג געגעבנ:—„אײַכ קומט מאזלטאָוו. איר זעט דאָכ, דער יונג איז קלאָר אומעטומ, ווי א וואסער. וועלנ מיר גייִנ, הייסט עס, צובײַסנ?"...

צי עס האָבנ געוווּסט פונ דעמ אָנשטעל טאטע-מאמע אויכ, אָדער דאָס האָבנ אָפגעארבעט נאָר דער רעבע מיטנ כאָסנ אליינ? אונ עפשער האָט דער פארהערער אויכ געוווּסט פונ דעמ פאָקוס?—

---

1 פראגעס וועגנ גראמאטישע פאָרמעס פונ דער העברעישער שפראכ.

דאָס איז שווער צו זאָגנ. יעדנפאַלס, ביידע צדאָדים זיינענ געוועגנ צופרידנ, ביידע האָבנ זיכ כאָלילע ניט אָפּגענאַרט...

אַצינד גייענ מיר אַריבער צו דער געשיכטע מיטנ זייגער. פאַרשטייט זיכ, אַז באַלד נאָכנ פאַרהערנ איז די מאַמע געפאָרנ אָנקוקנ די קאַלע. די קאַלע איז איר געפעלנ — זי איז אַ קלוגע; האָט מענ געפראַוועט אַ קנאַכמאָל, געשריבנ טנאָים און געבראָכנ טעלער, אונ דער מעכותנ האָט געקויפט דעמ כאָסנ אַ מאַטאָנע — אַ זילבערנעמ זייגער. וויפל ס'איז פאַראַנ מינוטנ אינ אַ שאָ, אַזויפיל מאָל האָט דער כאָסנ געקוקט אפנ זייגער. אַ מיצווע האָט מענ פאַרדינט אינעמ כאָסנ, אַז מע האָט אימ געפרעגט, ווי האַלט דער זייגער. אונ דער כאָסנ האָט געהיט דעמ זייגער, ווי דאָס שוואַרצאַפל פונעמ אויג. פאַרנ שלאָפנ גייג האָט ער פאַרנ זייגער קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ. שאַבעס, פאַרנ גייג אינ שול אַרייג, איז ער אַרומגעגאַנגען מיטנ זייגער אינ אַלע שופלאָדנ אונ אינ אַלע קאָמאָדנ; ער האָט אַלצ געציטערט, מע זאָל כאָלילע ניט אַוועקגאַנווענענ דעמ זייגער...

וויַיהי האַיוימ, איינמאָל פאַרגלוסט זיכ דעמ כאָסנ, אַ טשעפּקע באָכערל, אויספוצנ דעמ קאָסטיומ. געטראָגנ האָט מענ דעמלט גוטנ טריקאָ מיט אַ וואָרסע, אונ אַזאַ טריקאָ האָט אַ טעווע — ער נעמט אָפּ זיכ פלעקנ אונ שטויב גאַנצע פודנ. אַ שטעקל האָט דער כאָסנ געטראָגנ אַ יאַמשאָווע, וואָס בייגט זיכ. האָט ער דעמ קאָסטיומ אויפגעהאַנגענ אינ דרויסנ אָפנ גאַנעק אונ מיט דעמ יאַמשאָווע שטעקל גענומענ אויסקלאָפנ דעמ שטויב פונעמ קאָסטיומ, אָבער גוט, וויפל ס'איז נאָר געווענ קויעכ, אונ אַז אינ קעשענע פונעמ קאָסטיומ ליגט דער זייגער — האָט ער אַקוראַט פאַרגעסנ. זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז פונעמ זייגער איז געוואָרנ אַ כורבנ, אַ פּראָשעק פונ שטיקלעכ זילבער, פאַרצעלייי אונ גלאָז אונ אַ סאַכ קליינע רעדעלעכ. אונ דער כאָסנ האָט אויפגעהויבנ זיינ קאָל אונ האָט זיכ צעוויינט. עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ שומ טרייסטנ מיט קיינ שומ צוזאָגעכצנ, אַז מע וועט אימ קויפנ אַנ אַנדער זייגער — עס האָט אויסגעריסנ אַ שטיק האַרצ!

דער באַרמיצווע שאָלעמ האָט געקוקט אָפּ זיכ אויכ, ווי אָפּ אָט אַזאַ מינ באָכער. זיינ אידעאַל איז געווענ אינ יענער צייט דריי זאַכנ: אַ טפילינ־זעקל, ווי בא זיינ ברודער הערשל, אַ זייגער אונ אַ קאַלע. די קאַלע האָט זיכ אימ פאָרגעשטעלט ניט אַנדערש, ווי אינעמ געשטאַלט פונ אַ באַסמאַלקע, איינע פונ יענע יעפייפעס, וואָס זיינ כאַווער שמוליק דער יאָסעמ פלעגט זיכ אָנדערציילנ פונ זיי. זי איז

אים געווען אזוי קלאָר, אז ער האָט זי געזען אָפט אין כאָלעם, און איינמאָל, באלד נאָך דער בארמיצווע, האָט ער זי געזען זיך דער וואָר און — ער האָט זיך פארליבט אין איר, ווי עס ווערט באשריבן אָט דאָ באלד אין א באזונדער קאפיטל.

33

די ערשטע ליבע

ראָזע בערנער די שולאמיס[1] פון שיר-האשירים. — כאַים פרוכ־שטיין — א געפערלעכער קאָנקורענט. — סקריפענדיקע שטיוולען און פראנצויזיש. — פידל־שפילן. — זיסע כאלוימעס.

ווען זיי זאָלן ניט געווען זיך באגעגענען דערנאָך אין לעבן א סאך מאָל, וואָלט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראפיע זיכער געמיינט, אז די, וועלכע האָט אים צו פערצן יאָר געפלעפט, איז געווען נאָר א דימיען, א פאנטאזיע, א כאָלעם. געהייסן האָט זי ראָזע, און ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען, זי זאָל גיין אליין. שטענדיק מיט א כאליאסטרע „קאווא ערן", זי פיינסטע יידישע באָ־כערים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָט, און אמאָל אויך קריסטן, אָפיצערן. א רוסישער אָפיצער זאָל שפאצירן מיט א יידיש מיידל — דאָס אליין איז געווען אזא סענסאציע, וואָס די שטאָט האָט מיט דעם געקאָכט. און ניט א יעדעס מיידל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און ניט א יעדן מיידל וואָלט דאָס די שטאָט מויכל געווען. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איר קאָן מען דאָס מויכל זיין, וואָרעם זי איז ראָזע, וואָרעם זי איז די איינציקע אין שטאָט, וואָס שפּילט פיאנע, די איינציקע אין שטאָט, וואָס רעדט פראנצויזיש, און רעדט הויך, און לאכט הויך — א קליינִיקייט ראָזע? און דערצו איז זי א טאטנס א קינד. איר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פאָרנעמ־סטע יידן אין שטאָט, א ייד אן אריסטאָקראט. אין דער יוגנט, זאָגט מען, איז ער געווען א גאָלעכ. איצט איז ער שוין אלט און גרוי, האָט ער זיך פארלאָזט א באָרד, טראָגט ברילן, האָט קישע־לעך אונטער די אויגן. די אייגענע קישעלעך אונטער די אויגן האָט געיארשנט פון אים זיין טעכטערל ראָזע, און זיי פאסן זיך איר

1 די העלדן פון ביבלישן בוך „שיר־האשירים".

אזוי צו אירע שיינע בלויע אויגן, און צו אירע זײַדענע אויסגע-בויגענע ברעמען, און צו איר יידיש-גריכיש נעזל, און צו איר קלאָר-ווײַס געזיכט, און צו איר קליינער, נאָר מאיעסטעטיש גרויסאר-טיקער פיגור, וועלכע האָט געפּלעפט דאָס הארץ פונעם ציקאווע פארכאָלעמטן כיידער-יינגל שאָלעם נאָכעם וועוויקס, וואָס האָט זיך דורך איין קוק פון אירע שיינע שולאמיס-אויגן פארליבט אין דער דאָזיקער שולאמיס מיטן הייליקן פײַער פון אן אומשולדיק בארמיצווע-יינגל.

יאָ, שולאמיס. נאָר די שולאמיס, וואָס אין שיר-האשירים, פארמאָגט אזעלכע שיינע געטלעכע אויגן. נאָר די שולאמיס, וואָס אין שיר-האשירים, קען אזוי זיך-ליבלעך און שטרענג-טיף ארײַנדרינגען אײַך אין דער נעשאָמע ארײַן, ווען זי קוקט אף אײַך. און א קוק געגעבן האָט זי אף שאָלעמען, קאָן איך אײַך אָרעוו זײַן, מער ניט אז איין מאָל, און אז א סאך — איז צוויי מאָל. אויך דאָס — פארבײַגייענדיק אין גאס שאבעס באטאָג מיט א גאנצער כאליאסטרע „קאַוואַלערן", צווישן וועלכע ס'איז געווען איינער א גליקלעכער מיטן נאָמען כאים פרוכשטיין. כאים איז יאָסיע פרוכשטיינס א זונדל, א בעניאָכיד, א קורצפיסיקער, זייער א קורצפיסיקער, נאָר מיט א לאַנגער נאָז, און אף דער נאָז — רויטע ווײַמפערלעך, און ציינ גרויסע, מוידעדיק גרויסע. נאָר אָנגעטאָן איז ער, ווי דער גרעסטער פראנט. שטיוולען לאַקירטע און סקריפּענדיקע אף הייכן, זייער הויכע אָפּצאַסן — ביכדיי ער זאָל אויסזען העכער. א זשילעט א ווײַסע, ווי געבאלענער שניי. די האָר פארקעמט מיט א שרונט אקוראט אינמיטן און שטענדיק אָנגעשמירט מיט שמעקנדיקע פארפומען, וואָס לאָזן זיך הערן אף א מײַל. אָט דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער פון אלע ראַזעס קאַוואַלערן, און אים האָט די שטאָט געקרוינט פאר איר כאָסן. דערפאר געקרוינט, ווײַל ער איז יאָסיע פרוכשטיינס זון, און יאָסיע פרוכשטיין איז א נאַגיד, און א נאַגיד מיט א נאָגיד זײַנען גלײַכע מעכוטאָנים. און אויסער דעם, איז ער דער איינציקער באָכער אין פערעיאסלאוו, וואָס רעדט פראנצויזיש; ער רעדט פראנצויזיש און זי רעדט פראנצויזיש — קאָן דען זײַן נאָך מער גלײַך, ווי דער דאָזיקער שידעך? און נאָך א זאך: זי שפילט פיאַנע און ער שפילט פידל, און אז די ביידע שפילן, מעג מען פארזעצן וואָס מע האָט און מע קאָן שטיין א גאנצע נאכט אונטערן פענצטער און הארכן. שאָלעם איז געשטאנען ניט איין מאָל בײַ ראָזען אונטערן

אָפּענעמ פּענצטער זומער פאַרנאַכט אינ דרויסנ אונ צוגעהערט זיכ צו די זיסע הימלשע טענער, וואָס די שיינע ראָזע האָט מיט אירע שיינע פינגער ארויסגעצויגנ פונ דער גרויסער שווארצער גלאַנצנדיקער פּיאַנע מיט די ווײַסע ביינדלעכ, אונ צו די זיסע הימלשע געזאַנגענ, וואָס דער קורצפּיסיקער כאַימ פּרוכשטיינ האָט ארויסגעריסנ פונ די דינע כטרונעס פונ זײַנ קליינ בײַכיק פּידעלע—אונ אכ! וואָס ער האָט איבערגעלעבט אינ די מינוטנ! ער האָט געשעפּט טײַנעג אונ געערגערט זיכ, געבענטשט אונ געשאָלטנ צו גלײַכער צײַט. געשעפּט טײַנעג פונ דער שיינער זעלטענער הימלשער מוזיק, אונ געערגערט זיכ, וואָס ניט ער שפּילט דאָס מיט ראָזענ, נאָר אנ אנדערער. געבענטשט האָט ער די הענט, וואָס ציִענ ארויס אזעלכע זיסע הימלשע טענער מיט אזעלכע זיסע מאַלאָכימשע געזאַנגענ פונ טויטע אינסטרומענטנ, אונ געשאָלטנ דעמ טאָג, וואָס ער איז געבוירנ געוואָרנ בא נאָכעמ ראַבינאָוויטש, ניט בא יאָסיע פּרוכשטיינ, אונ וואָס כאַימ פּרוכשטיינ איז א נאָגידס א זונ, אונ ער, שאָלעמ, איז נעבעכ אפ גרויסע צאָרעס! ניט נאָר קאָנ ער ניט אויספירנ בא זײַנ טאַטע-מאַמע לאַקירטע שטיוולעטנ מיט סקריפּקעס אונ אפ הויכע אָפּצאַסנ — זײַנע שטיוועלעכ, וואָס ער טראָגט, זײַנענ אָפּגעפּאָרנ, די אָפּצאַסנ אויסגעדרייט, די פּאָדעשוועס אָפּגעריבנ. אונ אז ער זאָל זאָגנ, ער וויל לאַקירטע שטיוולעטנ, וועט מענ אימ פרעגנ: אפ וואָס? אונ אז ער זאָל זאָגנ, אז ער וויל, זײַנע שטיוועלעכ זאָלנ סקריפּענ, וועט ער קריגנ פּעטש...

אכ, ווי גוט עס וואָלט געווענ, ווענ ער האָט אנ אויצער! אָט א יענעמ אויצער, וואָס זײַנ וואָראָנקאָווער כאַווער שמוליק דער יאָסעמ פלעגט אימ דערציילנ וועגנ דעמ אזויפיל שיינע מײַסעס. נאָר בלאָטע! ס'איז ניטאָ קיינ אויצער. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער אימ צו געפינענ—ער ליגט זייער טיפ פארבאָרגנ. אונ אז מע געפינט אימ שוינ—אנטלויפט ער אונ באַהאַלט זיכ נאָכ טיפער... אונ דער אומגליקלעכער שאָלעמ האָט פארשאָלטנ דעמ טאָג, לעמײַ ער איז געבוירנ געוואָרנ בא די מעיוכאָסימ, בא די ראַבינאָוויטשעס, ניט בא די פּרוכשטיינס. אונ ער האָט פײַנט געקריגנ מער פונ אלעמענ אָט דעמ קורצפּיסיקנ כאַימ פּרוכשטייג מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווײַמפּערלעכ, פײַנט געקריגנ בעטאַכלעס האַסיגע[1] — דערפאַר,

1 מיט דער גרעסטער פײַנטשאַפט.

וואָס גאָט האָט אים, דעמ קורצפּיסיקנ כאַיִמ, געבענטשט מיט אַלע דרײַ גוטע זאַכנ: מיט סקריפּענדיקע שטיוולעטנ, מיט רײדנ פראַנצויזיש און מיט שפּילנ פּידל.

און דער אומגליקלעכער שאָלעמ האָט זיכ דאָס וואָרט געגעבנ און געשוואָרנ זיכ באַ דער לעוואָנע און באַ די שטערנ דאָ אינ דרויסנ, און באַ די זיסע הימלשע טענער און באַ די זיסע מאַלאָכימשע געזאַנגענ, וואָס גיסנ זיכ פונ דאָרטנ, פונ אינווייניק, אַז פונ הײַנט אָנ און ווײַטער וועט ער זיכ אויסלערנענ שפּילנ אפנ פּידל, אַזוי ווי דער גליקלעכער כאַיִמ פּרוכשטיינ, און אַז ער וועט מיט זײַנ פּידל-שפּילנ פאַרשטעקנ אינ גאַרטל צענ אַזעלכע, ווי כאַיִמ פּרוכשטיינ, און רײדנ פראַנצויזיש וועט ער זיכ אויסלערנענ, אַזוי ווי כאַיִמ פּרוכשטיינ, און ער וועט מיט גאָטס הילפ זיכ אויסגלײַכנ מיט כאַיִמ פּרוכשטיינ, און ער וועט אים נאָכ עפּשער אַריבעריאָגנ— און דעמלט ערשט וועט ער קומענ צו איר, צו ראָזענ, גלײַכ אַהיימ, און ער וועט איר זאָגנ מיטנ לאָשנ פונ שיר-האַשירימ: „שווי שווי האַשולאַמיס — קער זיכ אויס צו מיר, שולאַמיס, מיטנ פּאָנעמ אפ אײַנ ווײַלע און הער זיכ אײַנ, וויאַזוי איכ שפּיל אפנ פּידל!“ און ער וועט געבנ אַ פיר מיטנ סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולאַמיס-ראָזע וועט דאָס דערהערנ, וועט זי שטוינענ, און זי וועט אים פרעגנ: „פונוואַנענ?“—וועט ער איר ענטפערנ: „פונ זיכ אַליינ“. און כאַיִמ פּרוכשטיינ וועט שטיינ פונ דער זײַט און וועט גאַפנ און וועט אים, שאָלעמענ, מעקאַנע זײַנ — וועט ער צוגיינ און וועט וועלנ זאָגנ ראָזענ עפּעס אפ פראַנצויזיש, וועט שאָלעמ זיכ אַרײַנמישנ אינמיטנ, אים איבעררהאַקנ און וועט צו אים זאָגנ אויכ אפ פראַנצויזיש: „היט זיכ, רעב כאַיִמ, מיט אײַער לאָשנ, וואָרעמ איכ פאַרשטיי איטלעכס וואָרט!“ וועט ער נאָכ מער גאַפנ, און שולאַמיס-ראָזע וועט אַ פרעג טאָנ באַ שאָלעמענ: „דו רעדסט פראַנצויזיש אויכ? פונוואַנענ?“— וועט איר שאָלעמ זאָגנ: „פונ זיכ אַליינ“. דעמלט וועט שולאַמיס-ראָזע אופשטיינ און וועט נעמענ שאָלעמענ פאַר אַ האַנט און וועט אים זאָגנ: „קומ“. וועלנ זיי גיינ אינצווייענ, ער מיט ראָזענ, אפנ שפּאַציר איבער די פּערעיאַסלאַווער „פּעשעכאָדנ“ און וועלנ רײדנביידע אפ פראַנצויזיש, און די גאַנצע כאַליאַסטרע קאַוואַלערנ, און דער קורצפּיסיקער כאַיִמ פּרוכשטיינ בעסויכאָמ, וועלנ זיי נאָכגיינ פונ הינטנ, און די גאַנצע שטאָט וועט טײַטלענ מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקלעכע פּאָרל?“ וועט מענ זיי ענטפערנ:

„איר ווייסט נית, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָכ ראָזע מיט איר איסדערווײלטן!" „ווער זשע איז איר אויסדערווײלטער?" „איר אויסדערווײלטער — דאָס איז דאָכ דער וואָראָנקאָווער באַל-טאַניכ און קיס-ווערגבע שאָלעם נאָכעמ וועוויקס, שאָלעם ראַבינאָוויטש"... און שאָלעמ הערט דאָס אַלצדינג. נאָר ער מאַכט זיכ ווי ער הערט נית, און ער גייט ווייטער און ווייטער, האַנט בא האַנט, מיט דער שיינער ראָזען, און ער זעט אירע שיינע בלויע אויגנ, ווי זיי קוקנ אָפּ אויפ אים און לאַכנ. און ער פילט איר קליינ וואַרעמ הענטל אינ זײַנ האַנט, און ער הערט, ווי דאָס האַרצ בא אימ קלאַפּט: טיק-טאַק, טיק-טאַק. און די שטיוועלעכ אינטער אימ האָבנ ווי פינ זיכ אַליינ אָנגעהויבנ צו ריידנ: „סקריפּ-סקריפּ, סקריפּ-סקריפּ". און דאָס איז שוינ א וווּנדער פאַר אימ אַליינ. מיילע, פידל-שפּילנ און פראַנצויזיש ריידנ — דאָס האָט ער זיכ אויסגעלערנט. אַזוי לאַנג געהערעוועט, ביז ער קענ. אָבער די שטיוועלעכ — פונוואַנענ האָבנ זיי געכאַפּט דעמ סקריפּ? אויכ פונ זיכ אַליינ? אָדער עפּשער ווײַזט זיכ אימ אויכ? און ער קווּטשעט-קוועטשט מיט ביידע פיס, שטאַרק-שטאַרק, און ער כאַפּט א שטורכ פונ זײַנ עלטערנ ברודער, מיט וועלכנ ער שלאָפט אינ איינ בעט: „וואָס דריגסטו מיט די פיס, ווי א לאָשעקל?" און ער כאַפּט זיכ אויפ — נית שוינ זשע איז דאָס געווענ נאָר א כאָלעמ?.. און ער הערט נית אויפ צו טראַכטנ פונעמ דאָזיקנ כאָלעמ. און ער הערט נית אויפ צו כאָלעמענ אויפ דער וואָר. און עס גיסנ זיכ צונויפ בא אימ דער כאָלעמ מיט דער וואָר, די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקלעכקייט... און עס ציט זיכ אַזוי — ער ווייסט נית וויפל צײַט, ביז עס קומט א גאַסט קיינ פּערעיאַסלאַוו, א שרעקלעכער גאַסט, אַנ אונטערגאַנג, אַנ עפּידעמיע. ווי א הוראַגאַנ וואַלגערט ער אומ אַלצדינג מיטנ פּאָנעמ אַראָפּ און מאַכט אַנ איבערקערעניש, א כורבנ אינ א כאַכ הײַזער, און אויכ בא נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ אינ שטוב. און עס ווערט פאַרשווּנדנ די שיינע שולאַמיס-ראָזע און זײַנ ליבע צו דער שיינער שולאַמיס-ראָזע, ווי א כאָלעמ, ווי א פאַנטאַזיע, ווי א נעכטיקער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווענ די כאָלערע.

34

די כאָלירע

די עפּידעמיע. — די רײַבערס. — די באָבע מינדע קאָמאַנדירעוועט — זי רײַסט קוואָרים, זוכט זכוס־אָוועס, אַרבעט ניט די דאָקטוירים. — דער מאַמעס טויט. — דער פעטער פיניע לאָזט ניט וויינען — ס'איז שאַבעס.

אָנגעהויבן האָט זיך עס טאַקע זומער, באַלד נאָך פּייסעך, אַזוי ווי אַף קאַטאָוועסן; נאָר שפּעטער־צו, אַרום נאָך־שוועס, אַז ס'זײַנען אָפּגעקומען אויבסטן און גרינע אַגרעקן זײַנען געוואָרן וואָלוול, בעכאַצע־כינעם, האָט זיך עס צעשפּילט ווי אַף אַפּדערעמעסן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אַלץ אָפטער און אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג“, „עפּידעמיע“ און „כאָלירע“. באַם וואָרט „כאָלירע“, אַז ס'איז אַרויסגערעדט געוואָרן, איז דאָס אַנדערש ניט אַרויסגערעדט געוואָרן נאָר מיט אַ שפּײַ אויס דערבײַ, און ס'איז גע־פאַלן אַ מורע, אַ פּאַכעד אַף דער שטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאַכעד איז געפאַלן נאָר אַף די גרויסע, אַף די עלטערע. פאַר קלייניוואַרג איז דאָס, אַדעראַבע, געווען אַ שטיקל יאָנטעוו. מע האָט אָנגעהויבן אַכטונג געבן אַף זייער עסן און אַף זייער טרינקען, טאַפּן זיי אַלע אינדערפרי און אַפּדערנאַכט באַ די קעפּלעך, זיך געהייסן באַווײַזן די צונג, און סאָפּקאָלסאָף — צעלאָזט די כאַדאָרים, ביז גאָט וועט העלפן. דער אונטערגאַנג וועט אַוועק אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט אַזוי גיך געוואָלט אַוועק, און די כאָלירע האָט געבו־שעוועט אַף וואָס די וועלט שטייט.

די שטאָט האָט אָבער אויך ניט געשוויגן, געטאָן אַלצדינג, און קוידעמקאָל זיך אַ נעם געגעבן צום „רײַבן“. גיך און געשווינד איז באַשאַפן געוואָרן אַ כעווורע „רײַבערס“. זייער אַוודע איז געווען — קוים איז עמעצן געוואָרן „ניט־גוט“, איז מען געקומען צו אים, אַוועקגעלייגט און „גערײַבן“. אַ סך מענטשן האָט מען כאָטשע ביט זט דעם רײַבן אָפּגעראַטעוועט. צווישן די כעווורע „רײַבערס“ האָבן זיך פאַרשריבן די פײַנסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. די שטאָט גופע איז אײַנגעטיילט געוואָרן אין „אוטשאַסטקעס“, אַף יעדן „אוטשאַס־טאָק“ — באַזונדערע „רײַבערס“. דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט אַף זיי געקוקט מיט גרויס דערעכערעץ און מיט פאַרוווּנדערונג, ווי

אַף עמעסע העלדן, גיבורים. עס איז געווען צו זען, אַז זיי האָבן קיין ברעקל מורא ניט, ניט פאַר דער כאָליערע, ניט פאַרן טויט. איינס דאָס אַנדערע האָבן זיי זיך געשטאַרקט, גערעדט מיט אַ שמייכל, געטרונקען לעכאַיִם און געווינטשעוועט, „דער אייבערשטער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און די עפּידעמיע זאָל געשטילט ווערן"...

פאַרשטייט זיך, אַז די ראַבינאָוויטשעס זײַנען אויך געווען צווישן די „רײַבערס". יעדן אָפּדערנאַכט, געקומען פון זײַן „אוטשאַסטאָק", האָט נאָכעם ראַבינאָוויטש געהאַט צו דערציילן נײַס און נײַס: וויפל מאָל און וועמען מע האָט הײַנטיקן טאָג „גערייבן", וועמען מע האָט „אָפּגעריבן" און וועמען ניט. אַלע זײַנען געשטאַנען אַרום אים און געקוקט מיט דערעכערעץ און אויסגעהערט מיט נײַגעריקײַט און מיט שרעק די דאָזיקע נײַס. די קליינינקע כײַע־עסטער האָט געבראָכן די פינגער, און, קוקנדיק אַף איר כאַליאַסטרע קינדער, האָט זי אַ זאָג געגעבן פאַרבײַגייענדיק: „ער זאָל כאָטש ניט פאַרשלעפּן, כאָליע, די כאָליערע אין שטוב אַרײַן". דערויף האָט איר נאָכעם אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז „די כאָליערע איז ניט אַזאַ קרענק, וואָס מע פאַרשלעפּט זי; וועמען ס'איז באַשערט, טרעפט זי אים אין דער היים"...

אַפּאָנעם, אַז דער קליינינשקער כײַע־עסטער איז עס באַשערט געווען. איינמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט דערציילט פאַר דער שוויגער, פאַר דער באָבע מינדע, וואָס פאַר אַ מאָדנער כאָלעם ס'האָט זיך איר געכאָלעמט. ס'האָט זיך איר געכאָלעמט, אַז ס'איז פרײַטיקצונאַכטס און זי בענטשט ליכט. פּלוצעם קומט צו גיין פרומע־סאָרע טריבנישקע, די, וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבן פון דער עפּידעמיע, און נעמט און טוט אַ בלאָז — פו! — און פאַרלעשט איר די בענטשליכט... אויסגעהערט דעם מאָדנעם כאָלעם, האָט די באָבע מינדע זיך אויסגעלאַכט, און, געווײַנטלעך, „אויסגעלייגט" איר צו גוטן, נאָר געזען האָט מען, אַז אַף ביידע ווײַבער איז געלעגן אַ שרעק אַפן פּאָנעם. דערנאָך האָט זיך די מאַמע כײַע־עסטער צוגעלייגט, זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שפּיגל, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל אַרײַן און אַ זאָג געגעבן צו דער באָבע מינדע: „שוויגער, ס'איז שלעכט! טוט אַ קוק אַף מײַנע נעגל"... אוואַדע האָט זי די שוויגער אויסגעלאַכט און אויסגעבאַטלט אַלע בייזע וויסטע כאַלוימעס אַף די סאָנימס קעפּ, און שטילערהייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלן אויפזוכן און אַראָפּברענגען דעם טאַטן, וואָס איז געווען דעמלט פאַרנומען אין זײַן „אוּ־

טשאסטאָק" מיט „רײַבנ". אונ ניט געוואַרט אפנ טאטנ, האָט די באָבע מינדע פּארוקט גרויסע „טשאַוונעס" אונ טעפּ מיט וואסער אינ אויווּנ ארײַנ אונ אַלײנ דערווײַל געגומענ ראַטעווענ די קראַנקע. זי האָט געטאָנ אַלצדינג, וואָס אינ א מענטשנס קױעכ איז צו טאָנ, אונ האָט ניט פארגעסנ אויכ צו שיקנ נאָכנ דאָקטער קאָזאטשקאָווסקי, דער בעסטער דאָקטער אינ שטאָט. ער איז א קריסט א דיקער, מיט א רויט פּאָנעם. אפּ אים, אפ דעמ קאָזאטשקאָווסקי דעמ דאָקטער, זאָגנ יידנ מעווינימ, אז ער איז אַזוי געזונט, אז ער וועט אמאָל שטארבנ גײענדיק. אונ כאָטש דער דאָקטער קאָזאטשקאָווסקי איז טאקע דער בעסטער דאָקטער, פונדעסטוועגנ האָט די באָבע מינדע ארופגעבראכט אויכ יאנקל דעמ רויפע — ער איז א ייד אונ מע קאָנ זיכ מיט אימ בעסער דורכשמועסנ. יאנקל דער רויפע איז טאקע מער ניט ווי א רויפע, נאָר א טענדעווערענדע (אַזא מינ הענגקאָלנער) טראָגט ער, ווי א דאָקטער, אונ שרײַבט רעצעפּטנ, ווי א דאָקטער, אונ לײענט לאטײַנ, ווי א דאָקטער, אונ געלט נעמט ער אויכ, ווי א דאָקטער. דאָס הײסט, אז מע גיט אימ אינ האנט ארײַנ א מאטבײע, נעמט ער צו די מאטבײע, קלוימערשט ווי איבערגעוואלד, אונ טאפּט אינ קעשענע די מאטבײע, אונ טרעפט אַלעמאָל, וויפל דאָרטנ איז. א סימענ — טאָמער איז ווינציקלעכ, הײסט ער זיכ געבנ אנ אנדער מאטבײע, נאָר אײדל, מיט א שמײכל אונ מיט א גלעט די לאנגע האָר אונ מיט א צורעכט מאכנ די ברילנ.

מיט אימ, מיט דעמ יאנקל דעמ רויפע, האָט זיכ די באָבע מינדע פארשלאָסנ בא זיכ אינ אַלקערל, פריער ארויסגעטריבנ די קלײנע קינדער אינ דרויסנ ארויס, אונ האָט זיכ דאָרט מיט אימ לאנג-לאנג געשושקעט, ביז דער טאטע איז געקומענ. אונ אז דער טאטע איז געקומענ ניט טויט ניט לעבעדיק, איז די באָבע מינדע אָנגעפאלנ אפּ אימ, געגעבנ אימ א מיעסנ פּסאק, אונ ס'איז געווענ א קאָמעדיע צו זענ, ווי דער טאטע פארענטפערט זיכ פאר איר... אכ! ווער עס האָט ניט געזענ אינ יענע טעג די באָבע מינדע, דער האָט קײנ שײנס ניט געזענ. א יידענע א קאָמאנדיר! א יידענע א פעלדמארשאל! די זײַדענע טונקל-גרינע פּאטשײלע מיט די זילבערנע עפּל אויסגעמאָלט, וואָס אפנ קאָפּ, פארבונדנ מיט בײדע עקנ אהינטער, די ארבל פונ דעמ וואָלענעמ שאָקאָלאדפארביקנ קלײד פארקאטשעט ארופּ, דער שווארצער ריפּסענער פארטעכ אפנ קלײד אונ די רײנ-אויסגעוואשענע הענט האָבנ צוגעגעבנ איר אלט געקנײטשט

שטרענג פּאָנעמ אנ אויסזענ — גלייכ ווי זי וואָלט געטאַראַראַמעוועט אפ א כאַסענע, ניט ארומ א געפערלעכ קראַנקער שנור, וואָס ליגט אפ כאָליערע און וואָס באַרעט זיכ מיטנ טויט. עס האָט אויסגעזענ, אז ניט די מאמע פּייע-עסטער באַרעט זיכ מיטנ טויט, נאָר זי, די באָבע מינדע, באַרעט זיכ פאַר איר, פירט א מילכאָמע מיטנ מאַל-כאמאָוועס, וואָס לאָזט זיכ שוינ הערנ מיט זיינע גרינגע שווארצע פליגלענ. ער לאָזט זיכ הערנ, נאָר זענ זעט מענ אימ נאָכ ניט. די קינדער ווייסנ נאָכ ניט, וואָס דאָ טוט זיכ, נאָר זיי פילנ מיט זייער אינסטינקט, אז דאָ קומט עפּעס פאָר א גרויסע זאכ, וואָס איז נאָכ א סאָד פאַר זיי. אפ דער באָבע מינדעס פּאָנעמ לייענ זיי: „דער טויט וויל צונעמענ בא די קינדער זייער מא-מע, נאָר איכ וועל עס מיטנ אייבערשטנס הילפ ניט דערלאָזנ!“... און אז זי זאָגט, זי וועט ניט דערלאָזנ, קאָנ מענ איר גלייבנ. דער באָבע מינדע מוז מענ גלייבנ! איינמאָל, בייס דער דאָקטער קאָזאטשקאָווסקי איז געווענ בא דער קראַנקער, וועלכע האָט שוינ געהאַלטנ, אפּאָנעמ, זייער שמאָל — דאָס האָט מענ געקאָנט זענ נאָכנ דאָקטערס רויט פּאָנעמ, וואָס איז געוואָרנ נאָכ רויטער, האָט די באָבע מינדע צונויפגערופנ אלע קינדער, האָט זי אויסגע-שטעלט אינ דער ריי איינצקווייז, פונעמ עלטסטנ (א באלעבעסל שוינ מיט א בערדל) ביזנ קלענסטנ (א מיידעלע פונ קוים א יאָר), און אז דער דאָקטער קאָזאטשקאָווסקי איז ארויסגעגאַנגענ פונ דער קראַנקערס כאַדער, איז זי אימ געפאַלנ פאַר די פיס, געקושט אינ די הענט און צוגעפירט אימ צו דער כאַליאַסטרע: „נא זע, פאָרעצ-לעבנ, וויפל ווערעמ, וויפל יעסוימימ די קראַנקע לאָזט איבער, טאָ-מער כאָלילע, די שאָ זאָל ניט זיינ! טאָקע א יוישער, האָב ראַכ-מאָנעס, פאָרעצ-לעבנ, אפ די דאָזיקע ווערעמ, אפ די אומשולדיקע שעפעלעכ!“... מיר דאכט, אז אפילע א שטיינ האָט דאָס געקאָנט רירנ. עס האָט גערירט אפילע דעמ דאָקטער קאָזאטשקאָווסקי. ער האָט צענומענ מיט די הענט: „וואָס קאָנ ער טאָנ? ער טוט אַלצ-דינג, וואָס ער קאָנ. אָט וועמענ מע באדארפ בעטנ!“... און ער האָט א וויַיז געגעבנ מיטנ פינגער ארופ: צו גאָט, הייסט עס... נאָר א דאַנק פאַר דער אייצע, פאָרעצ-לעבנ! צו גאָט באדארפ זי אימ ניט פאַר א מיילעצ-יוישער[1]! צו גאָט ווייסט זי שוינ אליינ דעמ

1 א פאַרטיידיקער.

וועג. זי איז שוינ געווענ אינ שול. זי האָט זיכ שוינ פארזאָרגט מיט טילימ-זאָגער אפ א גאנצנ מעטלעס. זי איז שוינ געווענ אפנ הייליקנ אָרט אויכ, געריסנ קוואָרימ, געוועקט זכוס-אָוועס [1]. אזא מאמע, ווי איר נאָכעמס ווײַב, באדארפ ניט לאָזנ איר זונ אנ אלמענ אונ די קינדער יעכוימימ! אזא צאדייקעס, ווי כײַע-עסטער, טאָר ניט שטארבנ! „ניינ, גאָטעניו, דו ביסט א גוטער גאָט, דו וועסט דאָס ניט טאָנ!“...

עס האָט אָבער ניט געהאָלפנ קיינ זאכ. גאָט איז טאקע א גוטער גאָט, נאָר די קלייניטשקע כײַע-עסטער איז שוינ מער ניט אופגעשטאנענ, זי איז געשטאָרבנ. שאבעס אינדערפרי איז דאָס געווענ, דעמלט, ווענ יידנ זײַנענ נאָכ אינ שול.

געשטאָרבנ? — פאר כעוורע קליינוואַרג איז דאָס געווענ נאָכנ רעבנס טויט (מוישע דעמ שויכעטס) דער צווייטער טויט, וואָס זיי האָבנ מער געפילט ווי פארשטאנענ — אונ עס האָט זיי וויי געטאָנ שטארק-שטארק! עמעס, זייער מאמע איז ניט געווענ אזא ווייכע, אזא צוגעלאָזטע, ווי אנדערע מאמעס. עמעס, מע פלעגט כאפנ פונ איר אָפטע פעטש, סטוסאקעס אונ בוכענצעס — „קינדער זאָלנ ניט זײַנ קיינ נאשערס אונ ניט וועלנ נאָכ! קינדער זאָלנ ניט האָבנ קיינ מעווע זיכ פלאָנטענ פאר די פיס! קינדער זאָלנ ניט ליב האָבנ שטשירענ די ציינ, ראזהאָטשענ זיכ!“ דאָס האָט באדארפט הייסנ, אז קינדער זאָלנ ניט לאכנ. אונ קינדער האָבנ דאפקע יאָ געלאכט, וואָרעמ ווי קאָנ מענ ניט לאכנ, אז עס לאכט זיכ? אזא געלעכטער האָט זיי געקאָסט טײַער. זיי האָבנ באצאָלט מיט אָנגעריסענע אויערנ אונ מיט אופגעלאָפענע באקנ פונ דער מאמעס קליינע, נאָר שטארקע הענטלעכ, וואָס לאָזנ זיכ פילנ... איצט אָבער האָבנ דאָס קליינוואַרג פארגעסנ. פארגעסנ די פעטש מיט די קולאקעס מיט די סטוסאקעס אונ פאטילעטשניקעס, אונ דערמאָנט זיכ בעסער, ווי די מאמע פלעגט ארײַנלייגנ די האנט אינ קעשענע זוכנ פאר יעדנ קינד א גראָשנ. ווי די מאמע פלעגט זיי אײַנגעבנ אלע ראָשכוידעש ווערעמ-קרויט מיט האָניק. ווי די מאמע פלעגט ניט אָפּטרעטנ פונ בעט, אז א קינד האָט זיכ אוועקגעלייגט. ווי דער מאמעס קליינ הענטל האָט געטאפט באמ קאָפ, געהאלטנ באמ דויפעק,

1 געבעטנ, אז די פארדינסטנ (געמיינט: די פארדינסטנ פאר גאָט) פונ די עלטערנ זאָלנ בײַשטיינ.

געגלעט די בעקלעכ. ווי די מאמע האָט גענייט אַלע ערעוו-יאָמטעוו מאַלבושימלעכ פאַר די קינדער. ווי די מאמע פלעגט אַלע ערעוו-שאבעס צוואָגנ די קעפּלעכ. ווי די מאמע האָט געלאַכט פייסעכ באַם סיידער, אַז קינדער האָבנ זיכ אָנגעשיקערט פונעם ארבע-קויסעס-ווײַנ[1] אונ נאָכ אונ נאָכ זאַכנ האָבנ די קינדער דערמאָנט זיכ, געלעגנ יעדער באַזונדער אײַנגעגראָבנ מיט די פּענעמער אינ די קישנס אונ צעגאַנגענ געוואָרנ פאַר געוויינ... אָבער נאָכ גרעסער אונ שטאַרקער איז געוואָרנ דער געוויינ, אַז זיי האָבנ דערהערט דעם טאַטנ וויינענ — א טאַטע זאָל גאָר וויינענ! — אונ אַז זיי האָבנ דערהערט, ווי די באָבע מינדע יאָמערט אונ קלאָגט אונ לייענט מיט א ניגנ, ווי פונ א טכינע[2], טײַנעט זיכ אויס מיטנ ריבוינעשעלוילעם: „פאַרוואָס האָט ער ניט צוגענומענ בעסער זי, די באָבע מינדע, איידער אַזא יונג צווײַגעלע, א מאַמע פונ, קיינ אײַנאָרע, אַזויפיל ווערעמ?“... דאָס פאַרגלײַכנ אירס די קינדער צו ווערעמ רופט ארויס באַ די קינדער אינ דער דאָזיקער טרויעריקער מינוט ניט ווילנדיק א שמייכל: וואָס עפּעס גראָד ווערעמ? נאָר פּלוצעמ עפנט זיכ די טיר אונ ווי א ווינטער רײַסט זיכ ארײַנ אינ שטוב ארײַנ דער פעטער פיניע מיט זײַנע צוויי זינ גלײַכ פונ אַלטנ בעסמעדרעש — דאָרטנ דאַוונט דער פעטער פיניע — מיט א ברייטנ גוט-שאבעס. דערזענ, ווי דער אוילעמ וויינט אונ קלאָגט אונ יאָמערט — אַז ער צעשרײַט זיכ ניט אַפ א קאָל אונ צעבייזערט זיכ אַפנ טאַטנ אונ אַפ דער באָבע מינדע: „וואָס איז דאָס? אום שאבעס וויינט איר? רעשאָ:ִים! גאַזלאָנים! וואָס טוט איר עס? איר זײַט מעשוגע? צי כאָסערדייע? צי איר האָט פאַרגעסנ, אַז מיר האָבנ הײַנט שאבעס, אונ שאבעס טאָר מענ ניט וויינענ?! נאָכעמ, וואָס טוסטו? מע טאָר ניט — ס'איז שאבעס! וואָס ס'זאָל ניט זײַנ — איז שאבעס בילכער!“... אונ אַליינ האָט זיכ דער פעטער שוינ אָפּגעקערעוועט אַפ א זײַט, קלוימערשט אויסגעשנײַצט די נאָז, מעכילע, נאָר אײַנגעוועגס געכאַפּט א קוק מיט איינ אויג אַהינ, וווּ די מאמע ליגט אַנ איבערגעדעקטע מיט שוואַרצנ. האָט ער אויסגעווישט אינ דער גיכ די אויגנ, מע זאָל ניט זענ, אַז ער וויינט, כאָטש אינ קאָל גופע האָבנ זיכ געלאָזט הערנ טרערנ, אונ גערעדט האָט ער שוינ א ביסל ווייכער:

1 דער ווײַנ, וואָס מע טרינקט באַם סיידער.
2 א בוכ ווײַבערשע טפילעס אינ יידיש.

— פאָלג מיכ, נאָכעם! גענוג! דו נעמסט אפּ זיכ צופיל!.. נו, גענוג שוינ! מע טאָר ניט — ס'איז שאב...

דער פעטער פיניע האָט ניט געקאָנט ארויסריידנ דאָס וואָרט „שאבעס“, וואָרעמ די טרערנ, וואָס ער האָט די גאנצע צייַט געשלונגענ, האָבנ זיכ אימ אוועקגעשטעלט אינ האלדז פאָפּערעק. האָט ער ניט געקאָנט מער באהערשנ זיכ, איז ער צוגעפאלנ צומ טיש אפּ דער לינקער האנט, ווי מע פאלט „טאכנונ“[1], אונ האָט זיכ צעוויינט, ווי א קליינ קינד, אונ אויסגערופנ אפּ א דינ קאָל: „כײַע-עסטער! כײַע-עסטער!“...

35

די שיווע־זיצערס

דער טאטע קוקט אריַינ אינ סייפער איֶעוו. — מע רעדט אימ שידוכימ. — די קינדער וועט מענ אָפּשיקנ קיינ באָסלאוו צומ זיידנ מוישע־יאָסיע.

קיינמאָל האָט דער העלד פונ די באשרייַבונגענ אזוי ניט געבענקט נאָכנ אויצער, וואָס זייַנ כאווער שמוליק האָט אימ אמאָל דערציילט, ווי אינ דער צייַט, ווענ ער אונ דער טאטע אונ אלע זייַנע ברידער אונ שוועסטער זייַנענ געזעסנ אינ די זאָקנ אפּ דער ערד „שיווע“ נאָכ דער מאמענ.

„ווענ איכ האָב איצט אנ אויצער — האָט ער זיכ געטראכט — אָט יענעמ אויצער, וואָס ליגט דאָרט אינעמ קליינעמ שטעטעלע באהאלטנ, כאָטש ניט אינגאנצנ, כאָטש א טייל פונ יענעמ אויצער — אכ, ווי וואָלט עס מיר איצט צוניץ געקומענ!.. די באָבע מינדע וואָלט אופגעהערט צו וויינענ אונ צו קלאָגנ אונ צו אויסטייַנענ זיכ מיטנ ריבוינעשעלוילעמ, אימ פירהאלטנ, אז ער האָט ניט גוט געטאָנ, וואָס ער האָט צוגענומענ פריער די שנור, ניט זי, די שוויגער... דער טאטע וואָלט אופגעהערט צו זיפצנ אונ קרעכצנ אונ צו טייַנענ, צו וואָס לעבט ער אפּ דער וועלט אונ וואָס איז ער אָנ כײַע-עסטערנ?.. אונ אויכ זיי, די קינדער, ווו וואָלטנ זיי איצט געווענ? געוויס ערגעץ מיט אלע יינגלעכ באמ טייַכ, געשווומענ, געכאפּט פישלעכ, אָדער גלאט געלאָפנ אינ דער וועלט אריַינ — אזא זונ! אזא היץ!

1 א טפילע, וואָס בייס מע זאָגט זי, לייגט מענ אוועק דעמ קאָפּ אפּ דער לינקער האנט.

וואָלוול ווייַנשל, ווייַמפּערלעך בעכאָצע-כינעם, און גרינע אוגערקעלעך, נאָך מיט די שפּיץ נאָדלען, לאָזן זיך שוין הערן. אָט באַלד וועלן אופקומען אויך דיניעס געלע, שמעקנדיקע, און אַרבוזעס רויטע ווי פייַער, הירזשנדיקע ווי זאַמד, זיסע ווי צוקער, — אַך, אַן אויצער! אַך, אַן אויצער!"... און די געדאַנקען הייבן אים אוף און טראָגן אים אַוועק אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און כאַלוימעס, זיסע, גוטע כאַלוימעס. און עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער האָט אים שוין, דעם אויצער — פּלוצעם האָט ער זיך אים אַנטפּלעקט מיט אַלע זייַנע טייַערע זאַכן, סגולעס און שטיינער, אַז ער האָט שוין דאָס גאָלד און זילבער און די האַלבע אימפּעריאַלן און די דימענטן און בריליאַנטן, און אַז דער טאַטע איז איבעראַשט: „פונוואַנען האָט זיך, שאָלעם, פּלוצעם גענומען צו דיר אַזאַ גוטס?" „איך קאָן דיר ניט זאָגן, טאַטע, פונוואַנען, וואָרעם קוים זאָג איך דיר פונוואַנען, הייבט זיך עס אוף און ווערט פאַרשווונדן"... און שאָלעם פילט זיך אָפן זיבעטן הימל, וואָס ס'איז אים געראָטן אַרויסצייַען דעם טאַטן פון דער נויט, און עס טוט אים נאָר באַנק, האַרצעדיק באַנק, וואָס די מאַמע נעבעך איז ניטאָ דערביי. „ניט באַשערט! — זאָגט די באָבע מינדע, — אַלע אירע יונגע יאָרן איז זי נעבעך אָפּגעקומען אַף דער וועלט צוליב די קינדער, און איצט, אַז ס'איז געקומען צום לעבן, זייַנען אויסגעגאַנגען די יאָ־ן!"...

נאָר אָט דערהערט זיך אַ זיפּץ פונעם טאַטן: „גיוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" — און דער קליינער באַל-האַכאַלוימעס[1] קערט זיך אום פון יענער גליקלעכער וועלט פון פאַנטאַזיעס און כאַלוימעס צוריק אַהער, אין דער דאָזיקער וויסטער וועלט פון זאָרג און טרערן, ווו מענטשן ריידן פון מעל אַף באַקן כאַלע, פון געלט אַף גיין אין מאַרק, פון אָרכים, וואָס ווילן ניט פאָרן, פון פּאַרנאָסע, וואָס איז „געשלאָגן" — און די אַלע רייד ווערן צוגעדעקט מיטן טאַטנס קרעכץ און מיטן טאַטנס זיפּץ: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?"...

— וואָס הייסט, וואָס טוט מען? — פאַלט אַף אים אָן דער פעטער פּיניע שוין אָפן לעצטן טאָג שיווע. — ווּעסט טאָן דאָס, וואָס אַלע יידן טוען — ווּעסט, אימירצעשעם, כאַסענע האָבן...

כאַסענע האָבן?.. דער טאַטע וועט כאַסענע האָבן? מיר וועלן

1 דאָ: פאַנטאַזיאָר.

האָבנ א נײַע מאמע? וויאזוי וועט זי זײַנ?.. — אזעלכע געדאנקענ קריכנ אינ קאָפּ ארײַנ. די קינדער קוקנ אפנ טאטנ, וואָס וועט דער טאטע זאָגנ?.. דער טאטע וויל ניט הערנ, ניט זענ. ער זאָגט:

— כאסענע האָבנ? איכ זאָל כאסענע האָבנ? נאָכ אזא כײַעסטערנ זאָל איכ גיינ כאסענע האָבנ? אונ דאָס זאָגסטו, אַנ אייגענער ברודער? ווער נאָכ האָט זי אזוי געקענט, ווי דו?..

עס שטיקנ אימ די טרערנ. ער קאָנ ניט ריידנ מער. דער פעטער פיניע ווישט אָפּ די ליפּנ, מאכט א שווײַג.

— צײַט מינכע דאווענע. — זאָגט דער פעטער פיניע, אונ אלע שיווע-זיצערס, דער טאטע מיט די קינדער, שטייענ אוּפּ פונ דער ערד, שטעלנ זיכ דאווענע מינכע, אונ אלע קינדער, זעקס באָנים, צווישנ זיי איינער א באלעבעס, שוינ מיט א געל בערדל, עליאָו הייסט ער, טוענ א קלאפּ אָפּ דעמ קאדעש — א מעכײַע צו הערנ! די מישפּאָכע קוקט מיט גאדלעס אפּ די „קאדיישימ", פרעמדע ווײַבער זײַנענ מעקאנע: „מיט אזעלכע קאדיישימ ניט אָנקומענ גלײַכ אינ גאנײדנ ארײַנ — איז שוינ עק וועלט!"...

דאָס זאָגט א שטיקל קרויווע, בלומע רופט מענ זי, א ראבעטינע יידענע, האָט א מאנ, איז ער א שטומער. זי האָט אוועקגעוואָרפנ איר מאנ מיט אירע קינדער אונ איז געקומענ העלפנ עפּעס טאָנ — אינ שטוב, אינ קיכ אָדער בא די קינדער. די קינדער קאָנענ זיכ ניט באקלאָגנ, אז מע האָט אָנ זיי פארגעסנ. אדעראבע, זינט די מאמע איז געשטאָרבנ, זײַנענ זיי געוואָרנ בא אלעמענ כאָשעווער — יעסוימים! עס זײַנענ געווענ מאָמענטנ, וואָס דאָס שיווע-זיצנ איז בא זיי געווענ גאָר א גאנצער יאָמטעוו. ערשטנס (אונ דאָס איז דער איקער פונ אלע איקאָרימ!), מע גייט ניט אינ כיידער. צווייטנס, מע גיט זיי זיסע טיי מיט בולקע, וואָס זיי זײַנענ דערצו גאָר ניט געוווינט געוואָרנ, אונ מע טאפּט זיי בא די קעפּלעכ אונ בא די בײַכלעכ אונ מע פרעגט זיכ נאָכ אפּ זייערע מאָגנס. זיי האָבנ שוינ גאָר באקומענ „מאָגנס"! הײַנט וואָס איז ווערט גלאט זיצנ אלע מיטנ טאטנ אפּ אייננ קאָלדרע, זענ, ווי דער טאטע קוקט ארײַנ מיט זײַנ גרויסנ געקנײטשטנ שטערנ אינ א סייפער „איעוו" ארײַנ, הערנ, ווי יידנ אונ ווײַבער קומענ צו גיינ, אלעמאָל נײַע פארשוינענ, מענאכעמ־אָוול זײַנ[1], ריידנ עפּעס אלע אזעלכע מאָדנע דיבורימ,

---

1 טרייסטנ דעמ, וואָס טרויערט (נאָכ א געשטאָרבענעמ) — א רעליגיעזער מינהעג

קומענ אריינ אָנ א גוט-מאָרגנ, גייענ אוועק אָנ א זייט-געזונט, בלינצלען עפּעס אזוי מאָדנע מיט די אויגנ אונ מורמלענ עפּעס אונטער דער נאָז: „מ... מ... מ... ציִענ ווע׳ערושאָלאִימ!״...

פארנ קליינעמ וויסנ-כעווּרעניק, פאר שאָלעמענ, זיינענ אָט די וויזיטנ א גאנצער אויצער פונ טיפנ אונ בילדער, וואָס איינס צומ אנדערנ זיינענ ניט גלייכ אונ וואָס בעטנ זיכ אפנ פּאפּיר. דער ערשטער קומט דער פעטער פיניע. ניט אליינ, נאָר מיט זיינע צוויי אויבנ דערמאָנטע זינ מיט די לאנגע קאפּאָטעס — ייִסראָליק אונ איצל. דער פעטער פיניע פארקאטשעט די ארבל אונ רעדט. די זינ שווייגנ. דער פעטער פיניע רעדט פונ א דינ — ווענ, אייגנטלעכ, עס דארפנ זיכ ענדיקנ די זיבנ טעג שיווע: אינדערפרי, צי אפּדערנאכט? ער שטייט אופ, זאָגט צו, אז ער וועט נאָכ א קוק טאָנ בא זיכ אינ א פּאָר ספאָרימ, וועט ער וויסנ אקוראט. דערווייל געזעגנט ער זיכ ניט, זאָגט עפּעס אפ דער גיכ אינײנעמ מיט ביידע זינ „ציִענ וועיערושאָלאִימ״ — אונ פאשאָל. נאָכ אימ קומט די מומע כאנע מיט אירע טעכטער, הייבנ אופ א קוויטשערייַ אפנ טאטנ: געוואַלד שווינ! געוואַלד! ער זאָל אופהערנ וויינענ אפ דער מאמע, וואָרעמ ער וועט זי לעבעדיק ניט מאכנ! פארנ אוועקגיינ זאָגט זי, אז מע קאָנ דערשטיקט ווערנ, טוט א שמעק טאבעקע פונ א קליינ זילבערנ פּושקעלע אונ מאכט א גוואלד, מע זאָל עפענענ כאָטש איינ פענצטער, וואָרעמ מע וועט דאָ דערוואָרגנ ווערנ, צו אלדי גוטע יאָר!.. דערנאָכ קומט די מומע טעמע, א ייִדענע אָנ ציינ, שאָקלט א ביסל מיטנ קאָפּ, דאָס פּאָנעמ לאכט, נאָר די אויגנ וויינענ. זי רעדט אויס דאָס הארצ, דערציילט א נייַס: אז מירנ אלע שטארבנ...

דאָס איז מישפּאָכע. דערנאָכ קומענ פרעמדע. אלערליי פארשוינענ. אזעלכע, וואָס גלייבנ שטארק אינ גאָט אונ אינ יענער וועלט, אונ אזעלכע, וואָס האלטנ ווינציק-וואָס פונ גאָט אונ פונ יענער וועלט. לעמאָשל, „ארנאָלד פונ די פּדוואָרקעס״ — דער מאכט כויזעק פונ אלצדינג. לעס דינ וועלעס דאיענ [1]. סע שטייט, זאָגט ער, בעפּייִרעש: „אומויסאר האָאָדאָמ מינ האבהיימאָ אָיִנ״ — קיינ כילעק ניט צווישנ א מענטשנ אונ, לעהאַוודל, א בעהיימע... א שרעק, וואָס דער ארנאָלד צערעדט זיכ אָנ! אל אדוינוי וועאל מעשיכוי [2]! אונ

1 ניט פאראנ קיינ געזעצ אונ ניט פאראנ קיינ ריכטער.
2 אפ גאָט אונ אפ זיינ געזאלבטנ; געמיינט: אפ אלע הייליקייטנ.

אלצדינג קומט אויס בא אים אזוי קײַלעכיק, אזוי געשליפנ! ער איז דער איינציקער, וואָס גייט אוועק מיט א זײַ-געזונט. א מענטש, וואָס גלייבט ניט אינ קיינ זאכ, איז דאָכ ניט שײַעכ! קעדײַ צו וויסנ, וואָס וועט זײַנ מיט אזא ארנאָלדנ, ווענ ער נעמט אונ טוט א שטארב אוועק? „מיכ מעגט איר נעמענ באלד נאָכ מײַנ טויט אונ פארברענענ אפנ פײַער אונ דאָס אש צעשפּרייטנ אפ אלע זיבנ יאמים — ארט מיכ אויכ ניט!“... אזוי זאָגט ארנאָלד אונ כאפּט א מיִעסנ פּסאק פונ דער באָבע מינדע: „לאָזנ שוינ, זאָגט זי, אײַערע סאָנימ ריידנ פאר אײַכ!“ אונ ארנאָלד — ס'זאָל אים רירנ! ער לאכט זיכ אויס, גייט אוועק, אונ עס קומט אָנ יאָסיע פּרוכשטיינ מיט די גרויסע ציינ אונ בייזערט זיכ אפנ טאטנ, לעמײַ ער ווייִנט אזוי. „ער האָט זיכ אפ אים, זאָגט ער, אזעלכעס ניט גערעכנט“... דאָדיע ייִצכאָק-וויגדערס זאָגט אויכ דאָס אייגענע. ער שווערט בא זײַנ הייליקע נעמאָנעס, אז ווענ בא אים טרעפט זיכ אזא-נ-אומגליק, וואָלט ער, כא-כא, ארײַנגעוואָרפנ אינ מייער-באלאנעס-פּושקע... אז דאָדיע גייט אוועק, ווערט א געלעכטער, וואָרעמ אלע ווייסנ, אז דאָדיע ייִצכאָק-וויגדערס האָט א ווײַב, הייסט זי פייגע-פערל — איז דאָס א פייגע-פערל פונ גאָט!.. דאנקענ האשעמ-ייִסבאָרעכ[1], וואָס מע קאָנ שוינ כאָטש געבנ א לאכ. דער טאטע קוקט נאָכ אלצ ארײַנ אינ סייפער „איִעוו“, נאָר ער ווייִנט שוינ ניט אזוי שטארק, ווי ער האָט געווייִנט די ערשטע טעג. אונ ער בייזערט זיכ שוינ ניט אפנ פעטער פיניע, לעמײַ ער ווארפט ארײַנ א וואָרט וועגנ כאסענע האָבנ. ער זיפצט נאָר, אונ קרעכצט נאָר, אונ פרעגט: „וואָס טוט מענ מיט די קינדער? מיט די קינדער וואָס טוט מענ?“

— מיט די קינדער וואָס טוט מענ?—ענטפערט אים דער פעטער פיניע אונ גלעט זיכ די באָרד. — די עלטערע וועלנ זיכ לערנענ, ווי זיי האָבנ געלערנט; אונ די קלענערע וועסטו אָפּשיקנ צו זייער זיידנ קיינ באָסלאוו.

דאָס מיינט ער דעמ זיידנ מוישע-יאָסיע מיט דער באָבע גיטל פונ דער מאמעס צאד, וועלכע די קינדער האָבנ קיינמאָל ניט געזענ, נאָר געהערט דערציילנ, אז ערגעצ ווײַט, אינ א שטאָט, וואָס הייסט באָסלאוו, האָבנ זיי א זיידנ מיט א באָבענ, וואָס זײַנענ, זאָגט מענ, גאנצ רײַכ, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אהינ, הייסט עס, וויל מענ זיי

---

1 גאָט.

אוועקשיקנ? זעט איר, דאָס איז דאפקע א פלאנ! ערשטנס, דאָס פאָרנ — דאָס אליינ וואָס איז ווערט? צווייטנס, זענ א נײַע שטאָט. הײַנט באקענענ זיכ מיט א זיידנ אונ מיט א באָבענ, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט געזענ, — דאָס איז בא אײַכ גאָרניט? עס בלײַבט איבער נאָר איינ זאכ: וועמענ רעכנט דאָס דער פעטער פיניע צווישנ די „עלטערע“ אונ וועמענ צווישנ די „קלענערע“? ס'איז גאָר קיינ ספק ניט, אז א ײִנגל, וואָס איז שוינ בארמיצווע, ער מעג זיכ האלטנ מיט א קאָפּ נידעריקער פונ א הונט, באדארפ גערעכנט ווערנ צווישנ די „עלטערע“ — אונ דאָס האָט דעמ בארמיצווע-באָכערל אזוי ווײַט פארינטערעסירט, אז ער האָט שוינ קימאט אָנגעהויבנ צו פארגעסנ אָנ דער מאמע, נאָכ וועלכער ער זאָגט אלע אינדערפרי אונ פארנאכט קאדעש, אָנ דעמ טאטנ, וואָס הערט ניט אופ צו זיפצנ אונ צו קרעכצנ, אָנ דעמ אויצער, נאָכ וועלכנ עס בענקט זיכ אימ אזוי שטארק. אימ האָט געצויגנ איצט צו עפּעס אנדערש: צו דער נעסיע, צו דער נײַער גרויסער שטאָט — קיינ באָסלאוו, צומ זיידנ מוישע-יאָסיע מיט דער באָבע גיטל פונ דער מאמעס צאד, וואָס, מע זאָגט, זיי זײַנענ אזוי רײַכ! אזוי רײַכ!..

36

באמ דניעפּער

די נעסיע קיינ באָסלאוו. — שימענ-וואָלפ באלעגאָלע א שווײַגער. — מע ווארט אפנ פאראָמ. — דער באלעגאָלע כאפט א מינכע באמ ברעג טײַכ. — עס דאוונט זיכ געשמאק.

איינמאָל — סאָפ זומער, פאר יאָמימ-נוראָימ איז דאָס געווענ — איז צוגעפאָרנ צומ גאנעק א בויד, אונ מע האָט אופגעזעצט די קלענערע קינדער, פיר ײִנגלעכ אונ צוויי מיידלעכ, — שאָלעמ דער בארמיצווע-באָכערל איז געווענ צווישנ זיי — מיטגעגעבנ צו צוויי העמדלעכ, עסנווארג אפ א פאָר טעג אונ א בריוו צומ זיידנ מוישע-יאָסיע מיט דער באָבע גיטל אונ אָנגעזאָגט זיי אמאָל צוואנציק, זיי זאָלנ זײַנ געהיט באמ אריבערפאָרנ מיטנ פאראָמ איבערנ דניעפּער.

פאָרנ איבערנ דניעפּער — אונ נאָכ מיט א פאראָמ דערצו! קיינער פונ זיי האָט קיינ פאראָמ קיינמאָל ניט געזענ אונ ווייסט גאָר ניט, מיט וואָס מע עסט עס. נאָר מע איז זיכ מעשאער, אז עס דארפ

זײַנ ניט שלעכט, אונ מע פארגעסט, אז די מאמע איז געשטאָרבנ,
אונ מע פארגעסט אלצדינג, אונ מע קלערט נאָר וועגנ דער נעכטיע
וועגנ דניעפּער, וועגנ פאראָם. נאָר מע דערמאָנט זיי, אז די מאמע
איז געשטאָרבנ. ס'איז דאָ א באָבע מינדע, וואָס זאָגט זיי אָנ נאָכ-
אמאָל אונ נאָכאמאָל, זיי זאָלנ ניט פארגעסנ אונ כאָלילע ניט דורכ-
לאָזנ זאָגנ קאדעש נאָכ דער מאמע, אונ זי גלעט זיי מיט קאַלטע
גליטשיקע פינגער, אונ זי קושט זיי אינ די בעקלעכ, אונ זי גע-
זעגנט זיכ מיט זיי אפ שטענדיק, אפ אייביק, וואָרעמ גאָט ווייסט,
אויב זי וועט נאָכ זוכע זײַנ מיט זיי זיכ צו זענ נאָכאמאָל... אונ
אזוי ווי דאָס הארצ האָט איר געזאָגט: אז די קינדער זײַנענ גע-
קומענ נאָכדעמ צוריק אהיימ פונ באָסלאוו, איז שוינ די באָבע מינ-
דע געווענ דאָרט, ווו די מאמע זייערע — א קייווער נעבנ א קייווער, —
אונ דער טאטע האָט געזאָגט קאדעש נאָכ זײַנ מאמע אײנײנעמ
מיט די קינדער נאָכ זייער מאמע. דאָס איז געווענ א יאָר פונ
קאדיישימ, דאָס יאָר פונ כאָליערע — אָנ א שיר קאדעש-זאָגערס! א
גאנצע שול האָט געזאָגט קאדעש.

דער כילעק פונ א מענטשנ ביז א מענטשנ! צפ וויפל מייער-
וועלוול דער באלעגאָלע, וואָס האָט געפירט די קינדער פונ וואָראָנ-
קאָ קיינ פערעיאסלאוו, איז געווענ א מענטש א לעבעדיקער, א רי-
רעוודיקער אונ א בארעדעוודיקער, אפ אזויפיל איז שימענ-וואָלפ
דער באלעגאָלע, וואָס האָט געפירט די קינדער פונ פערעיאסלאוו
קיינ באָסלאוו, געווענ א פארזאָרגטער, א פארשלאָפענער אונ א שוויַי-
גער — זאָל גאָט היטנ! כאָטש טעסעט אינ אימ פלעקער, כאָטש שיסט
אינ אימ מיט הארמאטנ, וועט ער אײַכ קיינ וואָרט ניט ארויסלאָזנ
פונעמ מויל, אכוצ: „קריכט אינ וואָגנ", אָדער: „ארויסט פונעמ
וואָגנ". די קינדער זײַנענ אויסגעגאנגענ צו וויסנ: ווענ וועט שוינ
זײַנ דער דניעפּער? ווענ וועט מענ אימ איבערפאָרנ מיטנ פאראָמ?
אונ וואָס הייסט עס „פאראָמ"? נאָר גייט טוט עפּעס — אז א ייִד
רעדט ניט! זיצט ווי א נאפּודעלע אפ דער קעלניע, שמײַסט די
פערדלעכ, סמאָצקעט זיי צו מיט די גראָבע ליפּנ, אונ פונ צײַט צו
צײַט הערט מענ נאָר די אײנציקע ווערטער: „ננאָ, כאָליערע, א כאָ-
ליערע אפ אײַכ!" אָדער: „ננאָ, פּעגירעס, א פּעגירע אפ אײַכ!" אונ
אז ניט, שעפּטשעט ער עפּעס מיט די ליפּנ צו זיכ אליינ אונ זינגט
עפּעס שטיל אפ א דינ קעלכל. דאָס זאָגט ער טילימ אפ אויסווייניק.

און אזוי ווי מענטשן זײַנען פֿאַראַן אַלערליי, פֿאַרשיידענע כאַראַקטערן, אזוי זײַנען, לעהאוודל, פֿערד אויך פֿאַראַן אַלערליי סאָרטן. די פֿערד פֿון שימען-וואָלף דעם באַלעגאָלע זײַנען שטאַרק געראָטן אין זייער באַלעבאָס: זיי זײַנען שלעפּעריק און האָבן אַ טעווע — זיי ניסן. אַ גאַנצן וועג ניסן זיי. ניסן און פּאָרשקען און שמײַסן מיט די עקן און שלעפּן זיך, און שלעפּן זיך. עס דאַכט זיך אויס, אַז מע שלעפּט זיך שוין אַזוי — מע האָט שוין קימאַט פֿאַרגעסן פֿון וועגן. און גאָט ווייסט, אויב מע וועט זיך אַמאָל דערשלעפּן ערגעץ צו אַ ייִשעוו. הימל און ערד און זאַמד. זאַמד אָן אַ שיר. און טאָמער איז קאַרג, שטעלן זיך די פֿערדלעך גאָר אַנידער אײַנמיטנדערינען, שימען-וואָלף קריכט אַראָפּ פֿון וואָגן, לאָזט אויס אָפּ זײַן דין קעלכל מיט אַ ניגן אויסגעצויגן: „אַש-ר-יי קאָל כוי-סיי בוי"... דערנאָך טוט ער אַ זאָג צו די קינדער: „אַרויסט פֿון וואָגן!" די קינדער קריכן אַרויס פֿון בויד. וואָס וועט דאָ זײַן? גאָרנישט. אַזוי ווי ס'איז זאַמדיק, איז פֿאַר די פֿערד צופֿיל מאַסע, וועט מען גיין אַ ביסל צופֿוס. מיילע, אויך אָן אַן אומגליק — צופֿוס איז צופֿוס. אַדערבע, צופֿוס איז נאָך פֿריילעכער. נישמער — דאָס ייִנגסטע יעסוימעלע, אַ יאָר אַלט, וויל ניט בלײַבן אַליין אין וואָגן. וויינט עס, מוז מען דאָס טראָגן אָפּ די הענט — איז שוין עפּעס ניט אַזוי פֿריגלדיק. אַ גליק, וואָס דאָס ציט זיך ניט אַזוי לאַנג. באַלד ווערט דער וועג ווידער אַ וועג, און שימען-וואָלף דער באַלעגאָלע טוט אַ זאָג צו די קינדער: „קריכט אין וואָגן". קלעטערט מען אַרויף צוריק אין בויד אַרײַן און מע גלײַכט זיך אויס די ביינער. ביז עס קומט ווידער צו אַ טיפֿן זומפּיקן זאַמד, איז ווידער: „אַרויסט פֿון וואָגן", און ווידער: „קריכט אין וואָגן". נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּעס דאָרטן פֿונדערווײַטן? וואָס בלישטשעט עס אַזוי ווי גלאָז און שײַנט אָפּ אָפּ דער זון מיט אַ זילבערנעם קאָליר, און שפּילט און שעמערירט אין די אויגן? אָט דאָס זאָל זײַן דער דניעפּער? כעוורע זיצן קוים אײַן אין וואָגן. און דער וואָגן, ווי אָפּ צולאָכעס, גייט פּאַוואָליע, וואָרעם איידער מע קומט צו צום דניעפּער, באַדאַרף מען דורכמאַכן נאָך אַ זאַמד און נאָך אַ זאַמד, געל און געדיכט און טיף, טיף ביז די קניעס. פּאַוואָליע, טריט בא טריט, שלעפּן זיך די פֿערדלעך, קוים וואָס זיי רײַסן אַרויס די פֿיס פֿון זאַמד. טיף שנײַדן די רעדער, און דער וואָגן קרעכצט, און נעענטער און נעענטער באַווײַזט ער זיך, דער דניעפּער, מיט זײַן גאַנצער ברייטקייט און שיינקייט. יאָ, דאָס איז

ער, דער דניעפּער. ער גלאַנצט, שײַנט אָפּ אפ דער זונ אונ שמייכלט צו די יונגע אָרכים, וואָס זײַנענ געקומענ צו אים דאָס ערשטע מאָל מעקאַבל-פּאָנעם זײַנ דעמ אלטנ זאָקנ. „שאָלעמ-אלייכעמ, וואָס מאַכסטו, זיידע?“...

א הויכער, גרינער, ערטערווײַז פאַרגעלטער אָטשערעט באמ ברעג טײַכ, צעלאָזט מיט די לאַנגע, שאַרפע, שפּיציקע בלעטער, וואָס שפּיגלענ זיכ אָפּ אינ וואַסער, גיט אימ צו, דעמ אלטנ, א באַזונדערנ כיינ. ס'איז שטיל.

לאַנג אונ ברייט האָט ער זיכ צעוואָרפנ, ווי א יאַמ, אהינ אונ אהער. אונ דאָס וואַסער לויפט ערגעצ, לויפט, נאָר שטיל. וווּהינ? ס'א סאָד. דער בלויער הימל קוקט אראָפּ פונ אויבנ אונ שפּיגלט זיכ אָפּ אינ וואַסער איינײנעמ מיט דער זונ, וואָס האַלט נאָכ ניט באמ אונטערגיינ. ריינ דער הימל. ריינ דאָס וואַסער. ריינ דאָס זאַמד. ריינ די לופט. אונ שטיל. א שטילקײַט פונ גאָט. ברייט. א ברייטקײַט פונ גאָט. אונ עס דערמאָנט זיכ פונ טילימ: „לאַמעדכאַוו-יאָ“... פררררר! דאָס איז אַרויסגעפלויגנ פונ אָטשערעט ארויס מיט א געשריי א פויגל. דורכגעשניטנ, ווי א פײַל, די ריינע שטילע לופט, לאָזט ער זיכ מיט א זיגזאַג שוועבנ ווײַט-ווײַט, נאָר ער האָט באַלד כאַראָטע, קערט זיכ אומ צוריק מיט א זיגזאַג אונ ווערט פאַרשווּונדנ ווידער צוריק אינעמ געל-גרינעמ אָטשערעט. עס נעמט אָנ א כיישעק, ווי אָט דער פויגל, ארויספליענ פונ וואָגנ ארויס, זיכ לאָזנ פליענ אויבנ איבערנ וואַסער, אָדער, ווייניקסטנס, זיכ אויסטאָנ נאַקעט אונ אַרײַנשפּרינגענ אינ וואַסער אַרײַנ, זיכ פּאָליאָסקענ אונ שווימענ, שווימענ, שווימענ...

— ארויסט פונ וואָגנ! — טוט שימענ-וואָלפּ א קאָמאַנדעווע אויס, קריכט אליינ אויכ ארויס פונ וואָגנ, פאַרשטעקט די בײַטש אינ גאַרטל, טראָגט צו ביידע הענט צומ מויל, פאַרײַסט דעמ קאָפּ ארופּ אונ לאָזט ארויס א מאָדנע פאַרדומפּנ קאָל, ווי פונ א צעבראָכענעמ פאַס:

— פּאַראָ-אָ-אָ-אָמ! פּאַראָ-אָ-אָ-אָמ!

די מאַשמאָעס, אז דער פּאַראָמ איז א לעבעדיקע זאַכ, וואָס געפינט זיכ ערגעצ דאָרט אפ יענער זײַט, אונ מע באַדאַרפ אימ ארויסרופנ. כעוורע קליינוואַרג, ארויסגעקראָכנ פונ וואָגנ אונ אויסגעגלײַכט זיכ די פאַרזעסענע פאַרגליווערטע אייוורימ, שטעלנ זיכ אוועק העלפנ דעמ באַלעגאָלע ארויסרופנ דעמ פּאַראָמ, גלײַכ מיט אימ צוגעטראָגנ די הענט צומ מויל, פאַריסנ די קעפּ ארופּ אונ אויסגעשריגנ מיט א קוויטש:

—פּאַראָ-אָ-אָ-אָמ! פּאַראָ-אָ-אָ-אָמ!

און עס פֿאלט אָנ אפֿ זײ א געלעכטער — זײ װײסנ ניט װאָס. עס לאכט זיכ זײ אָנ א שום „װאָרום“. עס לאכט זיכ זײ, װײַל ס'איז זײ גוט, װײַל זײ זײַנענ יונג אונ געזונט, אונ זײ געפֿינענ זיכ באם דניעפּער, אונ זײ פֿאָרנ באלד אפֿנ דניעפּער מיטנ פּאראָם — װער איז צו זײ גלײַכ?.. נאָר אָט הײבט אָנ צו געזעגענענ זיכ די זונ מיטנ טאָג. מיט אירע לעצטע, נאָר שארפֿע, גינגאָלדענע שטראלנ שפּיגלט זי זיכ אָפּ אינעמ זילבערנעמ װאסער פֿונעמ דניעפּער — אונ מע הערט אופֿ צו לאכנ. עס לאכט זיכ ניט מער. צו שטיל איז אָט דאָ, באמ ברעג פֿונעמ דניעפּער. א הײליקע שטילקײַט. אונ עפּעס קילבלעכ איז געװאָרנ, אונ דאָס װאסער שמעקט מיט א מאָדנעמ רײעכ, אונ עס זשומעט, עס מורמלט, עס לױפֿט... אונ דערצו האָט שימענ-װאָלפֿ דער באלעגאָלע ארומגעבונדנ די קאפּאָטע מיט א פּאטשײלע, ארײַנגעשטעקט די בײַטש אונ אװעקגעשטעלט זיכ מיטנ פּאָנעמ צו מיזרעכ, צוגעמאכט די אױגנ, מײַסע ערלעכער ייִד, צעשאָקלט זיכ אונ אפֿ זײַנ דינ קעלכל גענומענ דאװענענ מינכע. שימענ-װאָלפֿס מינכע דאָ אינ דרױסנ, אונטערנ פֿארפֿארבטנ הימל, באמ ברעג פֿונעמ אלטנ שײנעמ שמעקעדיקנ דניעפּער, האָט זיכ צונױפֿגעגאָסנ מיטנ זשומענ אונ מיטנ מורמלענ פֿונעמ װאסער אונ ארױסגערופֿנ בא די פֿרײלעכע יונגע װאָיאזשאָרנ א נײַע שטימונג. עס פֿארגלוסט זיכ זײ אױכ דאװנענ מינכע. דאָס איז געװענ בא זײ, מע קאָנ זאָגנ, די ע ר ש ט ע פֿרײַװיליקע, ניט-געצװוּנגענע מינכע, אָט-אָ-דאָ אונטערנ הױלנ הימל, נאָענט צו גאָט. עס האָט זיכ זײ קײנמאָל אזױ ניט געװאָלט דאװנענ, װי אצינד, אינ דעמ פֿארנאכט, אונטער דעמ הימל, אפֿנ ברעג פֿונ אָט דעמ דניעפּער. דורכגעלאָזט די קטױרעס[1], — נישקאָשע, אינ װענ קאָנ מענ זיכ באגײנ אָנ קטױרעס — האָבנ זײ אָנגעהױבנ גלײַכ פֿונ „אשרײ יױשװײ װײסעכאָ“ — פֿײַנטשיק, מיט א ניגנ, אונ אװעקגעשטעלט זיכ אלע פֿיר שמױנעסרע מיטנ פּאָנעמ צו מיזרעכ, צוגעמאכט די אױגנ אונ צעשאָקלט זיכ, װי דער באלעגאָלע: „האָײל האגאָדױל האגיבױר װעהאנױראָ — דער גאָט דער גרױסער, דער שטארקער, דער מױרעדיקער“... דאָס זעט מענ ערשט רעכט אָט דאָ, אינ דעמ פֿארנאכט, אונטער דעמ הימל, אפֿנ ברעג פֿונ דעמ דניעפּער, אונ עס דאװנט זיכ אזױ גוט, אזױ זיס, אזױ געשמאק, װי נאָכ קײנמאָל ניט פֿריִער!

[1] דאָז א טײל פֿונ מינכע-דאװנענ.

37

אפנ פאראָמ

אנ אומגעריכטע באגעגעניש אפנ פאראָמ. — אייסעוו, א קליינ גויעצל, א מעשומעד. — זיי האָבנ זיכ דערקענט. — צעגייענ זיכ אָנ ווערטער.

די קליינע וואָיאזשאָרנ יעכוימימ זײַנענ נאָכ ניט אויסגעשטאנענ שמוינעסרע, אז זיי האָבנ דערזענ פונדערווײַטנ, אפנ גלאנצ פונעמ דניעפער, פריער א שווארצנ קנויל, וואָס באקומט אפנ שײַנ פונ דער פארגייענדיקער זונ אלעמאָל אנדערע פארבנ. דער דאָזיקער קנויל וואקסט, ווערט אלעמאָל גרעסער אונ גרעסער, טוקט זיכ, פארגייט אונ באווײַזט זיכ ווידעראמאָל. דערנאָכ האָבנ זיי דערהערט א מאָדנעמ גערויש אונ א גערודער, א קײַקלענ זיכ פונ רעדלעכ אונ א קרעכצ פונ א שטריק. האָבנ זיי געמאכט בעקיצער מיט דער מינכע, אפ דער גיכ אויסגעשטאנענ שמוינעסרע אונ צוגעלאָפנ צומ ברעג, דערזענ א גראָבנ קאנאט, וואָס ציט זיכ איבער דער ברייט פונעמ דניעפער, צוגעקרעמפעוועט צו א קלאָצ פונ דער זײַט וואסער. אונ דער קנויל איז געוואקסנ אונ איז אויסגעוואקסנ אינ א מינ הילצערנע מעגושעמדיקע בריע, א מינ באשעפעניש אינעמ געשטאלט פונ א שטוב, וואָס רירט זיכ אונ שווימט אפנ וואסער. אויבנ, אפנ רוקנ פונעמ באשעפעניש, געפינט זיכ עפעס א מינ רעדל, וואָס דרייט זיכ, אונ מיטנ קויעכ פונ אָט דעמ רעדל רירט זיכ אָט דאָס מעגושעמדיקע באשעפעניש איבערנ וואסער, פאמעלעכנ, נאָר זיכער, אונ אלצ נעענטער אונ נעענטער צומ ברעג, ביז מע קאָנ שוינ זענ דאָס באשעפעניש פונ דער נאָענט אונ באטראכטנ עס פונ אלע זײַטנ, אז דאָס איז ניט קיינ באשעפעניש, ניט קיינ לעבעדיקע זאכ, נאָר אזא מינ שיפ, א בארקע, אָדער א בערלינע, אונ אפ דער בערלינע שטייענ פורנ, פערד אונ מענטשנ — אונ אָט-אָ דאָס איז געווענ, אייגנטלעכ, דער „פאראָמ”, וואָס כעוורע האָבנ אפ אימ אזוי לאנג ארויסגעקוקט, אונ אָט אפ דעמ פאראָמ וועלנ זיי דאָס איצטער זיכ לאָזנ פאָרנ, אריבערפאָרנ דעמ דניעפער! איצט איז שוינ א ביסל גרינגער אפנ הארצנ. איצט קאָנ מענ זיכ שוינ א ביסל צוזעצנ אפנ זאמד אונ צוווארטנ, ביז דער פאראָמ וועט צוגיינ אונ זיכ אָפשטעלנ. וואָרעמ ניט אזוי גיכ גייט א פאראָמ. ער גייט זייער, זייער פאוואָלינקע, קוימ-קוימ וואָס ער רירט זיכ. די זונ גייט שוינ א סאכ ניכער פונ

אימ, אָט איז זי נאָרוואָס געווענ אינ עק הימל, אונ אָט נידערט זי, ווי בארג-אראָפ, זעצט זיכ אונ זינקט אונ ווערט פארשווינדנ אפ יענער זײַט טײַכ, לאָזט איבער נאָכ זיכ א ברייטנ, רויטנ פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קילער אונ קילער. די קינדער האָבנ זיכ דערווײַל אוועקגעזעצט אינ זאמד. דער עלטערער האָט דאָס קלייניטשקע, וואָס איז א יאָר אלט, אפ די הענט גענומענ; דאָס אייפעלע איז געשלאָפנ.

דער פאראָמ האָט זיכ אָפגעשטעלט. די מענטשנ מיט די פורנ מיט די פערד זײַנענ פאמעלעכנ, אײַנציקווײַז אונ שטיל, אָנ ווערטער, אראָפ פונעמ פאראָמ, אונ שימענ-וואָלפ דער באלעגאָלע איז ארופ אפנ פאראָמ, אויכ קיינ איינציק וואָרט ניט ארויסגעלאָזט, גלײַכ ווי אלע וואָלטנ זיכ אָנגערעדט, אז ס'איז „אָסער לעדאבער"[1]. פריִער האָט ער אראָפגעפירט דעמ וואָגנ מיט די פערדלעכ, אפילע ניט ארויסגעשאָלטנ זיי, ווי זײַנ שטייגער איז, מיט דער כאָליערע. דערנאָכ האָט ער א מאכ געגעבנ מיט דער האנט צו זײַנע יונגע פארשווינדלעכ, זיי זאָלנ אויכ ארופ אפנ פאראָמ. נאָכ א מינוט — אונ דער פאראָמ, מיטנ ווילנ פונ איינ מענטשנ, וואָס האָט זיכ אָנגעלענט מיטנ גאנצנ קויעכ איבערנ גראָבנ קאנאט, איז אוועק זײַנ וועג גאנצ שטיל, אזוי שטיל, אז קימאט מע הערט גאָר ניט, ווי ער גייט. עס דאכט זיכ אויס, אז ניט דער פאראָמ גייט אהינ, נאָר, פארקערט, דער טײַכ, דער דניעפער, גייט צוריק, טרעט אָפ, מאכט א „בויך-בעשאָלעמ"[2], שטייט אויס שמוינעסרע. אונ ערשט דאָ זעט מענ, ווי גרויס דער דניעפער איז, ווי ברייט אונ ווי שיינ, גרויסארטיק שיינ. מע פאָרט אונ מע פאָרט — אונ מע איז נאָכ ווײַט פונעמ צווייטנ ברעג.

די זונ איז שוינ לאנג אונטערגעגאנגענ אפ יענער זײַט טײַכ, אונ די לעוואָנע איז ארויס, פריִער א רויטע, דערנאָכ איז זי געוואָרנ ווײַס, א העל-ווײַסע, א זילבערנע לעוואָנע. אײַנציקווײַז, ווי שאבעס-ליכטלעכ, האָבנ זיכ אָנגעצונדנ די שטערנ אינעמ טיפנ הימל, אונ דער דניעפער האָט אינ אָוונט באקומענ אנ אנדער פארב מיט אנ אנדער פּאָנעמ, מיט אנ אנדער געשטאלט, גלײַכ ווי ער וואָלט זיכ אײַנגעהילט אינ א טונקל מאלבעש. אונ א נײַע, פרישע, שטילע קילקײַט האָט ער ארויסגעגעבנ פונ זיכ, א גלאטע, גרינגע

1 מע טאָר ניט ריידנ.

2 „בויך-בעשאָלעמ" — א פראזע פונ דאוונענ, בא וועלכער דער דאוונער קערעוועט זיכ אויס מיטנ פּאָנעמ אפ צוריק. דאָ געמיינט: גיינ אפ צוריק.

קילקייט. עס האָט זיך געטראַכט טויזנטער, טויזנטער מאַכשאָוועס: פון דער נאַכט, פונעם הימל, פון די שטערן, וואָס האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט אינעם וואַסער פונעם רויקן דניעפּער. די דאָזיקע שטערן זיינען דאָך יעדעס שטערנדל א נעשאָמע פון א מענטשן... און מע־נעם קויען פונעם פּאַראָם האָט זיך געטראַכט, וויאַזוי איינס מענטש, סאַכאַקל זיין גויעץ, טרייבט אים. ער לענט זיך אָן מיט איין האַנט אפן קאַנאַט, ציט דעם קאַנאַט, דרייט זיך דאָס רעדל — און דער פּאַ־ראָם גייט.

שאָלעם איז א באַלן אָנצוקוקן דעם גויעץ פון דער נאָענט, וויאַזוי ער אַרבעט באַם קאַנאַט און טרייבט דעם פּאַראָם. און ער גייט צו נאָענט צום גויעץ, צום פּאַראָמשטשיק. נאָך גאָר א יונגער גויעץ אין א גרויער סוויטקע, גרויסע שטיוואַלעס, און מיט א קוטש־מע אפן קאָפּ, הערט ניט אויף מיטן גאַנצן קויעך זיך אָנצושפּאַרן אפן מוירעדיקן גראָבן קאַנאַט. שאָלעם קוקט זיך איין אינעם דאָזיקן פּאַראָמשטשיק דעם גויעץ, ווי ער אַרבעט דאָס אַפּ אַלע קיילים, מאַכט מיט דער פּלייצע אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזש די ביינער טרישטשען! „אייסעוו — טראַכט זיך שאָלעם באַ זיך אין האַרצן — אייסעוו! דאָס קאָן נאָר א גוי, ניט קיין ייִד. ווי קומט א ייִד צו אַזא גראָבער אַרבעט? וועס אָכיכאָ טאַוויד — און דיין ברו־דער וועסטו דינען, — שטייט אין כומעש. גאַנץ גוט, וואָס איך בין יאַנקעווס אַן איינקל, ניט אייסעווס“...

און עס טוט אים ווי דאָס האַרץ פונדעסטוועגן אפן דאָזיקן יונגן גויעץ, אפן דאָזיקן אייסעווס איינִיקל: נאָך צו א יונגער פּאַראָמשטשיק צו א יונגער אייסעוו... און ער קוקט זיך איין אין אים אין פּאָנעם א ביסל נעענטער — און... ער שפּרינגט אָפּ צוריק! עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אים קענטלעך. קענטלעכע אויגן!.. און שאָלעם פילט זיך ניט, גייט צו נאָכאַמאָל, שוין גאָר נאָענט, צום גויעץ: ס'איז גאָר ניט קיין גויעץ — ס'איז נאָך גאָר א יונגער שייגעץ מיט א מוירעדיק פאַרשוואַרצט, פאַרגרעבט פּאָנעם, מיט מוי־רעדיק פאַרשוואַרצטע, פאַרגרעבטע הענט. אויגן — ייִדישע, און הענט גויִישע... און ער דערמאָנט זיך אינעם פּאָסעק: „וועהאַיאָדאַיִם יעדיי אייסאָוו“ — אייסעיוס הענט... נאָר לעמיי איז ער אים אַזוי קענטלעך? ווו האָט ער אים געזען?..

און ער הייבט זיך אָן צו גראָבן אין זיינע זיכרוינעס, און עס קומט אים אפן זינען איינער פון זיינע וואָראָנקאָווער כאַווייריִם,

בערל דער אלמאָנעס, א שווארצער באָכער מיט מעגושעמדיקע גרויסע ציינ. ניט שוינ זשע איז דאָס ער? ניינ, עס קאָנ ניט זײַנ! עס דאַכט זיכ אימ נאָר אויס!.. נאָר, דיבוינעשעלוילעמ! ס'איז דאָכ פּאָרט ער!.. דאָס גויעצל, דערזענ, אז מע קוקט זיכ אינ אימ אײַנ, האָט נאָכ מער אָנגערוקט דאָס היטל, נאָר מינ-האצאד געכאַפּט א קוק אפּ דעמ, וויאָז באַראַכט אימ אזוי געשמאק. זייערע אויגנ האָבנ זיכ באַ-געגנט אינ דער פינצטערניש פונ דער נאכט אונ — זיי האָבנ זיכ דערקענט...

דאָס דאָזיקע אומגעריכטע באגעגעניש רופט ארויס א שלאל מיט געדאנקענ: בערל א גוי? א ייִד א גוי?.. אונ ער דערמאָנט זיכ, אז מע האָט נאָכ דעמלט געהאט געזאָגט, אז בערל האָט זיכ גע-שמאדט... ניט אומזיכט האָט מענ נאָכ דעמלט געזאָגט אפּ אים, אז ער איז א „מומער-לעהאכיס"... צוגייענ צו אימ, לאָזנ זיכ דערקענענ, אויספרעגנ זיכ בא אים — דערלאָזט אים עפּעס ניט, שאָלעבֿענ. עס פילט זיכ א פרעמדקייט, א דערווײַטערטקייט, א קעיט אונ צו גלײַ-כער צײַט — א ראכמאָנעס. א ראכמאָנעס אפּ א ייִדנ, וואָס איז גע-וואָרנ א גוי. צוליב וואָס? צוליב דעמ, ער זאָל אָנטאָנ א גרויע סוויטקע, א גרויס מאָכנאטע היטל אונ ווערנ א העלפער באמ פּא-ראָמשטשיק, א באטראק?.. אונ דער „באטראק" — גאָרנישט! ער זאָל אפילע א ייִד טאָנ זיכ. אפּאָנעמ, ער קאָנ ניט קוקנ זײַנ כאווער אינ די אויגנ ארײַנ... ער קוקט אראָפּ, אינ וואסער ארײַנ, גלײַכ ווי מע זעט עפּעס דאָרטנ. בערל דער גויעצ האָט זיכ נאָכ מער אײַנגעהילט אינ דער סוויטקע, נאָכ מער אָנגערוקט דאָס היטל, באשפּיגנ ביידע הענט אונ א נעמ געגעבנ זיכ צו דער ארבעט נאָכ מיט מער פרישקייט, אָנגעלענט זיכ מיט אלע קויכעס אפנ מוירעדיק גראָבנ קאנאט. דער קאנאט האָט געקרעכצט, די רעדלעכ האָבנ זיכ געקויקלט. דער פּאראָמ האָט זיכ געגליטשט אלצ ווײַטער אונ ווײַטער — מע איז געקומענ צו פאָרנ.

— קריכט אינ וואָגנ! — האָט דער שווײַגנדיקער באלעגאָלע אויס-געקאָמאַנדעוועט נאָכ דעמ. ווי ער האָט זיכ ארויסגעקויקלט מיטנ וואָגנ פונעמ פּאראָמ, געגעבנ א שמײַס די פערדלעכ, מעכאבעד גע-ווענ זיי מיט די ווערטער „כאָליערע" אונ „פּעגירעס" — אונ איז אוועק, איבערגעלאָזט הינטער זיכ דעמ דניעפּער מיטנ פּאראָמ מיטנ באטראק פונעמ פּאראָמשטשיק, וואָס איז נעבעכ געווענ אמאָל א ייִדיש קינד, יאנקעוו-אָווינוס אנ אייניקל. אונ הײַנט וואָס? נעבעכ! נעבעכ!

אינ באָסלאוו אפֿ דער „טאָרהאָוויצע״

אָנגעקומענ קײנ באָסלאוו גלײַכ אפֿנ יאריד. — זײ װײסנ ניט, װאָסער מױשע־יאָסיע איז זײער זײדע. — א ייִד מיט א טאַלעס־קאָטנ נעמט זיכ אונטער ברענגענ די קינדער צומ זײדנ.

עס איז שוינ געווענ גרויסער טאָג, אז די קלײנע וואָיאזשאָרנ יעסוימים זײַנענ ארײַנגעפאָרנ מידע, הונגעריקע אונ שלעפעריקע אינ דער שטאָט באָסלאוו. פֿונ יענער זײַט וואלד האָט זיכ אופגעהויבנ די זונ, א קלאָרע, א בריליאנטענע, א ווארעמע זונ. צומ-אלעמ-ערשטנ זײַנענ זײ דורכגעפאָרנ פארבײַ א מוירעדיק גרויסנ בעסוילעמ, מיט אזויפיל אײַנגעבויגענע, האלב-אײַנגעפאלענע שטיבלעכ אונ אלטע מאצײוועס מיט אָפּגעריבענע אויסיִעס „ת. נ. צ. ב. ה.״ [1], אז לויט דעמ רײַכנ בעסוילעמ האָט מענ געקאָנט מײנענ, אז די שטאָט איז מיִיעדײע וואָס פאר א קראכ! פונעמ בעסוילעמ איז מענ ארײַנ גלײַכ אינ דער „טאָרהאָוויצע״ — א מארק אָדער א מינ יאריד אזעלכער, ווו אלצ איז אויסגעמישט אינײנעמ: גויִמ, אונ פערד, אונ בעהײמעס, אונ כאזײרימ, אונ ציגײַנער, אונ ווענג, אונ רעדער, אונ כאָמעטעס, אונ ייִדנ פונ קאָל-האמינימ: ייִדנ מיט פעלכלעכ, ייִדנ מיט היטלענ, ייִדנ מיט „קראסנע״ סכוירע, ייִדנ מיט בולקעס, מיט אײערבײגל, מיט קיכלעכ, מיט עפּלקוואס אונ מיט וואָס איר ווילט. הײַנט ווײַבער! ווײַבער מיט קאָשעקעס, ווײַבער מיט עפּעלעכ, אונ ווײַבער מיט אויפּעס, אונ ווײַבער מיט געפּרעגלטע פיש, אונ גלאט ווײַבער. אונ דאָס אלצ רעדט אונ קוויטשעט אונ גראגערט. אונ די פערד מיט די בעהײמעס מיט די כאזײרימ העלפנ אונטער. אונ די בעטלערס זינגענ אונ שפּילנ אפֿ דער לירע — מע קאָנ טויב ווערנ. אונ א שטויב שטײט אזעלכער, וואָס מע זעט קוימ אײנס דאָס אנדערע. אונ רײכעס אזעלכע, אז מע קאָנ דערשטיקט ווערנ.

כעוורע זײַנענ געקומענ אינ א גוטער צײַט — אינ א מארק-טאָג. דער באלעגאָלע האָט זיכ קוימ דורכגעשלאָגנ מיט זײַנ בויד דורכנ יאריד, אָנגעווינטשעוועט דער שטאָט מיטנ יאריד אכצנ כאָליערעס, ווי זײַנ שטײגער איז, ביז ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אינ דער רעכ-

1 א טראפארעטע אופשריפט אפֿ מאצײוועס.

טער שטאָט אַרײַן, וואָס כאַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פֿונעם בעסוילעם — די זעלבע אײַנגעפֿאַלענע שטיבלעך־מאַצייוועס, צווישן וועלכע עס וואַרפֿן זיך דורך ווי־ניט־ווי א פּאָר נײַע הײַזלעך אויך, וואָס זעען אויס פֿרעמד, ווי נעגידישע מעכוטאָנים, אײַנגעלאַדן אַף אַן אָרעמער כאַסענע, — און דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער עמעסער טומל: שימען־וואָלף דער באַלעגאָלע האָט געוווּסט, אַז מע האָט אים באַשטעלט, ער זאָל אָפּפֿירן זײַנע יונגע פֿאַרשווינדלעך קײַן באָסלאַוו, צו זייערן א זיידן מיט א באָבע. מע האָט אים אַפֿילע געהאַט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם זיידן מיט דער באָבע, נאָר ער האָט שוין פֿאַרגעסן. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָר! שימען־וואָלף האָט זיך געשוואָרן, אַז דעם גאַנצן וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איר זעט אים א ייִדן, און ווי נאָר ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם דאָזיקן יאַריד, אַזוי זײַנען זייערע נעמען אַרויסגעפֿלויגן בא אים פֿונעם קאָפּ — א כאָליערע!.. (אַף וועמען — זאָגט ער ניט).

דערווײַלע קומט צו א ייִד, און נאָך א ייִד, און נאָך א ייִד, און נאָך צוויי ייִדן, און נאָך דרײַ ייִדן, און ווײַבער פֿון קאָלהאַמינים, ווײַבער מיט קאָשעקעס און ווײַבער אָן קאָשעקעס, און עס ווערט א האַרמידער מיט א ריידערײַ — אַלע ריידן זיי אײנײנעם און מע דערציילט אײנס דאָס אַנדערע כידושים: אַז עפּעס קינדער האָט א באַלעגאָלע געבראַכט צו פֿירן. — פֿונוואַנען? — פֿון יענער זײַט דניעפּער. — פֿון רזשישטשעוו? — וואָס עפּעס רזשישטשעוו? פֿאַרוואָס ניט קאַניעוו? — ניט פֿון רזשישטשעוו, ניט פֿון קאַניעוו, נאָר פֿון פּערעיאַסלאַוו! — וווּהין? — איר זעט דאָך וווּהין — ניט קײַן יעהופּעץ, קײַן באָסלאַוו האָט ער זיי געבראַכט צו פֿירן. — צו וועמען? — הערסטו, מע זאָל וויסן, צו וועמען, וואָלט דאָך גוט געווען! צו א זיידן, זאָגט ער, צו זייערן א זיידן. — וואָסער זיידן? — הערסטו, מע זאָל וויסן, צו וואָסער זיידן, וואָלט דאָך גוט געווען!..

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז מען א פֿרעג טאָן בא די קינדער, וויאַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קערן וויסן. — פֿונוואַנען זאָלן זיי וויסן? — פֿאַרוואָס זאָלן זיי ניט וויסן?.. ביז עס רוקט זיך אַרויס אײנער א ייִד, וואָס פֿאַרקויפֿט בייגל, מיט א צעשפּאָלטענעם דאַשעק אַפֿן קאַשקעט. מיט ביידע עלנבויגנס שטופּט ער פֿאַנאַנדער דעם אוילעם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פֿרעגן. קינדער! וויאַזוי רופֿט מען אײַער זיידן?

די קינדער זײַנען פונעם הארמידער מיטן געשריי שוין גאָר צעטומלט, נאָר פונדעסטוועגן דערמאָנען זיי זיך, אז ער הייסט מוי-שע-יאָסיע, יאָ, מוישע-יאָסיע הייסט ער. — געוויס מוישע-יאָסיע? — געוויס!.. ווייסט מען שוין, הייסט עס, אז דער זיידע זייערער הייסט מוישע-יאָסיע. בלײַבט איבער איין זאך: וואָסער מוישע-יאָסיע? פאראן עטלעכע מוישע-יאָסיעס. פאראן מוישע-יאָסיע דער סטאָליער, מוישע-יאָסיע דער בלעכער, מוישע-יאָסיע לייע-דוואָסיעס און מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס. נאָר פרעגט זיי עפעס גרינגערס!

— שא, ווייסט איר וואָס? ווי אזוי רופט מען אײַער טאטן? — דאָס זאָגט שוין אן אנדער ייִד, ניט יענער פון די בייגל, נאָר א ייִד מיט א טאלעסקאָטן, ווײַזט אויס — א בעסמעדרעש-ייִד. די קינדער זאָגן, אז זייער טאטן רופט מען נאָכעם. דערהערט אזא זאך, שטופט דער ייִד מיטן טאלעסקאָטן אוועק אלע אנדערע ייִדן און נעמט די קינדער גאָר אפ אן עמעסן „דאָפּראָס":

— אײַער טאטן, זאָגט איר, רופט מען נאָכעם? הייסט ער ניט ראבינאָוויטש?

— ראבינאָוויטש.

— און אײַער מאמע האָט געהייסן כײַע-עסטער?

— כײַע-עסטער.

— איז זי געשטאָרבן?

— געשטאָרבן.

— פון דער כאָליערע?

— פון דער כאָליערע.

— אָט אזוי זשע רעדט!

דער ייִד מיטן טאלעסקאָטן דרייט זיך אויס צום גאנצן עוילעם. דאָס פּאָנעם שײַנט אים.

— אויב אזוי, פרעגט מיך, איך וועל אײַך זאָגן אקוראט! זייער זיידע איז מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס, זייער באָבע איז גיטל מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס. זייער זיידע, מוישע-יאָסיע, הייסט עס, ווייסט שוין, אז זײַן טאָכטער כײַע-עסטער איז געשטאָרבן פון דער כאָליערע, ניט דאָ געדאכט, און זייער באָבע, גיטל מוישע-יאָסיעס, ווייסט נאָך ניט. מע וויל איר ניט אָנזאָגן די בסורע: אן אלטע ייִדענע, א קאַליקע נעבעך...

דער ייִד מיטן טאלעסקאָטן דרייט זיך אויס צו די קינדער מיטן זעלבן שײַנענדיקן פּאָנעם:

— קריכט אראָפּ, קינדער, פון וואָגן, וועט מען אײַך ווײַזן, ווו אײַער זיידע זיצט. צופאָרן אהין קאָן מען ניט — צו א שמאָל געסל. סײַדן פון יענער זײַט? וועט מען אָבער ניט קאָנען אויסקערעווען זיך מיטן וואָגן. ווי מיינסטו, מאָטל, מע וועט קאָנען?..

דאָס איז געזאָגט געוואָרן צו א יונגנמאַן מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, וואָס הייסט מאָטל. מאָטל פאַרוקט דאָס היטל ארויף:

— פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען?

— פאַרוואָס? פאַר שאַבעס? האָסט פאַרגעסן, אַז הערשקע איציעליאַבעס בויעט א שטאַל פון יענער זײַט?

מאָטל טוט זיך ניט קיין דיר און פרעגט ווײַטער:

— און אַז ער בויעט א שטאַל פון יענער זײַט, איז וואָס?

— וואָס הייסט איז וואָס? האָט ער אָנגעפּירט געהילצ!

— אָנגעפּירט געהילצ? לאָז אים ווויל באַקומען!..

— וואָס איז צו ריידן מיט א שטיק האָלצ?!..

און וואָס מער מאָטל איז רויִק, היצט זיך יענער אַלץ מער, ביז ער גייט ארויס פון די קיילים, טוט א שפּײַ אָפּ מאָטלען, דופּט אים אָן מיטן נאָמען „שויטע בען פּיקהאָלצ”. ער נעמט די קינדער פאַר א האַנט: „קומט, קומט מיט מיר — איך וועל אײַך צופירן. מע דאַרף גיין צופוס”. און דער ייִד מיטן טאַלעסקאָטן און מיטן שײַנענדיקן פּאָנעם לאָזט זיך מיט די יונגע וואָיאַזשאָרן יעסוימים פונעם יאַריד ארויס צופוס, צו זייער זיידן מוישע־יאָסיע און צו זייער באָבע גיטל.

39

א שיינער באָרעכאַבע

די געלײמטע באָבע גיטל. — דער זיידע מוישע־יאָסיע מיט דער בולבעוואַטער נאָז און געדיכטע ברעמען. — דער פעטער איציע און די מומע סאָסיע.

די פּערעיאַסלאַווער יעסוימים האָבן געהאַט דאָס רעכט פאַרשטעלן זיך דעם זיידן מוישע־יאָסיעס שטוב — א מין פּאַלאַץ. דער זיידע מוישע־יאָסיע אַליין האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט א פּאַטריאַרך אין א זײַדענער זשופּעצע. א קלייניקײַט — מע זאָגט, זיי זײַנען אַזוי רײַך, אַזוי רײַך! צום סאָף האָט זיי דער בעסמעדרעש־ייִד מיטן

שיינענדיקן פּאָנעם צוגעפירט צו א גאנצ געווינלעכנ שטיבל, פּראוו-דע, מיט א גלעזערנעמ גאנעק, אונ האָט זיי א זאָג געגעבנ: „אָט-אָ-דאָ זיצט אייער זיידע, מוישע-יאָסיע האמארניקס". אליינ איז דער ייד נעלעמ געוואָרנ. ער האָט ניט געוואָלט זיינ דערביי. די קינדער האָבנ דורכגעשפּאצירט דעמ גלעזערנעמ גאנעק, געעפנט די טיר אונ דערזענ פאר זיך אקוראט אקעגנ דער טיר, אפ א הילצערנ בעט, זיצנ א מענטשנ ניט קיינ מענטשנ, א באשעפעניש ניט קיינ באשעפעניש, אינעמ געשטאלט פונ א נעקייווע, אָנ פּיס, מיט עפּעס מאָדנע אויס-געדרייטע הענט. די ערשטע מינוט האָבנ זיי געוואָלט גיינ צוריק. נאָר דאָס באשעפעניש האָט זיך שטארק איינגעקוקט אינ זיי מיט אירע גלאנצנדיקע רויטע אויגנ אונ האָט מיט א זייער אָנגענעמע קאָל א פרעג געטאָנ בא זיי: „ווער זייט איר, קינדער?" עפּעס איי-גענעס, נאָענטעס, האָט זיך געלאָזט הערנ אינ דעמ קאָל, אונ די קינדער האָבנ איר א זאָג געגעבנ: „א גוט מאָרגנ. מיר זיינענ פונ פּערעיאסלאוו"...

דערהערט דאָס וואָרט „פּערעיאסלאוו" אונ דערזענ א גאנצ רעמל מיט קינדער, צווישנ זיי א מיידעלע נאָכ קיינ יאָר ניט אלט, האָט די אלטע באלד ארומגעכאפּט די גאנצע טראגעדיע, אונ זי האָט פארבראָכנ מיט אירע אויסגעדרייטע הענט אונ אויסגעשריִענ אפ א קאָל:

— אוי, א ווייטעק איז מיר! אוי, א דונער איז מיר! מיינ כיינ-עסטער איז געשטאָרבנ! — אונ גענומענ זיך שלאָגנ מיט די הענט אינ קאָפּ. — מוישע-יאָסיע! מוישע-יאָסיע! ווו ביסטו? אהער גיי! מוישע-יאָסיע!

אפ איר געשריי איז געקומענ צו לויפנ פונ א זייטיק אלקערל אנ אלטער, א נידעריקער, אינ טאלעס-אונ-טפילנ, מיט א מעשונע מעגושעמדיק פּאָנעמ, מיט א ברייטער בולבעוואטער נאָז, מיט מוי-רעדיק גרויסע געדיכטע ברעמענ, אָנגעטאָנ אינ שמאטעס אונ אינ שקראבעס. — „אָט דאָס איז דער זיידע מוישע-יאָסיע? אָט דער איז דאָס אזוי רייכ?"...

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט געטאָנ — ער האָט גענומענ שרייענ אפ די קינדער, בייזערנ זיך אונ מאכנ אפ זיי מיט די הענט. אונ מאכמעס ער האָט געהאלטנ אינמיטנ דאוונענ אונ ניט געטאָרט, אפּאָנעמ, מאפסיק זיינ, האָט ער גערעדט צו זיי אפ לאָשנקוידעש: „אי-אָ-נו, ראָצכימ! גאזלאָנימ!"... אונ צו דער אלטער האָט ער געזאָגט אפ לאָשנקוידעש, אונ דאָס קאָל האָט גע-ציטערט: „אי-אָ-נו, יאָדאטי... ביטי... אדוינוי נאָסאנ וואדוינוי לאָקאכ!"...

דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז ער ווייסט, אַז די טאָכטער איז געשטאָרבן, און דער גאָט, וואָס האָט געגעבן, דער אייגענער גאָט האָט גענומען... האָט דאָס אָבער דער אַלטער ווינציק-וואָס באַרויִקט, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן און צו שלאָגן זיך מיט די הענט אָן קאָפּ און צו שרײַען: „כײַע-עסטער! מײַן כײַע-עסטער איז געשטאָרבן!" — ביז עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך מענטשן, עפּעס איינער אַ ייִד מיט אַזעלכע לאַנגע פּייעס, וואָס די קינדער האָבן אַזעלכע אין פּערעיאַסלאַוו ניט באַגעגנט. דאָס איז געווען זייער מאַמעס איינציקער ברודער, דער פעטער איציע. נאָכן פעטער איציע איז אַרײַנגעלאָפן אַ ייִדענע מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנעם, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ פּאָלאָניק פון קיך. דאָס איז געווען זײַן ווײַב — די מומע סאָסיע. און מיט איר איז אַרײַנגעקומען אַ מיידעלע מיט רויטע בעקלעך און מיט קליינע ליפּעלעך — זייערע אַ באַסיעכידקע, אַ שייִנינקע, נאָר אַ שעמעוודיקע, מיטן נאָמען כאַווע-ליבע. און אַכוץ זיי זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך ייִדן און ווײַבער, נאָענטע שכיינים, און אַלע מיטאַמאָל האָבן גענו-מען ריידן, טרייסטן די באָבע גיטל מיט ווערטער: אַז וויבאַלד די טאָכטער איז שוין טויט, הײַנט וואָס וועט העלפן דער געוויין? און דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, איז דאָך פאַרפאַלן. און די יונגע געסט האָט מען אַכוץ גענומען זאָגן מוסער, אַז מע קומט ניט אַרײַן אָט אַזוי, הולאָם אַפּ דער קאַראָבקע, און מע זאָגט ניט אָן יענעם גלײַך אַזאַ בסורע... כאָטש גאָט איז יודייע[1] דעם עמעס, אַז די קינדער האָבן, אייגנטלעך, גאָר ניט אָנגעהויבן צו „זאָגן".

דערווײַל האָט דער זיידע מוישע-יאָסיע אויסגעטאָן דעם טאַלעס-און-טפילין און האָט פון זײַן זײַט גענומען פירהאַלטן די אייניקלעך, לעמײַ זיי זײַנען ניט אַרײַנגעקומען פריִער צו אים. זיי זאָלן זײַן באַלע-דערעכערעץ, וואָלטן זיי באַדאַרפט זיך זען פריִער מיט אים, פּאַוואָלינקע איבערריידן, וואָלט ער, דער זיידע, הייסט עס, פּאַוואָלינקע איבערגערעדט מיט דער באָבע, זי צוגעגרייט ביסלעכווײַז, ניט אַזוי, העג-דום-פּעגדום! אַזוי טוען פּערעאָדאָמס, ניט קיין מענטשן...

דאָס האָט שוין, אַפּאָנעם, די באָבע גיטל ניט געקאָנט אַריבער-טראָגן, און ווי ווײַט דער בראָך איז ניט געווען פאַר איר גרויס, איז זי אָנגעפאַלן אַפּן זיידן:

---

1 ווייסט.

— אלטער דורינג! וואָס האָסטו צו די קינדער נעבעכ? וואָס זײַנען זיי שולדיק? פונוואַנען זאָלנ זיי דיר וויסנ, אז דו ליגסט דאָרט ערגעצ אפּ די פֿעלצנ און דאַוונסט? א שיינער באָרעכאבע! קומט אהער, קינדערלעכ, צו מיר. ווי׳אזוי רופט מענ אײַכ?

אונ איינציקוויַיז האָט זי צוגערופנ צו זיכ די קינדער, אונ איינציקוויַיז האָט זי זיי אויסגעפרעגט בא די נעמענ, געגלעט אונ געקושט אונ באַנעצט מיט אירע געזאַלצענע טרערנ, באַוויינט שוינ ניט איר טאָכטער, נאָר די קליינע עלנטע יעסוימימלעכ נעבעכ... זי האָט זיכ געשוואָרנ, אז זי האָט קימאַט געוווּסט, אזוי זיכער, ווי ס׳איז הײַנט טאָג אפּ דער גאַנצער וועלט, אז איר כײַע-עסטער איז געשטאָרבנ, וואָרעמ ס׳איז שוינ עטלעכע נעכט, אז זי קומט צו איר צו כאָלעמ אונ פרעגט זיכ אלצ נאָכ אפּ אירע קינדער, זי זאָל איר זאָגנ, ווי געפעלנ איר אירע קינדער?..

— לאָז מענ זיי געבנ עפּעס עסנ. מוישע-יאָסיע, וואָס שטייסטו, ווי א נעכטיקער? זעסט דאָכ, אלטער דורינג, אז די קינדער זײַנענ נעבעכ פארשמאַכט, אויסגעהונגערט אונ ניט געשלאָפנ א גאַנצע נאַכט. וויַנד איז מיר — אבי ער זאָגט זיי מוסער! א שיינער זיידע! א שיינער באָרעכאבע!..

40

צווישנ פעלצנ

דעמ זיידנס בוכהאַלטעריע. — זײַנ מוסער-זאָגנ, זײַנע ספאָרימ אונ זײַנ צדאָקע. — וואָס וועט זײַנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ. — דעמ זיידנס עקסטאַז.

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט פּירגענומענ פאר זײַנע אייניקלעכ, אז זיי האָבנ אָפּגעדאַוונט אונ אָפּגעגעסנ, — ער האָט זיי פארהערט.

פאָרגעקומענ איז דער עקזאַמענ טאַקע בא אימ, אינ זײַנ כיידער-מעיוכעד[1], וווּהינ קיינ בענ-אָדאָמ האָט ניט געטאָרט ארײַנקומענ. ניט געטאָרט אונ ניט געקאָנט, וואָרעמ ס׳איז ניט געווענ ווו.

דאָס איז געווענ א כיידערל עטוואָס גרעסער פונ א שטײַג, ווו

1 א באַזונדער צימער.

מע האלט אויפעס. אינ דער דאָזיקער שטײַג האָט זיך געפונענ, ערשטנס, דער זיידע, דערנאָך זײַנע ספאָרימ, גאנצ שאס אונ פאָסקימ אונ קאבאָלע-ספאָרימ, אונ כוצ-לאָזע זײַנענ דאָרטנ געווענ מאשקאָנעס: זילבערנע לעפל, טעצלעכ, האָדעסלעכ אונ לעמפעלעכ, קופערנע פאנענ, סאמאָווארנ, יידישע קאפאָטעס, גויִשע קארעלנ, סוויטקעס אונ פעלצנ, דערהויפט פעלצנ, אָנ א שיר פעלצנ!

דאָס איז געווענ א מינ לאָמבארד, געפירט פונ דער באָבע גיטל שוינ פונ יאָרנלאנג. זיצנדיק א געליימטע אינ בעט, האָט זי געפירט דאָס געשעפט בעיאָד-ראָמאָ, געהאלטנ דאָס ביסל מעזומענ בא זיך אונטער די קישנס, ניט צוגעלאָזט צו דער קאסע קיינעמ. נאָר אפ די מאשקאָנעס האָט געוועלטיקט דער זיידע. צונעמענ א מאשקנ אונ ארויסגעבנ א מאשקנ — דאָס איז געווענ זײַנ ארבעט. אָנגעדענקענ זיך, צו וועמענ וואָסער מאשקנ עס געהערט — האָט מענ באדארפט האָבנ א קאָפ פונ א מיניסטער. עס קאָנ זײַנ, אז דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט טאקע געהאט אפ זיך עפשער א קאָפ פונ א מיניסטער, האָט ער זיך אָבער ניט געוואָלט פארלאָזנ אפ זײַנ מיניסטערשנ קאָפ אליינ. א קאשע, וואָס סע מאכט זיך! איז ער געפאלנ אפ א האמצאָע — זײַנ אייגענע האמצאָע: אפ יעדנ מאשקנ האָט ער צוגענייט מיט א נאָדל-פאָדעמ — אונ דאפקע אליינ — א שטיקל פאפיר, אונ אפ יעדנ שטיקל פאפיר האָט ער אָנגעשריבנ מיט זײַנ האנט: „זע האקאפאָטע שײַעכ לעבערל"[1]. אָדער: „זע האפעלצ שײַעכ לעהעאָרל[2] איוואנ". אָדער: „זע האקארעלנ שײַעכ לעהאָארײליס[3] יאוודאָכע". אײַ, ס'האָט זיך געמאכט אמאָל, אז בערל איז געקומענ צו גיינ אויסקויפנ די קאפאָטע אונ מע האָט אימ ארויסגעגעבנ אנ אנדערנס א קאפאָטע, וואָס יענער הייסט אויכ בערל? — איז דאָ אנ אייצע: מע טראָגט ארויס ביידע בערלס קאפאָטעס, אונ מע הייסט אימ, ער זאָל דערקענענ. א ייִד וועט דאָכ ניט גיינ זאָגנ אפ א פרעמדער קאפאָטע, אז ס'איז זײַנע. זעט איר, מיט א גוי, אז סע מאכט זיך אזא זאכ, איז שוינ ניט אזוי גוט. איז דערצו אויכ דאָ א האמצאָע (א ייִד א לאמדנ גיט זיך אנ אייצע): מע הייסט איוואנענ, ער זאָל זיך מאטריִעכ זײַנ זאָגנ עפעס א סימענ אפ זײַנ פעלצ. יעדער איוואנ קענ אזוי גוט זײַנ

---

1 די דאָזיקע קאפאָטע געהערט בערלענ.

2 צו דעמ ניט-ייִדנ.

3 צו דער ניט-ייִדישקע.

פעלץ, אז עפּעס א סימען מוז ער אפּ אים האָבן. ס׳איז לוי יימאָלייט[1]. פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אפּ די אלע האמצאָעס, זיַינען גאַנץ אָפּטלעכ ארויס מיעסע מאכלויקעסן צווישן דער באָבע מיטן זיידן. די באָבע האָט אלץ געטיַינעט צום זיידן:

— איך פרעג דיך, אלטער דורינג וואָס דו ביסט, אז דו האלטסט שוין יאָ באַם שריַיבן און שריַיבסט שוין יאָ „זע האקאפּאָטע שיַיעכ לעברל״, — וואָס וועט דיך ארן, אז דו וועסט שוין צושריַיבן נאָך איין וואָרט — „בערל זאיקע״? אָדער אז דו שריַיבסט שוין יאָ „זע האפּעלץ שיַיעכ לעהעאָרל איוואנ״, — שריַיב שוין איַנגאנצן דעם גאָמען זיַינעם: „איוואנ זלאָדיי״. אָדער: „זע האקארעלנ שיַיעכ לעהאָא־רייליס יאוודאָכע די קארנאָסע״...

איז אָבער דער זיידע מוישע־יאָסיע — ס׳זאָל אים צו קיין כארפּע ניט זיַין אפּ יענער וועלט — געווען בימכילאס־קווידוי[2] א מוירעדיקער אקשן. אָט דאפּקע וויַיל זי וויל אזוי, וויל ער ניט. און ער איז געווען ניט איַנגאנצן אומגערעכט: א יידענע א קאליקע, ליגט אין בעט — און פארגינט זיך אזוי צו קאָמאנדעווען מיט א מאן, אים רופן „אלטער דורינ״ פאר די אייניקלעך אין די אויגן! ער איז דאָך עפּעס ניט קיין אבי־ווער — רעב מוישע־יאָסיע דעם האמארניקס! א ייד, וואָס זיצט יומאָם וואָליַילאָ אל האטוירא וועאל האָאווידאָ[3]. אָדער ער לערנט, אָדער ער דאוונט. היַינט פאסט ער אלע טאנייסים און אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, און קיין שטיקל פליַיש קומט גלאט ניט אריַין אין מויל אריַין צו אים א גאנצע וואָך, כוץ שאבעס און יאָמטעוו. אין שול קומט ער פריער פון אלעמען און גייט ארויס שפּעטער פון אלעמען. מאכט קידעש דעמלט, ווען אלע יידן שלאָפן שוין — וואָרטשעט זי טאקע, די באָבע גיטל, און בייזערט זיך. מיילע, פאר זיך ארט איר שוין ניט — זי איז שוין געוווינט געוואָרן צו הונגערן. אָבער אפּ די קינדער נעבעך, אפּ די יעסוימים, איז א ראכמאָנעס!

פון אלע קינדער די יעסוימים האָט דער זיידע מוישע־יאָסיע ליב געקריגן נאָר איינעם — שאָלעמען. טאקע א שקאָץ, א יינגל א ברען, דערפאר אָבער א גוט קעפּל. פון אים וואָלט געקאָנט זיַין א ליַיט, ער זאָל נאָר א ביסל מער וועלן זיצן מיטן זיידן אין זיַין כיידער־

1 דאָ געמיינט: ס׳קען אנדערש ניט זיַין.

2 געמיינט: זאָל ער מויכל זיַין.

3 זיצט טאָג און נאכט און לערנט „טוירע״ און דאוונט.

מעיוכעד, צווישן די פעלצן, און ניט האָבן קיין טעווע לויפן מיט באָסלאווער ייִנגלעך צום „ראָס", זען ווי מע כאַפּט פיש, אָדער אין וואַלד אַרײַן טרייסלען בארלעך, אָדער נאָך אַזעלכע קונ־דעסערײַען.

— דײַן טאַטע זאָל זײַן אַ מענטש — אַזוי האָט דער זיידע מיט אים אײַנגעטײַנעט — דײַן טאַטע זאָל ניט זײַן אָנגעשמעקט מיטן טאַ־נאַך און מיטן דיקדוק און מיט מוישע דעסעווער[1] און מיט די אי־בעריקע אפּיקאָרסישע גענג, וואָלט ער דיך אַלפי־יוישער באַדאַרפט איבערלאָזן דאָ בײַ מיר כאָטש אויף עטלעכע זמנים, וואָלט איך דיך מיט גאָטס הילף געמאַכט פאַר אַן ערלעכן ייִדן. עס וואָלט פון דיר אַרויס דער עמעסער כאָסיד מיטן עמעסן באַל־קאַבאָלע מיטן עמעסן ברען. און אַזוי וואָס וועט פון דיר זײַן? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ שייגעצל, אַ קנאַקער, אַ פּײַפּער, אַ יימאַכשמוי־ניק, אַ דער־רועך־וויסט־וואָס, אַ הולטײַ, אַ ראָשע־מערושע, אַ שמאַ־דילניק, אַ מעכאַלעל־שאַבעסניק, אַ טרייפניאַק, אַ פּוישע בעעלויקיי ייִסראָעל[2]!..

— מוישע־יאָסיע! טאָמער וואָלט געווען גענוג מוטשען אַ קינד?

„לאַנג לעבן זאָל די באָבע גיטל!" — טראַכט זיך דער אויסגע־לייזטער פונעם זיידנס הענט, אַף וועמען עס וואַרטן שוין באָסלא־ווער ייִנגלעך קונדייסים אין דרויסן.

פונדעסטוועגן זײַנען געווען מינוטן, וואָס דער זיידע מוישע־יאָסיע איז אים געווען אויך צום האַרצן, ליב און טײַער. איינמאָל האָט ער אים געטראָפן זיצנדיק מיטן טאַלעס־זאַק אונטער דער האַנט בײַ דער באָבע אין בעט. ער האָט זי עפּעס זייער שטאַרק געכאַפּעט, גערעדט שטילערהייט, געדונגען זיך און געבעטן בײַ איר נאָך געלט, און זי האָט ניט געוואָלט געבן מער. דאָס האָט ער זיך געדונגען ניט פאַר זיך — פאַר צדאָקע, פאַר זײַנע אָרעמע כסידים, וואָס אין קלויז, און זי האָט געטײַנעט איינס: „מע דאַרף ניט. זי האָט אירע אייגענע יעסוימים — אַף זיי איז מער ראַכמאָנעס"...

נאָך איין מאָל האָט ער געטראָפן דעם זיידן זיצן בײַ זיך אין ביידער־מעיוכעד, אָנגעטאָן אין טאַלעס־און־טפילן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן,

---

1 מוישע מענדעלסאָן (1729—1786) — אַ פילאָסאָף און אידעאַליסט. דער גרינדער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין דײַטשלאַנד.

2 אַ זינדיקער קעגן ייִדישן גאָט.

די אויגנ צוגעמאכט, עפּעס גאָר ניט בעהײַ-אלמע[1]. אונ אז ער האָט זיכ אופגעכאפּט, האָבנ בא אימ די אויגנ געשײַנט אונ געלויכטנ, אונ זײַנ מעגושעמדיק פּאָנעמ האָט אויסגעזעגנ שוינ ניט אזוי מעגושעמדיק. „די שכינע האָט אפּ אימ גערוט"... אונ ער האָט גערעדט ווי צו זיכ אליינ, אונ מיט א שמייכל אפּ די מוירעדיק גרויסע געדיכטע וואָנצעס:

— עדוימ[2] וועט ניט לאנג געוועלטיקנ... די יעשועס איז נאָענט, נאָענט, נאָענט!.. קומ אהער, מײַנ קינד, זיצ א ביסל, וועלנ מיר שמועסנ פונעמ קעצ[3], פונ מאָשיעכנ — וואָס וועט זײַנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ...

אונ דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט גענומענ דערציילנ פאר זײַנ אייניקל, וואָס וועט זײַנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ, מיט אזא היסלײַוועס, מיט אזויפיל היצ אונ מיט אזעלכע פלאמענדיקע פארבנ, אז דעמ אייניקל האָט זיכ ניט געוואָלט אָפּטרעטנ פונעמ זיידנ, אונ ניט ווילנדיק איז אימ געקומענ אפּנ זינענ זײַנ ערשטער אונ זײַנ בעסטער כאווער שמוליק. דער כילעק צווישנ די צוויי איז געווענ דער, וואָס שמוליק האָט גערעדט פונ אויצרעס, מעכאשפימ, פּרינצנ אונ פּרינצעסנס — אלצ פונ אזעלכע זאכנ, וואָס זײַנענ שײַעכ צו ד ע ר וועלט; אונ דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט מעוואטל געווענ ד י וועלט לעגאמרע אונ האָט זיכ אריבערגעטראָגנ אינגאנצנ, אינײנעמ מיטנ אייניקל, וואָס האָט אימ אויסגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אהינ, אפּ י ע נ ע ר וועלט, דאָרטנ, צווישנ סאמע צאדיקימ אונ מאלאָכימ אונ סראָפימ אונ קרוווימ, ניט ווײַט שוינ פונעמ קיסע-האקאָוועד[4] גאָר-גאָר נאָענט שוינ טאקע צו א י מ אליינ, צומ מעלעכ מאלכיי האמלאָכימ האקאָדויש-באָרוכ-הו[5]... דאָרטנ זײַנענ געווענ דער שאָר-האבאָר מיטנ ליוויאָסנ, אונ דער טײַערסטער בוימל, וואָס הייסט „אפּארסמוינ", אונ דער טײַערסטער ווײַנ, דער „יאיינ-האמעשומער", אונ צאדיקימ זיצנ אונ לערנענ אונ האָבנ האנאָע פונ דער שכינע אונ פונעמ „אויר האגאָנוז", פונ יענער ליכטיקײַט, וואָס בײַס גאָט האָט באשאפנ די וועלט, האָט ער געזענ, אז די מענטשנ זײַנענ ניט ראָוע צו אזא ליכטיקײַט, האָט ער עס איבערגעלאָזט אפּ לעאָסיד-

---

1 אפּ דער וועלט.

2 געמיינט: די אנדערע פעלקער, ניט יידנ.

3 דער סאָפּ, געמיינט: ווענ מאָשיעכ וועט קומענ (א רעליגיעזע פאָרשטעלונג).

4 גאָטס שטול.

5 געמיינט: גאָט.

לאָווי[1]... און האקאָדויש-באָרוך-הו אַליין, קאוועיאָכל, ביכוווידוי אוּוועאצמוי[2], שטייט און באדינט זיי, די צאדיקים, ווי א טאטע. און פון אויבן, פונעם הימל, לאָזט זיך אראָפּ פונקט אפן זעלבן אָרט, ווו דאָס אמאָליקע בייס-האמיקדעש איז געשטאנען, א נײַ בייס-האמיקדעש, פון סאמע גינגאָלד און פון די טײַערסטע שטיינער, דימענטן און בריליאנטן, און די קויהאנים דוכענען, און די לעווייִם זינגען, און דאָוויד-האמעלעך קומט ארויס אקעגן מיט א פידל און זינגט: „ראַ-נענו צאדיקים באדוינוי! באדוינוי!"...

דאָ הייבט אָן דער זיידע מוישע-יאָסיע זינגען אפּ א קאָל, צו-קנאקן מיט די פינגער, און די אויגן פארגלאָצט ער ארוף, און דאָס פּאָנעם לויכט אים, און אליין איז ער ניט בעהײַ-אַלמע: ער איז דאָרטן ערגעץ, ווײַט-ווײַט, אפּ יענער וועלט, אפּ יענער וועלט!..

41

א ייִד א פויגל

א מײַסע פון פארצײַטן. — וויאזוי ייִדן האָבן אמאָל געלעבט צווישן פריצים. — א טראגעדיע פון אן אָרעמען רענדאר.

מע באדארף אָבער ניט מיינען, אז דער זיידע מוישע-יאָסיע איז אלעמאָל געווען נאָר אפּ יענער וועלט, און אז ער האָט ניט גע-האט פאר זײַנע אייניקלעך צו דערציילן גאָרנישט פון דער וועלט. אָ! ער האָט געהאט זייער א סאך צו דערציילן פון אמאָליקע ייִדן, אמאָליקע כסידים, אמאָליקע באלע-קאבאָלע און אמאָליקע פריצים, לעהאוודל, ווי זיי האָבן זיך באגאנגען מיט די ייִדן.

איין מײַסע אזעלכע, וואָס ער האָט דערציילט פאר זײַנע אייניק-לעך, א מײַסע, ווי א ייִד איז אומגעקומען אפּ קידעש-האשעם, גע-דענקט זיך גאנץ באזונדער, און די דאָזיקע מײַסע ווערט דאָ איבער-געגעבן בעקיצער, ווײַל דער זיידע מוישע-יאָסיע איז געווען, ער זאָל מויכל זײַן, א גרויסער מײַריך[3] און האָט געהאט אָפּטמאָל אי-בערשפּרינגען פון איין איניען אפּן אנדערן און פארפאָרן מעכילע קיין בויבעריק.

---

1 אפּ שפּעטער, ווען מאָשיעך וועט קומען.
2 געמיינט: גאָט אַליין.
3 דער, וואָס רעדט לאַנג, צעצויגן.



שאָלעם-אליכעם אין דער צייט פון דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטעק"
(קיעוו, 27 אווגוסט 1889)

די מײַסע האָט זיך געטראָפֿנ שוינ לאנג, נאָך פאר זײַנ זיידנ, אָלעוו-אשאָלעמ, דעמ אלטנ האמארניק. פארוואָס האָט מענ אימ גערופֿנ „האמארניק"? ווײַל האמארני האָט געהייסנ דאָס דאָרף, ווו ער איז געזעסנ, געהאלטנ א מיל אינ דער ארענדע. אינ דעמ זעלבנ דאָרף איז געזעסנ נאָך א ייִד, מיטנ נאָמענ נויעך, געהאלטנ די קרעטשמע. געוועזנ איז דער נויעך א ייִד א טאמ, אנ אָדאָמ פּאָשעט, נאָר א גרויסער יערײ-שאָמאַימ, טאָג ווי נאכט געדאווענט אונ געזאָגט טילימ, אפּאָנעמ, א באל-טשוווע אונ א „ניסטער"[1]. די גאנצע טוערנ איז געווענ זי. זײַנ אוודע איז געווענ נאָר צאָלנ ראטע אינ הויפּ אונ דינגענ די קרעטשמע פֿונ איינ יאָר אפֿנ אנדערנ. קאָל-יאָמאָוו האָט ער מוירע געהאט, טאָמער וועט אימ עמעצער אויסדינגענ די קרעטשמע, וואָרעמ באלאָנימ זײַנענ געווענ א סאך, כאָטש פּארנאָסע האָט ער געהאט פֿונ דער קרעטשמע בעצימצעמ, קוימ־קוימ דורכגעקומענ, געווענ א באל-מעטופּל מיט קינדער.

ווײַהי האיוימ[2]—קומט ער צו גיינ איינמאָל צומ פּאָרעצ דינגענ די ארענדע אונ טרעפֿט א גוזמע געסט, א גאנצע סודע. נאָך דער סודע קלײַבט מענ זיך, קענאָהוג[3], נא פּאָליוואניע, אפֿ דער אָכאָטע הייסט עס. עס שטייענ שוינ צוגעגרייט פֿערד אונ קארעטעס אונ בריטשקעס אונ לינייקעס אונ הינט פֿונ קאָל-האמינימ, אונ די יעגערס מיט די גרויסע פֿעדערנ אונ מיט די פּײַפּלעך, קעיאד-הא-מעלעך[4]. אלצדינג, הייסט עס, פּארטיק ארומ אונ ארומ. „ניט געטראָפֿנ די גוטע צײַט,—טראכט זיך נויעך,—דער פּאָרעצ וועט ניט וועלנ ריידנ איצט פֿונ דער ארענדע". צומ סאָפֿ האָט ער א טאָעס געהאט. אופּגעשטאנענ מיט די געסט פֿונ טיש אונ געוואָלט זיך שוינ ארופֿ-זעצנ אפֿ די פֿערד, האָט דער פּאָרעצ דערזענ דעמ ייִדנ שטיינ אײַנ-געבויגנ בא א זײַט, אָפּגעריסנ קרוע-בלוע. מאכט ער צו אימ מיט א פּריי-לעך פּאָנעמ: „א? יאק סיע מאש פּאנ ארענדארזשי?—וואָס מאכט א ייִד א רענדאר?".. זאָגט אימ נויעך קאך וועקאך[5]: „אדויני פּאָרעצ, איך בינ געקומענ וועגנ דער קרעטשמע". צעלאכט ער זיך, דער פּאָ-

1 א פארבאָרגענער; דאָ געמיינט: א פארבאָרגענער צאדיק.
2 דאָ: טרעפֿט זיך איינמאָל.
3 ווי עס פּירט זיך.
4 ווי עס פּאסט פאר א קיניג.
5 אזוי אונ אזוי.

רעצ, ס׳איז געווען קעטויוו לייוו האמעלעכ באיאָיינ[1], שטארק אונטערנ גלעזל, אונ רופט זיכ אָנ צו אימ: „אפ וויפל יאָר ווילסטו דענ די קרעטשמע?“ זאָגט ער צו אימ: „ווענ וואָלט איכ געוואָלט אפ עטלעכע יאָר, נאָר אזוי ווי דער מינהעג איז בא דיר, יאסנאָוועלמאָזשניע פאנ הראביע...“ לאָזט אימ דער פּאָרעצ ניט אויסריידנ אונ מאכט צו אימ: „דאָבזשע, איצטיקס מאָל גיב איכ דיר אָפּ די קרעטשמע אפ דעמ אייגענעמ מעקעכ, וואָס אפ אלעמאָל, אפ א זמאנ פונ צענ יאָר. נאָר מיט איינ טנײַ: זאָלסט מיר זײַנ א פויגל“. קוקט אימ אָנ דער ייִד: „וואָס הייסט, איכ זאָל דיר זײַנ א פויגל?“ ענטפערט אימ דער פּאָרעצ: „גאנצ פּאָשעט, דו דארפסט ארופ, זאָגט ער, אפנ דאכ פונ אָט דער שטאל. זעסטו? דאָרטנ דארפסטו זיכ פארשטעלנ, זאָגט ער, פאר א פויגל, אונ איכ, זאָגט ער, וועל זיכ צילנ אינ דיר אונ פּרוּוונ טרעפנ גלײַכ אינ קאָפּ ארײַנ. האָסטו עס צעקײַט?“ ווערט א געלעכטער צווישנ די פּריצימ, אונ דער ייִד קלוימערשט לאכט אויכ. ער טראכט זיכ: „דער פּאָרעצ טרײַבט קאטאָוועס, גענומענ אנ איבעריק ביסל ווײַנ“... „נו? — פרעגט אימ דער פּאָרעצ. — איז דאָס געמאכט?“ טראכט זיכ נויעכ: „וואָס ענטפערט מענ אימ דערופּ?“ אונ טוט אימ א פרעג אפ טשיקאוועסט: „וויפל צײַט גיסטו אפ צו באטראכטנ זיכ?“ זאָגט אימ דער פּאָרעצ גאנצ ערנסט: „יעדנא מינוטא“ — איינ מינוט הייסט עס, מער ניט. „די ברײרע איז בא דיר, זאָגט ער. אָדער דו קריכסט ארופ אפנ דאכ אונ פארשטעלסט זיכ פאר א פויגל, אָדער מאָרגנדיקנ טאָג, זאָגט ער, ווערסטו ארויסגעוואָרפנ פונ דער קרעטשמע“. איז דאָכ אימ פּאָרכאָ נישמאָסוי געוואָרנ[2]. וואָס טוט מענ? מיט א פּאָרעצ שפּילט מענ זיכ ניט. אוביפּראט, אז יענער הייסט שוינ טראָגנ לייטערס — אפּאָנעמ, ס׳איז גאָר ניט קיינ קאטאָוועס? רופט ער זיכ אָנ נאָכאמאָל צומ פּאָרעצ: „אונ וואָס וועט זײַנ, טאָמער כאָלילע טרעפסטו טאקע?“ ווערט נאָכ א גרעסערער געלעכטער צווישנ די פּריצימ, אונ נויעכ בלײַבט שטיינ א צעטומלטער. ער ווייסט ניט, צי דער פּאָרעצ מאכט כויזעק, צי ער מיינט דאָס מיט אנ עמעס? זענ זעט עס אויס ווי אנ עמעס, וואָרעמ מע הייסט אימ די רעגע קריכנ אפנ דאכ, אָדער גיינ אהיימ אָפּרייניקנ די קרעטשמע. וויל ער שוינ גיינ אהיימ, דערמאָנט ער זיכ, אז ער איז א באל-מעטופּל מיט קינדער, הייבט ער

1 ווענ דער קייסער איז אופגעלייגט פונ א ביסל ווײַנ.

2 געמיינט: שיר ניט געשטאָרבנ.

אָנ זיכ בעטנ באמ פּאָרעצ, ער זאָל אימ געבנ כאָטש עטלעכע מינוט אפ אָפּצוזאָגנ ווידע. זאָגט אימ דער פּאָרעצ: „דאָבשזע, איכ גיב דיר נאָכ איינ מינוט אפ זאָגנ ווידע”. איינ מינוט? וואָס קאָנ א יִיד זאָגנ אינ איינ מינוט, אכוצ „שמא־יִיסראָעל”? אוביפראט, אז מע שטופּט אימ שוינ ארופ אפנ לייטער. זאָגט ער „שמא־יִיסראָעל” אונ „באָרוכ שיימ קוויד מאלכוסוי”, אונ נעמט קריכנ אפנ לייטער, אונ טרערנ גיסנ זיכ אימ. וואָס זאָל ער טאָנ? א גזיירע מינ האשאָמאִימ[1]. א באל־מעטופּל מיט קינדער. מיסטאמע איז אימ באשערט אומצוקומענ אפ קידעש־האשעמ. אונ עפּשער וועט נאָכ גאָט ראכמאָנעס האָבנ אונ טאָנ א נעס? דער אייבערשטער אז ער וויל — קאָנ ער! געווענ א גרוי־סער באל־ביטאָכנ. אמאָליקע יִידנ!

ארופגעקראָכנ אפנ שפּיצ דאכ, הערט ער ניט אופ צו לייענענ קרישמע שטילערהייט אונ צו וויינענ, גיסנ מיט טרערנ, אונ נאָכ אלצ ניט פארלוירנ אינגאנצנ דעמ ביטאָכנ אפ גאָט, טאָמער וועט דער אייבערשטער פּאָרט ראכמאָנעס האָבנ. אז דער אייבערשטער וויל — קאָנ ער! דער פּאָרעצ דערווײַל האָט קיינ צײַט ניט. הייסט ער אימ, ער זאָל שטיינ גלײַכ — שטייט ער גלײַכ. דערנאָכ הייסט ער אימ, ער זאָל זיכ אָנבייגנ — בייגט ער זיכ אָנ. ער זאָל צענעמענ די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזענ ווי א פויגל — זעט ער אויס ווי א פויגל... אונ דער פּאָרעצ — צי ער האָט עס טאקע געמיינט אפ אנ עמעס, אָדער ער האָט נאָר געטריבנ קאטאָוועס אונ דער אייבער־שטער האָט געמאכט אזוי, ס׳זאָל אויסקומענ אפ אנ ענעס — ער האָט אויסגעשאָסנ אונ געטראָפנ נויעכנ גלײַכ אינ שטערנ ארײַנ, אונ נויעכ איז אומגעפאלנ, ווי א געשאָסענער פויגל, אונ האָט זיכ אראָפּגע־קויקלט אראָפּ פונעמ דאכ. אונ נאָכ בעויסוי האִיומ[2] האָט מענ אימ געבראכט צו קייווער־יִיסראָעל. דער פּאָרעצ האָט אָבער געהאלטנ וואָרט. צענ יאָר קעסיידער האָט ער ניט גערירט די אלמאָנע פונ דער קרעטשמע, וויפל מע זאָל אימ ניט מויסעפ זײַנ אפ דער ארענדע — אמאָליקע פּריצימ!

אזעלכע שיינע מײַסעס פונ „אמאָליקע” יִידנ אונ פונ „אמאָליקע” פּריצימ האָט דער זיידע געהאט לאָרוויוו[3], אונ כעוורע וואָלטנ זיכ ניט

---

1 געמיינט: א באפעל פונ גאָט.

2 אינ דעמ זעלבנ טאָג.

3 א סאכ.

אָפּגעזאָגט זיי אויסהערן נאָכ און נאָכ, ווען דער זיידע מוישע-יאָסיע זאָל ניט האָבן קיין טעווע ארויסציִען פון יעדער מײַסע א מוסער-האסקל[1], אז מע באדארפ זײַן אן ערלעכער ייִד און האָבן ביטאָכן, און פּונעם מוסער-האסקל זאָל ער ניט ליב האָבן ארײַנפאלן גלאט אין מוסער ארײַן און נעמען שטראָפּן די קינדער, פארוואָס זיי גיבן נאָכ דעם יעיצערהאָרע, ווילן ניט דאווענען, ניט לערנען, ניט גאָט דינען, וואָלטן ווערלן טאָג ווי נאכט נאָר כאפּן פּישלעכ, אָדער רײַסן בארלעכ, אָדער גלאט שקאָצעווען מיט אלע באָסלאווער ייִנגלעכ, יימאכ שמאָמ וועזיכראָמ זאָלן זיי ווערן!

42

יאָמים־נויראָימ

דער באָסלאווער טײַכ „ראָס“. — דער באָסלאווער וואלד. — די באָסלאווער אלטע קלויז. — די באָבע גיטל שלאָגט מיט די אייניקלעכ קאפּאָרעס. — דער זיידע בענטשט זיי ערעוו־יאָמקיפּער און זײַנע אויגן זײַנען נאס.

עס איז שווער צו זאָגן, ווו איז געווען מער לעבן, מער פּאָעזיע — באמ טײַכ „ראָס“, אָדער אין באָסלאווער וואלד, אָדער אין דער אלטער קלויז? עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פון די דרײַ האָט געהאט אין זיכ א גרעסערן יעיצערהאָרע? באמ „ראָס“ — דאָרט איז א לעבן! דאָרט איז פריילעכ! דאָרט טרינקען אָן באלעגאָלעס זייערע פּערד; דאָרט שעפּן אָן וואסער-פירערס וואסער אין זייערע פּעסלעכ; דאָרט שטייען ווײַבלעכ און מיידלעכ, באָרועסע, מיט רויטע פּולקעס, און וואשן גרעט, קלאפּן און שפּריצן מיטן פּראטש, אזש פּונקען פליען; דאָרט באָדן זיכ, פּאָליאָסקען זיכ, לערנען זיכ שווימען און כאפּן פּישלעכ ייִנגלעכ אָן א שיר, טוען זיכ אויס צווישן די שטיינער, שפּרינגען אין טײַכ ארײַן — און אלע שרײַען, אלע פּילדערן: „זע, ווי איכ שווימ! זע, ווי איכ ליג אפּן רוקן! זע בעסער, ווי איכ גיי טריט-וואסער! זע, ווי איכ טוק זיכ! זע, ווי איכ מאכ בולבעס!“... אלע ריידן, אלע באווײַזן קונצן, אלע קענען. די פּערעיאסלאווער יעסוימים זײַנען זיי שרעקלעכ מעקאנע. איינער פון דער כעווריע גייט

[1] מאָראל.

צו א נאקעטער, ווי די מאמע האָט אים געהאט. אווּרעמל רופט מענ אים. א באָכערל שווארצ ווי א טאָטער, אויגנ בײַנקאָוואטע, א פּאָ- נעמ ווי א לאָקשנברעט, א נעזל ווי א פּאסאָליע. „וויִאזוי רופט מענ דיכ?" „שאָלעמ". „שווימענ קענסטו?" „ניינ". „וואָס זשע שטייסטו? קומ אהער, וועל איכ דיכ אויסלערנענ"... איר פֿארשטייט? ניט לער- נענ, נאָר א ו י ס ל ע ר נ ע נ! — דאָס איז גאָר אנדערע ווערטער.

ניט ווינציקער פּאָעזיע איז אינ וואלד. דער באָסלאווער וואלד איז ריַיכ אינ בארלעכ. די בארלעכ זיַינענ אפּילע הארט ווי שטיינ- דלעכ אונ זויער — עסיק! נאָר פֿאָרט בארלעכ. אונ קאָסטנ גאָרנישט. איר קאָנט איַיכ רײַסנ וויפֿל איר ווילט — העפֿקער! מע באדארפֿ נאָר קאָנענ דערלאנגענ. וואלד-בארלעכ וואקסנ הויכ. מוז מענ ארופֿקלע- טערנ ארופֿ אפֿנ בוימ אונ טרייסלענ דעמ בוימ מיט אלע קויכעס, אניט וועלנ די בארלעכ ניט פֿאלנ. אויסער בארלעכ זיַינענ אינ באָס- לאווער וואלד פֿאראנ ניסלעכ אויכ. האָזענע ניסלעכ. זיי ווערנ שפּעט פֿארטיק אונ זיַינענ באוואקסנ מיט א מינ שאָלעכצ — ביטער-גאל. אונ קיינ יאָדערנ זיַינענ אינ די ניסלעכ ניטאָ. זיי וועלנ ערשט אמאָל זיַינ. נאָר עס מאכט ניט אויס. פֿאָרט ניס. מע קאָנ אָנלייגנ פֿולע קעשענעס. דאָס, וואָס מע רײַסט אליינ, — איז אָנגעלייגט. אונ רײַסנ בארלעכ אונ טרייסלענ ניס באדארפֿ מענ קענענ. אווּרעמל קענ. אווּרעמל איז אפֿ אלצדינג א כוואט. איז א גוטער בעטעווע, א מעזעג- טאָוו[1], א מענטש אָנ א גאל. איינ כיסאָרנ נאָר, וואָס ער איז א קאפּצנס א ייִנגל. זיַינ מאמע איז אנ אָרעמע אלמאָנע אונ א קעכנ בא די יאמפּאָלסקיס. געווירע געוואָרנ דערפֿונ איז דער פֿעטער איציע אונ האָט עס באלד אָפּגעטראָגנ דער באָבע גיטל אינ אויער אריַינ. האָט די באָבע גיטל צוגערופֿנ דאָס אייניקל שאָלעמ צו איר בעט, אימ געשענקט א באר פֿונ אונטער דעמ קישנ אונ אָנגעזאָגט עטלעכע מאָל, ער זאָל זיכ ניט דערוועגנ מער באגעגענענ זיכ אונ זיַינ בא- קאנט מיט א ז ע ל כ ע ייִנגלעכ, ווי אווּרעמל, וואָרעמ טאָמער דער- וויסט זיכ דער זיידע מוישע-יאָסיע, אז זיַינע אייניקלעכ באגעגענענ זיכ מיט א ז ע ל כ ע ייִנגלעכ, וועט זיכ טאָנ כוישעכ!..

זיי איז גרינג צו זאָגנ „ניט באגעגענענ זיכ" — אז מיט דעמ אווּרעמלענ מוז מענ זיכ באגעגענענ כאָטש צוויי מאָל א טאָג, אינ- דערפֿרי אונ אפּדערנאכט — באמ קאדעש זאָגנ. אווּרעמל איז אויכ א

1 זייער א גוטער.

יאָסעם. ער זאָגט קאַדעש נאָך זײַנ טאַטנ אינ דער אַלטער קלויז. אַך, וויפל קאַדיישים דאָרטנ איז! אונ אַלע זאָגנ קאַדעש אינ מיזרעך!.. מױשע־יאָסיע דעם האַמאַרניקס אייניקלעך, אַז זיי זײַנענ געקומענ מיטנ זיידנ דאָס ערשטע מאָל אינ דער אַלטער קלויז, האָט זיי דער זיידע צוגעפירט גלײַך צום שאַמעס אונ האָט אים אָנגעזאָגט מיטנ האַרבנ וואָרט, אַז ער וויל, אַז זייער אָרט אָפּ זאָגנ קאַדעש זאָל זײַנ נעבנ אָמעד, וואָרעמ דאָס זײַנענ „טאַטנס קינדער"... דער שאַמעס, אַ זאָקנ מיט אַנ אויסגעבויגענעמ רוקנ אונ מיט אַלטע טראַכאָ-מעדיקע אויגנ, וואָס זעענ אויס ווי אַרומגעלײאַמעוועט מיט רויטנ, האָט אויסגעהערט דעמ זיידנ מיט דערעכערעצ, ניט געענטפערט קיינ וואָרט, אַרײַנגעכאַפּט אינ נאָז אַ רעכטנ שמעק טאַבעקע, גיך אָפּגעטרייסלט די פינגער אונ אונטערגעטראָגנ אויך דעם זיידנ דאָס פּושקעלע, אַ קלאַפּ געגעבנ מיטנ נאָגל איבערנ דעקל אונ מעכאַבעד געווענ אים מיט אַ שמעק טאַבעקע אָנ ווערטער. דאָס האָט באַדאַרפט הייסנ: „גוט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זײַנענ טאַטנס קינדער, זײַנענ זיי שוינ, זײַט זיכער, באַ מיר דאָס שוואַרצאַפּל פונעמ אויג, וואָס איז שײַעך!"...

די באָסלאַווער אַלטע קלויז האָט געהאַט אינ זיך אַזאַ קויעך, אַז די פּערעיאַסלאַווער יעסוימימ, ווי מע האָט זיי דאָרט גערופנ, האָבנ זיך צוגעבונדנ צו איר, גלײַך ווי זיי וואָלטנ דאָרט געבוירנ אונ אויפ-געצויגנ געוואָרנ. אַלצדינג האָט באַ זיי אויסגעזעענ מוירעדיק גרויס אונ שיינ אונ הייליק. אָפּ אַלצדינג איז געלעגנ אַ באַזונדער כסימע פונ אַלטער שיינקײַט, פונ פאַרגאַנגענער גרויסקײַט, פונ פאַרצײַטיקער הייליקײַט — אַ שטיק בייס-האַמיקדעש.

נאָר אויב די באָסלאַווער אַלטע קלויז האָט אויסגעזעענ באַ די פּערעיאַסלאַווער יעסוימימ אינ אַלע טעג פונ אַ גאַנצ יאָר ווי אַ שטיק בייס-האַמיקדעש, איז זי צו יאָמימ-נוירעאָימ, צו דאָשעשאָנע אונ יאָמ-קיפּער, געוואָרנ פאַר זיי טאַקע אַ גאַנצער בייס-האַמיקדעש. זיי האָבנ נאָך קיינמאָל אַזויפיל ייִדנ ניט געזענ אונ האָבנ נאָך קיינמאָל אַזאַ דאַווענענ ניט געהערט. דאָס איז געווענ אַ מישמאַש פונ אַלערליי מי-נימ כסידימ אונ כאַבאַדניקעס[1], וואָס האָבנ באַמ דאַווענענ אײַנגעלייגט די וועלט, געפּאַטשט מיט די הענט, געקנאַקט מיט די פינגער אונ געזונגענ מאָדנע ניגונימ, געברומט אונ געבאָמקעט אונ מיטאַמאָל

[1] אַ כסידישע סעקטע.

פארגאנגענ זיכ אונ פארדווייקעט[1] זיכ אפ עטלעכע מינוט, אונ ווידער גענומענ זינגענ אונ ברומענ אונ באָמקענ אונ קנאקנ מיט די פינגער. פאר די פערעיאסלאווער יעסוימים איז אזא מינ דאווענ געווענ א נײַס, א גאנצער ספעקטאקל. נאָר שענער פונ אלצ איז געווענ דאָס, וואָס דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט מיט זײַנ דאווענ איבערגעשטיגנ אלע דאווענער פונ דער אלטער קלויז. ער איז געווענ ניט קיינ כא-באדניק, נאָר גלאט א מאָדנער כאָסיד מיט אייגענע גענג, אייגענע מינהאָגים אונ אייגענע מעשוגאסנ. ער האָט זיכ פארגונענ בלײַבנ אינ קלויז שאבעס אונ יאָמטעוו לאנג-לאנג נאָכ אלעמענ. דער פעטער איציע, וואָס האָט געווינט אינ דער אנדערער האלבער שטוב, האָט שוינ געהאלטנ אינ עסנ, פונ אויוונ האָט זיכ געלאָזט הערנ א רייעכ פונ געפילטע פיש אונ יאָמטעוודיקע מײַכאָלים, עס האָט געקלעמט דאָס הארצ אונ אזש דערלאנגט ביזנ לעפעלע — אונ דער זיידע האָט נאָכ אלצ געדאוונט, געזונגענ אונ געבאָמקעט. די באָבע גיטל האָט עטלעכע מאָל בישטיקע[2] אונטערגערוקט די אייניקלעכ, כײַע-עסטערס קינדער, צו שטיקלעכ לעקעכ — ס'זאָל זיי ניט איבערכאלעשנ דאָס הארצ, אונ א זאָג געגעבנ צו זיי מיט א געלעכטער: „איר וועט שוינ געדענקענ, ווענ איר האָט זיכ ארײַנגעכאפט צווישנ מעשוגאָיִם"...

דער פעטער איציע דערווײַל האָט שוינ אָפּגעגעסנ אונ אָפּגע-בענטשט, ארײַנגעשטעקט דעמ קאָפּ פונ דער אנדערער האלבער שטוב: „ניטאָ דער טאטע? כא-כא!" לוי-דײַ ער האָט אָפּגעגעסנ, לאכט ער נאָכ!.. קוימ מיט צאָרעס, גאָט האָט ראכמאָנעס געהאט — דער זיידע איז שוינ דאָ! ארײַנגעפלויגנ, שלעפנדיק די רעזעווולקע מיט די ארבל אפ דער ערד, איז ער מיט א ברייטנ גוט-יאָמטעוו, אונ גלײַכ צומ קידעש-מאכנ, אָבער מיט אזעלכע קוילעס, אז די גאנצע גאס האָט געמוזט הערנ.

— צוליב די קינדער, צוליב די יעסוימים נעבעכ, וואָלסטו, דאכט זיכ, געמעגט אמאָל פארבייגנ דײַנע מעשוגענע שטיק אונ מאכנ עס בעקיצער? — האָט אימ די באָבע פירגעהאלטנ. נאָר ס'איז געווענ ארויס-געוואָרפנ. ער האָט ניט געהערט. ער איז נאָכ אלצ געווענ פארדווײ-קעט אונ ארײַנגעטאָנ אינ די אוילעמעס-האָעליוינימ[3], מיט איינ האנט

1 ארײַנגעפאלנ אינ עקסטאז.

2 שטילערהייט.

3 געמיינט: וועלטנ, וואָס האָבנ ניט קיינ שײַכעס צו ד ע ר וועלט.

געגעסן, מיט דער אנדערער געמישט עפּעס אַן אַלטן סייפער, און, שאָקלענדיק זיך פון דער גרינג, אַרײַנגעקוקט אַהין מיט איין אויג, מיטן אַנדערן אויג געכאַפּט אַ קוק אויף די אייניקלעך און געזיפצט, שטאַרק געזיפצט. דאָס זיפצן איז געווען טאַקע אויף די אייניקלעך די יעסוימים, וואָס זייערע נעשאָמעס ליגן אין גאַשמיִעס[1], האָבן אין זינען די אַכילע, גיבן נאָך דעם יעיִצערהאָרע מיט אַלע זײַנע טײַוועס... נאָכן עסן האָט ער זיי דאָס פֿירגעהאַלטן, געזאָגט אַ היפּשע ביסל מוסער, געזעגנט, ס'זאָל זיי אויספאַלן באָקאָם דער פרישער קוילעטש מיט די געפּילטע פיש מיטן זיסן פּאַסטערנאַק-צימעס מיט די אַלע איבעריקע יאָמטעוודיקע מײַכאָלים, וואָס די באָבע גיטל האָט, ליגנדיק אין בעט אַ געליימטע, נאָר מיט איר סייכל געקאָנט צוגרייטן אַל צאַד האַיויסער טויוו[2].

דאָס איז געווען ראָשעשאָנע. ערעוו-יאָמקיפּער איז געווען נאָך שענער. דער ערעוו-יאָמקיפּער האָט זיך אויסגעפּײַנט אין באָסלאַוו באַם זיידן מוישע-יאַכיע מיט צוויי זעלטענע צערעמאָניעס, וואָס האָבן געמאַכט אויף די יעסוימים אַ באַזונדערן אײַנדרוק. די ערשטע צערעמאָניע איז געווען דאָס שלאָגן קאַפּאָרעס מיט אַ נאַכט פֿריִער פאַר ערעוו-יאָמקיפּער. שלאָגן קאַפּאָרעס האָבן זיי געשלאָגן אין דער היים אויך, נאָר דאָ, אין באָסלאַוו, איז געווען אַן אַנדער מין קאַפּאָרעס-שלאָגן. די באָבע גיטל האָט גענומען די דאָזיקע מיצווע אויף זיך. זי, הייסט עס, האָט געשלאָגן מיט איר כײַע-עסטערס יעסוימים קאַפּאָר ס. זיצנדיק אַ געליימטע אין בעט, האָט זי צוגערופן די גאַנצע כאַליאַסטרע צו זיך, געגעבן יעדן זײַן קאַפּאָרע, די ייִנגלעך צו העֿנער און די מיידלעך צו היִנער, געעפנט איר גרויסן סידער און אָנגעוויזן מיט אירע אויסגעדרייטע פיִנגער אויפן „בניי-אָדאָם“[3]. די עלטערע האָבן דעם „בניי-אָדאָם“ געזאָגט אַליין, און מיט די קלענערע, מיט די מיידלעך, האָט די באָבע געזאָגט דעם „בניי-אָדאָם“ וואָרט באַ וואָרט און הויך אויף אַ קאָל און מיט אַ ניגן: „בניי-אָדאָם יוישווי כוישעך וועצאַלמאָוועס! אַסירײ אָני אוּוואַרזעל!“... און געוויינט בייסמײַסע אַזוי, ווי מע קאָן וויינען נאָר סײַדן אויף אַ טויטן. און ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען צו דער ייִנגסטער פון די יעסוימעלעך,

---

1 זאַכן, וואָס באַפרידיקן די קערפּערלעכע באַדערפענישן.

2 אויפן בעסטן אויפן.

3 די טפילע, וואָס מע זאָגט באַ קאַפּאָרעס-שלאָגן.

צום מיידעלע, וואָס איז אלט קוים א יאָר, האָט די באָבע שיר געכאלעשט פאר געוויינ! אפּ איר קוקנדיק, האָבנ זיכ די קינדער אויכ צעוויינט, אונ אפּ זיי קוקנדיק — אויכ די עלטערע, אונ ס׳איז געוואָרנ א יעלאָלע מיט סאקאָנעס-נעפּאָשעס. איג יענעם ביטערנ שאָבעס, בייס די מאמע זייערע איז געלעגנ מיט שווארצנ איבערגעדעקט אפּ דער ערד, האָבנ די יעסוימים קיינ צענטכיילעק אפּילע ניט געוויינט, ווי אצינד, בא דער באָבעס „בנײ-אָדאָם”.

די צווייטע צערעמאָניע איז געווענ אפּ מאָרגנ, ערעוו-יאָמקיפּער, נאָכנ קומענ פונ דער אלטער קלויז, ווו כעוורע האָבנ באקומענ לעקעכ פונעם גאבע-רישנ[1] פולע קעשענעס. דער זיידע מוישע-יאָסיע האָט נאָכ נעכטנ אָנגעזאָגט, באלד נאָכ קאפּאָרעס-שלאָגנ, אז די קינדער זאָלנ נאָכנ דאוונענ אינדערפרי, לעמאנאשעם, קומענ צו אים זיכ בענטשנ.

מאָדנע יאָמטעוודיק אָנגעטאָנ אונ יאָמטעוודיק געשטימט איז געוועג דער זיידע מוישע-יאָסיע. אפּ דער אלטער צעהאקטער אטלעסענער קאפּאָטע האָט ער געטראָגנ א מאָדנע מינ טיזליק פונ א מאָדנע מינ הארטנ שרײַענדיקנ שטאָפּ, וואָס מע קריגט שוינ ניט הײַנטיקע צײַטנ אינערגעץ, מע זאָל וועלנ באצאָלנ דערפאר מײַעדייע וויפל. אפנ קאָפּ האָט ער געטראָגנ א שטרײַמל מיט א סאכ עקנ, אונ אפנ אָפּענעם האלדז — א ברייטנ קלאָר-ווײַסנ קאָלנער מיט צוויי שפּיצנ. אפּ דער קאפּאָטע — א בײַגארטל א ברייטנ מיט לאנגע קאָטעסנ מיט באָמבעלעכ. די מוירעדיק ברייטע וואָנצעס מיט די מוירעדיק געדיכטע גרויסע ברעמענ האָבנ איצטיקס מאָל אויסגעזענ ניט אזוי בייז, ווי אלעמאָל, אונ דאָס גאנצע פּאָנעם האָט אויסגעזענ בא אים איצטיקס מאָל ווייכ, מויכלדיק ווייכ, אונ גאָר פרײַנטלעכ.

— קומט אהער, קינדער, וועל איכ אײַכ בענטשנ! — האָט ער יאָמטעוודיק ברייט ארײַנגערופנ די יעסוימים צו זיכ אינ זײַנ ענגנ פינצטערנ כיידערל מיט די פעלצנ, ארופגעלייגט אפּ יעדנ פונ זיי ביידע הענט מיט די ברייטע ארבל פונ זײַנ אטלעסענער קאפּאָטע, צוגעמאכט די אויגנ, פאריסנ דעם קאָפּ ארופּ אונ געזאָגט, אונ געזאָגט, אונ געזאָגט עפּעס שטילערהייט, אונ שטארק געזיפצט אונ געקרעכצט. אונ אז ער האָט אָפּגעזאָגט, האָבנ די יעסוימים אים א קוק געגעבנ אינ פּאָנעם, האָבנ זיי דערזענ זײַנע אויגנ לויכטנ, נאָר זיי זײַנענ רויט, די ברעמענ נאָס, אונ די וואָנצעס נאָס, אונ די באָרד נאָס — נאָס פונ טרערנ.

1 דער עלטסטער (ערשטער) גאבע.

סוקעס

א בעשוטפעסדיקע סוקע. — דער זיידע דאַוונט, און די קינדער ווילן עסן. — סימכאַסטוירע איז דער זיידע זיך מעסאַמייעך מיט דער שכינע.

דאָס ערשטע פּלעקל פון דעם זיידנס מוישע-יאָסיעס סוקע איז אַריינגעשלאָגן געוואָרן, פאַרשטייט זיך, מאַצע-יאָמקיפּער, טייקעף נאָכן אָפּפאַסטן זיך. געבויט האָט די סוקע דער פעטער איציע, און די יעסוימים האָבן אים אונטערגעהאָלפן. נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבן אייצעס, ווי אַן אויבער-אַרכיטעקטאָר: „דאָס אַהער!" „דאָס אַהין!" „דאָס וועט אַריין!" „דאָס וועט ניט גיין!" נאָך מער קונצ — וואָס דער זיידע מיטן פעטער ריידן ניט צווישן זיך קיין וואָרט. באַרויגעז. די באָבע האָט דערפון יעסורים: א בעניאָכיד, דער איינציקער קאַדעש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, און רעדט ניט מיטן טאַטן — ווו האָט מען געהערט אַזא רעציכע?..

אין דער בעשוטפּעסדיקער סוקע זיינען געשטאַנען גרייט צוויי טישן, פאַרן זיידן באַזונדער און פאַרן פעטער באַזונדער. אַף יעדן טיש איז געווען צוגעגרייט באַזונדער וויין אַף קידעש, באַזונדערע כאַלע, באַזונדערע לייכטער מיט ליכט. די מומע סאָסיע האָט זיך גע-בענטשט ליכט בא איר טיש, און די באָבע גיטל האָט מען אַרויס-געטראָגן מיטן בעטל, זי זאָל בענטשן ליכט בא איר טיש. דערנאָך איז געקומען צו גיין דער פעטער איציע פון קלויז און געמוזט וואַרטן ביז דער זיידע וועט אַמאָל דערמאָנען זיך קומען און מאַכן דעם ערשטן קידעש. מע קאָן דאָך ניט זיין אַזוי גראָב קעגן א טאַטן — קיבעד-אָוו! אַלע ווילע איז דער פעטער איציע אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און אַריינגעקוקט אין סוקע אַריין, און אַלעמאָל מיט אן אַנ-דער אויסרייד: „ניטאָ נאָך?"... „הייַנטיקס יאָר שפּעטער ווי אַלע יאָר בא די כסידים!"... „המ... אָט באַלד גייען אויס די ליכט און מע וועט דאַרפן עסן אין דער פינצטער"... אַפן פעטער איציע האָבן די קינדער דערלעבט א נעקאָמע: א האַרטער ייִד, אָן א נעשאָמע — לאָז ער אויך וויסן, וואָס הייסט זיין הונגעריק!..

נאָר אָט איז געקומען דער זיידע מיטן טיזליק, אָפּגעגעבן דעם ברייטן גוט-יאָמטעוו, אַרויסגעקריגן דעם יאַנקעוו עמדינס סידער, א קורצער סידער, נאָר א גראָבער, א געפּאַקטער, און אַוועקגעזעצט

זיך זאָגן די אושפּיזין[1], און האָט געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט... און פון קיך האָבן, ווי אַף צולאָכעס, זיך געלאָזט הער די פיש מיט זייער געפעפערטן געפּילעכץ, און די פרישע צוגעברוינטע כאלעס האָבן זיך געררייצט: „אונדז, אז איר'ט אײַנטונקען אין דער הייסער פיש-יויך, וועט איר פילן דעם עמעסן טאם-גאניידן"... און דער זיידע, מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס, טוט זיך זײַנס: ער זאָגט! די ליכט אין סוקע לעשן זיך — און ער זאָגט! די קינדער כאלעשן עסן, גייען אויס שלאָפן — און ער זאָגט! מיטאמאָל האָט דער זיידע זיך געגעבן א כאַפּ אוף, צוגעלאָפן צום טיש און געגעבן א לייג אוועק דעם יאָמטעוודיקן קידעש, איז געוואָרן א ליכט אין די אויגן. נאָך אים — דער פעטער איציע בא זײַן טיש. נאָכן פעטער איציען — כײַעסטערס יעסוימים, איינציקווײַז, און די באָבע גיטל בייס-מײַסע האָט געלאָזט א טרער — האקיצער, עס האָט נאָך לאנג גענומען, ביז מע האָט דערלעבט אײַנטונקען די האמויצע אין האָניק און דערזען זיך מיטן שטיקל פיש און דערפילן דעם פעפער אפן שפּיץ צונג...

דאָס איז געווען די ערשטע טעג סוקעס. די אנדערע טעג סוקעס איז געווען נאָך ערגער. אזוי אז סימכאסטוירע אפדערנאכט האָט שוין דער פעטער איציע ניט געקאָנט אויסהאלטן. ער האָט ארײַנגערופן די פערעיאסלאווער יעסוימים צו זיך און האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איר ווילט זען א שיינע זאך? טאָ גייט זיך דורך אין קלויז ארײַן, וועט איר עפּעס אָנקוקן...

לאנג בעטן האָט מען זיי ניט באדארפט. מע האָט זיך גענומען פאר די הענט און מע איז אוועק. אין גאס איז געווען כוישעך-פינצטער. אלע יידן זײַנען געזעסן אין די הײַזער און געגעסן. אלע שולן זײַנען שוין געווען געשלאָסן און שטאָק-פינצטער. נאָר אין דער אלטער קלויז האָט זיך נאָך געלײַכט. שטיל האָבן כעווריע אופגעעפנט א שטיקל טיר, ארײַנגעקוקט און דערזען אזעלכעס, וואָס זיי האָבן ניט געגלייבט זייערע אויגן. אין דער גאנצער קלויז איז געווען מער ניט ווי איין מענטש — דער זיידע מוישע-יאָסיע, אין א טאלעס, מיט רעב יאנקעווס עמדינס סידער אין איין האנט און מיט א סייפער-טוירע אין דער אנדערער האנט. צוגעטוליעט די סייפערטוירע צום הארצן, איז ער ארומגעגאנגען ארום באלעמער מיט פּאוואָליעדיקע טריט, געזאָגט אַפ א קאָל, ווי א כאזן, די האקאָפעס: „אויזער דאלים, הוישיאָ-נאָ!"...

---

1 א געבעט, וואָס מע זאָגט באַם ערשטן ארײַנקומען אין סוקע.

אַפּ די קינדער איז אָנגעפאַלן אַ פּאַכעד מיט אַ געלעכטער אי־ניינעם, און זיי האָבן זיך גענומען באַ די הענט און זיך געלאָזט לויפן אין איין אָטעם צוריק אַהיים.

— נו? וואָס׳ט איר געזען? איאָ, אַ שיינס?..

מיט די ווערטער האָט זיי באַגעגנט דער פעטער איציע, און בייס־מײַסע האָט ער געלאַכט, נאָר די אויגן האָבן געטרערט. און די קינדער האָבן געוואָרפן אַן אומכיין. ניט אַפן זיידן — ניין, נאָר אַפן פעטער איציע.

דערפאַר אָבער האָט זיך אַפּ מאָרגן, סימכאַסטוירע, די דעקאָראַציע אינגאַנצן איבערגעביטן. דעם זיידנס מוישע־יאָסיע איז געווען ניט צו דערקענען. די קינדער געדענקען נאָך פון דער אַלטער היים, פון וואָראָנקאָ, וואָס פאַר אַ סימכע ס׳איז געווען, אַז ס׳איז געקומען סימכאַסטוירע. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען שיקער־לאָט. פונעם ראָוו ביזן פּריסטאַוו, לעהאַוודל, האָבן אַלע געטרונקען בראַנפן, גע־הוליעט, געטאַנצט און געמאַכט אַזעלכע אָנשטעלן, וואָס מע האָט באַדאַרפט שטאַרבן פאַר געלעכטער.

אויך אינעם האַלב־גוייִשן פּערעיאַסלאַוו איז סימכאַסטוירע געווען סימכאַסטוירעדיק. אַפילע אַזאַ ייִד, ווי דער פעטער פיניע, איז געווען שיקער־לאָט און געטאַנצט אַ קאָזאַק. מע האָט באַדאַרפט גיין אַפּ כידושים קוקן, ווי אַ ייִד אַ כאָסיד מיט אַ לאַנגן טאַלעסקאָטן טאַנצט אַ קאָזאַק! פון דאָדיע קאַהאַנאָוון שמועסט מען ניט. ראָדיע, אַז ער האָט זיך אָנגעשיקערט, האָט ער געזידלט די גוטעפּרײַנט, אויסגע־וואָרפן זיי וואָס אין דער קאָרט, קלוימערשט אין גוטן מוט, קושנ־דיק. מע האָט זיך אַרײַנגעריסן צו יענעם אין שטוב מיט אַ גוט־יאָמטעוו, אַרויסגעשלעפּט פון אויוון וואָס ס׳איז געווען, פון קעלער אַרויסגעטראָגן די זויערע אוגערקעס, און בראַנפן האָט זיך געגאָסן אַ ווי ווי וואַסער. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן יענע אַלע סימכאַס־טוירעס געהאַט אַקעגן דעם סימכאַסטוירע, וואָס די פּערעיאַסלאַווער יעסוימים האָבן בײַגעוווינט דאָ, אין דער ייִדישער שטאָט באָסלאַוו? די הײַזער, די גאַכן, די שטיינער פון די גאַסן — אַלץ, אַלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרייט זיך. ניט נאָר עלטערע ייִדן — ייִנגלעך זײַנען געווען שיקער, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מע דאַרף ניט מער ווי דער פעטער איציע, אַ ייִד אַ שטילער, אַ ווילדער באַל־מאָרעשכוירע, — איז ער אויך געווען בעגילופן, פאַרלייגט די פייעס אַפּ יענער זײַט אויערן, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און גע־

גאנגען א דײַטש! נאָר דאָס אלץ איז געווען א גאָרנישט אקעגן דעם, וואָס עס האָט ארויסגעוויזן אין יענעם טאָג דער זיידע מוישע-יאָסיע. אויסגעטרונקענע האָט ער בעסאכאקל איין גלעזל בראנפן מיט א האלב גלעזל ווײַן. נאָר שיקער איז ער געווען, ווי אכציק שיקורים מיטאמאָל קאָנען אזוי ניט זײַן שיקער, און ארויסבאוויזן אזעלכע גוווּרעס, אז די גאנצע שטאָט האָט מיט אים געקלונגען:

— וואָס זאָגט איר צו מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס!

— גייט, וועט איר זען, וואָס מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס טוט!

און מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס האָט ניט געטאָן גאָרנישט. ער איז נאָר ארומגעגאנגען אין די גאסן און געטאנצט. און נאָך וויאזוי געטאנצט! געטאנצט און געשפרונגען, געפליעסקעט און גע-זונגען. און ניט אליין האָט ער געטאנצט, נאָר אינצווייען — מיט דער „שכינע”, מיט האקאָדויש-באָרוך-הו... צענומען א פאטשיילע און געהאלטן בא איין עק — באם אנדערן עק האָט באדארפט האלטן די „שכינע” — און געדרייט זיך, ווי מע דרייט זיך מיט א קאלע, געמאכט פארשיידענע טרים: אהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס, און אזוי קעסיידער, דעם קאָפּ פארריסן ארוף, די אויגן געהאלטן צו, אפן פּאָנעם אויסגעגאָסן א גליקלעך שמייכל, צוגעקנאקט זיך מיט די פינגער, געהעפעט און געזונגען אלעמאָל שטארקער און שטארקער:

מוישע סאָמאך בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאָם, הײַ-דא!
סיסו וועסימכו בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאָם, דאָם-דאָם-דאָם!
הײַ-דא, דרי-דא-דא!
טויראס-מוישע, הא!..

וואָס ווײַטער איז דער עולם געוואָרן אלץ גרעסער און ענגער. וויפל יינגלעך ס'איז געווען אין שטאָט, זײַנען זיי ארויס אפּ דער גאס מעקאבל-פּאָנעם זײַן מוישע-יאָסיע דעם האמארניקס, זען, ווי ער טאנצט און דרייט זיך, זינגט און פּליעסקעט. יינגלעך שקאָצים האָבן אים געמאכט א הורא, געהאָלפן אים זינגען זײַן סימכאסטוי-רעדיקן ניגן, און די פענעמער פון זײַנע פערעיאסלאווער אייניקלעך האָבן געפלאמט פאר בושע. און ער, דער זיידע מוישע-יאָסיע, זאָל

דאָס אפּ עמעצנ אפילע א קוק טאָנ! ער טוט זיכ זײַנס: ער גײט זיכ מיט זײַנ געליבטער שכינע א פריילעכס. איינ עק פאטשיילע האלט ער, דעמ אנדערנ האלט האקאָדויש-באָרוכ-הו, אונ ער שמייכלט אונ קנאקט מיט די פינגער, טאנצט אונ הײפּעט אונ זינגט שטארקער אונ שטארקער:

מוישע סאָמאכ בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאָמ, הײַ-דא!
סיפּו וועסימכו בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאָמ, דאָמ-דאָמ-דאָמ!
הײַ-דא, דרי-דא-דא —
טויראס-מוישע, הא!..

44

אויס יאָמטעוו — צוריק אהיימ

איינטריגעס אונ פּליאָטקעס צווישנ דער מישפּאָכע. — די קינדער ווערנ אויס מעיוכאָסימ אינ באָסלאוו. — עס ציט זיי צוריק אהיימ.

שווער אפּנ הארצנ, אומעטיק אפּ דער נעשאָמע אונ שטארק-שטארק וואָכעדיק איז געוואָרנ די קינדער אפּ מאָרגנ נאָכ יאָמטעוו, אז מע האָט גענומענ צעוואלגערנ די סוקע. אָנ א טראָפּנ ראכמאָנעס האָט דער פעטער איציע (א מענטש אָנ א הארצ!) קוידעמקאָל ארומ-געריסנ די ווענט, אראָפּגעריסנ דעמ סכאכ, צענומענ די ברעטער, מיט אנ אומגעהייערער רעציכע ארויסגעשלעפּט די טשוועקעס (וואָס האָט ער געהאט צו די טשוועקעס?). נאָר די פיר סטויפּעס האָט ער געלאָזט שטיינ — אונ דאָס איז געווענ א סאכ ערגער, וואָרעמ די פיר הוילע סטויפּעס האָבנ געזאָגט איידעס אפּנ כורבנ, געקלאָגט אונ באקלאָגט זיכ: „זעט, יידישע קינדער, וואָס פונ א יידישער סוקע קאָנ ווערנ!"... די יידנ, וואָס ערשט נעכטנ זײַנענ זיי געווענ שיקער-לאָט, געטאנצט אונ געפּליעסקעט אונ געמאכט זיכ נאריש ווי קינדער, זײַנענ מיט-אמאָל געוואָרנ אלע ניכטער, כטאטעטשנע אונ קימאט זיכ געשעמט קוקנ איינס דאָס אנדערע אינ די אויגנ ארײַנ. א מאָדנער אומעט האָט ארומגענומענ די שטאָט, א זעלטענע מאָרעשכוירע האָט זיכ אָנ-גערוקט אפּ באָכלאוו. אונ אומעטיקער אונ טרויעריקער פונ אלע זײַ-

נען געוואָרן די קינדער, די פּערעיאַסלאַווער יעסוימים. וואָרעם קאָלזמאַן די קינדער זײַנען נאָך געווען געסט, האָבן זיי זיך געפילט ניט שלעכט אין דעם באָסלאַוו, נאָר וואָס ווײַטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ מער געווירע ווערן, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק. דער זיידע מוישע־יאָסיע איז זיך געזעכן בעיעכידעס[1] אין טאַלעס־און־טפילן אַף די פּעלצן, אָדער געדאַוונט, אָדער געלערנט, אָדער געבאָמקעט, צוגעקנאַקט מיטן פינגער, אָדער געזיפצט און שטילערהייט גערעדט מיט גאָט, אָדער דערציילט פאַר די קינדער זײַנע שיינע מײַסעס פון אַמאָל, אָדער געזאָגט מוסער, פאַרוואָס זיי זײַנען ניט פרום, ווילן ניט גאָטדינען, פאַרלענגערן דערמיט דעם קעץ, דורך זיי קומט ניט מאָשיעך און דורך זיי לײַדן נעבעך ייִדן אין גענעם און טויזנטער־טויזנטער נעשאָמעס קאָנען ניט געלײַטערט ווערן... דאָס אַלצדינג האָבן די קינדער שוין געהערט וויפל מאָל אין כיידער פון זייער רעבן, אין דער היים פון דער באָבע מינדע און פון גלאַט ייִדן, וואָס האָבן ליב זאָגן מוסער און סטראַשען מיטן גענעם, און דאָס אַלצדינג האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסן. זיי איז געווען אַ סאַך מער אינטערעסאַנט צו זען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָ בײַ זייער זיידן מוישע־יאָסיע מיט דער באָבע גיטל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זײַנען דאָרטן געווען אינטריגעס מיט סוידעס, מיט שושקעבײַען, מיט רעכילעסן. דער פעטער איציע מיט דער מומע סאָסיע האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך אַף דער באָבע גיטל, אַז ס'איז שווער בײַ איר אַ גראָשן אַרויסצובאַקומען פון אונטער די קישנס, און אַפן זיידן, אַז ער איז שוין צו פרום, אַזוי פרום, אַז ער איז שוין איבערוואָרבאָטל... „שוין צו אַלט" — האָבן זיי געטײַנעט שטילערהייט, מאָדנע דערבײַ געשמייכלט און צונויפגענומען די ליפּן... און די באָבע גיטל האָט זיך באַקלאָגט אַף איר שנור און אַף איר בענייאָכיד, אַז זיי גיבן איר ניט אָפּ קיין קאָוועד, ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקן שוין אַרויס — זי ווייסט עס גאַנץ גוט, — זי זאָל צומאַכן מיט אַן אויג; אַף דער יערושע, אַף דער יערושע קוקן זיי אַרויס!.. זיי אַף צולאָכעס וועט זי אָבער נאָך לעבן און לעבן, כאָטש דער טויט איז איר טויזנט מאָל מער ניכע, וואָרעם וואָס טויג איר דאָס לעבן, מישטיינסגעזאָגט, אַ קאַליקע, באַגראָבן אַזאַ טאָכטער, אַזאַ כײַעסטער, אַ מאַמע פון אַזויפיל קינדער, ווינד איז איר און וויי!.. מיט

1 אָפּגעזונדערט, איינער אַליין.

יאויסגעדרייטע עלנבויגנס קוועטשט זי ארויס א טרער פונ אירע קאליע אויגנ, רופט צו די קינדער, שארט מיט די אויסגעדרייטע הענט אונטער די קישנס, נעמט ארויס אונ שענקט זיי איטלעכנ באזונדער א פאָר גראָשנס. דערזעט דאָס די קליינע כאווע-ליבע מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די קליינע ליפעלעכ אינ טראָגט עס אָפ באלד צו דער מומע סאָסיע. אונ די מומע סאָסיע גיט עס באלד איבער דעם פעטער איציענ, אונביידע שושקענ זיי זיכ, אז פאר אירע אייגענע קינדער זשאלעוועט מענ א קאָפעקע, אונ די פרעמדע קינדער צעטיילט מענ מאיאָנטקעס גאנצע!.. אונ די קינדער הערנ דאָס, אונ עס גייט זיי ניט איינ. עס שלאָגט זיי צו דער גאל.

וואָס ווייטער אלץ ערגער. די קינדער פילנ, אז זיי זיינענ דאָ איבעריק. זיי זעענ, ווי מע קוקט אָפ זיי בייס זיי עסנ, זיי הערנ הינטער די פלייצעס, אז מע רעדט פונ זייערע „אפעטיטלעכ”. עס שטעלט זיכ זיי שוינ דער ביסנ אינ האלדז. עס איז זיי שוינ דאָרט אלצדינג נימעס אונ טרייפע. זיי קוקנ שוינ ארויס אָפ א בריוול פונעם טאטנ, ווי אָפ מאָשיעכנ, — ווענ וועלנ זיי שוינ פאָרנ אהיימ?..

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפנ, דאָס גוטע בריוול איז שוינ דאָ: דורכ א פערעיאסלאווער באלעגאָלע אָנגעקומענ מיט א צושריפט, אז מיטנ דאָזיקנ באלעגאָלע טאקע — ער הייסט נויעכ — זאָלנ די קינדער זיכ אופזעצנ אונ פאָרנ אהיימ. לאָזט זיכ אויס, אז דער באלעגאָלע איז טאקע א באלעגאָלע מיט א בויד אונ מיט סוסימ, ווי עס געהער צו זיינ, אונ הייסנ הייסט ער טאקע נויעכ, כאָטש ער אליינ זאָגט אָפ זיכ, אז ער הייסט רעב נויעכ; האָט ער אָבער א כיסאָרנ — ער איז א הייזעריקער אונ האָט א פליכ. וואָלט דאָס אויכ ניט אויסגעמאכט. הייזעריק איז ער, זאָגט ער, געוואָרנ פונ סימכאסטוירע. היינטיקנ סימכאסטוירע האָט ער געטרונקענ בראנפנ. דאָס הייכט, בראנפנ טרינקט ער אלעמאָל. נאָר צוליב סימכאסטוירע האָט ער געמאכט גאָר-גאָר א היפשע קויסע! א סוואָרע, אז מע האָט אימ געמינטערט... אונ דאָס, וואָס ער האָט א פליכ אפנ קאָפ, איז איבער דעמ, וואָס קינדוויַיז פלעגט ער זיכ ניט לאָזנ ניט צוואָגנ, ניט קעמענ. געווענ אנ אקשנ. האָט מענ אימ מיט גוואלד געעוווזט רייסנ די האָר איינציקוויַיז. נאָר די אלע זאכנ, זאָג איכ נאָכאמאָל, האָבנ זיכ מיט דער נעסיע גאָר ניט אָנגעקערט. געשאט האָט צו דער נעסיע אנ אנדער זאכ: כאָטש נויעכ איז געשיקט געוואָרנ פונ פערעיאסלאוו קיינ באָסלאוו ספעציעל, ער זאָל ברענגענ צו פירנ פונ

דאָרטן נאָכעם ראַבינאָוויטשעס קינדער, פֿונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט בײַשטײן דעם ניסאָיען — טאָמער וועט אים גאָט צושיקן אַף צוריקוועגס כאָטש אַ פּאָר פֿאַרשווינדלעך, וועט דאָס זײַן ווי געפֿונען. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין מאַרק מיט דער בײַטש אַ טאָג און צוויי און דרײַ, די פֿערדלעך האָבן געכראָמקעט דעם האָבער — און פֿאַרשווינדלעך ניט אַ לעק! די קינדער איז דאָס וואַרטן געוווען אַל אַפּאָן וועאַל כאַמאָסאָם[1]! און אָט זאָגט מען זיי אָן די גוטע בסורע — זיי פֿאָרן! אַ סימען: נויעך האָט שוין אַפֿילע אַרויסגעקאַטשעט דעם וואָגן און שמירט שוין די רעדער. „איצט מעגן שוין קומען קאָל מאַלכײ מיזרעך אומײַרעוו[2] — פֿאַרפֿאַלן! איצט מעג מען אים אָנשיטן אָט אָ־די בויד מיט גאָלד, ער זאָל בלײַבן אַן איבעריקע שאָ אין באָסלאַוו, מעג די שטאָט פֿאַרברענט ווערן, אָדער אײַנגעזונקען ווערן! אַז איר קענט ניט רעב נויעכן!“... די קינדער כאַפּן זיך אַרײַן אין שטוב אַרײַן. זיי קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן, געזעגענען זיך אָפּ מיט די באָסלאַווער כאַווײרים, מיט דער אַלטער קלויז און מיטן געלן קלײַזל און מיטן „ראָס“ און מיטן זיידן און מיט דער באָבען. דער זיידע מוישע־יאָסיע בייס־מײַסע זאָגט זיי מוסער, פֿאַרשטייט זיך, און הייסט זיי זײַן ערלעכע ייִדן, און די באָבע גיטלווישט די אויגן מיט אירע אויסגעדרייטע הענט. נאָר פֿונעם פֿעטער איציע מיט דער מומע סאָסיע הערן זיי אַ קאַלטן „פֿאָרט־געזונט“. די צוויי וואָלטן דאַפֿקע געוווען צופֿרידן, וואָס די „פֿרעמדע קינדער“ פֿאָרן אַוועק, איז זיי פֿאַרשטערט געוואָרן די סימכע, וואָס ניט אַלע פֿאָרן זיי אַוועק. עס פֿאָרן נאָר די ייִנגלעך. די צוויי מיידלעך זײַנען געבליבן אין באָסלאַוו. וואָס איז די מײַסע? אַ פּראָסטע מײַסע. די באָבע גיטל האָט געזאָגט: זי וועט זיי ניט לאָזן. זי וויל ניט, איר כײַע־עסטערס קינדער זאָלן אַרײַנפֿאַלן צו אַ שטיפֿמאַמע.

טײַנעט דער פֿעטער איציע מיט אַ שמייכעלע, גלעט זיך די פּייעס און קוקט אַף די קישנס, ווו עס ליגט דער באָבעס פֿאַרמעגן:

— נו, און אַז די ייִנגלעך פֿאַלן אַרײַן צו אַ שטיפֿמאַמע, איז גוט? כע־כע!

— וואָס גלײַכסטו ייִנגלעך צו מיידלעך? וואָס האָרכט אַ ייִנגל אַ שטיפֿמאַמען? אַ ייִנגל גייט אַוועק אַף אַ גאַנצן טאָג אין כיידער

1 געמיינט: דערווידער, ניט צום האַרצן.
2 געמיינט: אַלע קיניגן פֿון דער וועלט.

אריַין. און אַ מיידל וואָס? אַ מיידל בלײַבט אין דער היים ניאַנ-טשען דער שטיפמאַמעס קינדער...

דער פעטער איציע איז מיט דעם נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט. ער גלעט זיך די פּייעס, קוקט אַפ די קישנס און שמייכלט און רעדט טיף דיפּלאָמאַטיש, קוים וואָס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואָלט געווען, לעמאָשל, ווען אַלע קינדער זאָלן זײַן מיידלעך? כע-כע!

— וואָלט איך אַלע מיידלעך — ענטפערט אים די באָבע — גע-לאָזט בא זיך.

דער פעטער איציע רעדט ווײַטער, נאָר אָן אַ שמייכעלע, און אַלץ פאַרשטעלט:

— ווו וואָלסטו געגומען געלט, לעמאָשל, אַפ אויסצוהאַלטן אַזויפיל מיידלעך? (שוין אָן אַ כע-כע).

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפן. — ענטפערט די באָבע רויִק. — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפן אויסהאָדעווען אַזאַ קאַדעש ווי דו, וואָס קוקט אַרויס אַפ מײַן ירושע, האָט מוירע, ס'וועט אים ניט קלעקן...

— איציע! — רופט אים די מומע סאָסיע פון איר כיידערל. — איציע! קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן!..

די קינדער קוועלן אָן פון דער באָבע גיטל, וואָס זי האָט אַזוי קונציק אָפּגעשניטן דעם פעטער איציען, און זײַנען זיך מעכײַע, וואָס זיי פאָרן שוין צוריק אַהיים.

אַ ביסל איז זיי נאָך אַרײַן אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפמאַמע", וואָס זיי האָבן דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל. זיי ווילן, הייסט עס, האָבן אַ שטיפמאַמע? וואָס איז דאָס אַזעלכעס „שטיפמאַמע"? און מיט וואָס איז אַ שטיפמאַמע אַזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטל האָט שוין באַצײַטנס אַפ זיי ראַכמאָנעס?.. ס'איז קעדײַ, כ'לעבן, אָנצוקוקן די שטיפמאַמע. ס'איז קעדײַ שוין צו פאָרן אַהיים.

אַהיים! אַהיים! אַהיים!

45

א מײַנע־לאָשנ[1] פונ א שטיפמאמע

א שטיפמאמע. — קלאָלעס נאָכנ אלעפבייז. — דאָס ערשטע װערק — א לעקסיקאָנ פונ קלאָלעס.

װאָס האָבנ זיכ מענטשנ אָנגעכאפט — „שטיפמאמע״? װעדליק די קינדער האָבנ זיכ אָנגעהערט „שטיפמאמע״ אונ „שטיפמאמע״, האָבנ זיי געמעגט מיינענ, אז א שטיפמאמע איז טאקע בעעמעס מיט הערנער. אז אפ יעדנ טריט אונ יעדנ שריט האָט מענ זיי געסטראשעט מיט דער שטיפמאמע: „װאַרט אויס, שקאָצים, אָט װעט דער טאטע ארויספאָרנ אפ דער װעלט אונ װעט אײַכ ברענגענ א שטיפמאמע, װעט איר װיסנ, װאָס פאר א גאָט מיר האָבנ!״... װאָס דארפט איר מער — טאָמער װארעמט די זונ ניט אזוי פריגלדיק, זאָגט מענ: „די זונ װארעמט, װי א שטיפמאמע״... עס מוז דאָכ עפעס זײַנ אינ דעמ. א װעלט איז דענ מעשוגע?

מיטאמאָל איז דער טאטע נעלעמ געװאָרנ. ס׳איז אװעק א װאָכ, אונ א װאָכ, אונ נאָכ א װאָכ. װו איז אהינגעקומענ דער טאטע? מע זאָגט ניט! עלטערע ריידנ צװישנ זיכ, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלנ ניט הערנ, אונ מער אפנ װונק. נאָר איינמאָל האָט אינ כיידער דער רעבע זיכ ארויסגעכאפט מיט א װאָרט. ער האָט א פרעג געגעבנ בא די קינדער: „ניטאָ נאָכ דער טאטע פונ באַרדיטשעװ?״ צו דער דאָזיקער דיפּלאָמאטישער פראגע האָט די רעבעצנ צוגעזעצט פונ איר זײַט נאָכ מער דיפּלאָמאטיש: „װאָס זשע? אזוי גרינג קומט עס אָנ אנ אלמענ ארויפצוברענגענ א שטיפמאמע פאר די יעסוימימ?״... װייסנ מיר שוינ, הייסט עס, אז דער טאטע איז אינ באַרדיטשעװ, אונ אז ער זוכט א שטיפמאמע צו זײַנע קינדער. װאָס זשע, כרעגט זיכ, באדארפ מענ זיכ דאָ באהאלטנ? װאָס איז דאָ דער סאָד? װעהאָרײַע: אז ער האָט באדארפט צו קומענ אהיימ מיט דער סכוירע פונ באַרדיטשעװ, האָט ער פריִער צוגעשיקט א „שטאפעט״, אז גאָט האָט אימ מעזאקע[2] געװענ זײַנ גלײַכנ, װאָס איז א מעציִע אינ אלע אויפאנימ, הענ אינ ייִכעס, הענ אינ געלט, אונ אז

---

1 דאָ געמיינט: א לעקסיקאָנ פונ זידלװערטער.

2 געמיינט: צוגעשיקט.

ער וועט אײַנגיכנ, אימירצעשעמ, קומענ מיט דער מעציִע, אונ ער בעט, מע זאָל איר ניט זאָגנ אזוי גיכ, וויפל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסנ מיטאמאָל? מיט דער צײַט וועט זי דאָס אלייג געווירע ווערנ. סײַוויסײַ זײַנענ ניט אלע קינדער כאל אפ איר: די עלטערע זײַנענ דאָכ עלטערע, אונ די צוויי מיידלעכ — די זײַנענ דאָכ בא זייער באָבע. ער וואשט זיכ ניט אָפּ די הענט כאָלילע פונ זיי. קינדער זײַנענ קינדער. נאָר בא אָט אזעלכע ביטערע אָבסטאָיאטעל-סטווען איז געזינטער, אז מע פארלייקנט עטלעכע קינדער אפ א קורצע צײַט. „יויסייר איינ לעכאדייש ראק כאִימ וועשאָלוימ[1]. האשעמ-יִסבאָרעכ זאָל העלפנ, מע זאָל זיכ זענ איינגיכנ בעשאָלעמ. מימעני[2]...״

דער דאָזיקער בריוו וואָלט געמאכט א גוטנ אײַנדרוק, ווענ ניט דער קנייטש מיט די קינדער. ערגער פונ אלצ איז דאָס געווענ פאר די קינדער גופע. עמעס, זיי האָבנ געפילט, אז דער טאטע האָט זיי ליב, אז זיי זײַנענ אימ טײַער איטלעכס קינד באזונדער, נאָר וואָס זיי זײַנענ אפ א ווײַלע געוואָרנ א מינ קאָנטראבאנדע-סכוירע — דאָס האָט זיי א ביסל א פּאָרקע געגעבנ אונ ארויסגערופנ מאָדנע מאכשאָוועס אונ געדאנקענ. אָבער ניט אפ לאנג, וואָרעמ אָט איז מענ געקומענ צו זיי אינ כיידער ארײַנ אונ מע האָט זיי אָנגעזאָגט א בסורע: „דער טאטע איז געקומענ אונ געבראכט צו פירנ פונ בארדיטשעוו א שטיפמאמע״. „מאזלטאָוו! — האָט זיכ ארײַנגעמישט די רעבעצנ. — איר זאָלט דערלעבנ אָנזאָגנ בעסערע בסורעס!״ אונ דער רעבע האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אהיימ פאר דער צײַט.

געקומענ אהיימ, האָבנ די קינדער געטראָפנ די גאנצע מישפּאָכע: דעמ פעטער פיניע מיט זײַנע זינ, די מומע כאנע מיט אירע טעכ-טער, אלע ארומ טיש. מע האָט געטרונקענ טיי, קלוימערשט געגעסנ לעקעכ אונ אײַנגעמאכטס אונ גערויכערט פאפּיראָסנ, אונ גערעדט פּוסטע רייד, וואָס א וואָרט צו א וואָרט האָט זיכ ניט געקלעפּט, וואָרעמ קיינער האָט ניט געהערט וואָס דער אנדערער זאָגט. יעדער איז געווענ ארײַנגעטאָנ אינ זײַנע אייגענע געדאנקענ, אונ אלע אי-ביינעמ האָבנ געהאלטנ אינ איינ קוקנ אפ דער שטיפמאמע אונ אינ איינ באטראכטנ אונ אָפּשאצנ די מעציִע, וואָס דער טאטע האָט אײַנ-געהאנדלט אינ בארדיטשעוו — אונ, דאכט זיכ, מע איז געווענ צופרידנ

1 מער קיינ נײַס איז ניטאָ, ס׳זאָל נאָר זײַנ געזונט אונ לעבנ.
2 פונ מיר...

מיטן אָנקוק. [illegible] ייִדענע א בע[illegible]עדע, ניט קיין נארישע, און דעריקער — א ליבלעכע, א צוגעלאָזטע, א גוטע, א מענטש אָן א גאל! הײַנט וואָס האָבן זיי דאָ געפּילדערט, געמאכט אָנשטעלן — „שטיפמאמע״?..

ערשט העט-שפּעטער, אין א וואָכ ארום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפמאמע ארויסגעוויזן מיט איר היציקן טעמפּעראמענט און קוידעמקאָל ארויס מיט איר שפּראך, מיט איר עמעס באַרדיטשעווער שטיפמאמע-לאָשן, א שפּראך א גלאטע, א רײַכע, א בלומענדיקע. אפ איטלעכס וואָרט א קלאָלע, און צום גראם, און דאפּקע אין גוטן מוט. לעמאָשל: עסן — עסן זאָלן דיך ווערעם! טרינקען — טרינקען זאָלן דיך פּיאווקעס! שרײַען — שרײַען זאָלסטו אפ די ציין! פארגייען — גייען זאָל מען אײַך טאכריכים! גיין — גיין זאָלסטו אין דער ערד! שטיין — שטיין זאָלסטו פּראווצעס! זיצן — זיצן זאָלט איר אין געהאקטע ווונדן! ליגן — ליגן זאָלט איר אין דער ערד! ריידן — ריידן זאָלט איר פון היצן! שווײַגן — אנשוויגן זאָלט איר ווערן אפ אייביק! זאָגן — געזאָגט זאָל אײַך ווערן אלדאָסבייז! האָבן — האָבן זאָלסטו מאקעס-בעכוירעס! ניט האָבן — ניט האָבן זאָלסטו קיין גוטס ווײַל דו לעבסט! טראָגן — טראָגן זאָל דיך דער רוער אפ די פּלייצעס! ארײַנטראָגן — ארײַנטראָגן זאָל מען דיך א קראנקן! ארויסטראָגן — ארויסטראָגן זאָל מען דיך א טויטן! ארומטראָגן — ארומטראָגן זאָל מען דיך אפ די הענט! אוועקטראָגן — אוועקטראָגן זאָל מען דיך אפן בעסוילעם! צי, אשטייגער, לעמאָשל, נעמט אזא אומשולדיק וואָרט, ווי שרײַבן? איז שרײַבן זאָל מען דיר רעצעפּטן! פארשרײַבן — פארשרײַבן זאָלסטו ווערן צום טויט! אָפּשרײַבן — אָפּשרײַבן זאָל מען דיך פון קאדאָכעס! ארײַנשרײַבן — א משוגענעם אויסמעקן און דיך ארײַנשרײַבן!.. און אמאָל איז זי געווען אופגעלייגט און א וואָרט האָט זיך ארײַנגעכאפּט איר אין מויל ארײַן — האָט זיך עס געדרייט און געפלאָכטן און געגאָסן זיך און געצויגן זיך, ווי א גוטער בוימל, גאָר אָן אן אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי בא א גוטן כאזן די אסערעס בנייִ האָמען: „ס'זאָל דיך אָנכאפּן, דיבוינעשעלוילעם, א שטעכעניש און א ברעכעניש, א רײַסעניש און א בײַסעניש, א טריקעניש, א פארטריקעניש, אן אויסטריקעניש, אן אײַנטריקעניש, א דארעניש, א פארדארעניש, אן אײַנדארעניש, א שרימפּעניש, אן אײַנשרימפּעניש, ליבער גאָט! הארציקער פאָטער, געטרײַער!״...

דער העלד פון דער דאָזיקער בייִאָגראפיע איז זיך מוידע, אז א היפּש ביסל קלאָלעס און שלאָגווערטער אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק

האָט ער געגאַשט פון דער שטיפמאמע און פון איר מײַנע-לאָשן. נאָך גאָר-גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך גאָר ניט געוווּסט, וואָס שרײַבן באַטײַט, און האָט נאָך גאָר אפילע ניט געכאָלעמט, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ שרײַבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרײַבן אַלע קלאָלעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זײַן שטיפמאמע, צונויפזאמלען זיי אינאיינעם, מאכן אַ מין ווערטערביכל. האָט ער זיך ניט געפוילט, געזאמלט און געזאמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאמלט אַ היפּש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכן אַלעפבייז, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ פֿײַנעם לעקסיקאָן, אַלפי אַלעפבייז, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר אָפּן זיקאָרן:

א* — עווּיען, אומגליק, אידיאָט, אייזל, אײַנגעגעסענע בריָע, אָפּגעריסענער נאַר, אַשמעדײַ.

ב — באַלוואַן, באָדיונג, באַטלען, בײַטלשנײַדער, בלינדער-האָץ, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערנטרײַבער, באַלעגאָלע, באַשעפעניש.

ג — גוי, גוילעם, גאַדלען, גאַזלען, גאַנעוו, געשלייערטע האַנזי.

ד — דאָנאָשטשיק, דאָוועראַכער, דאַלעס, דערקאַטש.

ה — האָלעדראַנצעס, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטײַ, הינטשלעגער, היִנקעדיקער שנײַדער, האָמען, העפקער-יונג.

וו — וואַנץ, וויסטע קאַליקע, וועוריק, ווערעמיקער, ווייציִדקאָסכאָ.

ז — זאַיִקע, זאַק פּאָלאָווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגל, זויפער, זיצפלייש.

ח* — כאַליפּוסניק, כאַפער, כויזעק, כאַזער, כאַיִם-יאַנקל, כאָכעם-באַלײַלע, כאָליערע.

ט — טאָטער, טאָרבע, טויגעניכטס, טיפּעש, טערקישער פעפער, טרייפע קישקע.

י — יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ייִמאַכשמויניק, יאַם-קאָטער.

כ* — קאַזוועץ, קאָלבויניק, קעלעוו-שעביקלאָווים.

ל — לאָבוס, לאַבאַזניק, לאָדער, לוי-יוצלעכ, לאַמטערנשיסער, ליגנער, לאַמעדוואָוניק, ליידיקגייער.

מ — מאַלפּע, מאַמעטליווע באָכער, מאָנדריש, מאַגיד, מעלאַמעד, מעשומעד.

---

* די אַלע ווערטער, וואָס זײַנען דאָ געגעבן נאָך די אויסיעס „א", „ח", „כ", „ע", „ת" און הייבן זיך אָן ניט מיט די דאָזיקע אויסיעס, פלעגן לויט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע זיך אָנהייבן מיט די געגעבענע אויסיִעס. רעד.

נ — נאַריש פּאָנעם, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, ניכפּעניק.
ס — סאַוולע, סוואָלעטש, סווישטשונג, סמאַרקאַטש.
ע* — אָזעספּאָנעם, אָני-וועוויען, איפּעש, עגדעש, אקשן.
פּ — פּאַסקודניאַק, פּאַציאָרע, פּאַרטאַטש, פּאַרכ, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק, פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּערעאָדעם, פּריטשעפּע.
פֿ — פֿאָנפֿאַטש, פֿאַלשער מענטש, פֿאַרשלעפּטע קרענק, פֿויליאַק, פֿײַפֿער, פֿליאַסקעדריגע, פֿלאָכט, פֿלאָקנשיסער, פֿערדאַטש, פֿרעסער.
צ — צוויאַק, צאַדיק-אין-פּעלץ, צורע-מעלוכע, ציילעם-קאָפּ, צעבראָכענער שאַרבן, צאָראַס.
ק — קאַטאָרזשניק, קאָכלעפל, קאַליקע, קאַרטאָפּלשלינגער, קאָרטנשפּילער, קאַפּעליושמאַכער, קאַפּצן, קוימענקערער, קישקע-אָן-א-דנאָ, קלעק, קריכער, קאַסקעסעס.
ר — רויטער, רויצייעכ, רעכילעסניק, רעטעכ, ראָשע-מערושע.
ש — שאַרלאַטאַן, שאַבעס-גוי, שויטע בען פּיקהאָלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלימאַזל, שמאַטע, שמאַדקאָפּ, שמינדער-בעגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב.
ת* — טערעכ.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קומענדיקער שאָלעם-אַלייכעם האָט פאַרפאַסט, און א נאָמען געגעבן האָט ער עס: „א מײַנע-לאָשן פון א שטיפמאַמע"... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפן א מײַסע, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט גאָר א מיִעסער קאַטאַסטראָפע.

מאַכמעס עס האָט געמוזט זײַן אויסגעשטעלט שטרענג נאָכן אַלעפביין, האָט דער פאַרפאַסער שטאַרק געשוויצט, עטלעכע מאָל איבערגעשריבן דאָס ווערטערבוך. האָט דער טאַטע, אַפּאָנעם, באַמערקט, אַז דער כעווערעמאַן אַרבעט עפּעס זייער געשמאַק. איז ער אונטערגעגאַנגען איינמאָל באַנאַכט פון הינטן, אַרײַנגעקוקט אינוויינִיק און א נעם געגעבן צו זיך דעם קסאַוו-יאַד און איבערגעלייענט פון אַלעף ביז טאָף. און לוי-דײַ, וואָס ער האָט עס אַליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פאַר דער שטיפמאַמע. און עס איז געשען א נעס: ס'איז שווער צו וויסן, צי ווײַל ס'איז גראָד געווען אין א גוטער מינוט, ווען זי איז געווען אופגעלייגט, צי ווײַל זי האָט זיך געשעמט צו זײַן אין קאַס, — נאָר ס'איז אָנגעפאַלן אף איר א מאָד-

* זע אָנמערקונג אף ז. 212.

נער בייזער געלעכטער. יענע האָט אזוי געלאכט, אזש געקוויטשעט. מע האָט געמיינט, אז זי וועט דעמ שלאק באקומענ! מער פונ אלצ זײַנענ איר געפעלנ די ווערטער „פופיק“ אונ „קאסקעסעס“. „פופיק“ האָט בא איר געהייסנ טאקע דער העלד פונ דער דאָזיקער באשרײַבונג. אונ „קאסקעסעס“ (קאשקעט) — מיט דעמ נאָמענ האָט זי געקרוינט אנ עלטערנ באָכערל דערפאר, וואָס ער האָט געטראָגנ א נײַעמ קאשקעט.

נו, גייט זײַט א נאָווי, אז ס'וועט זיכ ענדיקנ גאָר מיט א געלעכטער! אוואדע האָט דער מעכאבער פונעמ לעקסיקאָנ בא זיכ אינ הארצנ געבענטשט גוימל[1], וואָס ס'האָט זיכ אזוי גוט אויסגעלאָזט.

46

אפנ בענקעלע באמ טויער

דער „אײַנפאָר“. — דאָס פארופנ אָרכימ. — ווידער כאלוימעס וועגנ אויצער.

ווייסט איר, וואָס הייסט אנ „אײַנפאָר“? — אנ „אײַנפאָר“ איז ניט קיינ אכסאניע אונ ניט קיינ האָטעל, נאָר עפעס אזעלכעס, וואָס געפינט זיכ צווישנ די דאָזיקע צוויי מינימ, אָדער — ביידע מינימ אײַנײנעמ. די אכסאניע, אָדער דער טיפ האָטעל, וואָס נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט געהאלטנ אינ דער שטאָט פערעיאסלאוו אונ געלעבט דערפונ, איז געווענ דער עמעסער „אײַנפאָר“. א גרויסער הויפ מיט גרויסע שטאלנ פאר פערד אונ וואָגנס אונ מיט גרויסע כאדאָרימ מיט בעטלעכ פאר די אָרכימ. מיינסטנס זײַנענ אינ די כאדאָרימ געשטאנענ צו עטלעכע בעטלעכ, אונ דער אוירעכ, וואָס איז פארפאָרנ, האָט נאָר אָפּגעדונגענ א בעטל, ניט קיינ גאנצנ כיידער. סײַדנ א נאָגיד, אנ אָפּגעפּוצטער, א מעיוכעס. אזעלכע זײַנענ אָבער געווענ זעלטנ, אונ די האָבנ געהייסנ „פעטע“ אָרכימ. דאָסראָוו אָרכימ זײַנענ געווענ „בעטלעכ“. די האָבנ ניט באדארפט באזונדער קיינ סאמאָווארנ מיט קיינ באדינערס. איינ סאמאָוואר א גרויסער איז ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ אינ „זאל“, אונ יעדער פונ די „בעטל-אָרכימ“ האָט זיכ געהאט זײַנ טשײַניק מיט זײַנ ביסל טיי — גיסט אײַכ, יידישע קינדער, אונ טרינקט אײַכ וויפל אײַער הארצ גלוסט!.. א מעכײַע געווענ אָנצוקוקנ אינדערפרי, אָדער אפדערנאכט, בא ראבינאָוויטשנ אינ אײַנפאָר. א

1 א רעליגיעזער מינהעג — לויבנ גאָט, ווענ מע ווערט געראטעוועט פונ א געפאר.

גאנצ ביַנטל ייִדנ ארומ טיש, מע טרינקט אונ מע רעדט אלע אינייינעמ אונ מע גראגערט אונ מע רייכערט — דעמ רויכ כאָטש שנייַדט מיט א מעסער! אונ ריידנ רעדט מענ פונ וואָס איר ווילט. דער רעדט פונעמ יאריד — א יאריד-מענטש. דער רעדט פונ ווייצ — א ייִד, וואָס האנדלט מיט ברויט. דער רעדט פונ דאָקטוירימ — א ייִד א קראנקער, וואָס הוסט. אונ דער רעדט גאָר פונ כאזאָנימ — א ייִד, וואָס האָט ליב נעגינע, אונ טוט אימ עפּעס. אונ יענער זיצט זיכ אינ א ווינקל, שאָקלט זיכ אונ דאוונט דערווייַלע פונ פּאָרנט[1] מיט א קאָל פונ א נעקייווע. אונ דער באלעבאָס אליינ, רעב נאָכעמ ראבינאָוויטש, א ייִד א כאָלוש, ווי אייַכ איז שוינ באקאנט, מיט א קעצנ כאלאטל, מיט א קייַלעכיק יארמלקעלע אפנ קאָפּ אונ מיט א גראָבנ פּאפּיראָס, זיצט צווישנ די אָרכימ אויבנאָנ, ווי א מיילעכ, אונ הערט זיי אויס אלעמענ אינ איינ צייַט, אָבער נאָר מיט איינ אויער, ווייַל מיטנ אנדערנ אויער הערט ער זיכ צו, עפּשער ניט ווילנדיק, צו דער שטיפמאמעס מייַנע-לאָשנ, וואָס גיכט זיכ אזוי ווי בוימל אונ ציט זיכ אזוי ווי האָניק. דאָס רעכנט זי זיכ מיט אירע שטיפקינדער אפנ ניכטערנ הארצנ, טיילט זיי אויס בראָכעס יעדנ באזונדער מיט דער פולער האנט. דערלאנגט דעמ א זעצ אינ זייַט אריינ, דעמ א סטוסאק אינ האלדז-אונ-נאקנ, אונ יענעמ איז זי מעכאבעד מיטנ רעכטנ פוס אינ בויכ אריינ. זי וויל, אז איינער זאָל גיינ פארוויגנ איר דאָס קינד, אז דער אנדערער זאָל גיינ אינ מארק אריינ איר העלפנ טראָגנ דעמ קויש, אונ אז דער דריטער זאָל גיינ גלאט אינ דער ערד אריינ... אונ די קינדער פאָלגנ, טוענ אלצ, וואָס מע הייסט זיי, וואָרעמ די צייַט איז שלעכט, פּארנאָסע איז געשלאָגנ, אינ כיידער גייט מענ נאָר א האלבנ טאָג, דעמ אנדערנ האלבנ טאָג העלפט מענ אויס דעמ טאטנ ווי ווייַט מע קאָנ. ווער אינ שטוב ארומ די אָרכימ, אונ ווער אינ דרויסנ אפנ בענקעלע באמ טויער — צו פארופנ די דורכפאָרנדיקע באלעגאָלעס: „אהער פּארפּאָרט, אהער!"...

אוואדע איז אינ דרויסנ אפנ בענקעלע באמ טויער בעסער, ווי אויסצושטיינ דעמ הו-הא, מיטנ גענעמ, מיטנ גאָלעס-שטיפמאמע אינווייניק אינ שטוב. דאָס זיצנ באמ טויער אפנ בענקעלע איז גאָר קיינ ארבעט ניט. דאָס איז א שפּילכל, א פארגעניגנ. ווער שמועסט זומער, אז די באלעגאָלעס פליִענ מיט א הוק אונ מיט א פייַפ אונ

---

1 אָנהייב פונ אינדערפריִיִקנ דאוונענ.

מיט א קנאַק. דאָס פֿאָרן זיי פֿונעם פֿאַראָכאָד מיט פֿאַרשווינדלעך, ווילן איבעריאָגן איינס דאָס אַנדערע, הייבן זיי אויף אזא שטויב, אַז מע זעט ניט ארויס די פּאַסאַזשירן, וואָס פֿאַר א פּאָנעם זיי האָבן. נאָר אַז אין וואָגן געפֿינען זיך פּאַסאַזשירן — דאָס זעט מען. און אַלע יינגלעך מיט אַלע מעשאָרסים פֿון די איַינפֿאָר-הײַזער טוען זיך א לאָז אַקעגן דעם באַלעגאָלע מיט א פֿריילעכן געפּילדער: „אהער, פֿעטער! אהער פֿאַרפֿאָרט!” און דער באַלעגאָלע ענטפֿערט זיי אָפּ מיט דער בײַטש, פֿליט דורך פֿאַרבײַ און ווערט פֿאַרשווונדן אינעם געדיכטן שטויב, לאָזט איבער די יינגלעך און די מעשאָרסים מיט א נאָז.

דאָס איז אָבער נאָר זומער-צײַט, בײַם נאַוויגאַציע, ווען דער דניעפּער גייט. ווינטער, אַז דער דניעפּער שטעלט זיך אָוועק, לעבט דער איַינפֿאָר פֿון אַן אַנדער סאָרט אָרכים. ווינטער פֿאָרן אַרײַן גרויסע בוכטעס, אָדער בוידן, געפּאַקט מיט א מין סכוירע, וואָס איז אײַנגעוויקלט אין ציַנאָווקעס און שטינקט מיט טראַן. דאָס זײַנען שוין ניט קיין אָרכים אַף צו עסן שאַבאָסים און פֿאַרנעמען בעטלעך. זיי זײַנען ניט קליין צו ליגן אַלע אינײַנעם אַף דער ערד, אָדער אין הויף בא די וועגן, און זיי גיבן צו לייזן נאָר פֿאַר היי און האָבער. פֿון אַזעלכע פֿאַרשווינענ האָט מען ווינציק נאַכעס, און פֿאַרנאָסע נאָך ווינציקער. הײַנט דאָס זיצן אַליין אַפֿן בענקעלע באַם טויער אַפֿן פֿראָסט איז אויך עפּעס ניט אַזוי זיס. דער העלד פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען געדענקט גאַנץ גוט יענע צײַט, ווען ער איז געזעסן אַפֿן בענקעלע באַם טויער. זומער אין דער גרעסטער היץ געבראָטן זיך אַף דער זון, און ווינטער אַף דער קעלט געפֿרוירן ווי א הונט, אײַנגעהילט אין א צעריסן פּעלצל מיט אַזעלכע שטיוועלעך, וואָס האָבן זיך געבעטן צום שוסטער, און ער האָט געקלאַפּט א פֿוס אָן א פֿוס און ארויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באַווײַזן א באַלעגאָלע, אָדער א בוכטע מיט אָרכים, וועט ער אופּשטיין, זיך לאָזן אַקעגן: „אהער פֿאָרט! פֿאַרפֿאָרט אהער!” זײַנען אָבער באַלעגאָלעס, ווי אַף צולאָכעס, דורכגעפֿלויגן פֿאַרבײַ און זײַנען גאָר פֿאַרפֿאָרן אין א צווייטן, א רײַכערן איַינפֿאָר, טאַקע אַקעגן, צו רוווון יאַסנעגראַדסקי. דאָרט זײַנען, זאָגט מען, פֿאַראַן כאַדאָרים גרויסע, מיט ווייכע בענקלעך, מיט שפּיגלען, מיט נאָך און נאָך זאַכן, וואָס די ראַבינאָוויטשעס פֿאַרמאָגן דאָס ניט. דערפֿאַר איז דאָרט טאָמיד פֿול געפּאַקט מיט פֿעטע אָרכים, און בא זיי, בא די ראַבינאָוויטשעס אין איַינפֿאָר, איז פּוסט, כאָטש הינט צו פֿאַרטרײַבן. און דאָס פֿאַרדריסט שאָלע-

מען זייער שטארק — אף ווען? אַף גאָט! פאַרוואָס האָט גאָט ניט געמאכט אזוי, אז ער זאָל בעסער געבוירן ווערן בא רוווּן יאַסנע־גראדסקי, איידער בא נאָכעם ראבינאָוויטשן פאר א זון?..

און רוווּן יאַסנעגראדסקי ווערט בא אים א סימבאָל פון מאזל, פון אשירעס און פון אלדאָס גוטס. און א סאך פעטע אָרכים ווערט בא אים א אידעאל, א צווייטער „אויצער”, פון וועלכן ער כאָלעמט אצינד, ווי ער האָט געכאָלעמט אמאָל, אין שמוליקס ציַיטן. און עס שטעלט זיך אים פאָר אין יעדן פורל, וואָס פאָרט דורך פאַרביַי, אז דאָס פאָרט א באלעגאָלע מיט בעקאָוועדע פאַרשוינען, פעטע אָרכים אין בערענע פעלצן. עס פאָרט דורך דער באלעגאָלע אקוראט נעבן זייער איַינפאָר, און איידער שאָלעם באוויַיזט ארויסצורייַדן דאָס וואָרט: „אהער!”, האָט דער באלעגאָלע שוין אליין אָפּגעשטעלט די פערדלעך: „טפּררררו!” — און עס קריכן ארויס פון דאָרטן איינס נאָך דאָס אנדערע די בעקאָוועדע פאַרשוינען אין זייערע בערענע פעלצן. און מע טראָגט אראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאנעס, אָנגעפּאקט מיט קאָלטווו, יעדער טשעמאָדאן וועגט א פוד! און זיי מארשירן אריַין אין שטוב אריַין, און זיי הייסן זיך געבן איטלעכן באזונדער א נומער, און בעטן, מע זאָל זיי דערלאנגען סאמאָווארן, און הייסן קאָכן ווארעמעס און וועטשערע. און עס קומט אריַין צו זיי דער טאטע אין דער יארמלקע, מיט א שמייכלענדיק פּאָנעם, און שטעקט זיי אָפּ א ברייטן שאָלעם-אַליינכעם און פרעגט זיי, צי רעכענען זיי דאָ שאבעס האלטן? צעלאכן זיי זיך און זאָגן: „וואָס עפּעס איין שאבעס? פאַרוואָס ניט דריַי שאבאָסים? און לאָזן לאָזט זיך אויס, אז דאָס זיַינען גאָר סאָכרים, וואָס זיַינען געקומען קויפן ווייץ, און בא קויפן ווייץ וועט דער טאטע קאָנען כאפּן א שיין פאַרדינסטל קאָמיסיע, און טאקע פאַרוואָס ניט אָפּלעקן א ביינדל?.. אין דעם קומט אָן די שטיפמאמע, ארופגעכאפּט אף זיך די שאבעסדיקע זיַידענע פאטשיילע; דאָס פּאָנעם פלאקערט איר פאר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אף די פעטע אָרכים און טוט א פרעג שטילערהייט: „ווער האָט דאָס זיי געבראכט צו פירן?” „ס'איך האָב זיי פאַרופן, איך!” — ענטפערט איר שאָלעם מיט גאדלעס און איז גליקלעך מיטן ליגן, וואָס ער האָט דאָ נאָרוואָס אָפּגעטאָקט. גליקלעך, וואָס אויך בא זיי וועט אמאָל זיַין א גוטער טאָג, כאָטש איין טאָג א גוטער. און א שאבעס א גוטער — אך! וואָס פאר א פריילעכער שאבעס בא זיי וועט זיַין!.. און פאַר־וואָס עפּעס נאָר איין שאבעס? פאַרוואָס ניט אלע דריַי שאבאָסים?..

דאָס אלצדינג וואָלט געווענ זייער גוט, ווענ ס׳זאָל ניט זײַנ קיינ דימיענ[1], קיינ כאָלעמ. די דאָזיקע פעטע אָרכימ אינ די בערענע פעלצנ מיט די געלע טשעמאָדאנעס זײַנענ טאקע צוגעפאָרנ אונ טאקע אָפּגעשטעלט זיכ, נאָר ניט בא זייער אײַנפאָר — אקוראט אקעגנ האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט, בא רוווינ יאסנעגראדסקיס אײַנפאָר... „אכ! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אָרכימ! וואָס וואָלט זיי געארט, זיי זאָלנ בעסער געווענ פארפאָרנ צו אונדז?״ — טראכט זיכ דער שטענדיקער באל-דימיענ אונ קומט ארײַנ אינ שטוב א דורכגעפרוירענער דורכ אונ דורכ, אונ טרעפט דעמ טאטנ אינעמ קעצענעמ כאלאטל, אײַנגעבויגנ אינדרײַענ איבער א סייפער, אונ די שטיפמאמע גליט ווי אפ פאָקנ: „ניט געקומענ קיינער? וואָס וועט זי טאָנ מיטנ ברויט, וואָס זי האָט אָנגעבאקנ, אונ מיט די פיש, וואָס זי האָט אָנגעקאָכט? כאָטש נעמ ווארפ זיי ארויס פאר די הינט! צי איר מיינט עפּשער, אז ס׳וועט זײַנ פונ אײַערטוועגנ? — ווענדט זי זיכ צו די שטיפקינדער. — איר זײַט גאָר נעבעכ קראנק צו עסנ אלטגעבאקנ ברויט! ס׳וועט זיכ אײַכ אוואדע שטעלנ פאָפעריק אינ האלדז, אָדער אײַער מאָגנ וועט עס כאָלילע ניט פארדײַענ! א קלייניקײַט, אזעלכע איבערגעוואשענע קינדערלעכ, א גאנצע כאליאסטרע, קיינ אײַנאָרע, אונ אלע אזוי אײדל געפאצקעט! מע האָט זיי גאָר ניט געקאָנט איבערלאָזנ, ווי די מיידלעכ, אינ באָסלאוו באמ זיידנ מיט דער באָבע, זיי זאָלנ בעסער דאָרטנ קרענקענ, איידער נעמענ זיי אהער, נעמענ זאָל אײַכ דער רועכ, זיי זאָלנ העלפנ עסנ, עסנ זאָלנ אײַכ ווערעמ אונ טאָטשענ אײַער לײַב לעבעדיקערהייט, ס׳זאָל פאלנ פונ אײַכ שטיקער, ווי סע פאלט פונ מיר, אז עס קומט דער ווינטער, קומענ זאָל אפ אײַכ אנ אויסכאפּעניש מיט אנ אײַנדארעניש מיט אנ אײַנשריכפּעניש״...

דאָ גייט אוועק א באקאנטער מײַנע-לאָשנ, אונ עאָלעמ דער באל-האכאלוימעס פארגעסט, אז ס׳איז אימ קאלט, אונ ער לויפט ארויס צוריק אפ דער קעלט, צוריק צומ טויער אפנ בענקעלע. דאָרט איז בעסער. דאָרט קאָנ מענ כאָטש זיצנ רויק אונ כאָלעמענ וועגנ דעמ, טאָמער וועט גאָט פאָרט צושיקנ עפּעס פעטע אָרכימ מיט בערענע פעלצנ, מיט געלע לעדערנע טשעמאָדאנעס, וואָס וועלנ זיכ עפּשער פאָרט אָפּשטעלנ בא זיי אינ אײַנפאָר, ניט אקעגנ בא רוווינ יאסנעגראדסקי?.. גאָט, אז ער וויל, קאָנ ער!

1 פאנטאזיע.

47

דער קאָלעקטאָר

זאַקסישע אונ ברוינשווייַגער לאָטערעי-צעטלעכ. — גרויסע האָפענונגענ, נישטיקע געווינסנ. — ער שרייַבט א ראָמאַנ אפּנ שניט פונ מאַפּוס „אהאוואס-ציָנ".

צו באַוווּנדערנ, וואָס פאַר א שטאַרקער מענטש אָט דער שוואַכער ייִד, דער שטילער אונ פאַרטראַכטער נאָכעמ ראַבינאָוויטש, האָט באַדאַרפט צו זייַנ, אז ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגנ דעמ גאַלעס פונ דער שטיפמאַמע, אויסהערנ איר מייַנע-לאָשנ מיט אירע בראָכעס, צוזענ, ווי זי פּייַניקט זייַנע קינדער, אונ ניט אַרויסטרעטנ מיט א וואָרט אפילע! וואָס דער מענטש האָט איבערגעטראָגנ אינווייניק בא זיכ אינ הארצנ — קאָנ מענ ניט וויסנ. אַרויסבאַוויזנ האָט ער עס אָבער קיינמאָל ניט אונ אַרויסגעזאָגט האָט ער עס קיינעמ ניט. אונ דערפאַר, אפּאָנעמ, האָט זי געלייגט אפּ אימ קאָוועד, געערט, רעספּעקטירט, ניט באַגאַנגענ זיכ קעגנ אימ אזוי גראָב, ווי צו זייַנע קינדער, לעמאָשל, אונ געשעצט אימ אזוי הויכ, ווי ס'איז נאָר מעגלעכ געווענ פאַר אזא ייִדענע, וואָס האָט אַליינ אויכ קיינ האָניק ניט געלעקט, נעבעכ גוט אויסגעריסנ געוואָרנ, געהאָרעוועט ווי אנ אָקס אפּ אזא גרויסער שטוב מיט א כאַליאַסטרע קינדער, אייגענע אונ פרעמדע.

אונ עפּשער האָט זיכ איר רעספּעקט גענומענ דערפונ, וואָס זי האָט געזענ, מיט וואָס פאַר א קאָווער מע האַלט איר מאַנ אינ שטאָט, כאָטש אַלע ווייסנ, אז ער איז ווייַט פונ א נאָגיד, פאַרדינט קוימ דאָס שטיקל ברויט. קיינ נאַרישע ייִדענע, ווי געזאָגט, איז זי ניט געווענ, נאָר א פאַרביטערטע נעשאָמע, ניט קיינ אייַנגעהאַלטענע בעשאַס קאַס אונ בעטעווע אַנ אָפּנטלעכער מענטש: וואָס אפּ דער לונג, דאָס אפּ דער צונג. דערפאַר, וואָס דער טאַטע האָט איר קיינמאָל ניט געשטערט אינ איר מייַנע-לאָשנ, האָט זי אימ ניט געשטערט אינ זייַנע זאַכנ — אַרייַנקוקנ אינ א בוכ, שפּילנ א שאָכ אָדער אזוי פאַרברענגענ מיט א מענטשנ. אונ די מענטשנ, מיט וועלכע דער טאַטע האָט פאַרבראַכט, זייַנענ געווענ לויטער מאַסקילימ, אופגעקלערטע יונגעלייַט אונ גלאַט „קאָמפּמענטשנ". מע קאָנ זאָגנ, די סמעטענע פונ דער דעמלטיקער שטאָט-אינטעליגענצ. דאָס איז געווענ א גאַנצ בינטל

מאסקילים, וואָס פאַרדינען אויסגערעכנט צו ווערן באַ די נעמען און אָפּגעמאָלט צו ווערן, ווי זיי שטייען און גייען, מיט זייער גאַנצער פיגור.

דער ערשטער באַדאַרף באַשריבן ווערן „דער קאָלעקטאָר", אַ ייִד אַ באַל-באָסער[1], אַ שווערער ייִד, נאָר אַ „קאָפּמענטש" און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט — אַ שטיקל אַפּיקוירעס, כאָטש ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און געדיכטע פּייעס. נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט געזאָגט אַף אים, אַז דער ייִד איז „אָמוק"[2] און אַז ער „ווייסט אַ שלאַל". גאַנצע טעג האָבן זיי געקאָנט אַוועקזיצן אינצווייען און ריידן און אָן אַ שיר. פונוואַנען האָט זיך גענומען באַ זיי אַזויפיל רייד? אָפּטמאָל פלעגט דער קאָלעקטאָר קומען מיט אַ ביכל, אָפּטמאָל נעמען אַ ביכל. באַ דער שטיפמאַמע האָט ער געהאַט אַ צו-נעמעניש: „דער קאָלטון" — דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ קאָל-טענעוואַטע באָרד. נאָר אין שטאָט האָט ער געהייסן „דער קאָלעקטאָר". געהאַנדלט מיט צעטלען, זאַקסישע און ברוינשווײַגער צעטלען. גע-טראָגן האָט ער שוואַרצע ברילן (געהאַט קאַליע אויגן), זומער און ווינטער איז ער געגאַנגען אין טיפע קאַלאָשן. קיין שטיוול ניט, נאָר קאַלאָשן, ווײַסע זאָקן און קאַלאָשן. אַ גרויסער עוויען, נאָר אַ מוי-רעדיקער באַל-ביטאָכן. געווען זיכער, אַז זײַנע קונדן מוזן אַמאָל אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס, און דורך דעם וועט ער שוין אַליין אויך געהאָלפן ווערן. און געווינען, האָט ער געזאָגט, וועט ניט קיין אַנדערער, נאָר נאָכעם ראַבינאָוויטש. ער איז אים מאַווטיעך, וואָרעם קיינער באַדאַרף ניט אַזוי נייטיק דאָס גרויסע געווינס, האָט ער גע-זאָגט מיט אַ טאַם, ווי רעב נאָכעם ראַבינאָוויטש... עס קאָן זײַן, אַז דאָס אייגענע האָט ער מאַווטיעך געווען אויך זײַנע אַנדערע קונדן. ער האָט זיי געהאַט אַ סאַך, קימאַט די גאַנצע שטאָט ייִדן האָבן געשפּילט לאָטעריי. נאָר נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט אין אים געגלייבט, ווי אין אַ רעבן, און גלײַך מיט אים אַרויסגעקוקט אַפן גרויסן גע-ווינס, ווי אַף מאָשיעכן, געזיפצט און געבענקט און געוואַרט, אַז אָט-אָט קומט דער קאָלעקטאָר מיט דער גוטער בסורע: „מאַזלטאָוו, רעב נאָכעם, איר האָט געוווּנען די פינף און צוואַנציק טויזנט"...

דער העלד פון דער באַשרײַבונג געדענקט, אַז אַלעמאָל, ווען

---

1 אַ דיקער.

2 געמיינט: ער פאַרשטייט טיפ.

ס'האָט געהאלטנ בא דער לעצטער ציִונג פונ דער לעצטער קלאס, האָט דער טאטע ניט געקאָנט אײַנזיצנ אפ אנ אָרט, געזיפצט מער ווי אלעמאָל, שטארק געגענעצט אונ געצויגנ זיכ, ווי אינ א פיבער. גלײַכ מיטנ טאטנ האָט אויכ שאָלעמ געפיבערט אונ ארויסגעקוקט אפ דעמ גליקלעכנ טאָג, עפשער נאָכ מער ווי דער טאטע. ער איז געווענ זיכער, אז ניט קיינער, נאָר זײַנ טאטע איז דער קאנדידאט אפנ גרויסנ געווינס. דאָ האָט זיכ איבערגעכאזערט ווידעראמאָל דער אוי־צער פונ זײַנ כאווער שמוליק. ער האָט געטראכט וועגנ דעמ גאנצע טעג. ער האָט געקאָנט אויסווייניק די נומערנ פונעמ טאטנס צעטלענ. ער האָט זיי געזענ אינ כאָלעמ. ער האָט זיכ גאָר ניט געקאָנט פאָר־שטעלנ, אז גאָט זאָל זײַנ אזא שלעכטער. וואָס וועט אימ ארנ, דעמ ריבוינעשעלוילעמ, אז ס'וועט ארויס דעמ טאטנס נומער? דאָס איז דאָכ שוינ בא גאָט אזוי גרינג, וואָס גרינגער קאָנ שוינ גאָר ניט זײַנ...

שאָלעמ, זיצנדיק אינ דרויסנ אפנ בענקעלע באמ טויער, דערזעט פונווײַטנ דעמ קאָלעקטאָר, ווי ער שפרײַזט מיט די טיפע קאלאָשנ גלײַכ צו זיי, — לויפט ער אָנזאָגנ דעמ טאטע א בסורע: „ער גייט!“ — „ווער?“ — „דער קאָלעקטאָר“. — „אונ אז דער קאָלעקטאָר, איז וואָס?“ — „וואָס הייסט? הײַנט איז דאָכ דער לעצטער טאָג פונ דער ציִונג!“...

אזוי זאָגט שאָלעמ צומ טאטנ, אונ ער באמערקט, ווי דעמ טאטנס געל־געקנייטשט פאָנעמ איז בלאס געוואָרנ. אינ זײַנע פארזאָרגטע אויגנ האָט זיכ באוויזנ א פײַערל אונ איז באלד פארלאָשנ געוואָרנ.

דער קאָלעקטאָר קומט ארײַנ א פארסאָפעטער — ער האָט אנ אסטמא. „בא אימ בלײַב עס“, זאָגט די שטיפמאמע. מוז ער פריִער איבערכאפנ דעמ אָטעמ אונ זאָגט א גוט־מאָרגנ. דער טאטע פרעגט ניט בא אימ גאָרניש. ס'זאָל עפעס זײַנ, וואָלט ער דאָכ אליינ גע־זאָגט... יענער זעצט זיכ אוועק, פארשארט דאָס היטל, ווישט זיכ מיט דער פאָלע דעמ פארשוויצטנ שטערנ אונ דערציילט א נײַס, אז ס'איז הייס מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס! מאמעש עס ברענט! עס ברענט!.. א פאוזע. ביידע שווײַגנ. דערנאָכ בינדט ער אופ די פאטשיילע, א פארסמאָלצעוועטע, א רויטע, מיט גרינע פליאמעס אונ שמעקט מיט הערינג. דאָרט ליגנ בא אימ אלע לאָטערײ־צעטלענ. ער נעמט ארויס מיט ציטערנדיקע באוואקסענע הענט א גרויסנ בויגנ פאפיר מיט א סאכ ציפערנ פונ אויבנ ביז אראָפ, זוכט אונ זוכט מיט די שווארצע ברילנ. שאט! ער האָט געפונענ! ער שטעלט אָנ די שווארצע ברילנ אפנ טאטנ:

— אײַער נומער, רעב נאָכעם, איז, דאכט זיך, אויב איך האָב קײן טאָעס ניט, זעכצן טויזנט דרײַ הונדערט פיר און אכציק?

— איך פארשטײ ניט, וואָס איר פרעגט בא מיר. — ענטפערט אים דער טאטע מיט א שמייכל. — מיר דאכט, אז איר האָט א גוטן זי־קאָרן: איר ווייסט אלעמענס נומערן אפ אויסוויינייק.

— אפ אויסווייניק — זאָגט איר? סע קאָן זײַן. האקלאל, זעכצן טויזנט, זאָגט איר, דרײַ הונדערט מיט פיר און אכציק.

ער קוקט דורך די שווארצע ברילן און טאפט מיט די פינגער אינעם ציפערדיקן פאפיר. שאָלעם פילט, אז אָט־אָט שפרינגט אים ארויס דאָס הארצ. נו? לאָמיר שוין הערן!.. נאָר דער קאָלעקטאָר האָט צײַט. ער רעדט זיך פאוואָליע:

— אײַער נומער, רעב נאָכעם, האָט געוווּנען... יאָ, ער האָט געוווּנען...

שאָלעם זעט, ווי אפן טאטנס פאָנעם פליט דורך א געל כמאַ־רעלע און ווערט פארשוווּנדן, און אליין גלוסט זיך אים אויסשרײַען מיט א קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האלט זיך אײַן און שלינגט איטלעכס וואָרט, וואָס גייט ארויס פונעם קאָלעקטאָרס מויל:

— געוווּנען... אָבער א קליינ געווינסל. נאָר א קליינ געווינסל! עס וועט זיך אָנעמען אכאר ניקאָיוינ פעט און קאָל האהויצאָעס[1], אזוי גרויס... אזוי גרויס...

דער קליינער כאלעשט שיר!

— אזוי גרויס, ווי אכט דובל מיט זעכציק. קומט פונ אײַך, אפאָנעם, אויב איך בינ מיך ניט טויע, צוועלף מיט פופציק, און פונ פריַער, אויב איר געדענקט, דרײַ מיט אכציק. האָבנ מיר, הייסט עס, א קײַמעלאָן פונ זעכצן מיט דרײַסיק? נימצע[2], אז איר בלײַבט מיר שולדיק אפ לעהאבע אזוי גרויס, אפאָנעם, ווי זיבנ מיט זיבעציק. האָ? איז דאָס אזוי, צי ניינ? אצינד ווילט איר דאָך מיסטאמע א נײַ צעטל? וועל איך אײַך געבנ. נעמט, רעב נאָכעם, קלײַבט אײַך אויס א נומער. הײַנטיקס מאָל, אימירצעשעם, וועט איר שוין געוויס גע־ווינען. דאָס איז אזוי זיכער, הערט איר, ווי מיר האָבנ הײַנט יוים גימל[3] אפ דער גאנצער וועלט! שוינ? האָט איר שוינ אויסגעקליבנ?

---

1 נאָכנ אראָפרעכענען פעט (דער פראָצענט, וואָס קומט דעם קאָלעקטאָר אלס באלוינונג) און אלע הויצאָעס.

2 הייסט עס.

3 דער דריטער טאָג, דינסטיק.

וואָס פאַר א נומער? אכט טויזנט זעקס הונדערט דרײַצנ? לאָז גאָט געבנ מיט גליק, אינ א גוטער שאָ זאָל זײַנ!.. וואָס קוקסטו זיכ אזוי אײַנ, — זאָגט ער צו שאָלעמענ — דו קוגדאס אייַנער? (א קוועטש דעם „אט"). ווו האלטסטו אײַנעם „שירײ-טיפערעס", דו שייגאצ אייַנער? (א קוועטש דעם „אצ").

דער „שירײ-טיפערעס" פונ נאפטאָלי-הערצ ווײַזל[1] — דאָס איז א ביכל, וואָס דער קאָלעקטאָר האָט געהאט געבראכט צו טראָגנ דעם „שייגאצ", ער זאָל לייענענ, מיט נאָכ ביכלעכ פונ אָדאָם האקויהענ לעבענזאָנ[2] אונ פונ קאלמענ שולמאנ אונ פונ רעב ייִצכאָק-בער לעווינזאָנ[3]. אונ דער שייגאצ (שאָלעמ) האָט זיי געשלונגענ, זיצנדיק אינ דרויסנ אפנ בענקעלע באמ טויער. אונ דער טאטע האָט אָנגעקוואָלנ, וואָס זײַנ זונ לייענט שוינ אזעלכע ביכלעכ, אונ געפרעגט בא אימ, צי פארשטײט ער כאָטש וואָס ער לייענט? שעמט זיכ שאָלעמ זאָגנ, אז ער פארשטייט, וואָרעמ וויִאזוי רעדט מענ דאָס מיט א טאטנ? ענטפערט פאר אימ דער קאָלעקטאָר, אז ער פארשטייט זייער גוט, דער „שייגאצ", פארוואָס זאָל ער ניט פארשטיינ? זעט איר, מאפו אונ סמאָלענסקינ[4] איז פאר אימ נאָכ א ביסל פרי, פאר אזא ווערויק, נאָכ צו פרי! — אזוי לאָזט אויס דער קאָלעקטאָר, אונ מעהײַטײַמע[5], ווײַל דער קאָלעקטאָר האָט געזאָגט, אז ס'איז נאָכ צו פרי, האָט דער ווערוויק באקומענ ערשט רעכט כיישעק צו אָט די דאָזיקע ביכלעכ, אונ ער האָט ביגנייווע זיכ צוגעכאפט צו מאפונ אונ צו סמאָלענסקינענ אונ א נאש געגעבנ בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט זענ, א ביסל מאפו אונ א ביסל סמאָלענסקינ.

דאָס ערשטע, וואָס איז אימ געקומענ צו דער האנט, איז געווענ דער ערשטער ייִדישער ראָמאנ „אהאוואס-ציִענ" פונ אווראָהאָמ מאפו. מאפוס „אהאוואס-ציִענ" האָט ער אײַנגעשלונגענ אינ אײנ שאבעס, פונ אָנהייב ביזנ סאָפ, ליגנדיק אפנ בוידעמ אונ ברענענדיק ווי א שטרויענער דאכ. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערנ אפנ אומגליקלעכנ אמנענ, געוויינט אונ געכליפעט! אונ האָט זיכ שטערבלעכ פאר-

1 א העברעיִשער פאָעט (1725—1805).

2 א העברעיִשער פאָעט (1794—1878).

3 א העברעיִשער שרײַבער, אנ אָנגעזעענער פאָרשטייער פונ דער האסקאָלע-עפאָכע (1788—1860).

4 א העברעיִשער ראָמאניסט פונ דער האסקאָלע-עפאָכע (1842—1885).

5 דעריבער, דערפאר.

ליבט אינ דער שײנער געטלעכער טאָמערנ גלײַכ מיט דעם העלד פונעמ ראָמאנ, מיט אמנענע, אויב ניט מער נאָכ פונ אמנענע, געזעגנ זי אינ כאָלעמ אונ גערעדט מיט איר אפ שיר-האשירימ-שפראכ[1], ארומגענומענ זי אונ געהאלדזט זי אונ געקושט זי...

— —

אפ מאָרגנ איז דער פארליבטער שאָלעמ א גאנצנ טאָג ארומגעגאנגענ, װי א שאָטנ, מיט א מוירעדיקנ קאָפּוײטעק, פארלוירנ דעמ אפּעטיט צומ עסנ, אָבער טאקע לאכלוטנ, — װאָס ס'איז געװענ פאר דער שטיפמאמע א רעטעניש: „געפײגערט א בער אינ װאלד! ניט אנדערש!" — אזוי האָט די שטיפמאמע געזאָגט אונ גענומענ נאָכקוקנ אונ נאָכפאָרשנ, װאָס איז די מײַסע, װאָס דער באָכער האָט אופגעהערט צו עסנ?..

דער סאָפ פונעמ „אהאװאס-ציִענ" איז געװענ אָט װאָס פאר א סאָפ. פונ די אָרכימ, װאָס האָבנ זיכ אָפגעשטעלט בא זײ אינ אײַנפאָר, זײַנענ ארײַנגעפאלנ אימ אָפטמאָל עטלעכע גראָשנס פאר פאָלגנ א גאנג. אָט די גראָשנס האָט שאָלעמ אויסגעגעבנ אפ פאפיר, צונויפגענײט דאָס פאפיר אינ א ביכל, צעװירעט אלע בלעטלעכ פונ בײדע זײַטנ, אונ האָט זיכ אװעקגעזעצט צו דער ארבעט — שרײַבנ א ראָמאנ אפנ שניט פונ מאפוס „אהאװאס-ציִענ", אנ אײגענעמ ראָמאנ, נאָכגעגאנגענ מאפונ פוסטריט, מיטנ לאָשנ אונ מיטנ סטיל אונ מיטנ גאנצנ פלאנ, נאָר אונטער אנ אנדער נאָמענ: ניט „אהאװאס-ציִענ", נאָר „באס-ציִענ", אונ די העלדנ האָבנ ניט געהײסנ ניט אמנענ אונ ניט טאָמער, נאָר שלוימע אונ שולאמיס. אונ אזוי װי באטאָג איז ניט געװענ קײנ סאכ צײַט צו שרײַבנ — א האלבנ טאָג דארפ מענ גײנ אינ כײדער אונ א האלבנ טאָג העלפנ אינ אײַנפאָר, — לאָכײנ האָט ער געמײנט אויסנוצנ דערצו אויכ די נאכט. אװעקגעזעצט זיכ בא א לאָמפ אונ געשריבנ מיט קלײנע אויסיִעסלעכ, אונ געשריבנ אונ געשריבנ, ביז... ביז די שטיפמאמע האָט דערהערט, סע סקריפעט עפּעס, אונ דערזענ, אז עס לײַכט זיכ, האָט זי זיכ ניט געפוילט אונ איז אראָפ פונ בעט א באָרװעסע, זיכ אונטערגעגאנװעט אונ דערזענ דעמ כעװרעמאנ זיצנ אונ שרײַבנ, האָט זי אופגעהויבנ

1 געמײנט: ליבע־שפראכ (לויט דעם ביבלישנ בוכ „שיר־האשירימ" — „די ליד פונ לידער" — א ליבע־פאָעמע).

אזא גוואלד, אז די גאנצע שטוב האָט זיך אופגעכאפּט אין איין שרעק, געמיינט, אז סע ברענט. דער גאנצער גוואלד איז אָבער געווען נאָר איבערן קעראָסין, וואָס איז אויסגעברענט. „גאז וועלן זיי ברע־נען, ברענען און סארפּענען זאָלט איר, ליבער גאָט! א מיסע־מע־שונע! א כאָליערע! א סרייפע! א מאגייפע!"...

אוואדע האָט דער טאטע דעם ניט־געענדיקטן ראָמאן „באס־ציִען" צוגענומען צו זיך, אינאיינעם מיטן געגאנוועטן „אהאוואס־ציִען", און דער מעכאבער פון דער „באס־ציִען" האָט שוין געוואַרט אַף א רעכטן פּסאַק. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אז דער טאטע האָט דעם „באס־ציִען" באוויזן, צום־אלעם־ערשטן, דעם קאָלעקטאָר. האָט דער קאָלעק־טאָר זיך גאָר ניט געקאָנט אָנקוקן אינעם קסאוו און אינעם לאָשן און אין דער מעליצע! און ער האָט געשענקט דעם „קונדאס" אזא קניפּ אין באק, אז ס'איז געבליבן שטיין א בלויער סימען.

— איר ווייסט גאָר ניט, רעב נאָכעם, וואָס פאר א פּיידע דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איר ווייסט! פון אים וועט עפּעס אויס־וואקסן! אָט וועט איר זען, וואָס פון אים וועט אויסוואקסן!.. קום נאָר אהער, דו שייגאץ איינער, לאָמיך דיר שענקען כאָטש נאָך א רעכטן קניפּ אין דיינע רויטע פּאמפּעשקעס, א רוען אין דיין פּאָרנע און מיטן ארייַן!

48

די געראָטענע איידעמס

דער „מיראָוואָי סודיא", א גוי, זאָגט מוסער די ייִדן. — לייזער־יאָסל און מאגידאָוו — צאצקעוואטע איידעמס. — טויזנט בלאט געמאָרע אויסוויניק.

נאָכן „קאָלעקטאָר" זייַנען אָפּטע ארייַנגעייערס צו נאָכעם ראַבי־נאָוויטשן געווען די „געראָטענע איידעמס", די עמעסע זייַדענע יונגע־לייַט, די צאצקעס, די אינטעליגענץ פון שטאָט.

איטלעכע שטאָט מיט אירע האסאָגעס און מיט אירע מאָדעס. אין פּערעיאסלאוו איז געווען אין יענער צייַט א מאָדע — איידעמס. בא די דאָרטיקע באלעבאטים איז דאָס געווען א מין ספּאָרט, וואָס מע האָט זיך דערוף אויסגעבראכט, זיך געלאָזט קאָסטן געלט, אבי צו קריגן א רעכטן איידעם. באצויגן האָט מען די סכוירע, מיינסטנס,

פון דער פרעמד. זעלטן ווער עס האָט א שידעך געטאָן אין דער היים. סײַדן אזעלכער, וואָס האָט ניט צו באצאָלן. ווער אָבער עס האָט געקאָנט און געוואָלט געבן נאדן, דער האָט זיך געבראכט צו פירן פון דער ליטע אָדער פון פוילן אן איידעמל א צאצקע, יעדער נאָך זײַן גוסט, נאָך זײַן פאסאָן, נאָך זײַן האסאָגע און נאָך זײַן פארמעגן.

לעמאָשל, דער פעטער פיניע האָט זיך געבראכט אן איידעמל דאפקע ניט פון ווײַט, פון לובען, א יונגערמאן א בען-טוירע, א רוכניעס[1], וואָס האָט ניט געוווּסט קיין צוראס-מאטבייע. די מומע כאנע פאר איר שיינער טאָכטער האָט אראָפּגעבראכט אן איידעם פון יאגאָטין, א פארשוין, וואָס מע האָט געמעגט אים אָנקוקן אפ בילעטן! ניט קיין איבעריקער כאָכעם און ניט קיין גרויסער לאמדן, דערפאר א פארשוין! שאבעס נאָך דער כאסענע, אז מע האָט געפירט דאָס פאָרל אין שול און פון שול, האָבן ייִדן און ווײַבער זיך געשטופּט קאָפּ אפ קאָפּ, אײַנגעקוקט זיך און באוווּנדערט און געשאצט, ווער פון די צוויי איז שענער? און דאפקע הויך אפ א קאָל. אייניקע האָבן געזאָגט, אז זי איז שענער, אנדערע האָבן געדרונגען, אז ער איז שענער. דער „ער" מיט דער „זי" האָבן דאָס ביידע געהערט, זיך פארויטלט און דערפון געוואָרן נאָך שענער. מער האָבן די על-טערן ניט געדארפט, אבי זיי האָבן אויסגענומען, זייער סכוירע איז געפעלן, און די שטאָט רעדט פון זיי. וואָס נאָך דארף מען האָבן צו פאָפּוליאריטעט?.. אָפטמאָל האָט זיך געמאכט, אז מע האָט זיך גע-שלאָגן פאר איידעמס. דאָס הייסט, מע מיינט ניט, כאָלילע, זיך גע-שלאָגן מיט שטעקנס. געשלאָגן הייסט — מעכוטאָנים האָבן זיך געקריגט און געזידלט, ווער עס האָט א שענערן איידעם. מעכוטענעסטעס האָבן זיך געשטעלט פײַגן, און עס איז טאקע דערגאנגען אמאָל צו פעטש אויך, און ראָמאנאָווסקי דער „מיראָוואָי סודיא", א גוי א כאָרעצ, וואָס פארשטייט ייִדיש, האָט זיי געזאָגט מוסער... פאָרט א גוי! ווי קאָן א גוי פארשטיין דעם טײַנעג פון פירן אן איידעם שאבעס אין שול ארײַן, אוועקזעצן אים אין זײַנע נײַע בעגאָדים פון קאָפּ ביז פיס גאנצ אויבנאָן אין מיזרעך, אפ דער אויסשטעלונג, אים אָפּגעבן מאפטער, און ער זאָל ארופגיין אפ דער בימע און

---

1 בײַסטיקײַט, אבסטראקטקײַט; דאָ בעמיינט: אזא, וואָס פארנעמט זיך בלויז מיט גײַסטיקע איניאָנים.

אָפּקלינגען א האפּטוירעלע[1], אַז ס׳זאָל קנאַקן, און די ווײַבער פֿון עזראַס-נאָשים[2] זאָלן זיך שטופּן דורך די פֿענצטערלעך: „ווו איז ער? ווו?״... ניין, דאָס וועט א גוי קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין, ער מעג זײַן דער גרעסטער כאָכעם אין דער וועלט!

מערסטנטיילס אָבער איז דער דאָזיקער אַרטיקל געווען אַזאַ מין, וואָס ווערט גיך אָפּגענוצט, טוט א גלאַנץ און ווערט וואָכעדיק, ווי יעדער מין סכוירע, וואָס הייבט אָן ווערן אַלט, אָדער גייט אַרויס פֿון דער מאָדע. א יאָר, צוויי יאָר — און דער געוועזענער איידעם, די צאַצקע, דער נעכטיקער פּרינץ, ווערט א ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן, עס הייבט זיך אים אָן אויסשיטן א בערדל, און ס׳איז צו זען, ווי ער הייבט אָן צו טראָגן אויף זיך דעם עול פֿון פּאַרנאָסע. א ראַכמאָנעס צו קוקן, וויאַזוי דער געוועזענער איידעם, דער נעכטיקער פּרינץ, וואָס איז, דאַכט זיך, ערשט פֿאַראַכטאָגן שאַבעס געשטאַנען אין בעס-מעדרעש אין מיזרעך אויף דער אויסשטעלונג, האָט אָפּגעטראָטן מעכילע דעם אויבנאָן א נײַעם איידעם א צאַצקע, א נײַעם פּרינץ, און ער קוקט אויף אים און איז אים מעקאַנע, און זײַן יונג ווײַבל, וואָס איז ערשט אָט דאָ ניט לאַנג געווען א קיניגן, שטופּט זיך מיט אַלע ווײַבער גלײַך פֿון עזראַס-נאָשים אַהין, צום פֿענצטערל: „ווו איז ער? ווו?״... אָט אַזוי איז אַלצדינג אויף דער וועלט. מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפֿט זאָגן: דויר הוילייך וועדויר באָ[3], און עס וואָלט געווען א יוישער אַרײַנצולאָזן זיך א ביסל אין לעבנס-פֿילאָזאָפֿיע, נאָר מיר האַלטן בײַ די געראָטענע איידעמס, גייען מיר דעריבער אונדזער וועג.

צוויי אַזעלכע געראָטענע איידעמס זײַנען געווען, קאָן מען זאָגן, אָן אויסנאַם פֿונעם קלאַל איידעמס, און זיי זײַנען דעריבער פֿאַרבליבן אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו מיטן גאַנצן גלאַנץ אויף א לאַנגער-לאַנגער צײַט נאָך זייער כאַסענע, ניט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלע אַנדערע איידעמס, און ניט אַרויס אַזוי גיך פֿון דער מאָדע. איינער האָט געהייסן לייזער-יאָסל, דער אַנדערער — מאַגידאָוו. דעם ערשטן האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון קאָרסון א נאָגיד א לעדער-הענדלער, וואָס האָט געהאַט ניט קיין איבעריק שיינע טאָכטער און האָט אָבער געקאָנט רעכט באַצאָלן. דעם

1 קאַפּיטל פֿון די נעווייִם-ביכער, וואָס מע זאָגט נאָכן לייענען די טוירע.

2 דאָס צימער אין בעסמעדרעש, ווו עס דאַוונען די ווײַבער (די ווײַבערשע שול).

3 א דאָר גייט אַוועק און א דאָר קומט.

אנדערנ האָט אויסגעשריבנ פונ דער ליטע ערגעצ א נאָגיד א ליוועראנט, וואָס שטעלט צו פערד אינ „קאזנא", אימ געגעבנ ביידע זאכנ: אי א שיינע טאָכטער, א געזונטע שטיק, אי היפּשלעכ נאדנ, אכוצ מאטאָנעס אונ קעסט אונ וואָס אירווילט. אונ אז מע האָט זיי אראָפּגעבראכט, האָט געקלונגענ די שטאָט, מאמעש געגאנגענ „כאָדאָראָמ"! כאסענעס זײַנענ געוועננ אזעלכע, וואָס ליגנ אדאיאָמ אינ טאמ אונ זײַנענ א לאנגע צײַט ניט פארגעסנ געוואָרנ. מע האָט גערעדט פונ זיי נאָכדעמ אינ שטאָט אונ אויסער דער שטאָט אונ אינ אנדערע שטעט ארומ אונ אינ דער גאנצער סוויווע. א קלייניקײַט, וואָס די צוויי כאסענעס האָבנ אָפּגעקאָסט!.. אויב די טעכטער זײַנענ געווענ גליקלעכ אָדער ניט — דאָס איז זיכ א באזונדערע זאכ. אפּ וויפל אונדז איז באוווּסט, האָט איינע פונ זיי זיכ געגעט מיט איר מאנ שוינ דערנאָכדעמ, אז זי האָט געהאט פונ אימ א מאטאָנע — עטלעכע קינדערלעכ, — אונ זי איז אוועק קיינ אמעריקע... די אנדערע — דער מאנ אירער איז, דאכט זיכ, אָדער א מעלאמעד, אָדער א שאדכנ, אָדער ביידע זאכנ אינאיינעמ, פאר זיכער איז שווער צו זאָגנ, נאָר אז ער איז אנ אָרעמאנ — דאָס איז געוויס. מיר ריידנ אָבער ניט פונ איצט. מיר ריידנ פונ דעמ, וואָס איז געווענ אמאָל, מיר ריידנ פונ דעמלט! דעמלט זײַנענ די פאָטער אונ מוטער, די שווער אונ שוויגער, הייסט עס, געווענ אפּנ זיבעטנ הימל! איינע פאר דער אנדערער האָבנ זיכ די שוויגערס בארימט מיט די „מעציִעס", וואָס זיי האָבנ אײַנגעהאנדלט. איינע האָט זיכ ארויסגערעדט פאר די ווײַבער, אז זי האָט געבראכט א פּאָרויכעסל[1] אינ שול ארײַנ. האָט די אנדערע זיכ אויסגעדריקט נאָכ שארפער, אז זי האָט ארײַנגעבראכט א סייפער-טוירעלע אינ אָרנקוידעשל ארײַנ (צוליבנ פּאָרויכעסל מיטנ סייפער-טוירעלע איז שוינ דער אָרנקוידעש בא איר געוואָרנ אנ „אָרנקוידעשל"...).

אונ בארימענ זיכ האָבנ זיי געמעגט. זיי האָבנ געהאט מיט וואָס. לייזער-יאָסל איז געווענ אנ אילוי[2]: א יונגערמאנטשיק, וואָס האָט געקענט — אזוי האָט מענ געשמועסט — טויזנט בלאט געמאָרע בעאלפּע; 1000 — ניט קיינ 999! פונ טאנאכ שמועסט מענ ניט. הײַנט א באללאָשנקוידעש, אונ א באל-מייליצ[3], אונ א קאסווראבע, אונ א ברענ,

1 א פּאָרהאנג אפּנ אָרנקוידעש.

2 א גענ‍יאלער קענער פונ רעליגיעזע ספאָרימ.

3 א שיינרעדנער.

א לעצ, א פארשלעפּטע קרענק... בעסאָד האָט מען אפילע אונטער־געשמועסט, אז ער איז א ביסל „געכאפּט": פארקנייטשט דאָס דאווענע, האלט ניט פון טאנייסים, טראָגט דאָס נאָזטיכל אום שאבעס, שרעקט זיך ניט איבער פאר א נעקייווע — אונ נאָך אזעלכע זאכנ האָט מען געקאָנט האָרכנ, באם פעטער פּיניע אינ שטוב, לעמאָשל. דאָס איז אָבער אלצדינג געווענ באָטל אקעגנ די טויזנט בלאט גע־מאָרע אויסווייניק.

דער צווייטער איידעם, מאגידאָוו, איז אויך געווענ אנ אילוי, אויך טויזנט בלאט געמאָרע אויסווייניק — 1000 — ניט קיינ 999 — אונ אויך א באל־טאנאך, אונ א באל־דיקדעק[1], אונ א באל־לאָשנקוידעש, אונ א שיינער באל־דאברענ[2], נאָר שוינ ניט קיינ לעצ אונ ניט קיינ פאר־שלעפּטע קרענק, ווי לייזער־יאָסל. אדעראבע, שוינ א ביסל צו א כאקרענ, צו א טיפער, פארדרייטער מויעך. אלצדינג, וואָס איר זאָלט ניט זאָגנ, איז פּונקט קאפּויר. א שטיק אקשנ — א „ליטוואק"!

פארשטייט זיך, אז נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט ניט דורכגעלאָזט אזא טײַערע געלעגנהײַט, אז די דאָזיקע געראָטענע איידעמס זאָלנ פארהערנ זײַנ קליינעמ באל־טאנאך אונ זענ, ווי דער יִמאכשמויניק שאָלעמ שרײַבט לאָשנקוידעש. ביידע איידעמס האָבנ געפונענ, אז דער יִמאכ־שמויניק איז טאקע א יִמאכשמויניק, אונ מע טאָר אימ ניט לאָזנ גיינ לעיִבעד[3]. מע דארפ זענ פאר אימ עפּעס א „טאכלעס", מאכנ דאָס קינד פאר א „מענטשנ". איינער פארנ אנדערנ האָבנ זיי אימ אָפּגעלויבט אינ טאָג ארײַנ, געזאָגט, אז „מע קאָנ גאָר ניט וויכנ, הערט איר, וואָס פונ דעמ יִמאכשמויניק קאָנ אמאָל זײַנ"... אונ דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ, וואָס רײַבט זיך ארומ יונגעלײַט, האָט אויך צוגע־באָמקעט, אז ער זאָגט שוינ לאנג, אז מע קאָנ גאָר ניט וויסנ, וואָס פונ דעמ „שייגאצ" (א קוועטש אפ דער „אצ") קאָנ אמאָל זײַנ... אונ דער יִמאכשמויניק, אָדער דער שייגאצ, וואָס איז געשטאנענ דערבײַ, האָט דאָס אלצדינג געהערט, אונ די נעשאָמע האָט אימ גע־צאפּלט, אונ דאָס הארצ איז אימ געוואקסנ, אונ דער קאָפּ האָט זיך אימ געדרייט, ווי בא איינעמ, וואָס קלעטערט אפ א גאנצ הויכנ לייטער, אונ מענטשנ שטייענ ארומ אימ אונ זענ, ווי ער קלעטערט גוט,

1 א מענטש, וואָס קענ די העברעיִשע גראמאטיק.
2 רעדנער.
3 פארלאָרנ גיינ.

און גיבן אים אונטער היץ און מאכן אים קוראזש. א קלייניקייט, אזעלכע מענטשן ליבן אים, זאָגן, אז „מע ווייסט ניט, וואָס פון אים קאָן אמאָל זיין!“... און דער טאטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געווען אפן זיבעטן הימל! יעדער זיפץ פונדעסטוועגן האָט אויסגעריסן א שטיק הארץ. דאָס זיפצן האָט באדארפט זאָגן: „איך ווייס אליין, אז מע קאָן גאָר ניט וויסן, וואָס פון דעם יִמאכ-שמויניק קאָן אמאָל זיין; נאָר גיט מיר אן אייצע, יִדישע קינדער, וואָס טוט מען מיט אים? וויִאזוי מאכט מען אים פאר א „מענטשן“? אדעראבע, גיט עפּעס אן אייצע?“...

און עס האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט אים געגעבן אן אייצע, א שארפע, א ראדיקאלע, נאָר א רעכטע אייצע — און אים האָט דער טאטע געפאָלגט. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פערעיאסלאווער אינטעליגענטן מיטן נאָמען „ארנאָלד“, א יונגערמאן א פילאָזאָף פון הינטער דער שטאָט, פון „די אזויגערופענע „פידוואָר-קעס“. אים שענקען מיר א באזונדער קאפּיטל.

49

ארנאָלד פון די פידוואָרקעס

די פאָרשטאָט פון פערעיאסלאוו. — ארנאָלד אן אפּיקוירעס. — יעציִאס־מיצראיִם[1] א לעגענדע. — וואָס דרעפּער זאָגט אפ ראמ-באם. — ראבינער־שול און גימנאזיע.

קימאט יעדע שטאָט פון דער געבענטשטער „טשערטא“[2] האָט זיך איר פאָרשטאָט, איר „סלאָבאָדקע“, וואָס איר באפעלקערונג באַ-שטייט מער פון גויִים איידער פון יִדן, און די יִדן, וואָס זיצן דאָרט, זיינען ניט די יִדן, וואָס אין שטאָט. אן אנדער טיפּ יִדן. זיי זענען אויס מער דאָרפיש, זיינען ניט אזוי פּיפּיק, ווי די שטאָט-יִדן, א ביסל פארגרעבט, טראָגן גרויסע שטיוול, שמעקן מיט פעלץ. אָנ-שטאָט „געטוג“ זאָגן זיי „האָדיע“. לאכן לאכן זיי הויך און מיט א קאָמעץ: כאָ-כאָ! און די רייש ריידן זיי ארויס הארט, ווי צוויי רייש,

---

1 די ביבלישע לעגענדע וועגן דעם, אז גאָט האָט אויסגעלייזט די יִדן פון מיצראיִם (עגיפּטן).

2 טשערטא (אָסעדלאָסטי) — אזוי האָבן געהייסן באם צארישן רעזשים די געגנטן, וווּ יִדן האָבן געהאט וווינרעכט.

אָדער נאָך מער: „רעבע! דער פֿעטער מאָרדכע האָט אײַך גערופֿן אַפֿן ברית״...

אין דער געגנט פֿון פּערעיאַסלאַוו געפֿינט זיך אַזאַ מין סלאָבאָדקע, וואָס איז אָפּגעטיילט פֿון דער שטאָט מיט אַ הילצערנער בריק און מיט אַ טײַכל, און רופֿן רופֿט זיך עס מיטן נאָמען אויף ייִדיש: „די פּידוואָרקעס״. דאָס איז אַן ערטל מיט אַן אַנדער אויסזען, מיט אַן אַנדער אַטמאָספֿערע. אַהין גייט מען זיך דורך אַמאָל, אַז מע האָט צײַט, כאַפּן פֿרישע לופֿט, ווײַל דאָרטן זײַנען דאָ סעדער, דאָרט וואַקסט גראָז. אַהין גייען שפּאַצירן שאַבעס באַטאָג ייִנגלעך און מיידלעך. דאָס הייסט, ניט כאָלילע ייִנגלעך מיט מיידלעך אינאיינעם — ייִנגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער, נאָר ס'איז שוין בעמיילע, אַז מע באַגעגנט זיך איבער דער בריק גייענדיק, שטעלט מען זיך אָפּ, כאַפּט מען אַ קוק, וואַרפֿט מען זיך דורך מיט אַ וואָרט. אַמאָל טוט מען זיך אַ שאַר אויך, אַ ריר אָן איינס דאָס אַנדערע מיטן עלנבויגן, און דער באָכער מיטן מיידל ווערן רויטלעך, יונגע הערצלעך קלאַפּן... פֿון עטלעכע מאָל אַזוי באַגעגענען זיך אויף די „פּידוואָרקעס״ הייבט מען זיך אָן איבערשרײַבן בעסאָד־סוידעס מיט בריוועלעך, און עס פּיקט זיך אויס אַמאָל אַ ראָמאַן. מיט וואָס אָט אַזאַ ראָמאַן ענדיקט זיך — דאָס וועלן מיר האָבן אַ געלעגנהײַט זען ווײַטער. דערווײַל האַלטן מיר נאָך בײַ „אַרנאָלדן פֿון די פּידוואָרקעס״, און אָט מיט אים ווילן מיר זיך דאָס באַקענען.

דאָרט, אויף די „פּידוואָרקעס״, האָט נאָכעם ראַבינאָוויטש געהאַט אַ באַקאַנטן און אַ גוטנפֿרײַנט מיטן נאָמען „בינ־יאָמין־קאַלמען פֿון די פּידוואָרקעס״. אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, האָט בינ־יאָמין־קאַלמען פֿון די פּידוואָרקעס געהאַנדלט טווּע בעשוטפֿעס מיט נאָכעם ראַבינאָוויטש, אינאיינעם „געגרוזעט״ באַרקעס און בערלינעס קיין קעניגסבערג און קיין דאַנציק. די לעצטע צײַט איז ער אַ ביסל אַראָפּ, אָנגעוואָרן דעם גלאַנץ, געהאַנדלט קליין, געגאַנגען האַרט בײַ די ווענט. נאָר די גוטפֿרײַנטשאַפֿט פֿון די געוועזענע שוטפֿים איז פֿאַרבליבן די זעלבע, וואָס אַמאָל. ער איז אָפֿט אַרײַנגעקומען אַ ביסל זיצן און שמועסן. געשמועסט האָט, אייגנטלעך, בינ־יאָמין־קאַלמען. ער האָט ליב געהאַט ריידן. צומייסטנס — דערציילן מײַסעס פֿון זײַן ייִנגערן ברודער אַרנאָלד. „מײַן אַרנאָלד! ווי האָט איר נאָך אַזאַ קאָמפּעטענטש, ווי מײַן אַרנאָלד? אַזאַ קענער, ווי מײַן אַרנאָלד? אַזאַ ערלעכן מאַן, ווי מײַן אַרנאָלד? וואָס ווייסט איר, וואָס פֿאַר אַן אַרנאָלד דאָס איז! שוין איינמאָל אַן אַרנאָלד!״... און אַזוי ווײַטער.

ניט נאָר דער ברודער בינִיאָמינ-קאַלמענ — אַלע האָבנ געזעדט פֿונ אַרנאָלדנ. „אַרנאָלד פֿונ די פֿידוואָרקעס“ איז געווענ אַ מינ העלד אינ שטאָט. ערשטנס, אַ באַיאָרטער באָכער, אָדער אַנ אַלמענ, אונ עפּשער אַ גאָרעש[1], נאָר סײַוויסײַ — אָנ אַ ווײַב. אַ ייִד אָנ אַ ווײַב איז דאָכ גלאַט אַ זעלטנהײַט. אַכוצ דעמ איז ער אַ נאָטאַריִוס. אַ ייִד אַ נאָטאַריִוס — דאָס איז דאָכ שוינ אַוואַדע אַ זעלטנהײַט! איר האָט עפּעס אַ סאַכ געזענ ייִדישע נאָטאַריִוסנ באַ אונדז? דאָס הייסט, ער איז נאָכ דערווײַל ניט קיינ נאָטאַריִוס, נאָר ער וועט זײַנ אַ נאָטאַריִוס, וואָרעמ ער שטודירט אַפֿ נאָטאַריִוס. ער שטודירט שוינ פֿונ לאַנג. ער דאַרפֿ נאָר אָפּגעבנ „עקזאַמענט“, אַזוי ווערט ער באַלד אַ נאָטאַריִוס. סײַדנ ער וועט ניט אָפּגעבנ דעמ „עקזאַמענט“. נאָר פֿאַרוואָס זאָל ער ניט אָפּגעבנ? „ער וועט געוויס אָפּגעבנ, — אַזוי זאָגט בינִיאָמינ-קאַלמענ — אונ ער וועט געוויס זײַנ נאָטאַריִוס, ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידנ. איר שפּילט זיכ מיט מײַנ אַרנאָלדנ?“...

וואָס אַ נאָטאַריִוס איז — דאָס ווייסנ אַלע, אונ שאָלעמ אויכ. פֿאַראַנ אינ פּערעיאַסלאַוו אַ נאָטאַריִוס, איז ער אַ גוי אונ הייסט נאָוואָו. נאָוואָו דער נאָטאַריִוס. נאָר וואָס הייסט „אָפּגעבנ עקזאַמענט“ — דאָס ווייסט ער שוינ ניט. וואָס דאַרפֿ ער אָפּגעבנ, אונ וועמענ דאַרפֿ ער אָפּגעבנ, אונ וויִאַזוי גיט מענ דאָס אָפּ „עקזאַמענט“? — דאָס זײַנענ פֿונ די זאַכנ, וואָס מע הערט פֿונ זיי אונ מע רעדט זיי נאָכ, נאָר מע זאָל פֿאַרשטיינ וואָס דאָס איז — דאָס ניט. לעמאָשל, אַפֿ אַרנאָלדנ פֿונ די פֿידוואָרקעס זאָגט מענ, אַז ער שרײַבט אינ די גאַזעטנ, אונ אַז די גאַנצע שטאָט, סײַ ייִדנ סײַ קריסטנ, האָבנ מוירע פֿאַר אימ, ער זאָל זיי ניט באַשרײַבנ אינ „קיִעוולייאַנינ“[2]. פֿאַרשטייט ניט שאָלעמ, ערשטנס, וואָס האָבנ זיי מוירע? אונ צווייטנס, ווער איז געווענ דער „קיִעוולייאַנינ“? ער הערט אַלע זאָגנ, זאָגט ער נאָכ, אַז אַלע ציטערנ פֿאַר אַרנאָלדנ, פֿאַר זײַנ מויל אונ פֿאַר זײַנ פֿענ, ווי פֿאַרנ מאַלכאַמאָוועס. אויסבאַהאַלטנ זיכ פֿאַר אימ איז אומעגלעכ, אונ אונטערקויפֿנ אימ — פֿאַרמאָגט קיינער ניט אַזויפֿיל געלט. „זיי וועלנ זיכ דערשפּילנ! — אַזוי פֿלעגט בינִיאָמינ-קאַלמענ זאָגנ מיט אַ שמייכעלע. — לאָז מײַנ אַרנאָלד נאָר וועלנ זיכ פּאַטשקענ די הענט, אַזוי

1 וואָס האָט זיכ געגעט מיטנ ווײַב.

2 אַ מאָנאַרכיסטיש-רעאַקציאָנערע צײַטונג אינ קיִעוו פֿאַר דער רעוואָליוציע.

באשרײַבט ער זיי אינ „קיִעווליאַנינ" פונ קאָפ ביז פיס אלעמענ, לאָזט ניט איבער אײנעם ניט קײנ באשריבענעם! איר שפּילט זיך מיט מײַנ ארנאָלדנ?"...

שענער פונ אלצ איז דאָס — אונ זײער כאראקטעריסטיש, — וואָס ארנאָלד איז געזעסנ מיט זײַנ ברודער ביניאָמינ-קאלמענ אפ די פּיד-וואָרקעס אונטער אײנ דאך יאָמימ ווּעשאָנימ[1] באַרויגעזע, ניט אויס-גערעדט א וואָרט צווישנ זיך, נאָר אײנער פארנ אנדערנ האָבנ זיי זיך געלאָזט די פינגער שנײַדנ! „מײַנ ארנאָלד"... „מײַנ ביניאָמינ-קאלמענ"... קײנער, ניט אפ די פּידוואָרקעס, ניט אינ שטאָט, האָט געזענ אמאָל בײדע ברידער גײנ אינײנעם, אָדער געהערט אויסרײדנ זיי א וואָרט. אפילע בא אײנ טיש ניט געזעסנ. ארנאָלד האָט זיך געהאט בא ביניאָמינ-קאלמענענ אינ שטוב זײַנ כײדערל, פול מיט ספאָרימ אונ ביכער ביז דער סטעליע, אונ געלעבט זיך גאנצ אלײנ — א מינ פּאָרעש[2]. מאָדנע ברידער! א מאָדנער מענטש אָט דער ארנאָלד! אונ דער איז דאָס געווענ פונ די אָפטע ארײַנגײער צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ. זײַנ ארײַנגײנ איז אָבער געווענ ניט ווי דאָס ארײַנגײנ פונ די איבעריקע מאסקילימ. ער איז ארײַנגעקומענ ניט גלאט פּלאפּלענ, רײדנ דוואָרימ-בעטײלימ, נאָר אָדער מיט א בוך, וואָס קײנער האָט דאָס נאָך ניט געזענ, אָדער מיט א בלאט „קיִעווליאנינ", אָדער מיט א טײַנע צו דער שטאָט אונ צו איר רעדלפירער. שאָלעמ האָט פאר אימ געהאט מער רעספּעקט, ווי פאר אלע אנדערע. ער איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ אימ, געקוקט אימ גלײַך אינ מויל ארײַנ אונ אײַנגעהערט זיך, ווי ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער ארנאָלד, וואָס וועט אָ פּ ג ע ב נ דעמ „עקזאמענט" אונ וועט זײַנ א נאָטאריוס? אָט דאָס איז דער ארנאָלד, וואָס שרײַבט אינ „קיִעווליאנינ", נאָר ער וויל זיך ניט פאטשקענ די הענט? צו וואָס דארפ מענ זיך פאטשקענ די הענט, אז מע שרײַבט אינ „קיִעווליאנינ"?..

אונ ער לאָזט קײנ אויג ניט אראָפּ פונ ארנאָלדנ. דער ארנאָלד איז אימ געפעלנ. זײער א סימפּאטישער, אנ אײַנגענומענער פּארשוינ. ניט קײנ גרויסער, א דארינקער, נאָר א פעסטער, ווי פונ שטאָל אויס-געגאָסנ. א געל בערדעלע, אונ דאפּקע גוט אונטערגעשוירנ, קײנ סימענ פונ קײנ פּײעס. א קורצ רעקעלע, א דינ שטעקעלע, אונ א

1 טעג אונ יאָרנ; געמײנט: גאנצ לאנג.

2 א מענטש, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט.

צינגעלע — שארף ווי א גאָלמעסער! פּעך און שוועבל! רעדט אַ אדוינוי וועל מאָשיכוי! לאכט אָפּ פון די כסידים, מאכט א טעל פון די „פאַנאַטיקער". „ערלעך דארף מען זײַן — וואָס טויג מיר פרומקייט? מע איז אײַך מויכל אײַער פרומקייט, זייט בעסער ערלעך!" — און זײַן שארפער גיפטיקער געלעכטער הילכט אָפּ ווײַט-ווײַט!

וווּנדערט זיך שאָלעם, וויאַזוי שטעלט זיך אײַן א ייִד אַזוי צו ריידן און אזעלכעס צו זאָגן? אפּאָנעם, אַז ער מעג. ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס מעג אלצדינג, וואָרעם ער הייסט ארנאָלד און איז א נאַטאַריוס, דאָס הייסט, ער וועט זײַן א נאָטאַריוס.

מאכט זיך אמאָל, אז דער פעטער פיניע זיצט אויך דערבײַ און הערט, ווי ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס דארשנט. קאַטשעט ער זיך פאר געלעכטער און זאָגט: „ארנאָלד! אוי, ארנאָלד, ארנאָלד!" דער פשאט דערפון, אפּאָנעם, דארף זײַן: „ווי טראָגט אָפּ זיך די ערד אזא ראָשע, ווי דו ביסט?!"... פונדעסטוועגן האלט אפילע דער פעטער פיניע אויך פון ארנאָלדן. איבער זײַן ערלעכקייט. זײַן ערלעכקייט האָט א שעם אין שטאָט. א מעשוגענער ערלעכער! א מענטש, וואָס האָט פאר קיינעם קיין מוירע ניט, זאָגט אלעמען דעם ריינעם עמעס, און גלײַך אין די אויגן, און דעריקער, ער לאכט זיך אויס פון די גווירים, שפּײַט אָפּ געלט! נו, זאָגט שוין איר אליין, וויאַזוי האלט מען ניט פון אזא מענטשן? האלט אָבער ארנאָלד ניט פון אײַך, ניט פון קיינעם. לעמאָשל, פונעם פעטער פיניען איז ער אויך ניט ניספּאָעל. טאקע א שיינער ייִד מיט א שיינער באָרד, נאָר ארנאָלד האלט ניט פונעם פעטער פיניען. ער האלט פון זײַן ברודער נאָכעמען א סאך מער. דערפאר, זאָגט ער, וואָס נאָכעם ראבינאָוויטש איז א ייִד אָן א מאסקע און ניט קיין פארנארישטער כאָסיד; אים קאָן מען זאָגן וואָס מע וויל, ריידן ניט נאָר אפן רעבן, אפילע אָפּ מוישע-ראביינון. שאָלעם אליין האָט געהערט ארנאָלדן זאָגן דעם טאטן, אז ער, ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס, גלייבט ניט אין יעציִאַס-מיצראַיִם! ס'איז א „לעגענדע", האָט ער געזאָגט. די גאנצע מײַסע איז א „לעגענדע". שאָלעם האָט אָפּגעשאצט דאָס וואָרט „לעגענדע", אז עס נעמט זיך מיסטאמע פונעם וואָרט „ליגן". א „לעגענדע" הייסט, אפּאָנעם, א קליין ליגנדל. נאָך גוט, וואָס ניט קיין גרויסער ליגן... הערט א שיינס: איינמאָל איז ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס געקומען צו לויפן מיט א גראָבן בוך: „נאָט זעט, וואָס דרעפּער זאָגט אָפּ אײַער ראמבאמ! דער ראמבאם איז געווען הויף-דאָקטער באַם טערקישן סולטאן דרײַצן יאָר. האָט ער זיך צוליב דעם געשמאדט.

דרײַצן יאָר געווען א טערק. אײַער ראמבאם, אײַער „מורה-נעווכים" [1] — וואָס וועט איר הײַנט זאָגן?"...

א גליק, וואָס דער פעטער פיניע איז דערבײַ ניט געווען! ווײ־ווײ, וואָס וואָלט געווען, אשטייגער, ווען דער פעטער פיניע זיצט דערבײַ?..

פאר אָט דעם כעוורעמאנ האָט זיך, אפּאָנעם, שאָלעמס פאָטער באַרימט מיט זײַן זונס שרײַבעכצנ און מיט אים, אפּאָנעם, זיך אנ אייצע געהאלטנ, וואָס טוט מען מיטנ קינד, וויאזוי מאכט מען אים פאר א „מענטשנ"? שאָלעם איז אָנגעקומענ אפ די דאָזיקע רייד פונ ארנאָלדנ:

— די שרײַבערײַעכצנ זײַנע בינ איך אײַך מויכל. נעמט ווארפט זיי ארויס אפנ מיסט. אזעלכע שרײַבערײַעכצנ זײַנען ניט ווערט דאָס פּאפּיר. און דעם קליינעם, אויב איר ווילט אים מאכנ פאר א מענטשנ, נעמט און גיט אים אוועק אינ דער „אויעזדנע". פונ דער „אויעזדנע" זײַנען פאר אים דערנאָך אלע וועגנ אָפנ: ווילט איר אינ ראבינער-שול — איז אינ ראבינער-שול. ווילט איר אינ גימנאזיע — איז אינ גימנאזיע...

מיט שאָלעמס ארײַנקומענ איז דער שמועס איבערגעריסנ געוואָרנ. און האגאם ארנאָלדס קריטיק איבער זײַנע „שרײַבערײַעכצנ" איז גע-ווען פארנ יונגנ שריפטשטעלער עפּעס ניט אזוי פויגלדיק, און אנ אָרט האָט מען זיי אוועקגעגעבנ עפּעס ניט אזא בעקאָוועדיקנ (אפנ מיסט), פונדעסטוועגנ איז שאָלעם געוואָרנ אָט דעם ארנאָלדנ פונ די פּידוואָרקעס דער גרעסטער גוטערפרײַנט — נאָר פארנ וואָרט „גימנאזיע", וואָס האָט געקלונגענ אינ זײַנע אויערנ ווי די שענסטע מוזיק און געהאט דעם זיבעטנ כיינ בא אים אינ די אויגנ. ניט אזוי נאָך דאָס וואָרט „גימנאזיע", וואָס ער האָט נאָך, אייגנטלעך, ניט געוווּסט מיט וואָס מע עסט דאָס, ווי דאָס, וואָס ער וועט זײַנ א „גימנאזיסט"! א קלייני-קײַט, א גימנאזיסט? א גימנאזיסט האָט ער געוווּסט, געקענט, געזענ מיט זײַנע אויגנ. דאָס איז געווענ דער איינציקער ייִדישער גימנאזיסט אינ פּערעיאסלאוו. און ניט קיינ גימנאזיסט, נאָר א „גימנאזיסטל", מיט ווײַסע זילבערנע קנעפּלעך און מיט א זילבערנער צאצקע אפנ קאש-קעטל. און געהייסנ האָט ער אויך שאָלעם, נאָר גערופנ האָט מענ אים סאָלאָמאָנ — א ייִנגל גלײַך מיט אלע ייִנגלעך, נאָר פאָרט ניט

---

1 דעם ראמבאמס (זע אָנמ. צו ז. 124) א רעליגיעז-פילאָסאָפיש ווערק.

גלײַכ, פאָרט א „גימנאזיסטל״, גאָר אנ אנדער מינ באשעפעניש, ווי מיר וועלנ דאָס באלד ארויסזענ. דערווײַל האלטנ מיר נאָכ בא דער אײצע, וואָס ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס האָט אופגעגעבנ. ער האָט מיט זײַנ אידײ ארײַנגעלאָזט א גריל, אונ פונ דעמלט אָנ האָבנ די ווערטער „קלאסנ״, „עקזאמענט״, „ראבינער-שול״, „גימנאזיע״, „דאָקטער״ זיכ באזעצט בא די ראבינאָוויטשעס אינ שטוב. פונ וואָס מע זאָל ניט רײדנ, איז מענ ארופ אפ אײנע פונ די אויבנ דערמאָנטע ווערטער. איטלעכער האָט געהאט וואָס צו דערצײלנ א שײנס: וויאזוי אנ אָרעמ-באָכער פונ דער יעשיווע האָט זיכ אוועקגעלאָזט א באָרוועסער קײנ זשיטאָמיר אינ דער ראבינער-שול... וויאזוי א מעלאמעדס א יינגל, א ליטוואק, איז פארפאלנ געוואָרנ אפ עטלעכע יאָר, געמײנט, ער איז אינ אמעריקע. צומ סאָפ לאָזט זיכ אויס, אז ער האָט אָפגעגעבנ „עקזאמענט״ אפ אלע אכט קלאסנ גימנאזיע, אונ איצט שטודירט ער, זאָגט מענ, אפ דאָקטער. דאָס קאָנ נאָר א ליטוואק!

— שאט! וואָס דארפט איר א סאכ? אמער נעמט אונדזער יאנקל דעמ רויפעס זונדל. וויפל, מײנט איר, גײט אימ אָפעט צו ווערנ א דאָקטער...

— פאָלג מיכ א גאנג! עס דארפ נאָכ אוועקגײנ א יאָר מיט א מיטוואָכ, ביז יאנקל דעמ רויפעס זונדל וועט אמאָל זײַנ א דאָקטער...

יאנקל דעמ רויפעס זונדל — דאָס איז דער גימנאזיסט, אָדער „גימנאזיסטל סאָלאָמאָנ״, וואָס איז דערמאָנט בא אונדז אויבנ, אונ פונ אימ גײענ מיר דערצײלנ אינ קומענדיקנ קאפיטל.

50

גימנאזיסטל סאָלאָמאָנ

יאנקל דעמ דאָקטערס זונדל א גימנאזיסטל. — ער איז אימ שרעקלעכ מעקאנע. — דער ווײַנקעלער „יוזשנאהאָ בערעגא״. — ווימאָראָזיג פונ ראָזינקעס. — „צערקאָווגע קאָשער לעפעסאכ״.

עס זײַנענ געווענ אינ פערעיאסלאוו עטלעכע דאָקטוירימ, אונ יעדער מיט זײַנ צונעמעניש: דער גראָבער דאָקטער, דער האָרבאטער דאָקטער, דער שווארצער דאָקטער. די אלע דאָקטוירימ זײַנענ געווענ קריסטנ, אונ נאָר אײנ דאָקטער איז געווענ א ייִד, אי דאָס — ניט קײנ גאנצער דאָקטער, א האלבער דאָקטער — יאנקל דער רויפע.

געהאַלטן האָט ער זיך אָבער, ווי א גאַנצער דאָקטער. געטראָגן א טענדעוועוועוודיקע, פאַרשריבן א רעצעפּט און אָנגערופן אים דאַפקע הוּיך און דאַפקע אַף לאַטײַן:

— איר וועט מויכל זײַן אײַנעמען אַלע צוויי שאָ אַן עסלעפל „קאַלי בראָמאַלי", און אַלע דרײַ שאָ א טיי-לעפעלע „נאַטרי בראָמאַ-טרי", וועט אײַך מאָרגן ווערן בעסער. און אַז ס'וועט ניט ווערן בעסער, וועט אײַך ווערן ערגער, וועט איר מיך רופן, וועל איך קומען נאָכאַמאָל...

די שטאָט האָט ליב געהאַט יאַנקל דעם רויפע א סאַך בעסער, ווי אַלע דאָקטוירים. דערפאַר, ווײַל מיט יאַנקל דעם רויפע קאָן מען זיך דורכשמועסן, געוויינלעך ווערן, פונוואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס סע שפּאַרט אונטערן לעפעלע? און וואָס איז דער סייכל, אַז מע האָט א רעמאַטיז אין א פוס, זאָל מען טרינקען טראָפּן? וואָס פאַר א שײַכעס האָט א מאָגן מיט א פוס? — און נאָך אַזעלכע זאַכן. הײַנט האָט ער אײַך א מײַלע — ער דינגט זיך ניט. ער נעמט וויפל מע גיט אים. קוקט גאָר אַפילע ניט. ער שאַרט נאָר מיט די פינגער עטלעכע מינוט און טרעפט שוין אין דער פּינצטער, וואָס פאַר א מאַטבייע מע האָט אים אַרײַנגערוקט. אויב ס'איז אַן אָפּגעריבענער דרײַער, וואָס האָט ניט קיין שום ווערט, גיט ער אײַך אָפּ צוריק און זאָגט, אַז מע דאַרף גאָרניט. ווערט אײַך איבער דער טעווע, גיט איר אים שוין אַן אַנדער מאַטבייע.

און נאָך א מײַלע האָט ער: ער לאָזט זיך ריידן און האָט אַליין אויך ליב ריידן. ריידן, דערציילן מײַסעס, און צומייינסטן — פון זײַנע קינדער, וואָסערע געראָטענע קינדער ער האָט. איינער, דער עלטע-רער, שאָלעם הייסט ער — סאָלאָמאָן — איז ער שוין א גימנאַזיסט. ער וועט, אימירצעשעם, ענדיקן די גימנאַזיע און וועט אַרײַן אין אוני-ווערסיטעט און וועט אַרויס פון דאָרטן א דאָקטער, א פּאַרטיקער דאָקטער. טאַקע א ג א נ צ ע ר דאָקטער!

— כ'וואָלט שוין געוועלט, ס'זאָל שוין זײַן יאָמטעוו! — זאָגט יאַנקל דער רויפע מיט א זיפצ. — אימירצעשעם, אַף יאָמטעוו קומט ער צו פאָרן, מײַן סאָלאָמאָן, וועט איר זען א גימנאַזיסטל!..

שאָלעם וואָלט שוין אויך געוועלט, ס'זאָל שוין זײַן יאָמטעוו, און ער זאָל אָנקוקן דאָס גימנאַזיסטל, וואָס פאַר א פּאָנעם האָט דאָס א גימ-נאַזיסטל.

קוים דערלעבט יאָמטעוו, פּייסעך. אָט דאָ וועט ער שוין זען, וואָס הייסט א „גימנאַזיסטל".

יאנקל דער רויפּע איז ניט אזא גרויסער דאוונער, וואָס זאָל לויפֿן יאָמטעוו אין שול אַרײַן. ער איז דאָך עפּעס א דאָקטער! טאקע נאָר א האלבער דאָקטער, און דאָך א דאָקטער. פונדעסטוועגן, צוליבן זונדל, דעם גימנאזיסטל, איז ער שוין אויך געקומען אין שול אַרײַן. אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אָנגעפּאָמאדעטער און א גליקלעכער. ער זיצט אין שפּיגל-באנק, אקוראט אקעגן מיזרעך. נעבן אים שטייט זײַן זונדל שאָלעם, אָדער סאָלאָמאָן, אָנגעטאָן אין א מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך פון אויבן ביז אראָפּ, מיט א מאָדנע היטעלע אפן קאָפּ, א היטעלע מיט א צאצקע. אין די הענט האלט ער א קליין סידערל און דאוונט, ווי א געוויינלעכער מענטש, און אלע באלעבאטים און אלע קינדער לאָזן ניט אראָפּ קיין אויג פונעם גימנאזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך. דאכט זיך, א מענטש גלײַך מיט אלע מענטשן, א יינגל גלײַך מיט אלע יינגלעך — און פאָרט ניט גלײַך: א גימנאזיסטל! און עס רײַסט זיך ארויס א טיפער זיפץ פון הארצן.

אָפּגעדאוונט, כאַפּט זיך יאנקל דער רויפּע נאָך ניט אוועקצוגיין פון שול. וועמען ער דארף נאָך זאָגן א גוט-יאָמטעוו, ווער עס דארף אים זאָגן א גוט-יאָמטעוו. און דעריקער וועט דאָך ווערן א שמועס מיסטאמע פון זײַן זונדל דעם גימנאזיסטל. און קאכאווע.

— אָט דאָס איז ער, אײַער גימנאזיסטל, רעב יאנקל? נא דיר אָפּ שאָלעם.

און מע שטעקט אים אָפּ שאָלעם פון אלע זײַטן. דאכט זיך, א יינגל — און יידן מיט בערד גיבן אים שאָלעם-אלייכעם! אנדערע שטעלן זיך אָפּ א ביסל שמועסן מיט יאנקל דעם רויפּע טאקע פון זײַן זונדל: ווו לערנט ער? און וואָס לערנט ער? און וואָס וועט זײַן, אז ער וועט שוין אויסלערנען? צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען?..

— צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען? — זאָגט יאנקל דער רויפּע מיט א געלעכטערל. — ער וועט זיך שוין דערלערנען, כע-כע-כע. ער וועט שוין זײַן א דאָקטער. טאקע א גאנצער דאָקטער, כע-כע-כע.

יאנקל דעם רויפּעס זונדל וועט זײַן א דאָקטער? א גאנצער דאָקטער?! — וואָס-וואָס, נאָר מיט פּארנאָסע וועט ער שוין זײַן באוואָרנט... אפילו גרויסע, אלטע יידן ווונדערן זיך, כאָטש מע פארשטייט ניט, און זיי אליין פארשטייען ניט, ווער שטערט זיי, למשל, אז זייערע קינדער זאָלן זײַן דאָקטוירים? קיינער שטערט זיי ניט, נאָר אז זייערע טאטעס האָבן זיי ניט געוואָלט מאכן פאר דאָקטוירים,

װילנ זײ ניט, אַז זײערע קינדער זאָלנ זײַנ דאָקטױרים. טרײסטנ זײ זיכ דערמיט, װאָס זײערע קינדער װעלנ דערפֿאַר זײַנ ייִדנ. אײַ װאָס — פּאַרנאָסע? עט! „מאַנ דעיאָהיװ כאיע יאָהיװ מעזױנײ". דער פּשאַט איז: װער עס גיט לעבנ, דער װעט געבנ צום לעבנ, אינ גליק איז באַ גאָט... אָט האָט יוזיע פּינקעלשטײנ ניט געענדיקט אַפֿ דאָקטער אונ איז, פֿונדעסטװעגנ, כוץ זײַנ שאָדנ אַפֿ אונדז אַלעמענ געזאָגט געװאָרנ כאָטש האַלבנ..

— אַז װיפֿל, זאָגט איר, רעב יאַנקל, דאַרפֿ ער נאָכ לערנענ, אײַער דאָס, אײַער גימנאַזיסטל? — פֿרעגנ אים די ייִדנ, קוקנדיק פֿונ אױבנ אַראָפּ.

— מײַנ סאָלאָמאָנ? — זאָגט יאַנקל דער רויפֿע אונ גלעט זיכ דאָס בערדל אונ טאַנצט אונטער אַפֿ אײנ פֿוס. — אָ! ער דאַרפֿ נאָכ לאַנג־לאַנג שטודירנ! — אונ ער רעכנט אױס אַפֿ די פֿינגער, װיפֿל יאָר ער דאַרפֿ נאָכ שטודירנ אינ גימנאַזיע, װיפֿל יאָר אינ אוניװערסיטעט, אונ דערנאָכ אַרבעטנ אינ אַ שפּיטאָל. אָדער גאָר אַרײַנ אינ װאָיענע האָספּיטאַל, װערנ װאָיענע דאָקטער, דאָס הײסט, קימאַט אַלײנ אָפֿיצער, מיט פּאַלעטנ, כע־כע־כע...

אונ ס'איז ניטאָ קײנ מער גליקלעכער מענטש אַפֿ דער װעלט, דאַכט זיכ, װי יאַנקל דער רויפֿע, — אַ קלײנ ייִדעלע מיט אַנ אײַנגעפֿאַלענער נאָז, נאָר מיט געגרײַזלטע שטאַרק אָנגעפּאָמאַדעטע האָר אונ מיט אַ טענדעװערענדע, װי אַנ עמעסער דאָקטער. אונ ס'איז ניטאָ קײנ מער גליקלעכער אַפֿ דער װעלט, װי אָט דאָס גימנאַזיסטל מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די זילבערנע קנעפּלעכ אונ מיטנ מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע. בײדע גײענ זײ פֿונ שיל, אַרומגערינגלט פֿונ אַ סאַכ באַלעבאַטים. ייִדנ רײַבנ זיכ אַרום יאַנקל דעם רויפֿע. ייִנגלעכ רײַבנ זיכ אַרום זײַנ גימנאַזיסטל, װילנ זײַנ װאָס נעענטער, װאָס נעענטער. עס דאַכט זיכ אױס, אַז ער איז עפּעס גאָר אַנ אַנדער מינ באַשעפֿעניש. ער שמעקט גאָר אַנדערש...

נײנ, שאָלעמ האָט נאָכ אַפֿ זײַנ לעבנ קײנעמ אַזױ ניט מעקאַנע געװענ, װי אָט דעמ גליקלעכנ גימנאַזיסטל. „פֿאַרװאָס איז ער ניט אַפֿ זײַנ אָרט? פֿאַרװאָס איז ער בעסער ניט יאַנקל דעמ רויפֿעס זונ? ער הײסט דאָכ אױכ שאָלעמ... דאַכט זיכ, װאָס װאָלט גאָט געאַרט, אַז נאָכעמ ראַבינאָװיטש זאָל זײַנ יאַנקל דער רויפֿע אונ יאַנקל דער רויפֿע זאָל זײַנ נאָכעמ ראַבינאָװיטש?"... ער האָט אים געזוענ נאָכדעמ אינ כאָלעמ. ער האָט פֿונ אים געכאָלעמט אַפֿ דער װאָר. ער איז

אים ניט ארויסגעקראָכן פון קאָפּ אפ א מינוט. ער איז געוואָרן בא אים א מעשוגאַס, א „אידייע-פיקס", דער צווייטער כאַים פּרוכשטײן... ער האָט אים מעקאַנע געווען, שטאַרק מעקאַנע געווען! צוגיין צו אים און ריידן האָט ער ניט געהאַט קיין מוט. ווי?אזוי רעדט מען דאָס מיט א גימנאזיסטל?.. ווי?אזוי טרעט מען צו צו א יינגל, וואָס הייסן הייסט ער שאָלעם און רופן רופט מען אים סאָלאָמאָן?.. נאָר פאָרגעשטעלט האָט ער זיך אין דער פאַנטאַזיע, אז ער איז אליין א גימנאזיסטל, און הייסט שוין אליין אויך ניט שאָלעם, נאָר סאָלאָמאָן, און אז ער טראָגט א מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך און א צאַצקע אפן היטעלע, און אלע יינגלעך זײַנען אים מעקאַנע, און אלע יידן כידעשן זיך: „אָט דאָס איז נאָכעם ראַבינאָוויטשעס זונדל, ד ע ר ג י מ נ א ז י ס ט ל?.. אָט דער האָט אמאָל געהייסן שאָלעם?"...

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א געדולע, וואָס פאַר א יאָמטעוו ס'איז געוואָרן בא שאָלעמען אין הארצן יענעם טאָג, אז דער טאַטע האָט אים געגעבן צו וויסן, אז מאָרגן, אימירצעשעם, הייבט ער אָן גיין אין די קלאַסן. ער איז שוין געווען, זאָגט ער, באם דרעקטער, אײַנגעגעבן א „פּראָשעניע", דערווײַל אין „פּריגאָטאָוויטעלנע".

— אין זעקס וואָכן וועסטו ענדיקן די „פּריגאָטאָוויטעלנע", וועסטו ארײַן, אימירצעשעם, אין דער „אויעזדנע", און פון דאָרטן, אז גאָט וועט וועלן, אין גימנאזיע, און פון דאָרטן נאָך ווײַטער... בא גאָט איז אלץ מעגלעך, אבי זאָלסט נאָר וועלן זיך צוסטאַרען א ביסעלע.

שאָלעם האָט שיר ניט ארויסגעלאָזט קיין קוויטש — ער זאָל זיך ניט שעמען פאַרן טאַטן. א שײַלע, אויב ער וועט זיך צוסטאַרען! ער האָט נאָר ניט געוווסט אקוראַט, וואָס איז „אויעזדנע", ווער איז דער דרעקטער און וואָס הייסט „פּריגאָטאָוויטעלנע"? ער האָט גוט געדענקט, וואָס ארנאָלד האָט געזאָגט, ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס. און פאַר די אויגן איז אים געקומען יאַנקל דעם רויפעס גימנאזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיטן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע, — און דאָס הארץ איז אים געוואָרן פול, און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, און טרערן, טרערן פון פרייד האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. נאָר ער איז געבליבן שטיין ווי א סטאַטיק, א נעבעכל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן. דער סטאַטיק האָט אָבער ארויסגעקוקט אפ דער מינוט, ווען ער וועט קאָנען בלײַבן אליין,

וועט ער זיכ שוינ ראסקאָשעווענ: ער וועט שענקענ זיכ אליינ צוויי פּעטש אינ ביידע באקנ, אָדער אינ ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבנ זיכ א וואָרפ אפ דער ערד און איבערקוליענ זיכ דריי מאָל הינ אונ צוריק, אָדער אוועקשפּרינגענ אפ איינ פוס ווײט-ווײט אונ אויסוּפנ מיט א ניגנ:

סאָלאָמאָנ! סאָלאָמאָנ!
גימנאזיסטל סאָלאָמאָנ!..

— אונ דערוויַיל גיי, זײ מויכל, פארוויגנ דאָס קינד, דערנאָכ וועסטו זיכ זעצנ העלפנ האקנ ראָזינקעס...

דאָס, פארשטייט זיכ, זאָגט די שטיפמאמע. אונ ביכדיי דעמ לעזער זאָל ניט זײנ קאָשע, וואָס איז פאר ראָזינקעס, וואָס מע דארפ זיי האקנ, באדארפ מענ אימ דאָ געבנ צו וויסנ, אז ווײל פונעמ אײנפאָר אליינ קאָנ מענ ניט לעבנ, האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש געעפנט א קעלער, א ווײנקעלער, אונ צופגעהאנגענ א שילד:

„פּראָדאישא ראזניכ וינ יוזשנאהאָ בערעגא".

ער אליינ טאקע האָט געמאכט די ווײנענ פונ געהאקטע ראָזינקעס אונטער אלערליי נעמענ, פונ וועלכע עס געדענקט זיכ „ווינאָראָזינג", „כערעס", „מאדערא" אונ נאָכ א סאָרט רויטער ווײנ מיטנ נאָמענ „צערקאָוונע קאָשער לעפּעסאכ". דעמ סאָרט ווײנ האָבנ די קינדער ליב געהאט מער פונ אלע ווײנענ — איבער דעמ, וואָס דער „צערקאָוונע קאָשער לעפּעסאכ" איז געווענ זיס אונ טערפּקע. זײנ זיסקײט האָט זיכ גענומענ פונ אזא מינ סיראָפּ, וואָס מע האָט אינ אימ ארײנגעטאָנ, אונ זײנ טערפּקײט האָט געשטאמט פונ די קערלעכ פונ די ראָזינקעס. אונ פונוואנענ זײנ גענומענ האָט זיכ רויטקײט — דאָס האָט דער טאטע געהאלטנ בעסאָד... אלעמאָל, ווענ מע האָט די קינדער געשיקט אינ קעלער נאָכ א קוואָרט ווײנ, האָבנ זיי זיכ צוגעכאפּט צומ „צערקאָוונע קאָשער לעפּעסאכ" אונ אויסגעזשליאָקעט צוויי מאָל אזויפיל — אונ פונדעסטוועגנ האָט זיכ געצויגנ פונעמ ווײנ דאָס שטיקל ברויט גאָר נישקאָשעדיק, מער פונ אלע אנדערע פארנאָסעס.

51

„די פּענסיע"

דער טאַטע שטאָל און אײַזן פאַרן „קלאַסניק". — דער העלד באַקומט אַ סטיפּענדיע — אַ ראָש אין שטאָט. — די כאַלוימעס וועגן אויצער הייבן אָן מעקוייעם צו ווערן.

ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. דאָס אַרײַנטרעטן אין דער „אויעזדנע" איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג און ניט אָפּגעלאָפּן גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געווען דער פעטער פּיניע. ער האָט געאַרבעט מײַסים: סטײַטש, נעמען קינדער און מאַכן זיי פאַר גוייִם בעיאָדאַים! — האָט ער געטײַנעט, זיך שטאַרק געעַרגערט, און האָט זיך ניט באַרויִקט, ביז ער האָט ניט גענומען באַם ברודער דאָס וואָרט, אַז ער וועט כאָטש ניט לאָזן זײַנע קינדער שרײַבן אום שאַבעס. דעם טנײַ האָט טאַקע נאָכעם ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן דירעקטאָר (כמאָטריטעל) פון דער „אויעזדנע" בעפּיירעש, אַז שאַבעס באַדאַרפן זײַנע, ראַבינאָוויטשעס, קינדער זײַן פרײַ. נאָך אַ טנײַ האָט ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן דירעקטאָר (דאָס איז געווען אַ צײַט, וואָס ייִדן האָבן דיקטירט טנאָיִם), אַז זײַנע קינדער זאָלן ניט זײַן אין קלאַס, ווען דער גאַלעך גיט אָפּ זײַן שטונדע — און אויסגעפירט האָט ראַבינאָוויטש.

די צווייטע שוועריקײַט פאַר די קינדער איז געווען די שפּראַך. זיי האָבן באַם אַרײַנטרעטן אין קלאַס פאַרשטאַנען אַזוי ווינציק רוסיש, אַז אַלע האָבן פון זיי געמאַכט כויזעק — סײַ דער לערער סײַ די כאַווירים. עס האָט זיך אויך געוויזן, אַז די בענק לאַכן. און דאָס האָט דעם ציקאַוון שאָלעמען פאַרדראָסן. ער איז געווינט געווען אָפּצולאַכן פון דער גאַנצער וועלט, צום סאָף לאַכט מען גאָר פון אים!.. און די כאַווירים, די שקאָצימלעך, האָבן אויך ניט געשוויגן. קוים האָט זיך געענדיקט דאָס לערנען אין קלאַס, און די ייִדישע קינדער, די „זשידעניאַטעס", האָבן זיך באַוויזן אין הויף, אַזוי האָט מען זיי, בימכילאַס קווידאָם[1], אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, און דאַפּקע אין גוטן מוט, צוגעהאַלטן די הענט מיט די פיס, און גוט אָנגעשמירט זיי די ייִדישע פּיסקעס מיט גויִשן כאַזער... געקומען דערנאָך אַהיים

1 געמיינט: איך בעט אײַך איבער.

מיט באטריבטע הערצער, האָבנ זיי מוירע געהאט צו דערציילנ דעמ עמעס, מע זאָל זיי ניט אָפּנעמענ פונ די קלאסנ. די שטיפמאמע האָט אזוי אויכ געקאָכט אונ געגראָבנ אפ די „קלאָסניקעס“ (אזוי האָבנ געהייסנ בא איר די קינדער נאָכנ אריינ אינ דער אויעזדנע). אונ ווייל שאָלעמ איז געווענ מער מאסמיד[1] פונ אלע, האָט זי אימ געדרוידעפּט מער פונ אלעמענ. האָט זיכ אָבער געטראָפנ א מייסע אונ מע האָט איר אָפּגעהאקט די פליגל, איז זי געוואָרנ שטיל. וועקאכ האָיאָ מייסע[2].

איינמאָל, אינ א שיינעמ פרילאָרגנ, האָט שאָלעמ געלערנט, ארומגעשפאנט איבער דער שטוב אונ איינגעכאזערט דעמ „אוראָק“ אפ אויסווייניק, אונ דער טאטע איז געשטאנענ אינ טאלעס-אונ-טפילנ אונ האָט געדאוונט. אונ די שטיפמאמע האָט זיכ געטאָנ איר ארבעט: זי האָט געיאָדעט דעמ טאטנ, אופגעוואָרפנ אימ די אלטע אווירע, וואָס ער האָט אמאָל פארלייקנט פונ איר די עלטערע אונ די קלענערע קינדער, די מיידלעכ, זיכ דורכגעשמועסט וועגנ דעמ, וואָס פאר א גוטנ אפעטיט, קיינ איינאָרע, זיינע קינדער האָבנ צומ עסנ אונ וואָסערע גוטע מאָגנס זיי פארמאָגנ. ניט פארגעסנ אָנרירנ אויכ די „מישפּאָכטערע“ זיינע... דאָס אלצדינג האָט דעמ טאטנ ניט גערירט. ער איז געשטאנענ מיטנ פּאָנעמ צו דער וואנט אונ האָט געדאוונט, גלייכ ווי ניט אימ מיינט מענ. נאָר אָט האָט זי זיכ צעלאָזט מיט איר מיינעלאָשנ אפ שאָלעמענ, לעמיי ער גייט ארומ אונ לערנט.

— ער מיינט, דער שיינער קלאָסניק, אז כריינ איז זיינ פעטער אונ אז ער איז שוינ א גאנצער פּאָרעצ אונ איז שוינ פּאָטער פונ אלצדינג, אכוצ עסנ! די סאכ מעשאָרסימ, וואָס מע האָט דאָ, מיט די דינסטנ נישקאָשע, עס מעג דיר נאָכ אָנשטיינ, דו שיינער קלאָסניק מיט די אויסגעדרייטע שטיוועלעכ, זיכ מאטריעכ זיינ אריינטראָגנ דעמ אוירעכ דעמ סאמאָוואר, עס וועט כאָלילע ניט אָפּפאלנ פונ דיר קיינ האָר אפילע, אונ צומ אפעטיט וועט דאָס דיר ניט שאָטנ, אינ צומ שידעכ אויאדע ניט..

דער „קלאָסניק“ איז שוינ גרייט געווענ אוועקלייגנ דעמ „אוראָק“ אונ לאָזנ זיכ אינ קיכ ארייננ נאָכנ סאמאָוואר, אז עס טוט זיכ ניט א וואָרפ דער טאטע אונ כאפּט אימ ניט אָנ פאר א האנט אונ צעלאָזט זיכ ניט מיט אימפּעט אפ לאָשנקוידעש (ניט געוואָלט אינ דאוונענ מאפסיק זיינ):

1 פליישיקער.

2 אונ דאָס איז אזוי געשענ.

— אי־אָ־נו־פע — לוי! לוי[1]! בעשום־אויפֿן! מע דאַרף ניט! איך הייס ניט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אַף ייִדיש און איז אַנגעפֿאַלן אַף דער שטיפֿמאַמע מיט א פֿײַער, עפּשער דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז זײַן ווײַב, אז זי זאָל זיך ניט דערוועגן מער שאַפֿן מיט אים פֿונדאַנען אהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפֿן, נאָר ניט מיט שאָלעמען! שאָלעם איז ניט גלײַך צו אַנדערע! שאָלעם באַדאַרף לערנען!

— איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל! אָט אזוי וויל איך, און אָט אזוי איז דאָס, און אָט אזוי וועט דאָס זײַן!

צי דערפֿאַר, וואָס יעדער דעספּאָט, יעדער שלאַק־פֿוראָניעס, אז ער דערהערט א הויך וואָרט, דערשרעקט ער זיך און ווערט אַנשוויגן, אָדער דערפֿאַר, וואָס דאָס איז געווען דעם טאַטנס ערשטער ווידערשטאַנד זינט זיי קענען זיך און פֿירן אזא זיס לעבן, — נאָר ס'איז געשען א נעס: די שטיפֿמאַמע האָט צוגעביסן די צונג און איז אַנשוויגן געוואָרן, ווי א קעצעלע. פֿון דעמלט אָן איז זי צו שאָלעמען געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָס הייסט, שטעכווערטלעך און קלאָלעס האָט זי ניט געזשאַלעוועט, אַלע מינוט אים אויפֿגעוואָרפֿן די „קלאָסן", געגעבן אָנצוהערעניש בעדערעך גרוזמע, אז עס גייט אוועק א פֿוד פּאַפּיר א וואָך און דרײַ בוטעלקעס טינט א טאָג, און זי פֿלעגט פֿאַרגעסן מיטאַקיוון אָנצוגיסן דאָס לאָמפּל אַף באַנאַכט, אָנצוגרייטן אָנבײַסן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. דערפֿאַר אָבער שאַפֿן זיך האָט זי מיט אים מער ניט געשאַפֿט. סײַדן אזוי, אין גוטן מוט, אז ער האָט געוואָלט פֿאָלגן א גאַנג, אָדער א קוק טאָן צום סאַמאָוואַר, אָדער פֿאַרוויגן דאָס קינד — מאַכטייסע.

— שאָלעם? — זאָגט צו אים די שטיפֿמאַמע ווייך און מיט א ניגן, ווי מע רעדט אין באַרדיטשעוו. — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אז דו טוכסט נאָר א קוק צום סאַמאָוואַר, אזוי הייבט ער אָן זידן?

אָדער:

— שאָלעם? קום נאָר אהער! פֿאַרוואָס ווערט דאָס קינד בײַ דיר אַנשלאָפֿן מיט דער מינוט?

אָדער:

— שאָלעם? וואָס געדויערט בײַ דיר א שפּרונג אין מאַרק הין און צוריק? א האַלבע מינוט! קיין האַלבע מינוט אויך ניט!..

1 ניין! ניין!

און דערצו האָט אים צוגעשפּילט די האצלאָכע אויך א ביסל. אז עס הייבט אָן גיין א מענטשן, גייט עס. איינמאָל אין קלאס האָט דער „סמאָטריטעל" פון דער „אויעזדנע", א גאנץ ווילער גוי, אָנגענומען שאָלעמען באם אויער און געהייסן, אז דער טאטע זאָל קומען צו אים צו גיין אין דער קאנצעליאריע. ער דאַרף אים עפּעס זאָגן. דערהערט, אז דער „אָדן דער דירעקטאָר" רופט אים, האָט זיך נאָכעם ראבינאָוויטש ניט געלאָזט לאנג בעטן, אָנגעטאָן די שאבעסדיקע קאַפּאָטע, נאָך שטארקער אונטערגעקאַטשעט די אונטערגעקאטשעטע פּייעס און איז אוועק צום דירעקטאָר הערן, וואָס וועט ער זאָגן. לאָזט זיך אויס אזא געשיכטע: אזוי ווי זיין זון שאָלעם לערנט זיך אויסגעצייכנט גוט, וואָלט ער, אייגנטלעך, „פּאָ-זאקאָנו", באדארפט אים צונעמען אַפּ „קאזיאָנע שטשאָט". נאָר אזוי ווי ער איז א ייִד, קאָן ער אים שענקען א פּענסיע (דאַכט זיך, אויך ניט הונדערט צוואנציק רובל א יאָר, אָדער הונדערט צוואנציק רובל א האלב יאָר).

דאָס האָט אָנגעמאכט א מאָדנעם ראש און א טומל אין שטאָט. איינער נאָכן אנדערן איז מען געקומען געווירע ווערן, צי ס'איז עמעס?

— וואָס זשע? א ליגן?

— פּענסיע?

— פּענסיע.

— נאזנאטשעט פון קאזנא?

— ניט פון קאזנא, נאָר פון נאראָדנע פּראָסוועשטשעניע.

א מענטש, וואָס געהער זיך אָן מיט „נאראָדנע פּראָסוועשטשעניע", — א קאָטשעווס א ביסל!.. פּארנאכט קלייבן זיך צונויף די מישפּאָכע — אָנקוקן וואָס פאר א פּאָנעם ער האָט, דער „באל-האפּענסיע"?.. אכ! ווער עס האָט ניט געזען דעמאָלט דעם טאטן, ווי ער האָט געשיינט און געלויכטן, דער האָט גאָר קיין גליקלעכן מענטשן אַפּ זיין לעבן ניט געזען! אפילע די שטיפמאמע, וואָס האָט זיך מעסאמייעך[1] געווען גלייך מיט אלע און איז דעם דאָזיקן טאָג געווען מאָדנע גוט, מעכאבעד געווען די מישפּאָכע מיט טיי און מיט אייַנגעמאכטס, האָט באקומען כיין אין די אויגן פונעם באל-האפּענסיע, וואָס האָט איר פארגעסן און מויכל געווען אלצדינג. „וואָס ס'איז געווען — איז געווען"... איצט איז ער א העלד. אלע קוקן אַפּ אים. אלע ריידן פון אים. אלע

1 זיך געפרייט.

לאכנ און פרייענ זיכ. דער מומע כאנעס קינדער, וואָס האָבנ ליב טרײַבנ מיט אים קאַטאָוועס, פרעגנ אים: „וואָס רעכנט ער צו טאָנ מיט אזויפיל געלט?“ גלײַכ ווי זיי ווייסנ ניט, אז פונעם געלט וועט ער ניט זענ א גראָשנ איִנ די אויגנ. גלײַכ ווי זיי ווייסנ ניט, אז דאָס געלט וועט צוניצ קומענ דעם טאטנ אינ געשעפט ארײַנ, אינעם ווײַנקעלער „יוזשנאהאָ בערעגא“...

שאט! אָט איז ער אויכ דאָ — דער גראָבער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ און מיט די טיפע קאלאָשנ. ער וויל נאָר א קוק טאָנ מיט זײַנע בלינדע אויגנ דעם קונדאס (א קוועטש אפנ אס) און געבנ אים, דעם שייגאצ (א קוועטש אפנ אצ), א קניפ אינ בעקל, ארויסרײַסנ א שטיק פלייש! אויכ די „איידעמס“, לייזער-יאָסל און מאגידאָוו, זײַנענ ארײַנגעקומענ צום טאטנ אָפּגעבנ מאזלטאָוו און א ביסל זיצנ און שמועסנ פונ האכקאָלע און פונ ליכטיקײַט, פונ פראָגרעס און פונ ציוויליזאציע... און נאָכ זיי איז געקומענ ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס און האָט א ביסל פארשטערט שאָלעמענ די סימכע. ערשטנס, האָט ער באוויזנ די ייִדנ, אז זיי זײַנענ בעהיימעס, זיי ווייסנ ניט וואָס זיי ריידנ. די פענסיע איז ניט קיינ פענסיע, נאָר א סטיפענדיע. פענסיע איז פענסיע, און כטיפענדיע איז סטיפענדיע... וועהאשייניס, איז שאָלעמ ניט דער איינציקער — ס'איז דאָ נאָכ איינער אינ דער אויעזדנע, וואָס האָט באקומענ א סטיפענדיע, אויכ אפ הונדערט צוואנציק רובל, און דאָס איז געווענ שאָלעמס נײַער כאווער פונ דער אויעזדנע. עליע האָט ער געהייסנ. נאָר ווענג אים שפּעטער. דערווײַל איז דער העלד פונ אונדוער באשרײַבונג געווענ אפנ זיבעטנ הימל. ער האָט ארויסגעזענ בעכוש, אז זײַנע אמאָליקע כאלוימעס ווענג זײַנ כאווער שמוליקס „אויצער“ הייבנ אָנ פאוואָלינקע מעקוייעמ צו ווערנ... און זײַנ פאנטאזיע כאפט אים אופ אפ אירע פליגלענ און פארטראָגט אים ווײַט-ווײַט, אינ אוילעמ-האדימיענ[1] ארײַנ. און ער זעט זיכ ארומגערינגלט מיט זײַנע כאוויירים, וואָס קוקנ אפ אים מיט שטראלנדיקע אויגנ און זײַנענ אים מעקאנע. און דעם טאטנ זעט ער, נאָכ גאָר א יונגערמאנטשיק עפּעס. ווו איז אהינגעקומענ דער אויסגעבויגענער רוקנ? די טיפע קנייטשנ אפנ שטערנ? דאָס געלע פארזאָרגטע פּאָנעמ? גאָר אנ אנדער מענטש געוואָרנ! און ער זיפצט שוינ גאָר ניט מער. און די גאנצע מישפּאָכע — שטעלט זיכ אים פּאָר — רינגלט אים ארומ, גיט

1 פאנטאסטישע וועלט.

אים אָפּ גרויס קאָוועד, אים און זייַנ זונ שאָלעמען, דעם אויסדערוויילטנ, דעם גליקלעכנ, וואָס פונ אים ווייסנ הייַנט אלע, אפילע „קאזנא“ און אפילע די „בּאראָדנע פּראָסוויעשטשעניע“ — אלע, אלע, עפּשער טאקע ביזנ קייסער — ווער ווייכט?..

52

כאווער עליע

עליע דאָדיעס. — די ערשטע באקאנטשאפט אפּ א סרייפע. — שמועסנ וועגנ קאָכמאָגראפיע מיטנ פעטער פּיניע. — דער העלד איז מעכאלעל־שאבּעס בעפּארהעסיע[1] — ער ווערט געקרוינט מיטנ נאָמענ „פּיסאטעל“.

א פּאָנעם א וויַיס, א קייַלעכיקס, א ביסעלע א געשטופּלטס, האָר שטייענדיקע, הארטע, שווארצע, געדיכטע, שטעכעדיקע — א גאנצע גריווע. אויגנ לאכנדיקע, ציינ געזונטע, וויַיסע. פינגער קורצע, א געלעכטער א הילכיקער, א שיסנדיקער. א טעמפּעראמענט א פּייַעריקער. — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פונ שאָלעמס כאווער עליע, פונ דער ערשטער קלאס אויעזדנע ביזנ סאָפ.

זייער ערשטע באקאנטשאפט איז געשלאָסנ געוואָרנ באנאכט אפּ א סרייפע.

א סרייפע — דאָס איז א ספּעקטאקל, אנ אומזיסטיקע פאָרשטעלונג, א העכסט-אינטערעסאנטע פארזאמלונג פונ אלערליי טיפּנ יידנ און וויַיבער, אנ אָפּשפּיגלונג פונ אלערליי סצענעס, טרויעריקע און פריילעכע — מע דארפ ניט קיינ טעאטער. די נאכט איז שטיל, דער הימל איז טיפ, שטערנ פינקלענ. ווו-ניט-ווו לאָזט זיכ הערנ דאָס בילנ פונ א הונט. און דאָס שטיבל ברענט זיכ ווי א ליכטל, רויק, פּאמעלעכ. ס'האָט צייַט. פונ אלע גאסנ ציענ זיכ מענטשנ. פריער שלעפעריק, דערנאָכ לעבעדיקער און האמעטנער. פריער איינציקווייַז, דערנאָכ מאכנעסווייַז, און יידישע קינדער — א גאנצע כאליאסטרע. יידנ מיט ארבע-קאנפעסנ[2] ווארפנ זיכ אינ פּייַער אריינ ראטעווענ, וויַיבער קווי־

---

[1] פארשוועכנ שאבּעס עפנטלעכ, דה. טאָנ עפנטלעכ שאבּעס אנ ארבעט, וואָס לויט דער יידישער רעליגיע איז עס פארווערט שאבּעס צו טאָנ.

[2] דאָס זעלבע, וואָס טאלעסקאָטנ (זע באמ. צו ז. 64)

טשען, קליינע קינדער וויינען, באָכערים זאָגן ווערטלעך, אונטערגעוואקסענע מיידלעך לאַכן. ראַבינאָוויטשעס קינדער זײַנען אויך דאָ. פּלוצעם דערהערט שאָלעם עמעצנס קאָל, א קאָל פון א יינגל, און גלײַך צו אים אפּן אויער:

— זיי פאָרן!

— ווער?

— די „פּאָזשארנע קאָמאנדע". קום, וועלן מיר העלפן לעשן.

און ביידע יינגלעך נעמען זיך פאר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן איבערן גאנצן מארק צו באגעגענען די „פּאָזשארנע קאָמאנדע". לויפנדיק, ווערט שאָלעם געוווירע, אז זײַן כאַווער רופט מען עליע און אז ער איז דאָדיע דעם שרײַבערס א יינגל. און עליע ווערט געוווירע, אז זײַן כאַווער הייסט שאָלעם און אז ער איז נאָכעם ראַבינאָוויטשעס א יינגל.

זייער צווייטע באגעגעניש איז פאָרגעקומען א ביסל שפּעטער, שוין דאַפקע באַטאָג, אייך איין גאס און אויך אפּ אן אומזיסטיקער פאַרשטעלונג. עפּעס א שווארצער מיט ווײַסע ציין ווײַזט א מאַלפּע, און די גאנצע שטאָט מיט יינגלעך לויפן אים נאָך. דאָס איז איינס פון די כידושים, וואָס מע זעט זעלטן אין פּערעיאַסלאַוו. אָדער מע פירט ארום א בער מיט אויסגעברענטע אויגן, וואָס טאנצט אפּ א שטעקן. אָדער א וואנקא דרוטוטיו מיט רויטע הויזן, וואָס מאכט אָנשטעלן. אָדער א ציגײַנער ווײַזט א מאַלפּע. דער ציגײַנער און די מאַלפּע האָבן ביידע איין פּאָנעם, גלײַך ווי איין מאמע האָט זיי געהאָט. ביידע האָבן אַלציינע געקנייטשטע באוואקסענע פּענעמער, אַלציינע אויסגעקראָכענע קעפּ, און קוקן ביידע מיט אַלציינע ראַכמאָנעסדיקע אויגן און ציִען אויס די באוואקסענע ברודיקע דארע הענט, מע זאָל זיי עפּעס געבן. און ריידן רעדט דער ציגײַנער מיט אזא מאָדנע קאָל און אפּ אזא מאָדנע שפּראַך, שאָקלט מיטן קאָפּ און מאכט אזא מאָדנע גרימאַסע דערבײַ, אז מע מוז לאַכן: „דײַ, בארינ! כאראָש אָבעזשיאַנ! אמעריקאנסקו!"... און כעוורע שיסן אויס א געלעכטער. די דאָזיקע צווייטע באגעגענישן זײַנען שוין גאנץ גענוג, אז אזעלכע צוויי יינגלעך, שקאָצים, ווי שאָלעם נאָכעם ראַבינאָוויטשעס און עליע דאָדיע דעם שרײַבערס, זאָלן ווערן כאַווײרים. דארף נאָך גאָט פירן אזוי, אז זיי טרעפן זיך ביידע אין איין קלאַס אין דער אויעזדנע, א באַנק נעבן א באַנק, און אקוראט דעמלט, ווען דער לערער האלט אפּ זײַן ערשטע לעקציע פארן גאנצן קלאַס, דערזעט שאָלעם זײַן נײַעם כאַווער עליע, ווי

ער ציט אויס די האַנט, שאָקלט מיטנ קאָפ, מאַכט דעמ ציגײַנערס גרימאַסע: „דײַ, באַרינ! כאָראָש אָבעזשיאַנ! אַמעריקאַנסקו!" — זײַט א בעריע, האַלט זיכ אײַנ אונ צעלאַכט זיכ ניט. אַוואַדע באַקומענ בײדע כאַווײרימ א מיִעסנ פסאַק, בלײַבנ בײדע איבער „אָנ וואַרעמעס", אונ זײער פרײַנטשאַפט ווערט געשלאָסנ אַפ שטענדיק, אַפ אײביק.

פונ דעמלט אָנ ווערנ זײ נעפּעש אַכאַס, אײנ זעל, אײנ נעשאָמע. ווו אײנער, דאָרט איז דער צווײטער. בײדע אײנײנעמ לערנענ, אונ לערנענ גוט. מע האָט זיכ דאָס וואָרט געגעבנ, אַז מע זאָל איבערשטײַגנ אַלע גויִימ, מע זאָל זײַנ די ערשטע, די בעסטע טאַלמידימ אינ קלאַס. אונ מע האָט אויסגעפירט. מע האָט ווײַט-ווײַט איבערגעשטיגנ אַלע גויִימ אונ מע איז געגאַנגענ פונ קלאַס צו קלאַס די ערשטע בעסטע טאַלמידימ, אָבער אויכ די ערשטע אונ די גרעסטע שקאָציִמ אינ שטאָט. וואָס די צוויי האָבנ זיכ דערלויבט אָפצוטאָנ אינ שטאָט, האָבנ דאָס אַנדערע ייִנגלעכ ניט געוואַגט. די בעסטע ייִנגלעכ, פענסיִאָנערנ, סטיפענדיאַנטנ — א קלײניקײַט? הײַנט זײער קענענ רוסישע גראַמאַטיקע! וואָס פאַר א וואָרט מע זאָל ניט אַרויסרײדנ, איז באַלד צו דער גראַמאַטיקע. לעמאָשל, א טיש איז סטאָל. אונ סטאָל איז: סטאָל, סטאָלאַ, סטאָלו, סטאָל, סטאָלאָמ, אָ סטאָליע. א מעסער איז נאָזש. אונ נאָזש איז: נאָזש, נאָזשאַ, נאָזשו, נאָזש, נאָזשאָמ, אָ נאָזשיע. הײַנט געאָגראַפיע! ווער נאָכ ווײסט אַזוי ווי זײ, פאַרוואָס איז די ערד קײַלעכיק? ווער דרײט זיכ אַרומ וועמענ — די ערד אַרומ דער זונ, צי די זונ אַרומ דער ערד? אונ פונוואַנענ נעמט זיכ א ווינט? אונ וואָס איז פריִער — דער דונער אָדער דער בליץ? אונ פונוואַנענ נעמט זיכ א רעגנ?

פונ אַלע לערנעכצנ, וואָס מע לערנט אינ די קלאַסנ, געפעלט שאָלעמס טאַטנ נאָר געאָגראַפיע. מאַכמעס פונ געאָגראַפיע ווערט מענ געבילדעט, אופגעקלערט. כעזשבענענ איז אויכ א גוטע זאַכ. מאַטעמאַטיקע שאַרפט אויס דעמ מויעכ. אָבער ניט מער. אָט איז יאָסיע פרוכשטײנ א פראָסטער ייִד, ניט געלערנט אינערגעץ, פונדעסטוועגנ גיט אימ די שווערסטע „זאַדאַטשע", וועט ער זי אײַכ מאַכנ אַפנ קאָפ. צי, אַשטײגער, נעמט דעמ קאָלעקטאָר. ווו האָט ער שטודירט? ערגעץ אינ דער יעשיווע. נו, קענ ער ניט, מײנט איר, קײנ אַלגעברע? פונ לײזער-יאָסלענ שמועסט מענ ניט, אונ אַרנאָלד פונ די פידוואָרקעס — פונ יענעמ איז אָפגערעדט. אַרנאָלד איז דאָכ גרײט אָפגעבנ „עקזאַמענט". נײנ, זאָגט אײַכ וואָס איר ווילט, געאָגראַפיע איז

ניט מאטעמאטיקע. געאָגראפיע דארף מען לערנען. געאָגראפיע דארף מען קענען. און שאָלעם קען געאָגראפיע. זײַן פאָטער האָט ליב מיט אים צו פארברענגען נאָר וועגן געאָגראפיע. און איז צופרידן, און איז גליקלעך, אז עס זיצט דערבײַ א דריטער.

א קאָמעדיע איז, אז דער פעטער פיניע זיצט דערבײַ. דער פעטער פיניע גלעט די באָרד, שמייכלט, מאכט כויזעק פון דעם קליינעם פילאָזאָף, ווי ער צעשפרייט זיך דאָס א ביסל מיט זײַן געאָגראפיע. א ייִנגל א שנעק האָט א האָזע צו זאָגן פאר אן עלטערן ייִדן, פאר א פעטער, אז די ערד דרייט זיך, ניט די זון. אײַ, עס שטייט בעפיירעש: „שעמעש בעגיוווין דוים״? — דו, זון, אין גיוווין, בלײַב שטיין? בלײַבט א קאשע... „צי, אשטייגער, דו זאָגסט, אז דער דונער קומט פריִער פון בליץ. אײַ, מיר זעען פריִער דעם בליץ און ערשט נאָכדעם קומט דער דונער?״ — פרעגט בא אים דער פעטער פיניע אף א טשיקאווע און קאטשעט זיך פאר געלעכטער. „צי דו זאָגסט, אז די ערד איז א קאדור, קײַלעכיק, הייסט דאָס, ווי אן עפּל. מיט וואָס ווע֫סטו דאָס מיר באווײַזן?״ ענטפערט אים שאָלעם: „אויב איר ווילט זיך מאטריִען זײַן, פעטער, שטייט אוף, זײַט מויכל, מאַכן גאנצפרי און טוט א קוק אפן שפּיץ מאָנאסטיר, בייס די זון גייט אוף, וועט איר זען, ווי דער שפּיץ קלויסטער ווערט באלײַכט פריִער פון אלצדינג״... „אוואדע האָב איך מער ניט וואָס צו טאָן, נאָר אופשטיין דיר קאיאָר און קוקן אפן שפּיץ קלויסטער צוליב דײַן געאָגראפיע — כא-כא-כא!״...

ניין, דער פעטער פיניע איז ניט צופרידן ניט מיט דער געאָגראפיע, ניט מיט די קלאסן און ניט מיט דעם, וואָס זײַן נאָכעמס זון איז א כאווער מיט דאָדיע דעם שרײַבערס ייִנגל. ער וועט אים ארופירן ווער ווייסט אף וואָסערע דראָכים[1]... דער פעטער פיניע האָט געהערט אף זיי עפּעס ניט אזעלכע שיינע זאכן. ער האָט געהערט, אז די ייִנגלעך גייען שאבעס שפּאצירן אף די פּידוואָרקעס, און אז זיי טראָגן טיכלעך אום שאבעס, און אז זיי ריידן — ריידן זיי צווישן זיך אף רוסיש, ניט אף ייִדיש.

אוי-ווײ — ס׳איז נעבעך אלצדינג געווען עמעס, קוידעש-קאָדאָשים[2]! נאָכמער: זיי גייען אלע שאבעס אף די פּידוואָרקעס, אָבער ניט שפּא-

---

1 וועגן.

2 דאָ געמיינט: אבסאָליוט עמעס.

צירנ, ווי מיר וועלנ וויַטער זענ... זיי טראָגנ ניט נאָר טיכלעכ אומ שאבעס, נאָר קלײנגעלט אפ צו קויפנ בארלעכ, אונ ריידנ אזעלכע זאכנ — אכ! ווענ דער פעטער פיניע זאָל נאָכ וויסנ, פונ וואָס מע רעדט אונ וויִאזוי מע רעדט!.. דער פעטער פיניע זאָל נאָכ וויסנ, וויִאזוי די צוויי באָכערימלעכ שיפנ זיכ אפ א שיפל, פארקלײַבנ זיכ אינצווייענ העט-וויַט אפ יענער זײַט טײַכ. דאָרט, אפנ גרינעמ גראָז, לייענט מענ ביכלעכ (רוסישע) אונ מע זינגט לידלעכ (גויִשע) אונ מע כאָלעמט אפ דער וואָר, מע בויט אינײנעמ לופטשלעסער, וואָס וועט זײַנ אמאָל, אז מע וועט ענדיקנ די אויעזדנע? ווּהינ וועט מענ פאָרנ? אפ וואָס וועט מענ שטודירנ? וואָס וועט מענ זײַנ? אונ דער עמעס מוז דאָ געזאָגט ווערנ, עס האָט געהערעט, אזוי צו זאָגנ, א גויִשע שטימונג, אונ קײנ יִדישער אינהאלט איז אינ די דאָזיקע זיסע כאָלומעס ניט געוועזנ, וואָרעמ דער כאווער עליע איז געוואקסנ אינ א שטוב, וואָס איז געווענ וויַט פונ יִדישקײַט, כאָטש — אײנס צומ אנדערנ געהערט זיכ ניט — פעטש פאר ניט וועלנ דאווענ האָט עליע געכאפט פונ זײַנ טאטנ ניט ווינציקער ווי אלע אנדערע יִנגלעכ פונ זייערע טאטעס. איכ האָב מוירע, אז אלע טאטעס זײַנענ אזוי. איר קאָנט נאָכ הײַנט אויכ באגעגענענ טאטעס, וואָס אלײנ טוענ זיי קאָל-דאָוואָר-אָסער[1] אונ ווילנ, אז זייערע קינדער זאָלנ זײַנ גוט אונ פרומ, ניט אינ זיי גערעטנ...

ניט וועלנ דאווענ — דאָס איז געווענ בא כעוורע יונגווארג אנ אלטע קרענק נאָכ פונ כיידער. היפערנ אינ דאווענ איז געווענ א וואָכעדיקער גאנג. אונ פונ זינט זיי זײַנענ ארײַנ אינ די „קלאסנ", האָבנ זיי דאָס דאווענ גאָר אינגאנצנ פארבייגנ. דער טאטע האָט דאָס געוווּסט, נאָר געמאכט זיכ קעלוי-יאָדע[2]. האָבנ זיכ אָבער געפונענ אזעלכע, וואָס האָבנ נאָכגעקוקט אונ געעפנט דעמ טאטנ די אויגנ, ער זאָל זענ, ווי זײַנע קינדער גייענ ביסלעכווײַז אראָפ פונ דערעכ-האיאָשער[3] — אונ דאָס האָט גשפּירט דערצו, אז די קינדער זאָלנ נאָכ מער ניט וועלנ דאווענ אונ זאָלנ אינ דעמ ניט וועלנ דאווענ פילנ א מינ אוינעג-רוכני[4]. ניט אומזיסט האָט דער רעבע געגעבנ צו פאר-

1 אלצ, וואָס מע טאָר ניט.
2 ניט וויסנדיק.
3 פונ ריכטיקנ וועג; געמײנט: פונ רעליגיִעזנ וועג.
4 א גײַסטיקער פארגעניגנ.

שטיין זײַנע טאַלמידים, די קליינע באַל-אַווייערניקעס, דעם סייכל פֿון אַן אַווייערע, אַז די אַווייערע אַליין איז ניט אַזוי מוירע־דיק, ווי די טײַוועפֿון טאָן אַן אַווייערע... שאָלעם געדענקט נאָך אַדאַיאָם דעם טאַם פֿון דער ערשטער אַווייערע פֿון „כילעל-שאַ־בעס“. אַזוי איז געווען די מײַסע:

שאַבעס באַטאָג. ייִדן האָבן אָפּגעגעסן וואַרעמעס און געהאַלטן אין רעכטן שלאָף. אין גאַס איז נאָך ניטאָ קיין מעשוגענער הונט. שטיל און רויִק, כאָטש צי זיך אויס. די זון באַקט, ווי אין דער מידבער. די ווענט פֿון די געפֿאַרבטע הײַזער און די הילצערנע פֿאַר־קאַנעס פֿון די הויפֿן בעטן זיך, מע זאָל עפּעס אַף זיי אָנצייכענען, אָנשרײַבן. שאָלעם האַלט די הענט אין די קעשענעס. דאָרט ליגט בײַ אים אַ קרײַדל פֿון די קרײַדלעך, וואָס ווערן באַנוצט אין קלאַס צו דער מאַטעמאַטיקע. ער קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן — ניטאָ קיין מענטש. די לאָדן זײַנען פֿאַרהאַקט. און דער יעיִצערהאָרע רעדט אים אָן: „מאָל!“... וואָס זאָל ער מאָלן? נעמט ער אַפֿרעגיך און טוט אַ מאָל אויס דאָס באַוווסטע לידל, וואָס אַלע קינדער זינגען און מאָלן בייס-מײַסע:

טאָטשקאַ, טאָטשקאַ, זאַפּיאַטאַיאַ,
מינוס, ראָזשיצאַ קריוואַיאַ,
רוטשקאַ, רוטשקאַ, אי קרוזשאָק,
נאָזשקאַ, נאָזשקאַ, אי פּופּאָק[1]...

פֿאַרטיק אַ מענטשל מיט אַ קײַלעכיק פּאָנעם, מיט הענטלעך און מיט פֿיסלעך און מיט אַ מויל, וואָס לאַכט... דער מאָלער איז צו־פֿרידן מיטן בילד. עס פֿעלט נאָר זײַן אונטערשריפֿט. שאָלעם קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן — ניטאָ קיין מענטש. די לאָדן זײַנען פֿאַרהאַקט. און דער יעיִצערהאָרע רעדט אים אָן: „שרײַב!“... וואָס זאָל ער שרײַבן? נעמט ער און שטעלט אַוועק פֿון אונטן, אונטערן בילד, מיט שיינע קײַלעכיקע אויסיִעס אויף רוסיש, צום גראַם:

קטאָ פּיסאַל — ניע זנאַיו,
אַ יאַ, דוראַק, טשיטאַיו[2]...

1 אַ פּונקט, אַ פּונקט, און אַ קאָמע,
אַ פּאַסיקל אַ גלײַכס, אַ פּענעמל אַ קרומס,
אַ הענטל, אַ הענטל, און אַ קײַלכל,
אַ פֿיסל, אַ פֿיסל, און אַ בײַכל.

2 ווער ס׳האָט געשריבן — ווייס איך ניט, נאָר איך, שוויטע, לייען דאָס.

אונ איידער ער באַוויַזט איבערצולייענענ, וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבנ, דערפילט ער, ווי עמעצנס צוויי פינגער האַלטנ אימ באַמ לינקנ אויער, אָבער שטאַרק!..

איכ מיינ, אַז קיינעמ פונ די לעזער וועט ניט איַינפאַלנ צו טרעפנ, ווער האָט דאָס געקאָנט זיַינ אָט דער, וואָס האָט געפּאַקט דעמ העלד פונ דער בי׳אָגער פּיע מיט דער דאָזיקער מייַסטער אויערע פונ כילעל-שאַבעס בעפאַרהעסיע? פאַרשטייט זיכ, אַז ניט קיינ אַנדערער, נאָר דער פעטער פיניע! גאָר ער באַדאַרפ הייַנט פריער פונ אַלעמענ אופשטנ פונ שלאָפ און פריער פונ אַלעמענ גייג מיט א וויזיט גוט-שאַבעס זאָגנ! וואָס וויַיטער איז געווענ — איז איבעריק צו דערציילנ. יעדער קאָנ זיכ פאָרשטעלנ, אַז עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ זאַכ, קיינ בעטנ זיכ, קיינ טרערנ — דער פעטער פיניע האָט דעמ באָכער, אַנ אויסגעשמירטנ אינ קריַיד, אָפּגעפירט גלייַכ אַהיימ און איבערגעגעבנ אימ אינ טאַטנס הענט. נאָר דאָס איז געווענ גאָרניט אַקעגנ דעמ, וואָס איז געשענ נאָכדעמ, אַז די גאַנצע שטאָט איז געוווירע געוואָרנ פונ דער מייַסע און ס'איז דערגאַנגענ צו דער נאַטשאַלסטווע פונ דער אוישעדרנע. עס האָט געהאַלטנ דערביַי, אַז מע זאָל דאָס באָכערל „אויסשליסנ". דער טאַטע האָט געוויינט מיט טרערנ און האָט געבעטנ געמוזט גיינ צומ אָדנ צומ דירעקטאָר (סמאָטריטעל), בעטנ גאַר זיַינ זונ ראַכמימ, און נאָר צו פאַרדאַנקענ דאָס, וואָס ער איז געווענ איינער פונ די בעסטע טאַלמידימ אינ קלאַס, א סטיפּענדיאַנט, האָט מענ אָפּ אימ געלייגט קאָוועד, ראַכמאָנעס געהאַט אָפּנ טאַטנ און ניט „אויסגעשלאָסנ". דערפאַר האָבנ די לערערס געבענטשט דעמ טאַלמיד מיט א נייַעמ נאָמענ. אַז זיי האָבנ אימ באַדאַרפט אויסרופנ אינ קלאַס צו דעמ ברעט, האָבנ זיי ניט געזאָגט, ווי ביז אַהער: ראַבינאָוויטש! זיי האָבנ אימ אַרויסגערופנ אָדער „כודאָזשניק" (מאָלער) אָדער „פּיסאַטעל" (שרייפטשטעלער). און צעצויגנ האָט מענ דאָס וואָרט אָפּ דריַי קלאַפּטער די לענג:

— פּי-סאַ-טעל!..

אָט דער נאָמענ איז אימ פאַרבליבנ אָפּ לאַנג, שוינ ביזנ סאָפ.

53

צווישן כאַזאָנים און קלעזמאָרים

א מײַסע מיט א יידיש ביכל, וואָס רופט ארויס געלעכטער. — כאַזאָנים מיט א „קאָלאָוראַטור". — יעשוע־העשל דער קלעזמער מיט זײַן כאַליאַסטרע. — דער יעיצער־האָרע פון פידל.

צו „שרײַבערײַ" האָט דער העד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע געהאַט א נייגונג פון טאָמיד אָן. זײַן אידעאַל איז געווען צו זײַן א מעכאַבער, א שרײַבער, ניט נאָר מיטן קרײַדל אפ די ווענט, נאָר טאַקע בעעמעס א שרײַבער, א פאַרפאַסער פון א בוך. אפ אים האָט געוויס געזאָגט נאָך זײַן אלטער פרײַנט דער קאָלעקטאָר, אז ער וועט אמאָל זײַן א שריפטשטעלער און וועט שרײַבן העברעיִש, אזוי ווי צ דערבוים, גאָטלאָבער[1], יעהאַלעל[1] און נאָך א סאַך אנדערע „גדויילים". האָט אָבער ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס געדרונגענע פארקערט: אז אויב אָט דער כעוורעמאַן וועט אמאָל שרײַבן, וועט ער שוין זײַן בעסער א רוסישער שרײַבער, ניט קײן העברעיִשער. אין „האַמײליץ"[2], האָט ער געזאָגט, זײַען נאַראַנען אָן אים גענוג דילעטאַנטן, איגנאָראַנטן, מעלאַמדים און באַטלאָניםן! ניט צעדערבוים, ניט גאָטלאָבער, ניט יעהאַלעל, נאָר טורגעניעוו און גאָגאָל, פּושקין און לערמאָנטאָוו — אָט ווער עס באַדאַרף אים שטײן פאַר די אויגן!..

מיט אײנעם וואָרט, אָדער העברעיִש, אָדער רוסיש. אז דער „כעוורעמאַן" וועט אמאָל שרײַבן יידיש — דאָס איז קײנעם אפ די געדאַנקען ניט געקומען, וואָרעם יידיש איז דען אויך א שפּראַך? דאָס הייסט, יידן האָט מען קײן אנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער יידיש, נאָר אז מע קאָן שרײַבן אפ יידיש — ווער האָט דאָס געוווסט? „זשאַרגאָן", „איוורעטײַטש" — דאָס איז א מײַכל פאַר ווײַבער. א ייד האָט זיך געשעמט צו האַלטן א יידיש ביכל אין די הענט — מע וועט זאָגן: א גראָבער יונגל!..

פונדעסטוועגן געדענקט זיך א מײַסע נאָך פון קינדווײַז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קלײנעם שטעטעלע, אין וואָראָנקאָ, האָט א

---

[1] גאָטלאָבער, יעהאַלעל (פּסעוודאָנים פון יעהודע־לײב לעווין (1926—1845) — העברעיִשע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן.

[2] א בורזשואזע העברעיִשע צײַטונג פון יענער צײַט.

ייִדיש ביכל, און דאפקע אפֿ „זשארגאָן״ געשריבן, געהאט דעם גרעסט דערפֿאָלג. וואָס דאָס איז געווען פֿאר א ביכל — קאָן זיך דער העלד פֿון דער ביאָגראפֿיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אז ס׳איז געווען א ביכעלע א קליינטשיקס, א דארינקס, מיט געלע, פֿארסמאָל־צעוועטע, צעפֿאלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָן טעוועלעך, און אפֿילע אָן א פֿאָדערבלעטל. שאבעסצונאכטס, אלע באלעבאטים פֿון שטאָט האָבן זיך צונויפֿגעקליבן בא רעב נאָכעם וועוויקס אפֿ „מע־לאווע־מאלקע״ [1]. די מאמע איז פֿארנומען אין קיך מיטן „וואָלכישן באָרשט״, און דער אוילעם האלט זיך אונטער דערוויַיל. רעב נאָכעם לייענט א מייַסע־ביכל. דער טאטע לייענט, און דער אוילעם זיצט ארום טיש, רייכערט פּאפּיראָסן און מע קאטשעט זיך, מע האלט זיך בא די זיַיטן פֿאר געלעכטער, און מע אונטערברעכט אלע מינוט דעם פֿאָרלעזער און מע דריקט אויס די גרויסע היספּאַילעס הויך אפֿ א קאָל, און עס שיטן זיך קלאָלעס אפֿן באל־מעכאבערס אדרעס: „אָט א ימאכשמוּיניק! א קאָלבוּיניק! א מאַמזער! א רוּעכ אין זיַין טאטנס טאטנ אריַין!״... אפֿילע דער פֿאָרלעזער אליין קאָן זיך ניט איַינהאלטן, ווערט שיר דערשטיקט פֿאר געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפֿן, און שאָלעם אוואדע ניט. פֿארשטיין, וואָס דער טאטע לייענט — פֿארשטייט ער ניט, נאָר ס׳איז אים גלאט געפֿעלן צו זען, ווי ייִדן מיט בערד קאטשען זיך, האלטן זיך בא די זיַיטן און שיסן אויס אלעמאָל מיט א געלעכטער. און ער זיצט פֿונדערוויַיטנס און קוקט אין אלעמענס פּענעמער, ווי זיי שיַינען, און ער איז מע־קאנע יענעם ייִדן, וואָס האָט געמאכט אָט דאָס ביכעלע, און זיַין טיפּסטער ווונטש איז, אז גאָט וועט העלפֿן, ער וועט אויסוואקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשריַיבן אזא מין ביכעלע, וואָס ייִדן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאט אזוי זיך, אין טאטנס טאטנ אריַין...

נאָר ווי די מייַסע איז — אויב ער וועט זיַין א שריַיבער אָדער ניט, אויב ער וועט זיַין א העברעיִשער שריַיבער אָדער א רוסישער — א „קענער״ וועט ער שוין זיַין געוויס. ס׳איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. זיַין א „קענער״ — דאָס האָט ער געמוזט און דאָס האָט ער געוואָלט. ער האָט געוואָלט קענען אלצדינג. אפֿילע אזא זאך, ווי פֿידל־שפּילן. דאכט זיך, וואָס פֿאר א שייַכעס האָט שפּילן אפֿן פֿידל

---

1 די סודע, וואָס רעליגיעזע ייִדן פֿראווען שאבעסצונאכטס.

צו האסקאָלע? ניינ, עס האָט א שייַכעס. שפּילנ אפנ פידל איז אינ יענער צייַט געשטאַנענ אינ פּראָגראַם פונ קענטעניש גלייַכ מיט אנדערע זאַכנ און האָט זיכ אָנגעקערט מיט לערנענ, ווי, אשטייגער, א טאַטנס א קינד האָט געלערנט דייַטש, אָדער פראַנצויז. קיינ פּראַקטישע נוצנ האָט דערפונ קיינער ניט געוואַרט, נאָר א טאַטנס א קינד, וואָס וויל זייַנ א מושלעם[1], באַדאַרפ אלצדינג קענענ. קימאַט אלע פייַנטע באַלעבאַטישע באָכערימלעכ אינ שטאָט האָבנ דעריבער זיכ געלערנט שפּילנ פידל. כאַיִמ פּרוכשטיינס האָט געשפּילט פידל, צאַליע מערפּערטס האָט געשפּילט פידל, מאָטל סריבנערס האָט געשפּילט פידל. נאָכ א סאַכ יינגלעכ האָבנ געשפּילט פידל. מיט וואָס איז שאָלעמ ראַבינאָוויטש ערגער פונ זיי? האָט אָבער דער טאַטע ניט געוואָלט. ער האַלט ניט דערפונ. עס איז אנ איבעריקע זאַכ, האָט ער געזאָגט, אנ אווירע די צייַט, און עס קומט אויס בא אימ כייַכע-קלעזמער. מאַטעמאַטיקע, געאָגראַפיע, מעליצע[2] — דאָס איז א זאַכ. אָבער רימפּלענ אפנ פידל — וואָס איז פאַר אנ אַוודע?..

אזוי טייַנעט נאָכעמ ראַבינאָוויטש און איז פונ זייַנ שטאַנדפּונקט עפּשער גערעכט. הערט זשע אָבער, וואָס זאָגט דערופ יעשיִע-העשל דער קלעזמער? יעשיִע-העשל דער קלעזמער איז א ייִד אנ ערלעכער, אנ איידעלער ייִד, מיט צוויי גראָבע געדיכטע פייעס. זאָגט ער בעפיירעש: „וואָס געהער זיכ אָנ דאָס מיט דענ? ער האָט, זאָגט ער, אויכ קינדער, ניט ערגער פונ אלע אנדערע ייִדישע קינדער, און שקאָצימ אויכ גוטע, דער רועכ האָט זיי ניט גענומענ! עלע דעריבער איז וואָס? האָט איר מוירע, אז זיי שפּילנ ניט בא אימ אפ אלע אינסטרומענטנ?“... און בענציִענ דער קלעזמער וואָס זאָגט? אָט דער בענציִענ, וואָס האָט אויסגעלערנט די אלע אויסגערעכנטע באָכערימלעכ פידל-שפּילנ, איז אליינ א ייִד מיט אנ אייַנגעפאַלענער נאָז, און דעריבער פּאָנפּעט ער א ביסל אונטער. האָט ער אויסגעפּרוווט נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס יינגל, געגעבנ אימ די ערשטע פּאָר לעקציעס פונ ערשטנ כיילעק „בעריאָט“, האָט ער אליינ געזאָגט פאַר אלע יינגלעכ, אז אָט דאָס באָכערל איז א „פּאַלאַנפּ“. אפ בענציִעס פּאָנפעוואַטע לאָשנ האָט דאָס באַדאַרפט הייסנ א „טאַלאַנט“... צי ער האָט טאַקע געהאַט א טאַלאַנט אָדער ניט — דאָס ווייסט ניט שאָלעמ.

1 א פּאַרפאָלקומטער.

2 דאָ געמיינט: פּאָעזיע.

12—240

ער ווייסט נאָר, אַז פֿון קינדווייַז אָן גייט ער אויס שפּילן און איז די קאַפּאָרע נאָך אַ פֿידל, און ווי אַף צולאָכעס, גלייַך ווי מע וואָלט זיך וועלן רייצן מיט אים, האָט ער זיך שטענדיק געפֿונען אין אַ וועלט פֿון געזאַנג און מוזיק, צווישן כאַזאָנים און קלעזמער.

כאַזאָנים און מעשוירערים זייַנען קימאַט קיינמאָל ניט אַרויס פֿון זייער שטוב, ווייַל נאָכעם ראַבינאָוויטש איז אַליין געווען אַ באַל-טפֿילע און אַ יעדייע-נאַגן[1], און דערצו איז זייער אייַנפּאָר געווען, קאָן מען זאָגן, די אייינציקע סטאַנציע פֿאַר כאַזאָנים. עס איז ניט אַוועק קיין שאַבעס-מעוואָרכים[2], ס'זאָל ניט קומען צו פֿאָרן אַ בויד, אָנגעפּאַקט מיט מאָדנע פּאַרשוינען, לעבעדיקע, דירעוודיקע, אַלע הונגעריקע. געגאַנגען זייַנען זיי, מערסטנטייל, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, קימאַט נאַקעט און באָרוועס, נאָר די העלדזער אַרומגעוויקלט מיט שאַרפֿעס, וואָלענע, וואַרעמע שאַרפֿעס. אַזוי ווי די הייזעריקן האָבן זיי באַפֿאַלן די אַכסאַניע, געגעסן אַלצדינג, וואָס מע האָט זיי געגעבן. דאָס איז שוין געווען אַ קלאַל, אַז וויבאַלד הונגעריקע — זייַנען דאָס געווען מעשוירערים מיט אַ וועלט-באַרימטן כאַזן. גאַנצע טעג האָט זיך דער וועלט-באַרימטער כאַזן געקאַטשעט אַפֿן האַלדז, אויסגעפּרוווט זייַן „קאָלאַוואַטור" און געשלונגען רויע אייער, און די זינגערלעך האָבן זיך געריסן אַף די גלייַכע ווענט, מערסטנטייל געהאַט שוואַכע קוילעס, נאָר שטאַרקע אַפּעטיטן צום עסן, האָבן זיי דעריבער מיט זייער דאַווענען עפּעס ניט אַזוי שטאַרק אויסגעצוימען, נאָר אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען זיך און אַוועקגעפֿאָרן אומבאַצאָלטערהייט. דאָס האָט דער שטיפֿמאַמע, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט. האָט זי ביסלעכווייַז אָטלענטשעט[3] די וועלט-באַרימטע כאַזאָנים, געבעטן, זיי זאָלן שוין מויכל זייַן פֿאַרפֿאָרן בעסער צו רווון יאַסנע-גראַדסקי, מאַכמעס עסערס האָט זי, קיין אייַנאָרע, אַליין גענוג, און שרייַערס איז בא איר אויך דאָ אַ היפּש ביסל, ניט צו פֿאַרזינדיקן... דער פּויעל-יויצע איז געווען, וואָס ראַבינאָוויטשעס קינדער האָבן זיך אָנגעהערט אַזויפֿיל נעגינע, אַז זיי זייַנען געווען קלאָר אַף אויסווייניק, וועמען געהער אָט די און די קעדושע, און

1 אַזאַ, וואָס קען זינגען.

2 דער לעצטער שאַבעס פֿון כוידעש, ווען אין בעסמעדרעש בענטשט מען דעם אָנקום פֿון קומענדיקן כוידעש.

3 אָפּגעוווינט.

וועמען געהער דער און דער „טיקאנטאָ-שאבעס": צי פּיציע דעם כאזן, אָדער מיציע דעם כאזן, אָדער דעם קאשטאנער כאזן, אָדער דעם שעדלעצער, אָדער דעם קאלווארייער כאזן, אָדער גאָר ניסיע בעלזער? עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס געזאנגענע האָבן זיך, אזוי צו זאָגן, געטראָגן אליין פון זיך אין דער לופטן, און אין קאָפּ האָט זיך געפלאָכטן א געדאנק, און אין האלדז האָט זיך געקײַקלט עפּעס א ניגנדל און נים געלאָזט שלאָפן.

דאָס איז געווען מיט נעגינע. און וואָס אָנבאלאנגט מוזיק, האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראפיע געהאט די זעלבע געלעגנהײַט צו הערן קלעזמער נאָך מער ווי כאזאָנים, ווארעם סײַ יעשיע-העשל דער קלעזמער מיט די גראָבע פּייעס, סײַ בענציען מיט דער אײַנגעפאלענער נאָז האָבן געוווינט ניט ווײַט פון כיידער, אזוי, אז מע איז געגאנגען אין כיידער ארײַן, האָט מען באדארפט דורכגיין פארבײַ יעשיע-העשלען און פארבײַ בענציען. דאָס הייסט, קיין מוז איז דערבײַ ניט געווען: מע האָט זייער שיין געקאָנט אויסמײַדן, און ווען מע מײַדט זיי אויס, וואָלט געווען א סאך נעענטער. האָט אָבער שאָלעם ליב געהאט דאפקע גיין פארבײַ זיי און דאפקע בלײַבן שטיין אונטערן פענצטער און הערן, ווי בענציען דער קלעזמער לערנט די ייִנגלעך פידל-שפּילן, אָדער ווי יעשיע-העשל דער קלעזמער מאכט רעפּעטיציע מיט זײַנע באָנים, וואָס שפּילן אף אלע-לײַ אינסטרומענטן. און דעמלט איז געווען אים ניט אָפּצורײַסן און ניט אָפּצוטרײַבן. יעשיע-העשלס באָנים האָבן דאָס באמערקט, האָט דער עלטערער, העמעלע, אים מעכאבעד געווען איין מאָל מיטן סמיטשיק, דאָס אנדערע מאָל מיט א קוואָרט וואסער — עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דורך איין ציגאר טיטון איז מען מיט העמעלען געוואָרן כאווער, און שאָלעם איז געוואָרן א בען-באיס בא יעשיע-העשל דעם קלעזמער, ניט דורכגעלאָזט קיין איין רעפּעטיציע — און רעפּעטיציעס זײַנען געווען דאָרט אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, — און דורך זיי האָט ער זיך באקענט מיטן גאנצן בינטל מוזיקאנטן, מיט דער גאנצער קלעזמערשער מישפּאָכע, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט אלע זייערע זיטן און מינהאָגים, מיט זייער ארטיסטיש ציגײַנער-לעבן, און אפילע מיט זייער שפּראך, „קלעזמער-לאָשן", וועלכעס ער האָט דערנאָכדעם, שוין אלס שאָלעם-אלייכעם, טיילווײַז אויסגענוצט אין זײַנע ווערק: „אפּן פידל", „סטעמפּעניו", „בלאָנדזנדע שטערן" און אנדערע.

אלזאָ, ווי איר זעט, איז אין לערנען פידל-שפּילן ניט געווען

קיינ מעניִע. געהערט האָט ער געהאט גענוג. א טאַלאנט, זאָגט בענציִענ דער קלעזמער, האָט ער אויכ געהאט. וואָס זשע נאָכ פעלט? אנ אינסטרומענט, א פידל. אונ א פידל קאָסט געלט, אונ קיינ געלט איז ניטאָ! וואָס טוט מענ? — דארפ מענ, הייסט דאָס, קריגנ געלט... אָט דאָ, בא דעמ געלט קריגנ, האָט זיכ געטראָפנ א מעַיסע, א קאָמישע, נאָר א טרויעריקע. א מינ טראגי-קאָמעדיע.

54

לוי סיגנוריוו![1]

דעמ אוירעכס בײַטעלע מיט קליינגעלט. — ער באגייט א גנייווע אונ האָט כאראָטע. — וויאזוי ווערט מענ פּאָטער פונעמ בײַטעלע?

צווישנ די אָרכימ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט בא די ראבינאָוויטשעס אינ „אײַנפאָר", איז געווענ איינער א באשטענדיקער אוירעכ, א ייִד א ליטוואק, א טווע-הענדלער פונ פינסק, מיטנ נאָמענ וואָלפסאָנ. דער וואָלפסאָנ פלעגט אײַנשטיינ כאדאָשימ-לאנג אונ האָט זיכ געהאט זײַנ שטענדיקנ כיידער, וואָס מע האָט אימ גערופנ „וואָלפסאָנס כיידער" (אפילע דעמלט, ווענ וואָלפסאָנ אליינ איז גאָר געווענ אינ פינסק). אונ אויכ א סאמאָוואר א באזונדערנ האָט ער געהאט — „וואָלפסאָנס סאמאָווארל". אונ געווענ איז דער וואָלפסאָנ בא די ראבינאָוויטשעס א מענטש א היימישער, געגעסנ דאָס, וואָס אלע עסנ, אונ אז די באַלעבאָסטע (די שטיפמאמע) איז געווענ עפּעס ניט אזוי אופגעלייגט, האָט ער געכאפּט פונ איר א פסאק גלײַכ מיט אלעמענ, ווי אנ אייגענער... געטראָגנ האָט ער אינ שטוב א קורצ כאלאטל, אונ אמאָל איז ער געגאנגענ גאָר אָנ א כאלאט, אונ גערייכערט האָט ער מוירעדיק גראָבע געבלעטערטע ציגארנ, אונ ליב געהאט צו ריידנ, האלטנדיק די געבלעטערטע ציגארנ אינ מויל, די הענט אינ די הויזנ, אונ גערעדט, אונ גערעדט — נײַנ מאָס רייד! דער כיידער איז געווענ אָפנ, דאָס סאמאָווארל באמ טיש, דאָס טישקעסטל צוגעשלאָסנ, נאָר די שליסעלעכ הענגענ דערבײַ — א דריי מיטנ שליכל, אונ דאָס טישקעסטל איז אָפנ. וואָס אינ טישקעסטל טוט זיכ — ווייסנ אלע. דאָרט געפינענ זיכ ביכער, בריוו, כעזשבוינעס אונ געלט. איינ טײַסטער א גרויסער,

1 ניט גאנווע (איינער פונ די צענ געבאָטנ, וואָס ווערנ געבראכט אינ דער ביבל).

א גראָבער, אָנגעשטאָפּט מיט אסיגנאציעס — ווער ווייסט, וויפל דאָרט איז! און אכוץ דעם טײַסטער — א לעדערן בײַטעלע, אן אלטס, אן אָפּגעקראָכנס, נאָר שטענדיק פול מיט קליינגעלט, זילבערנע און קופּערנע מאטבייעס, אויך היפּשלעך — אלעווײַ פארמאָגט דאָס אזא ייִנגל, ווי שאָלעם, כאָטש האלב, וואָלט אים אויך גענוג געווען אף צו קויפן די בעסטע פידל אין דער וועלט...

ניט איין מאָל האָט וואָלפּסאָן געהאט געעפנט דאָס טישקעסטל פאר איטלעכן אין די אויגן, און, ניט ווילנדיק, האָט שאָלעם געכאפּט א קוק אפן אָנגעפּאקטן טײַסטער מיט אסיגנאציעס, און דערהויפּט — אפן לעדערן בײַטעלע מיט מינצ, און זײַן גרעסטער ווונטש איז געווען, אז וואָלפּסאָן זאָל אמאָל פארלירן אָט דאָס בײַטעלע און ער, שאָלעם, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, א קאָשערער טאָפּ מיט א קאָשערן לעפל... „האשאָוואס-אווידע"[1] איז טאקע איינע פון די גרויסע מיצוועס. נאָר פארמאָגן אָט אזא בײַטעלע מיט קליינגעלט איז נאָך מער מיצווע... וויל ער אָבער ניט פארלירן, דער ליטוואק!.. פּויעלט בא זיך שאָלעם און איז זיך מאטיר-ניידער[2], אז ווען וואָלפּסאָן גיט אים, לעמאָשל, די הויזן אויספּוצן און פארגעסט דאָרטן דאָס בײַטעלע, וואָלט ער עס אים א מאקע אָפּגעגעבן צוריק! ס'האָט זיך ארויסגעגליטשט פון קעשענע בעשאס רייניקן — וואָס איז ער שולדיק?.. איז אָבער וואָלפּסאָן אויך ניט קיין נאר. אלעמאָל, ווען ער גיט די קינדער פּוצן די מאלבושים, ליידיקט ער פריִער אויס אלע קעשענעס — א ליטוואק בלײַבט א ליטוואק! פארדריסט דאָס שוין שאָלעמען, איז ער זיך מעיאשעוו איינמאָל, אז ס'איז יאָ אזוי, אז פארלירן ניט און פארגעסן אויך ניט, באדארף מען געבן א קוק ארײַן אין בײַטעלע, כאָטש וויסן, וויפל קליינגעלט דאָרט געפינט זיך... און מיט דער דייע, ניט כאָלילע אף צו באגיין א גניווע, נאָר גלאט אזוי אויס נײַגעריקײַט, האָט שאָלעם איינמאָל אין א פרימאָרגן ארײַנגעכאפּט זיך צו וואָלפּסאָנען אין כיידערל ארײַן, זיך ארומגעדרייט א ווײַלע, קלוימערשט אופגעראמט באם טיש, בעשאס דער ליטוואק איז געשטאנען אין זאל מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאר אין מויל און געגראגערט. פונעם דאָזיקן ארומדרייען זיך איז אָבער ניט ארויסגעקומען גאָרנישט. באם אָנרירן מיט דער האנט די

---

1 אומקערן דאָס פארלוירענע.

2 דאָ: דערלויבט זיך.

קאַלטע שליסעלעכ, האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז דאָס בינטל שליסעלעכ האָט אופגעהויבנ אַ גוואַלד אַד לעוו האַשאָמאַימ[1], און עס האָבנ אימ אָנגעהויבנ ציטערנ הענט און פיס. האָט ער זיכ געגעבנ אַ דריי אויס און אַוועק פונ וואָלפּסאָנס כיידערל מיט ליידיקע הענט.

דער ערשטער סעאַנס איז אימ ניט געראָטנ, האָט ער געוואַרט אָפּ אַ צווייטנ מאָל, זיכ אַלײנ אויסגעוואָרפנ, אַז ער איז אַ גאַנעוו. „ביסט אַ גאַנעוו, שאָלעמ! האָסטו נאָר געהאַט איינ מאַכשאָווע אַ שלעכטע, ביסטו שוינ אַ גאַנעוו... אַ גאַנעוו! אַ גאַנעוו!“...

דער צווייטער סעאַנס האָט זיכ ניט געלאָזט לאַנג וואַרטנ. וואָלפּסאָנ האָט פײַנט געהאַט זיצנ איינער אַלײנ באַ זיכ מיט די פיר ווענט. אינ זאַל זײַנענ געווענ נאָכ אָרכימ. האָט ער בעסער פאַרבראַכט אינ זאַל, גערייכערט און גערעדט, ווי אַלעמאָל. שאָלעמ האָט זיכ ווידעראַמאָל אַרײַנגעכאַפּט אינ וואָלפּסאָנס כיידערל. איצטיקס מאָל שוינ מיט דער דייע ניט אַ קוק צו טאָנ, נאָר טאַקע עפּעס געניסנ אויכ. סײַוויסײַ אַ גאַנעוו... אַרײַנגעכאַפּט זיכ, האָט ער זיכ איבערגעבויגנ מיטנ גאַנצנ גופּ איבערנ טיש, גלײַכ ווי ער וואָלט וועלנ עפּעס דערלאַנגענ פונעמ אַנדערנ בערעג טיש, מיט דער לינקער האַנט געגעבנ אַ נעמ דעמ קאַלטנ שליסל, אַ דריי רעכטס — דער שלאָס האָט זיכ געעפנט מיט אַ שטילנ קלאַנג — דזינ! — און אַנשוויגנ געוואָרנ. ער האָט געגעבנ אַ קוק אַרײַנ אינוויינּיק און איז געבליבנ אַ פאַרציטערטער. צוערשט האָט ער דערזענ פאַר זיכ דעמ גראָבנ טײַסטער אָנ אָפּענעמ, פול און פול געפּאַקט מיט פּאַפּירגעלט: צענערלעכ רויטע, פינפערלעכ בלויע, דרײַערלעכ גרינע, און איינערלעכ געלע — ווער ווייסט, וואָס דאָס האָט געקאָנט באַטרעפנ?! איינ פּאַפּירל אַ רויטינקס ווענ ער טוט נאָר אַ שלעפּ אַרויס פונ דאָרטנ — איז ער דאָכ שוינ אַ געהאָלפענער! ווער וועט זיכ אַרומקוקנ? נעמ זשע, שוטע, און שלעפּ אַרויס — ביינ! קאָנ ער ניט! עס טרייסלענ זיכ אימ די הענט, עס קלאַפּט אימ אַ צאָנ אָפּ אַ צאָנ און עס פאַרציט אימ דער אָטעמ. ער כאַפּט בעסער אַ קוק אָפּנ לעדערנעמ בײַטעלע — ס'איז געפּאַקט! ער וויל דאָס אַ נעמ טאָנ, פאָלגט אימ ניט די רעכטע האַנט. עפענענ דאָס בײַטעלע און אַרויסנעמענ פונ דאָרט עטלעכע זילבערנע מאַטבייעס וואָלט אויכ געווענ נישקאָשע — איז צופיל אַרבעט. נעמענ דאָס בײַטעלע און אַרײַנרוקנ דאָס אינ קעשענע — וועט מענ

[1] ביזנ סאַמע הימל.

זיכ באלד ארומקוקנ. דערווײַל די צײַט שטייט ניט אונ די מינוטנ ציִענ זיכ. א מינוט א יאָר... אונ דאָ דערהערט זיכ א שאָראָכ — אהא, ער שקראבעט שוינ, דער ליטוואק, מיט די אויסגעטראָטענע שטעקשיכ... א דריי דעמ שלאָס מיט דער רעכטער האנט צוריק — אונ לאָזט זיכ גיינ פונ כיידער ווידער מיט ליידיקע הענט, רעכנט באגעגענענ זיכ מיט עמעצנ, צומ סאָפ — ווער? וואָס? ניטאָ קיינער! גיינ נאָכאמאָל צוריק — שוינ צו שפעט. באדארפט פריִער! דורכגעלאָזט אזא געלעגנ-הײַט!.. „ביסט א אידיִאָט, שאָלעמ! דו ביסט ביידע זאכנ — אי א גאנעוו אי א אידיִאָט!”...

דער דריטער סעאנס, אינ א צײַט ארומ, איז שוינ גאָר אָפגע-לאָפנ גלאט. ער האָט אויסגעמיטנ די פריִעריקע האכאָנעס[1], ניט גע-מאכט קיינ שיִעס, נאָר גלײַכ צומ טיש, אופגעעפנט דעמ שלאָס, ארײַנגעשטעקט די האנט אינ שיפלאָד, געגעבנ א נעמ דאָס בײַטעלע, געגעבנ דאָס א לאָז אינ קעשענע, צוגעמאכט צוריק דעמ שיפלאָד אונ אוועק מיט די ביכלעכ אינ קלאס ארײַנ, דאפקע ניט געכאפט זיכ, דאפקע פאוואָליע, אונ, דאכט זיכ, אזוי קאלטבלוטיק, קימאט שלעפעריק. נאָר ארויסגייענדיק פונ שטוב האָט ער דערפילט, אז דאָס בײַטעלע בריט אימ דורכ דער קעשענע דאָס לײַב, אונ אז ער דארפ עס בא זיכ ניט האלטנ בעשומ-אויפנ וועויפנ! ווער שמועסט דעמ ערשטנ טאָג — אוואדע אונ אוואדע ניט! אונ אָנשטאָט דעמ, ער זאָל גיינ אינ קלאס, כאפט ער זיכ ארײַנ אינ שטאל ארײַנ, דאָרט, ווו מע האלט האָלצ, אָנגעהאקט האָלצ, בייגט זיכ אָנ אונ טוט א רוק ארײַנ דאָס בײַטעלע אינ ווײַטנ, פינצטערנ ווינקל ארײַנ, צווישנ האָלצ אונ צווישנ דער וואנט, מאכט א סימענ מיטנ אויג, ער זאָל געדענקענ דעמ אָרט אקוראט — אונ מארש אינ קלאס ארײַנ.

האָט זיכ אײַכ געטראָפנ ווענ באגעגענענ אײנעמ מיט א פלא-מענדיק פאָנעמ, מיט ברענענדיקע אויגנ, וואָס איז מאָדנע אופגערוימט אונ איז גרייט פאר אײַכ אינ פײַער אונ אינ וואסער, נאָר ער איז עפעס צעטראָגנ, ארײַנגעטאָנ אינ זיכ — זאָלט איר וויסנ, אז דער כעוורעמאנ ווייסט עפעס א זאכ, וואָס נאָר ער ווייסט אונ גאָט, אונ ווײַטער קיינער ניט. אָט אזוי האָט אויסגעזענ יענעמ פרימאָרגנ דער העלד פונ דער דאָזיקער ביִאָגראפיע. ער האָט אלעמענ געקוקט אינ די אויגנ ארײַנ, ווי א זינדיקער מענטש. עס האָט זיכ אימ אויסגע-

1 צוגרייטונגענ.

דאכט, אז אלע זעען, אז ער ווייסט עפּעס זייער־זייער א הייליקן סאָד... זײַן כאַווער עליע, וואָס האָט אים געקענט מער ווי אלע, האָט אים א פרעג געגעבן: „שאָלעמאָנטשיק! וואָס איז מיט דיר? האָסט שוין ווידער עפּעס אויסגעמאָלט א צאצקע מיט א קרײַדל אפן פּארקאן?“... „האלט'ס מויל, עליק, וואָרעם אָט מאָל איך דיר אויס א צאצקע אפ דער פיזיאָנאָמיע, וועסטו פארגעסן, ווי מע רופט דיך!“ „טאקע? אנו, פּרווו, לאָמיר זען, ווער וועמען!“ — און עליע האָט שוין פארקאטשעט די ארבל, גרייט געווען צו געבן אויסגאָב, ווי ער קאָן. זײַן כאַווער איז אָבער ניט געלעגן אין זינען שלאָגן זיך. זײַן קאָפּ און אלע זײַנע געדאנקען און אלע זײַנע כושים זײַנען געווען דאָרטן, אין שטאל פון געהאקטן האָלץ, באם בײַטעלע... פאר גרויס אימפּעט האָט ער אפילע פארגעסן געבן א קוק ארײַן, וואָס אין בײַטעלע טוט זיך... ער האָט קוים דערלעבט, די לעקציעס זאָלן זיך ענדיקן און ער זאָל שוין קומען אהיים, וועט ער זיך ארײַנכאפּן אפ א רעגעלע אין שטאל, א קוק טאָן כאָטש פון אויבנוף — וויפל? וואָס פארמאָגט ער איצטער?..

געקומען אהיים, האָט ער געטראָפן א כורבן, אן איבערקערעניש! דאָס גאנצע בעטגעוואנט איז צעוואָרפן, די קיך — מיטן קאָפּ אראָפּ. די שיקסע וויינט, שווערט, כאפּט די ערד, אז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער טאטע איז אויס מענטש, שווארץ ווי די ערד. אזש אײַנגעבויגן אינדרײַען. די שטיפמאמע פײַערט, שעלט, לייגט די טויכעכע[1] — אפ וועמען? שווער צו וויסן. וואָרעם די קלאָלעס גייען בא איר מיט א לאָשן־ראבים, אין א מערצאָל: „פון אונטער דער נאָז זאָל מען צונעמען — נעמען זאָל אײַך דער שווארצער יאָר!“ „ארײַן א בײַטל מיט געלט אין דער ערד ארײַן — אין דער ערד זאָלט *איר* ארײַן!“ „קיינער האָט ניט געזען דאָס בײַטעלע — ניט זען זאָלט *איר* די וועלט!“ „וואָסער אוירעך וועט דאָ וועלן שטיין — שטיין זאָלט *איר* פּראווצעס!“... און דער אוירעך אליין, וואָלפּסאָן מיטן כאלאטל, שטייט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאר אין מויל, האלט די הענט אין די קעשענעס, קוקט אפ די קינדער, שמייכלט און רעדט צו זיך אליין: „ערשט הײַנט אינדערפרי געהאלטן די בײַטעלע, פון שטוב ניט ארויסגעגאנגען“...

1 געמיינט: שילט מיט קאָלערליי קלאָלעס.

— האָט איר ניט געזען דאָס בײַטעלע? — פרעגט דער טאַטע בא די קינדער, און שאָלעם שטעלט זיך ארויס פאר אלע:

— וואָסער בײַטעלע?..

זעלטן-ווען דער טאטע איז אין קאס. איצט קאָן ער שוין ניט אײַנהאלטן זיך און פאלט אָן אף זײַן ליבלינג און קרימט אים איבער:

— „וואָסער בײַטעלע?" וואָס זאָגט איר אף דעם טאַם? א גאנצע פרימאָרגן הערט ער „בײַטעלע-בײַטעלע! בײַטעלע-בײַטעלע!" — פרעגט ער גאָר: וואָסער בײַטעלע!..

און צום אוירעכ זאָגט דער טאַטע:

— וויפל פּאָרט איז דאָרט געווען געלט בא אײַך אין בײַטעלע?

— עס האנדלט זיך ניט אום געלט, — ענטפערט וואָלפּסאָן אף זײַן ליטוויש לאָשן — דאָ האנדלט זיך אום די בײַטעלע! ערשט הײַנט אינדערפרי געהאלטן די בײַטעלע, ניט ארויסגעגאנגען פון שטוב ניט ארויסגעגאנגען!..

ניין, איצט איז ניט די צײַט געווירע צו ווערן, וויפל געלט עס געפינט זיך אין בײַטעלע. שאָלעם איז ניט אזא אידיאָט, ער זאָל איצטער, אף דער הייסער שאָ, גיין אין שטאל ארײַן טרוי־בערן דאָס בײַטעלע. ער קאָן באשטיין אָפּלייגן די ארבעט אף מאָרגן, אָדער אף איבערמאָרגן. דערווײַל דארף מען זיך נעמען צו די ביכלעך, כאזערן די געאָגראפיע מיט דער היסטאָריע אף אויסוויינִיק, מאכן א פּאָר טעאָרעמעס פון געאָמעטריע... נעבעך גאָט די נעשאָמע שולדיק. און דאָ אין שטוב קאָכט זיך! די שיק־סע האָט מען שוין אָפּגעשאפט. די שטיפמאמע פײַערט. דאָס גאנצע הויז איז אף רעדלעך. אלע זוכן דאָס בײַטעלע, און שאָלעם זוכט גלײַך מיט אלעמען, טוט א קוק אפן טאטנס פּאָנעם, און עס פאר־גייט אים דאָס הארץ, קאָן ניט זען, ווי ער גייט אײַנגעבויגן, קאָן ניט הערן, ווי ער זיפצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דער־פילט דער גאנעוו, וואָס פאר א מיִעסע זאך ער האָט אָפּגעטאָן, און ער האָט כאראָטע אף דער מײַסע, איז אופגעטראָגן אפן יעיצערהאָרע, וואָס האָט אים אָנגערעדט אף אזא אווײַרע, ארופגעפירט אף א גליטש...

ווי א יאָר האָט זיך געצויגן יעדע שאָ, ווי אן אייביקײַט האָט ארויסגעוויזן דער טאָג. קוים דערלעבט דעם פארנאכט, ווען דער ראָש מיטן טאראראם האָבן זיך א ביסל אײַנגעשטילט און די שטוב־צאָרעס מיט די דײַגעס-פּארנאָסע האָבן ארויסגעשטויסן אף א ווײַלע דעם הארמידער פון דער גנייווע, האָט זיך דער קליינער גאנעוו

אַרײַנגעכאַפּט אינ הויפ, אַרײַנגעכאַפּט זיכ אינ שטאַל פונ האָלצ,
פּאַוואָליע זיכ אַראָפּגעלאָזט אפ דער ערד, אַרויסגעצויגנ פונ צווישנ
וואַנט דאָס בײַטעלע, אופגעעפנט דאָס, געגעבנ א קוק אַרײַנ — אונ...
דאָרטנ איז געלעגנ אַנ אַלטע, אָפּגעריבענע מאַטבייע פונ פאַרצײַטנ,
וואָס האָט אַמאָל באַדאַרפט באַטרעפנ צענ קאָפּעקעס, נאָר הײַנט איז
זי ניט ווערט גאָרניט, וואָרעמ קיינער נעמט זי ניט!.. אונ דאָס
בײַטעלע אַליינ איז אויכ ניט ווערט גאָרניט. א בײַטעלע א פאַרזע-
ניש, א שלעסל דער רועכ ווייסט וואָסערס, דאָס לעדער אָפּגעבא-
רעט אונ פּעט פאַרסמאָלצעוועט, בא די ברעגעס אײַנגעקאָרטשעט
אונ פאַרגעלט, ווי בא אַנ אַלטער באָבעצע די הויט פונ פּאָנעמ—
אַזא בײַטעלע האַלטנ אינ די הענט איז מוקצע מאַכמעס מיִעס[1]!..
טאַקע קעדײַ געווענ צוליב אַזא פאַסקודסטווע אָפּטאָנ אַזא מיִעסע זאַכ,
אַריווער זײַנ אַפּ א לאַוו [2] פונ די אַסערעס-האַדיבערעס[3]: „לוי סיגנויוו"!..
אַרײַנגעקומענ אינ שטוב אַרײַנ, איז אימ די שטיפּמאַמע מעכאַ-
בעד מיט אַרײַנטראָגנ דעמ אוירעכ דעמ סאַמאָוואַר. דער אוירעכ
(וואָלפסאָנ) האָט א טעווע איטלעכס מאָל, ווענ מע טראָגט אימ
אַרײַנ דעמ סאַמאָוואַר, רײַבט ער א האַנט אָנ א האַנט אונ טוט א
זאָג מיט א ניגנ אונ מיט א גראַמ: „אָט אַזוי! אַצינד וועלנ מיר
טרינקענ טיִי!"... איצטיקס מאָל האָט ער צוגעלייגט אויכ די ווער-
טער: „וואָס זשע הערט זיכ — ניטאָ די בײַטעלע?"... אונ האָט געגעבנ
בייס-מײַסע א קוק אַרײַנ דעמ באָכערל אינ די אויגנ אַרײַנ, אונ
עס האָט זיכ געלאָזט הערנ א פאַרבאָרגענע איראָניע סײַ אינ די
ווערטער סײַ אינעמ קוק... אונ עפּשער האָט זיכ עס נאָר אויסגע-
וויזנ אַזוי? ווי זאָגט מענ דאָס: „עס ווייסט די קאַצ וועמענס פלייש
זי האָט אופגעגעסנ"... אָדער: „אַפנ גאַנעוו ברענט דאָס היטל"...
יעדנפאַלס, האָט דער גאַנעוו אינ דער מינוט פײַנט געהאַט דעמ
אוירעכ וואָלפסאָנ מיט סאַקאָנעס, ניט געקאָנט אָנקוקנ זײַנ ליטוויש
פּאָנעמ מיט זײַנ ליטווישנ לאָשנ: „די בײַטעלע", אונ ער האָט זיי
ביידנ בא זיכ אינ האַרצנ געשאָלטנ מיט קלאָלעס-נימראָצעס[4]!..
וואָס טוט מענ מיטנ פאַרשאָלטענעמ בײַטעלע? ס'איז ניט קיינ טאַכ-

---

1 געמיינט: מע טאָר זיכ דערמיט ניט באַנוצנ, ווײַל עס איז א מיִעסקײַט.

2 א פאַרבאָט.

3 די ביבלישע צענ געבאָטנ.

4 געמיינט: שטאַרקע קלאָלעס.

לעס, טאָמער געפינט מענ דאָס אינ שטאל צווישנ האָלצ! וואָלט מענ זיכ ניט צוגעײַלט אזוי אָפּצושאפנ די שיקסע, וואָלט געווענ דער בעכטער פלאנ אונטערווארפנ דאָס בײַטעלע. איצט אָבער, אז די שיקסע האָט מענ שוינ לאנג דורכגעטריבנ, קאָנ דאָכ ערשט פאלנ דער כשאד אפ די קינדער — שלעכט!..

באנאכט האָט ער לאנג ניט געקאָנט אנשלאָפנ ווערנ. ער האָט בא זיכ אליינ ניט געקאָנט פועלנ, אז דאָס איז ניט קיינ כאָלעמ, קיינ בייזער כאָלעמ. ניט שוינ זשע איז דאָס עמעס? ניט שוינ זשע איז ער א גאנעוו? א פּאָשעטער גאנעוו?!.. אונ עס באשלאָגט אימ אזש א שווייס, וויאזוי א בענטש קאָנ פאלנ!.. אונ וואָס וועט זײַנ ווײַטער?.. ווײַטער ווערט ער אנשלאָפנ אונ עס פלאָנטענ זיכ אימ בײַטעלעכ, אונ די בײַטעלעכ זײַנענ ניט קיינ בײַטעלעכ, נאָר לעבעדיקע מיעסע באשעפענישנ, אָפגעקראָכענע, געלע אונ אײַנגעקנײַטשטע, אונ קאלטע אונ נאסע, אזוי ווי שראָצימ, זשאבעס... אונ זיי דירנ זיכ אונ זיי קריכנ אימ איבערנ לײַב, פארקריכנ אונטערנ קאָלנער, אונטער די פאכוועס — בררר!.. ער כאפט זיכ אופ, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאפט זיכ דאָס לײַב — דאנקענ אונ לויבנ גאָט, ס'איז נאָר א כאָלעמ... יאָ, אָבער וויאזוי ווערט מענ פאָרט פּאָטער פונעמ בײַטעלע? ס'איז ניטאָ קיינ אנדער אייצע, סײַדנ פארווארפנ דאָס ערגעצ אינ אזא אָרט, אז קיינ פויגל זאָל ניט וויסנ. פרעגט זיכ: וווהינ? צומ גויִשנ שאָכנ אינ גאָרטנ ארײַנ? ערגעצ ווײַט אפנ הייליקנ אָרט? אינ דער ווײַבערשער שול? ניינ. דאָס בעסטע וועט זײַנ — פונ דער בריק אינ טײַכ ארײַנ. אונ די בעסטע צײַט דערופ איז שאבעס. אונ אזוי איז דאָס געבליבנ.

שאבעס באטאָג. סאָפ זומער. אינ דרויסנ איז נאָכ ווארעמ. ייִדישע קינדער שפאצירנ נאָכ אָנ אויבערשטע מאלבושימ. מיידלעכ גייענ נאָכ מיט זאָנטיקלעכ. צווישנ די, וואָס האָבנ שפאצירט, האָבנ זיכ געפונענ אויכ דער העלד מיטנ בײַטעלע. ס'איז געלעגנ פארבאָרגנ בא אימ ווײַט אינ א קעשענע, אָנגעפּילט מיט שטיינדלעכ, ביכדיי אז ער וועט דאָס אראָפּלאָזנ פונ בריק אינ טײַכ ארײַנ, זאָל עס מיט זיכערקײַט אראָפּ טיפ אפנ אָפּגרונט פונעמ וואסער. איז אָבער די צאָרע, וואָס די בריק איז פארפלייצט מיט מענטשנ — אונ ער דארפ, אז קיינער זאָל ניט זענ, וויאזוי ער וועט מאכנ די אָפּעראציע. דרייט ער זיכ ארומ הינ אונ צוריק, פארקוקט איטלעכנ אינ

די אויגנ, אונ ער וואָלט געמעגט שווערנ, אז אלע קוקנ אפ אימ עפּעס מאָדנע... אונ עפשער ווײַזט זיכ אימ נאָר אויס אזוי? אלצ די אײגענע מײַסע: „אפנ גאנעוו ברענט דאָס היטל"... נאָר אָט האָט אימ גאָט געהאָלפנ — ער האָט זיכ פארשלאָגנ אינ א ווינקל אונטער א גרויסנ סלופּ פונ די סוואיעס, אפ וועלכע עס האלט זיכ די בריק, אריבערגעבויגנ זיכ מיטנ גאנצנ קערפּער איבער דער פּארענטשע, אײַנגעקוקט זיכ קלוימערשט אינ וואסער ארײַנ, גלײַכ ווי דאָרטנ וואָלט ער דערזענ גאָט ווייסט וואָס פאר כידושימ, אָנגעטאפּט מיט דער האנט זײַנ קעשענע, ווו דאָס פארשאָלטענע בײַטעלע ליגט, דערפילט אינ האנט א מיעסקײַט, א לעבעדיקע זאכ, א מינ שערעצ... ארויסגעצויגנ דאָס פּאוואָלינקע פונ קעשענע אונ צעגומענ די פינגער אונ ארויסגעלאָזט דאָס פונ דער האנט. פליוכ — אויס בײַטעלע! אפנ אָרט, ווו דאָס בײַטעלע איז געפאלנ, האָט זיכ באוויזנ א רעדל. דאָס רעדל איז געוואקסנ ברייטער אונ ברייטער, אונ פונ דעמ רעדל איז באשאפנ געוואָרנ נאָכ א רעדל אונ נאָכ א רעדל. ער האָט גאָר ניט געקאָנט אָפּרײַסנ די אויגנ פונ דעמ אָרט, ווו זײַנ אוויירע איז געווענ דערטרונקענ אונ זײַנ סאָד איז געווענ באגראָבנ אפ אײביק. נאָר א שיינע שטימע האָט אימ אופגעוועקט פונ זײַנע מאכשאָוועס, אונ א זיסער געלעכטער האָט אימ אָפּגעקלונגענ אינ די אויערנ.

— פישעלעכ שווימענ? כא-כא, וואָס דענ שטייט מענ אזוי לאנג אונ מע קוקט?

ער דרייט אויס דעמ קאָפּ אונ דערזעט דעמ כאזנס מיידל מיט אירער א כאווערטאָרנ.

— איר זײַט שוינ דאָ לאנג? — טוט ער א פרעג באמ כאזנס מיידל מיט דער כאווערטאָרנ.

— די גאנצע צײַט, כא-כא! — ענטפערנ זיי אימ ביידע מיט א געלעכטער. בא זיי איז דאָס א געלעכטער, אונ אימ ווערט אײַנגעפאלנ אינוויינִיק, טאָמער האָבנ זיי געזענ, וואָס ער האָט געטאָנ...

נאר שער באָכערל! אומזיסט געווענ זײַנ מוירע. אימ האָט אָפּגעוואַרט אנ אנדער צאָרע, וואָס דערופ האָט ער זיכ גאָר ניט גערעכט. אמ איז באשערט געווענ איבערצולעבנ, ווי מיר וועלנ דאָס באלד זענ, א נײַע דראמע מיטנ נאָמענ „דעמ כאזנס מיידל".

55

דעם כאַזנס מיידל

צאַליע דעם כאַזנס טאָכטער. — א פלאַם־פֿײַעריק פאַרליבעניש. — אַן איבערשרײַבעניש צווישן צוויי יונגע הערצער. — זײַן בריוו פאַלט אַרײַן אין פרעמדע הענט.

די זעלבע ראָליע, וואָס אין דער גרויסער שטאָט שפּילן איצט גימנאַזיסטן און סטודענטן, האָבן אין דער קלענערער שטאָט אין יענער צײַט געשפּילט די טאַלמידים פון דער „אויעזדנע". איין זאַך האָט זיי נאָר געפעלט — א באַזונדערע אוניפאָרם. ווײַטער זײַנען דאָס געווען העלדן אין פולן זין פון וואָרט. זיי איז געווען דערלויבט אַלצדינג, וואָס פאַר סטאַם כיידער־ייִנגלעך איז ניט געווען דערלויבט. אשטייגער, אָפּצוטאָן א שפּיצל דעם שאַמעס פון שול, באָדן זיך אין טײַך אויסער דער „קופּאַלניע", פּראַווען לייצאָנעס מיט וועמען זייער האַרץ גלוסט, און אַפילע ריידן מיט א מיידל, נאָר אַבי פון לײַטישן שטאַנד, פון באַלעבאַטישן גראַד. און מיידלעך זײַנען געווען נאָך זיי די קאַפּאָרע! איך מוז מיך אָבער פאַרכאַפּן באַלד אפן אָרט און מאַכן א באַמערקונג, אַז דאָס איז ניט געווען קיין „פלירט" און ניט קיין ראָמאַנען. דאָס זײַנען געווען די ריינסטע און סאַמע הייליקסטע באַציִונגען, וועלכע זײַנען נאָר מעגלעך צווישן יונגע קינדער פון ביידע מינים. עס וועט ניט זײַן איבערטריבן אַפּ א האָר, ווען איך וועל זאָגן, אַז די באַציִונגען צווישן מלאָכים קאָנען ניט זײַן ריינער און אומשולדיקער, ווי יענע באַציִונגען, וואָס זײַנען געווען צווישן דעם כאַזנס מיידל און צווישן דעם יונגן העלד פון דער דאָזיקער ביִאָגראַפיע. ווו, ווען און בא וועלכע אומשטענדן זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען — איז שווער צו גע־דענקען אַקוראַט, און ס'איז אויך ניט אַזוי וויכטיק. קיין אַנדער צײַט און קיין אַנדער פּלאַץ אַפּ צו באַגעגענען זיך איז אין שטאָט ניט געווען, אויסער שאַבעס באַטאָג אַפּ דער בריק, וואָס פירט צו די „פידוואָרקעס". ווער פון די צוויי האָט אָנגעהויבן פריִער צו ריידן, דער באָכער אָדער דאָס מיידל, און וואָס איז צום ערשטן מאָל גערעדט געוואָרן — איז אויך ניט מעגלעך פעסטצושטעלן. אָנגע־הויבן האָט זיך עס זיכער פון א שאַרפן קוק. דערנאָך א שמייכל. דערנאָך אָנגערירט זיך קלוימערשט אומגערן מיט די עלנבויגנס.

דערנאָך א נעם געגעבן זיך צום היטעלע: „זדראַסטיע" (גוט-מאָרגן). דערנאָך שוין אָן א נעם געבן זיך צום היטעלע: „קאַק פּאָזשי־וואיעטיע?" (וואָס מאכט מען?). דערנאָך, בא שפּעטערע באגעגענישן, שטעלט מען זיך אָפּ אף א פּאָר מינוט א רעד טאָן וועגן גאנץ אומבאַדײַטנדע זאכן און מע טוט א שמועס וועגן א צווייטער באַגעגעניש:

ע ר: אף ווידערזען.

ז י: ווען? ווידער שאבעס?

ע ר: ווען זשע, אז ניט שאבעס?

ז י: ווו? ווידער אָט דאָ, אף דער בריק?

ע ר: ווו דען זשע?

ז י: עפּשער אן אנדער אָרט?

ע ר: דעהײַנע?

ז י: ווו וועט איר זײַן סימכאַסטווירע צו האַקאָפּעס?

ע ר: וואָס הייסט ווו? אין גרויסן בעסמעדרעש.

ז י: פארוואָס ניט אין דער קאַלטער שול?

ע ר: דאָרט, ווו אײַער טאַטע דאַווענט?

ז י: וואָס מאכט דאָס אויס?

ע ר: מײַן טאַטע וועט זיך כאפּן, ווו בין איך.

ז י: אויב איר זײַט א ייִנגעלע, וואָס האָט מוירע פארן טאַטן...

ווײַטער לאָזט ער זי ניט ענדיקן, וואָרעם עס דערלאַנגט אים בא דער זיבעטער ריפּ. סטײַטש — מע זאָגט אים, אז ער איז א ייִנגעלע, וואָס האָט מוירע פארן טאַטן! און ווער זאָגט דאָס אים?!.. ער געפינט אן אויסרייד אף אַרויסצודרייען זיך, אָבער קונציק, ווי א מאזיק. ער האָט איר וואָס צו זאָגן א נייטיקע זאך. נאָר אזוי ווי זי איז ניט אליין, זי איז מיט איר כאַווערטאָרן, קאָן ער עס איר ניט זאָגן. דעם כאזנס מיידל ווערט רויט און טוט א ווונק צו איר כאַווערטאָרן, זי זאָל אָפּגיין א פּאָר טריט ווײַטער. יענע פּאָלגט, און זיי בלײַבן אינצווייען. זי איז גרייט אויסצוהערן דעם סאָד. ער לאָזט זיך ניט לאַנג וואַרטן און, פּלאָנטענדיק מיט דער צונג, גיט ער איר איבער אָט וואָס: „ער האָט איר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, אז ער וואָלט א באַלן געוועז זען זיך אמאָל מיט איר אליין, אָן באַגלייטערנס, אָן כאַווערטאָרנס". „מאלע וואָס! און זי וואָלט דען ניט געוואָלט ריידן מיט אים אונטער פיר אויגן, אָן באַגלייטערנס און אָן כאַווערטאָרנס? — קאָן זי אָבער ניט. מע לאָזט זי

ניט אָפּ אַליין. די מאַמע גיט אַכטונג, זי זאָל ניט זײַן אַליין. נאָר ער באַדאַרף ניט מוירע האָבן פאַר איר כאַוועדטאָרן. זי איז אַ מיידל אַ שטילע, אַן ערלעכע, און האָט אַליין אויך גערן, אַ באָכער זאָל מיט איר ריידן, און אויב ער וויל וויסן, איז אָט דאָס מיידל אויך פאַרליבט אין אַ באָכער"... „אויך פאַרליבט? איז די מאַשמאָעס, אַז זי, דעם כאַזנס מיידל, איז אַוואַדע פאַרליבט? וואָלט ער וועלן וויסן, ווער איז יענער גליקלעכער?"... „אַז ער וועט אַלצדינג וויסן, וועט ער גיך אַלט ווערן"...

דאַרף מען נאָך האָבן אַ ווײַטערן פּיירעש אָפּ די דאָזיקע ווערטער? פאַרשטייט מען דען ניט, אַז דער דאָזיקער גליקלעכער — דאָס איז ניט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין טאַקע? און טאָמער איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל סאָפּעק אין דעם, איז גענוג איין קוק אָפּ איר ליכטיק-שײַנענדיק פּאָנעם און אָפּ אירע מיט גליק שטראַלנדיקע אויגן. אַ באַקאַנט פּאָנעם. באַקאַנטע אויגן. ווו האָט ער געזען אָט דאָס ווײַסע מיידל מיט די בלאָנדע געגרײַזלטע האָר? אַפילע די האַנט אירע איז אים קענטלעך. אַ ווײַס הענטל מיט דינע לאַנגע פינגער. אַ ווײַס הענטל, אַ גלאַטס און אַ וואַרעמס. דאָס ערשטע מאָל אָפּ זײַן לעבן ביכלאַל, אַז ער האַלט אַ מיידלס האַנט...

ווי אַן ערלעכער ייִד, וואָס קוקט אַרויס אָפּ מאָשיעכן, אַזוי האָט ער געוואַרט ארויסקוקן אָפּ דעם גליקלעכן יאָמטעוו סימכאַס-טוירע. די צײַט איז אים אָבער געוועגן צו לאַנג צו וואַרטן. ווי פון פּעך האָבן זיך געצויגן די טעג. ער איז שיר ניט מעשוגע געוואָרן. און ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויסגיסן דאָס האַרץ אָפּ פּאַפּיר אין דער פּאָרם פון אַ בריוו, אַליין ניט צו וויסן, צוליב וועמען און צוליב וואָס? אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט דאָס שרײַבן צוגענומען, און געשריבן האָט זיך עס ווי אַ וואַסער, וואָס לויפט אומגעשטערט, ווי אַ פאַנטאַזי, וואָס מע האָט אָפּגעלאָזט אַלע זײַנע קראַנעט. דאָס שרײַבן וואָלט קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ווען ס'זאָל ניט געווען אויסגיין פּאַפּיר. ווי דער פּראָפעסער זאָל זײַן ניט קיין גוויר, וואָלט ער הײַנט אַ סאַך, אַ סאַך באַצאָלט פאַרן דאָזיקן דאָקומענט!..

אַצינד איז געבליבן נאָר איין זאַך: וויאַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? וויאַזוי וועט זי באַקומען דעם דאָזיקן בריוו? איין אייצע נאָר איז פאַראַן: איבערשיקן איר דעם בריוו דורך איר כאַוועדטאָרן. דאָס וועט הייסן אַזוי גוט, ווי אַרײַנצונעמען אינעם סאָד אַ דריטע פּערזאָן, פאַרטרויען זיך פאַר אַ זײַטיק מיידל, וואָס מע

קען זי ניט און מע ווייסט זי ניט. וואָלט עפּשער אין דעם אויך ניט געווען קיין מעניע, איז אָבער א כיסאָרן: וויאַזוי קומט מען צו צו אָט דער דריטער פּערזאָן? איז דערצו אויך דאָ א רעפוע: מע וועט מוזן אַרײַנשלעפּן נאָך א פערטע פּערזאָן. דאָס איז דער באָכער, וואָס דעם כאַזנס מיידלס כאַוורטאָרן איז אין אים פאַרליבט. א באָכער מיט א באָכער — איז גאָר אנדערע ווערטער. א באָכער מיט א באָכער קאָנען אומגעשטערט זיך צונויפרײדן און אָפּהאַנדלען צווישן זיך די גרעסטע סוידעס. איצט איז געבליבן נאָר איין קלייניקייט — אופזוכן דעם באָכער און פאַרבינדן מיט אים ברודערשאַפט. דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר א גרינגע זאַך. נאָר ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך.

דער באָכער איז געווען א יונג א פּריקאַשטשיק אין אן אײַזנגעשעפט („זאַליאַז”), א גאַנץ שיינער אַפּן פּאָנעם, נאָר העגט האָט ער געהאַט א פּאָר — דאָס, וואָס מע רופט אָן „יאָדאַים”. צוטרעטן צום באָכער איז ניט אַזוי שווער, ווי ס'איז שווער געווען צו זאָגן אים, אַף וואָס מע דאַרף אים האָבן. שוין באַם ערשטן אַרויסטריט איז שיר אַרויסגעפאַלן א שטיקל סקאַנדאַל. דער באַלעבאָסטע פונעם אײַזן-געשעפט, א ייִדענע אַן אָנגעפּעלצטע, גאָר ניט נאָכן סעזאָן, מיט שוואַרצע הענט און מיט אַן אונטערגעשוואַרצטער נאָז (פון דעם, וואָס זי וועגט שרויט און טשוועקעס מיט די הוילע הענט און שנײַצט מיט די זעלבע הענט די נאָז), איז ניט געפעלן געווען די מײַסע, וואָס איר פּריקאַשטשיק קען זיך מיט ראַבינאָוויטשעס ייִנגל. וואָס פאַר „דאָטשיניעניעס” קאָן האָבן א באָכער א פּריקאַשטשיק מיט רעב נאָכעם ראַבינאָוויטשעס א ייִנגל? איז איינמאָל אַוועק. דאָס אַנדערע, אַז ס'איז געקומען צום רעכטן שפּיץ, און שאָלעם האָט אים א זאָג געגעבן, אַז ער האָט א באַקאָשע צו זײַן קאַלע, האָט זיך דער פּריקאַשטשיק אופגעבלאָזן, ווי א האָן אַף א קאַץ, ווען זי כאַפּט זיך אַרײַן צו זײַנע הינער: „פונוואַנען ווייסטו, אַז איך האָב א קאַלע?” „איך בין באַקענט מיט איר כאַוורטאָרן”. „מיטן כאַזנס מיידל? ע! דאָרט וועסטו האָבן א בייגנברעכער”... שאָלעם פאַרשטייט ניט, וואָס הייסט דאָס, אייגנטלעך, א „בייגנברעכער”. נאָר נאָכן פּריקאַשטשיקס געלעכטערל שטויסט ער זיך, אַז דאָס דאַרף זײַן ניט פון די אָנגענעמע זאַכן. טוט ער אים א פרעג: „ווער איז דער בייגנברעכער?”... „דאָס איז שוין מײַן אייסעק... נאָר לאָמיר האָרכן, וואָס איז די באַקאָשע?” שאָלעם ציט אַרויס דעם געפּאַקטן

בריוו פון קעשענע און גיט אים איבער דעם פריקאשטשיק. „אָט דאָס דאַרף איַיער קאלע איבערגעבן דעם כאזנס מיידל און איבער־שיקן מיר דורך אײַך טאקע אַן ענטפער". דער פריקאשטשיק נעמט צו דעם בריוו, באטראכט דעם קאָנווערט פון אלע זײַטן: „אָט דאָס איז גאָר? קום צו גיין מאָרגן, וועסטו מיסטאמע באקומען אַן ענט־פער".

אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. אַפּ מאָרגן אין דער אָפּגע־שטעלטער צײַט האָט שאָלעם באקומען פונעם פריקאשטשיק אַן ענט־פער, אַז ער האָט נאָך ניט קיין ענטפער. „קום צו גיין מאָרגן, וועט געוויס זײַן אַן ענטפער". אַפּ מאָרגן ווידער דאָס אייגענע — ניטאָ נאָך קיין ענטפער! דאָ האָט שאָלעם באמערקט — און עפשער האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן אזוי, — אַז דער פריקאשטשיק שמייכלט עפּעס מאָדנע אונטער. צו דעם כשאד איז צוגעקומען נאָך א כשאד: דער פריקאשטשיק האָט אים א זאָג געגעבן מיט א זיפצל: „ווען איך זאָל קענען שרײַבן, אזוי ווי דו!"... „פונוואנען ווייסטו, וויאזוי איך שרײַב?" „מײַן קאלע האָט מיר דערציילט". „פונוואנען ווייסט דײַן קאלע?" „זי ווייסט עס פונעם כאזנס מיידל".

א טערעץ איז דאָס אפילע א נישקאָשעדיקער, און ס'איז אוואדע זייער אָנגעלייגט צו הערן אזא קאָמפּלימענט פון א מיידל, וואָס מע האָט זי ליב. נאָר פונדעסטוועגן און ניט ווילנדיק גאנוועט זיך ארײַן א מאכשאָווע־זאָרע [1]: טאָמער האָט דער פריקאשטשיק ניט איבערגעגעבן דעם בריוו און האָט אים בעסער אליין געלייענט?.. דער דאָזיקער געדאנק לאָזט ניט שלאָפן. קוים דערוואַרט זיך אַפּ אַן ענטפער! דאָס איז געווען שוין ערעוו־יאָמטעוו. דער פריקאשטשיק איז אים געלאָפן אקעגן און ארײַנגערוקט אין האנט ארײַן א געל שטיקל פּאפיר, צונויפגעלייגט אינפירען, אָן א קאָנווערט, נאָר מיט טריוואקס פּאַרזיגלט און צוגעקוועטשט מיט א מאטבייע. דאָס איז געווען דאָס לאנג־דערוואַרטעטע בריוול פונעם כאזנס מיידל, גע־שריבן מיט דינע לאנגע אויסיעס, וואָס האָבן דערמאָנט אירע דינע לאנגע פינגער. דאָרט איז געשטאנען, אַז זי האָט זײַן בריוו מיט טרערן אין די אויגן געלייענט עטלעכע מאָל, און עס טוט איר באנק, וואָס זי קען ניט אזוי שרײַבן, ווי ער. „זי זאָל האָבן פליגל, וואָלט זי צו אים געפלויגן. זי זאָל קענען שווימען, וואָלט זי אלע יאמים

[1] א פרעמדער געדאנק, א כשאד.

איבערגעשווומען, אבי צו אים צו קומען. און אויב ער מיינט, אז זי קאָן יאָ שלאָפן רויק, האָט ער א טעות. און זי קוקט שוין ארויס אפ דעם סימכאסטוירע מיט אלע אויגן, וואָרעם א האַרץ פילט א האַרץ!״... צום סאָף האָט זי אים געוואָרנט, ער זאָל צו איר מער קיין בריוו ד.רך אזא וועג ניט שרייבן, וואָרעם זי איז זיכער, אז דעם בריוו האָבן געהאלטן פרעמדע הענט... דאָ קומען אים אקעגן דעם פרי־קאשטשיקס „יאָדאַים״, און עס וואַרפט אים אריין אין א קעלט מיט א היץ, אז ער שטעלט זיך פאָר, וויאזוי דער פריקאשטשיק האָט געעפנט דעם קאָנווערט און געלייענט זיין בריוו, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן פארן כאזנס מיידל!.. נאָר ער עכט זיך ניט צופ לאנג דאָס האַרץ, וואָרעם אָט־אָט איז סימכאסטוירע און אָט באלד וועט ער זי זען, שטיין נעבן איר,ריידן מיט איר — מיטן כאזנס מיידל...

56

סימכאסטוירע צו האקאָפעס

די נאכט פון סימכאסטוירע. — די פּאָעזיע, וואָס פאר האקאָפעס. — יידן כאפן א טענצל. — ווייבלעך און מיידלעך קושן די רייניקייטן. — די הימלען עפענען זיך און מאלאָכים זינגען שירע [1].

ווען איך בין געטע — אָסער אויב איך וואָלט באשרייבן די צאָרעס פון א יונגן ווערטער. איך וואָלט שוין בעסער באשרייבן די צאָרעס פון אן אָרעם באָכערל, וואָס איז געפערלעך פארליבט אין א כאזנס א מיידל. אָדער ווען איך בין היינע — אָסער אויב איך וואָלט באזונגען די „פלאָרענטינישע נעכט״. איך וואָלט שוין בעסער באזונגען די נאכט פון סימכאסטוירע, ביים יידן גייען צו האקאָפעס און יונגע ווייבלעך און שיינע מיידלעך קלייבן זיך צונויפ אין שול, מישן זיך אויס מיט די מאנצבלען — סימכאסטוירע מעג מען. זיי קושן די טוירע, שפרינגען און רופן און קוויטשען אפ אלערליי טענער: „דערלעבט איבעראיאָר!״ און באקומען צוריק אן ענטפער: „גאם־אטעם [2] ! גאם־אטעם!״...

נאָך מיט א שאָ אָדער צוויי פאר די האקאָפעס קומען זיך צונויפ די קליינע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, קלעטערן ארופ אפ די

1 לויב־געזאנגען.

2 איר אויך.


פונעם יאריד
לעבענסבעשרייבונגען
פון
שלום-עליכם
56.
שמחת-תורה צו הקפות.

פאקסימילע פונ שאָלעמ-אַלייכעמס קסאַוו-יאַד: אַ בלעטל „פונעמ יאַריד".

בענק, די פּאָנעג פּלאַטערן, די עפּל זייַנען רויט, די ליכטלעך ברע-
נען, און די בעקלעך זייערע זייַנען ניט ווינציקער רויט ווי די עפּל,
און די אויגן לייַכטן ניט ערגער ווי די ליכטלעך. דאָס איז קליינ-
וואַרג. די עלטערע באָכערימלעך, די געמאָרע-ייִנגלעך, אָדער טאַלמי-
דים פון די קלאַסן — די שפּאַצירן נאָך דערווייַל אַרום אין דרויסן
אַפן שולהויף. די לופט איז נאָך לינד און שיטער. דער הימל איז
אויסגעשטערנט. עס פילט זיך יאָמטעוו אין דער גאַנצער וועלט.
אַפילע די שטילקייַט איז אַ יאָמטעוודיקע. קיין זאַך איז ניט אים-
שטאַנד צו שטערן די הייליקייַט פון דער דאָזיקער נאַכט פון סימ-
כאַסטוירע, ווען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט
פרייט זיך מיט זייַן הימלישער מאַטאָנע. און טאָמער פאָרט דורך
דערבייַ אַ גויִשע פור און הייבט אוף אַ געדיכטן שטיקנדיקן שטויב;
טאָמער פליט דורך אַ פּאָטשטאָווע גלעקל — דזינ, דזינ, עס
פאָרט אַ „קנעפּל“[1] — ווער הערט זיי? דער שטויב וועט זיך אָפּלייגן,
דאָס גלעקל וועט פאַרלוירן גיין ערגעץ ווייַט-ווייַט — און די נאַכט
בלייַבט אַלץ הייליק, אַלץ יאָמטעוודיק, וואָרעם ס'איז דאָך סימכאַס-
טוירע אַף דער וועלט! אַ שוואַרצע קאַץ לויפט דורך פאַרבייַ מיט
אירע גלאַט-סאַמעטענע טריט און שנייַדט דורך דעם גאַנצן שולהויף
אין דער ברייט און ווערט פאַרשווונדן. אַ הונט רופט זיך אָפּ ער-
געץ פון אַ ווייַטער גויִשער גאַס מיט אַ בילן אין אַ לאַנגן מינאָר-
נעם טאָן און ווערט אַנשוויגן — און די נאַכט בלייַבט אַלץ הייליק,
אַלץ יאָמטעוודיק, וואָרעם ס'איז דאָך סימכאַסטוירע אַף דער וועלט.
און עס אָטעמט זיך אַזוי גרינג. און אַפן האַרצן איז אַזוי גוט, אַף
דער נעשאָמע אַזוי אופגעלייגט. אַזוי גאָדלדיק איז מען בא זיך.
אַ קליינינקייַט — דאָס בין איך, און דאָס איז די נאַכט פון סימכאַס-
טוירע, און דאָס איז אַ הימל, און דאָרט איז גאָט — מייַן גאָט,
מייַן הימל, מייַן יאָמטעוו!

— קינדער! מע גייט שוין מיט די האַקאָפעס!

מע כאַפּט זיך אַרייַן אינעווייניק אין שול — ווער? וואָס? עס הייבט
זיך גאָרניט אָן. דערווייַל דאַוונט מען ערשט מייַרעוו. צאַליע דער
כאַזן פון דער קאַלטער שול שטייט באַם אָמעד[2] מיט זייַנע צוויי
מעשוירערים. איינער, אַ שוואַרצער באָכערעץ מיט גראָבע ליפּן — אַ

1 געמיינט: אַ טשינאָווניק.

2 אַ שטענדער אין בעסמעדרעש, בא וועלכן עס שטייט דער כאַזן באַם דאַווענען.

באס. דער אנדערער, אנ אויסגעדארט יִנגעלע מיט א ווײַס פּענעמל— א סאָפּראנאָ. אונ דער כאזנ אליינ, רעב צאליע, מיט זײַנ גאָלדענעם האלדז — א יִיד א הויכער, א געלער, מיט אנ אויסגעבויגענער נאָז, ווי א שויפער, מיט דינע געגרײַזלטע פּייעלעכ אונ מיט א געלער געגרײַזלטער באָרד, וואָס זעט אויס, ווי א צוגעבונדענע— ווער וועט דאָס גלייבנ, אז אזא פּארזעעניש וועט האָבנ אזא שיינע צארטע איידעלע ליבע טאָכטער?.. „דעמ כאזנס מיידל" — דאָס איז זײַנ טאָכטער, אונ צאליע דער כאזנ — דאָס איז איר פאָטער, וואָס בארימט זיכ פאר איטלעכנ, אז ער האָט א מיידל — איז זי איינע בא גאָט, די אנדערע בא אימ. איינ כיסאָרנ נאָר—זי וויל ניט א קאלע ווערנ. „וועמענ מע זאָל איר ניט ריידנ — איז איינמאָל ניינ. נאָר ס'וועט איר העלפנ, ווי א טויטנ באנקעס. אז ס'וועט קומענ דער רעכטער זיווּעג[1], וועט זי ש.ינ מוזנ זאָגנ יאָ. אניט, נעמט מענ זי פאר די צעפּ. אונ כאר נויט איז דאָ א שטעקנ!"... אזוי זאָגט ער אליינ, צאליע דער כאזנ, געוויינלעכ אינ א שפּאס, אונ באווײַזט זײַנ יאמשאָווע שטעקנ מיט דער אלטער פארגעלטער עלפאנדביינערנער גאלקע.

מע האָט שוינ אָפּגעדאווּנט מײַרעוו אינ דער קאלטער שול, אונ צו האקאָפעס איז נאָכ ווײַט: מע האלט ערשט בא „אטאָ האָרייסאָ לאָדאאס" אונ מע טיילט אויס צווישנ די מיזרעכ-וואנט-באלעבאטימ די פסוקימ פונ „אטאָ-האָרייסאָ", וועלכע יעדער זאָגט זיכ אָפּ שטייענדיק אפ זײַנ פּלאצ, אונ איטלעכער באזונדער מיט אנ אנדער קאָל אונ מיט אנ אנדער נוסעכ. דאָס הייסט, דער נוסעכ איז איינ אונ דער זעלבער נוסעכ אפ דער גאנצער וועלט, נאָר מאכמעס יעדער האָט זיכ זײַנ שטימע מיט זײַנ טעמבער אונ מע שרעקט זיכ א ביסל איבער פאר דעמ אייגענעמ קאָל, קומט אויס ניט דאָס, וואָס מע וואָלט אליינ געוואָלט, אונ דאָס דריידל, וואָס מע לאָזט איבער אפנ סאָפ פּאָסעק, גייט אינגאנצנ פארלוירנ...

די קאלטע שול איז גענוג גרויס אונ ברייט אונ הויכ אונ אָנ א כטעליע, נאָר מיט א דאכ—אונ דערפאר רופט מענ זי די „קאלטע" שול. דער דאכ איז צעמאָלט ווי א הימל—בלוי, שוינ א ביסל צו בלוי, אזש גרינ. דער פארבער האָט אריבערגעכאפּט די מאָס. אונ די גלאנצנדיקע שטערנ זײַנענ א ביסל צו גרויס. יעדער שטערנ איז

1 דאָ: דער באשערטער (פונ גאָט), כאָסנ.

א ביסעלע קלענער פונ אנ עפּל אונ כאפּט דעם אָפּבליק פונ א קארטאָפל, ארומ אונ באגילט מיט גאָלד. אויסגעלייגט זײַנענ די קארטאָפל, דאָס הייסט די שטערנ, ניט אזוי, ווי די שטערנ אינ הימל, אָנ א שום אָרדענונג — ניינ! נאָר אויכגעלייגט שורעסווײַז, נאָענט אונ געדיכט איינס נעבנ דאָס אנדערע. פונ אינמיטנ צענטער, אפּ לאנגע מעשענע שטריק, הענגענ אראָפּ אלטע פּארצײַטיקע הענג-לײַכטער פונ אלטנ געלנ פארגרינטנ מעש. פונ דעמ זעלבנ אלטנ פארגרינטנ מעש זײַנענ אויכ די העסעס, וואָס אפּ די ווענט — אונ אלצ איז אָנגעפּאקט מיט ליכט. אלע ליכט ברענענ. ס'איז אזוי ליכ-טיק, אז עס דאכט זיכ, אז ליכטיקער קאָנ שוינ גאָר ניט זײַנ.

פונוואנענ האָבנ זיכ גענומענ אזויפיל יִדנ, קיינ אײַנאָרע, אונ ווײַבער, אונ ווײַבלעכ, אונ באָכערים, אונ מיידלעכ, אונ קליינע קינדער? שאָלעמ איז דאָס דעמ ערשטנ מאָל אינ דער קאלטער שול, אונ ניט ווילנדיק קומט אימ אפּנ זינענ דער פּאָסעק: מא טויוו אויהאָלעכאָ יאאקויוו — ווי שיינ זײַנענ דײַנע געצעלטנ, יאנקעוו!.. עס קומט אימ אָנ ניט גרינג צו באקומענ אנ אָרט אפּ צו זיצנ. א גליק, וואָס דער שאמעס האָט אימ דערקענט — ס'איז דאָכ רעב נאָכעמ ראבינאָוויטשעס א זונדל, דארפּ מענ אימ מאכנ אנ אָרט, אונ דאפּקע אינ שפּיגל-באנק, צווישנ באלעבאטימ.

ווו האלט מענ? דער ראש מיכנ טומל זײַנענ אזוי גרויס, אז מע הערט ניט דעמ כאזנ, ניט זײַנע מעשוירערימ. אומזיסט איז דעמ אוילעמס שרײַענ „שא!”. אומזיסט איז דעמ שאמעסעס קלאפּנ אינ טיש. ווײַבלעכ גראגערנ, מיידלעכ לאכנ, קינדער פּישטשענ. אָט שטייט א יִנגעלע מיט ביטערע טרערנ. „וואָס וויינכטו, יִנגעלע?” — מע האָט אימ אראָפּגעוואָרפּנ דעמ עפּל פונ דער פאָנ אוּבגערנ אונ צעטראָכנ מיט די פיס. וואָס וועט ער איצטער טאָנ אָנ אנ עפּל?.. אונ נעבנ יִנגעלע זיצט א באָכער אונ שטשירעט די ציינ, לאכט פונעמ יִנ-געלעס טראגעדיע. פּארדריסט דאָס שאָלעמענ, לאָזט ער זיכ אריינ מיטנ באָכער אינ א דיסקוסיע: „וואָס איז דער געלעכטער?” — ענט-פערט אימ אָפּ דער באָכער אונ הערט ניט אופ צו באווײַזנ די ציינ: „א יִנגעלע א שויטע!” פּארדריסט דאָס שאָלעמענ נאָכ מער: „נו, אונ דו אינ זײַנע יאָרנ האָסט געהאט מער כייכל?” דאָ הערט דער באָכער אופ צו לאכנ אונ ענטפערט אָפּ שוינ ווי א שייגעצ: „וויפל סייכל איכ האָב געהאט אינ זײַנע יאָרנ געדענק איכ ניט, נאָר אז איצט האָב איכ מער סייכל אינ פּיאטע, וויפל דו אינ קאָפּ—דאָס

איז זיכער, כאָטש דו גײסט אין די קלאַסן און כאָטש דו ביסט נאָכעם ראַבינאָװיטשעס זון״... װאָלט דאָס ניט געװען אין דער קאַלטער שול צװישן פּרעמדע, װאָלט נאָכעם ראַבינאָװיטשעס זון זיך אַנדערש אָפּגערעכנט מיט אים. דאָ האָט ער אָבער געמוזט כאַפּן אַ שװײַג, װאָרעם צװישן יאָ און נײן װאָלט ער געקענט זײַן אַ געפּאַטשטער פונעם דאָזיקן באָכער דעם אַזעספּאָנעם. און אַגעװ האָט ער שױן דערהערט אינעם גרױסן טומל מיטן גרױסן ראַש די ליבע װערטער: „האַטוּיראָני רעב שימשן-זײװ בערעב כאַים-צװי האַקױהען, טײַן קאָװױד לאַטױראָ[1]!״ „האַטוּיראָני רעב מױשע-יאַנקעװ בערעב נאַכמען-דױװ האַלײװױ, טײַן קאָװױד לאַטױראָ!״... די מאַשמאָעס, אַז די האַקאָפֿעס האָבן זיך שױן אָנגעהױבן. װו זשע איז דעם כאַזנס מײדל?...

„אָנאָ אַדױנױ הױשיִאָ נאָ!״ — דער ערשטער טור האָט זיך געענדיקט מיט אַ ניגן, מיטן גראָבן ניגן „הײַדאַ״, און מיט אַ טענצל. און אַד קאַן האַקאָפֿאָ אַלעף[2]! און דער שאַמעס רופֿט שױן װידער אױס מיט זײַן הײזעריקן קאָל און מיטן זעלבן נוסעך: „האַטוּיראָני דער און דער, טײַן קאָװױד לאַטױראָ!״ „האַטוּיראָני דער און דער, טײַן קאָװױד לאַטױראָ!״ און אָט אַזױ האָט זיך געענדיקט די צװײטע האַקאָפֿע, די דריטע, די פֿערטע. נאָך יעדער האַקאָפֿע דער זעלבער גראָבער ניגן מיטן זעלביקן טענצל — און דעם כאַזנס מײדל זעט מען ניט.

שאָלעם רוט ניט, קוקט אױף אַלע זײַטן, טאָמער װעט ער זי פֿאָרט אַמאָל דערזען — ניטאָ זי! ניט זי, ניט איר כאַװערטאָרן! ניט שױן זשע האָט זי אים אַזױ מיִעס אָפּגענאַרט?.. אָדער עפּשער האָט זי ניט געקאָנט קומען? עפּשער האָט זיך מיט איר עפּעס געטראָפֿן? עפּשער איז מען זיך דערגאַנגען פֿון זײער אָפּרײדן און מע האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב אונטערן שלאָס? אױף צאַלײע דעם כאַזן איז צו גלײבן! אַ מענטש, װאָס שלעפֿט פֿאַר די צעפּ און גיט מיט אַ שטעקן!.. און די שװאַרצע געדאַנקען און פֿינצטערע מאַכשאָװעס האָבן גאָר קײן גרענעץ...

אָפּאָנעם, דעם שאַמעס האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז דאָס, װאָס נאָכעם ראַבינאָװיטשעס באָכערל דרײט זיך, קוקט זיך אַרום אױף אַלע זײַטן, זיצט ניט אײַן אױף אַן אָרט, איז אַ סימען, אַז ער גאַרט, ער

---

1 דער קענער (אָנהענגער) פֿון דער טױרע, רעב..., גיב אָפּ קאָװעד דער טױרע.
2 געענדיקט די ערשטע האַקאָפֿע.

גייט אויס נאָך א האקאָפע. און עפשער האָט אים איינער פון די גאבאָים א ווונק געגעבן, ער זאָל ראבינאָוויטשעס זונדל אויך מעכאבעד זיין מיט א האקאָפע? יעדנפאלס, האָט זיך צווישן אנדערע נעמען פלוצעם דערהערט אויך זיין נאָמען: „האבאָכער שאָלעם בער רעב מענאכעם-נאָכעם, טיינ קאָוויד לאטוירא!“... דאָס גאנצע בלוט איז אים אריין אין פּאָנעם, ניט געקאָנט אריבערטראָגן די באלעבאטישע אויגן, וואָס האָבן אפ אים געקוקט. ער האָט זיך געפילט, ווי עס פילט זיך יעדער באָכער, אז מע רופט אים אופ מאפטיר. און איידער ער האָט זיך ארומגעקוקט, ווו ער איז אין דער וועלט, האָט אים שוין דער שאמעס אונטערגעטראָגן א רייניקייט, און ער שטייט שוין אין דער ריי מיט א בינטל ייִדן און מיט א גרויסער סייפער-טוירע אין די הענט, און די פּראָצעסיע גייט שוין אָן: דער כאזן צאליע גייט אפ צופריִער און זינגט: „אויזער דאלים, הוישיִאָ נאָ!“ ווייבלעך און מיידלעך רייסן זיך, קושן די סייפער-טוירע און ווינטשן אים: „דערלעבט איבעראיאָר!“ ער פילט זיך מאָדנע, וואָס מע זאָגט אים „איר“, און איז צעטומלט פונעם אומגעריכטן קאָוועד, און איז גרויס בא זיך, וואָס ער גייט אין דער ריי, איין באָכער צווישן אזויפיל ייִדן — און נאָר דערפאר, וואָס ער איז ניט קיין אבי-ווער, רעב נאָכעם ראבינאָוויטשעס א זונדל, פאָרט א „טאטנס א קינד“!.. נאָר סאמע אין דעכטן טומל דערפילט ער א קוש אין האנט אריין: „דערלעבט איבעראיאָר!“ ער הייבט אופ די אויגן, דערזעט ער — ס'איז זי, דעם כאזנס מיידל, און איר כאווערטאָרן, פארשטייט זיך, נעבן איר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אלע הימלען עפענען זיך און מאלאָכים נידערן אראָפּ און זינגען שירע. זיי באזינגען די וועלט, וואָס גאָט האָט באהערשט — אזא גוטע, זיסע, שיינע, ליבע וועלט! זיי באזינגען די מענטשן, וואָס גאָט האָט באשאפן — אזעלכע גוטע, זיסע, שיינע, ליבע מענטשן! ס'איז אזוי גוט, אז עס ווילט זיך וויינען פאר גוטסקייט. און אין הארצן זינגט זיך אים צו די מאלאָכים: „שאָלעם אלייכעם, מאלאכיי האשאָרעס!“...

עמעס, די ערשטע מינוט איז אים געווען פריקרע און ווונדערלעך. אָנשטאָט דעם זי זאָל קושן די סייפער-טוירע, האָט זי א קוש געגעבן זיין האנט! איז דאָס עפשער געווען אומגעריכט? ניין,

ניט אומגעריכט. ער האָט דאָס ארויסגעזוגנ פונ אידיע שמייכלענדיקע אויגנ. ער איז געווענ אזוי איבערראשט, אז ס'איז אָפּגעגאנגענ א האָר, ער זאָל ארויסלאָזנ די רייניקײַט פונ די הענט. ער האָט כיי־שעק געהאט זיכ אָפּשטעלנ, נאָכאמאָל א קוק טאָנ איר אינ די שיינע אויגנ ארײַנ, אויב ניט זאָגנ א צוויי ווערטער — לאָזט מענ אים אָבער ניט. די יידנ, וואָס גייענ אים נאָכ פונ הינטנ, לאָזנ אים ניט. מע דארפ גייג ווײַטער. מע דארפ איבערגעבנ די רייני־קײַטנ צו אנדערע. די האקאָפּעס האָבנ זיכ נאָכ ניט געענדיקט. ערשט דאָ, באם אָרנקוידעש, איבערגעגעבנ דעם שאמעס די סייפער־טוירע, קוקט ער זיכ אום צוריק, טאָמער וועט ער זי דערזענ נאָכ־אמאָל, כאָטש פונדערווײַטנ. מע זעט זי ניט. לאָזט ער זיכ מיט דער ווײַטעריקער האקאָפּע, גייט נאָכ נאָכ די יידנ גלאט אזוי, מאכט א טור, זוכט זי מיט די אויגנ — ניטאָ דעם כאזנס ביידל, נעלעם געוואָרנ! לויפט ער ארויס אינ דרויסנ, זוכט זי אפנ שולהויפ — ניטאָ זי אינערגעצ ניט!.. עפשער איז דאָס געווענ א כאָלעם? עפּ־שער איז דאָס געווענ א דימיענ? ניינ. ס'איז ניט געווענ קיינ כאָ־לעם, ס'איז ניט געווענ קיינ דימיענ. ער פילט נאָכ איצט אויכ דעם קוש פונ אירע ליפּנ אפ זײַנע הענט. ער גייט ווײַטער אונ ער פילט ניט די ערד אונטער זיכ. עס ווײַזט זיכ אים אויס, אז ער האָט פליגלענ אונ אז ער פליט, ער שוועבט, אונ די מאלאָכים שוועבנ מיט אים, טראָגנ זיכ אינ דער לופטנ, באגלייטנ אים גלײַכ ביזנ גרויסנ בעסמעדרעש.

דאָרט האלט מענ נאָכ אינמיטנ די האקאָפּעס. דער טאטע איז מאָדנע אופגעלייגט, יאָמטעוודיק געשטימט אונ זעט אויס אינ דער אלטער צעהאקטער זײַדענער קאפּאָטע, פונ וועלכער עס קוקט ארויס ערטערווײַז דער געלער אונטערשלאק, אזוי שיינ, אזוי גרויכארטיק, ווי קיינמאָל ניט. נעבנ אים שטייענ ביידע געראָטענע איידעמס, פונ איינ זײַט לייזער־יאָסל, פונ דער אנדערער זײַט מאגידאָוו. ביידע ווינצלענ זיכ, אונ דער טאטע הערט זיכ אײַנ, ווי זײַנ שטייגער איז, אונ לאכט. „ווו ביסטו געווענ אזוי שפּעט?“ — טוט דער טאטע א פרעג, כאָלילע ניט אפ צו באשטראָפנ, נאָר גלאט אזוי, אויס נײַגער־יקײַט. „אינ דער קאלטער שול“ — ענטפערט אים שאָלעם אונ בא־רימט זיכ, אז מע האָט אים מעכאבעד געווענ דאָרט מיט א האקאָ־פּע. אינ דאָס דעמ טאטנ געפעלנ אונ ער זאָגט: „ס'איז זייער שיינ פונ זיי“. אונ די געראָטענע איידעמס ווינצלענ זיכ איבער ראבינאָ־

וויטשעס באָכערל. איינער פרעגט אימ: צי האָט ער זיכ באקענט אינ דער קאַלטער שול מ׳טנ „אויזער-דאַלימ״? אונ דער אַנדערער באמערקט: ווי קומט אהינ דער „אויזער-דאלימ״? דאָרט איז דאָכ גאָר דעמ „אויזער־דאלימס״ אנ אייניקל! אונ אלע דרייַ לאכנ זיי פונ דער כאָכמע, אונ שאָלעמ העלפט זיי לאכנ. עס גיט זיכ אויס א נאכט! אזא נאכט קאָנ געמאָלט זייַנ נאָר סיבכאסטוירע צו האקאָפעס.

57

דער קריזיס

זיכ מיִעס אָפגענארט אינ די הייליקסטע געפילנ. — ווערט קראנק אפ טיפוס. — שטייט אופ אנ אנדער מענטש. — געזעגנט זיכ אָפ מיט זייַנע קינדערשע יאָרנ.

אלעמאָל, ווענ דער פארפאסער פונ די דאָזיקע באשרייַבונגענ לאָזט זיכ אראָפ אינ די טיפע קאטאקאָמבנ פונ זייַנ ווייַטער קינדהייַט, טראָגט ארויס אפ גאָטס וועלט אונ לופטערט דורכ זייַנע זיכרוינעס פונ די אפ אייביק פארגאנגענע ייִנגלשע יאָרנ, פארטיפט זיכ אינ זייַנע שפעטערדיקע דערפארונגענ פונעמ גרויסנ וועלט-יאריד, וואָס מע רופט דאָס „לעבנ״, אונ באטראכט דאָס אלצדינג מיט א קלאָרנ קאָפ אונ מיט א קאלטנ מויעכ, באווונדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט אריבערטראָגנ אזעלכע אומדערבארעמיקע קלעפ, מיִעסע אָפנארעכצנ אונ ביטערע אנטוישונגענ, אונ בלייַבנ גאנצ אפ צו כאפנ פרישע קלעפ מיט נייַע אָפנארעכצנ מיט נאָכ גרעסערע אנטוישונגענ? די קלעפ אליינ זייַנענ נאָכ ניט אזוי מעסוקנ, ווי די אנטוישונגענ, ווי דאָס, וואָס מע בלייַבט אָפגענארט. א קלאפ פארהיילט זיכ, אָבער אנ אנטוישונג לאָזט איבער נאָכ זיכ א קרעל אינ דער נעשאָמע אפ אייביק.

דער העלד פונ דער דאָזיקער ביִאָגראפיע האָט שוינ געפרווט געשלאָגנ ווערנ מאָראליש אונ באנומענ ווערנ מאטעריעל פונ קאָפ ביז פיס. ער האָט פארזוכט דעמ טאמ, ווי דער לעזער וועט דאָס זענ פונ די ווייַטעריקע קאפיטלעכ, פונ צו פארלירנ א ריזיקנ קאפיטאל אינ א קורצער צייַט דורכ פארשיידענע ספעקוליאציעס, וואָס אלערליי מענאכעמ-מענדלס האָבנ אימ אינ זיי אריַינגעפירט, אונ ער קאָנ זאָגנ מיט א ריינעמ געוויסנ, אז אימ האָט ניט אזוי גענומענ דער פארלוסט פונ געלט, ווי דאָס, וואָס מענטשנ האָבנ

אימ אָפּגענארט אונ וואָס ער האָט זיכ אָפּגענארט אינ מענטשנ. די אנטוישונג — אָט וואָס אימ האָט מעקאצער-יאָמימ געווענ[1] אלעמאָל, אָט וואָס אימ האָט געטריבנ אינ דער ערד ארײַנ.

שוינ אינ יענער עפּאָכע, ווענ ער איז געווענ נאָכ גאָר א שנעק אונ האָט זיכ נאריש פארליבט אינעמ כאזנס מיידל, האָט ער שוינ געכאפּט דעמ ערשטנ קלאפּ פונ שרעקלעכער אנטוישונג — אזא קלאפּ, וואָס ניט ער, ניט קיינער האָט זיכ געקאָנט דערופ דיכטנ. מע האָט געקאָנט דערווארטנ, לעמאָשל, אז די עלטערנ זאָלנ געווירע ווערנ פונ דעמ אומגעלומפּערטנ ראָמאנ אונ צעשטערנ דעמ נארישנ שידעכ. מע האָט געקאָנט דערווארטנ, אז צאליע דער כאזנ זאָל נעמענ די טאָכטער פאר די צעפּ, אָדער דערלאנגענ איר מיטנ שטעקנ ניט אפּ קאטאָוועס, נאָר טאקע אפּ דער רעכטער עמעס. נאָר ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזנ, אז דעמ כאזנס מיידל זאָל אינ דער זעלבער צײַט, וואָס זי האָט געשפּילט א ראָמאנ מיט נאָכעמ ראבינאָוויטשעס באָכערל, גאָר זײַנ פארליבט אינ א גוי, א פּריקאשטשיק בא קאָטיעל-ניקאָוונ אינעמ גרויסנ אײַזנ-געשעפט, אונ זאָל מיט אימ איינמאָל אינ א שאבעסצונאכטס, ניט ווײַט פונ יענעמ סימכאסטוירע, וואָס איז באשריבנ אויבנ, אנטלויפנ, ארײַנגעבנ זיכ אינ א פּרויענ-מאָנאס-טיר, צווישנ מאָנאשקעס, זיכ דערנאָכדעמ אָפּשמאדנ אונ כאסענע האָבנ טאקע פאר דעמ זעלבנ קאָטיעלניקאָווס פּריקאשטשיק?!..

קיינ פאנטאזיע פונ א שרײַבער וועט ניט צוטראכטנ דאָס, וואָס דאָס לעבנ אליינ קאָנ צוטראכטנ. אוואדע איז נעבעכ צאליע דער כאזנ ארומגעלאָפנ, געזוכט זכוס-אָוועס, פּראָטעקציעס צומ ארכימאנ-דריט, צו דער איהומענשע פונעמ מאָנאסטיר אונ אליינ צומ גובער-נאטאָר — עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ שמא-ייִסראָעל. די שטאָט האָט געקאָכט, ווי א קעסל. די „גאנצע וועלט” האָט געוויגט זיכ. וואָלט דאָס כאָטש געווענ גלאט א מיידל, א ייִדישע טאָכטער — עס מאכט זיכ אנ אומגליק, וואָס זאָל מענ טאָנ? איז ניינ. דארפ זיכ עס טרעפנ מיט א כאזנ, א קליי-קוידעש! ווער וועט אימ איצט צולאָזנ צומ אָמעד? פרעגט זיכ א קאשע: פונוואנענ וועט ער לעבנ? הײַנט דער ביזאָיענ פאר די באלעבאטימ פונ דער קאלטער שול איז אויכ עפּעס ווערט. וואָרעמ פארוואָס האָט זיכ עס געטראָפנ גראָד מיט זייער כאזנ פונ זייער שול?..

---

1 פארקירצט דאָס לעבנ.

וואָס פאר א ווערט האָבן אָבער געהאט די אלע אויסגערעכנטע צאָרעס, ביזיוינעס און יעסורים קעגן דעם גענעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער נעשאָמע פון יענעם באָכערל, וואָס איז געווען מיט סאקאָנעס פארליבט אינעם כאזנס מיידל און וועלכן דאָס מיידל האָט אזוי מיִעס אָפּגענארט, פארביטן אים, א טאטנס א קינד, אפ א גוי א פריקאשטשיק בא קאָטיעלניקאָוונ?! צוליב וואָס האָט זי באדארפט נארן אן אומשולדיקן באָכערל, שרײַבן אים אזעלכע ברי־וועלעך? קושן אין דער האנט סימכאסטוידע צו האקאָפעס? שווערן אים אייביקע ליבע און נאָך אזעלכע זאכן? דאָס אנטלויפן מיטן פריקאשטשיק איז דאָך ניט געווען קיין פלוצלעכע, אומגעריכטע פארליבעניש. דאָס איז געווען אן אָפּגערעדטע זאך שוין פון לאנג. און ער דערמאָנט זיך, וואָס איר כאווערטאָרנס כאָסן, דער פריקאש־טשיק מיט די „יאָדאִים“, האָט אים געהאט א זאָג געגעבן, אז באם כאזנס מיידל וועט ער זיך באגעגענען מיט א ביינברעכער. איצט ווייסט ער שוין, ווער דער ביינברעכער איז... און דאָס ווארפט אים ארײַן אין אזא פײַער, אז ער פארשעלט זיך זײַן געביין. ער שעלט דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך באקענט מיטן כאזנס מיידל. ער שעלט דעם באָכער, דעם פריקאשטשיק פון דער „זאליאזנע“ קראָם, און קאָטיעלניקאָווס פריקאשטשיק און אלע פריקאשטשיקעס פון דער גאנצער וועלט. אכ! ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען א פײַער ברעכט אויס און פארברענט אלע „זאליאזנע“ קראָמען פון שטאָט, אָדער ווען א שטורעמווינט הייבט זיך אוף און טראָגט אראָפּ אלע קראָמען מיט אלע הײַזער פון שטאָט, אָדער די ערד עפנט זיך אוף און די גאנצע שטאָט פערעיאסלאוו מיט דער בריק און מיט די פידוואָרקעס ווערן אײַנגעזונקען, אזוי ווי קורעך[1]! ניטאָ בא אים קיין טראָפּן ראכמאָנעס אפ אייגענע, אפ פרעמדע, אפ אלטע לײַט, אפ קליינע קינדער, אייפעלעך — אלע און אלץ זאָל גיין צו אלדי שווארצע יאָר!.. און ער פארשעלט די וועלט, וואָס גאָט האָט בא־הערשט — אזא פאלשע, אזא מיִעסע, פאסקודנע וועלט! און ער פאר־שעלט די מענטשן, וואָס גאָט האָט באשאפן — אזעלכע פאלשע, מיִעסע, פאסקודנע מענטשן!..

פארטיפט אין אזעלכע מיזאנטראָפּישע געדאנקען, קומט ער אייג־

1 א לעגענדארע פערזאָן אין דער ביבל, וועלכע איז קלוימערשט אײַנגעזונקען געוואָרן אין דער ערד פאר אירע זינד.

מאָל פונ קלאס אהיימ אונ פּילט, אז דער קאָפּ איז אימ עפּעס ווי אָנגעגאָסנ מיט בליי. פאר די אויגנ שוועבנ אימ רעדלעכ מיט עפּעס מאָדנע פיגורנ. די רעדלעכ ברייטלענ זיכ, די פיגורנ ווערנ צעגאנגענ, אזוי ווי שניי אפ דער זונ, אונ אפ זייער אָרט קומענ אָנ אנדערע פיגורנ. קיינ ווארעמעס עסנ וויל ער ניט. די שטיפמאמע כידעשט זיכ: „געפייגערט א בער אינ וואלד“ — זאָגט זי מיט איר געוויינלעכנ גיפט. ער קאָנ זיכ ניט האלטנ אפ די פיס. ער לייגט זיכ אפ דער קאנאפּע. דער טאטע גייט צו, טאפּט אימ באמ קאָפּ. עפּעס פרעגט בא אימ דער טאטע, אונ ער ענטפערט, נאָר וואָס מע האָט אימ געפרעגט אונ וואָס ער האָט געענטפערט — ווייסט ער ניט. ער גערענקט ניט. דאכט זיכ, עפּעס האָט מענ גערעדט וועגנ „מאָגנ“... „דאָקטער“... „אפּטייק“... אונ עפּעס ביטערס פילט ער, ווי מע גיט אימ איינ דורכ א טיי-לעפעלע, אונ סע שמעקט מיט מאנדלענ... אונ דער קאָפּ, אוי, דער קאָפּ!.. אונ עס וויקלענ זיכ קנוילנ פאר די אויגנ, אונ זיי שפּארנ זיכ דורכ די אויערנ ארויס אונ גייענ אוועק מיט א לאנגנ-לאנגנ כייפ. אונ ווי קליינע מורעשקעס גראבלענ זיי זיכ אינווייניק אונטער דער הויט, אינ די אָדערנ, קיצלענ, זידנ, בולבענ זיכ אינווייניק אינ לייב, אונ ביינטעלעכ, ביינטעלעכ קאטשענ זיכ אראָפּ א בארג, אָנ א שיר ביינטעלעכ... אונ מענטשנ ווילנ כאפּנ די ביינטעלעכ — אונ קאָנענ ניט... דער אנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האלט, דאכט זיכ, צוגעמאכט די אויגנ, אונ זעט פונדעסטוועגנ אלצ, וואָס סע טוט זיכ! ער הערט ניט — איבערנ פייפנ, וואָס פייפט אימ אינ די אויערנ, קאָנ ער ניט הערנ, נאָר זענ זעט ער אלעמענ. אלע זיינענ דאָ. א מישמאש פונ אמאָליקע אונ היינטיקע כאוויירים אונ גלאט מענטשנ. זיינ כאווער שמוליק, פינעלע שימעלעס, עליע דאָדיעס, איצל דעמ פעטער פיניעס, דער צוירעכ וואָלפסאָנ... שענער פונ אלצ איז דאָס, וואָס קאָטיעלניקאָווס פריקאשטשיק דאוונט פארנ אָמעד, זינגט „אטאָ-האָרייסאָ“, אונ דעמ כאזנס מיידל שלאָגט זיכ „אלכעט“... אונ עפּעס א קאָל, א פארדומפּענע שטימע, הערט זיכ פונ דער קאלטער שול ארויס — מאָדנע וויינענדיקע שטימענ מיט א כליפּענ. דאָס דאוונענ די מייסים. מייסימ דאוונענ אלע שאבעסצונאכטס אינ דער קאלטער שול. מיט א מיניענ דאוונענ זיי, ווער ווייסט עס ניט? אונ ס'איז אימ קיינ זאכ ניט קאָשע, אפילע דאָס, וואָס קאָטיעלניקאָווס פריקאשטשיק, א גוי, זינגט „אטאָ האָרייסאָ לאָדאאס“ מיטנ ידישנ ניגנ... איינ זאכ נאָר איז אימ יאָ קאָשע:

ווי קומט דאָס, וואָס אָט איז דאָ נאָרוואָס געווענ זײַנ כאווער שמוליק, שמוליק דער יאָסעמ, — נארוואָס האָט ער אימ ניט געפרעגט, וואָס הערט זיכ ניט „אויצער"? ווי קומט דאָס, ער זאָל פארגעסנ אזא וואזשנע זאכ? ער עפנט אופ די אויגנ אונ זוכט שמוליקנ. אונ קאָנ אימ ניט געפינענ. ניטאָ קיינ שמוליק, ניט קיינער פונ זי, וואָס זײַנענ דאָ נאָרוואָס געשטאנענ. ווו האָבנ זיי געקאָנט אהינקומענ אלע? אונ ער מאכט צו צוריק די אויגנ, אונ ער הערט זיכ צו צומ הארצנ, ווי עס קלאפט, אונ צו די שלייפנ, ווי זיי שלאָגנ. אונ ער פילט, אז ער איז אָפגעגאָסנ מיט שווייס, ער שווימט אינ א טײַכ פונ שווייס. די שפיצ פינגער זײַנענ אופגעבלעזלט, ווי נאָכ א שוויצבאָד, אונ די האָר פונ קאָפ זײַנענ נאס אונ קלעפנ זיכ צומ שטערנ. אונ ער פילט א קאלטע האנט אפ זיכ. אונ ער דערהערט א באקאנטנ זיפצ. עפנט ער אופ די אויגנ — ס'איז דער טאטע! אונ נעבנ אימ דער אוירער וואָלפסאָנ, אונ דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ, אונ נאָכ אונ נאָכ מענטשנ. אונ ער זעט, אז אלע קוקנ אפ אימ מיט ראכמאָנעס. אונ ער הערט אונ פארשטייט, אז מע רעדט פונ אימ. „קריזיס", הערט ער, זאָגט מענ. אונ ער פארשטייט נאָכ ניט, וואָס פאר א „קריזיס"? אונ ער איז גאנצ צופרידנ, וואָס ער איז מיט איינ מאָל געוואָרנ אזא מעיוכעס בא אלעמענ, וואָס אלע אינטערעסירנ זיכ מיט אימ אזוי. מער פונ אלע אינטערעסירט זיכ דער טאטע. ער בייגט זיכ אָנ איבער אימ אונ פרעגט אימ: וואָס וואָלט ער געוואָלט? ער ענטפערט ניט באלד. ער וויל זיכ פריִער גוט באטראכטנ, ווו ער איז אינ דער וועלט אונ וואָס טוט זיכ דאָ מיט אימ? עס נעמט היפשע עטלעכע מינוט, ביז ער קומט צו זיכ אונ פארשטייט, וואָס מיט אימ איז, — אז ער איז קראנק געווענ, אפאָנעמ, זייער קראנק, אונ אז איצט איז אימ בעסער. בעסער? אויסגעצייכנט גוט. ערשט דעמלט, אז ער האָט שוינ קימאט אלצ באגריפנ, באנעצט ער מיט דער צונג די פארטריקנטע ליפנ אונ לאָזט ארויס א וואָרט, מער ניט אז איינ וואָרט:

— אגרעסנ!..

קוקט זיכ דער טאטע איבער מיט די איבעריקע מענטשנ, וואָס שטייענ ארומ קראנקנ, אונ טוט אימ א פרעג איבער:

— אגרעסנ? וואָסערע אגרעסנ?

— אײַנגעמאכטס! — ענטפערט דער קראנקער מיט א מאָדנער גראָבער שטימע, וואָס הייבט זי זיכ אָנ דינ, סאָפראנעדיק,

און לאָזט זיכ אויס גראָב, מיט א באס. דער קראנקער האָט זיכ אזש אליינ איבערגעשראָקנ, ניט דערקענט זײַנ קאָל. אינ דער צײַט, וואָס ער איז קראנק געווענ, האָט ער זיכ אזוי פארענדערט, אז ווענ ער איז אינ א פאָר וואָכנ ארום אראָפ פונ בעט, קוים דערשלעפט זיכ אינ זאל ארײַנ, א קוק געטאָנ אפ זיכ אינ שפיגל, האָט ער זיכ קוים דערקענט. פאר אימ איז איצט געשטאנענ שוינ גאָר אנ אנדער מענטשל. פריִער איז דאָס געווענ א ציקאווע ייִנגל מיט רויטע פוכקע בעקלעכ, א לעבעדיקס, א רירעוודיקס, מיט שמייכלענדיקע אייגעלעכ, קײַלעכיק אונטערגעשוירנ, מיט א געגרײַזלט טשובעקל פונ בלאָנדע האָר פונ פאָרנט אפנ שטערנ. איצט האָט זיכ דאָס פאָנעם אויסגעבלייכט, די בעקלעכ זײַנענ אָפגעפאלנ, די אויגנ זײַנענ גרעסער געוואָרנ, דער קוק פארטראכט, אונ אליינ האָט ער זיכ אויסגעצויגנ אינ דער לענג. די בלאָנדע געגרײַזלטע האָר האָט מענ אימ אָפגעשוירנ ביז דער הויט, ווי א טאָטער. גאָר אנ אנדער באָכערל איז דאָס געווענ אצינד.

אָבער ניט נאָר אינ זײַנ אויסזענ אליינ האָט ער זיכ פארענדערט. ער האָט זיכ אינגאנצנ איבערגעאנדערשט. ער האָט דערפילט, אינווייניק בא זיכ, אינ דער נעשאָמע, איז פאָרגעקומענ א קריזיס. אונ עס טוט אימ באנק, הארצעדיק באנק, זײַנ נארישע נאיִווע פארגאנגענהײַט, וועלכע וועט זיכ שוינ ניט אומקערנ אונ ניט איבערכאזערנ קיינמאָל, קיינמאָלן... אונ אויכ איצט, איבערלעבנדיק אינ דעמ זיקאָרנ נאָכאמאָל יענע גליקלעכע יאָרנ אונ אריבערגייענדיק צו די ווײַטערדיקע באשרײַבונגענ, קוקט ער זיכ אומ צוריק מיט א שטילער בענקשאפט אונ געזעגנט זיכ אָפ שוינ אפ אייביק מיט זײַנע גוטע ייִנגלשע יאָרנ:

— זײַ געזעגנט, קינדהײַט!

דריטער טייל

IO—240

58

ער גיט שטונדנ

דער פשאט פונ „געבנ שטונדנ“. — יונגע אונ אלטע לע־רערס. — דער קויעכ פונ „גראמאטיקע“. — מע גייט צו אימ מיט פראָטעקציעס. — אינ פערעיאסלאווער שטאָט־גאָרטנ אונ בא דער שטיפמאמע אינ דער היימ. — דעמ קאָלעקטאָרס פשאָרע. — ער באקומט א שטעלע אונ פאקט זײַנע ביכער.

איצט איז שווער צו זאָגנ, צו ווענמענ האָט געהערט די איני־ציאטיוו, דאָס הייכט, וועמענ איז דאָס אײַנגעפאלנ צומ ערשטנ, אז א באָכער, נאָכ קיינ פולע זיבעצנ יאָר ניט אלט, נאָכ קיינ סימענ פונ וואָנצעלעכ אפ דער אויבערשטער ליפ, נאָכ ניט געענדיקט דעמ גאנצנ קורס פונ דער „אויעזדנע“, — זאָל ער שוינ נעמענ דאָס שטעקעלע אינ האנט, ארופווארפנ דאָס אויבער-רעקל אפ די פלייצעס אָנ די ארבל אונ שוינ מארשירנ פונ שטוב צו שטוב „געבנ שטונדנ“? „געבנ שטונדנ“ האָט געהייסנ — לערנענ מיט ייִנגלעכ אונ מיט מיידלעכ אלצ, וואָס מע לערנט אינ די קלאסנ, אונטערנעמענ זיכ דורכ־גיינ מיט זיי א געוויסנ קורס אונ צוגרייטנ זיי צו א געוויסער צײַט, זיי זאָלנ קאָנענ ארײַנ אינ די קלאסנ, אָדער אָפגעבנ עקזאמענ.

אָפגעבנ עקזאמענ איז געוואָרנ א גאנג, ס'איז ארײַנ אינ דער מאָדע. אלע אונ אלצ האָט זיכ געגרייט צומ עקזאמענ. ייִנגלעכ אונ מיידלעכ, כאסאנימ אונ יונגעלײַט, באלעבעכלעכ, ייִדנ מיט בערד שוינ — האָבנ זיכ א נעמ געגעבנ צו גאָוואָראָווס גראמאטיקע, צו יעווטושעווסקיס אריפמעטיקע, צו סמירנאָווס געאָגראפיע, צו דיסטער־וועגס געאָמעטריע, אונ גענומענ לערנענ אפ אויסווייניק „באסני קרילאָווא“, שטודירנ דאָס ווערטערבוכ. ס'איז געוואָרנ א מינ עפי־דעמיע — עקזאמענס! פארשטייט זיכ, אז בא אזא עפידעמיע איז ניט געווענ גענוג לערערס אינ שטאָט. פראָפעסיאָנעלע ייִדישע לערערס זײַנענ געווענ אינגאנצנ צוויי: דער אלטער מאָניסאָוו — איז ער געווענ אָנ ציינ, געשפיגנ ניט גערעדט, אונ דערצו נאָכ טויב, ווי די וואנט; אונ דער ייִנגערער, נויעכ בוסל — דער האָט געלערנט פראנצויז, געטראָגנ א בלויענ מונדיר, גלאנצנדיקע שטיוול, אונ איז געווענ א יאקרענ, גענומענ צו טײַער. אונ ווײַטער איז געווענ איציע דער שרײַבער אונ זײַנ ברודער, אווראָמ דער שרײַבער —ביידע אויס־

געפּוצטע ייִדלעך מיט רויטע בעקלעך-פּאמפּעשקעס. די האָבן שוין גענומען צו וואָלוול, זײַנען זיי אָבער געווען צעקריגט מיט דער רוסישער גראמאטיקע אַפ מעסערשטעך און האָבן ניט געוווּסט, וויִאזוי עס לייגט זיך אויס דאָס וואָרט „פּעטשעניעגי״. דאָס הייסט, זיי האָבן געוווּסט, אז אינעם וואָרט „פּעטשעניעגי״ באדאַרף ערגעץ זײַן א „יאט״, נאָר זיי האָבן ניט געקאָנט טרעפן, ווּ אוועקצושטעלן די „יאט״: נאָך דער פּע? נאָך דער טשע? נאָך דער ניע? אָדער גאָר נאָך דער גי? דאָס אייגענע איז געווען מיט אן „עס״ און מיט א „שא״. אז ס'איז געקומען, לעמאָשל, צו סושא (טריקעניש) אָדער סאשא (אלעקסאנדער), איז רעכט געווען בא זיי צו שרײַבן: סושא, שוסא, אָדער שושא; סאשא, שאסא אָדער שאשא. אין שטאָט, צווישן יונגווארג, איז געגאנגען אן אנעקדאָט, אז מע האָט פאָרגעלייגט די ברידער, זיי זאָלן מויכל זײַן איבערזעצן אַפ רוסיש די ווערטער: „סאשא האָט זיך געטריקנט אַפ דער טריקעניש״, — האָט איינער אָנגעשריבן: „שאסא שוסילסא נא שוסיע״, און דער אנדערער האָט אוועקגעשטעלט: „שאשא שושילשא נא שושיע״.

פארשטייט זיך, אז דאָס איז נאָר געווען אן אנעקדאָט. נאָר וויִאזוי האָט דאָס נעבעך זיי געקרענקט, אז דער אנעקדאָט איז דערגאנגען צו זיי! און ס'איז טאקע געווען א פּאַרדראָסיקע זאך: סטײַטש, זיי האָבן אויסגעלערנט שרײַבן א גאנצע שטאָט, מיט קינדער און קינדס-קינדער, — קומען צו גיין יונגע צוציקעס, וואָס די מילך איז זיי נאָך ניט אָפּגעטריקנט אַפ די ליפּן, און דערציילן אנעקדאָטן!.. עס האָבן אָבער ניט געהאָלפן קיין כאָכמעס — גראמאטיקע איז געוואָרן א גאנגבארער ארטיקל. אָן גראמאטיקע האָט מען זיך ניט געקאָנט געבן א ריר. עס איז דערגאנגען אזוי ווײַט, אז אפילע דער פּעטער פּיניע, וואָס האָט, ווי איר ווייסט, פּײַנט געהאט די קלאסן, ווי א קאָשערער ייִד האָט פּײַנט כאזער, האָט אויך מוידע געווען, אז גראמאטיקע איז א גוטע זאך. ער איז א ייִד, וואָס קאטאָרע ער פּאָרט אַפ יארידים, האנדלט מיט מאָסקווע, איז א כאָשעוו בא פּאָניען און רעדט רוסיש אויסגעצייכנט, נאָר ער פילט, אז עס פעלט אים גראמאטיקע (דאָס וואָרט „גראמאטיקע״ האָט ער באוויזן מיט צונויפגעלייגטע פינף פינגער).

פונדעסטוועגן, זײַן פּלימעניק שאָלעמ זאָל זיך ניט אזוי שטארק איבערנעמען, האָט דער פּעטער פּיניע געפונען פאר נייטיק צוזעצן, אז ער פארשטייט ניט, צו וואָס מע דארף נאָך דערצו גיין אָן א

היטל, עסן אומגעוואשן און שרײַבן אום שאבעס? אים דאכט זיך אויס, אז מאכטײַסע — מע קאָן קענען גראמאטיק און דאפקע גײן אין א היטל, און דאפקע וואשן זיך צום עסן, און דאפקע ניט שרײַבן אום שאבעס! דער פעטער פיניע איז, אפּאָנעם, געווען א גויקעם-וועגויטער[1], ווי אן עמעסער טאלמיד-כאָכעם[2]. ער וויל ניט פארגעסן יענע אלטע אויירע פון שרײַבן אום שאבעס אפּן פארקאָן... נאָר ווער רעכנט זיך מיט אים? א באָכערל, וואָס נעמט סטיפּענ-דיעס, גיט שטונדן, פארדינט גאָלד — מע צערײַסט אים אפּ שטיקער, מע שלאָגט זיך גאָר פאר אים: אלע ווילן, אז דאפקע ער זאָל גרייטן זײערע קינדער אין די קלאסן, ניט קײן אנדערער — וויאזוי זאָל ער זיך ניט איבערנעמען? יידן גײען צו אים מיט א פּראָטעק-ציע דורכן קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילן, וואָס איז א גוטער ברודער מיט רעב נאָכעם ראַבינאָוויטש, אז ער זאָל זײַן אזוי גוט און זאָל פּויעלן בא דעם פאָטער, אז דער פאָטער זאָל פּויעלן בא זײַן זון כאָטש אײן האלבע שאָ אין טאָג: „מע זאָגט, אז זײַן שאָלעם האָט א גרינגע האנט און אז דורך אים גיט מען אָפּ עקזאמען בעסער, ווי דורך אלע אנדערע"... און דעם טאטנס הארץ וואקסט, די נעשאָ-מע קוועלט — א קלײניקײַט, אזא קאָוועד דערלעבט זיך, כאָטש נאכעס ווינציק, זײער ווינציק! וואָס פאר א נאכעס, איך בעט אײַך, אז מע קוקט ניט אָן קײן קינד אין די אויגן? דעם ערשטן האלבן טאָג איז ער אין קלאס, דעם אנדערן האלבן טאָג ביז אין דער נאכט — פארנומען מיט די שטונדן. און קומט פארנאכט, שפּאצירט מען ארום מיט כאוויירים אין שטאָט-גאָרטן. זומער איז דער פּערע-יאסלאווער שטאָט-גאָרטן א גאנײדן. דאָרט שפּילט מוזיק — די מילי-טערישע מוזיק — מיטן פּאָלקאָוואָי קאפּעלמײַסטער, א ייִד מיט א שווארצער באָרד און שווארצע אויגן, ווי די קארשן, און מיט גראָבע ליפּן. אלע מיידלעך זײַנען פארליבט אין זײַן שטעקעלע, און ער האָט זײ ליב אלע גלײַך, שמייכלט צו זײ פונדערווײַטן מיט זײַנע שווארצע קארשן-אויגן און מיט זײַנע גראָבע ליפּן און מאכט מיטן שטע-קעלע נאָך שטארקער. און די טרובעס טרובען, און דער קעסל-פּויק באראבאנעט, און דער שטויב פון די שפּאצירנדיקע פּאָרלעך

1 געמײנט: ער פארגעסט קײנמאָל ניט יענעמס זינד און איז שטענדיק גרייט פאר זײ צו שטראָפן.

2 א באהאווונטער אין רעליגיעזע ספאָרים.

צווישנ די אלייענ קאָנקורירט מיטנ שמעקנדיקנ רייעכ פונ דער נאָרוואָס אָפּגעצוויטעטער בוזינע, וואָס פּילט אָנ די לופט מיט א געדיכטער זיסקייט. דאָס איז דער רייעכ אונ דאָס איז די זיסקייט, וואָס נאָר דער דאָרטיקער, פונ יענע מעקוימעס, פונ מאלאָראָסיע, — דער ווייסט עס, דער געדענקט עס אונ דער קאָנ אָפּשאצנ, וואָס הייסט א זומער-אָוונט אונ א שפּאצירגאנג אינ שטאָט-גאָרטנ. באלייכט איז דער גאָרטנ זייער געמיינ. אינגאנצנ געפינענ זיכ דאָרט א דריי — פיר לאמטערנעס מיט גאז-לעכפלעכ, אי דאָס פארייכערטע, פארכוישעכטע, מיט צעבראָכענע גלעזלעכ, אזוי אז עס הייבט זיכ אופ צו א שטארק ווינטל, בלאָזנ זיכ די לעמפּלעכ אָנ אונ ווערנ גאָר פארלאָשנ. נאָר ווער קוקט דערויפ? אדעראבע, אויב איר ווילט, איז נאָכ גלייכער, וואָס ס'איז פינצטער. קאָנ מענ דעמלט אָפּשטעלנ זיכ, באָכערימלעכ אונ מיידלעכ, אונ א שמועס טאָנ, א לאכ טאָנ אונ געבנ א רעד אָפּ אפ מאָרגנ אינ דער צייט נאָכאמאָל זיכ באגעגענענ אָט דאָ, אינ דער אליי, אונטער דער נאָרוואָס אָפּגעצוויטעטער שמעקנדיקער בוזינע...

אונ מע קומט אהיימ א פארפאליעוועטער, א צעהיצטער אונ א הונגעריקער אונ מע עסט, וואָס גאָט גיט — א שטיקל הערינג, א טאראנקע, א גרינע אוגערקע, א ציבעלקע מיט ברויט. אז אפּעטיט איז, קיינ איינאָרע, דאָ א פיינער. ווער וואשנ זיכ? וואָס בענטשנ? דער טאטע פרעגט שוינ אפילע ניט וועגנ מעריעוו דאוונענ... קרענקענ קרענקט דאָס אימ, נאָר ער מאכט זיכ ניט וויסנדיק. ריידנ מיט די קינדער א וואָרט — איז קיינ צייט ניטאָ. אָפּגעגעסנ, דארפ מענ זיכ זעצנ לערנענ, צוגרייטנ די אוראָקנ אפ מאָרגנ. זעצט זיכ אוועק שאָלעמ בא א לאָמפּ לערנענ, ברענט קעראָסינ — וויל די שטיפמאמע ניט ליידנ, בורטשעט זי. פארדריסט עס דעמ טאטנ. זאָגט שאָלעמ, אז ער וועט זיכ קויפנ קעראָסינ פאר זיינ געלט, אונ א לאָמפּ אנ אייגענע וועט ער זיכ איינפירנ. זאָגט דער טאטע, ער זאָל זיכ ניט דערוועגנ טאָנ אזא זאכ אונ זאָל אימ ניט מעקאצער-יאָמימ זיינ. דערהערט דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ אונ זאָגט, אז ער האָט פיינט מאכלויקעס. מישט ער זיכ אריינ אונ מאכט א פשאָרע. באשער בעכיינ, אזויווי דאָס באָכערל איז שוינ א מענטש פאר זיכ, פארדינט שוינ, קיינ איינהאָרע, א קערבל, אונ לערנענ דארפ ער אויכ, עס שטייט אימ פאר אָפּגעבנ דעמ לעצטנ עקזאמענ, איז א יוישער, מע זאָל דעמ קונדעס (שוינ אויס „קונדאס“, נאָר

„קונדעס״) לאָזן צורו, און ער לאָזט אויס: „אצאָסי[1], אז ער זאָל ערגעץ אָנדינגען א קווארטיר מיט קעסט ביז איבער די עקזאמענס, און לאָז ער זיך לערנען געזונטערהייט״. און טאָמער איז אים שווער צו געפינען, נעמט ער, דער קאָלעקטאָר, אפ זיך די דאָזיקע טירחע.

פארשטייט זיך, אז טכילעס האָט דער טאטע ניט געוואָלט הערן, ניט זען פון אזא מעשוגענעם פּלאן. דער קאָלעקטאָר האָט אָבער געהאט אין זיך א קויעך, אז ער האָט געקאָנט איבעריידן א וואנט. און דערצו האָט ער פיינט געהאט ריידן. ער האָט ליב געהאט טאָן. איז ער אוועק און איז געקומען מיט א געדולע — ס׳איז אים אָפּגעראָטן אל צאד האיויסער טויוו! ער האָט געקראָגן איינעם א באלן, וואָס גיט אָפּ א כיידער מיט קעסט מיט אלעם גרייטן אומזיסט, נאָר מיט דעם טנאַי, אז דער קונדעס זאָל לערנען סאכאקל איין האלבע שאָ אין טאָג אינדערפרי און איין האלבע שאָ באטאָג מיט די עלטערע קינדער, און אמאָל נאָך א האלבע שאָ אָדער א שאָ פארנאכט מיט די קלענערע קינדער.

— וויפל זשע זיינען פאראן קינדער ארום און ארום? — פרעגט דער טאטע.

— וואָס מאכט אייך אויס וויפל? ער דארף זיי דען געבן עסן? ער דארף דאָך נאָר לערנען. וואָס זשע איז אים די נאפקעמינע, צי דריי קינדער, צי פינף קינדער, צי זיבן קינדער? דאכט זיך, איר ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין אייך א גוטערפריינט און וועל אייך ניט פארפירן — וואָס איז שייעך? אצאָסי, אז דער קונדעס זאָל זיך צונויפפאקן און זאָל זיך אריבערפּעקלען גלייך מיט מיר, און טאקע באלד, און טאקע שוין, וואָרעם באלאָנים אפ אזא שטעלע וועלן זיך געפינען א סאך. היידא!

דער קונדעס נעמט זיך פאקן. קיין סאך צייט דארף עס בא אים ניט נעמען. זיין גאנצער גארדעראָב באשטייט פון א פּאָר העמדער, איין פּאָר זאָקן, א טפילן-זעקל, א סידערל און ביכער, ביכער, ביכער. פאקנדיק, כאפּט ער א קוק אפן טאטן — זיין פּאָנעם איז געל, אזוי ווי וואקס. ער דרייט דאָס שיטערע בערדל און קייט עס מיט די ציין. ער האָט ניט קיין ווערטער, נאָר יעדער זיפץ רייסט ארויס א שטיק הארץ. דערפאר האָט זיך אָבער די שטיפמאמע צערעדט. גענומען באדויערן, זאָגן, אז עס געפעלט איר ניט דער פּלאן.

---

1 מיין אייצע איז.

ערשטנס, וואָס וועט די וועלט זאָגן? די וועלט וועט זאָגן, געזאָגט זאָל זיי ווערן פּאַרעס-מאַקעס, אַז שולדיק איז די שטיפמאַמע. איז איינמאָל אוועק. און ווידער — וועמען מאַכט קאַליע אַ קינד, אַז ער איז בײַ זײַן טאַטן? מער מיט אַ מויל, ווינציקער מיט אַ מויל — מע וועט שוין דערמיט די יויך ניט פֿעט מאַכן... און אַז ס׳איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי געלאָזט אַ טרער.

אַרויסבאַגלייט דעם קונדעס, האָט דער טאַטע גענומען בײַ אים טקיִעסקאַפּ, אַז שאַבעס איז ער אַ היימישער. מיילע, אַ גאַנצע וואָכ — ווי די מײַסע איז. אָבער שאַבעס — אין גאָטעס ווילן, שאַבעס!.. דאָס שטיקל נאַכעס פֿאַרוואָס זאָל ער אים ניט צוטיילן? אויבּפֿראַט, אַז ס׳איז פֿאַר אים אַליין אַ געניוס און אַ פֿאַרגעניגן. וואָרעם ווו ריכט מען אָפּ אַזאַ שאַבעס, ווי בײַ זײַן טאַטן? ווער זאָגט אַזוי די „שאָלעם-אַלייכעמס" [1], ווי זײַן טאַטע? בײַ וועמען קלינגט אַזוי שיין דער „איישעס-כאַיִל מי יִמצאָ" [2], ווי בײַ אים? ווער קאָן אַזוי זינגען זמירעס, ווי זײַן טאַטע? און דער קידעש? אַלע יִדן מאַכן קידעש, נאָר ניט אַף אַלע יִדן רוט די שכינע. אין אַלע יִדישע הײַזער פּראַוועט מען שאַבעס. אָבער ניט אין אַלע יִדישע הײַזער נידערן אַראָפּ די מאַלאַכיי-האַשאָלעם, מאַלאַכיי-עליוין [3], שוועבן, טראָגן זיך אין דער לופֿטן און פֿילן אָן די שטוב מיט אַ שטילער הייליקײַט, אָדער מיט אַ הייליקער שטילקײַט פֿונעם הייליקן גרויסן ליבן טאָג שאַבעס...

---

1 אַ לויב־געזאַנג, וואָס רעליגיעזע יִדן זאָגן פֿרײַטיקצונאַכטס.

2 דער אָנהייב פֿון אַ הימן דער פֿרוי; אַ רעליגיעזער מינהעג פֿרײַטיקצונאַכטס זאָגן דעם דאָזיקן הימן.

3 די מאַלאָכים פֿון פֿרידן, די מאַלאָכים פֿון גאָט (וועגן זיי ווערט גערעדט אין די „שאָלעם־אַלייכעמס").

א אידיליע

אָרכים אפ שאבעס. — א העברעיִשער מעשוירער ביניאָמינזאָנ. — דאנטעס געגעמ אונ ביניאָמינזאָנס „איימעק יעהוישאָפּאָט אוי האכאָליערע". — וויִאזוי א דיכטער בראָט א שטיקל הערינג אפ קוילנ. — שאבעס באמ טיש. — „פּייגע-לייע די גאבעטע" קוקט ארויס אפ שאבעס.

האָבנ אנ אוירעכ אפ שאבעס איז געווענ ניט נאָר א מיצווע — עס איז ארײַנ אינ דער טעווע, עס איז געוואָרנ א מינ רעגילעס. אזוי איז דאָס געווענ בא באלעבאטישע ייִדנ אינ יענער צײַט. אזא ייִד א באלעבאָס, ווי נאָכעמ ראבינאָוויטש, לעמאָשל, האָט ניט געקאָנט פארשטיינ, וואָס הייסט זעצנ זיכ שאבעס צומ טיש אָנ אנ אוירעכ? דאָס וואָלט געווענ בא אימ א פארשטערטער שאבעס.

אלעמאָל האָט אימ גאָט צוגעשיקט אנ אנדער אוירעכ. איצטיקס מאָל איז דער זונ געווענ אנ „אוירעכ". אויכ גוט. ער איז אָבער געווענ ניט איינער. אכוץ אימ זײַנענ געווענ נאָכ צוויי. דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ — אימ קענט איר. דער אנדערער האָט געהייסנ ב י נ י אָ מ י נ ז אָ נ — מיט אימ וועל איכ אײַכ באקאנט מאכנ.

א מעשוירער. ניט קיינ מעשוירער בא א כאזנ, נאָר א פּאָעט, א דיכטער. א העברעיִשער שרײַבער. ער האָט געמאכט א בוכ מיטנ נאָמענ „א י מ ע ק י ע ה ו י ש אָ פּ אָ ט א ו י ה א כ אָ ל י ע ר ע". אינ זייער א שיינער מעליצע-שפּראכ שילדערט דער מעכאבער, וויִאזוי גאָט האָט זיכ צעבייזערט אפ דער פארדאָרבענער מענטשהײַט אונ האָט אראָפּגעשיקט אפ דער ערד די כאָליערע, נאטירלעכ, אינ דעמ געשטאלט פונ א נעקייווע, א מיִעסע, א שרעקלעכע, א „כאָליערע", מיט א גרויסנ כאלעפ אינ די הענט, אונ זי שנײַדט רעכטס אונ לינקס. פארשטייט זיכ, אז דער געגעמ פונ דאנטע איז באשריבנ מיט מער שרעקלעכע פארבנ אונ מאכט אפנ לעזער א מער טיפנ אײַנדרוק, ווי די „כאָליערע". נאָר ניט דאָס איז דער איקער. די הויפּט-זאכ איז דאָ די שפּראכ. דאָס איז געווענ א מינ פּילפּארביקע, גרויסארטיקע, זיס-צוקערדיקע מעליצע-שפּראכ, וואָס די כאָליערע האָט אזעלכעס זיכער ניט פארדינט. דאָס איז, וואָס איז שײַעכ צומ ווערק. אצינד קומט דער מעכאבער אליינ.

א טרוקענער, נאָר א ברייטביינעריקער מיט א ברייט פּירעקע-

כיק גלאַנצנדיק פּאָנעם, שיטער באַוואַקסן, אַזוי שיטער, אַז בייס ער עסט, קאָן מען זען יעדן שלונג, וואָס גייט אַראָפּ אין האַלדז, ווי בײַ אַ הונגעריקער גאַנדז. בײַ יעדן שלונג טוט ער אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, אויך ווי אַ הונגעריקע גאַנדז. די האָר, וואָס אויפן קאָפּ, זײַנען אויך שיטער, דערפֿאַר זײַנען זיי לאַנג און הענגען אַראָפּ מיט פֿאַרגרײַזלטע קוטשערלעך, אַלעמאָל מיט עפּעס אַ פֿעטער זאַכן אָנגעשמירט, ס׳זאָל גלאַנצן. אָנגעטאָן גייט ער, ווי אַ דײַטש, מיט אַ הויכן האַרטן קאַפּעליוש. אַלץ, וואָס אויף אים, איז שרעקלעך אַלט, נאָר מיט סאַקאָנעס ריין, ציכטיק, אויסגעבערשטלט און צוגע-פּרעסט. און אַלצדינג אַליין. אַלײן געריייניקט, אַליין געפּרעסט, אַליין פֿאַריכט, אַליין אַ קנעפּל אײַנגענייט. אַ סוואָרע, אַז ער וואַשט זיך אַליין באַנאַכט אויס דאָס העמד, וואָס ער טראָגט באַטאָג, און אַפֿילע דער שניפּס, וואָס בײַ אים אויפֿן האַלדז, איז אויך זײַן אייגענע מעלאָכע. אַז ער רעדט, רעדט ער מיט אַלע אייוורים, מיט אַ האַר-ציק קאָל, מיט אַ ראַכמאָנעס-פּאָנעם, און די אויגן האַלב-צוגעמאַכט, פֿאַרגלאַנצט אַרויף. קוקנדיק אויף דעם פֿאַרשוין, האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע ניט איין מאָל געטראַכט בײַ זיך: „טשי-קאַווע צו וויסן, ווי׳אַזוי האָט אויסגעזען אָט דער ביניאָמינזאָן מיט אַ יאָר דרײַסיק אָדער פֿערציק צוריק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגל?"...

פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער — ווייסט קיינער ניט. אויסדריקנדיק זיך מיט דעם לאָשן פֿון דער שטיפֿמאַמע, האָט אים „פֿאַרנאַדעט" אַהערצוצו דער קאָלעקטאָר. „איין שלימאַזל שלעפּט דעם אַנדערן"... אויף זײַן „טרייפֿענעם" גליק, האָט אים דער קאָ-לעקטאָר געבראַכט צו פֿירן איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג מיט אַ גרויס טשעמאָדאַנדל אַקוראַט אין דער שאָ, ווען זי, די שטיפֿמאַמע, איז ניט געווען אין דער היים. אַז זי איז געקומען און געטראָפֿן דעם פֿאַרשוין מיטן טשעמאָדאַנדל, לייענענדיק פֿאַרן טאַטן עפּעס פֿון אַ ביכל, האָט זי באַלד געזאָגט, אַז ס׳איז אַ שלימאַזל, איינער פֿון יענע שלימאַזלען, וואָס „מע דאַרף זיי געדיכט זייען און זיי זאָלן שיטער אויפֿגיין", און געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָט ער בעסער ניט געטראָפֿן צו דווון יאַסנעגראַדסקין אויף סטאַנציע? עס איז שוין אָבער געווען פֿאַרפֿאַלן. מע טרײַבט ניט קיין מענטשן פֿון שטוב, ביפֿראַט אַזאַ מין נעפֿעש, וואָס דאַרף ניט קיין זאַך און וויל ניט קיין זאַך און פֿאָדערט ניט קיין זאַך. שלאָפֿן שלאָפֿט עס אויף דער אַלטער צעראַטענער קאַנאַפּקע, אין אַ פֿינצטערן קאָרידאָר, צווישן צוויי כאַ-

דאָרים. אז מע טראָגט אריַין דעם סאמאָוואר, צאפּט ער זיך אָן אין זיַין אייגענעם גרויסן טשיַיניק זודיק וואסער, פול ווי אן אויג, שיט זיך ארוף פון א געל פּאפּירל עפּעס א מין „סענעס-בלעטלעך", וואָס ס'איז „גוט צום הארצן", נעמט זיך ארויס פון קעשענע זיַין שטיקל צוקער און טרינקט זיך זיַין טיי.

מיטן עסן איז אויך דאָס אייגענע. ער האָט זיך זיַין ברויט בא זיך אין גרויען טשעמאָדאנדל. דאָס ברויט איז אלטגעבאקן. וואָס עלטער איז בעסער (שפּאָרעוודיקער). און הערינג קויפט ער זיך אלע טאָג, פאר א קאָפּעקע א שטיקל הערינג, גייט מיט דעם פּאוואָלינקע, אפ די שפּיץ פינגער, אין קיך ארייַן, אנטשולדיקט זיך א מאָל פופצן-צוואנציק פאר דער שטיפמאמע, זי זאָל אים דערלויבן אוועקלייגן דאָס שטיקל הערינג אין אויוון אין א ווינקעלע אפ הייסע קוילן, סע זאָל זיך א ביסעלע צובראָטן. און אז דאָס שטיקל הערינג הייבט זיך אָן צוצובראָטן, הייבט עס אָן צו פּראָטעסטירן, זשומען און פּרעגלען זיך, און לאָזט ארויס אזא געשטאנק, אז מע דארף אנטלויפן פון שטוב. שווערט די שטיפמאמע, אז דאָס אנדערע מאָל וועט זי אים ארויסווארפן מיטן הערינג. נאָר איר שווּעה איז זי ניט מקייֵם. וואָרעם מע דארף האָבן א הארץ פון א טאָטער, מע זאָל אזעלכעס טאָן מיט א מענטשן, וואָס לעבט א גאנצע וואָך מיט א שטיקל געבראָטענעם הערינג.

אן אויסנאם איז שאבעס. קומט שאבעס, איז ער אן אוירעך באם טיש גליַיך מיט אלעמען. און נאָך מיט א קאָפּ העכער פון אלע אנדערע אָרכים. א ייִד אן איידעלער, א טאלמיד-כאָכעם, א מאסקל, א שריַיבער, א מעשוירער! איַ וואָס, ער איז נעבעך אן אָרעמאן — וואָס זאָל ער טאָן? ס'זאָל זיַין אין אים געווענדט, וואָלט ער בעסער געווען א נאָגיד. נאָר אז ס'איז ניטאָ קיין מאזל... און ער טוט א זיפץ. דער באלעבאָס ענטפערט אים מיט א זיפץ און גיסט אים אָן א גלעזל וויַין, און גיסט זיך אָן א גלעזל וויַין, און גיסט אָן דעם קאָלעקטאָר אויך א גלעזל וויַין, און אלע דריַי טרינקען לעכאיִם, ניט נאָר פאר זיך, נאָר פארן קלאל-ייִסראָעל. און פון א גלעזל וויַין ווערט מען לעבעדיק, און די צונג ווערט אופגעבונדן, און מע הייבט אָן ריידן אלע איניינעם — ניט קיין דוואָרים-בעטיילים, כאסוועשאָלעם, נאָר דיוורע-טוירע[1], פון ספּאָרים, ביכער, כאָכמע, האסקאָלע, וויסנשאפט...

---

1 געמיינט: שמועסן אפ רעליגיעזע טעמעס.

דער ייִנגסטער פונ די „אָרכים", דער פּארפאסער פונ די דאָזיקע באשרײַבונגענ, מישט זיך אויך ארײַנ אינ געשפּרעך, נאָר ער היט זיך מיט אנ איבעריק וואָרט צווישנ גרויסע, כאָטש מע קוקט אפ אימ שוינ קימאט ווי אפ א גרויסנ. א באָכערל, וואָס פּארדינט שוינ אלײנ געלט, גיט שטונדנ — א קלײניקײַט?

פונ זינט דאָס באָכערל איז ארויפ פונ קעסט אונ איז געוואָרנ א מענטש פאר זיך, האָבנ די צוויי אנדערע אָרכים זיך גענומענ רעכענענ מיט אימ, ווי מיט א גרויסנ, אימ זאָגנ „איר". באמ קאָלעקטאָר איז ער געוואָרנ א „קונד", א קונע. ער האָט אימ פּארשריבנ אנ אכטל ברוינשווײַגער לאָטעריי, צוגעזאָגט מיט דעמ זעלבנ טאָנ אונ מיט דער זעלבער זיכערקײַט, ווי זײַנ טאטנ, אז ער וועט, אימירצעשעמ, מיט גאָטס הילפ, אויסנעמענ דאָס גרעסטע געווינס. אונ דער דיכטער בינ־יאָמינזאָנ — דער איז גלאט געוואָרנ אנ אָפּטער ארײַנגייער צומ כעוורעמאנ, וואָס גיט שטונדנ, געשריבנ אפ זײַנ טישל אינ דער צײַט, ווענ ער איז געווענ אפ די שטונדנ, גע־בראכט צו טראָגנ איינמאָל זײַנ גרוי טשעמאָדאנדל מיט די פּאפּירנ מיטנ אלטגעבאקענעמ ברויט, אונ אָנשטאָט דעמ, ער זאָל בראָטנ אלע פרימאָרגנ א שטיקל הערינג בא ראבינאָוויטשנ אפ דער אכסאניע אונ אויסשטיינ ביזיוינעס פונ דער שטיפמאמע, האָט ער שוינ בעסער זיך פּארנומענ צו טאָנ די דאָזיקע ארבעט בא דער באלעבאָסטע פונ זײַנ יונגנ פרײַנט שאָלעמ, צו וועלכנ ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ אינגאנצנ אריבערגעקליבנ אונ באזעצט אפ שטענדיק.

דאָס איז אויסגעקומענ גאנצ פּראָסט אונ נאטירלעך. צוויי מענטשנ האָבנ זיך ניט פּײַנט אונ קאָנענ נוצלעך זײַנ איינער דעמ אנדערנ — פארוואָס זאָל מענ ניט זײַנ איניינעמ? בינ־יאָמינזאָנ איז א שיינער העברייער, א מעשוירער. זײַנ יונגער פרײַנט האָט א באזונ־דער כיידער, א בעט א ברייטס, א פעלד ניט קיינ בעט — וועמענ שאָדט עס, אז עס וועלנ ליגנ צוויי, ניט איינער? איי, דער דיכטער בינ־יאָמינזאָנ האָט אינ זיך נײַנ מאָס רייד אונ הערט ניט אופ צו לויבנ זײַנע אייגענע שירימ, לייענענ גאנצע פּאָעמעס ביז שפּעט אינ דער נאכט, אונ דאפקע מיט אזא היסלײַוועס, מיט אזא היספּײַלעס, אז עס שטייענ אימ אזש טרערנ אינ די אויגנ, — איז דאָס אויך פונ די קליינע אומגליקנ. זײַנ יונגער פרײַנט שאָלעמ האָט, דאנקענ גאָט, א גוטנ שלאָפ, אונ דער פּאָעט בינ־יאָמינזאָנ קימערט זיך ווייניק, וואָס יענער שלאָפט. וואָרעמ אז ער, בינ־יאָמינזאָנ,

האלט אינ לייענענ זײַנע אייגענע פערזנ, מעג זיכ דעמלט די גאנצע וועלט איבערקערנ!

דאכט זיכ, אינ פלוג, וואָס האָבנ זיכ אָנגעקערט די דאָזיקע אלע באשריבענע פארשוינענ איינס מיט דאָס אנדערע? וואָס פאר א מע־כוטנ, לעמאָשל, איז נאָכעמ ראבינאָוויטש, א ייִד א באלעבאָס, א האלבער כאָסיד אונ א האלבער מאסקל, מיט אזא ייִדנ א ליטוואק אונ א מיסנאגעד, ווי דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ? אונ וואָס פאר א סמיכעס-האפארשעס[1] איז צווישנ די צוויי מיט א הונגעריקנ עקזאלטירטנ מעשוירער ביניאָמינזאָנ? אונ ווי האָט זיכ געקאָנט אינ דער דאָזיקער סוויווע פילנ א ציקאווע באָכערל מיט פוכקע בעקלעכ, מיט בלאָנדע געגרײַזלטע האָר (נאָכנ טיפּוס האָבנ די האָר גענומענ וואקסנ בא אימ, ווי גראָז נאָכ א רעגנ)? וואָס האָט דאָ געהאט צו טאָנ א באָכערל אינ די יאָרנ, ווענ עס ציט אימ גאָר אינ דרויסנ ארויס, אינ שטאָט-גאָרטנ, אפנ שפּאציר מיט כאווײרימ, מיט האלב-באקאנטע מיידלעכ? אונ דאָכ דארפ מענ זאָגנ, אז דאָס איז א זעלטענע אידיליע, אנ אומפארשטענדלעכע פרײַנט-שאפט, אנ אומבאשרײַבלעכע אינטימיטעט, אונ דער שאבעס איז גע־ווענ א געווינטשטע באגעגעניש, אפ וועלכער זיי אלע האָבנ ארויס-געקוקט מיט דער גרעסטער שפּאנונג די גאנצע וואָכ. וואָס עמעצער פונ די פיר האָט געהאט עפּעס א גוטע זאכ צו זאָגנ, צו באווײַזנ, צו דערציילנ, האָט ער עס איבערגעלאָזט אפ שאבעס. ביניאָמינזאָנ דער מעשוירער, וויפל ער האָט אײַכ ניט געמאטערט א גאנצע וואָכ מיט זײַנע שירימ, האָט ער די בעסטע פונ זיי דאָכ איבערגעלאָזט אפ שאבעס, נאָכנ טיש. דאָס הייסט, עס רעדט זיכ אזוי „נאָכנ טיש”. אינדערעמעסנ האָט ער ארויסבאוויזנ אלצ, וואָס עס האָט זיכ בא אימ אָנגעזאמלט פאר דער וואָכ, *פארנ טיש, באמ טיש* און *נאָכנ טיש*.

דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילנ איז שוינ געווענ א סאכ פּראקטישער פונ אימ. אז מע איז געקומענ פונ שול אונ דער טאטע האָט אָפּגעזאָגט אלצ, וואָס מע דארפ, אָפּגעמאכט קידעש אונ געגאנגענ זיכ וואשנ, האָט ער, דער קאָלעקטאָר, ארײַנקוקנדיק דורכ די שווארצע ברילנ אינ טעלער ארײַנ, א זאָג געגעבנ: „אצינד וועט אונדז אונדזער מעשוירער מיסטאמע עפּעס זאָגנ”. אונ דער מעשוי־

[1] געמיינט: שײַכעס.

דער, כאָטש ער איז נעבעך גוט אויסגעהונגערט, וואָס מע האָט גע-
קאָנט ארויסזען פון זײַן כאַראַקטעריסטישן שלינגען, לאָזט זיך ניט
לאנג בעטן, און דער קאָלעקטאָר דערוויַל פּאַקט אַפּ ביידע באַקן,
טונקט די פרישע כאַלע אין דער שטאַרק-געפעפערטער פיש-יויך,
פאַרטרינקט מיט א קליין קעלישעקל שטאַרקן בראַנפן, און, ווישנ-
דיק א האַנט אָן א האַנט, טוט ער א זאָג מיט היסלײַוועס: „אויס-
געצייכנט! עס לאָזן זיך אויס אלע וועלטן!"...

עס איז נאָר שווער געווען צו טרעפן, מיט וואָס לאָזן זיך בא
אים אויס אלע וועלטן: מיט ביניאָמינזאָנס שירים? אָדער מיט דער
געפעפערטער פיש-יויך? אָדער מיטן קעלישעקל בראַנפן? אָדער מיט
אלע זאַכן אינײנעם? יעדנפאַלס, איז די שטימונג אזא הויכע, אז
אפילע אזא פּראָזאישע נעשאָמע, ווי די שטיפמאַמע, הייבט זיך אויך
אוף דעם דאָזיקן שאַבעס אַפּ א האָר העכער, און אויסגעשלייערט
לעקאָוועד שאַבעס אין איר באַרדיטשעווער פּריזורקע, קוקט זי מיט
א פרײַנטלעכער אויג אַפּ די שאַבעסדיקע אָרכים און טרײַבט זיי אונ-
טער, זיי זאָלן שוין אמאָל עפּעס עסן אויך און איבערלאָזן דאָס
איבעריקע ביסל רייד אַפּ נאָכן עסן.

ביכדיי דאָס בילד זאָל זײַן פאַרענדיקט און די אידיליע זאָל
זײַן נאָך מער בוילעט, מוז דאָ געזאָגט ווערן כאָטש א פּאָר ווער-
טער וועגן נאָך א לעבעדיקן נעפעש, וואָס האָט ארויסגעקוקט אַפּ
די שאַבעסדיקע אָרכים. דאָס איז געווען „פייגע-לייע די גאַבעטע".
דער מעכאַבער פון די דאָזיקע זיכרוינעס האָט זי שוין געהאַט אמאָל
באַשריבן טאַקע אונטער דעם דאָזיקן נאָמען אין אַן אַנדער אָרט
(אינעם בוך „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"). דאָס איז געווען א קאַץ.
און ווײַל זי איז געווען א גראָבע, האָבן איר כעוורע א נאָמען גע-
געבן „פייגע-לייע די גאַבעטע". כעוורע האָבן געהאַט א שוואַכקײַט
צו קעצעלעך, און פייגע-לייע האָט אלע יאָר אַראָפּגעבראַכט א דאָר
פון שיינע ראָבע קעצעלעך. די קעצעלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן,
האָט מען זיי צעשענקט, צעוואָרפן, און פייגע-לייע איז פאַרבליבן
אן אלטגעזעסענע, אן אײַנגעוואָרצלטע, א פּאַרפונדעוועטע, א קאַץ,
וואָס פאַרשטייט איר ווערט און לאָזט זיך ניט טרעטן מיט די פיס.
עמעס, קיין גרויסע מעיוכעסעס איז זי בא דער שטיפמאַמע ניט
געווען. געכאַפּט א שמיץ מיטן פוס, א בוכצע אין זײַט אַרײַן, און
אמאָל מיט דער באַרשט איבערן קאָפּ, — נאָר מיט וואָס איז זי מער
צאַצקע פון דער שטיפמאַמעס אייגענע קינדער? און דער שטיפמאַ-

מעס קינדער באגייען זיך מיט איר, מיט פייגע-לייען, אויך ניט איבעריק קוצעניו-מוצעניו, טוען איר צום טויט, שלעפן בא איר אוועק די קליינע קעצעלעך פון דער ברוסט און מוטשען זיי מיט סאקאָנעס-נעפּאָשעס! ס'איז אָבער דערופ אויך פאראן א טערעץ (אפ אלצדינג קאָן מען געפינען א טערעץ): פארוואָס זאָלן קינדער זיך באגיין מיט א קאץ בעסער, ווי זייער אייגענע מאמע באגייט זיך מיט אירע אייגענע קינדער?.. אוואדע, ווען שאָלעם איז געווען א היימישער, האָט ער אכטונג געגעבן, מע זאָל פייגע-לייען אומזיסט ניט באליידיקן. איצט, אז ער איז נאָר א גאכט, קומט צו גיין איין מאָל אין וואָך, שאבעס, איז אים פייגע-לייע מעקאבל-פּאָנעם, ווי אן אייגענעם, שטייט אופ, אז ער קומט ארײַן, בייגט אויס דעם רוקן, טוט זיך א רײַב מיטן קאָפּ בא זײַנע פיס און ציט אויס א לאנגן גענעץ און באלעקט זיך. „וואָס איז דיר, פייגע-לייע?“ — טוט ער זי א גלעט איבערן קעפּל, אָנגענויגן זיך צו איר אפ דער ערד. „מניא־או!“ — ענטפערט אים אָפּ פייגע-לייע מיט אזא טאָן, וואָס דארפ הייסן: „עט! אבי מע לעבט און מע זעט זיך!“... — און הערט ניט אופ צו רײַבן זיך אָן זײַנע פיס און צו מורליקען, קוקן ווי א זינדיקער מענטש און וואַרטן, מע זאָל איר עפּעס צוּוואַרפן.

— צאר-באלעכאים! — זאָגט דער קאָלעקטאָר מיט א זיפץ. טוט ביניאָמינזאָן א שלונג, א קוק אפ אלע דרײַ און זאָגט, אז ער האָט דערופ א שיר, הייסט ער: „ווערַאכמאָוו אל קאָל מאאסאָוו“ [1]. און ניט געוואַרט ביז מע וועט אים בעטן, פארגלאנצט ער די אויגן ארופ און זאָגט דעם שיר.

60

די צעשטערטע האָפענונגען

די עקזאמענעס אפ דער נאָז. — ער בויט לופטשלעסער מיט זײַן כאַוער עליע דאָדיעס. — „לאמנאצייעך אל האשלישים“. — ער שרײַבט א מעיִיצע-בריוו צו כ״י גורלאנד. — דער „קלוב“ אין דער „טאבאטשנע“. — כ״י גורלאנד ענטפערט מיט א בריוו, און די לופטשלעסער צעפאלן זיך.

די צײַט איז געגאנגען. קינדער וואַקסן. עס קומט אָן דער זו־מער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דארפ ענדיקן דעם קורס. די

[1] און ער האָט ראכמאָנעס אפ אלץ, וואָס ער האָט באשאפן.

עקזאמענעס זײַנען אָפּ דער נאָז. אָט נאָך א װאָך, נאָך צװײ — װערט מען פֿאָטער פֿון דער „אױיעזדנע״, װאָס האָט זיך שױן צוגעגעסן. דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביִאָגראַפֿיע האָט קײנמאָל ניט געפֿילט קײן באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסן. קײן קװאַל אָפּ צו שעפּן פֿון דאָרטן כאָכמע און װיסנשאַפֿט איז זי פֿאַר אים קײנמאָל ניט געװען. דאָס ביסל, װאָס ער האָט יאָ געגנאַשט, איז דאָס געװען גי־כער פֿון דעם בױם, װאָס האָט געהײסן אין יענער צײַט „האַסקאָלע״. ביכער, רוסישע און העברעיִשע, בלעטער, צײַטונגען, זשורנאַלן — דאָס זײַנען געװען די פּײרעס, װאָס ער האָט געגעסן מיטן פֿולן מױל. א סאַך האָט אים מיטגעהאָלפֿן דער „קלוב״, די דעמלטיקע פּעריאַסלאַװער אינטעליגענץ, מיטן קאָלעקטאָר, מיט ביניאָמינזאָנען און מיט די געראָטענע אײדעמס בעראָש, און דער אידעאַל איז גע־װען — אַרנאָלד פֿון די פּידװאָרקעס מיט זײַן גרױסער ביבליִאָטעק.

דאָס אײנציקע, װאָס אים האָט געבונדן מיט דער „אױיעזדנע״, איז געװען זײַן כאַװער עליע דאָדיעס, װעלכן ער האָט בעעמעס ליב געהאַט פֿאַר זײַן לעבעדיקן כאַראַקטער און פֿאַר זײַן קאָנען נאָכמאַכן און איבערקרימען אַלע לערערס, װי אַן עמעסער אַקטיאָר, א קאָמיקער. בײדע אינצװײען האָבן זײ איבערגעקערט די װעלט, בײדע אינײנעם האָבן זײ געלײענט ביכער, געלעבט א גוטן טאָג, געװען אָפּגעטײלט פֿון אַלע איבעריקע כאַװײרים, צומײנסטן פֿאַר־שטאָפּטע קעפּ, פּלעקער. אין דער צײַט, װען יענע האָבן זיך גע־גרײט צו די עקזאַמענעס, געפּיבערט, מוירע געהאַט פֿאַר א דורכ־פֿאַל, האָבן די צװײ כאַװײרים, שאָלעם ראַבינאָװיטש און עליע דאָדיעס, געמאַכט כױזעק פֿון דער גאַנצער װעלט, געהאַט די עק־זאַמענעס אין דער לינקער פּײע. זומער־לעבן. אין דרױסן איז א גאַ־נײדן. די בעסטע צײַט אָפּ צו באָדן זיך אין טײַך, אָפּ צו שיפֿן זיך אין א שיפֿל, העט־װײַט, אָפּ יענער זײַט ברעג, אין הױכן גרי־נעם אָטשערעט. דאָרטן איז דאָ א לעװאַדע, א פֿעלד, מיט א סאַך װײַסע און רױטע מאַרגאַריטקעס באַשפּרענקלט. און װײַטער פֿון דער לעװאַדע גײט א װעלדל, טאַקע א גאַנצער װאַלד. לאָזן זיך לױפֿן איבערן גאַנצן פֿעלד, ביז צום װאַלד, אין אײן אָטעם — איז ניט פֿון די קלײנע זאַכן. װער פֿון זײ, ער אָדער זײַן כאַװער עליע, װעט קומען צו לױפֿן פֿריִער? זײ בלײַבן בײדע אָן אָטעם. טוט מען זיך א װאָרף אָפּן גרינעם שמעקנדיקן גראָז. מיטן פּאָנעם אַראָפּ ליגט מען און מע גראַבלט די פֿרישע רױע זאַמדיקע ערד, װוּ עס קריכט

א פליגעלע, שפּאַצירט א זשוקל, פּויזעט א מורעשקע, שלעפּט מיט די פעדערשטע פּיסלעך א גאַנצע שטרוי, א שטיקל קאָרע, א נאָדל פון א בוים. ס'איז שטיל. א מאָדנע, א הייליקע, א פאַרוויגנדיקע, א פאַרשלעפערנדיקע שטילקייט. זעלטן ווערט די שטילקייט גע-שטערט דורך א צוויטש פון א ריי שוועלבעלעך, וואָס טראָגן זיך דורך איבער די קעפּ — א סימען אפּ א רעגן. אָדער עס דערהערט זיך א קוואָק פון א פאַריאָסעמטער זשאַבע ערגעץ ווייט פון אָטשע-רעט ארויס: קווא! — און ווערט אנשוויגן. אויך א סימען אפּ א רעגן. כאָטש דער הימל איז ריין, קלאָר, ווי זעפּיר. קיין שפּרענ-קעלע אפן האָריזאָנט. עס פילט זיך א נאָענטע שייַכעס מיט אָט דעם וואלד, מיטן פעלד, מיט די מארגאריטקעס, מיט דער פרישער ערד און מיטן שמעקנדיקן גראָז און מיטן פליגעלע, מיטן זשוקל און מיט דער מורעשקע, וואָס פּויזעט, מיט די שוועלבעלעך, וואָס פליִען, און מיט די זשאבעס, וואָס קוואַקען, און מיט דער גאַנצער נאַטור ארום און ארום — יעדע זאַך באַזונדער איז א טייַלעך פון דער וועלט און אַלץ אינאיינעם מיט די מענטשן גענומען — דאָס איז איין וועלט, איין מישפּאָכע, איין געזינדל. און דאָס ווימלט און דאָס גריבלט, און דאָס ליארעמט און דאָס טאראראמט — עס איז א יאריד, עס איז א וועלט, עס הייסט „לעבן".ביידע יונגע כאַווי-רים פילן זיך גוט אין דער דאָזיקער וועלט. ביידע זיינען צופרידן מיט זייער לעבן, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קאָנטעט מיט זייער הייַנט און דערוואַרטן נאָך מער פון דעם, וואָס וועט זיין, פון דעם, וואָס קומט. זיי פירן א לאַנגן, שטילן, רויִקן געשפּרעך. א געשפּרעך, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סאָף. דער גרעסטער טייל פון זייער געשפּרעך דרייט זיך ארום דעם, וואָס זיי שטייט פאָר: וואָס וועט ווייטער זיין? און מע לייגט פאָר פּלאַנען און מע בויט לופטשלעסער, און מע שטעלט זיך פאָר א זיס פילפאַרביק לעבן, וועלכעס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאַנטאַזיע פון יעדן יונגן מענטשן און וועלכעס גיט זיך קיינמאָל קיינעם ניט איין אפּ דער ערד...

מע קאָן אָבער דאָ אַזוי לאַנג ניט פאַרברענגען. די צייַט שטייט ניט. עקזאַמענעס איז פאָרט ניט קיין שפּילכל. זיי זיינען טאַקע די ערשטע און די בעסטע אין קלאַס, נאָר א קאַשע, וואָס סע מאַכט זיך? עס קאָן זיך אַמאָל טרעפן, אַז דער בעסטער זאָל דורכפאַלן. נאָר איין מענטש איז געווען געזיכערט — און דאָס איז געווען דער

קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילן. „וואָס מיר עקזאמענעס? וועך מיר עקזאמענעס? מע שטעלט זיי א פּײַגו!" — אזוי האָט געטײַנעט דער קאָלעקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אף זיך די דײַגעס פונעם קונדעס מער ווי זײַן אייגענער פּאָטער. און דעריבער האָט זיך קיינער אזוי ניט דערפרייט, ווי דער קאָלעקטאָר, מיט דער גוטער בשורע, וואָס שאָלעם האָט איינמאָל געבראכט צו טראָגן אהיים, אז ער און זײַן כאוועך עליע דאָדיעס זײַנען פון עקזאמענ אינגאנצן באפרײַט.

— דאנקען גאָט! מיר זײַנען פרײַ! פרײַ פון עקזאמענעס! מיר וועלן הוליען!.. — אזוי האָט געזאָגט דער קאָלעקטאָר.

און פאר גרויס סימכע האָט דער קאָלעקטאָר אין דעם אייגענעם טאָג, אפדערנאכט, געבראכט צו טראָגן צום „קונדעס" אף דער קווארטיר א הערינג מיט צוויי פראנזעלן, און אין קעשענע — א פלעשל בראנפן, און אינדרײַען, מיטן מעשוירער ביניאָמינזאָן, האָט מען געגעבן א לעב אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. אף ביניאָמינזאָנען איז אָנגעפאלן, ווי ער אליין האָט געזאָגט, דער רועך-האקוידעש[1] און ער האָט אפן אָרט אָנגעשריבן א שיר:

„לאמנאצייאכ אל האשלישיס מיזמויר שיר"...

„אל האשלישיס" — מיינט מען דאָס די דרײַ קלאסן, וואָס שאָלעם האָט געענדיקט. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע סעדרע: וואָס טוט מען ווײַטער? וואָס וועט זײַן דער טאכלעס? עס זײַנען ארויס אף דער סצענע אלע אונדזערע אלטע באקאנטע פּארשוינען: בײַדע געראָטענע איידעמס, ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס, די אלע איבעריקע פרײַנט און גוטעפרײַנט, יעדער מיט אן אנדער אייצע: גימנאזיע, ראבינער-שול, אוניווערסיטעט, דאָקטוירים, אדוואָקאטן, אינזשעניערן... דער טאטע איז ארומגעגאנגען א צעטומלטער: אזויפיל וועגן, פּראָפּעסיעס, פּארנאָסעס — אזש דער קאָפּ דרייט זיך!

פון אלע פּראָיעקטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אף דעם זשיטאָמירער לערער-אינסטיטוט, ווו מע האָט צוגעזאָגט ארײַנצונעמען אף „קאזיאָני שטשאָט" בײַדע אויסגעצייכנטע טאלמידים — שאָלעם נאָכעם ראבינאָוויטשעס און זײַן כאוועך עליע דאָדיעס. עס זײַנען שוין וועגן דעם אוועקגעגאנגען פּאפּירן קיין זשיטאָמיר, צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, כ"י גורלאנד. לעיעסער ביטאָכן[2] האָט שאָלעם צוגעלייגט

1 דער הייליקער גײַסט, געמיינט: באגײַסטערונג.
2 צוליב מער זיכערקײַט.

צו די פּאַפּירן פֿון זיך אַ בריוו אויף העברעיִש, אין זייער אַ שיינער מליצה-שפּראַך — צו באַווײַזן דעם דירעקטאָר גורלאַנדן, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין יִנגעלע, און דער קאָלעקטאָר איז געווען מאָלע געדולע:

— בראָוואָ שעפּאַטראַני[1]! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאַסער פּאַלע די שוואַרצע ברילן (אָן די ברילן זעט אויס דעם קאָלעקטאָרס פּאָנעם ווי געשוואָלן, און די אויגן — ווי קישעלעך). — דער קונדעס איז שוין אַ באַוואָרנטער. וואָלט איך שוין האָבן אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי איך האָב אַ דאגה מיט אים. וואָס ער זאָל שוין ניט זײַן, אַ רבֿינער אָדער אַ לערער — אַ מענטש וועט ער שוין זײַן, דאָס איז זיכער! און פֿון פּריזיוו זײַנען מיר אויך באַוואָרנט. קאַזיאָנע לערערס און קאַזיאָנע רבֿנים דינען ניט. איצט בלײַבט איבער נאָך אַ שיינע קאַלע פֿון אַ לײַטיש אָרט מיט אַ כּופּצן הונדערט קאַרבאָרבלען נאָדן. ווועט זײַן, ווי זאָגט איר, כּײַ געלעבט! הייסט זשע, רעב נאָכעם, דערלאַנגען אַ ביסל „צערקאָווניע קאָשער לעפּעסאַך"...

לאָזט זיך אויס, אַז דער קאָלעקטאָר האָט זיך צו פֿרי מעסאַמייעך געווען. און אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן.

די אַלע פּרנסות, וואָס נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פֿאַרנומען, זײַנען סאָפּקאָלסאָפּ געווען ניט גענוג אויף צו לעבן. האָט זיך געפֿונען אַ רײַכער באַלעגופּ, אַ גוי מיטן נאָמען זאַכאַר נעסטאָראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן פֿון ראַבינאָוויטשן אַן אוילעם-אומלויע[2] און האָט אים אָפּגעטראָטן אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פּראָנט פֿון זײַן בײַעם גרויסן מויער, און דאָרט האָט ער אים געעפֿנט אַ געשעפֿט פֿון טאַבעק, גילזעס און פּאַפּיראָסן, און אויך דעם ווײַנשענק „ראַזניטש ווינאָ יוזשנאַהאָ בערעגאַ" האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווײַזן פּרנסה בעשעפֿע. דאָס הויז פֿון נאָכעם ראַבינאָוויטש איז, ווי איר געדענקט, טאָמיד געווען אַ בייס-וואַאד[3], אַ קלוב פֿון מאַסקילים און גלאַט יונגעלײַט. איצט איז דער קלוב געוואָרן נאָך לעבעדיקער און מער באַזוכט פֿון

1 געמיינט: דאַנקען גאָט, וואָס ער איז פּאָטער געוואָרן.
2 אַ גאַנצע וועלט; געמיינט: שטאַרק געהאַלטן.
3 אַ זאַמלפּונקט.

פרײַנט און גוטעפרײַנט און גלאַט קויגים. ווער עס האָט נאָר געהאַט א שטיקל פרײַע צײַט, געוואָלט זען זיך מיט א מענטשן, וויסן, וואָס הערט זיך אַפּ דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע" רייכערן א פּאַפּיראָס און ריידן א וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב", אָדער אין דער „טאַבאַטשנע", צונויפגעזאַמלט די גאַנצע „סמעטענע" פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ. דאָרט זײַנען געווען אַלע אונדזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען: יאָסיע פּרוכשטיין,ביידע געראָטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס און, פאַרשטייט זיך, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און ביניאָמינזאָן דער מעשוירער און זייער יונגער פרײַנט דער קונדעס האָבן אויך ניט געפעלט. עס איז געווען זייער א לעבעדיקער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגעשאָסן א הילכיקער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופן איינער פון די געראָטענע איידעמס, לייזער-יאָסל. ער האָט געפאָדערט פון יעדן איינציקן א קלייניקײַט: ער זאָל מוחל זײַן געבן צו פאַרשטיין דעם פּשט פון דעם וואָרט „מאַסיוו", נאָר אָן הענט. און אַזוי ווי עס איז אַן אוממעגלעכקײַט, אַז א ייִד זאָל קאָנען געבן צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך אָן הענט, האָט יעדער איינציקער אַפּ זײַן אויפן באַוויזן מיט די הענט, וואָס באַטײַט דאָס וואָרט „מאַסיוו". און אָט דערפון זײַנען דאָס געפלויגן די דאָזיקע געלעכטערן.

נאָר פּלוצעם, סאַמע אין רעכטן מיטן לאַכן, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער בריווטרעגער מיט א פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע". אויפן קאָנווערט שטייט אַפּ רוסיש מיט גרויסע אויסיעס: „קאַנצעליאַריאַ זשיטאָמירסקאַוואָ קאַזיאָנאַוואָ יעווריסקאַוואָ אוטשיטעלסקאַוואָ אינסטיטוטאַ".

— אהא! דאָס איז פון אים, פון כ"י גורלאַנדן!

מע האָט געעפנט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט א בריוו פון דעם דירעקטאָר כ"י גורלאַנד. אין בריוו איז געשטאַנען: „אַזוי ווי אין אינסטיטוט דאַרף מען לערנען פיר יאָר, און אַזוי ווי פון די פּאַפּירן און פון די מעטריקעס איז צו זען, אַז דער באַזיצער פון זיי איז געבוירן געוואָרן אין דעם 18-טן פּעווראַל, 1859, קומט אויס, אַז אין דעם יאָר 1880, דאָס הייסט, אין דרײַ יאָר אַרום שוין, אין אָקטאָבער, וועט ער זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט א יאָר פריִער, איידער ער וועט ענדיקן דעם גאַנצן קורס פון דעם לערער-אינסטיטוט".

ווי א באָמבע, ווי א דונער אינמיטן העלן טאָג, איז געווען די דאָזיקע ידיעה. צום-אלעם-ערשטן האָט מען זיך גענומען שפּאַרן און לערנען דעם פּשט פון דעם בריוו: מײַ-קאָמאשמע-לאָן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערן? און פאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעפירט, טאַקע אָט דער כ״י גורלאַנד, דעם האַויצע-לאָנו-מיזע[1]? און טאָמער איז פאַראַן עפּעס אַן אײַצע, א דריידל אַפּ אַרויסצודרייען זיך פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער? ס'איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּאַרן זיך מיטן דעבאַטירן. אַלע האָבן אַרויסגעזען, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דאָס שפּיל איז פאַרן טײַוול — די שאַנסן אַפּ אַרײַנצוטרעטן אין אינסטיטוט זײַנען פאַרלאָרן. די מעטריקעס קאָן מען שוין ניט איבערמאַכן. און כ״י גורלאַנד איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס מע מאַכט מיט אים דריידלעך. פאַרפאַלן!

דער העלד פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען שטעלט זיך פאָר יענע צײַט אַלס זײַן איבערגאַנג-עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אַנדערער. עס האָט באַדאַרפט אויסגעוויילט ווערן א וועג, וווהין צו גיין, אויסגעאַרבעט ווערן א פּלאַן, וואָס צו טאָן, און באַשטימט ווערן, אַזוי צו זאָגן, א פּראָגראַם שוין אַפּן גאַנצן לעבן. צווישן אים מיט זײַן כאַווער עליע דאָדיעס איז שוין לאַנג געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, וויאַזוי מע וועט ביידע אײַנעם פאָרן קיין זשיטאָמיר, ביידע וווינען אין איין צימער, ביידע לערנען, שפּאַצירן, באָדן זיך, שיפֿן זיך... און אַז סע וועט קומען „קאַניקולעס", וואַקאַציעס, וועט מען פאָרן ביידע אַהיים — און אַך! ווי זיי וועלן דאָס איבעראַשן זייערע געוועזענע כאַווײרים מיט זייער זשיטאָמירער אוניפאָרם, זיך האַלטן פון זיי פונדערווײַטן, און ריידן פון פּושקין און פון לערמאָנטאָוו, פון בײַראָן און פון שעקספּיר, הויך אַפּ א קאָל, אַלע זאָלן הערן און וויסן, אַז דאָס ריידן ניט קיין פאַרכעס... די כאַווײרים וועלן דאָס הערן און שטוינען, מעקאַנע זײַן. מיידלעך וועלן זיך רויטלען, דרייען אַרום זיי, קלוימערשט פאַריכטן די הענטשקעלעך, וואַרפן מיט אייגלעך, וועלן זיך וועלן באַקענען נעענטער — קורץ, דאָס וועט זײַן א גאַניידן!

און מיטאַמאָל האָט זיך פון די אַלע כאַלוימעס אויסגעלאָזט א טײַך. אויס זשיטאָמיר! אויס לערער-אינסטיטוט! אויס באָדן זיך, שיפֿן זיך! אויס וואַקאַציעס! אויס כאַווײרים! אויס מיידלעך! אויס גאַניידן!

1 דעם אויספיר.

אויס קאַריערע! און דאָ דעם טאַטנס פּאָנעם — אַ ראַכמאָנעס אַ קוק צו טאָן. געל, ווי אַ וואַקס. נײַע קנייטשן, נײַע זאָרגן, נײַע זיפצן: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?"... ביניאָמינזאָן דער פּאָעט פּילט זיך ניט גוט. ער וויל ברענגען אַ טרייסט כאָטש מיט אַ נײַעם שיר, נאָר — אוי-וויי! עס זינגט זיך ניט.

דעם קאָלעקטאָר זעט מען עפּעס ניט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל געהאַט באַוויזן אויף אַ פּאָר מינוט, געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס זייער אַ גוטן פּלאַן פֿאַרן קונדעס, וואָס וועט אים פֿאַרזאָרגן אויפֿן גאַנצן לעבן מיט קינדער און קינדס-קינדער, נאָר ער האָט איצט זייער קיין צײַט ניט. און ער איז אַוועק, און פֿון דעמאָלט אָן הערט מען ניט פֿון אים און מע זעט ניט.

61

דער סאָף פֿון דער אידיליע

וועך איז געווען דער קאָלעקטאָר? — דרײַ רובל מיט „גראַמאַטיקע" אויף יאָמטעוו. — דעם קאָלעקטאָרס טויט. — די לעווײַע. — „געווען אַ מאָדנער מענטש". — דער מעשוירער ביניאָמינזאָן פֿאַרשווינדט און ווערט מגולגל קיין אַמעריקע.

ניטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט. געקומען אַ סאָף צו דער אויבן באַשריבענער אידיליע. איינער פֿון די אויסגערעכנטע פֿרײַנט איז אַוועק פֿאַר דער צײַט, און באַלד נאָך אים — דער אַנדערער, און די קאָמפּאַניע איז צעפֿאַלן געוואָרן. דעם ערשטן פּעטשאַטעק האָט געמאַכט אונדזער אַלטער באַקאַנטער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און מיט די גרויסע טיפֿע גומענע קאַלאָשן, און נאָך אים האָט זיך אײַנגעכאַפּט אָפּגעטראָגן אויך דער מעשוירער ביניאָמינזאָן.

ווער איז געווען, אייגנטלעך, אָט דער ייִד דער קאָלעקטאָר? פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען? ווו און וועמען האָט ער געהאַט אויף דער דאָזיקער וועלט? פֿון וועמעס וועגן האָט ער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבן? טאָג-אײַן טאָג-אויס זיך געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, געשוויצט און אַרויסגעקוקט אויפֿן גרויסן געווינס? — דאָס זײַנען זאַכן, וואָס ס'איז שווער אויף זיי צו געבן, מער אָדער ווייניקער, אַ קלאָרע תשובֿה. עס געדענקט זיך נאָר, אַז ער האָט אָפּטמאָל געבעטן בײַ זײַן יונגן פֿרײַנט, באַם „קונדעס", ער זאָל זיך מאַטריח זײַן. אויף אַ ווײַלע אָנשרײַבן מיט זײַן שיינער האַנטל אויף רוסיש אַן אַדרעס

דעמ אדרעס האָט ער אזוי דיקטירט: „מיעסטעטשקאָ פא-גאָסט, פינסקאוואָ אויעזדא, מינסקאָי גובערני, גאָספאָזשא פריידקא עטקא"...

— גאָספאָזשע פריידקע עטקע. — פאריכט אימ דער קונדעס אלפי-גראמאטיקע, אונ דער קאָלעקטאָר דיקטירט ווײַטער.

— סאָ וולאָזשעניעמ טרי רובליא.

— טריאָכ רובליי. — פאריכט אימ ווידעראמאָל דער קונדעס אלפי-גראמאטיקע.

— צו וואָס גראמאטיקע? — שפארט זיכ דער קאָלעקטאָר. — דאָרט דארפ מענ ניט קיינ גראמאטיקע אפ יאָמטעוו, דאָרט קוקט מענ ארויס אפ געלט.

ניט אומזיסט גייט בא אונדז איינ וואָלינ א שפריכוואָרט, אז א ליטוואק פאָרט אוועק אפ זיבנ פייסעכנ פונ דער היימ אונ פארגעסט דעמ זײַ-געזונט. דער קאָלעקטאָר האָט געהאט א טעווע — אוועקגייג אפ א ווײַלע אונ פארפאלנ ווערנ אפ א צײַט, אונ וויפל איר זאָלט אימ דערנאָכ ניט מוטשענ, ווו ער איז געווענ — וועט איר קיינמאָל ניט דערגייג בא אימ קיינ טאָלק: „ניט געווענ — א דײַגע איר האָט!"

אויכ איצט איז דער קאָלעקטאָר פארשוווּנדנ געוואָרנ, אונ קיינער האָט ניט געוווּסט, ווו ער איז.

איינמאָל — דאָס איז געווענ נאָכ אינדערפרי, שאָלעמ איז געזעסנ בא זיכ אפ זײַנ קווארטיר, געמאכט מיט זײַנע טאַלמידימ די אוראָקנ — עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ א גאסט — דער טאטע! שאָ-לעמ האָט זיכ דערשראָקנ: „וואָס האָט זיכ געטראָפנ?" — גאָרנישט. דער קאָלעקטאָר איז ניט געזונט. מע דארפ זיכ דורכגיינ צו אימ, מעוואקער-כוילע זײַנ...

אפנ וועג ווערט ער געוויר פונ דעמ טאטנ איינצלהײַטנ, אז דער קאָלעקטאָר איז, אייגנטלעכ, שוינ לאנג ניט מיט אלעמענ. נאָר די לעצטע צײַט איז ער שוינ גאָר ערנסט קראנק. וואָס ווײַטער ווערנ די איינצלהײַטנ אלצ טינקעלער אונ געדיכטער. עס לאָזט זיכ אויס, אז ער איז געפערלעכ קראנק. „א סוואָרע, אז ער האלט זייער שמאָל דאָס הייסט, ער וויל זאָגנ, אז דער קאָלעקטאָר איז פארבײַ"... אונ אזוי ריידנדיק, קומענ זיי צומ שולהויפ.

דער שולהויפ איז באגאָסנ מיט די שטראלנ פונ דער ברענענ-דיקער זונ אינ די לעצטע זומערדיקע טעג. א גאנצע כאליאסטרע ייִדישע קינדער, האלב-נאקעטע אונ גאנצ באָרוועסע, שפילנ אינ פערדלעכ

און פּילן אָן דעם שולהויף מיט הילכיקע קוילעס פון זייערע יונגע געזונטע העלדזער. עס איז א לעבן און א פרייד אף דער יידישער גאס. די לופט, ווי סע זאָל דאָ ניט זיין ענג און געשטיקט, איז דאָך א מעכייע. ווו-ניט-ווו ווארפט זיך דורך א ביימל, שלאָגט זיך דורך און קוקט ארויס א גרעזל. די אויסגעגאָסענע פּאָמעניצע שלאָגט צו דעם שטויב, וואָס די קינדער (די פערדלעך) האָבן אופגעהויבן מיט זייער לויפן. עס איז פּאָרט זומער, מע איז פּאָרט אין דרויסן און עס איז פּאָרט גוט אף גאָטס וועלט!

— אָט דאָ וווינט דער-קאָלעקטאָר. — רופט זיך אָן דער טאטע, און ביידע לאָזן זיך אראָפּ אין א מין קעלער, אָדער אזוי א פּינצ-טערע גרוב, האלטן זיך אָן בא די נאסע ווענט, עפּענען אוף א טיר מיט א גרויסער שווערער אייזערנער קליאמקע, און פאר זייערע אויגן באווייזט זיך אזא מין בילד:

אף דער הוילער ערד, מיט שווארצן איבערגעדעקט, ליגט עפּעס א זאך, אינמיטן קיילעכיק פארשפּיצט. צוקאָפּנס, בא דער זאך, צאנקען צוויי ליכט, ארייַנגעשטעקט אין צוויי פלעשלעך פון פארשיידענער גרייס און פארשיידענער פארב. פון יענער זייט ליכט, אף א בענקל, אינמיטן שטוב, זיצט עפּעס א ייד א שאמעס מיט א קאָלטענעווא-טער באָרד און מיט א צעפליקטער קאפּאָטע. בא דער רעכטער זייט, בא דער וואנט, שטייען פאריאָסעמט, איינס נעבן דאָס אנדערע, ווי א צווילינג, א פּאָר אלטע טיפע צעריסענע גומענע קאלאָשן, און אפן ביישטידל פונעם איין-און-איינציקן פענצטער וואלגערן זיך א פּאָר גרויסע שווארצע ברילן.

דעם זעלבן טאָג איז געווען די לעווייע. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א לעווייע האָט דאָ געקענט זיין, אז דער געשטאָרבענער איז, ערשטנס, א ייד אן אָרעמאן — ווער קען אים און ווער ווייסט אים? און, צווייטנס, האָט ער געהאט א שעם אין שטאָט פון א שטילן אפּיקוירעס. נאָר אזוי ווי אין זיין ארויסבאגלייטן האָבן זיך מיסאסעק געווען אזעלכע יידן, ווי דעב נאָכעם ראבינאָוויטש, יאָסיע פּרוכשטיין, ביידע גרעאָטענע איידעמס, און ארנאָלד פון די פּידוואָר-קעס איז אויך געקומען — דאָס איז געווען די ערשטע, אויב ניט די איינציקע, לעווייע, וואָס ארנאָלד זאָל זיין דערביי, — האָט זיך די שטאָט פארינטערעסירט, און, קוקנדיק איינער אפן אנדערן, האָט דער

אוילעם גענומען קלײַבן זיך און וואקסן — און ס'איז געווען גאָר אומגעריכט א לעווײַע א גרויסארטיקע, א אימפּאָזאנטע. אָרעמעלײַט האָבן דערשמעקט א „פּעטע" לעווײַע, איז מען זיך צונויפגעקראָכן קאַליקעס פון אלע ווינקעלעך, געשלעפּט פאר די פּאָלעס, געמאכט גוואלדן, פארוואָס מע טיילט קיין געלט ניט פאר דער מיטע. עס איז שווער געווען אײַנצורײדן זיי, אז דאָס איז געשטאָרבן א ייִד אן עושר גלײַך מיט זיי.

— פארוואָס זשע קומט אים אזא לעווײַע? — האָבן זיי געטײַנעט. — אז קיין גוויר ניט, און קיין ראָוו, ווי מע זעט ארויס, אויך ניט, הײַנט וואָס איז מיט אים דער ייִכעס?..

די זון האָט נאָך געהאלטן אין רעכטן בראָטן, אז מע האָט ארויסגעטראָגן די מיטע, מיט שווארצן איבערגעדעקט, פון פינצטערן קעלער ארויס. דער שולהויף און די גאנצע גאס איז געווען פארפלייצט, שווארץ פון מענטשן. קיינער האָט אָבער קיינעם ניט גערופן. מע איז אליין געקומען. קיינער האָט ניט געוויינט, נאָר זיפצן האָבן זיך געלאָזט הערן. קיינער האָט קיין העספּעד[1] ניט געמאכט, קיין קריִע[2] ניט געריסן, קיין קאדעש ניט געזאָגט, קיין שיווע ניט געזעסן. נאָר שוואָכים האָבן זיך געהערט, געטראָגן אין דער לופטן: „א ווילער ייִד געווען"... „ניט קיין צאדיק, נאָר א ווילער, גוטער מענטש"... „אויסגעהאלטן א שטאָט מיט אָרעמעלײַט"... „וויפל ער האָט פארדינט — אוועקגעגעבן"... „דעם לעצטן ביסן"... „זיך מאפקיר געווען פון יענעמס וועגן"... „געריסן פון טויטע און פון לעבעדיקע צוליב קראנקע ייִדן"... „פײַנט געהאט, מע זאָל אים דאנקען"... „קיינמאָל ניט גערעדט פון זיך, נאָר יענעם אין זינען געהאט"... „געווען א מאָדנער ייִד"... „ניט קיין מאָדנער ייִד, נאָר א מאָדנער מענטש"... „יאָ, א מענטש איז דאָס געווען"...

דאָס איז געווען א שטילע, נאָר א שיינע לעווײַע. עפּעס האָט זיך געפילט א באפרידיקונג. א דאנק גאָט דערפאר, וואָס מענטשן צאָלן אָפּ, אויב ניט פארן לעבן, איז כאָטש נאָכן טויט, כאָטש וויפל-ס'ניט-איז, כאָטש א טראָפּן קאָווועד פאר אזויפיל יאָרן פּײַן און ליידן, צאר, מאטערניש און ביטערניש. ס'איז נאָר א ווייטעק, וואָס ער אליין,

---

1 טרויער־רעדע.

2 א מינהעג בא רעליגיעזע ייִדן מאכן א ריס אין די קליידער בא די נאָענטע קרויווים פון געשטאָרבענעם.

דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילן, קאָן ניט אופשטיין כאָטש אפ א מינוט, כאָטש אפ א רעגע, א קוק טאָן אפ דעם קאָוועד, וואָס ער האָט... און עפשער — ווער ווייסט? וואָס ווייסן מיר?.. און עס פלאָנטען זיך מאכשאָוועס און געדאנקען פון „האשאָראס-האנעפעש"[1], אין וועלכן דער ניפטער[2] האָט געגלייבט, כאָטש ער האָט געשעמט פאר אן אפיקוירעס. עפשער גייט אָט דאָ זײַן נעשאָמע נאָך דער מיטע גלײַך מיט אונדז און ווייסט מער פון אונדז, א סאך, א סאך מער?.. ווער ווייסט? ווער ווייסט?..

וואָס ווײַטער ווערט דער אוילעם שיטערער. ביזן בעסוילעם זײַנען געבליבן נאָר די סאמע פרײַנט. דער גאנצער „קלוב". אן אָרט האָט מען אים אָפגעגעבן א באשיידענעם, ווי ער אליין. אין א זײַט האָט מען אים באהאלטן, א בערגל ערד האָט מען אפן פרישן קייווער אָנגעשאָטן. און מע איז זיך צעגאנגען. קיינער האָט ניט געוויינט. קיינער האָט קיין העספעד ניט געמאכט, קיין קאדעש ניט געזאָגט, קיין שיווע ניט געזעסן. די ערשטע צײַט האָט מען נאָך פון אים אין „קלוב" א פאָר מאָל גערעדט. דערנאָך האָט מען אופגעהערט פון אים צו ריידן — און פארגעסן.

גאָר אינגיכן נאָך דעם איז פארשוואונדן געוואָרן אויך בינ‏יאָמינזאָן דער מעשוירער. א שטיק צײַט האָט מען ניט געוווסט, ווו ער איז אהינגעקומען. דערנאָך האָט מען זיך דערוווסט, אז ער איז אין קיִעוו. אין א צײַט ארום האָט זיך דער נאָמען בינ‏יאָמינזאָן געלאָזט הערן אין דער גרויסער „מילכאָמע", וואָס ס'איז אויסגעבראָכן צווישן די „כאכמיי קיִעוו", מיט וועלכע מיר וועלן זיך נאָך באגעגענען אין די ווײַטערדיקע קאפיטלעך. זײַן נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אינאיינעם מיט די נעמען פון מוישע-ארן שאצקיס, יִצכאָק-יאנקעוו ווײַסבערג, דובזעוויטש, דארעווסקי. און גאָר-גאָר שפעטער איז ארויס א סלוך, אז בינ‏יאָמינזאָן איז מעגולגל געוואָרן אין אמעריקע און אז ער איז דאָרטן א רעווערענט[3] און איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אָלרײַט.

און אָט אזוי איז ניספאָרדאָ-האכאווילאָ[4] געוואָרן, צעשלאָגן געוואָרן די קנופיע, צעשטערט געוואָרן די זעלטענע גוטפרײַנטשאפט. אויס אידיליע.

---

1 אומשטערבלעכקײַט פון דער נעשאָמע.

2 געשטאָרבענער.

3 רעליגיעזער פריידיקער (ענגליש).

4 איז זיך צעפאלן דאָס בינטל.

62

א האַלב יאָר נאָוועגאַד

עלנט און פאַריאָסעמט. — „דער ייִד פון די שמויסנ“. — ער לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט אַרײַנ זוכנ גליקנ. — ניט אייביק איז מענ א גאַסט. — קאָנקורענצ פון מיידלשע שרײַבערס און קליינשטעטלדיקע קינע־סינע. — אווראָם דער קלעזמער — א מינ סטעמפעניו. — ער אַנטלויפט פון דער וועלט צוריק אַהיים.

פאַרלאָרנ אַזעלכע צוויי נאָענטע גוטעפרײַנט, ווי דער קאָלעקטאָר און ביניאָמינזאָנ, האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע זיך קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ. ער האָט זיך געפילט פאַריאָסעמט. נאָך מער עלנט האָט ער זיך דערפילט, ווענ זײַנ איינציקער איבער־געבליבענער כאַווער עליע איז אויך אַוועקגעפאָרנ קיינ זשיטאָמיר. דאָ האָט זיך, ניט ווילנדיק, צוגעמישט אויך א געפיל פון קינע. ער האָט געוווסט גאַנצ גוט, אַז ס'איז א מיִעסע מידע, ניט קיינ ריינעס געפיל. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָנ, אַז עס האָט אים פאָרט פאַרדראָסנ — פאַרוואָס קומט זײַנ כאַווער אַזאַ גליק און אים ניט? מיט וואָס איז ער שולדיק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט געבוירנ ווערנ מיט א פאָר כאַדאָשים פריִער? איבער אַזאַ נאַרישקײַט זאָל ער פאַרלירנ זײַנ קאַריערע? פאַרשפּילנ דאָס גאַנצע לעבנ? ער האָט באַהאַלטנ דאָס פּאָנעם אינ קישנ און לאַנג און שטאַרק געוויינט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזנ, אַז דער הימל איז צו דער ערד געפאַלנ, און די גאַנצע וועלט האָט אים אויסגעזעגנ פינצטער-כוישעך. נאָר צו וועלכער מאַקע איז ניטאָ קיינ רעפוע? דער בעסטער דאָקטער איז די צײַט.

מיר וועלנ בעטנ דעם לעזער זיך מאַטריִעך זײַנ מיט אונדז צוריק צו דער אַמאָליקער אַכסאַניע, וואָס די ראַבינאָוויטשעס האָבנ געהאַלטנ, און צו אירע שטענדיקע אָרכים. צווישנ זיי איז געווענ נאָך איינער א שטענדיקער אוירעך. ער האָט געהייסנ מיט א מאָדנעם נאָמענ: „דער ייִד פון די שמויסנ“. ער האָט געהאַנדלט מיט שמויסנ (שאָפּנ-פעל). די שמויסנ האָט ער עקספּעדירט צו זיך אינ דער גאַרבאַרניע. דאָרט האָט מענ די שמויסנ גערייניקט, געפאַרבט, אויסגעאַרבעט און געמאַכט פון זיי גויִשע היטלענ און פּעלצנ. אַז דער ייִד פון די שמויסנ איז געקומענ צו פאָרנ, האָט מענ דאָס געקענט הערנ אינ דער צווייטער גאַס. אַזוי שאַרפ איז געווענ דער רייעך פון די

שמויסן, אז די גאנצע שטוב האָט די ערשטע צײַט געהאלטן איז איין ניסן. דערנאָך זײַנען בא אונדז אלעמען פארלייגט געוואָרן די נע־זער און מע האָט שוין ניט געהערט קיין שום רייעך.

דערפאר אָבער איז ער אליין, דער ייִד פון די שמויסן, געווען א ליבער מענטש, א פּראָסטער, א גוטער, אן אָפּנהערציקער. און גע־רעדט האָט ער מיט דער „סין". א גראָבער יונג. איז ער אויך גע־ווען א גוטער און האָט ליב געהאט דאווגען דאפקע הויך, אפ א קאָל. אז ס'איז געקומען שאבעס צום קידעש מאכן, האָט ער גענו־מען דעם קאָס אין דער האנט, צוגעמאכט די אויגן און אויסגע־שריִען אפ א קאָל:

„יוימ האסיסי וויַיכולו האסאָמאַיִמ..."

האָבן כעוורע קליינוואַרג זיך באהאלטן אונטערן טיש. דער ייִד פון די שמויסן האָט געוווּסט, אז דאָס לאכט מען פון אים, נאָר סע זאָל אים אָנהייבן ארן!

— סקאָצים! אכברויסימ! טאָר מען לאכן פון אן עלטערן מענצן? גאָט וועט אײַך סטראָפן, סארלאטאנעס!..

דאָס האָט ארויסגערופן נאָך א גרעסערן געלעכטער. עס האָבן געלאכט גרויס און קליין, און ער אליין האָט אויך געלאכט.

אָט דער ייִד פון די שמויסן האָט א סאך מיטגעהאָלפן, אז דער פארפאסער פון די דאָזיקע באשרײַבונגען זאָל פארלאָזן זײַן געבורטס־שטאָט און זיך אוועקלאָזן אין דער וועלט ארײַן זוכן גליק. און אוועקגעלאָזט האָט ער זיך ניט, כאָלילע, קיין אמעריקע, קיין לאָנדאָן, אָדער קיין פּאריז, און ניט אפילע קיין אָדעס, קיין ווארשע, אָדער קיין קיִעוו, נאָר גאָר ניט ווײַט פון פּערעיאסלאוו, אין א קליין שטע־טעלע, קיין רזשישטשעוו (קיִעווער גובערניע). „בא אים אין רזשי־שטשעוו — אזוי האָט געזאָגט דער ייִד פון די שמויסן — איז ניטאָ קיין לערערס. מע וועט אײַער זון דאָרטן אָפּגילטן. ער אליין האָט קינ־דער, זײַנע פרײַנט און באקאנטע האָבן קינדער, וואָס ווילן לערנען, און קיין לערערס איז ניטאָ, כאָטש צי זיך אויס און שטארב!"

— גלייבט מיר, בענעמאָנעס, אז אײַער זון וועט בא מיר זײַן, ווי אן אייגענער, דאָס סווארצאפּל פונעם אויג!..

אקיצער, ער האָט ארײַנגעגעבן אי דעם פאָטער אי דעם זון אזויפיל כיישעק, אז ס'איז שווער געווען בײַצושטיין דעם ניסאָיען, און נאָכעם ראבינאָוויטש האָט געגומען דעם זון און האָט זיך אופּ־געזעצט מיט אים אפן פאראָכאָד און איז אוועק קיין רזשישטשעוו.

פארפאָרן איז מען גלײַך צום ייִדן פֿון די שמויסן, און מע איז געווען אזעלכע געסט, אז מע האָט דעם ערשטן טאָג גאָר ניט גע-ווּסט, ווּ זיי אוועקצוזעצן און וואָס מע זאָל מיט זיי טאָן. דעם באַ-לעבאָס אליין האָבן זיי געטראָפֿן בא דער ארבעט — סאָרטירן די שמויסן — אין א לײַבל, אָן א קאפּאָטע און באָרוועס. דערזען אזעלכע געהויבענע געסט, האָט ער קוידעם אָנגעטאָן די שטיוול, געכאפּט אף זיך די קאפּאָטע און גענומען שרײַען אין צווייטן צימער ארײַן ניט מיט זײַן קאָל:

— סיינע-סיינדל! סיינע-סיינדל! סטעל דעם סאמאָוואר! מיר האָבן געסט!

גיך איז באשאפֿן געוואָרן א סאמאָוואר, גלעזער, טיי, און קאווע, און ציקאָריע, און מילך, און פּוטערגעבעקס, אזעלכע, וואָס א ייִד קאָן זיך פארגינען נאָר שווּעס צו דער מילכיקער סודע, אָדער צו א קימפּעט. און א ווארעמעס איז צוגעגרייט געוואָרן — קעיאד-האמעלעך. פֿיש געפילטע, פֿיש געפּרעגלטע, פֿיש געבאקענע. יויך מיט לאָקשן, יויך מיט רײַז, יויך מיט מאנדלען — קלײַבט אײַך אויס וואָס איר ווילט. פליישן שמועסט מען ניט — אלערליי סאָרטן. און אפילע צימעסן צוויי-ערליי. דערנאָך — דעם סאמאָוואר. ווידער טיי, אײַנגעמאכטס, פארבײַסעכטסן. און אז ס'איז געקומען צו וועטשערע, האָט דער באַ-לעבאָס זיך גענומען נאָכפרעגן בא די געסט: וואָס האָבן זיי בעסער ליב פֿון מילכיקע מײַכאָלים — קרעפּלעך, ווארעניקעס אָדער „קאסני-קעס"? די געסט האָבן באשיידן געענטפערט, אז פֿאר זיי איז אלצאיינס. אוואדע האָט מען דערלאנגט צום טיש אלע דרײַ אויסגערעכנטע מײַ-כאָלים, פארטרונקען מיט קאווע און פארביסן ווידער מיט אלערליי אײַנגעמאכטסן. דעם פֿאָטער האָט מען באלייגט אין זאל אף א סאַ-מעטענער קאנאפּע, דעם זון — אף דער אנדערער קאנאפּע, אויסגע-בעט, ווי מע בעט פֿאר א מיילעך מיט א פּרינצ. אף מאָרגן האָט זיך דער טאטע אָפּגעזעגנט און איז אוועקגעפאָרן אהיים, און דער זון איז געבליבן באם ייִדן פֿון די שמויסן אף קעסט און קווארטיר, און דערפֿאר געלערנט מיט זײַנע קינדער.

אף דעם אנדערן טאָג איז דער ווארעמעס געווען שוין ניט מיט אזא שיק און אזא קנאק, ווי דער ערשטער. א געוויינלעכע קאשע מיט יויך, א שטיקל פלייש — און פארטיק. די וועטשערע אויך א מיל-כיקע, נאָר באשטאנענע איז זי פֿון א שטיקל קעז און פּוטער מיט ברויט. ברויט לאָרויוו. באלייגט האָט מען דעם גאסט שוין ניט אין

זאָל און ניט אַף קיין סאַמעטענער קאַנאַפּע, נאָר אַף אַן אײַזערנעם קאַסטן, פון וועלכן מע איז אופגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אָן האָלדז און נאַקן. אַף איבערמאָרגן איז דער וואַרעמעס באַשטאַנען פון אַ געקאָכטער טאַראַנקע מיט קאַרטאָפל, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעברענט דאָס האַרץ אַף צו כאַלעשן. קיין וועטשערע האָט מען ניט געגעבן, נאָר אַ גלעזל טיי מיט ברויט, און באַלייגט האָט מען דעם לערער אַף דער ערד, אויסגעבעט אַף אויסגעמאַכטע שמויסן. מע האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן, מע זאָל אַריבערטראָגן דעם רייעך פון די שמויסן. דערצו האָט אַ גאַנצע נאַכט געקאַוויאַקעט אַ קינד אין וויגעלע, זיך געריסן די קישקעלעך, ניט געלאָזט שלאָפן. אַ קליין לעמפל האָט גערייכערט און געטשאַדעט, פאַרהאַקט דעם קאָפּ, און דאָס אייפּעלע האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען און צו גוואַלדעווען — ס'איז געווען אַ גאָטס ראַכמאָנעס! דער רעפּעטיטאָר האָט געזען, אַז שלאָפן וועט ער שוין סײַוויסײַ ניט, איז ער אופגעשטאַנען פון די שמויסן, צוגעגאַנגען צום קינד אַ קוק טאָן, וואָס שרײַט דאָס. לאָזט זיך אויס, אַז די קאַץ האָט זיך פאַרקליבן צום קינד אין וויגעלע, האָט זיך צעלייגט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, זיך געמאַכט נאַכטלעגער. פאַרן לערער איז געווען אַן אַלטערנאַטיווע: וואָס טוט מען? אַרויסוואַרפן די קאַץ? — אַ ראַכמאָנעס אַף דער קאַץ. צאַר-באַלעכאַיִם. איבערלאָזן די קאַץ? — שרײַט דאָס קינד. פאַלט ער אַף אַ האַמצאָע (אַ יונג אַ כאָכעם גיט זיך אַן אייצע): ער וועט נעמען וויגן דאָס קינד, וועט די קאַץ אַליין אַוועק. דאָס ווייסט ער פון דער פּראַקטיק. באַ אים אין דער היים, ווי אויך אין כיידער, איז אים אויסגעקומען צו זען אַלעמאָל אַזעלכס. איידער מע האָט אַוועקגעלייגט אַ קליין קינד צום ערשטן מאָל אין אַ נײַ וויגעלע, איז געווען אַ סגולע, מע זאָל פריִער אויסוויגן אין וויגעלע די קאַץ. האָט אָבער קיין קאַץ ניט געלאָזט זיך וויגן בעשומויפן. קוים האָט מען זי אַרײַנגעלייגט אין וויגל און געגעבן איין ריר — אַזוי איז זי אופגעשפּרונגען, גרייט געווען אויסדראַפּען יעדן איינציקן די אויגן. אַזוי איז געווען אויך איצט. דער רעפּעטיטאָר האָט זיך נאָר צוגערירט צום וויגל, אַזוי האָט זיך די קאַץ אופגעהויבן און געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון וויגעלע — און ניטאָ זי. דערפאַר אָבער האָט דאָס אייפּעלע דערפילט, אַז מע וויגט דאָס, אופגעהערט שרײַען, זיך באַרויִקט און אַנשלאָפן געוואָרן. אַף מאָרגן, אַז ער האָט דאָס דערציילט דער מוטער פונעם אייפּעלע, האָט זי געשאָלטן די קאַץ מיט

טויטע קלאָלעס, געהאלובעט דאָס קינד — איר זאָל זײַן פּארג קינדס ביינדעלעך! נאָר דאָס, וואָס דער לערער איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן — דאָס גייט איר אָן, ווי דער פּאראיאָריקער שניי.

אײַנגעזען, אז ס'איז קיין טאכלעס ניט אזוי צו לעבן אפּ דער וועלט, האָט דער לערער זיך געמוזט אָנדינגען קעסט און קווארטיר אין אן אנדער פּלאצ און באצײַטנס זיך געזעגענען מיט די שמויסן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאר אים א גאנצע ריי פון אלערליי צאָרעס, שלעק, פּוראָניעס. א סעדרע פון בייזע באלעבאָסטעס, אײַנגעגעסענע טאראקאנעס, בײַסנדיקע וואנצן, לויפנדיקע מײַז, שטשורעס און אנדערע מיִעסקײַטן. נאָר די אלע יעסורים, צאָרעס און ווייטעקן זײַנען געווען גאָלד אקעגן די אינטריגעס, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין פון זײַנע קאָנקורענטן די לערערס. דאָס זײַנען געווען יִידן מעלאמדים, מיידלשע שרײַבערס, וואָס האָבן געפירט צווישן זיך א מוירעדיקע קאָנקורענצ און אלע אײַנעם — א קאמפּ קעגן דעם נײַעם לערער פון פּערעיאסלאוו. ווו ס'איז פאראן ערגעץ א שמוצ אפּ דער וועלט — האָט מען אפּ אים ארופגעוואָרפן. צוהערן זיך צו זיי — איז דאָס געווען א קרימינאליסט, א גאנעוו, א גאזלען, וואָס אין דער קאָרט. זיי האָבן אָנגעפירט צווישן אים און די באלעבאטים אזעלכע פּליאָטקעס, אז ער האָט געבעטן גאָט, דער זמאן — דער זומער — זאָל שוין אוועקגיין, און ער זאָל קאָנען אנטלויפן פון דאָרטן מיטן לעבן. די גאנצע צײַט, וואָס ער האָט פארבראכט אין רזשישטשעוו, איז געווען ווי א קאָשמאר, ווי א בייזער כאָלעם. דאָס אײַנציקע הויז, ווו ער איז ארײַנגעקומען און געפּילט זיך צווישן מענטשן, איז געווען בא אוראָם דעם קלעזמער. אוראָם דער קלעזמער — דאָס איז א טיפּ פון אן ארטיסט, אן עמעסער מאעסטראָ, וואָס פארדינט באשריבן צו ווערן.

א הויכער מענטש, א ברייטער, מיט א קײַלעכיק ברייט פּאָנעם, מיט קליינע אייגעלעך, געדיכטע ברעמען, שווארצע לאנגע געגרײַזלטע האָר. הענט ברייטע, גראָבע, באוואקסענע. אזוי, אז די פידל האָט אין זײַנע הענט אויסגעזען ניט ווי א פידל, נאָר ווי א פידעלע, א שפּילכל. קיין נאָטן האָט ער ניט געקענט. און דאָך האָט ער געהאט זײַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. און שפּילן האָט ער געשפּילט אזוי, אז מע האָט געקאָנט מאמעש אויסגיין אונטער זײַנע הענט. דאָס איז געווען א מין סטעמפּעניו. און עפּשער מיט א קאָפּ העכער פון סטעמפּעניו. אין לעבן איז ער אויך געווען א סטעמפּעניו. א מאָדנער

פאַרשוין. א פּאָעטישע נאַטור און א גרויסער ליבהאָבער פון שיינע ווײַבלעך און מיידלעך... דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט א ווײַב — ניט אזא שלאַק, ווי סטעמפּעניוס. אַדעראַבע, זײַן ווײַב, אַווראָמעלע די קלעזמערן, איז געווען פּונקט אזוי ווי ער. א הויכע, א גרויסע, א שיינע און א ברייטע. שוין א ביסל צו ברייט. מע האָט פון איר געקאָנט מאַכן דרײַ ווײַבער. אויך מיטן כאַראַקטער איז זי געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער איר מאַן. ביידע זײַנען קיינמאָל ניט געווען אויפגערעגט, טאָמיד פריילעך, אויפגעלייגט, שטענדיק געלאַכט, און ליב געהאַט גוט עסן, גוט טרינקען, גוט לעבן. איז געווען פאַר וואָס — האָט מען אײַנגעקויפט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. איז ניט געווען — האָט מען פאַרוואָרפן די ציין אַפן דער פּאָליצע און געוואַרט ביז גאָט וועט צושיקן א פאַרדינסטל, וועט מען קוילען א הערינג און מע וועט געבן א לעב אונטער, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מיט קינדער האָט זיי גאָט אויך ניט פאַרזען. עס איז געווען בא זיי א גאַנצע כאַליאַסטרע, און אַלע מיט געבאָרענע טאַלאַנטן. אַלע אויסגעצייכנטע מוזיקער אַפן אַלערליי אינסטרומענטן — א זעלטענער אָרקעסטער.

אַהין האָט זיך דאָס אַרײַנגעכאַפּט דער מאָדערנער לערער פון פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך געפילט, ווי א פיש אין וואַסער. דער מאַעסטראָ אַליין האָט אים געלערנט פידל שפּילן. געצאָלט האָט ער גאָרנישט. אַווראָם דער קלעזמער איז ניט אזא מענטש, וואָס זאָל פאַר אזא הייליקע זאַך, ווי די געטלעכע מוזיק, נעמען געלט. „נאָר אויב דער לערער איז רײַך אין א פּאָר גראָשנס, בעט ער בא אים א גמילעס־כעסעדל". דאָס אייגענע אויך זײַן ווײַב, אַווראָמעלע די קלעזמערן. זי באַדאַרף גראָד אַצינד האָבן עטלעכע קאָפּעקעס אין מאַרק אַרײַן... „וועט זיך ניט געפינען בא אײַך עפּעס קליינגעלט אין קעשענע?"

פאַרשטייט זיך, אַז קליינגעלט וועט זיך טאָמיד געפינען. און אזוי ווערט ער דאָרט א היימישער, א בען־באַיִס, אַן אייגענער — און דאָס איז געווען פאַר זײַנע קאָנקורענטן די לערערס, זיי זאָלן אים באַריידן, באַוואַרפן מיט שמוץ, אים און דעם קלעזמער מיט דער קלעזמערן מיטן גאַנצן געזינדל. זיי האָבן צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז אַלץ, וואָס דער פּערעיאַסלאַווער לערער פאַרדינט, גיט ער אַוועק דער קלעזמערן, און אַז מע פּראַוועט דאָרט אַלע נאַכט הוליאַנקעס, די קלעזמער שפּילן און זיי טאַנצן — ס'איז כײַ געלעבט! עס גייט זיי ניט אָן, וואָס אָרעמעלײַט גייען אויס פון הונגער און

קלײנע קינדער שטאַרבן... דער, װאָס דערצײלט, מאַכט אַ פֿרום פּאָ־נעם און פֿאַרגלאַנצט די אױגן אַרױף, און די, װאָס הערן, שפּײַען אױס... װאָס פֿאַר אַ סמיכעס־האַפֿאַרשעס איז דאָס מיט אָרעמעלײַט? און װאָס האָט דאָס צו טאָן מיט קלײנע קינדער? װאָס באַטײַט דער שפּײַ — דאָס דאַרף מען ניט פֿרעגן. דאָרט, װוּ עס האַנדלט זיך אום קאָנקורענץ, שװײַגט דער געזונטער פֿאַרשטאַנד. קורץ, ער האָט קוים דערצױגן דעם זמאַן און איז אַנטלאָפֿן פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם שטעטל אַהײם, מוירע געהאַט אַפֿילע זיך אַרומקוקן צוריק, פֿאַרזאָגט קינדער און קינדס־קינדער מער קײן שטונדן אין די קלײנע שטעט־לעך ניט געבן. ער האָט באַשלאָסן צו זוכן זיך אַן אַנדער קאַריערע אין לעבן.

63

װידער אין דער הײם

די זיסקײַט פֿון צוריקקערן אַהײם. — ער באַגעגנט זיך װידער מיט זײַן כאַװער עליע. — מע שמועסט אין שטאָט, אַז ער שרײַבט אין „האַמאַגיד"[1]. — דאַרװין, באָקל און ספּענסער. — צװײ טיפֿן פֿון די אַמאָליקע ערשטע „עקסטערנעס".

קײן נאָמען קלינגט ניט אַזױ שײן, װי דער נאָמען „מאַמע". קײן װאָרט רעדט ניט אַזױ צום האַרצן, װי דאָס װאָרט „הײם"... אַז מע װיל קענען און אָפּשאַצן די הײם, זאָל מען כאָטש אױף אַ קורצע צײַט זיך אַװעקלאָזן, זיך װאַלגערן אַ ביסל אין דער פֿרעמד און דערנאָך אומקערן זיך צוריק אַהײם, אין דאָס הײמישע נעסט אַרײַן. יעדע זאַך באַקומט אַן אַנדער פּאָנעם, אַן אַנדער כײן. אַלצדינג װערט צװײ מאָל אַזױ ליב און טײַער. מע פֿילט זיך אַן איבערגעביטענער, אַ נײַ־געבאָרענער אױף דער װעלט.

דער העלד פֿון די דאָזיקע געשיכטעס, אַז ער איז געקומען אױף ראָשעשאָנע אַהײם, האָט ער זיך צום־אַלעם־ערשטן געלאָזט איבער דער שטאָט שפּאַצירן, אױסגעמאָסטן אַלע גאַסן, געפֿונען אַלע הײַזער און הױפֿן און גערטנער אױף זײערע ערטער. די מענטשן, װאָס ער האָט באַגעגנט, האָבן זיך װינציק־װאָס איבערגעביטן. זײ האָבן אים פֿרײַנטלעך געגריסט, און ער איז צו אַלעמען געװען פֿרײַנטלעך, װי

---

1 העברעיִשע צײַטונג פֿון יענער צײַט.

ווײַט ער האָט געקאָנט. נאָר דאָס יונגווארג, וואָס ער האָט אוועקגעלאָזט, האָט זיכ אופגעכאפט אפ די פיס אונ איז א ביסל אונטערגעוואקסנ. אונ אליינ איז ער, ווי מע האָט אים פארזיכערט, אויכ אויסגעוואקסנ, געוואָרנ „מענעשער". דערצו האָט ער זיכ אויסגעקליידט טשאקנדיק אונ קנאקנדיק, ניט געזשאלעוועט קיינ סקריפעס אינ די שיכ, אָפצאסנ הויכע, הויזנ ברייטע אונ לאנגע — נאָכ דער מאָדע. א רעקעלע א קורצ, א קאפעליושל א ווייכס, א העלס, א ביסל געלבלעכ. די האָר פארלאָזט לאנגע, מײַסע פאָעט, אונ פארקעמט אראָפ, אלא גאָגאָל.

גאנצ אנדערש האָט אויסגעזענ זײַנ כאווער עליע, וועלכער איז אויכ נאָרוואָס געקומענ צו פאָרנ אפ יאָמטעוו אהיימ, פונ זשיטאָמיר. זײַנ אוניפאָרמ איז באשטאנענ פונ א קורצ ווייטיקל, פארשפיליעט, ווי א טוזשורקע, ביז ארופ. קורצע שמאָלע הויזנ, א בלויער קאשקעט מיט א ברייטנ דאשעק, אונ אָפגעשוירנ, ווי א סאָלדאט. די ברוסט ארויסגעשטעלט, די ציינ ווײַס, די אויגנ פריילעכ — ער קאָנ זיכ גאָר זאט ניט אָנדערציילנ, ווי גוט עס איז אינ אינסטיטוט. מע גייט דורכ, זאָגט ער, העכערע מאטעמאטיק, מע לייענט רוסישע ליטעראטור, מע לערנט גימנאסטיקע, אונ ייִדיש — אפנ שפיצ מעסער: א פארשע כומעש, א קאפיטל פאָסעק[1], א שטיקל כײַ-אָדאָמ[2] — אונ פארטיק. „אָט דאָס איז די גאנצע טוירע פונעמ לערער-אינסטיטוט? אָט דער עליע וועט עס זײַנ א ייִדישער לערער? א ראָוו בא ייִדנ?"...

אויכ איז ער געוועזנ איבערראשט פונ דעמ, וואָס זײַנ כאווער עליע האָט געבראכט צו פירנ פונ דעמ ייִדישנ זשיטאָמירער לערער-אינסטיטוט א גאנצנ פאק מיט רוסישע לידער, אונ ניט איינס א ייִדיש. גלײַכ ווי ער וואָלט דאָס געקומענ צו פאָרנ פונ א „בורסע", פונ א גויִשער סעמינאריע. דאָס האָט אָבער ניט געשאדט, זיי זאָלנ בלײַבנ די זעלבע כאווײרימ, וואָס געוועזנ. שטענדיק אינאיינעמ. אומעטומ אינצווייענ. ביידע האָבנ געהאט גענוג שטאָף אפ צו ריידנ, אונ נאָכ מער — אפ צו לאכנ אונ אָפשפעטנ פונ דער גאנצער שטאָט. אונ ווי אמאָל, אינ די גוטע יאָרנ, איז מענ אוועק צומ טײַכ, געדונגענ א שיפל אונ אריבערגעפאָרנ ווײַט, הינטער דער שטאָט ארויס.

סאָפ זומער. די קעלט האָט נאָכ ניט ארײַנגעטרעטנ. נאָר דאָס פעלד איז שוינ ניט מער גרינ. ניטאָ שוינ קיינ זייכער פונ די ווײַסע

---

1 דאָ: די ווערק פונ די נעוויִימ.

2 א סייפער וועגנ די רעליגיעזע געזעצנ.

און רויטע מאַרגאַריטקעס. דער צעשערעט שטייט נאָכ אינ דער בלאָטע, נאָר ער איז שוינ געל און שיטער. רויטלעכ איז דאָס וועלדל. אוועק די צײַט פונ אויסצײַען זיכ אָפּ דער ערד. די ערד איז פײַכט און זומפּיק. די כאַווײרים זוכנ אָפּ אַנ אויסגעהאַקטנ בוים אינ וואַלד און זעצנ זיכ אוועק אַ ביסל רוענ. און מע דערציילט זיכ איינס דאָס אַנדערע אַלצדינג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָר פונ זייער צעשיידנ זיכ. מע לאָזט ניט דורכ קיינ קלײניקײַט, קיינ ברעקל. עס ווערט איבערגעגעבנ יעדער אײַנדרוק, יעדע באַגעגעניש, איטלעכע געשעעניש. און נאָכ מער קונצ, וואָס ביידע איינעמ ריידנ, ביידע לאַכנ, שלאָגנ זיכ איבער איינס דאָס אַנדערע אינ דער רעכטער מיט — און דאָכ הערט מענ זיכ און מע פאַרשטייט זיכ און מע האָט האַנאָע.

דערנאָכ ווערט מענ אַנשוויגנ. יעדער פאַרטיפט זיכ, קוקט אַרײַנ צו זיכ אינ דער נעשאָמע אַרײַנ, בלײַבט אַליינ מיט זײַנע געדאַנקענ. מע איז טאַקע נאָענטע כאַווײרים. מע האָט זיכ גערנ. מע זאָגט אַרויס איינער דעמ אַנדערנ אַלצ, נאָר ניט אײַנגאַנצנ. ניינ, ניט אײַנגאַנצנ, ניט אײַנגאַנצנ. יעדער איינער האָט זיכ זײַנע געדאַנקענ, זײַנ אידעאַל, זײַנ אייגנ וועלטל, וווּ קיינ אַנדערער, עס מעג זײַנ דער בעסטער כאַווער, האָט קיינ שליטע...

עס הייבט אָנ ווערנ ווי קילבלעכ. אויסגעלאָשנ דער טאָג. די זונ זעצט זיכ. דער וואַלד ווערט פאַרצויגנ, ווי אײַנגעהילט אינ אַ דינעמ רויכ. עס פאַלט אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ ווידערקאָל. ביידע כאַפּנ זיכ אויפ ווי פונ אַ קישעפ.

— צײַט פאָרנ אַהיימ?

— צײַט פאָרנ אַהיימ.

און מע הייבט זיכ אויפ. און מע שפּאַנט דורכ דאָס גאַנצע פעלד דורכ אַנ אויסגעטרעטענע קרומע, שמאָלע סטעזשקע. מע זעצט זיכ אַרײַנ אינ שיפל און מע זינגט אַ לידל (אַ גויִיש, ניט קיינ ייִדיש), און מע גליטשט זיכ איבערנ שמאָלנ געדרייטנ טײַכל, פאַרבײַ דעמ געלנ צעשערעט. און אַז מע קומט אַהיימ, איז שוינ פינצטער. די באַקנ פלאַמענ. די אויגנ גלאַנצנ. דער אַפּעטיט איז גרויס. מע האָט גייענדיק געקויפט אַ זיסנ קאַווּנ (אַרבוז, וואַסערמעלאָנ) מיט צוויי פרישע, ווייכע, נאָכ וואַרעמע פראַנזעלנ. און מע פּראַוועט אַ וועטשערע. און מע איז פרײלעכ. און עס לאַכט זיכ גאָר אָנ אַ וואָרומ און אָנ אַ זינ.

דער זייַטיקער האָט געקאָנט מייגען, אז ביידע זייַנען גלייַך צופרידן, גלייַך גליקלעך — יונגע, געזונטע קינדער, וואָס פעלט זיי? אינ טאָכ אויינ איז אָבער נאָר איינער פונ זיי (עליע) געווענ בעעמעס א גליקלעכער. דער צווייטער (שאָלעמ) האָט זיכ געפילט אָנגעבראָכנ, ניט אפנ ריכטיקנ וועג. זייַנ איינציק שטיקל טרייסט איז געווענ דאָס, וואָס די שטאָט האָט געקלונגענ מיט זייַנ האפטוירע-זאָגנ אינ בעסמעדרעש אונ מיט זייַנ קענענ טאנאכ אונ העברעיִש אונ מיט זייַנ שרייַבנ. אלצ אזעלכע זאכנ, וואָס פאר זייַנ כאווער עליע איז דאָס א סאָד. ניט פאר אימ געדאכט. ווי קומט צו עליענ אזא יִדיש שרייַבנ? לאָשנקוידעש? מעליצע? דערופ איז נאָר ער, נאָכעמ ראבינאָוויטשעס זונדל, קלאָר אינ אלע האסקאָלע־ביכלעכ, ווי א וואסער. לייענט דעמ „האמאגיד". א וווּנדער, וואָס ער אלֵיינ שרייַבט נאָכ ניט אינ „האמאגיד". נאָר פונוואנענ ווייסט מענ, אז ער שרייַבט ניט? עפשער שרייַבט ער אונטער א פארשטעלטנ נאָמענ?..

אזוי שמועסט מענ אינ פערעיאסלאוו. אונ מע רינגלט אימ ארומ מיט א באזונדערנ אָרעאָל, אונ ער וואקסט אויס בא זיכ אליינ אינ די אויגנ מיט א קאָפּ העכער. אונ ער ווערט סאָליד. ער זוכט ניט מער קיינ כאווערשאפט מיט קיינעמ פונ די פריִעריקע ווייַסע-כעוורעניקעס. ער פארשרייַבט זיכ אינ דער שטאָט-ביבליִאָטעק. טראָגט אהיימ גראָבע ביכער. לייענט ד א ר ו י נ, ב אָ ק ל, ס פּ ע נ ס ע ר. שארט זיכ ארומ די גרויסע, בארימטע, אופגעקלערטע באָכערימ אינ שטאָט, באָכערימ אווטאָדידאקטנ. אזעלכע, וואָס האָבנ אליינ, מיט זייער זיצנ אונ קוועטשנ די באנק, דורכגעמאכט א גאנצנ קורס, בייַגעקומענ לאטייַנ אונ גריכיש, דורכגעגאנגענ געאָמעטריע אונ אלגעברע, אונ טריגאָנאָמעטריע, אונ פּסיכאָלאָגיע, אונ פילאָזאָפיע, גרייט געווענ כאָטש הייַנטיקנ טאָג ארייַנטרעטנ גלייַך אינ אוניווערסיטעט ארייַנ. זיי האָבנ נאָר ניט אפ דער הויצאָע. צוויי טיפּנ פונ די אמאָליקע ערשטע עקסטערנעס. איינער האָט געהייסנ כייַטע רודערמאנ, דער אנדערער — אווּרעמל זאָלאָטושקינ. ביידע זייַנען טויט אונ פארדינענ באשרייַבנ צו ווערנ כאָטש אינ עטלעכע שורעס אינ די דאָזיקע זיכרוינעס.

כייַטע רודערמאנ איז געזעסנ ווייַט הינטער דער שטאָט ארויס, אָפּגעזונדערט פונ דער וועלט אונ פונ מענטשנ. דאָס איז געווענ א זונ פונ דעמ מעלאמעד מוישע-דאָוויד רודערמאנ, וועלכער איז באשריבנ אינעמ ערשטנ טייל פונ דער ביִאָגראפיע, אונ א ברודער פונ שימענ רודערמאנ, וואָס האָט געהאלטנ בא שמאדנ זיכ, נאָר די

שטאָט האָט אים ארויסגעראַטעוועט פון מאָנאַסטיר און אוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר אין דער ראבינער־שול. כּײַטע איז גאָרניט געווען געראָטן אין זײַן בלאָסן, יאַדישלעוון ברודער שימען. דאָס איז געווען א באָכער א געזונטער, א ברייטביינער, א שיינער יונגאַטש מיט רויטע פּוקע באַקן. מוישע־דאָוויד דער מעלאַמעד איז געשטאָרבן פון אַן אַסטמאַ־הוסט, און זײַן ווײַב די אַלמאָנע, כּײַטעס מוטער, איז געוואָרן א סאַרווערקע אַף פרעמדע כאַסענעס, געבאַקן לעקעכער. דאָס האָט איר געגעבן מיטלען צום לעבן און אויסצוהאַלטן איר זון, וואָס האָט געוווּסט נאָר איין זאַך — ביכער, ביכער און ביכער. מיט קיינעם אין דער וועלט האָט זיך כּײַטע ניט אָנגעקערט. זעלטן ווער עס האָט זוכע געווען מיט אים צו ריידן. נאָר אַלע האָבן געוווּסט, אַז כּײַטע קען, כּײַטע איז קלאָר אומעטום. כּײַטע איז טיף. ווער עס האָט געהאַט אַמאָל א זכיע מיט אים צו באַגעגענען זיך, איז געווען איבעראַשט פון אָט דעם באַהאַלטענעם פילאָזאָף. כּײַטע, אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער געשאָטן מיט פײַער, געמאַכט א טעל פון אַלץ און פון אַלעמען, מעוואַטל געווען די גאַנצע וועלט. זײַן צונג איז געווען א פײַל. זײַן געלעכטער איז געווען גאַל. זײַן וויץ איז געווען גיפט. פונוואַנען האָט דער פּאָרעש אַזוי געקענט די וועלט? דאָס בלײַבט א סאָד און א רעטעניש אַף אייביק. איינמאָל אין א זומער האָט ער זיך אָפּגעבאָדן אין טײַך, פאַרקילט זיך און איז פון טובערקוליאָז, א באָכער פון צוויי און צוואַנציק יאָר, געשטאָרבן.

דער צווייטער פילאָזאָף אויטאָדידאַקט, אַורעמל זאָלאָטושקין, איז שוין געווען ניט קיין פּאָרעש, ניט קיין פאַרבאָרגענער. א יונג א פריילעכער, א הייסער ברונעט, מיט פײַעריקע שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע, שטאַרק געגרײַזלטע האָר, אַליין אויך א שוואַרצער, ווי אַן אַראַב, מיט ווײַסע לאַכנדיקע ציין, א ביסל א הייזעריקע שטימע, ליב געהאַט אָנטאָן זיך, ווי אַן ענגלענדער, קעסטלדיקע הויזן, א מאָדנע מיצל אַפן קאָפּ, און ווינטער א מעגושעמדיקן הענגקאָלנער. אָנגעליינט איז זאָלאָטושקין געווען, ווי א פויק. געקענט ה ײ נ ע אַף אויסווייניק. נאָר ליב האָט ער געהאַט ד י ק ע נ ס און ט ע ק ע ר ײ, ס ווי פ ט, ס ע ר וואַ נ ט ע ס און אונדזער ג אָ ג אָ ל ן. און איז אַליין אויך געווען א הומאָריסט. דאָס הייסט, ער האָט שטילערהייט פאַר זיך געשריבן א סאַך הומאָריסטישע זאַכן, און קיין איינציקע שורע ניט געוואָלט ניט אָפּדרוקן, ניט באַווײַזן קיינעם. בעטעווע

געוועג א גרויסער אקשג, א צולאָכעסניק, אג אָפּשפּעטער אוג א פּאר־טיפּטער איג זיך. געלעבט האָט ער פוג דעם, וואָס ער איז געוועג א שרײַבער קאָל־יאַמאָוו איג דער מעשטשאַנסקי אופּראווע. זײַג קסאָוויאַד איז געוועג פּונקט אזוי געגרײַזלט, ווי זײַגע האָר. ער איז געשטאָרבג אג אלטער באָכער אריבער פערציק.

אָט דאָס זײַנעג געוועג די צוויי גרויסע שטערג, ארום וועלכע שאָלעם האָט זיך געריבג אוג פוג וועלכע ער האָט גענאשט וויפל עס האָט זיך געלאָזט. צווישג זיך זײַנעג די צוויי שטערג, כײַטע רודער־מאַג אוג אוורעמל זאָלאָטושקיג, געוועג פײַער מיט וואסער. זיי האָבג זיך קיינמאָל ניט באגעגנט אוג ניט געקענט אפילע. אוג דאָך האָבג זיי זיך אזוי פײַנט געהאט, אז מע האָט ניט געטאָרט דערמאָנעג פאר איינעם דעם אנדערנס נאָמעג. מיר וועלג זיך נאָך מיסטאמע באגע־גענעג מיט זיי איג אונדזערע ווײַטערע באשרײַבונגעג.

64

ער פאָרט אפ א רײַכע שטעלע

„פּוסטעפּאס". — יִסראָעל בענדיצקי גיט אג אייצע, אוג דער פּאָטער שרײַבט א בריוו צום „מאגנאט". — ער לאָזט זיך ווידער איג דער וועלט ארײַג אוג בלײַבט מיט איינ פּיטאקל. — בא די טויערג פוג גאניידג. — דער קאלטער באָרעכאבע.

וואָס וועט זײַג ווײַטער?

פוג אלע פּראָפעסיעס, וואָס זײַנעג פריִער געװעג א גאנצער שלאל, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. די שטונדג האָבג זיך צע־קראָכג. פּאָרג שטודירג — איז ניט געוועג מיט וואָס. זיצג באם טאטג אפ קעסט איז אויך ניט זייער ליב. אויבּפּראַט נאָך דעם, ווי מע איז שוינ געוועג א זעלבשטענדיקער מענטש פאר זיך. אוג כאָטש דער טאטע האָט געקליבג טײַנעג פוג זײַג זוג דעם קענער אוג דעם מאס;ל, דאָך האָט דאָס אים געקרענקט אוג געעלטערט, וואָס זײַג זוג גייט ארום באָטל אָג א שום ארבעט. וואָס וועט זײַג דער טאכלעס? אוג די שטיפמאמע, וועלכע האָט געהאט געקוקט אפ דעם זעלבשטענדיקג שטיפזוג מיט א געוויסער דאָזע פוג רעספּעקט, האָט אצינד מיטאמאָל פארלאָרג דאָס גאנצע ביסל דערעכערעצ פארג „פּוסטעפּאסניק". זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבג אירע אמאָליקע זאכג: קוקג מיט איינ

אויג, אריַינוואַרפֿנ א שטעכווערטל, זאָגנ דער שוויגער און מיינען די שנור... דאָס אלץ האָט דעם טאטנ מעקאצער-יאָמים געווענ, און דער העלד אליינ האָט פארטיפט זיך אינ זיַינע ביכער, אָדער אָנגערוקט דאָס היטל, גענומענ דאָס שטעקעלע און אוועק צו זיַינע אויבנ באשריבענע באקאנטע פילאָזאָפֿנ, צו כּייטע רודערמאנ אָדער צו אוורעמל זאַלאַטושקינ. מיט זיי האָט ער ליב געהאט צו דיסקוטירנ וועגנ אבסטראקטע זאכנ, וועלט-פּראָבלעמענ. כּייטע רודערמאנ, דער פעסימיסט, האָט, ווי זיַינ שטייגער איז, געזידלט די גרעסטע מענטשנ, ניט אנערקענט קיינ אווטאָריטעטנ, געפּיַיפט אפ דער גאנצער וועלט. דערפאר האָט אָבער דער אָפּטימיסט זאַלאַטושקינ ציטירט פונ היינע און בערנע גאנצע שטיקער מיט א באזונדערנ ניגנ, געגריַיזלט בייס-מיַיסע דעם טשוביק פונ זיַינע געגריַיזלטע האָר און זיך אָנגעוואָרעמט מיט אזא היסלייַוועס, ווי א פארברענטער כאָסיד, בייס ער זאָגט נאָך דעם רעבנס טוירע.

דאָס אלצדינג איז אָבער געווענ ניט מער ווי א מיטל אפ די ציַיט צו פארטריַיבנ. עס האָט זיך געפילט א פּוסטקיַיט אינ דער נעשאָמע און אנ אומזיסט פארלירנ פונ ציַיט און פונ ענערגיע. עס האָט זיך געבענקט נאָך ארבעט. עס האָט זיך געריסנ אינ דער וועלט אריַינ. עס איז ניט ליב געווענ דאָס לעבנ. זיך אליינ נימעס. נימעס און מאָעס.

נאָר דער גאָט, וואָס פארלאָזט ניט קיינעם, האָט זיך אומגעקוקט אויך אפ דעם פארלאָרענעם העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע. אים איז געקומענ צו הילפ זיַינ טאטנס א גוטער פריַינט מיטנ נאָמענ ייסראָעל בענדיצקי. דער דאָזיקער פארשוינ, כאָטש ער איז, אייגנטלעך, געווענ ניט מער ווי א קלעזמער, דאָך האָט ער געשפילט אינ שטאָט א ראָליע פונ א זייער אָנגעזעענעם באַלעבאָס. געשפּילט האָט ער נאָר אפ געהויבענע רײַכע כאסענעס, זיך גערעכנט פאר דיריזשאָר און קאפעלמיַיסטער. זיַינ הויפט-געשעפט איז געווענ — א רײַכע פריצישע אכסאניע. ער איז אויך געווענ דער איינציקער פאָטאָגראף אינ שטאָט. דערצו איז ער געווענ גלאט א שיינער ייִד, א הויכער, אנ אויסגעפוצטער, מיט א זעלטנ שיינער קײַלעכיקער שווארצער באָרד. געטראָגנ א שווארצנ געוועטענעם הענגקאָלנער, א הויכנ קאפעליוש און לעדערנע קאלאָשנ מיט מעשענע אָפּצאסנ. א ציגנגל האָט ער געהאט א געשליפענעם, גערעדט זיס און קײַלעכיק און מער אפ רוסיש: „ווידטילי״... „מעזשדו פראָטשים״... „סליעדאָוואטעלנאָ״...

דער דאָזיקער בענדיצקי איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין קלוב, דאָס הייסט, צו ראַבינאָוויטשן אין דער „טאַבאַטשנע״ — אַ ביסל שמועסן. איינמאָל איז מען געזעסן אַזוי און געשמועסט, דערציילט בענדיצקי, ווי אַ מאַסיאַכ-לעפּי-טומוי[1], אַז די טעג האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים אײנער אַ ייִד, אַן אוישער, אַ גוויר, אַן אַדיר, אַ מאַגנאַט, מיטן נאָמען ק. זיצן זיצט דער דאָזיקער „מאַגנאַט״ אין אַ קליינעם שטעטעלע אין ט. (קיִעווער גובערניע). מע קאָן זאָגן, אַז ס׳איז אַ דאָרף, ניט קיין שטעטל. און ער האָט קינדער, צו וועלכע ער זוכט מיט ליכט עפּעס אַ רעכטן לערער, אַ רעפּעטיטאָר, אויף ייִדיש און רוסיש צוזאַמען. נאָר דער לערער זאָל זײַן אַ געראָטענער, אַ קענער, און, מעזשדו פּראָטשים, אַ טאַטנס אַ קינד.

לאָזט זיך אויס, אַז דער טאַטע קען דעם דאָזיקן „מאַגנאַט״ נאָך פון לאַנג. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אַז דער „מאַגנאַט״ ק. איז נאָך געווען אַ קליין מענטשעלע, זיך געדרייט אַרום אַ פּאָרעץ, איז ער געשטאַנען סטאַנציע בײַ ראַבינאָוויטשן אין דער אַלטער אַכסאַניע און געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן אַ „גוט ברודערל״. דערהערט אַזאַ מײַסע, רופט זיך אָן בענדיצקי: „סליעדאָוואַטעלנאָ, האָט דאָך גאָט אַליין מיך געשיקט צו אײַך פאַר אַ שאַליעכ! אויב אַזוי, וועל איך אײַך געבן אַן אייצע, אַז איר זאָלט באַלד אוועקזעצן זיך און אָנשרײַבן אַ רעכטן, אַ פײַנעם בריוו, מעזשדו פּראָטשים, אויף לאָשנקוידעש, אַזוי ווי איר קענט און אַזוי ווי אַזאַ מאַגנאַט שטייט אָן, און דער באָכער, ווידטילי, זאָל ניט מעדליעווען און זאָל גלײַך אַוועקפאָרן מיט דעם דאָזיקן בריוו קיין ט. און פאַרנעמען די שטעלע, און סע זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ — אָמיין״.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ בריוו, אַ שיינער פּײַערדיקער מעליצע-בריוו מיט אַזאַ שיינער שפּראַך, אַז עס קאָן רירן אַפילע אַ שטיין. דער טיטל אַליין האָט פאַרנומען דרײַ לאַנגע שורעס, אין וועלכע עס זײַנען געווען אויסגערעכנט אַזויפיל מײַלעס און שוואָכים, אַז ווען אַפילע דער „מאַגנאַט״ זאָל פאַרמאָגן נאָר אַ דריטכײלעך פון זיי, וואָלט ער אויך געקאָנט זײַן אַן אידעאַל פון אַ מענטשן... אָנגעוואָפּנט מיט אַזאַ שטאַרקער פּראָטעקציע, לאָזט זיך דער יונגער רעפּעטיטאָר אַוועק נאָכאַמאָל אין גאָטס וועלט זוכן גליק. קיין איבעריקע געלטן מיט זיך, דאַרף מען דעם

---

1 געמיינט: דערציילט און דערבײַ גאָרניט אויסן געווען.

עמעס זאָגנ, האָט ער ניט מיטגעפירט. קיינ אקרעדיטיווג אינ די בענק האָט ער אויכ ניט געהאט. דאָס ביסל, וואָס ער האָט פארדינט פונ זײַנע שטונדנ, האָט ער דעמ גרעסטנ טייל פארטראנזשירט, זיכ אויס־געקליידט, ווי א פרינצ. דאָס איבעריקע האָט צוגענומענ די באנ. הײַנט איז מענ דאָכ עפּעס א לעבעדיקער מענטש. אפּ יעדער סטאנ־ציע שטעלט מענ זיכ אָפּ. די פּאסאזשירנ שיטנ ארויס פונ די וואַ־גאָנעס אונ לויפנ צו צומ בופעט. מע כאפט זיכ צו, ווער צו די פלעשלעכ מיט די גלעזלעכ, ווער צו די הייסע פירעזשקעס. ווער עס הייסט זיכ געבנ א גלעזל טיי אונ ווער א פלעשל סאָדע־וואסער. מע טרינקט דאָס אויס אל־רעגל־אכאס[1] אונ מע באצאָלט דעמ קעלנער טרינק־געלט פונ דער ברייטער האנט, מײַסע באנקיר, אָדער אָפּיצער, — לאָז ער וויסנ דערעכערעצ, — אונ אזוי איז אפּ יעדער סטאנציע. דאָס ביסל מינצ ווערט צעקראָכנ, צעגאנגענ, אזוי ווי שניי אפּ דער זונ. אינ בײַטעלע באָמבלט זיכ נאָכ עפּעס א מינ פּיטאקל. נאָר ווער טראכט וועגנ דעמ? א מענטש פאָרט אפּ א גרייטער זאכ. אזא שטעלע! אונ אָנגעוואָפּנט מיט אזא פּראָטעקציע — ווּעמענ הערט ער?

און אז ער איז געקומענ קיינ ט., ארומ פארנאכטלעכ איז דאָס געוועזנ, האָט ער זיכ ארומגעקוקט, אז ער איז נאָקי, ריינ פונ געלט, פאר־מאָגט זײַנ אייגנס דאָס איינע פּיטאקל. אונ דאָכ האָט ער אפילע אפּ קיינ מינוט זיכ ניט פארטראכט. אדעראבע, ער האָט זיכ געפילט אזוי גוט, ווי נאָכ קיינמאָל ניט אינ זײַנ לעבנ. דאָס אליינ, וואָס ער איז פרײַ געוואָרנ פונ די רזשישטשעווער אינטריגאנעס לערערס, טארא־קאנעס אונ וואנצנ — וואָס איז עס ווערט? מיט פולע לונגענ האָט ער ארײַנגעאָטעמט אינ זיכ די געזונטע אָסיענדיקע לופט. די זונ איז שוינ לאנג פארשווונדנ אפּ יענער זײַט וואלד, וואָס האָט געשמעקט מיט דעמבענעמ אונ סאָסנאָווג רייעכ.

ארויסגעשפרונגענ פונ וואגאָנ, האָט זיכ דער יונגער רעפּעטיטאָר געלאָזט גלײַכ צומ גוויר — אימ איבערגעבנ דעמ בריוו. פארגינט זיכ אזא „מאגנאט” צו זיצנ העט־וויַט אינ אלדי גוטע יאָר ארויס פונ דער שטאָט, אינ א ווײַסנ פּאלאצ מיט א גרויסנ גרינעמ גאָרטנ, ארומגעגרײַזעט מיט געפּארבטע שפּיצעכיקע צאצקעדיקע שטאכעטנ.

1 אפּ אייג פוס, אפּ גיכ.

צוטרעטנ צו אימ איז ניט אזוי גרינג, ווי מע קאָנ זיך פאָרשטעלנ. ערגער ווי צו א פאָרעצ. נאָר אז מע איז אָנגעלאָדנ מיט אזא שטארקער פראָטעקציע, קאָנ מענ שוינ גיינ אפילע צומ קייסער אליינ... אזוי טראכט זיך דער העלד, נאָר ער האָט א טאָעס. וואָרעמ נאָך אלעמענ איז דער גאניידנ גאָר ניט אזוי גוואלדיק, ווי דער וועג, וואָס פירט צומ גאניידנ. א סוואָרע, אז איידער מע טרעט צו צו אזא גוויר, מוז מענ דורכגיינ פריִער אלע שיווע-מעדורע-גענעמ. בא אזא „מאגנאט" איז פאראנ דרייַ זאכנ, וואָס מע מוז פריִער דורכמאכנ, איידער מע איז זוכע צו זענ זייַנ פאָנעמ. אונ אפילע, אז איר האָט שוינ דורכגעמאכט אלע דרייַ זאכנ, זייַט איר נאָך אלצ ניט פארטיק. איר קאָנט גיינ אונ גיינ אונ אוועקגיינ מיט דעמ, וואָס איר זייַט געקומענ. וואָס זייַנענ די דרייַ זאכנ? — 1) א סטרוזש, א הויכער טרוקענער אָרל[1] מיט קרומע פיס. אז ער גייט, קאטשעט ער זיך. זייַנ נאָמענ איז פאנטאליי אונ זייַנ אוודע — ער זיצט באמ טויער, אזוי ווי, לעהאוודל, מאָרדכע דער ייִד באמ קיניג אכאשווירעש. 2) א שווארצער קעלעוו, א בלינדער אפ איינ אויג, אזוי ווי בילאָמ[2]. זייַנ נאָמענ איז זשוק. דעמ דאָזיקנ קעלעוו-שעביקלאָווימ האלט מענ צוגעבונדנ צו א בוימ אפ אנ אייַזערנער קייט — אניט וואָלט ער דוירעס געווענ מענטשנ. אונ 3) א יונג א מעשאָרעס, וואָס טראָגט א קויטיקע מאנישקע, א גאָלדענעמ רינג אונ גייט פארקעמט מיט א שרונט אקוראט אינמיטנ קאָפ. די שווארצע האָר שטארק אָנגעשמירט מיט פעטנ אונ שמעקנ מיט א רייעך פונ אָדעקאָלאָנ, געמישט מיט ציבעלעס, נאָר די אויערנ זייַנענ פול מיט בלאָטע אונ די נעגל ארומגעברעמט מיט שווארצנ. דורכגיינ אָט די דרייַ אינסטאנציעס איז ניט פונ די קלייניקייַטנ. קוידעמקאָל דארפט איר זיך באקענענ מיטנ סטרוזש פאנטאליי, וואָרעמ אז ער דערזעט א פרעמדנ מענטשנ, טוט ער אימ א פרעג: „שטאָ נאדאָ?" גייט דערציילט פאנטאלייענ א מייַסע וועגנ א בריִו אונ וועגנ א שטעלע. איז אָבער פאנטאליי ניט קיינ שלעכטער גוי. א „פיטאקל" איז בא אימ א מאטבייע. אוועקגעשווומענ דאָס אייניציקע, דאָס לעצטע פיטאקל!.. דערפאר איז פאנטאליי א גוטער ברודער. א סאך ערגער פונ דעמ אָרל איז זשוק. דער קעלעוו איז טאקע אפ א קייט. נאָר א הונט בלייַבט א הונט. ער בילט אונ

1 א שאָוויניסטישער צונאָמענ אפ ניט קיינ ייִדנ.
2 א לעגענדארע (ביבלישע) פערזאָנ, ווערט געשילדערט אלס א שלעכטער מענטש.

שפּרינגט אונ ריַיסט זיכ, דער קעלעוו־שעביקלאָווימ, מיט אַלע קוי־כעס, א גליק, וואָס פֿאַנטאַליי איז דאָ בא דער זײַט. שרײַט ער אָנ אָפּ אימ, שעלט אימ מיט טויטע קלאָלעס אונ זאָגט אימ מוסער — א גאַנצע דראָשע. נאָר שווערער פֿונ אַלצ איז די דריטע אינסטאַנציע — דער מעשאָרעס. דער האַלט זיכ גאָר פֿאַר א גאַנצ קנעפּל, פֿרעגט אויס בא אײַכ איטלעכס ברעקל, נעמט אָפּ אַנ עקזאַמענ: ווער איר זײַט? פֿונוואַנענ איר קומט? אונ וואָס איר דאַרפֿט? א יונג א בלאַזנ[1]. מיט אימ איז גלײַכער איר זאָלט זיכ האַלטנ פֿונדערווײַטנ, קוקנ אָפּ אימ פֿונ אויבנ אַראָפּ. אַניט — ווערט ער אײַכ קריכנ אָפּנ קאָפּ. דער העלד פֿונ די געשיכטעס ווייסט עס פֿונ זײַנ אייגענעמ דערפֿאַרנ. דער מעשאָרעס האָט אימ א נעמ געגעבנ אָפּנ צימבל: פֿונ וועמענ איז דער בריוו? וואָס שטייט אינ בריוו? אונ וואָס פֿאַר א געשעפֿט ער האָט? א שטעלע? וואָסער א שטעלע? אינ „זאַוואָד"? אָדער אינ די „עקאָנאָמיעס"? אויב אינ „זאַוואָד" — זײַנענ אַלע שטעלעס פֿאַרנומענ. אונ אויב אינ די „עקאָנאָמיעס" — זײַנענ אויכ אַלע שטעלעס באַזעצט. סײַדנ א לערער־שטעלע? זײַנענ אָבער דאָ באַלאָנימ איבערגענוג. אָט גייט נאָכ איינער מיט א הענגקאָלנער, זייער א וואַזשנע לערער — האָט ער אָבער א כיסאָרנ: ער איז א שויטע, כאָטש בראָקט אימ אינ קרויט. דערפֿאַר האָט ער א מײַלע, וואָס ער איז מיט א באָרד, וועלנ די פּאַניטשלעכ מיט די באַרישניעס פֿאַר אימ האָבנ דערעכ־ערעצ.

— פֿאַר אײַכ ניט, ווײַל איר זײַט נאָכ יונג, וועלנ זיי אײַכ אָפּדרייענ דעמ קאָפּ... אונדזערע פּאַניטשלעכ מיט אונדזערע באַריש־ניעס — עס וואָלט געמעגט קומענ אָפּ זיי א כאָליערע אינ איינ טאָג!..

אזוי לאָזט אויס דער מעשאָרעס אונ פֿאַרבײַסט מיט א שיינעמ יעוואַרעכעכאָ [2], נעמט צו באמ באָכער דעמ בריוו, לייגט אימ אַרופֿ אָפּ א זילבערנ טעצל אונ ווערט פֿאַרשווונדנ אינ די ווײַטע אַפּאַרטאַמענטנ. אינ עטלעכע מינוט אַרומ איז דער מעשאָרעס געקומענ צוריק מיט ליידיקע הענט אונ אָנ א שומ רעזולטאַט. דעמ בריוו האָט, זאָגט ער, דער „מאַגנאַט" געעפֿנט, א קוק געגעבנ, אונ, ניט געלייענטערהייט, אַוועקגעלייגט.

וואָס איז די מײַסע? — דאָס וועלנ מיר זענ ווײַטער.

---

1 א לעצ.

2 א בראָכע, דאָ — איראָניש.

65

אינ כאָלעמ אונ אפ דער וואָר

אפ דער סטאנציע אינעמ קלײנ שטעטעלע. — „בערל דער רויטער“ טאפט בא אימ ווערטער. — דער העלד לײגט זיכ שלאָפנ א הונגעריקער אונ גײט אוועק אינ אוילעמ־האדימיענ ארײַנ. — ווידעראמאָל דער „אויצער“. — ער באגעגנט זיכ מיט א טאָכטער פונעמ „מאגנאט“, אונ פונ זײַנע כאלוימעס לאָזט זיכ אויס א טײַכ.

באקומענ באמ „מאגנאט“ פונ ט. אזא קאלטנ באָרעכאבע, האָט אונדזער העלד פונדעסטוועגנ נאָכ ניט פארלאָרנ זײַנ קוראזש אונ זײַנ האָפענונג האָט ער ניט אופגעגעבנ. ער האָט זיכ געטראכט: „וואָס א גוויר א מאגנאט קאָנ זיכ פארגינענ! עפשער איז אימ דער קאָפּ ניט דערבײַ? ניט הײַנט — איז מאָרגנ“... דערווײַל די צײַט שטײט ניט. עס הײבט אָנ צו ווערנ שטאָק־נאכט. מע באדארפ א טראכט טאָנ וועגנ נאכטלעגער, אויסזוכנ א סטאנציע. ער האָט זיכ געלאָזט זוכנ אונ האָט אויסגעזוכט די אײנציקע סטאנציע אינעמ שטעטעלע ט. — א שטיבל אפ הינערשע פיסלעכ. דער באלעבאָס איז נאָכ א יונגערמאנ, טאקע דעמ „מאגנאטס“ א נאָענטער קאָרעוו. א ייִד א רויטער, מיט א רויט־פײַעריקער באָרד. זײַנ נאָמענ איז „בערל דער רויטער“. אז ער רעדט, פארמאכט ער די אויגנ אונ שמײכלט. א מאָדנער ייִד. ער אינטערעסירט זיכ אײַכ מיט איטלעכס ברעקעלע. ער דארפ אלצדינג וויסנ, וואָס בא אײַכ טוט זיכ, אונ איז גרײט צו יעדער צײַט אײַכ באהילפיק זײַנ מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעכ. אזוי זאָגט ער. ער קאָנ אײַכ געבנ אנ אײצע, פאָלגנ א גאנג, זאָגנ א גוט וואָרט פאר אײַכ בא זײַנ רײַכנ קאָרעוו אינ הויפ, אונ טאקע אונטערשטיצנ מיט א באשײדענעמ וואָרעמעס, מיט א גלעזל טײ, עס שטײט בעמײלע א גרויסער סאמאָוואר מיט א טשײַניק. טײ טרינקט ווער עס וויל אונ ווער עס וויל ניט.

אויסגעטאפט באמ יונגנ אוירעכ, ווער ער איז אונ ווער זײַנ טאטע איז, לאָזט זיכ אויס, אז ער קענ אימ זײער גוט. ער איז ניט אײנ מאָל געשטאנענ בא זײַנ פאָטער אינ דער אכסאניע. איז ער בא אימ נאָכ טײַערער געוואָרנ. גאָר אנ אָנגעלײגטער גאסט! וויבאלד אזוי, מעג ער זיכ וואשנ אונ גײנ צומ טיש גלײַכ מיט אלעמענ. געפעלט

ניט דעם גאסט, וואָס מע קוקט אפ אימ, ווי אפ אנ אָרעמ-באָכער... ער איז נאָכ גענוג גרויס בא זיכ, ער זאָל ניט וועלנ עסנ לאסקעווע ברויט בא א ייִדנ אנ אָרעמאנ, וועלכער לעבט מיסטאמע פונ די ברעקלעכ, וואָס פאלנ אראָפּ פונ דעמ רײַכנ קאָרעווס טיש... אונ ער טראכט אויס א ליגנ, אז ער איז גאָר ניט הונגעריק, אז ער איז שוינ א געגעסענער...

וויפל דער באלעבאָס, בערל דער רויטער, מוטשעט אימ ניט, ער זאָל אימ זאָגנ, וואָס פאר א געשעפט ער האָט צו זײַנ רײַכנ קאָרעוו, טאָמער קאָנ ער אימ א טויווע טאָנ, — וויל ער אימ ניט זאָגנ. עס שטייט אימ ניט אָנ, אז א זײַטיקער ייִד, אונ נאָכ א רויטער דערצו, זאָל זיכ ארײַנמישנ אינ זײַנע געשעפטנ.

בערל דער רויטער טאפט ווערטער. דער באָכער מאכט זיכ טאמעוואטע, גלײַכ ווי ער פארשטייט ניט, וואָס דער ייִד מיינט. לאָזט זיכ אויס, אז דער ייִד ווייסט גאנצ גוט, וואָס דער באָכער דארפ צו זײַנ רײַכנ קאָרעוו. נאָר ער וויל דאָס הערנ פונ אימ אליינ. אונ ער דערציילט אימ א מײַסע, באשער אזויווי דער קאָרעוו זײַנער, דער „מאגנאט", זוכט א לערער צו די קינדער, האָט ער אויסגעפויקט איבער דער גאָרער וועלט, אונ עס האָבנ זיכ א לאָז געגעבנ צו אימ לערערס, יונגע אונ אלטע, מיט פּראָטעקציעס אונ רעקאָמענדאציעס פונ באָסלאוו, פונ קאניעוו אונ פונ טאראשטשע — „ייִדנ זוכנ פארנאָסע, ווילנ א שטיקל ברויט"... אזוי לאָזט אויס בערל דער רויטער, אונ די ווערטער „פארנאָסע" אונ א „שטיקל ברויט" קלינגענ פאר אונדזער יונגנ העלד, ווי א באליידיקונג. אונ טאָמער איז קארג, גיסט אונטער דער רויטער ייִד בוימל אפנ פײַער אונ זאָגט, אז ס'איז א גאָטס ראכמאָנעס אפ די קאנדידאטנ, „וואָרעמ זיי זײַנענ נעבעכ הונגעריק"... עס ווײַזט זיכ אימ אויס, אז אָט דער רויטער ייִד צילט דאָס גראָד אפ אימ... דער ייִד ווייסט, אפּאָנעמ, אז דער העלד לייגט זיכ שלאָפנ א הונגעריקער.

ער ווייסט ניט, צי עס כאָלעמט זיכ אימ, אָדער ער פאנטאזירט עס וואכנדיק, נאָר עס שטעלט זיכ אימ פאָר אזא מעשונע-מאָדנער אומגעלומפערטער געדאנק: אז ער האָט גאָר קיינ שום בריוו צומ „מאגנאט" ניט איבערגעגעבנ, נאָר ער איז גלאט אזוי ארײַנגעטרעטנ צו אימ אלס באדינער... אונ אז ער איז בא אימ א „מענטש", ווי

אלע „מענטשנ“... נאָר ער געפעלט זייער דעם „מאגנאט“... אונ דער „מאגנאט“ רופט אים ארײַנ צו זיכ אונ פרעגט אים, ווער ער איז אונ פונוואנענ ער איז?.. אונ אז ער דערזעט, מיט וועמענ ער האָט צו טאָנ, הייבט ער אים אופ אונ גיט אים א העכערע שטעלע... אונ עס גייט אוועק א קורצע צײַט, ווערט ער בא אים קאָלוועלאָכ[1] איבער אלע „מענטשנ“ אונ איבערנ גאנצנ „הויפ“... אונ דער סטרוזש פאנטאליי, אונ דער הונט זשוק, אונ דער בלאזנע מעשאָרעס — אלע ציטערנ פאר אים איימאסמאָוועס... אונ ער שרײַבט א בריוו צומ טאטנ אהיימ, מיט א שיינער מעליצע, אפ העברעיִש געוויינלעכ, אונ ניט גלאט א פוסטנ בריוו, נאָר מיט עטלעכע פרישע קנאקנדיקע הונדערטער — א מאטאָנע דעם טאטנ אפ יאָמטעוו... אינעמ בריוו שרײַבט ער ארויס דעם טאטנ רויוו גאָדלוי ווערויוו אָשרוי[2], מאָלט אים א בילד, וויִאזוי ער פאָרט ארויס מיט דרײַ פאָר פערד נאשפיצ... פרעגט מענ איינס דאָס אנדערע: „ווער פאָרט דאָס?“ ענטפערט מענ: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָכ דער גלאוונע אופראווליאיושטשע“... „אזא יונגערמאנ?!“...

עס איז שוינ גרויסער טאָג. פונ בערל דעם רויטנס קיכ לאָזט זיכ הערנ א קלאפערײַ אונ עס טראָגט זיכ פונ דאָרט א רייעכ פונ פרישנ, נאָרוואָס אויסגעבאקענעמ ברויט אונ געפראזשעטער מילכ. דער העלד כאפט אפ זיכ גיכ דאָס אָנטאָנ אונ לאָזט זיכ אינ „הויפ“ ארײַנ, באקומט אנ אאודיענצ באמ מעשאָרעס אונ ווערט געווירע, אז דער „מאגנאט“ האָט דעם בריוו נאָכ ניט געלייענט... גייט ער מיט א פארביטערט הארצ צוריק אפ דער אכסאניע, באגעגנט זיכ מיטנ רויטנ באלעבאָס. מיט צוגעמאכטע אויגנ, ווי זײַנ שטייגער איז, טוט אים בערל דער רויטער א פרעג גלאט אזוי פונ יויצע וועגנ: „וואָס הערט מענ נײַס?“... „דערווײַל נאָכ גאָרניט“, — ענטפערט אים דער יונגער אוירעכ אונ גליטשט זיכ אויס פונעמ רויטנס הענט אונ גייט אוועק צו זיכ אינ כיידערל ארײַנ, ציט זיכ אויס אפנ בעטל אונ פארשטעקט זיכ די נאָז, ער זאָל ניט הערנ דעם רייעכ פונ מארינירטנ הערינג מיט אָנגעבראָקטע ציבעלעס, וואָס קיצלענ דעם כוש-הארייעכ אונ רייצנ דעם אפעטיט מיט סאקאָנעס-נעפאָשעס!.. אונ ביכדיי אָפצוטרײַבנ פונ זיכ דעם יעיצערהאָרע, מאכט ער צו די אויגנ

1 געמיינט: דער עלטסטער.

2 זײַנ גרויסקײַט אונ זײַנ גרויסע רײַכקײַט.

און פארטיפֿט זיך אין מאכשאָוועס און געדאַנקען, וועלכע כאַפּן אים אויף און טראָגן אים אוועק אַף די פֿליגלען פון דער היציקער פאַנ־טאַזיע אין אוילעם-האַדימיען, אין דער צויבער־וועלט פון זיסע גאָל־דענע כאַלוימעס. אַהין האָט ער ליב צו פאַרקלײַבן זיך אַלעמאָל, ווען ער בלײַבט אַליין מיט זיך. קיינער האָט אַהין קיין שליטע ניט. אפילע זײַנע סאַמע נאָענטע כאַוויירים. דאָס איז יענע קישעפֿדיקע וועלט, וואָס איז אים פאַרבליבן פון זײַן אַמאָליקן כאַווער שמוליק. אַ וועלט פון אויצרעס און פון וווּנדערשטיינער, וואָס איינער פון זיי הייסט „יאָשפֿע” און דער אַנדערער — „קאַדקויד”. אַ רײַב מיטן ערשטן שטיין: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין!”... באַווײַזט זיך אַן אָנ־בײַסן, הייסע שמעקנדיקע פראַנזעלן מיט פּוטערקיכלעך, וואָס צעגייען זיך אין מויל, און אַ רייעך פון הייסער קאַווע מיט מילך צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך, — איז איידער ער דירט זיך נאָך צו צו דער קאַווע, איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פעטע יויך מיט מאַנדלען און אַ פערטל אָף, און געבראָטענע קאַטשקע מיט מערעלעך, און אַ קוגעלע פון מאַצע-מעל מיט געַנדזנשמאַלץ, און ווײַן — צווייערליי סאָרטן: 1) רויט-ווײַן „צערקאָוונע קאָשער לעפּעסאַך”, 2) ווײַסער ווײַן, פונעם „ווימאַראָזיג יוזשנאַהאָ בערעגאַ”... דאָס זײַנען די ווײַנען, וואָס זײַן טאַטע האָט געהאַלטן אַף פּייסעך נאָר פאַר יעכידע-סגולע [1], פאַר די עמעסע מעווינים.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן דאָזיקן גרויסאַרטיקן אָנבײַסן, פילט ער, אַז ער באַדאַרף האָבן רו. טוט ער אַ רײַב מיטן צווייטן שטיינדעלע: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין!”... און נאָך איידער ער רעדט עס אַרויס, דערזעט ער זיך שוין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פון צוועלף כאַדאָרים. די ווענט זײַנען אויסגעקלעפּט מיט אַסיגנאַציעס פון סאַמע הונדערטער. די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט פון זילבערנע מאַטבייעס, באַצירט מיט גאָלדענע רענדלעך. דאָס גאַנצע מעבל איז פון ווײַסן העלפאַנדביין, מיט סאַמעט אויסגעבעט. ווו מע טוט זיך אַ דיר איז גאָלד און זילבער און די בעסטע טײַערסטע שטיינער. אַרום און אַרום איז אַ גאָרטן פון די בעסטע פּיירעס. און אַ טײַכל לויפֿט פאַרבײַ מיט גאָלדענע פישעלעך. און אַ געטלעכע מוזיק הערט מען דאָרטן שפּילן — די בעסטע פידלשפּילער פון דער וועלט. און ער אַליין, דער העלד, טוט גאָרניט, נאָר ער טיילט צדאָקע פון דער

1 אויסדערווײלטע.

ברייטער האנט, פולע זשמעניעס. וועמענ גאָלד, וועמענ זילבער, וועמענ שטיינער, אונ וועמענ א מעזומענע מאטבייע, וועמענ עסנווארג אונ וועמענ קליידער — ער לאָזט ניט דורכ קיינעם, דעם גרעסטנ סוינע אפילע. פארקערט, די סאָנים גיט ער נאָכ מער ווי די גוטע-פריינט, ביכדיי זיי זאָלנ פילנ...

א פארכאָלעמטער, א הונגעריקער, כאפט זיכ אופ דער יונגער טרוימער, אונ מיט א פארכאלעשט הארצ לאָזט ער זיכ אוועק ווידער אינ „הויפ" פונ דעם „מאגנאט". ער איז שוינ דאָרט א היימישער. דאָס הייסט, דער סטרוזש פאנטאליי לאָזט אימ דורכ. דער הונט זשוק טשעפעט אימ ניט. אונ דער מעשאָרעס איז מיט אימ זא-פאני-בראטא. ער פאטשט דעם יונגנ באָכער איבער דער פלייצע אונ זאָגט אימ אָנ א בסורע, אז ער האָט שוינ גערעדט פונ אימ, ניט מיטנ באלעבאָס, נאָר מיט זיינע טעכטער... אונ אזוי ווי ער רעדט — באווייזט זיכ איינע פונ די טעכטער, א גראָבע מויד, א דויטע, אינ א קורצ קליידעלע, מיט גראָבע פולקעס אונ מיט א פאריטנ נעזל. „אָט דאָס איז ער!" — ווייזט אָנ אפ אימ דער מעשאָרעס, אונ די גראָבע מויד באטראכט אימ פונ קאָפּ ביז די פיס, באהאלט דאָס פּאָנעם אינ די הענט, שיסט אויס א געלעכטער אונ אנטלויפט.

66

א מייסע מיט א זייגער

ער זוכט מיטלענ קעגנ הונגער. — א זייגער מיט א געשיכטע. — דער דיאלאָג צווישנ דעם באָכער מיטנ אלטנ זייגער-מאכער. — די קאָמבינאציעס העלפנ ניט, אונ דער הונגער וואקסט.

אונ דעם בריוו האָט דער „מאגנאט" נאָכ אלצ ניט געלייענט. דאָס רירט שוינ אָנ דעם העלדס אמביציע אונ ער גייט ארויס פונ דאָרטנ א צעקאָכטער. סטייטש, זיינ טאטנס בריוו וואלגערט זיכ ארומ — דאָס ארט אימ מער פונ אלצדינג. נאָכ מער פונ דעם, וואָס ער איז הונגעריק. הונגעריק, ווי א הונט! ער קאָנ זיכ קיינ אָרט ניט געפינענ. עס טראָגט אימ אינ דער לופטנ. עס ציט אימ דאָס הארצ, אונ דער בויכ איז אימ ווי איינגעשרומפנ. א קאלטער שווייס טרעט ארויס, אונ ער זוכט אינ זיינע געדאנקענ, וועלכע פונ זיינע זאכנ ער וואָלט

קאָנט פאַרקויפן, מאַכן דערפון קליינגעלט און עפּעס קויפן צו שטילן דעם הונגער... וואָלט דאָס געווען אין אַ גרויסער שטאָט — פאַרזעצט מען דעם איבעראָק און מע שלאָגט צונויף אַ פּאָר גראָשנס...

ער טאַפּט זיך אין אַלע קעשענעס, און זיינע געדאַנקען שטעלן זיך אָפּ אויפן זייגער. נאָר וואָס טוט מען מיטן זייגער? פאַרזעצן אין מאַשקן — איז ניטאָ בײַ וועמען. סײַדן פאַרקויפן? דערמאָנט ער זיך, אַז אינדערפרי האָט ער געזען אין מאַרק אַן אויפשריפט מיט אַ גרויסן ציפערבלאַט: „טשאַסאָוויך דיעל מאַסטער". דאָ וועט ער קאָנען פאַרהאַנדלען זײַן זייגער. קיין סך קאַפּיטאַלן — ווייסט ער — וועט ער פון דעם ניט שלאָגן. נאָר עס וועט זײַן גענוג וויפל ער וועט קריגן, אַבי צו שטילן דעם הונגער.

אַ מיִעסע זאַך — הונגערן. אַכוץ, וואָס עס ציט דאָס האַרץ און עס ציטערן די הענט און פיס — איז דער ביזאָיען, דער ביזאָיען!.. מע דאַרף פאַרשטערכן דעם זייגער... איז אָבער דער זייגער, וואָס דער באַכער פאַרמאָגט, ניט גלאַט אַ זייגער, נאָר דאָס איז אַ זייגער מיט אַ געשיכטע, מיט אַ היסטאָריע. אַ היסטאָרישער זייגער. מוז מען דעריבער פריִער אײַך באַקענען מיט דער געשיכטע פונעם זייגער.

דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען דער מעכאַבער פון די דאָזיקע זיכרוינעס האָט געהאַלטן אין רעכטן גלאַנץ פון געבן שטונדן. אין זײַן געבורטסשטאָט האָט ער געהאַט שטונדן אַ סך מער, וויפל אַ יונגער לערער קאָן זיך ווינטשן. נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט צו די שטונדן — אַ זייגער. האָט ער זיך צונויפגעשלאָגן פון די שטונדן אַ שטיקל קאַפּיטאַל אָפּ צו באַזאָרגן זיך מיט אַ זייגער. די בעסטע צײַט אָפּ צו קויפן אַ זייגער איז „ספּאַס-יאַריד". דעמלט פאָרן זיך צונויף אין פּערעיאַסלאַוו סאָכרים, קרעמער פון דער גאָרער וועלט. וואָס אַן אייג קאָן זען און וואָס אַ מויל קאָן ריידן קריגט איר אָפּ דעם יאַריד.

איפּגעשטאַנען איינמאָל אינדערפרי, גענומען דאָס שטעקעלע, האָט זיך אונדזער העלד געלאָזט אויפן יאַריד צו די שאַלאַשן און קראָמען, ווו די גאָלדענע און אַנדערע טײַערע זאַכן זײַנען אויסגעשטעלט. ספּאַס-יאַריד שטעלט זיך סאָף זומער, אין כוידעש אָווגוסט. דעמלט קומען אָן די קאָוועניעס מיט די דיניעס. עפּל און באַרן ליגן קופּעסווײַז אָפּ די וועגן און אָפּ דער ערד. ייִדן לויפן

ארום, ווי פארסאמטע מײַז, פארטארראמט און פארשוויצט. מע טו־ געשעפט. מע לייזט געלט. ציגײַנער שווערן זיך, פערד הירזשען, שאָפ מעקען, כאזיירימלעך קוויטשען פון די זעק ארויס. א בלינדער בעטלער שפילט אפ א באנדורע. א יידענע פארקויפט בייגל. א יינגל טראָגט ארום קוואס. אלץ רעדט. אלץ שרײַט. מע קאָן טויב ווערן.

גייענדיק אזוי איבערן יאריד פארטראכט, שלאָגט ער זיך אָן אפ א יידל מיט א רויט פרישטשעוואטע פּאָנעם, מיט א קויטיקער מאַ־נישקע און מיט מאָדנע לויפנדיקע אויגן. שטעלט אים אָפּ דער ייד, רעדט שטיל, הייזעריקלעך, און ווינקט מיט די כאמוזערישע אייגלעך אפ א הויכן דארן פּאָרעץ מיט א פּויליש היטל, מיט לאנגע פאר־דרייטע וואָנצעס ארופ.

— אָט דער אָדן האָט צו פארקויפן א זאך בעכאָצע-כינעם... טוט א קוק. וואָס'ט איַיך ארן?

און באלד נאָכדעם רוקט זיך צו דער פּאָרעץ, ציט ארויס פון קעשענע א פּאפּיר, קוקט זיך ארום אפ אלע זײַטן, וויקלט אופ דאָס פּאפּיר, און עס טוט מיטאמאָל א בלישטשע אין די אויגן א שפּאָגל־נײַער, א גלאנצנדיקער גאָלדענער זייגער. א ווײַז געגעבן דעם זיי־גער פונדערווײַטן, וויקלט אים דער אָדן אײַן אין פּאפּיר און באהאלט אים צוריק אין קעשענע, אָן ווערטער. ריידן רעדט דאָס יידל:

— א מעציע פון א גאנעוו!.. ער באדארפ האָבן נייטיק געלט. אפ דעם זייגער איז דאָ גאָלד אליין עפשער אפ א הונדערטער...

— וויפל זשע וויל ער פארן זייגער?

— איך מיין, ער'ט נעמען האלב, א פופציקער. א מעציע פון א גאנעוו!.. איך אליין וואָלט א באלן געווען, האָב איך ניט אזויפיל געלט בא זיך. — זאָגט דאָס יידל.

— איך האָב אויך ניט. — זאָגט דער באָכער און כאפּט זיך צו דער קעשענע.

— וויפל דען האָט איר? — פרעגט אים דער פרישטשעוואטער ייד.

— איך פארמאָג אינגאנצן איין פינפ-און-צוואנציקער...

דער ייד טוט א בלישטשע מיט די מאמזערישע אויגן, ציט אויס א האנט:

— מיט מאזל-בראָכע!..

אין איין אויגנבליק ווערט אײַנגעצאָלט דאָס געלט, און דער גאָלדענער זייגער ווערט איבערגעגעבן צום קוינע אין די הענט ארײַן.

עס טוט אים א טיאָכקע דאָס הארצ — „טאָמער איז דער זייגער א גענאנוועטער?"... עס גייט אים ניט איַין די מעציִע, וואָס ער האָט איַינגעהאנדלט, און עס שטעלן זיך אים פאָר אלערליי טונקעלע מאכשאָוועס און טרויעריקע געדאנקען: „טאָמער דערקענט מען בא אים דעם זייגער?"... האנדלען א גנייווע איז ערגער פון א גנייווע אליין... קורצ, ער האָט שוין כאראָטע. נאָר ס'איז פארפאלן. ער נעמט ארויס דעם זייגער פון קעשענע, באטראכט אים פון אלע זיַיטן — א שפּאָגלניַיער זייגער, און קלאפּט, ווי א באָנדער! קאָפּערטעס גינגאָלדענע, שווערע. א ציפערבלאט, ווי געפּאלענער שניי. וויַיזערס, ווי ריטער. עס בליַיבט נאָר צו באוויַיזן דעם זייגער עפּעס פאר א רעכטן מייוון, ער זאָל אים באטראכטן און אָפּשאצן. דער טאטע איז אפילע א מייוון אפּ זייגערס. פאסט אים אָבער ניט צו וויַיזן אים דעם טאטן. און דערציילן דעם עמעס, אז ער האָט אים געהאנדלט אפּ דער גאס — וויל ער אויך ניט. אקיצער, דאָס בעסטע וועט זיַין אריַינטראָגן דעם זייגער צו הענזל דעם זייגערמאכער.

הענזל דער זייגערמאכער איז נאָך גאָר א יונגערמאן, נאָר א גרויסער קאָמפּעטש. אין שטאָט זאָגט מען, אז הענזל האָט צוגעטראכט אַן אייגענעם זייגער נאָך דער סיסטעם פון דער זון. אפּן פּאָנעם בא אים זעט מען אפילע קיין באזונדערע כאָכמע ניט ארויס. א גאנצ געוויינלעכער ייִד מיט א ברייטער נאָז. פארמאָגט א גראָבן ברייטן פּלאטשיקן פינגער מיט א גרויסן נאָגל. מיט דעם נאָגל טוט ער אָן עפן אופּ דעם זייגער, זאָטלט אָן דאָס אויג מיט א שפּאקטיוו, טוט א קוק אריַין אין געווערקל און זאָגט איַיך באלד, וואָס דער זייגער האָט, וואָס אים פעלט, און וואָס ער איז ווערט.

באטראכט די מעציִע, דעם גאָלדענעם זייגער, האָט הענזל אים צוגעמאכט מיט א קנאק און א זאָג געגעבן:

— א פּראָסטער צילינדער, ניט קיין אנקער, ווערט א פינפערל אויוער-לאסויכער[1] ...

— נו, און דאָס גאָלד?

— וואָסער גאָלד? ס'איז אזוי גאָלד, אזוי ווי איך בין א מיניסטער.

— וואָס דען איז דאָס?

— טאמבעקע.

— וואָס הייסט דאָס טאמבעקע?

1 א גאנגבארע סכוירע, דאָ געמיינט: די העכסטע פּריַיז.

— טאַמבעקע איז טאַמבעקע; ניט קיין מעש און ניט קיין קופּער, נאָר טאַמבעקע...

און הענזל טוט אויס די שפּאַקטיװ, נעמט זיך צו דער אַרבעט און רעדט ניט מער.

אָט דעם דאָזיקן זייגער האָט דאָס דער יונגער וואַנדערער געוואָלט פֿאַרהאַנדלען צום זייגערמאַכער פֿונעם קליינעם שטעטעלע ט. אַריינגעקומען איז ער צום זייגערמאַכער, צו אַן אַלטן ייִדן אַ טויבלעכן, מיט וואַט אין די אויערן, גאַנץ ברייטלעך, מײַסע סויכער. און צווישן באָכער מיטן אַלטן זייגערמאַכער קומט פֿאָר אַזאַ מין דיאַלאָג:

דער באָכער: גוט מאָרגן, הער זייגערמײַסטער! האָט איר עפּעס גוטע זייגערס?

דער זייגערמאַכער: וויפֿל זייגערס דאַרף עס אַ באָכערל?

דער באָכער: איינעם אַ זייגער...

דער זייגערמאַכער: וואָסער אַ זייגער ווילט איר — אַ זילבערנעם? אַ גאָלדענעם?

דער באָכער: אַ גאָלדענעם וועל איך בײַ אײַך קויפֿן אַ ביסל שפּעטער... דערווײַל וועט זײַן גענוג אַ זילבערנער, אַבי ער זאָל גיין ווי עס געהער צו זײַן.

דער זייגערמאַכער: וועגן דעם איז גאָר ניטאָ, וואָס צו ריידן! — און דער אַלטער זייגערמאַכער שיט אויס פֿאַרן קונע אַקעגן אַ האַלב טוץ נײַע זייגערס. דער באָכער שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פֿון זיי און גיט צו פֿאַרשטיין דעם אַלטן, אַז ער וויל, אייגנטלעך, מאַכן מיט אים אַ בײַט. דאָס הייסט, ער וועט בײַ אים נעמען דעם דאָזיקן נײַעם זילבערנעם זייגער און וועט אים געבן זײַן אַלטן זייגער... „אין וויפֿל וועט איר אים אָנעמען?“... דער אַלטער באַטראַכט דעם באָכערס זייגער פֿון אַלע זײַטן, טראַכט אַ ווײַלע, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. דערנאָך נעמט ער אַרויס די וואַט פֿון די אויערן און לייגט איבער פֿון איין אויער אינעם אַנדערן, גלײַך ווי דאָס האָט אַ שײַכעס צו די זייגערס. און קוים וואָס ער שטעלט זיך אײַן אַרויסצוזאָגן, אַז ער קאָן אָנעמען בײַ אים זײַן זייגער מער ניט, ווי אין צוויי קאַרבן. און אַזוי ווי זײַן זילבערנעם זייגער רעכנט ער אין נײַן קאַרבן, קומט אויס, אַז דער באָכער באַדאַרף אים צוצאָלן אַזוי גרויס, ווי זיבן קאַרבן, און דאָס געשעפֿט איז געמאַכט. דעם באָכער איז די קאָמבינאַציע געפֿעלן, און ער לייגט פֿאָר דעם זייגער-

מאכער א נײַע קאָמבינאציע: אז ער זאָל דערווײַל נעמענ באַ אימ דעמ אלטנ זייגער אונ געבנ צווײ קארבנ, אונ שפּעטער מיט א טאָג אָדער צווײ וועט ער ארײַנקומענ אונ וועט זיכ אויסקלײַבנ א נײַעמ זייגער... געפעלט ניט דעמ אלטנ די דאָזיקע קאָמבינאציע. פארוואָס? אזוי. דערפאר, ווײַל ער קויפט ניט קײנ זייגערס. ער פּארקויפט זייגערס... פּרווט זיכ דער באָכער פּאָרלייגנ א נײַעמ פּראָיעקט. דע־הײַנע: ער גיט אימ אוועק זײַנ אלטנ זייגער פאר אײנ קארב — אנ עק! ניט צוליבנ געלט, נאָר ווײַל דער זייגער איז אימ נימעס גע־וואָרנ, ער קאָנ אפ אימ ניט קוקנ... זאָגט דער אלטער, אז אויב ס'איז אימ נימעס געוואָרנ דער זייגער, קאָנ ער אימ ארויסווארפנ אינ בלאָטע. גיט אימ דער באָכער צו פארשטײנ, אז ער קאָנ איצט דאָס געשעפט מיט אימ ניט מאכנ, מאכמעס ער איז איצטער קורצ אינ געלט. דאָס הייסט, פּאָשעט ער איז איצטער ניט באַ געלט... גיט אימ דער זייגערמאכער אנ אייצע, ער זאָל ארײַנקומענ אנ אנדערשמאָל, דעמלט ווענ ער וועט זײַנ באַ געלט. אונ אזוי עטלעכע מאָל. ער זאָגט אימ דאָס, אונ יענער ענטפערט אימ בויבעריק. זינט גאָט האנדלט מיט נוד־ניקעס, האָט ער נאָכ אזא נודניק ניט געהאט!.. דער באָכער באהאלט צוריק זײַנ אלטנ טאמבעקענעמ זייגער אונ בעט דעמ אלטנ, ער זאָל אָפּלייגנ אָט־אָ יענעמ זילבערנעמ זייגער אפ א זײַט. ער וועט נאָכ עפּ־שער הײַנט ארײַנקומענ צו אימ נאָכאמאָל. עס דארפ אימ אָנקומענ געלט מיט דער פּאָטשט. ער זאָל נאָר קײנ פאריבל ניט האָבנ, וואָס טאָמער האָט ער באַ אימ צוגענומענ צײַט. זאָגט דער אלטער, אז עס מאכט ניט אויס. נאָר נאָכ זײַנ בלאס פּאָנעמ, נאָכ זײַנ בייזנ קוק אונ נאָכנ ציטערנ פונ זײַנע אלטע פינגער איז צו זענ, אז עס מאכט שוינ דאפקע יאָ אויס... דער באָכער — קוימ וואָס ער טרעפט צו דער טיר. מיט א פּארכאלעשט הארצ לאָזט ער זיכ אוועק צו בערל דעמ רויטנ אפ דער סטאנציע אונ בעט גאָט, ער זאָל כאָטש ניט באגעגענענ זיכ מיטנ רויטנ באלעבאָס. „וואָרעמ אָט דער רויטער ייִד — טראכט זיכ דער באָכער אינ הארצנ — איז דער אײנציקער, וואָס שטויסט זיכ, אז ער הונגערט"...

67

א מאלעכ פונ גאָט אינעמ געשטאלט פונ א מענטשנ

ער פארקלײַבט זיכ אינ בעסמעדרעש פונ שטעטל אונ וויינט זיכ גוט אויס. — א מאלעכ פונ גאָט באווײַזט זיכ, אונ דאָס מאזל טוט אימ א שײַנ. — ער ווערט אײַנגעלאדנ אלס לערער אינ א דאָרפ אונ ווייסט ניט, אז דערמיט איז אימ פארזיגלט געוואָרנ דאָס גליק אפ זײַנ גאנצנ לעבנ.

דאָס צווייטע הויז פונ בערל דעמ רויטנס אכסאניע איז געוועזנ דאָס בעסמעדרעש פונעמ שטעטל. אהינ האָט זיכ דער העלד פונ דער ביאָגראפיע פארקליבנ אפ מאָרגנ אינדערפרי אונ, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָנ, האָט ער אוועקגעשטעלט זיכ דאווענענ. אונ געדאוונט האָט ער בעיעכידעס, איינער אליינ. וואָרעמ דאָס ביסל יידנ, וואָס אינ שטעטל ט., האָבנ זיכ געפעדערט גאנצפרי, אָפגעדאוונט מיט א מיניענ אונ צעגאנגענ זיכ זוכנ פארנאָסע, ווי דער שטייגער איז. געבליבנ איז נאָר דער שאמעס, א ייד א שוסטער. נאָר ווײַל ער האָט ווינציק ארבעט, איז ער אינײינוועגס אויכ א שאמעס אינ שול. דערזענ א פרעמדנ באָכער מיט א טפילנ-זעקל, איז דער שאמעס-שוסטער צוגעגאנגענ צו אימ אונ א פרעג געגעבנ, צי האָט ער ניט קיינ יאָרצײַט? אויב א יאָרצײַט, וועט ער א לויפ טאָנ צונויפשלעפנ א מיניענ.

— ניינ, ניט קיינ יאָרצײַט, נאָר איכ וויל גלאט אזוי דאווענענ. — האָט אימ דער באָכער בארויִקט, אונ באקומענ אנ ענטפער פונעמ שאמעס:

— געזונטערהייט, אָט האָט איר א סידער. — זאָגט צו אימ דער שאמעס, לאָזט אימ אליינ אונ פארקלײַבט זיכ אינ פאָליש אונ זעצט זיכ אוועק פאריכטנ אנ אלטע פאָר שיכ.

שוינ לאנג האָט דער יונגער העלד אזוי געשמאק אונ אזוי הארצעדיק ניט געדאוונט, ווי אינ יענעמ פרימאָרגנ. ער איז שוינ דעמלט ביכלאל געווענ ווײַט פונ פרומקײַט. דאָס איז געווענ די עפאָכע פונ האסקאָלע, ווענ פרומ זײַנ איז געווענ א ביזאָיענ, ווענ א פאנאטיקער איז געווענ ערגער פונ א הולטײַ, אונ עפשער ערגער, ווי הײַנט א מעשומעד... נאָר דער כיישעק צו דאווענענ איז געקומענ פונ זיכ אליינ. א מינ רעליגיעזער עקסטאז איז אפ אימ אָנגעקומענ מיטאמאָל, אונ

ער האָט זיך צעלאָזט, צעזונגען אַפּ א קאָל, גאָר מײַסע כאזן, און צו דער שמוינעסרע האָט ער זיך צעוויינט. לאנג געוויינט, מיט הארץ געוויינט. און אז ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך געפילט א סאך גרינגער, גלײַך ווי ס'איז אים אראָפּ א שווערע מאסע פון הארצן. וואָס דאָס דאָזיקע געוויין האָט באטײַט, קאָן ער אַפּ א ראציאָנעלן אויפן ניט געבן צו פארשטיין. עס האָט זיך געוויינט גיכער פון זיך אליין, און די נעשאָמע האָט זיך ווי אָפּגעדרייניקט. עפשער איז דאָס געקומען פון אָפּגעשוואכטע נערוון? עפשער איז דאָס געווען פון דעם פאסטן?.. ער האָט באשטימט בא זיך דעם טאָנעס הײַנט איבערצורײַסן — ס'זאָל זײַן וואָס עס וויל זיך. גענוג פאסטן!.. און ער לייגט צונויפּ די טפילן, נעמט דאָס שטעקעלע און גייט אהיים אַפּ דער סטאנציע און באגעגנט אַפּ דער שוועל בערל דעם רויטן, וועלכער זאָגט אים אָן א בסורע, אז הײַנט אינדערפרי האָט זיך אָפּגעשטעלט בא אים א יונגערמאן, א גוויר, אן אדיר, פון ניט ווײַט, פון א דאָרף. ער איז, דאכט זיך, אים א נאָענטער קאָרעוו.

— וועמענס א קאָרעוו?

— אײַערער א קאָרעוו. דאָס הייסט, ניט קיין קאָרעוו, נאָר א שטיקל מעכוטן... — און ניט לאנג געטראכט, נעמט אים בערל דער רויטער אָן פאר א האנט און פירט אים ארײַן אין א באזונדערן כיידער, וואָס איז צוגעקליבן פאר פריצים, און שטעלט אים פאָר פאר א יונגנמאן; וואָס זיצט בא א סאמאָוואר און טרינקט טיי.

דער יונגערמאן, א סימפאטישער פארשוין מיט גוטע בלויע אויגן, א הויכן ווײַסן שטערן און א שיין קײַלעכדיק בערדל, איז העפלעך אופגעשטאנען, זיך אָנגערופן באם נאָמען יעשיִע לאָיעוו און געבעטן דעם גאסט זיך זעצן צום סאמאָוואר, א ווונק געגעבן צום באלעבאָס, מע זאָל דערלאנגען נאָך א גלאָז, און, גאָר ניט װארטנדיק, האָט ער אָנגעגאָסן נאָך א גלאָז טיי, צוגערוקט בייגעלעך, קיכלעך און אנדערע פארבײַסעכצן, און דער יונגערמאן לאָיעוו האָט זיך געווענדט צום ארײַנגעקומענעם בעזע האלאָשן[1]:

— דער באלעבאָס האָט מיר געזאָגט, אז איר זײַט פון פּערעיאסלאוו, נאָכעם ראבינאָוויטשעס א זון. אויב אזוי, זײַנען מיר שטיקלעך אייגענע... עסט, איך בעט אײַך, און טרינקט טיי.

---

1 דאָ: מיט די דאָזיקע ווערטער.

קיינמאָל אינ לעבנ, ניט פריִער אונ ניט נאָכדעם, איז א גלאָז טיי ניט געוועג אזוי אָנגעלייגט בא אימ, ווי אצינד, אונ קיינ שום מײַכל אינ דער וועלט האָט קיינמאָל ניט געהאט אזא טאמ, ווי עס האָבנ געהאט אָט די פרישע בייגעלעכ, די קיכלעכ אונ די אנדערע פארבײַסעכצנ, וועלכע זײַנעג גיכ פארשוווּנדנ געוואָרנ פונעמ טיש, ניט געבליבנ פונ זיי א זייכער אפילע אפ דערעכערעצ. דער גאסט האָט דאָס אלצ אײַנגעשלונגענ, ווי א הונגעריקע גאנדז, אונ האָט זיכ ארומגעקוקט, אז עס איז ניט שיינ, וואָס ער האָט דאָס אלצ אופגערוימט, נאָר ס'איז שוינ געוועג נאָכ אלעמענ... דער יונגערמאנ האָט דערווײַלע אויסגערעכנט דעמ ייִכעס, וויִאזוי זיי זײַנענ קרויוים:

— אײַער פאָטער האָט א מעכוטנ אווראָמ-יעשיִע. אָט דער אווראָמ-יעשיִע האָט געהאט דאָס ערשטע ווײַב, וועלכע האָט מיר אָנגעקערט א מומע, מײַנ געשטאָרבענע מוטערס א שוועסטער. פארשטייט איר שוינ? ווײַטלעכע מעכוטאָנים, אונ דאָכ מעכוטאָנים... אצינד זאָגט מיר: פונוואנענ פאָרט איר? ווהינ פאָרט איר? אונ וואָס איז אײַער טועכצ?

אויסגעפרעגט זיכ באמ העלד אלצדינג אונ געוווירע געוואָרנ, אז ער איז געקומענ אהער צו פארנעמענ א לערער-שטעלע, האָט דער יונגערמאנ א פרעג געגעבנ, אויב דער באָכער וויל דאפקע בלײַבנ דאָ, באמ הײַנ גוויר ק., אָדער עס מאכט אימ ניט אויס צו פאָרנ א ביסל ווײַטער? אויב עס מאכט אימ ניט אויס, וואָלט ער אימ פאָרגעלייגט, ער זאָל פאָרנ מיט אימ צו זײַנ פאָטער לאָיעוו אינ דאָרפ ארײַנ, פארנעמענ דאָרט א לערער-שטעלע בא זײַנ שוועסטערל — זײַנ פאָטער איז אויכ אימשטאנד גוט צו באצאָלנ, אזוי ווי דער הײַגער גוויר, אויב ניט שענער נאָכ... אפ די דאָזיקע ווערטער האָט זיכ אָפגערופנ בערל דער רויטער אונ צוגעווינטשעוועט זיכ: „אכוצ זײַנ שאָדנ, אפ אימ געזאָגט געוואָרנ כאָטש א צענטכיילעק”. אונ, גאָר ניט פרעגנדיק באמ באָכער, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, האָט בערל דער רויטער צוגעגעבנ, אז דער באָכער וועט מיט פארגעניגנ זיכ דורכפאָרנ מיטנ יונגנמאנ צו זײַנ פאָטער לאָיעוו אינ דאָרפ ארײַנ אונ וועט מיט פארגעניגנ פארנעמענ דאָרט די לערער-שטעלע.

א מאָדנער ייִד אָט דער בערל דער רויטער! עפּעס גלײַכ ווי עמעצער וואָלט אימ געבעטנ, ער זאָל זיכ ארויסשטעלנ פאר אנ אפּעטראָפּעס, אָדער, ווייניקסטנס, פאר א פארמיטלער. ער האָט ניט געלאָזט קיינעמ צומ וואָרט אונ האָט בעסער אליינ גערעדט. דער

באָכער איז געווענ איבעראשט פונ דער גאנצער געשיכטע ארום אונ ארום. ער האָט קימאט ניט געגלייבט זײַנע אויערנ. ניט אנדערש, אז דאָס איז אָדער א כאָלעם, אָדער א מינ האליוצינאציע, אָדער דער יונגערמאנ — דאָס איז א מאלעכ פונ הימל אראָפּ אפּ דער ערד אינעם געשטאלט פונ א מענטשנ... נאָר ארויסבאווײַזנ זײַנ פרייד, פונדעסטוועגנ, שטייט אים ניט אָנ. ער הערט אויס דעם געשפּרעכ קלוימערשט גאנצ גלײַכגילטיק, באטראכט פריִער וואָס צו ענטפערנ אונ רופט זיכ אָנ צום יונגנמאנ מיט האלבע ווערטער:

— אײַער פאָרשלאג איז עפּשער ניט קיינ שלעכטער פּלאנ... די מײַסע איז אָבער, פארשטייט איר, וואָס איכ האָב געבראכט צום היגנ גוויר א רעקאָמענדאציע, א בריוו, טאקע פונ מײַנ טאטנ... וואָס וועט זײַנ, טאָמער...

— אינ וואָסער א שפּראכ איז געשריבנ אײַער טאטנס בריוו? — מישט זיכ ארײַנ בערל דער רויטער.

— וואָס הייסט, אינ וואָסער א שפּראכ? אינ העברעיִש.

— לאָשנקוידעש? — פרעגט איבער בערל דער רויטער אונ כאפּט זיכ אָנ מיט ביידע הענט בא די זײַטנ אונ צעלאכט זיכ אזוי שטארק, גלײַכ ווי אכצנ שיידים קיצלענ אים אונטער די פּאכוועס! — איר וועט דארפנ, יונגערמאנ, א ביסעלע צוווארטנ, ביז מײַנ קאָרעוו וועט זיכ פריִער אויסלערנענ איבערלייענענ א לאָשנקוידעשדיקנ בריוו. איר וועט אָבער, האָב איכ מוירע, באדארפנ לאנג ווארטנ!.. — אונ ביידע צע- לאכנ זיי זיכ אונ לאכנ לאנג אונ געשמאק.

עס האָט ניט גענומענ קיינ האלבע שאָ צײַט, איז צווישנ דעם יונגנמאנ יעשיִע לאָיעוו אונ זײַנ יונגנ פּראָטעזשע געשלאָסנ געוואָרנ א גוטפרײַנטשאפט, וואָס איז געוואקסנ אלע מינוט שטארקער אונ גרעסער. עס האָט זיכ ארויסבאוויזנ, אז אָט דער יעשיִע לאָיעוו איז א יונגערמאנ א מאסקל פונ דעם טיפּ מאסקילים, וואָס יענער דאָר האָט פּראָדוצירט. א שיינער באל־טאנאכ, א בלאט געמאָרע, קלאָר אינ אלע מעליצע־ספאָרים, קענ גאנצע שטיקער מאפּו אפּ אויסווייניק, קאָנ מיט אײַכ ריידנ פונ א „מוירע־נעוווכים", פונ א „קוזרי", האָט א שיינ הענטל צום שרײַבנ. ער איז נאָר א ביסל שוואכלעכ אפּ דיק- דעק. ווײַטער וועט ער זיכ מיט אײַכ אויסגלײַכנ אומעטום. אונ צו דעם אלעמענ איז ער גלאט א ליבער מענטש, האָט ליב מענטשנ. זיי אלע האָבנ ליב מענטשנ. אונ מאכמעס זיי זיצנ אינ א דאָרפ, זײַנענ זיי מאמעש זשעדנע, גייענ אויס נאָכ א מענטשנ... וואָס איז

זייער געשעפט? זיי האלטן פּאַסעסיעס אין דער ארענדע, באַם גראף בראניצקי און באַם גראף מאַלאַדעצקי. זיי לעבן ווי פּאַמעשטשיקעס, האָבן אייגענע פערד און קארעטעס, פארהאלטן זיך זייער גוט מיט די פּריצים, וואָס ארום און ארום, און די גויים זיינען נאָך זיי די קאפּאָרע...

מיט זיין ריידן האָט דער יעשיִע לאַיעוו ארויסבאוויזן, אז ס'איז עמעס, וואָס ער זאָגט, אז זיי זיינען זשעדנע אין דאָרף א מענטשן. דאָס מויל האָט זיך אים די גאנצע צייט ניט צוגעמאכט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן ארויסריידן אלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן בא אים פאר א לאנגע צייט אין דאָרף. ער האָט גערעדט אין שטוב, ער האָט גערעדט אין דרויסן, ער האָט גערעדט שוין זיצנדיק אין פּאַע-טאָן און פאָרנדיק מיטן נייעם לערער אף זיינע אייגענע ברענענדיקע פערד פון דער פּאַסעסיע.

— געפעלט אייך א פּאָר סוסים? — האָט א זאָג געגעבן בערל דער רויטער צום לערער, בייס דער יונגערמאַן יעשיִע לאַיעוו איז געגאנגען זאָגן, מע זאָל שפּאנען. און בערל האָט גענומען דערציילן גרויסקייט פון דעם יונגנמאנס פּאַטער, וואָס פאר א גוויר, אן אדיר דאָס איז, און וואָס פאר אן אָריגינעלער מענטש דאָס איז.

— איר דארפט גאָט דאנקען, וואָס ס'האָט זיך אזוי געמאכט...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דער ייִד וויל, אייגנטלעך, מע זאָל אים זאָגן א דאנק. נאָר א מאקע! דאָס וועט ער בא אים ניט פּועלן, ער זאָל מיינען, אז ער האָט געראטעוועט א מענטשן פון הונגער... עס איז אים גאָר ביט איינגענעמען, זייער ניט איינגענעמען, וואָס ער קאָן אים איצט ניט באצאָלן פאר סטאנציע. ער איז איצט זייער פארענגט אין געלט...

— איר זאָגט מיר בעסער, רעב ייִד, וויפל... קומט אייך? בערל דער רויטער מאכט צו די אויגן.

— פאר וואָס?

— פאר... פאר סטאנציע, פאר אלצדינג... וועל איך אייך אָפּ-שיקן פונעם אָרט... באלד ווי איך וועל קומען...

— גייט שוין גייט, מע וועט לאכן פון אייך! — זאָגט בערל מיט א געלעכטער און שטופּט אים אָפּ פון זיך. און אין דעם קומט ארייִן א הויכער גוי מיט ווייסע ברעמען, מיט אונטערטעניק-שמייכלענדיקע אויגן. ער הייסט אנדריי. ער פרעגט זיך נאָך אפן באגאזש פונעם „פּאניטש", וואָס פּאָרט מיטן „בארין". שעמט זיך דער לערער פארן

גוי, פאר אנדרייען, וואָס ער האָט ניט קיין באגאזש, און זאָגט, אז זײַן באגאזש גייט נאָך... ער וועט אָנקומען נאָכדעם... דערווײַל האָט ער נאָר אָט דאָס פעקעלע, וואָס ער וועט דאָס אליין נעמען מיט זיך אין וואָגן אַרײַן. אנדריי וויל אָבער ניט אוועקגיין מיט ליידיקע הענט. א פעקעלע — לאָז זײַן א פעקעלע. און ער טוט א נעם דאָס פעקעלע מיט צוויי פינגער און א טראָג אוועק, ווי א פעדערל. א מינוט שפעטער איז ער שוין געזעסן מיט זײַן יונגן פאטראָן אין א גרויס־ארטיקן ווייכן פאעטאָן. אנדריי האָט געגעבן א קנאק מיט דער בײַטש, און צוויי גרויע פערדלעך מיט אונטערגעבויגענע עקן האָבן אים גע־טראָגן איבער פעלדער און איבער וועלדער, אין א נײַ אָרט, צווישן נײַע מענטשן, און עס איז אים גאָר אפ די געדאנקען ניט געקומען, אז אָט־אָ־דאָ, אפ דעם אָרט, וווהין ער פאָרט אצינד, ווערט דאָס פארזיגלט זײַן גליק אפן גאנצן, גאנצן לעבן...

68

אן אומגעריכטער עקזאמען

אין באָסלאוו אפ דער סטאנציע. — דער אלטער לאָיעוו. — א מיידל מיט קאוואלערן. — שפילהאגען, אויערבאך און „טשטאָ דיעלאט“. — וואָס וויל ראשע פון די בנויס־צלאָפּכאָד[1], און וויאזוי שרײַבט מען א בריוו צו א דירעקטאָר פון א צוקער־פאבריק? — ער האלט אויס דעם עקזאמען און פאָרט אין דאָרף אַרײַן.

עס איז שוין געווען ארום פארנאכטלעך, ווען דער יונגער מאסקל יעשיִע לאָיעוו מיט זײַן פראָטעזשע דעם לערער זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין דער שטאָט באָסלאוו. אפ דער סטאנציע, ווו זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, האָבן זיי געטראָפן דעם פאָטער פונעם יונגן מאסקל, דעם אלטן לאָיעוו, ווארטן אפן זון.

דער אײַנדרוק, וואָס דער אלטער לאָיעוו האָט געמאכט אפן לערער, איז געווען אויסערגעוויינלעך. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז א ייִד זאָל האָבן אזא אויסזען. אן אויסזען פון א גענעראל, א פעלדמארשאל, מיט א קאָל פון א לייב. אין קורצע

[1] צלאָפּכאָדס טעכטער; געמיינט: דעם ביבלישן געזעץ וועגן די רעכט פון טעכ־טער אפ ירושע.

ווערטער האָט דער זון איבערגעגעבן דעם פאָטער, ווער איז דאָס באָכער'ל, וואָס איז מיט אים געקומען, און ווו און וויאַזוי ער האָט זיך מיט אים באַקענט. אויסגעהערט דעם זון, האָט דער אַלטער אָנגעזאָטלט די נאָז מיט אַ פּאָר ווײַסע זילבערנע ברילן און האָט ערנסט באַטראַכט דעם באָכער, אָן איבעריקע צערעמאָניעס, מיט אַזאַ פּאָנעם, לעמאָשל, ווי מע באַטראַכט אַ געקויפטן פיש פונעם מאַרק... דערנאָך האָט ער אים אויסגעצויגן אַ וואַרעמע האַנט, און מיט אַ פרײַנטלעכער מינע, אַף וויפל ס'איז נאָר געווען מעגלעך פאַר אַזאַ שטרענגן פעלדמאַרשאַל, האָט ער אים אָפּגעשטעקט אַ שאָלעם-אַלייכעם און אָן צערעמאָניעס, און מיטן לאָשן „דו", אַ פרעג געטאָן:

— וויאַזוי רופט מען דיך?

געוווירע געוואָרן פונעם באָכער, אַז מע רופט אים שאָלעם, האָט ער זיך אָנגערופן צו אים ווייך, ווי ווײַט ס'איז מעגלעך געווען פאַר זײַן לייבנשטים:

— הער זשע אויס, שאָלעם-סערדצע, גיי, זײַ מויכל, אַהין אין צווייטן כיידער. איך וועל דאָ מיט מײַן זון אָפּריידן געשעפט. דערנאָך וועל איך דיך אַרײַנרופן און מיר וועלן אַ ביסל שמועסן.

דאָס צווייטע צימער איז געווען אַ זאַל, אייראָפּעיִש געראַמט, אַ מין וועסטיביול פאַר געסט. דאָרט איז געווען דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע, אַ געוועזענער שניטקרעמער, איצט אַף דער עלטער אַ באַל-אַכסאַניע, מיטן נאָמען בערעלע עטלס, אַ ייִד מיט אַ בלויער נאָז, מיט רויטע דינע שלענגעלעך אַף דער נאָז; ער שטייט צונויפגעלייגט די הענט, טוט גאָרניט, נאָר ער רעדט, רעדט פון די אָרכים, פון זייערע געשעפטן און פון זיך אַליין, אַז „גאָט האָט אים געשטראָפט, ער דאַרף אַף דער עלטער האַנדלען מיט לאָקשן-יויך"... זײַן ייִדענע, אַ קורצינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ „מושקע" אַפן קאָפּ און מיט געלע פּערעלעך אַפן האַלדז, דרייט זיך אַרום אין שטוב און שעלט די קינדער זײַנע (זי איז בײַ אים די צווייטע פּרוי), שעלט די דינסט, שעלט די קאַץ, ווײַזט אויס, ניט צופרידן מיט דער וועלט — אַ גרויסע פּעסימיסטקע! באַם פענצטער, איבער אַ ביכל, אַ ראָמאַן פון שפּילהאַגען, זיצט זייער מיזינקעלע, שיווקע בערעלע עטלס, אַ טעכטערל אַ יעפּאַס-טויאַר [1] מיט אַ ווײַס קײַלעכיק פּאָנעם, אַ מוירעדיקע

1 אַ שיינהייט.

קאָקעטנ. צו איר זײַנענ געקומענ מיט א באַזוכ א צװײ-דרײַ יונגעלײַט מיט אונטערגעשוירענע בערדלעכ — דער סאַמע צימעס פונ דער באָסלאַװער אינטעליגענצ. מע פירט א געשפּרעכ פונ „ליטעראַטור". דער באַלעבאָס מיט דער בלויער נאָז פירט צו דעם יונגנ לערער צו דער קאָמפּאַניע אונ שטעלט אים פאָר. פונװאַנענ װײסט דער אַלטער, װער דער לערער איז? — בלײַבט א סאָד. ביכדי ס'זאָל אים ניט זײַנ לאַנגװײַליק, װענדט זיכ צו אים דאָס מײדל די יעפּאַס-טויאַר מיט א ליבלעכ שמײכעלע: צי האָט ער געלײענט „נא דיונאַכ" פונ שפּילהאַגענ? לאָזט זיכ אויס, אז ער איז קלאָר אינ גאַנצ שפּילהאַגענ. נו, אונ אויערבאַכ? „אויערבאַכ אויכ". נו, אונ „זאַפּיסקי יעװרעיא" פונ באָגראָװונ? „ער קענ אים אפ אויסװײניק". אונ דעם ראָמאַנ „טשטאָ דיעלאַט?"? „װער האָט דאָס ניט געלײענט טשערנישעװסקי?"... „װי געפעלט אײַכ די הויפּט-העלדנ?" „װיערא פּאַװלאָװנא? װאָס איז פאַר א שײַלע!"...

דאָס מײדל די יעפּאַס-טויאַר אונ אירע קאַװאַלערנ זײַנענ אַנציקט. אײנער פונ זײ, א „טשאַסטנע פּאָװיערענע" מיט א קלינגענדיקנ נאָמענ מענדעלסאָנ, שטשיפּעט זיכ בא די װאָנצעלעכ, װאָס האַלטנ ערשט אינ שפּראָצנ. עס װײַזט אויס, אז ער איז פאַרליבט אינ דעם מײדל, װי א קאַצ, אונ איז דעריבער מאָלע-גאַזלענ אפ דעם יונגנ אוירעכ, װאָס איז קלאָר אומעטום, װי א װאַסער. װאַרפט ער אפ אים מיט בײזע אויגנ אונ װינטשט אים מיסטאָמע בא זיכ אינ האַרצנ, ער זאָל ברעכנ רוק-און-לענד אפנ גלײַכנ װעג... דאָס גיט צו דעם העלד נאָכ מער מוט, אונ ער שיט מיט פּראָזע, ציטירט גאַנצע שטיקער אפ אויסװײניק, מישט גאָר ארײַנ אַזעלכע נעמענ, װי באָקל — „די געשיכטע פונ ציװיליזאַציע אינ ענגלאַנד", אונ דזשאָנ סטיוּאַרד מיל — „װעגנ פרײַהײַט"... א באָכערל א מאַסקל פונ א פרעמדער שטאָט קומט צװישנ מענטשנ, באַדאַרפ ער אויסלײגנ, װאָס ער האָט, באַװײַזנ װאָס ער װײסט אונ װאָס ער קענ... אונ אַקוראַט סאַמע אינ דער רעכטער היצ קומט אָנ דער אַלטער לאָיעװ מיטנ זונ יעשיע לאָיעװ אונ װערנ ניט װילנדיק צוהערער פונ דער לעקציע, װאָס דער יונגער לערער פונ פּערעיאַסלאַװ לײענט דאָ פאַרנ יונגװאַרג. זײ קוקנ זיכ איבער צװישנ זיכ אונ האָבנ האַנאָע, זעט אויס. דערנאָכ טוט אים א רופ דער אַלטער לאָיעװ:

— הער נאָר אויס, כעװרעמאַנ, װאָס איכ'ל בא דיר פרעגנ. מײַנ זונ זאָגט מיר, אז דו ביסט אינ אונדזערע יידישע ספאָרים ניט װינ-

ציקער קלאָר, ווי אין זייערע ביכער. איך האָב געוואָלט הערן פון דיר, צי געדענקסטו נאָך, וואָס ראַשע וויל האָבן פון די בנויס-צלאָפּכאָד?..

און עס גייט אוועק אַ שמועס פון ראַשע. פון ראַשע קומט מען אַרויף אַף דער געמאָרע. און עס גייט אוועק אַ פּילפּל[1] פון לאָמדעס און פון קענטעניש און פון האַסקאָלע, ווי געוויינלעך צווישן ייִדן, וואָס זײַנען היימיש אין די קליינע אויסיִעס...

דאָס רופט אַרויס אַ סענסאַציע. דער פּוראָר איז אַזוי גרויס, אַז דער אַלטער לאַיעוו לייגט אַרויף אַף אים די האַנט און זאָגט צו אים:

— כּון די אַלע לערנעכצן און קענטענישן האָבן מיר שוין געזען, אַז עס קומט צו עפּעס, לעמאָשל, אַ קוויטל אָנשרײַבן, איז ניטאָ קיין לאָשן... אַ סימען — אָט שטייט אַ טינט און פען; נעם זײַ מויכל, שרײַב מיר אָן אַ בריוו אַף רוסיש אין דער צוקער-פאַבריק צו דעם דירעקטאָר, אַז מע וועט אים ניט צושטעלן מער קיין בורעקעס, ביז ער וועט ניט צושיקן אַזויפיל און אַזויפיל געלט...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בריוול איז געווען מער ניט ווי אַן אָנשטעל, אַן אויסרייד, אַ מין עקזאַמען. דאָס אָנגעשריבענע בריוול איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און אַלע האָבן באַוווּנדערט די זעלטענע האַנטשריפט, די קאַליגראַפיע פונעם באָכער. דאָ איז אים בײַגעשטאַנען דער זכוס פון זײַן רעבן מאָניש פון פּערעיאַסלאַוו. דער מעלאַמעד רעב מאָניש וואָלאָוו, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַן „ביינדל", איז געווען אַ זעלטענער קאַליגראַף, אַ מין קינסטלער פון דער נאַטור. אַ גאָלדענע האַנט. מיט זײַן געשריפטס האָט מען זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט. ער האָט געמאָלט, ניט געשריבן. געווען אַ ייִד אַ קאָשערער, אַ גרויסער יערײ-שאָמאַיִם, און ניט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט רוסיש, האָט ער קאָנקורירט מיטן שרײַב-לערער פון דער „אויעזדנע". עס איז געווען ניט צו גלייבן, אַז אַ האַנט, ניט אַ מאַשין, זאָל אַזוי קאָנען שרײַבן! די טאַלמידים, און צווישן זיי אויך ראַבינאָוויטשעס קינדער, האָבן נעבעך געליטן פונעם רעבן מאָנישעס „ביינדל". זיי האָבן אָבער אַ סאַך געגאַשט פון זײַן קאַליגראַפיע, פון זײַן שיין רוסיש שרײַבן, וועלכעס האָט זיי מיט דער צײַט געבראַכט גרויסע נוצן...

---

1 קאַזויִסטיק.

דערמיט אליין האָט זיך דער עקזאמענ נאָך ניט געענדיקט. דער אלטער לאַיעוו האָט פארלאַנגט פונעם יונגנ לערער, ער זאָל זיך מאטריעכ זיינ דאָס אייגענע בריוועלע איבערזעצנ אינ העברעיש, „וויל דער דירעקטאָר פונ דער צוקער־פאבריק איז א ייד"... אזוי האָט דער אלטער מאָטיווירט זיינ פארלאַנג. אונ פארשטייט זיך, אז דאָס איז אויכ געווענ שייעכ צומ עקזאמענ... אונ ניט לאנג געטראכט, האָט דער לערער דאָס בריוול איבערגעזעצט אינ העברעיש, מעליצע־דיק, אזוי געפלייסט זיך, אז דאָס קסאוו זאָל זיינ וואָס שענער, געקינצלט אונ געצוקט, די שורעס געדיכט, אויסגעמאָסטנ, פערלדיק אונ צאצקעדיק. דאָ האָט זיך שוינ געמיט דער זכוסאָוועס פונ נאָך א פריערדיקנ מעלאמעד, פונ רעב זאָרעכנ. דאָס, וואָס דער רעבע מאָניש איז געווענ אינ רוסיש, איז דער רעבע זאָרעכ געווענ אינ יידיש.

בעקיצער, דער לערער האָט דעמ אימפּראָוויזירטנ עקזאמענ אויסגעהאלטנ גלענצנד. פאר קוראזש דרייט זיך אימ אזש דער קאָפּ. ער פילט, אז עס פלאמט אימ אנ אויער. די פאנטאזיע כאפּט אימ ארופ אפ אירע פליגלענ אונ טראָגט אימ אוועק אינ דער וועלט פונ זיסע כאלוימעס אונ קישעפדיקע געדאנקענ. ער זעט זיך א גליקלעכנ, א שיינענדיקנ. יענער כאָלעמ פונעמ „אויצער" הייבט אָנ מעקויעמ צו ווערנ, אונ גאָר אפ א נאטירלעכנ אויפנ: ער קומט צו פאָרנ אפנ אָרט, אזוי שטעלט ער זיך פאָר אינ דער פאנטאזיע, באקענט זיך מיטנ אלטנ לאַיעווס טאָכטער... זיי פארליבנ זיך איינס אינ דאָס אנדערע אונ דעקנ אופ זייער סאָד פארנ אלטנ... דער אלטער לייגט ארופ אפ זייערע קעפּ זיינע הענט אונ בענטשט זיי: „זייט גליקלעכ, ליבע קינדער!"... שרייבט דער באָכער אוועק א בריוו צו זיינ טאטנ קיינ פּערעיאסלאוו: „אזוי אונ אזוי, ליבער פאָטער, קומ צו פאָרנ"... אונ מע שיקט ארויס נאָך אימ א פאעטאָנ מיט ברענענדיקע פערד... אונ סאמע אינ רעכטנ כאָלעמ שלאָגט מענ אימ איבער. דער אלטער לאַיעוו גייט צו צו אימ, רופט אָפּ דעמ באָכער אפ א זייט אונ הייבט אָנ צו ריידנ מיט אימ מיקויעכ „אכצנ אונ דרייצנ". דאָס הייסט, וועגנ געצאָלטס. „אָדער עפשער וועלנ מיר דאָס איבערלאָזנ אפ אנ אנדערשמאָל, אפ שפּעטער?" „לאָז זיינ אפ אנ אנדערשמאָל, אפ שפּעטער"... אונ ער פילט זיך, ווי א מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס זיס איינגעדרעמלט אונ געפלאָנטעט כאלוימעס — פלוצעמ איז מענ געקומענ אונ מע האָט אימ אופגעוועקט!.. ווי א רויכ זיינענ זיך צעגאנגענ די זיסע כאלוימעס. ווי א שאָטנ האָט זיך אופגעהויבנ די צע־

וואַרעמטע פאַנטאַזיע, און דער גאַנצער קישעפּ מיטן אויצער, מיט אַלע גוטע זיסע געדאַנקען, זײַנען פאַרשווּנדן געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערווײַל ווערט נאַכט און מע דאַרף שוין פאָרן. פון דער שטאָט באָסלאַוו ביזן דאָרף איז נאָך דאָ אַ פּאָר מײַל, צוויי שאָ פאָרעכץ. די פערד שטייען שוין געשפּאַנט. אַנדריי דער קוטשער טראָגט אַ גאַנצע וואַליזע אין פּאַקטאָן אַרײַן. אין דרויסן איז קילבלעך.

— אָט אַזוי וועסטו פאָרן? — זאָגט דער אַלטער לאָיעוו צום לע-רער. — דו גייסט דאָך אָדאָם־נאַקעט; וועסט דערפרוירן ווערן, צו אַלדי גוטע יאָר! אַנדריי! אַהער די בורקע!

אַנדריי שלעפּט אַרויס פון אונטער זיך אַ וואַרעמע וואָלענע בורקע. דער אַלטער אַליין העלפט דעם לערער די בורקע אָנטאָן אַף די אַרבל. די בורקע איז רעכט וואַרעם און עס איז אײַנגענעם אין איר צו זיצן. נאָר עס גייט אים ניט אײַן. וואָרעם דאָס מיידל, שיווקע בע-רעלע עטלס, מיט אירע קאַוואַלערן שטייען באַם פענצטער און זעען, ווי דער אַלטער טוט אים אָן די בורקע. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז זיי לאַכן... און פאַרן קוטשער, פאַר אַנדרייען, איז אויך אַ בי-זאָיען. וואָס טראַכט זיך וועגן אים אָט דער גוי?..

69

אַ ייִד אַ פּאָמעשטשיק

א ייִדיש־פּריציש הויז. — ער לערנט זיך דעם שולכן־אָרעך [1] פון עטיקעט. — דעם אַלטן לאָיעווס ביבליאָטעק. — אַ זעלטענער טיפּ פון אַ ייִדישן גוטבאַזיצער.

עס איז שוין געווען רעכט נאַכט, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף אַרײַן אַלע דרײַ: דער אַלטער לאָיעוו, זײַן זון דער מאַסקל יעשיִע און דער יונגער לערער פון פּערעיאַסלאַוו. דורכגעפאָרן פאַרבײַ אַ כאַב נידעריקע פינצטערע גויִשע הײַזלעך און דורכגעלאָזט אַ גרויס ברייט גרין פעלד — אַ „וויגאָן” ווערט דאָס אָנגערופן אין דאָרף — און אַ גרויסן „טויק” מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי

1 אַ זאַמלונג רעליגיעזע געזעצן. דאָ געמיינט: פּאָשעטע געזעצן.

נאָכ ניט געדרעשט ברויט, האָט זיכ דער פּאעטאָנ אָפּגעשטעלט א א גרויסנ ברייטנ פּריצישנ הויפ. דער קוטשער אנדריי האָט נאָכ ניט באוויזנ אָפּצושטעלנ די פערד, האָט זיכ דער הילצערנער טויער ווי פונ זיכ אַליינ ברייט צעעפנט. באַמ טויער איז געשטאַנענ א גוי אָנ א היטל. דער גוי האָט זיכ טיפ פאַרנייגט פארנ באַלעבאָס אונ דורכגעלאָזט דעם פּאעטאָנ, וועלכער האָט זיכ נאָכ א ווײַלע געקײַקלט ווי אפ א ווייכנ טאפּעט אונ איז צוגעפאָרנ צו א גרויסער, ברייטער, ניט קיינ הויכער, ווײַסער פּריצישער שטוב, דאַפּקע מיט שטרוי געדעקט, אונ מיט צוויי גרויסע גאַנעקעס באַ די זײַטנ. פונ יענער זײַט שטוב — א גאָרטנ. אינוויינײיק איז די שטוב, ווי אויסוויינײיק, געקאַלכט מיט ווײַסנ. פּראָסט מעבלירט. א סאַכ פענצטער. כאַדאָרים — אָנ א שיר. אינ שטוב דרייענ זיכ ארומ דינסטנ מיט שטילע טריט, אזוי ווי שאָטנס. אפ די פּיס באַ זיי — ווייכע שיכ, ס׳זאָל ניט קלאַפּנ. קיינער וואגט ניט א וואָרט אויסצוריידנ, בײַס דער אַלטער איז אינ דער היימ. א שטרענגע דיסציפּלינ. ריידנ הערט מענ נאָר אימ אַליינ, דעמ באַלעבאָס. זײַנ לייבנשטימ קלינגט, ווי א גלאָק. אינעמ ערשטנ גרויסנ כיידער, באַ א לאַנגנ שיינ געדעקטנ טיש, איז געזעסנ א פרוי, א יונגע, א הויכע, א שיינע. דאָס איז דעמ אַלטנס ווײַב, די צווייטע פרוי. נעבנ איר איז געזעסנ א מיידל פונ א יאָר דרײַצנ — פערצנ, זייער איינציקע טאָכטער, א קאָפּיע פונ דער מוטער. דער אַלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעמ יונגנ לערער אונ מע האָט זיכ געזעצט עסנ וועטשערע.

דאָס איז געווענ דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פונ דער ביִאָגראַפיע האָט זיכ געפונענ באַ אַנ אַריסטאָקראַטישנ טיש, ווו דאָס עסנ קומט פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פונ א לאַקיי מיט ווײַסע הענטשקעס. דער לאַקיי איז אפילע א פּראָסטער שײגעץ מיטנ נאָמענ „וואַנקאַ״, נאָר דער אַלטער האָט אימ אויסגעקליידט אונ אויסגעדרעסירט אפּנ פּריצישנ שטייגער. פאַר א מענטשנ, וואָס איז ניט געוווינט געוואָרנ צו א סאַכ טעלער אונ טעלערלעכ, לעפל אונ לעפעלעכ, גלעזער אונ גלעזעלעכ, איז שווערלעכ אויסצוהאַלטנ אַזאַ אַריסטאָקראַטישנ טיש אונ ניט פאַרזינדיקנ זיכ קעגנ אַלע פאָדערונגענ פונ עטיקעט. מע דאַרפ זײַנ אפ דער וואַכ, האַלטנ קאָפּ... מע מוז זיכ מוידע זײַנ, אַז דער באָכער האָט ביז דעמאָלט ניט אָנגעהויבנ צו וויסנ, אַז מע זיצט באַמ עסנ, באַדאַרפ מענ אָפּהיטנ דעמ גאַנצנ שולכנ-אָרעכ פונ עטיקעט, וואָס אינ א געוויינלעכער יידישער שטוב

איז מענ אפ דעמ ניט מאקפיד[1]. אינ א געוויינלעכער ייִדישער ש עסנ אלע פונ איינ טעלער, טונקענ אייַנ די פרישע כאלע אינ פעטנ סאָוס, אָדער עסנ גאָר מיט די הענט. אינ א באלעבאטישער ייִדישער שטוב ווייסט מענ ניט פונ קיינ באזונדערע דינימ אונ מינהאָגימ, וויִאזוי צו זיצנ באמ טיש אונ צו באדינענ זיכ מיטנ לעפל, מיטנ מעסער אונ מיטנ גאָפּל. אינ א באלעבאטישער ייִדישער שטוב איז גענוג, אז מע ווייסט, אז מע באדארפ איבערלאָזנ אינ טעלער א שטיקל פיש אָדער פלייש, „אפ דערעכערעצ". ווייַטער מעג מענ זיצנ וויִאזוי מע וויל, עסנ וויפל מע וויל, אונ רייניקנ די ציינ מיטנ גאָפּל איז אויכ אָנ א סאקאָנע. ווער זאָגט עס דענ, אז ס'איז פאראנ ערגעצ א מינ עטיקעט אפ דער וועלט? ווער אונ ווו האָט דאָס אזא שולכנ-אָרעכ אמאָל געשריבנ? ניינ, די אלע דינימ אונ מינהאָגימ פונ עטיקעט האָט דער יונגער רעפּעטיטאָר אינערגעצ ניט אויסגעלייענט. ער האָט נאָר אינ זינענ געהאט איינ זאכ: אז מע דארפ נאָכקוקנ, וו אָ ס א נ ד ע ר ע ט ו ע נ — ניט מער. פארשטייט זיכ, אז קיינ האנאָע פונעמ עסנ קאָנ מענ ניט האָבנ, אז מע דארפ טאָמיד זייַנ אפ דער וואכ, שטענדיק אכטונג געבנ, טאָמער האָב איכ געכאפּט אנ איבעריקנ ביסנ, אָדער טאָמער האָב איכ דאָס מעסער מיטנ גאָפּל ניט געהאלטנ ווי עס געהער צו זייַנ, אָדער טאָמער האָב איכ צו א שטארקנ זופּ געטאָנ, אָדער טאָמער האָט עמעצער געהערט ווי איכ קייַ... דאנקענ גאָט, דעמ עקזאמענ פונ עטיקעט האָט דער לערער אויכ אויסגעהאלטנ גלענצנד, נאָר פונעמ טיש איז ער די ערשטע עטלעכע מאָל אוועקגעגאנגענ א הונגעריקער. נאָכ די אלע שיינע צערעמאָניעס, פילע פּאָטראוועס אונ אויסגעצייכנטע מייַכאָלימ האָט זיכ שטארק געבענקט נאָכ א שטיקל פריש ברויט מיט הערינג אונ מיט ציבעלע, אונ נאָכ הייסע זאמדיקע קארטאָפל אינ די העמדלעכ, אונ נאָכ א גוטע קרויט, וואָס לאָזט זיכ הערנ דערנאָכדעמ א גאנצ מעסלעס... עס האָט געמוזט נעמענ צייַט, ביז ער האָט זיכ צוגעווינט צו דעמ רעזשימ פונ צירלעכ-מאנירלעכ. דערווייַל האָט דער באָכער געמוזט, ווי עס רעדט זיכ, נאָכשטופּנ די קארעטע, „האלטנ שטאט", ניט ארויסגעבנ זיכ כאָלילע מיט זייַנע דעמאָקראטישע גענג אונ פּראָלעטארישע געוווינהייַטנ. מיט אייַנעמ וואָרט — זייַנ ג ל ייַ כ מ י ט א ל ע. אונ דעמ עמעס מוז מענ זאָגנ, אז מע האָט דאָ געקוקט אפ אימ פונ דעמ ערשטנ טאָג אָנ ניט

---

1 מע לייגט דערופ קיינ אכט ניט.

ווי אפ א פרעמדן, נאָר ווי אפ א גלײַכן, אן אייגענעם. פאָרט א „טאטנס א קינד". אזוי האָט געפאסנט דער אלטער און האָט גאנץ אָפנטלעך ארויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דעם ייִדער אים אין די אויגן, אז ער, דער לערער, איז א „טאטנס א קינד". און א „טאטנס א קינד" באדארף מען אנדערש באהאנדלען.

קוידעמקאָל, האָט מען אים אָפּגעגעבן א באזונדער כיידער, צוגעקליבן פראָסט, נאָר ניט אלע באקוועמלעכקייטן און מיט דער בעסטער באדינונג. דאָרט האָט ער געהאט גענוג צײַט און גענוג פרײַהײַט צו טאָן וואָס ער וויל. לערנען מיט דער שילערן איז גענוג געווען אזעלכע צוויי — דרײַ שאָ אין טאָג. די איבעריקע צײַט האָט ער געקאָנט אויסנוצן פאר זיך — לייענען ביכער אָדער שרײַבן. און געלייענט האָט ער אלץ, וואָס ס'איז געקומען צו דער האנט. דער אלטער האָט אליין ליב געהאט צו לייענען און האָט ניט געזשאלעוועט קיין געלט אפ צו קויפן אלעמאָל נײַע ביכער. און אזוי־ווי קיין אנדער שפראך, אחוץ העברעיש, האָט דער אלטער ניט געלייענט איז זײַן ביבליאָטעק באשטאנען מער פון העברעישע ביכער (ייִדיש איז נאָך דעמאלט ניט געווען אין דער מאָדע) קאלמען שולמאן, מאפו, סמאָלענסקין, מאנדעלקערן, גאָטלאָבער, יעהאלעל, ייִצכאָק-בער לעווינזאָן, מאָרדכע-ארן גינזבורג, ייִצכאָק ערטער, דאָקטער קאמינער, כאים-זעליק סלאָנימסקי — אָט דאָס זײַנען געווען די נעמען פון די שרײַבערס, וואָס האָבן באשײַנט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישן מאגנאט, דעם פאָסעסאָר לאָיעוו. אין די אלע אויסגערעכנטע ביכער איז דער אלטער לאָיעוו געווען קלאָר קימאט אפ אויסווייניק און האָט ליב געהאט זיי ציטירן און דערציילן פון זיי אלעמאָל איבעראנײַס. עס איז זעלטן געווען צו באגעגענען א מענטש מיט אזא זיקאָרן און מיט אזא קויעכ-האדיבער, ווי דער אלטער לאָיעוו. ער האָט געהאט אן עמעסן טאלאנט אפ איבערצודערציילן א זאך מיט זײַן אייגענעם לאָשן. איך וואָלט געזאָגט, אז ער איז געווען אן אָראטאָר. ער האָט געהאט אין זיך א גרובע הומאָר. זײַנע מײַסעס זײַנען געווען שפאנענדיק. א מענטש פון גרויסע דערפארונגען און א סאך איבערלעבענישן, האָט ער געהאט צו דערציילן און צו דערציילן, און אלעמאָל מיט גרויסן אינטערעס. ער האָט ניט נאָר דערציילט — ער האָט געדיכטעט, געשאפן, געמאָלן בילדער מיט אלערליי פארבן. דאָרט, ווו ער האָט זיך געפונען, האָבן געמעגט זײַן ווער ווייסט וויפל מענטשן, האָט מען געהערט נאָר אים, און ווײַטער קיינעם ניט.

ביכלאל איז דאָס געווען א זעלטענער טיפּ, א גרויסער אָריגינאל, א ייִד ניט ווי אלע ייִדן. אויסגעוואקסן און דערצויגן געווארן אין א פרומער ייִדישער שטוב, אין א ייִדישער שטאָט, אין באָסלאוו, איז געווען צו באוווּנדערן, וויאַזוי איז דאָס ארויסגעוואקסן פון דאָרט אזא מין עקזעמפּליאר? ווי קומט צו א באָסלאווער ייִדן וואָר א האַסאָגע צו פירן א פּריצישן שטאט, ליב האבן ערד און אָפּגעבן זיך איינגאנצן צו פעלד-ארבעט? עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין א פרימאָרגן, אָנגעטאָן אין הויכע גלאנצנדיקע באטפאָרטן און אין א קורץ סאמעטן רעקל ביז די קני, שטיין אויף טויק ביי דער דרעשמאשין, קאָמאנדעווען מיט די ארבעטער און ווארפן די סנאָפּעס אין קאסטן אריין, אָדער דרייען די „ווייעלקע“, אָדער ווארפן מיט דער „רעשעטע“. אומעטום איז ער געווען אליין: ביים אקערן, ביים זייען, ביים פּאָלען, ביים גראָבן, ביים שניידן, ביים אריינפירן און ארויספירן די טוווע, ביי די פערד, ביי די אָקסן, ביי די בהמות — אומעטום אליין. איך מיין, אז אויב עס וואָלט ווען אמאָל געווען נייטיק צו באווייזן פאר פריִערדיקע פעלקער א מוסטער פון א ייִדן א באלעבאַטשיק, א גוטבאזיצער און אן עמעסן פעלד-ארבעטער, וואָלט דער אלטער לאַיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. קריסטן האָבן אָפנטלעך ארויסגעזאגט, אז ביי דעם ייִדן באדארף מען זיך גיין לערנען, ווי צו פירן באלעבאטישקייט, ווי צו באארבעטן די ערד אויפן בעסטן שטייגער און ווי צו באגיין זיך מיט די אָרעמע ארבעטער, אז זיי זאָלן זיין צופרידן. אלע מוזשיקעס פון דאָרף, אָן א שום אויסנאם, זיינען געווען נאָך אים די קאפּאָרע. ניט נאָר האָבן זיי געציטערט פאר אים און געהאט דרך-ארץ — זיי האָבן אים ליב געהאט, פּשוט ליב געהאט. דערפאר, וואָס ער איז זיך באגאנגען מיט זיי, ווי א מענטש, ווי א פריינט און ווי א פאָטער. אזא מין באציִונג האָבן די גויִים קיינמאָל ניט געזען פון די פריִערדיקע באלעבאטים, פון די פּוילישע פּריצים. מע דארף געדענקען, אז דער מוזשיקעס האָבן נאָך ניט פארגעסן דעם נאָמען פון „פּאנשטשינע“. אויף זייערע לייבער האָבן זיי נאָך געטראָגן סימנים פון שמיץ. און דאָ באגייט מען זיך מיט זיי, ווי מיט מענטשן, ניט ווי מיט „סקאָט“. היינט דער צוטרויען, וואָס זיי האָבן געהאט צום באלעבאָס. זעלטן ווער פון זיי אינעם גאנצן דאָרף האָט געקאָנט צונויפרעכענען, וויפל עס באטרעפט צוויי מאָל צוויי. ביים רעכענען האָבן זיי זיך איינגאנצן פארלאָזט אויפן אלטן. זיי זיינען געווען זיכער, אז ער וועט זיי ניט אָפּנארן אויף קיין פּרוטע אפילע.

עס איז שווער זיכ פאַרצושטעלנ, וואָס פאַר א ווענדונג וואָלט אָנגענומענ די היסטאָריע פונעם יידישנ פאָלק און וואָס פאַר א ראָליע מיר וואָלטנ געשפּילט אינ דעמ עקאָנאָמישנ און אינ דעמ פּאָליטישנ לעבנ פונעם לאַנד, ווענ ניט די געוויסע „וורעמענע פּראַווילעס״, וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעכאַרעט אַפ די יידנ, אַז זיי זאָלנ ניט טאָרנ זיצנ אינ די דערפער און ניט קויפנ און ניט דינגענ קיינ ערד אַפ צו באַאַרבעטנ. איכ זאָג עס דערפאַר, ווייל אַזעלכע פעלד-באַלעבאַטים, ווי דער אַלטער לאַיעוו, זיינענ אינ יענעמ געגנט, ווי אויכ אינ אַנדערע געגנטנ פונ דער געבענטשטער „טשערטע״, געווענ ניט קיינ זעלטנהייט. אָסלאַווער, קאַגיזווער, שפּאָלער, רזשישטשעווער, כאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָליער, אומענער און נאָכ א סאַכ אַנדערע יידנ האָבנ זיכ א לאָז געגעבנ פונ די קליינע שטעטלעכ אינ דאָרפ אַריינ, אָפּגעדונגענ גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומענ אינ דער אַרענדע פּריצישע פּאָלוואַרקעס, באַוויזנ וווּנדער, געמאַכט פונ שלעכטער ערד, פונ פאַרלאָזענע כורוועס אַנ עמעסנ גאַניידנ. דאָס איז ניט קיינ איבערטרייבונג, קיינ גוזמע-זאַכ. די דאָזיקע ווערטער האָט דער פאַרפאַסער פונ די דאָזיקע קסאָווים אַליינ געהערט פונ א באַרימטנ רוסישנ פּאָמעשטשיק, א קריט, מיטנ נאָמענ וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש סימירענקאָ, מיט וועלכנ דער אַלטער לאַיעוו איז געשטאַנענ אינ נאָענטע געשעפטס-פאַרבינדונגענ און מיט וועלכנ מיר וועלנ זיכ נאָכ באַגעגענענ. מיט איינעמ וואָרט — איר האָט פאַר זיכ א טיפּ פונ א יידנ א פּאָרעץ, א יידנ א פּאָמעשטשיק, וואָס איז, לײדער, דורכ א בייזער האַנט אַרויסגעריסנ געוואָרנ מיטנ וואָרצל און איז אָפּגעשטאָרבנ פאַר דער היסטאָריע עפּשער אַפ לאַנגע-לאַנגע יאָרנ.

70

דאָס לעבנ אינ דאָרפ

דאָס דאָרפ „סאָפּיִעווקא״. — דער מעכאַבער פונ די באַשרייבונגענ באַקענט זיכ מיט דער דרויסנדיקער וועלט. — דרייצנ יאָרנ. — דער לערער מיט דער שילערנ ווערנ באַענט, ווי א ברודער מיט א שוועסטער. — בא די ביכער, אַפנ פעלד און בא שכיינים.

דאָס דאָרפ, וווּהינ דער פאַרפאַסער פונ די דאָזיקע געשיכטעס איז געבראַכט געוואָרנ, האָט געהערט צומ גראַפ בראַניצקי און האָט זיכ אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „סאָפּיִעווקא״. געבראַכט איז ער געוואָרנ אהער

אלס אָנגעשטעלטער, אלס לערער, אפ א קורצע צײַט, און איז שוינ פארבליבנ דאָ אפ שטענדיק. דאָ האָט ער געפונענ זײַנ צווייטע היימ. דאָ האָט זיכ פארזיגלט, ווי מיר וועלנ דאָס ווײַטער זענ, זײַנ גליק און זײַנ לעבנ אפ אייביק... דערווײַל האָט ער אלס לערער פארבראכט אינ דעמ דאָרפ עטוואָס קארגער פונ דרײַ יאָר. די דאָזיקע דרײַ יאָר מעגנ פארצייכנט ווערנ אלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקלעכסטע פונ זײַנע יאָרנ. מע קאָנ זאָגנ, אז דאָס איז געווענ בעעמעס דער פרילינג פונ זײַנ לעבנ. דער פרילינג אינ אלע אופאנימ. דאָ האָט ער געהאט די בעסטע געלעגנהײַט נעענטער צו באקענענ זיכ מיט דער נאטור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד. מיט דער ערד, פונוואנענ מיר זײַנענ אלע געקומענ און וווהינ מיר אלע זײַנענ אָנגעברייט אוועקצוגיינ. דאָ האָט ער דערזענ, פארשטאנענ און דערפילט, אז אונדזער אָרט איז דאָ, אפ דער נאטור, און ניט נאָר אָט דאָרטנ, אינ דער שטאָט. דאָ איז ער געקומענ צו דער איבערצײַגונג, אז מיר זײַנענ א טייל פונ דער גרויסער, דרויסנדיקער וועלט, און אז מיר האָבנ אלעמאָל געבענקט און וועלנ טאָמיד בענקענ נאָכ דער מוטער-ערד. אז מיר האָבנ אלעמאָל ליב געהאט און וועלנ טאָמיד ליב האָבנ די נאטור. אז עס האָט אונדז אלעמאָל געצויגנ און עס וועט אונדז טאָמיד ציִענ אינ דאָרפ ארײַנ. איכ וויל האָפנ, אז דער גוטהארציקער לעזער וועט מיר איצטיקס מאָל מויכל זײַנ פאר מײַנ קורצע האקדאָמע. איכ קאָנ מיכ ניט דערמאָנענ אָנ דעמ דאָרפ און ניט ארויסזאָגנ די געפילנ, וואָס זײַנענ מיט דעמ פארבונדנ. און האָב איכ שוינ ארויסגעזאָגט, קאָנענ מיר שוינ איבערגיינ צומ דאָרפ גופע און געבנ א גענויע באשרײַבונג פונעמ דאָרפישנ גליקלעכנ לעבנ.

געשלאָפנ אינ א גרויס ליכטיק צימער בא פארמאכטע לאָדנ, כאפט זיכ אופ דער לערער אינדערפרי, טוט א שטופ מיט דער האנט פונ זיכ — עפנט זיכ אופ דאָס פענצטער מיטנ לאָדנ אינאיינעמ, און עס רײַסט זיכ ארײַנ א סנאָפ ליכט, מיט א וואַרעמקײַט פונ דער זונ, מיט אנ אראָמאט פונ רעזעדא, אויסגעמישט מיט א רייעכ פונ מיענטע און פונ פאָלינ, מיט נאָכ פארשיידענע מינימ רייכעס פונ גראָזנ, וואָס מע ווייסט ניט זייערע נעמענ. די גראָזנ זײַנענ, זאָגט מענ, דאָ געווענ אמאָל פארזייט פונעמ גראפ בראניצקי. נאָר איצט וואקסנ זיי אליינ פונ זיכ, אינאיינעמ מיטנ פראָסטנ בוריאנ, שטעכלקעס און קראָפעווע. אינ מיטנ זומער זײַנענ די גראָזנ אזוי הויכ געוואקסנ, אז

דער לערער מיט דער שילערנ זײַנענ ניט אײנ מאָל געגאַנגענ ביז איבערנ האַלדז און האָבנ זיכ געקאָנט באַהאַלטנ אײנס פונ דאָס אַנדערע און זיכ נאָכדעמ לאַנג זוכנ און — געפינענ. פונעמ אופעפענענ דאָס פענצטער מיטנ לאָדנ האָט א קוואָקעדיקע הינ מיט איר מיש-פּאָכע זיכ ספּאָלאָשעט און א ביסל אָפּגעטרעטנ אפ א זײַט. זי האָט זיכ אָבער באַלד אומגעקערט צוריק, געשאַרט און געפּיקט אינ מיסט און געלערנט אויכ די קלײנע הינדעלעכ, וויאַזוי צו שאַרנ און צו פּיקנ.

דאָס אופשטײנ, דאָס אָנטאָנ זיכ מיטנ אײַנוואַשנ זיכ נעמט ניט קײנ סאַכ צײַט, און עס איז נאָכ גאָר ניט אַזוי שפּעט. נאָר אַז דער לערער קומט אַרויס, טרעפט ער שוינ קײנעמ ניט אינ שטוב. דער אַלטער לאָיעוו איז שוינ לאַנג בא דער אַרבעט אפנ „טויק“, פונוואַנענ עס לאָזט זיכ הערנ דאָס גראַגערנ פונ דער דרעשמאַשינ. דעמ אַלטנס פרוי איז בא די אינדיקעס, בא די גענדז מיט די קאַטשקעס און די איבעריקע אויפעס — א גאַנצע מעלוכע פונ אויפעס! פונ די ברײטע פעלדער ציִענ זיכ פּאַוואָליע גרויסע אָקסנ־פורנ מיטנ אָפּגעשניטענעמ ברויט. פונדערווײַטנ קאָנ מענ כאַפּנ מיטנ אויג דעמ לאַנ[1] מיט ווײץ. א סאַכ איז שוינ אָפּגעשניטנ און צונויפגעלײגט קופּעכווײַז אינ די סנאָ-פּעס. און א סאַכ שטײט נאָכ אינ די געלע, צײַטיקע זאַנגענ, רירט זיכ און שאָקלט זיכ כוואַליעסווײַז פונ א גרינג ווינטעלע, וואָס לויפט מאַרבײַ. אפ יענער זײַט לאַנ, דאָרט, ווו עס ענדיקט זיכ דאָס ברויט, הײבנ זיכ אָנ די גרויסע גרינע בלעטער פונ די בוריקעס, וואָס וואַקסנ גלײַכע שורעסווײַז. צווישנ זײערע רײענ, גאַנצ שיטער, שטײענ, ווי סאָלדאַטנ אפ דער וואַכ, די הויכע „סאָנישניקעס“ מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פײגעלעכ האָבנ ליב צו קלײַבנ זיכ אַרומ די סאָניש-ניקעס און אַרויספּיקנ פונ זײ אײנציקווײַז די נאָכ ווײַסע, נאָר שוינ זיסע, סעמיטשקעס. נאָכ ווײַטער גײט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדל, מיטנ נאָמענ די „טורטשינאַ“. דעמלט, ווענ פּריצימ זײַנענ דאָ געזעסנ, איז מענ געגאַנגענ אַהער שיסנ, „נאַ פּאָליעוואַניע“. איצט, אַז די פּאָסעסיע האַלט א ייִד, קאָנענ די אומשולדיקע האָזנ און גאָט די געשאָמע שולדיקע פײגעלעכ זײַנ גאַנצ רויִק. ייִדנ שיסנ ניט. ייִדנ קאָנענ באַשטײנ צו ציִענ אַנדערע נוצנ פונעמ וואַלד. פונ דעמ וואַלד האָט דער אַלטער לאָיעוו אַרויסגעפירט א היפּש ביסל געהילצ און האָט

1 א פעלד.

אָנגעבויט שטאלנ מיט שטעלעכלעכ, קאמערנ מיט קעמערלעכ, אמבארנ פאר טווּע אונ סאריַיענ מיט טאניעס פאר אָקסנ אונ פאר פערד, אונ וועגנ אונ שליטנס אונ נאָכ זאכנ, וואָס ווערנ אָנגערופנ מיט איינ אלגעמיינעם נאָמענ „רעמאָנענט".

נאָכנ ערשטנ אָנבייַסנ אונ נאָכ דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערנ נעמט דער לערער א שפאציר אינ גאָרטנ. אמאָל אליינ אונ אמאָל אינצווייענ, טאקע מיט דער שילערנ. עס איז שווער צו זאָגנ, ווענ איז דער גאָרטנ שענער: צי ארום שוועס-צייַט, ווענ דיביימער האלטנ אינ רעכטנ בליִענ? צי דעמלט, ווענ עז האָבנ זיכ נאָרוואָס אָנגעהויבנ צו רויטלענ די וויַמפער עכ מיט די אגרעסנ? צי העט-שפעט, שוינ סאָפ זומער, ווענ די עפל הייבנ אָנ אליינ צו פאלנ אונ עס בלייַבנ די פארשפעטיקטע קייַלעכיקע שווארצע פלאָמענ. וואָס מע רופט זיי „טשערקוסנ"? אינ יעדער צייַט האָט זיכ דער גאָרטנ זייַנ רייצ מיט זייַנ כיינ. אינ יעדער צייַט געפינענ די שפאצירנדע, דער לערער מיט דער שילערנ, עפעס נייַעס. מעגנ זייַנ די אגרעסנ נאָכ גרינ אזוי ווי גראָז אונ זויער אזוי ווי עסיק — מאכט ניט אויס. מע צעשטעכט זיכ די הענט אונ מע רייַסט ארויס די גרעסטע פונ זיי, די, וואָס הענגענ א אָפ אונ לייַכטנ זיכ דורכ אפ דער זונ. אונ ווער שמעסט א ביסעלע שפעטער, ווענ די וויַנפערלעכ גיכנ זיכ אָנ מיט רויטנ וויַינ אונ בלישטשענ אפ דער זונ — דעמלט בעטנ זיי זיכ, מע זאָל פארזוכנ נאָכ א בינטל אונ נאָכ א בינטל. מע פארזוכט אזוי לאנג, ביז עס ווערנ הייַליק די ציינ. דאָס אייגענע איז מיט די ווייַנשל אונ מיט די קארשנ אונ מיט די אלע איבעריקע אויבסטנ אונ פיירעס, וואָס קומענ אופ אונ ווערנ צייַטיק ניט אלע אפ איינ מאָל. עמעס, דאָס זייַנענ אלצ אזעלכע זאכנ, וואָס מע קריגט עס אינ שטאָט אויכ, וואָס מע קאָנ עס קויפנ פאר געלט. עס האָט אָבער ניט דעם טאַם מיט דעם רייעכ, ווי בייס איר רייַסט דאָס אליינ אראָפּ פונעם בוים. אויביפראט, אז איר זייַט ניט אליינ, נאָר אינ-צווייענ מיט א מיידל, וואָס איז אייַכ ליב אונ טייַער, מיט א מיידל, וואָס איר זייַט איר ליב אינ טייַער, ווי אנ אייגענער, ווי א ברודער...

ווי דענ האָט די שילערנ אנדערש געקאָנט באציִענ זיכ צום לערער, אז ניט ווי צו א ברודער, ווענ אירע פאָטער אונ מוטער האָבנ זיכ באצויגנ צו אים, ווי צו א קינד? עס איז ניט געווענ קיינ שום אונ-טערשייד בא זיי צווישנ אים אונ צווישנ זייערע אייגענע קינדער, אזוי ווי די אייגענע קינדער, אזוי האָט דער לערער זיכ געבאָדנ

אײן גוטס, ניט געוווּסט פֿון קײן נױט און פֿון קײן זאָרג אײן פֿון דעם, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט. דאָס מײן געלט האָט אין יענער שטוב ביכלאל ניט עקזיסטירט. דאָס הײסט, געלט איז געווען אַ סאך, גאָר אַ סאך. נאָר קײנער, אויסער דעם אַלטן, האָט ניט געוווּסט די ווערט פֿון דעם און ניט געצײלט, אַז עס פֿעלט. אַלץ איז געווען גרײט און אַלץ פֿון דער פֿולער ברײטער האַנט. דאָס עסן, דאָס טרינקען, דאָס קלײדן זיך און שוכן זיך און דאָס אַרויספֿאָרן מיטן גלאַנץ און מיטן קנאַק. אויף יעדן טריט אַ באַדינער. מענטשן און פֿערד וויפֿל איר ווילט און ווען איר ווילט. און באַוויַזט איר זיך אין דאָרף, בײגן זיך פֿאַר אײַך אַלע גוייִם, נעמען אַראָפּ דאָס היטל. געבוירענע גראַפֿן באַדאַרפֿן זיך ניט פֿילן בעסער, פֿרײַער און בעקוועמער.

געקומען דער אַלטער פֿון דער אַרבעט, באַדעקט פֿון קאָפּ ביז פֿיס מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפֿט אַראָפּ די לאַנגע שטיוול, וואַשט זיך אײַן, טוט זיך איבער און באַקומט אַן אַנדער אויסזען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרײַבטיש, נעמט זיך צו דער פּאָסט, וואָס אַ שײגעצל האָט געבראַכט צו פֿירן פֿון דער סטאַנ-ציע „באַראַניעפּאָליע“, רײַטנדיק אויף אַ פֿערד מיט אַ טאָרבע איבער די פּלײצעס. איבערגעקוקט די פּאָסט, רופֿט ער צו דעם לערער, ער זאָל שרײַבן ענטפֿער אויף די בריוו. דער לערער טוט די אַרבעט געשיקט, וואָרעם ער פֿאַרשטײט דעם אַלטנס אויפֿן קוק און ווײסט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אויף אויסווייניק. דער אַלטער האָט פֿײַנט איבערכאַפּערן אַ זאַך צוויי מאָל און האָט ליב, מע זאָל אים פֿאַרשטײן, וואָס ער וויל, נאָך אײדער ער האָט עס אַרויס-געזאָגט. אַלײן אַ פֿלינקער אַרבעטער, האָט ער ליב צו זען, אַז די אַרבעט זאָל ברענען אונטער די הענט. פֿאַרטיק געוואָרן מיט אַלע אַרבעט, זעצט מען זיך עסן. זעלטן עס זאָלן ניט זײַן עטלעכע זײַטיקע, פֿרעמדע מענטשן בײַם טיש. דאָס זײַנען מערסטנטײל געסט, שכײנים, פּאָסעסערס, אָדער סוחרים, וואָס זײַנען געקומען קויפֿן ווײץ, האָבער, גערשטן, אָדער אַנדערע טוועס. בײַם טיש הערשט, ווי איך האָב שוין פֿריִער באַשריבן, אַ שטרענגע דיסציפּלין. קײנער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אַרויסצוריידן, נאָר דער אַלטער קלינגט, ווי אַ גלאָק. בײַ אים לאָזט זיך קײנמאָל ניט אויס קײן שטאָפּ. ער האָט אײַך אויף אַלצדינג אַ מײַנע, אַ מאָשל און אַ גלײַכוואָרט, וואָס מאַכט אײַך צום דענקען און צום לאַכן. וואָרעם איר האָט ניט געזען אַ צווייטן, וואָס

זאָל אײַך קאָנען אזוי אינטערעסאנט דערציילנ און קאָפּירנ, נאכמאכנ יעדנ איינציקנ מיט אלע פּליטערלעך — אנ עמעסער טאלאנט, כאָטש בא דער וועלט, צווישנ יידנ, האָט ער געהייסנ א מאָדנער ייד, א „טשודאק“ און א „שיגאָענ“. און דאָך האָבנ סאָכרים ליב געהאַט מיט אים צו האנדלענ, ווײַל דאָס וואָרט איז בא אים געווענ הייליק, און האָט ער אײַך עפּעס פארקויפט, האָט דאָס געמעגט ווערנ ווי טײַערער, האָט איר געקאָנט זײַנ זיכער, אז קיינ כאראָטע וועט ניט זײַנ. דאָס איז געווענ אָנ א שום פּרינציפּנ און פּרעטענזיעס, נאָר פּראָסט און פּאָשעט די נאטירלעכע אָרנטלעכקײַט, וואָס ווייסט ניט פונ קיינ דריידלעך און האָט פײַנט קרומע פאלשע וועגנ. אינ דער סאָכרישער וועלט הייסט אפילע אזא נעפעש. הינטער די אויגנ געוויינלעך, א „מעשוגענער מענטש“, נאָר מע האָט בעסער ליב מיט אזא מעשוגענעם צו האָבנ געשעפט, ווי מיט אנ אנדערנ א קלאָרנ.

נאָכנ טיש לאָזט מענ איבער דעם אלטנ מיט די געסט, זיי זאָלנ זיך דאָרטנ שמועסנ און מאכנ געשעכטנ, און דער לערער מיט דער שילערנ זעצנ זיך אוועק לערנענ, שטודירנ, לייענענ. איבערהויפּט לייענענ. מע לייענט אלץ, וואָס עס קומט צו דער האנט, אָנ א קאָנטראָל, אָנ א סיסטעם און אָנ אנ איבערקלײַבנ. צומיינסטנ ראָמאנענ, די גרעסטע קלאסיקער, ווי שעקספּיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטע, שילער, גאָגאָל, אויסגעמישט מיט די ערגסטע שונד-ראָמאנענ פונ איילזשענ סיו, קסאוויע דע מאָנטעפּענ, אשאר, פּאָנ באָרנ און נאָך אזעלכע פּוסטע שמירער פונעמ פראנצויזישנ בולוואר. אָנגעלייענט זיך, ווי די פּויקנ, גייט מענ זיך דורכ צו דער מאשינע, זענ ווי מע דרעשט. אָדער אינ פעלד ארויס, צוקוקנ ווי מע שנײַדט דאָס ברויט, ווי מע נעמט עס צונויפ און מע בינדט עס אינ די סנאָפּעס. און עס נעמט אָנ א כיישעק פארקאטשענ די ארבל און זיך נעמענ צו דער ארבעט. עס באווײַזט זיך אָבער ארויס, אז שטיינ בא דער זײַט און קוקנ, ווי מע שנײַדט ברויט און מע בינדט סנאָפּעס, איז א סאך גרינגער, ווי איידער אליינ אָנבייגנ זיך און שנײַדנ ברויט און בינדנ סנאָפּעס. דאָרעמ פונ קוקנ ווערט מענ ניט דערשוויצט און אפּ די הענט לויפנ ניט אויפ קיינ בלאָטערנ... דער אר אָבער — וואָס פאר אנ אפּעטיט מע האָט דערנאָכדעם! מע קומט אהיימ און מע עסט זויערמילך מיט שווארצברויט און מע מאכט א שפּאציר אינ גאָרטנ. אָדער מע הייסט אײַנשפּאנענ דאָס פּאעטאָנדל און מע פאָרט זיך דורכ מיט אנדרייענ אינ די איבעריקע פּאָסעסיעס אָדער עקאָנאָמיעס: אינ גוזיפּקע,

אינ קריטאָהאָרבע, אינ זאקוטעניצ. אָדער מע פאָרט אריבער קיינ באראניעפּאָליע צומ פּאָסטמייַסטער מאלינאָווסקי. אונ אומעטומ ווערט מענ אופגענומענ ווי זייער אָנגעלייגטע, פיל געליבטע געסט. מע ווייסט גאָר ניט, מיט וואָס זיי מעכאבעד צו זייַנ. שטעלט מענ דעמ סאמאָוואר אונ מע דערלאנגט אייַנגעמאכטס. באמ פּאָסטמייַסטער מאלינאָווסקי ווערט באשאפנ א פלעשל בראנפנ, וואָס ער אליינ טאקע טרינקט דאָס אויס גלעזלעכווייַז ביזנ סאָפ, וואָרעמ מאלינאָווסקי איז א גוי, וואָס האָט ליב דעמ ביטערנ טראָפּנ. אונ אז ניט, כאפּט מענ זיכ גאָר אריינ צו דאָדיע דעמ עקאָנאָמ, וואָס זיצט ניט ווייַט, טאקע אפ אייַנ הויפ מיט די באלעבאטימ. דאָרטנ, בא דאָדיענ אינ דעמ קליינעמ שטיבל, איז פרייַלעכער, ווי בא זיי אינ דער גרויסער שטוב. אונ דאָס, וואָס מע קריגט בא דאָדיענ, קענ מענ אינ דער היימ ניט אויספירנ. אשטייגער, ווו וועלנ זיי זיכ דערלויבנ עסנ גריע קנעבעלעכ מיט שטשאוו, אז ניט בא דאָדיעס ווייַב? אָדער געזאלצענע אוגערקעלעכ גלייַכ פונ סלוי מיט הייסע קארטאָפל אינ די מונדירנ? אָדער זיסע קאטשענעס פונ קרויט, וואָס דאָדיעכע שאטקעוועט זיכ צו זייַערנ? אָדער אָנ רייַקענ זיכ מיט עפּל-קוואס, וואָס איז טאמ־גאנעידנ? פונ דעמ באזוכ קאָנ מענ זענ, אז דאָדיעכע שעצט זיכ גליקלעכ, אונ ווער שמועסט דאָדיע — דער איז אפנ זיבעטנ הימל! נאָר דאָדיע דער עקאָנאָמ איז א טיפּ פאר זיכ, אונ ער פארדינט באשריבנ צו ווערנ אינ א באזונדער קאפּיטל.

71

דאָדיע דער עקאָנאָמ

א נאטור־מענטש. — דער אלטער לאָיעוו לייענט די געשיכטע פונ פעטער דעמ גרויסנ, אונ דאָדיע ווערט אנשלאָפנ. — בא דאָדיעכנ אינ שטיבל. — דער העלד שרייַבט ראָמאנענ אונ טראגעדיעס אונ טראכט ניט פונ זייַנ אייגענעמ „ראָמאנ“.

דאָדיע דער עקאָנאָמ איז געווענ א מענטש א גוואר, א גיבער. ניט אזוי הויכ געוואקסנ אונ ניט אזוי גראָב געפּאקט, ווי גוט געבויט אונ שטארק פארפונדעוועט. א בולאנער מיט קליינע אויגנ. א ביסל קאסאָקע. די פּלייצע — שטאָל. די ברוסט — אייַזנ. א האנט — א האמער. ניט איטלעכס פערד האָט געקאָנט אימ לייַדנ אפ זיכ. אונ האָט ער זיכ אוועקגעזעצט אפנ פערד, איז ער געווענ ווי צוגעוואקסנ, אונ

איר האָט ניט געוווסט, ווי לאָזט זיכ אויס דאָדיע און ווי הייבט זיכ אָנ מעד. פאַר דאָדיענ האָבנ אלע גוייִמ געהאט דאָס קאדאָכעס, גע־ציטערט איימאַז־מאָוועס פאַר זײַנ האַנט, כאָטש געשלאָגנ האָט ער זיכ זייער זעלטנ. סײַדנ אונטער א גויט. דעמלט, ווענ ווערטער זײַנענ ניט בעקוועמ צו טאָנ גאָרנישט. עס איז גענוג געווענ, איינער זאָל א זאָג טאָנ: „אָנ גייט דאָדיע“, אַז אלע גוייִמ, גויעס און שיקסעס, וואָס זײַנענ געשטאַנענ און געפּלאַפּלט, זאָלנ זיכ א נעמ טאָנ מיט כײשעק צו דער ארבעט. צוגעקומענ צו די ארבעטער, האָט דאָדיע פֿײַנט געהאט יויצע זײַנ מיט ווערטער. ער האָט זיכ גענומענ צום אקער, צום כערפּ, צו דער לאָפּעטע, אָדער צום זאסטופּ, און האָט מיט זײַנע הענט באוויזנ א בײַשפּיל, וויאַזוי מע באדארפ ארבעטנ. אָפּנארנ דאָדיענ איז געווענ שווערלעכ, און גאַנווענענ בא אימ — אומעגלעכ. פאַר גנייווע איז די גרעסטע שטראָפ געווענ ווינציק. אויכ פאַר שיקערנ איז ער געווענ איש־לעהאָווע[1]. אויסטרינקענ א גלעזל בראַנפנ — דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר פארשיקערנ זיכ און מאַכנ סקאַנ־דאַלנ — דאָס ניט. כײַעס ניט זיכער!

הײַנט שטעלט אײַכ פאָר, אַז אָט דער דאָדיע, דער גוואַר, וואָס פאַר אימ האָט געציטערט א גאַנצ דאָרפ מיט גוייִמ, אַז ער איז גע־שטאַנענ פאַרנ אלטנ לאָיעוו, איז געווענ אימ ניט צו דערקענענ. קלענער פונ א קינד, שטילער פונ א שעפּעלע. די הענט אראָפּ־געלאָזט. דעמ אָטעמ פאַרהאַלטנ. א סאָלדאַט פאַר א גענעראַל א פעלדמאַרשאַל באדארפ ניט שטיינ מיט מער רעספּעקט און מיט מער מוירע און דערכערעצ, ווי דאָדיע איז געשטאַנענ פאַרנ אלטנ באַלעבאָס. אָנגעקומענ אינ דאָרפ ארײַנ אלס ייִנגל, איז ער שוינ פארבליבנ דאָרטנ אפ שטענדיק. געוואַקסנ און געגאַנגענ אלצ העכער און העכער, ביז דער אלטער האָט אימ געקרוינט מיטנ נאָמענ עקאַנאָמ, דאָס הייסט, ער האָט אימ געמאַכט פאַר אופזעער איבער אלע עקאָנאָמיעס. דאָ אינ דאָרפ האָט דאָדיע כאַסענע געהאַט, באקומענ זײַנ געהאַלט, א באזונדער שטיבל מיט א באזונדערנ גאָרטנ, מיט מעל, מיט שטרוי, מיט האָלצ, מיט א פאָר מעלקעדיקע בעהיימעלעכ — געוואָרנ א שטיק באַלעבאָס און א טאַטע פונ קינדער. און דאָכ האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט פאַרנ אלטנ באַלעבאָס זיכ צוזעצנ אפילע אפ א מינוט. נאָר איינ מאָל אינ זײַנ גאַנצנ לעבנ איז ער געזעסנ פאַרנ באַלעבאָס, האָט

---

1 פלאַמ־פײַער.

זיך געטראָפן א אינצידענט, וואָס דאָדיע האָט אים געהאט צו געדענ-
קען דאָס גאנצע לעבן.

איך האָב שוין, דאכט מיר, אויבן באמערקט, אז דער אלטער לאָיעוו האָט ליב געהאט אופצוקלערן. לערנען יעדן איינציקן, טיילן זיך מיט דעם, וואָס ער ווייסט. איינמאָל, אין א לאנגער ווינטערנאכט איז דאָס געווען, האָט דאָדיע אָפגעגעבן א ראפּאָרט פון די עקאָנאָ-מיעס, שטייענדיק פארן אלטן אויסגעצויגן, ווי דער שטייגער איז. געענדיקט דעם ראפּאָרט, האָט דאָדיע געווארט, מע זאָל אים הייסן גיין. איז אָבער דער אלטער געווען אופגעלייגט און געוואָלט נאָך א ביסל שמועסן, שוין ניט פון די עקאָנאָמיעס, נאָר פון זייטיקע זאכן, וועגן די שכנים די פּאָליאקן, — ביז ער איז ארוף אף א געשפּרעך וועגן פוילן און וועגן דעם פוילישן מיאטעוש, דעם פוילישן אופשטאנד. פון די פוילן איז ער ארוף אף די רוסן, אף דער רוסישער היסטאָ-ריע פאר פעטער דעם גרויסן. און אזויווי אפן טיש איז געלעגן די רוסישע היסטאָריע אין דער העברעישער איבערזעצונג פון מאנדעל-קערן, האָט ער גענומען לייענען און פארטייטשן אף יידיש נאָר דאָדיען די גאנצע געשיכטע פון פעטער דעם גרויסן. לייענענדיק די געשיכטע, האָט ער געהייסן דאָדיען צוזעצן זיך אף א שטול. האָט דאָדיע ניט געוואגט. האָט דער אלטער געהייסן נאָכאמאָל. האָט ער שוין געמוזט זיך אוועקזעצן. און אוועקגעזעצט האָט ער זיך בא דער טיר, אונטערן אלטן וואנטזייגער. דאָדיעס קאָפּ איז ניט געווינט געוואָרן צו אזעלכע לעקציעס, און דערצו איז ער נאָך געזעסן אויך, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו דרעמלען, די אויגן האָבן זיך אים גע-קלעפּט, ביז ער איז אונטערן אלטנס קאָל פּאוואָלינקע גאנץ געשמאק אנשלאָפן געוואָרן. אציינד וועלן מיר לאָזן דאָדיען, ער זאָל זיך שלאָפן, און מיר וועלן דערווייל זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דעם דאָרפישן וואנטזייגער.

דאָס איז געווען אן אלטער אינוואליד, וואָס האָט שוין לאנג אָפגעדינט זיינע יאָרן און וואָלט שוין לאנג געמעגט רוען זיך בוי-דעם צווישן אלטע אָפגעלעבטע שמאטעס. האָט אָבער דער אלטער לאָיעוו געהאט א מאָדנע ליבשאפט, א מין טראדיציע, דאפקע צו אלטע זאכן, אשטייגער, צו אן אלטן אָפגעריבענעם שפּיגל, וואָס באווייזט צוויי פּנעמער, צו אן אלטער האלב-צעפאלענער קאָמאָדע, וואָס ארויסציען א שופלאָד קומט אָן שווער, קעקריאס-יאם-סוף[1],

1 ווי שפּאלטן דעם יאם.

און נאָך אזעלכע אלטע זאכן. צום בײַשפּיל, בא אים אפן שרײַבטיש איז קאָל-יאָמאָוו געשטאנענע אן אלטמאָדיש טינטערל — א גלעזערנ שטיוועלע אינ א שווארצ הילצערנ שיסעלע, אָנגעשאָטנ מיט זאמד. פאר קיינ געלט האָט מענ ניט געקאָנט פועלנ באם אלטנ, ער זאָל ארויסוווארפנ דאָס דאָזיקע טינטערל און אײַנפירנ א נײַעם, א לײַטישנ ט נטער. דאָס איז געווענ ניט מאכמעס קארגשאפט. דער אלטער איז שוינ גאָר ניט געווענ קיינ קארגער. אדעראבע, האָט ער שוינ געקויפט א זאכ, האָט דאָס באדארפט צו זײַנ דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע. עס איז אים נאָר שווער געווענ צו שיידנ זיכ מיט אנ אלטער זאכ. דאָס אייגענע איז געווענ אויכ מיטנ זייגער, וואָס פאר אלטקײַט האָט ער זיכ געניײטיקט אינ וואָג. אלעמאָל איז צוגע-קומענ צו אים א נײַע געוויכט. איידער דער דאָזיקער זייגער האָט באדארפט שלאָגנ, האָט ער זיכ פארגאנגענ מיט א הייזעריקנ כריפּענ, ווי אנ אלטער מאנ א זאָקנ, וואָס לײַדט פונ אסטמא, אז ער באדארפ זיכ ארויסהוסטנ. דערפאר אָבער, אז ס'איז געקומענ צום שלאָגנ, האָט ער געשלאָגנ, ווי א קלויסטער-גלאָק: באָמ! באָמ! — מע האָט געהערט אינ דרויסנ, ווי דער זייגער קלינגט אינ שטוב.

אצינד קערנ מיר זיכ אום צוריק צו דאָדיענ. דאָדיע שלאָפט, און דער אלטער לייענט די היסטאָריע פונ פעטער דעמ גרויסנ א נ פונ זײַנ ווײַב אנאסטאסיע. פלוצעמ פארגלוסט זיכ דעמ זייגער קלינגענ צענ. האָט דאָדיע ז'כער געמיינט, אז ס'איז א סרייפע, דער „טויק" ברענט. האָט ער זיכ געגעבנ א כאפּ אופ מיט אנ אימפּעט און מיט א געשריי: „וואסער!"... דער אלטער האָט זיכ דערשראָקנ, האָט אוועק-געלייגט דאָס בוכ מיט דער היסטאָריע פונ פעטער דעמ גרויסנ און גענומענ קוקנ אפ דאָדיענ דורכ די ברילנ. אָט-אָ יענעמ קוק, זאָגט דאָדיע, וו ט ער געדענקענ, אז ער וועט ליגנ אפנ טויטנבעט...

דער לערער האָט ליב געהאט דאָדיענ פאר זײַנ נאט'רלעכקײַט און פאר זײַנ גוטסקײַט. ער איז געווענ איבערצײַגט, אז אָט דער נאטור-מענטש האָט קיינמאָל אפ זײַנ לעבנ קיינ ליגנ ניט געזאָגט. זײַנ געטרײַשאפט און זײַנ צוגעבונדנקײַט צו זײַנ באלעבאָס און צו זײַנ מ'שפּאָכע האָט ניט געהאט קיינ גרענעצ. און ווײַל דער לערער איז דאָרט געווענ ווי אנ אייגענער, איז ער בא דאָדיענ געווענ פארעכנט אינ דער מישפּאָכע, און דאָדיע איז גרייט געווענ פאר אים אינ פײַער און אינ וואסער. בא דאָדיענ אינ די אויגנ איז אלצ, וואָס האָט זיכ אָנגעקערט מיט דער פאמיליע לאָ'עוו, געווענ פונ א העכערער מא-

שאָלעם-אליכעם און זײַן פרוי, צו זײער כאַסענע
(קיִעוו, דעם 12־טן מײַ 1883)

דרייגע. יעדנפאַלס, ניט גלײַך מיט אַלע איבעריקע מענטשן. ער האָט פּאַשעט פֿאַרגעטערט די דאָזיקע פֿאַמיליע. און איר זכות האָט געגאָסן אויך דער לערער. אין די הייסע זומערדיקע טעג, אָדער אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט האָבן דער לערער מיט דער שילערן ליב געהאַט זיך אַרײַנכאַפּן צו דאָדיען און צו דאָדיעכען. דאָרטן, אין דעם קליינעם שטיבעלע מיט דער נידעריקער סטעליע, וואָס מע קאָן דערלאַנגען מיט דער האַנט, האָבן זיי זיך געפֿילט אַלעמאָל בעסער, ווי אין דער היים. עסן בײַ דאָדיען זומער אַ זויערן שטשאַוו מיט יונגע קנאָבל און ווינטער הייסע קאַרטאָפֿל אין די העמדלעך מיט געזאַלצענע אוגערקעלעך, אָדער געפֿרוירענע געזײַערטע קרויט, האָט געהאַט זיבן טעמים און איז געווען טויזנט מאָל בעסער פֿון די טײַערסטע מײַכאָלים בײַם טיש. און ווער עס ווייסט, אַז דאָדיעס ווײַב פּעסיע האָט געבאַקן לעקעך, אָדער געפּרעגלט שמאַלץ — דעמאָלט איז געווען פֿאַר די יוגנטלעכע אַ יאָמטעוו. אַ קלייניקייט — הייסער לעקעך, נאַרוואַס פֿונעם אויוון? אָדער פֿרישע פּעטע גריוון, וואָס צעגייען זיך אין מויל, אַזוי־ווי דער מאַן, וואָס די ייִדן האָבן געגעסן אין דער מידבער!

מערסטנטייל זײַנען זיי געווען געסט בײַ דאָדיען און בײַ דאָדיעכען ווינטער. דעמאָלט, ווען די ביימער ווערן אײַנגעהילט אין ווײַסן, זעען אויס ווי די איבערגעפֿרוירענע מייסים אין טאַכריכים. דאָס דאָרף פֿאַרלירט דעמאָלט דעם זומערדיקן רייץ און פּראַכט, און עס בלײַבט אַיבער מער ניט, אַז אַרײַנכאַפּן זיך צו דאָדיען אינעם וואַרעם־אָנגעהייצטן שטיבל און קוויקן זיך מיט פּעסיעס מײַכאָלים. ס׳איז מוירעדיק שטיל. דער שניי איז טיף. קיינער קומט ניט. ס׳איז טרויעריקלעך אויפֿן האַרצן. אומעטיקלעך אויף דער נעשאָמע. סײַדן מע הייסט אַמאָל אַנדרייען אײַנשפּאַנען די פֿערד אין אַ ברייטן שליטן. מע פּעלצט זיך אָן, מע דעקט זיך צו מיט אַ וואַרעמער „באַראַניצע“ און מע פֿאָרט זיך דורך פֿון איין פּאָלוואַרק אינעם צווייטן. דאָרט שטעלט מען דעם סאַמאָוואַר, מע טרינקט זיך אָן מיט טיי און מע פֿאָרט צוריק.

דער ווינטער האָט אָבער זײַנע גוטע מעלעס — ס׳איז דאָ צײַט גענוג אויף צו לעזן און אויף צו שרײַבן. אין די קימאַט דרײַ יאָר, וואָס דער העלד האָט פֿאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבן אַ סאַך מער, ווי ער האָט געשריבן נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרײַבער און געהייסן „שאָלעם־אַליכעם“, אין צען יאָר. עס האָט זיך אים קיינמאָל אַזוי גרינג ניט געשריבן, ווי אין יענער צײַט. און געשריבן האָט ער גאַנצע נעכט — גרויסע, האַרצרײַסנדיקע ראָ-

מאנענ, שרײַענדיקע דראמעס, פארפלאָנטעטע טראגעדיעס אונ קאָמע־דיעס. עס האָבנ זיכ געגאָסנ די געדאנקענ, ווי פונ א פאס. עס האָט גע־שפרודלט די פאנטאזיע, ווי א פאָנטאנ. צוליב וואָס דאָס אלצ איז געשריבנ געוואָרנ — האָט ער זיכ קיינמאָל ניט געפרעגט. קוימ איז פארטיק גע־וואָרנ בא אימ א „זאכ", האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאר זײַנ שילערנ — אונ ביידע זײַנענ געווענ אנציקט. ביידע זײַנענ געווענ איבערצײַגט, אז דאָס איז א מײַסטערווערק, — אָבער ניט אפ לאנג. קוימ איז ער פארטיק געוואָרנ מיט אנ אנדער ווערק, אזוי איז שוינ דאָס צווייטע געווענ א מײַסטערווערק, אונ דאָס ערשטע איז געוואָרנ בלאס, אָפגעבליאקעוועט. דעמ בעסטנ אָרט פאר דעמ איז געווענ דער אויוונ. אונ אזוי איז אוועק מיטנ פײַער ניט איינ נוצ ראָמאנענ אונ ניט איינ צענדליק דראמעס...

אז דער באָכער איז געבוירנ געוואָרנ צו זײַנ א שרײַבער — אינ דעמ איז בא זיי ביידנ ניט געווענ קיינ שומ ספק. דער לערער מיט דער שילערנ האָבנ דערפונ גערעדט, געפאנטאזירט, געבויט די שענסטע לופטשלעסער. רײדנדיק פונ פארשיידענע פלאנענ פונ פארשיי־דענע ווערק, האָבנ זיי פארגעסנ פונ זייערע אייגענע פלאנענ... וועגנ דעמ איז איבערהויפט ניט געווענ בא זיי קיינמאָל קיינ שומ רייד. עס איז זיי קיינמאָל ניט געקומענ אפ די געדאנקענ צו דערקלערנ זיכ איינס דאָס אנדערע אינ זייערע געפילנ, אָדער צו פארטראכטנ זיכ אפנ גורל פונ זייער אייגענעמ ראָמאנ... דער נאָמענ „ראָמאנ" איז, אפאָנעמ, געווענ צו שאבלאָנ, דאָס וואָרט „ליבע" איז געווענ צו באנאל פאר די געפילנ, וואָס האָבנ זיכ אנטוויקלט אונ אויסגעוואקסנ צווישנ די צוויי יונגע־לײַטלעכ. זיי זײַנענ ביידע געווענ אזוי נאטירלעכ איינס פאר דאָס אנדערע, אז ס'האָט גאָר ניט געקאָנט זײַנ מעגלעכ, ס'זאָל זײַנ אנדערש. וועט דענ קומענ אמאָל אפ די געדאנקענ א ברודער, ער זאָל זיכ דערקלערנ אינ ליבע צו זײַנ שוועסטער? איכ האָב מוירע, אז מיר וועלנ זײַנ ניט ווײַט פונעמ עמעס, אויב איכ וועל זאָגנ, אז זײַטיקע פאר־שוינענ, מענטשנ פונ האצאד, האָבנ א סאכ מער געוווסט אונ גאָר אָנ אנ ערעכ מער גערעדט פונעמ ראָמאנ פונ די יונגע העלדנ, ווי איידער די העלדנ אליינ. צו יונג זײַנענ זיי געווענ ביידע, צו נאיוו אונ צו גליקלעכ. אפ זייער הימל איז ניט געווענ קיינ שפרענקעלע. זיי האָבנ ניט ארויסגעזענ פונ ערגעצ ניט קיינ ווידערשטאנד. אונ וואָס ס'איז דער איקער — זיי האָבנ קיינמאָל ניט געדענקט דערפונ. אינ דער צײַט פונ די קארגע דרײַ יאָר פונ זייער באקאנטשאפט האָבנ

זיי ביידע ניט געקלערט אפילע איין מינוט פון צעשיידן זיך. און דאָך איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבן געמוזט זיך צעשיידן, דערווייל ניט אף שטענדיק, נאָר אף א קורצע צייט.

דאָס איז געווען די צייט, וואָס דער העלד האָט זיך באדארפט שטעלן צום „פריזיוו".

72

דער פריזיוו

מע רעדט שטארק פון „פריזיוו". — ער געזעגנט זיך מיט דער שילערן און פירט פון טאָפּיָעווקע א בריוו צום „פרעדוואָדי־טעל". — די פאנטאזיעס אפן וועג. — דער בריוו ווירקט, און עס דערגייט ניט צו זיין נומער. — א ביימע מיט א זון א קא־ליקע. — ער קערט זיך אום צוריק אין דאָרף, נאָר די כא־לוימעס ווערן נאָך אלץ ניט מעקויעם.

מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אז קימאט אין דער גאנצער צייט פון די אויבן באשריבענע דריי יאָר איז ניט אוועקגעגאנגען אין סאָפּיָעווקע קיין טאָג, וואָס מע זאָל ניט הערן דאָס וואָרט „פריזיוו". פארן אלטן לאָיעוו איז דער פריזיוו געווען א קראנקייט, א מאניע אזעלכע, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען באטאָג און שלאָפן באנאכט. א גאנץ פארמעגן האָט דאָס אים אָפּגעקאָסט. וואָס איז די מייסע? זיין זון יעשיע האָט באדארפט שטיין צום פריזיוו, האָט דער פאָטער קודעם זיך אוועקגעלאָזט אין טשערניגאָווער גובערניע, האָט זיך דאָרט אָפּגעוואלגערט א צייט, צוזיכגעריסן געוואָרן און האָט איינגע־האנדלט א „קוויטאנציע". דאָס איז געווען איינע פון די געציילטע עטלעכע „זאטשאָטנע קוויטאנציעס", וואָס דורך זיי איז מען אויסגע־לייזט געוואָרן פונעם פריזיוו. דאָס הייסט, אז ווער עס האָט געקאָנט צושטעלן אזא „קוויטאנציע", דער איז געווען פריי פון צו גיין דינען און ער האָט זיך גערעכנט נאָר אין דער „אָפּאָלטשעניע" (רעזערוו). וואָס אזא „קוויטאנציע" האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט אן אנדערער געקאָנט זיין א גרויסער נאָגיד. פארן אלטן לאָיעוו איז אָבער צוליב א קינד קיין זאך ניט געווען צו טייער.

פארטיק געוואָרן מיט דער „קוויטאנציע", האָט זיך אָנגעהויבן א נייע כאסענע. עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־טערקישע מילכאָמע און מע האָט געשמועסט, אז עס וועט דערגיין צו די „אָפּאָלטשענצעס" (רעזערוויסטן). וויבאלד אזוי, באדארף מען דעם זון באוואָרענען מיט

א „וויַסנ בילעט" באצײַטנס. דאָס האָט געהייסנ: מע באדארפ דעמ אָפאָלטשענעצ שטעלנ צומ „פריזאָמ", אונטערזוכנ זײַנ געזונט, אפ וויפל ער טויג פאר א סאָלדאט. אונ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ מינאס-טאמ, אז פאר א סאָלדאט טויג ער ניט, אונ מע האָט אימ גע-געבנ א וויַסנ בילעט, דאָס הייסט, מע האָט אימ, דאנקענ גאָט, „פארבראקעוועט"... מע האָט אימ ניט נאָר „פארבראקעוועט" פונ פריזיוו; מע האָט אימ געמוזט דערנאָכדעמ אוועקשיקנ אינ די ווארעמע לענדער, קיינ מענטאָנ אונ קיינ ניצע, ער זאָל זיכ קורירנ, וואָרעמ ער איז געווענ ערנסט קראנק אפנ הארצנ, פונ וועלכער קראנ-קייט ער איז אינ עטלעכע יאָר ארומ, ווי מיר וועלנ דאָס זענ א ביסל וויַטער, טאקע געשטאָרבנ... אָבער דערווײַל האָט זיכ געטאָנ כוישעכ: מע איז געפאָרנ קיינ קאניעוו, מע האָט זיכ באקענט מיטנ איספראווניק, מיטנ פרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירימ. די טשינאָוו-ניקעס פונ דער „פריסוטסטוויע" האָבנ געשלעפט גמילעס-כאסאָדימ. יידנ גוטעפרײַנט אונ באל-אייצעס האָבנ אָפגעלעקט א ביינדל. ווער עס האָט געהאט גאָט אינ הארצנ, דער האָט געפאָמפעט געלט. אקלאל, עס איז געווענ פול די שטוב מיט פריזיוו, פריזיוו אונ פריזיוו...

אונ אז ס'איז געקומענ די צײַט, וואָס דער העלד פונ דער ביאָ-גראפיע האָט באדארפט זיכ שטעלנ צומ „פריזיוו", איז דער אלטער לאָיעוו געוואָרנ נערוועז. קוידעמקאָל האָט ער זיכ א סטארעווע געטאָנ אונ האָט געזענ, מע זאָל דעמ לערער באצײַטנס אריבערפירנ פונ זײַנ געבורטסשטאָט, פונ פערעיאסלאוו, קיינ קאניעוו, אונ צושרײַבנ צו דער קאניעווער „פריסוטסטוויע", דאָרט, ווו לאָיעוו האָט א האנט אונ קאָנ עפעס טאָנ... מיר דאכט, אז אנ אייגענער פאָטער באדארפ אזוי ניט טראָגנ אפנ קאָפ זײַנ זונ, ווי דער אלטער לאָיעוו האָט גע-טראָגנ דעמ לערער. נאָכמער: דער לערער אליינ האָט ווינציקער מוירע געהאט פארנ „פריזיוו", ווי די פאמיליע לאָיעוו. באמ באָכער אליינ איז דאָס פאָרנ קיינ קאניעוו אונ זיכ שטעלנ צומ פריזיוו געווענ א גאנצער יאָמטעוו. ער האָט זיכ באשטעלט א פאָר גרויסע שטיוול, א סאָלדאטסקי באשליק אונ איז געווענ מוכנ-אומזומענ „ארײַנצוטרעטנ אינ דער דינסט". ער איז געווענ זיכער, אז ער וועט אינ דער דינסט אויסנעמענ, נויסע-כיינ זײַנ בא „נאטשאלסטווע" אונ ווערנ איינגיכנ אנ אונטער-אָפיצער, אָדער א פעלדפעבל. העכער דערפונ קאָנ דאָך א ייד ניט גרייכנ... נאָר אז ס'איז געקומענ צומ רעכטנ שפיצ, אז ער האָט שוינ טאקע באדארפט זיכ זעצנ פאָרנ, האָט ער מיטאמאָל פאר-

לוירנ דעם גאנצנ קורזש. עס איז אים א כארפע, א בינאָיענ, נאָר ער מוז זיכ מוידע זײַנ, אז ס'איז געקומענ צום געזעגענענ זיכ מיט דער פאמיליע לאָיעוו, עפשער אפ שטענדיק, האָט אים פארפרעסט דאָס הארצ מיט א מאָדנע בענקעניש און ער האָט זיכ באהאלטנ בא זיכ אינ כײדער, פארגראָבנ דאָס פאָנעם אינ קישנ אונ געוויינט מיט ביטערע-ביטערע טרערנ...

נאָר ער איז געווענ ניט דער אײנציקער אינ דער דאָזיקער שטוב, וואָס האָט ביטער געוויינט. בא זיכ אינ איר כײדער האָט זײַנ שילערנ נאָכ מער געוויינט... אירע אויגנ זײַנענ געווענ געשוואָלנ פונ געוויינ, אונ זי האָט יענעמ טאָג ניט געקאָנט באווײַזנ זיכ צום טיש אפילע... אונטער אנ אויסרייד פונ א שטארקנ קאָפּווייטעק איז זי געבליבנ דעם גאנצנ טאָג בא זיכ, ניט געוואָלט זענ קיינעם.

טרויעריק, זייער טרויעריק איז געווענ דאָס געזעגענענ זיכ. טישעבאָוו איז געווענ אינ שטוב, אונ אפנ הארצנ וויסט אונ פינצטער. שוינ אז דער העלד איז געזעסנ אינ פאעטאָנ אונ אנדריי דער קוטשער איז גרייט געווענ זיכ א נעמ טאָנ צו דער בײַטש, האָט דער יונגער העלד צום לעצטנ מאָל א קוק געגעבנ אינ פענצטער אונ דערזענ צוויי פארוויינטע אויגנ, וואָס האָבנ גערעדט אָנ ווערטער, נאָר קלאָרע דיבורים: „פאָר געזונט, טײַערער, טײַערער, נאָר קומ צוריק וואָס גיכער, וואָרעמ איכ קאָנ אָנ דיר ניט לעבנ!"...

די דאָזיקע ווערטער האָט דער באָכער געהערט מיט אלע זײַנע כושימ, אונ זײַנע אויגנ האָבנ איר געענטפערט: „זײַ געזונט, טײַערע, טײַערע, איכ קומ צוריק צו דיר, וואָרעמ איכ קאָנ אָנ דיר ניט לעבנ!"... אונ ערשט אצינד האָט ער דערפילט, ווי שטארק ער איז צוגעבונדנ צו דער דאָזיקער שטוב, אונ אז ס'איז גאָר ניטאָ אפ דער וועלט אזא קויעכ, וואָס זאָל אימ קאָנענ אָפּרײַסנ פונדאנענ, סײַדנ דער טויט... אונ די געדאנקענ צעשפּילנ זיכ, אונ די היציקע פאנטאזיע כאפּט אימ אונטער אפ אירע פליגלענ, אונ ער הייבט אָנ צו כאָלעמענ, וויאזוי ער וועט קומענ צוריק, וועט ער פריער זיכ אנטדעקנ פאר איר, דערנאָכ פאר איר פאָטער אונ מוטער. וויאזוי ער וועט זיכ ווענדנ צום אלטנ אונ וועט אימ זאָגנ דעם פּאָסעק: „אָהאַווטי — איכ האָב ליב אײַער טאָכטער, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט!"... וויאזוי דער אלטער וועט אימ ארומנעמענ אונ וועט אימ זאָגנ: „גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט — איכ קוק שוינ לאנג ארויס דערויפ"... דערנאָכדעם הייבט מענ זיכ אָנ גרייטנ צו דער כאסענע. מע ברענגט אראָפּ

שנײַדערס פונ באָסלאוו אונ פונ טאראשטשע, וואָס נייענ מאלבושימ פאר כאָסנ-קאלע... מע באקט לעקעכער אונ מע פרעגלט אײַנגעמאכטס... נאָכ כאָסנס צאד שיקט מענ ארויס די גרויסע קארעטע, וואָס איז שטאל, וואָס ווערט גענוצט נאָר אפ א עקסטרע זאכ. אונ עס קומענ צו פאָרנ דער טאטע, דער פעטער פיניע אונ די איבעריקע מישפּאָכע... מע ווייסט ניט פונוואנענ, נאָר עס וואקסט אויס אפ דער כאסענע שמוליק... אָט-אָ יענער כאווער שמוליק דעמ ראָווס, „שמוליק דער יאָסעמ״, וואָס האָט געהאט איז זיכ אזעלכע שיינע מײַסעס... ער צעקושט זיכ מיטנ כאָסנ אונ זאָגט צו אימ: „נו, שאָלעמ? האָב איכ דיר געזאָגט, אז דער אויצער איז דײַנער?״...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע קינדערשע זיסע כאלוימעס אונ די יינגלשע גאָלדענע פאנטאזיעס וועבנ זיכ בא אימ אינ דער מאכשאָווע דעמ גאנצנ וועג — ביז ער קומט צו פליענ קיינ קאניעוו. אָפּגעשטעלט זיכ בא דעמ אלטנ לאָיעוס א קאָרעוו, א ייד א הויקער, נאָר א נאָגיד, וואָס האלט א ווײַנשענק פאר פריצימ, — זײַנ נאָמענ איז באָרעכ פערטשיק, — פאלט ער ארײַנ אינ די אכאָקימ פונ „פריזיוו״ אונ גיט איבער דעמ אָדנ דעמ פרעדוואָדיטעל א בריוו. אינעמ בריוו שרײַבט דער אלטער לאָיעוו, אז ער שיקט צומ „פריזיוו״ זײַנ לערער אונ וויל האָפנ, אז ניט שפעטער ווי אינ א וואָכ ארומ זאָל ער אימ האָבנ צוריק א באפרײַטנ... דער אָדנ דער פרעדוואָדיטעל האָט איבערגעלייענט דעמ בריוו אונ געענטפערט נאָר איינ וואָרט: „כא-רא-שאָ״... אונ דאָס איז גענוג געווענ, אז דער באָכער זאָל זײַנ רויק. ער איז געגאנגענ צומ „פריזיוו״, געצויגנ א גורל אונ ארויסגענומענ א נומער 285. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז דאָס זאָל זײַנ אזא הויכער נומער. נאָר בא נומער 284 האָט זיכ דער „פריזיוו״ געשלאָסנ... אונ דער לערער איז ארויס פרײַ. אינ זײַנ זכוס זײַנענ באפרײַט געוואָרנ נאָכ עטלעכע יידישע קינדער מיט העכערע נומערנ, אונ די סימכע איז געווענ יענעמ יאָר אינ קאניעוו זייער גרויס!..

צו דער סימכע פונעמ „פריזיוו״ איז געקומענ צו פאָרנ קיינ קאניעוו פונ פערעיאסלאוו אויכ דער פאָטער פונעמ באל-האפריזיוו, אונ, אויב איכ האָב קיינ טאָעס ניט, איז דער פעטער פיניע אויכ געקומענ — ער האָט געהאט אינ קאניעוו א מעכוטנ, — אונ די סימכע איז געווענ טאָפּל. באָרעכ פערטשיק האָט געלייזט פאר ווײַנ, אונ דער באלסימכע

האָט אוועקגעשיקט א דעפּעש קיין סאָפּיעווקע דורך סטאַנציע באַראַניעפּאָליע: „*מאזלטאָוו, צו מיר ניט דערגרייכט. בין פרײַ. כ׳פאָר ארויס מאָרגן פרי צוריק*״.

ניט איין מאָרגן איז אָבער אוועקגעגאַנגען, ביז דער העלד האָט געקאָנט ארויספאָרן פון קאַניעוו. וואָרעם עס קאָן דען זײַן, א ייִדישע סימכע זאָל ניט פארשטערט ווערן? עס האָט זיך געפונען איינער, ווישינסקי אָדער ווישניעווסקי, א ייִד א שרײַער מיט א קאָל פון א גראַגער. האָט ער געהאַט א זון א קאַליקע, וואָס איז געווען זיכער, אז ער וועט ארויס פרײַ. צום סאָף האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר א סאָלדאַט. האָט דאָס דעם פאָטער פארבאַקט באַם האַרצן, און ער האָט גענומען שרײַען און גראַגערן: „סטײַטש, זײַן זון, דער קאַליקע, וועט גיין דינען פאַר די מעיוכאָסים, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן געלט?״ בעט מען אים, ער זאָל אזוי ניט שרײַען. זאָגט ער: „איך שרײַ דען? איך ריידט, דאַכט מיר, שטיל״. און ער הייבט אָן צו גראַגערן נאָך שטאַרקער, אז „ער ווייסט פון דעם סייכל, פארוואָס דער אָדן דער „פּרעדוואָדיטעל״ האָט צוגענומען קאַליקעס״... און ער דערציילט יעדן אייניציקן דעם „סייכל״ בעסאָד-סוידעס, נאָר אזוי הויך, אז עס ווייסט שוין דערפון די גאַנצע שטאָט מיט אלע סימאָנים, און אפילו מיטן לאָשן פונעם בריוו, וואָס דער אלטער לאָיעוו האָט געשריבן צום „פּרעדוואָדיטעל״ (פאַר א ייִדן איז ניטאָ קיין סאָד). און דער ייִד האָט געגעבן צו וויסן, אז ער וועט דאָס ניט פארשווײַגן. ער וועט אוועקגעבן, זאָגט ער, „פּאָד סוד״ (צום געריכט) דעם פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים, מיט דער גאַנצער „פּריסוטסטוויע״!.. רופט מען אָפּ דעם ייִדן אָפּ א זײַט און מע זאָגט אים צו, אז מע וועט זיך צונויפלייגן און מע וועט ארויסנעמען זײַן זון דעם קאַליקע פון פּאָלק... וויל ער ניט הערן פון צוזאָגעכצן. פון „וועקאַך האַיאָ אוימער״ ביז „וועקאַך האַיאָ מוינע״ פאַלט מען, זאָגט ער, זיבן מאָל קוירים[1]. ער וויל, זאָגט ער, זיך זען מיט דער מאַטביייע. און ער הייבט שוין גאָר אָן צו ריידן אָפּ רוסיש: „כאָטשו, זאָגט ער, ווידיעט דיענגי!״... און עס האָט גאָרניט געהאָלפן. עס האָבן זיך ארײַנגעלייגט מענטשן. מע האָט געמאַכט אַן אסיפע און נאָך אַן אסיפע און נאָך צוויי אסיפעס, און די באַפרײַטע פּריזיוונייקעס האָבן זיך צונויפגעלייגט און באַשטײַערט, ווער מיט

1 געמיינט: פון צוזאָגן ביז איבערציילן איז נאָך גאַנץ ווײַט.

א פּופּציקער און ווער מיט א הונדערטער, און מע האָט די צונויפ-
געלייגטע סומע פאנאנדערגעטיילט צווישן די אָפּגעגעבענע ייִדן. דעם
גרעסטן כיילעק האָט געצומען, פארשטייט זיך, דער ייִד דער שרײַער.
ער האָט געטײַנעט, אז אים קומט מער פון אלע, דערפאר, ווײַל זײַן
זון איז מער קאליקע פון אלע. דער סייכל-האיאָשער האָט אפילע גע-
זאָגט פארקערט: אדעראבע, ווײַל ער איז א קאליקע, באדארף זײַן
גרינגער אים צו באפרײַען! נאָר וואָס וועט איר מאכן מיט א ייִדן
א שרײַער, וואָס האָט א קאָל פון א גראגער? דערזען, אז מע גיט
אים נאָך, ווי א בעניאָכיד, האָט ער זיך פארמאָסטן אלעמאָל צו
ריידן העכער און העכער. ער האָט געהאנדלט, ווי אן עמעסער נא-
יאָמשטשיק[1]... א גליק, וואָס דער אויבן דערמאָנטער קאָרעוו באָרעך
פערטשיק האָט געהאט א באפעל פון דעם אלטן לאָיעוו: „קארט-
בלאנש", דאָס הייסט, מע זאָל דעם באָכער דעם פריזיוונִיק געבן
געלט, וויפל ער וועט באדארפן. ווער האָט געקוקט דעמלט אפ געלט?
פרײַהײַט — דאָס איז געווען דער איינציקער פונקט, דער איינציקער
לײַכטנדיקער שטערן. א באפרײַטער האָט ער זיך געפילט ערשט דעמלט,
ווען ער איז שוין געזעסן אין פאעטאָן, וואָס מע האָט אים ארויס-
געשיקט אפ דער סטאנציע קיין מיראָנאָווקע, און אנדריי דער קו-
טשער האָט אים איבערגעגעבן א גרוס פון דער היים, אז אלע זײַנען,
דאנקען גאָט, געזונט און אלץ איז אין אָרדענונג. „ווסיאָ בלאהאָפּאָ-
לוטשנאָ" — לאָזט אויס אנדריי און שמועסט זיך דורך מיט די פערד-
לעך אפ זייער לאָשן. און די פערדלעך פארשטייען אים און טראָגן
דאָס פאעטאָנדל קימאט אין דער לופטן. ס'איז א ווארעמער
אָסיענדיקער טאָג. די זון בראָט ניט, בריט ניט, נאָר זי גלעט און
צערטלט. און עס שליסן זיך די אויגן. און עס וועבן זיך כאלוימעס,
זײַדענע כאלוימעס. און עס בויען זיך לופטשלעסער, גאָלדענע לופט-
שלעסער. אָט באלד איז ער אין דער היים. און קומט ער צו פאָרן
אהיים, אזוי דעקט ער אוף פארן אלטן לאָיעוו די קאָרטן: „היני
זײַט וויסן, אז איך האָב ליב אײַער טאָכטער און אײַער טאָכטער האָט
ליב מיך"... אָט באלד, נאָך א האלבע שאָ; נאָך א פערטל שאָ. אָט
איז שוין דאָס באקאנטע באראניעפּאָליע, דער וואלד, דער לאנג,
די „קלאדבישטשע", די ווינטמילן, וואָס זעען אויס פונדערווײַטן ווי

1 אזוי האָט געהייסן דער, וואָס פלעגט פאר געלט פארבײַטן דעם, וואָס דארף
גיין פאר א סאָלדאט.

ריזן, וואָס מאכן מיט די הענט: „אהערצוצו! אהערצוצו!"... נאָך עטלעכע מינוט — און אָט איז שוין דער הויף. די גרויסע ווײַסע שטוב מיט די צווײ גאנעקעס. ניין. עס איז א סאָפעק, אויב עס קאָן זײַן א גרעסערע סימכע, ווען אן אייגן קינד קומט א באפרײַטער אהיים צו די פאָטער און מוטער. דער העלד האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן ניסים-וועניפלאָעס פונעם „פריזיוו" — יעציאס-מיצראַיִם! נאָר דאָס סאמע וויכטיקסטע, ווי ער האָט זיך געהאַט געגרייט, האָט ער ניט דערציילט, און די קאָרטן האָט ער פארן אלטן לאָיעוו ניט אופגעדעקט... דאָס האָט ער אָפּגעלייגט אפ מאָרגן, אפ שפּעטער... און דערווײַל איז פארבײַגעגאנגען א טאָג און א טאָג, א וואָך און א וואָך. ביז עס איז געקומען א קאטאסטראָפע גאָר אומגעריכט, דורך א זײַטיקן פארשוין, וואָס האָט דעם אלטן געעפנט די אויגן אפ דעם ראָמאן...

דאָס איז געווען א ייִדענע א כאכאָמע מיט א ווײַטן קוק, דעם אלטנס א קרויווע פון באַרדיטשעוו, מיטן נאָמען טויבע. מיר רופן זי „די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו". אז איר וועט זיך באקענען מיט איר, וועט איר זען, אז דער נאָמען פאסט איר. נאָר וועגן איר — א באזונדער קאפּיטל.

73

די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו

די מומע טויבע קוקט נאָך די יונגעלײַט. — דער אלטער לאָיעוו ווערט געוואָר פונעם סאָד. — די קאטאסטראָפע. — דער העלד לאָזט זיך אין דער וועלט ארײַן א באלײדיקטער. מע כאפּט איבער זײַנע בריוו, און ער בלאָנדזשעט אין דער פינצטערער נאכט.

אינדערעמעסן האָט זי דאָרט קיינעם ניט אָנגעקערט קיין מומע. סאכאקל איז זי געווען דעם אלטן לאָיעווס א קוזינע. נאָר, ווי געזאָגט, דער נאָמען „מומע" האָט איר געפּאסט צום פּאָנעם. א ייִדענע ניט קיין שיינע, מיט א ראבעטינע געפּינטלט פּאָנעם און מיט א לאנגער נאָז, האָט זי פארמאָגט א פּאָר זייער קלוגע אויגן, וואָס אז זיי קוקן אפ אײַך, נעמען זיי אײַך דורך און דורך. בא איר מאן, זאָגט מען, גייט זי אין ספּאָדעק, פירט אלע געשעפטן, איז גאנץ רײַך. און געקומען איז זי אהער צוגאסט נאָך א סאך יאָרן, וואָס מע האָט זיך ניט געזען.

פארשטייט זיך, אז פאר אזא מומע, וואָס איז געקומען אזש פון באַרדיטשעוו, האָט דאָס פריציש לעבן אין דאָרף זויסגעזען גענוג ניי און ווילד, און זי האָט אפ יעדע זאך געקוקט מיט אירע באַרדיטשעווער אויגן און האָט יעדע זאך באוווּנדערט. מיט דעם אלטן לאָיעוו

איז זי געווען אפ „דר" און האָט אים אלצדינג ארויסגעזאָגט, וואָס זי דענקט און וואָס איר געפעלט און וואָס ניט.

לעמאָשל, איר איז געפעלן דאָס לעבן אין דאָרף, די לופט, די קיען, די פערד, די פרישע מילך, וואָס הערט זיך פון דעם די פאשע, דאָס ברויט פון די אייגענע ווייצן. אלץ שמעקט מיט ערד, אייגענע האָרעוואניע — אלצדינג גוט, אויסגעצייכנט גוט. אפילע דאָדיע דער נאטור-מענטש איז איר געפעלן. איז זי אָבער ניט איינפארשטאַנען מיט איר קוזענס דיסציפלין, וואָס ער פירט זיך שוין צופיל מייסע פאָרעץ. א ייד א פאָמעשטשיק, לויט איר פארשטאנד, קלעפט זיך עפעס ניט... אָדער, אשטייגער, לאָמיר זאָגן דאָס, וואָס ער איז א גוטער פאָסעסער, א ליבהאָבער פון ערד — מאכטייסע, אבי גאָט העלפט, מע קאָן מאכן געלט, ווערן א גוויר, פארוואָס ניט? זי וואָלט זיך עפשער אויך ניט אָפגעזאָגט דערפון... נאָר צו וואָס דארף מען זיך אזוי דערווייטערן פון יידן? — אָט וואָס זי פארשטייט ניט. פארוואָס פאָרט ער ניט ארויס קיין באָסלאוו, אז עס קומט א יידישער יאָמטעוו? און ווידער האלט זי אים פיר, לעמיי ער לאכט אָפ פון אן ערלעכן יידן, אן „איינקל" [1] מיט א גרינער שאַל, וואָס פארבלאָנדזעט צו אים נאָך א נעדאָווע? א נעדאָווע גיט ער, און נאָך מיט א ברייטער האנט, נאָר ער מאכט כויזעק פונעם יידן. „אמער גיב ניט און מאך ניט כויזעק"... אזוי טייַנעט מיט אים די מומע טויבע פון בארדיטשעוו.

און נאָך א זאך. דער מומע טויבע איז געפעלן דער לערער. א גאנץ פייַנער באָכער — מע קאָן ניט זאָגן. און א קענער. און דערצו נאָך א „טאטנס א קינד" — איז דאָך אוודע גוט. נאָר ווו שטייט דאָס געשריבן, אז א לערער דארף זייַן א נאָענטער מעכוטן מיט דער שילערן? און לויט איר מיינונג, איז דער דאָזיקער לערער שוין צו א נאָענטער מעכוטן מיט זייַן שילערן. פונוואנען ווייסט זי דאָס? — די מומע טויבע ווייסט. די מומע טויבע האָט אן אויג. די מומע טויבע האָט זיך געגעבן די מי נאָכצוקוקן דעם יונגן פאָר אָפ טריט און שריט, און זי האָט אליין געזען מיט אירע אויגן, ווי זיי האָבן געגעסן פון איין טעלער. ווו איז דאָס געווען? בא דאָדיען. די מומע טויבע פון בארדיטשעוו האָט שוין באלד פונעם ערשטן טאָג באמערקט, אז דאָס מיידל „גייט אויס נאָכן באָכער" און אז דער באָכער „איז די קאפאָרע נאָכן

---

1 אזוי האָבן זיך גערופן א קאטעגאָריע אָרעמעלייַט, וואָס פלעגן פרעטענדירן אפ שיינע נעדאָוועס דערפאר, וואָס זיי שטאמען קלוימערשט פון א „גרויסן ייכעס".

מײדל״... דאָס זעט ארויס, האָט זי געזאָגט, יעדער מענטש, סײַדנ עפשער דער, וואָס איז אָדער א בלינדער אפ בײדע אויגנ, אָדער ער וויל ניט זענ, וואָס בא אימ אונטער דער נאָז טוט זיכ... ס'איז גאנצ גענוג, האָט די מומע טויבע געזאָגט, מע זאָל זיכ צוקוקנ, ווי די צוויי זיצנ באמ טיש אונ ווארפנ זיכ דורכ מיט א קוק, ריידנ זיכ איבער מיט די אויגנ... פונ דעמלט אָנ, זאָגט זי, האָט זי פונ זיי קײנ אויג ניט אראָפגעלאָזט. די מומע טויבע האָט זיכ ניט געפוילט נאָכקוקנ נאָכ זיי, בײס זיי זיצנ אונ לערנענ, בײס זיי גייענ שפאצירנ, אָדער בײס מע זעצט זיכ פאָרנ.

אײנמאָל — אזוי האָט די מומע טויבע דערציילט פארנ אלטנ — האָט זי זיי באמערקט ארײַנשפאצירנ צו דאָדיע דעמ עקאָנאָמ אינ שטיבעלע ארײַנ. איז איר די מײַסע באלד ניט געפעלנ: „וואָס האָבנ אזעלכע קינדער צו טאָנ באמ עקאָנאָמ אינעמ אָרעמענ שטיבל?״ פוילט זי זיכ ניט, די מומע טויבע פונ באַרדיטשעוו, אונ כאפט א קוק ארײַנ צו דאָדיענ דעמ עקאָנאָמ דורכנ פענצטער אונ דערזעט, ווי דאָס פאָרל עסנ בײדע פונ אײנ טעלער. וואָס זיי האָבנ געגעסנ — ווייסט זי ניט. נאָר געזענ האָט זי, זי זאָל אזוי זענ אלדאָס גוטס, ווי מע עסט אונ מע רעדט אונ מע לאכט... „איז דאָכ מימאָנעפשעכ: איז דאָס א שידעכ — איז מאכטייסע. באדארפנ דאָכ טאטע-מאמע וויסנ. עלע וואָס דענ — ס'איז א ליבע? א ראָמאנ? באדארפנ דאָכ אוודע טאטע-מאמע וויסנ דערפונ... ווארעמ ס'איז א סאכ געזינטער אונ בעסער אונ שענער געבנ דער טאָכטער פאר א כאָסנ אנ אָרעמענ לערער, וואָס פארמאָגט אינגאנצנ אײנ פאָר העמדער, אײדער ווארטנ, ביז דער דאָזיקער לערער וועט אנטלויפנ מיט דער טאָכטער אינ א פינצטערער נאכט קײנ באָסלאוו, אָדער קײנ טאראשטשע, אָדער קײנ קאָרסונ, אונ דאָרטנ שטעלנ א שטילע כופע״...

אָט דאָס זײַנענ געווענ די טײַנעס פונ דער מומע טויבע, ווי עס האָט זיכ נאָכדעמ ארויסבאוויזנ. אונ אנטדעקט האָט זי דאָס איר קוזענ בעסאָד-סוידעס, א האלבע שאָ פאר איר אוועקפאָרנ. אונ אירע ווערטער האָבנ געפונענ אנ אָפקלאנג אינ הארצנ פונעמ אלטנ לאָיעוו, ווארעמ אז ער איז ארויסגעגאנגענ מיט זײַנ קרויווע זי צו באגלייטנ, איז ער געווענ א צעקאָכטער אונ האָט דעמ גאנצנ טאָג נאָכדעמ ניט אויסגערעדט מיט קײנעמ א וואָרט אפילע. ער האָט זיכ פארשפארט בא זיכ אינ כײדער אונ האָט זיכ שוינ מער יענעמ טאָג ניט באוויזנ.

אפ דער נאכט איז געקומענ צו פאָרנ דער זונ דער מאסקל, יעשיקע, אונ איז שוינ געבליבנ נעכטיקנ אינ סאָפיעווקע. עפעס האָט זיכ

דאָרפ געטאָנ. עפּעס האָט זיכ געקאָכט. מע האָט זיכ פארשלאָסנ מיטנ אלטנ אינ די אלקערס אונ מע האָט זיכ געסוידעט. מע האָט געהאלטנ, אפּאָנעמ, א פאמיליענ-ראט. די שילערנ האָט זיכ געקליבנ גײנ אפּנ שפּאציר מיטנ לערער — האָט מענ זי אָפּגעהאלטנ. צומ טיש איז מענ ניט געגאנגענ אלע אינײנעמ, ווי אלע טאָג, נאָר יעדער באזונדער איז געקומענ אינ אנ אנדער צײַט, אָפּגעגעסנ, אופגעשטאנענ אונ אוועק צו זיכ. עס איז פאָרגעקומענ אינ דער דאָזיקער שטוב עפּעס אומגעווײנלעכעס. א מאָדנע שטילקײַט. די גרויזאמע שטילקײַט, וואָס טרעט ארײַנ פאר א שטורעמ... ווער וואָלט זיכ דאָס געקאָנט ריכטנ, אז א פּאָר פילדײַטיקע ווערטער, וואָס די מומע טויבע פונ בארדיטשעוו האָט ארײַנגעוואָרפנ, זאָל אָנארבעטנ אזא כאסענע אונ ברענגענ אנ איבערקערעניש אינ א שטוב? עס קאָנ זײַנ, אז ווענ די מומע טויבע זאָל געווענ וויסנ פריִער, אז אירס א וואָרט וועט ברענגענ אזעלכע רעזולטאטנ, וואָלט זי זיכ ניט ארײַנגעמישנ אהינ, ווו מע דארפ ניט. ערשט העט-שפּעטער, אינ א צײַט ארומ, איז מענ געוווירע געוואָרנ, אז די מומע טויבע פונ בארדיטשעוו האָט באלד כאראָטע געהאט אפּ דער גאנצער מײַסע אונ האָט געוואָלט כאפּנ צוריק, נאָר ס'איז שוינ געווענ צו שפּעט. האָט זי פארקערעוועט דעמ דישל אונ גענומענ אײַנטײַנענ מיטנ אלטנ, אז דאָס אומגליק איז, אײגנטלעכ, גאָר ניט אזוי גרויס, אונ אז זי זעט ניט, וואָס האָט מענ זיכ דאָ אזוי צו ערגערנ? וואָס איז שולדיק דער באָכער, וואָס ער איז אָרעמ? „אָרעמ איז קײנ שאנדע", אונ „גליק איז בא גאָט". אונ נאָכ אזעלכע ווערטער האָט זי אינ אימ ארײַנגערעדט. עס האָבנ אָבער ניט געהאָלפנ שוינ קײנ ווערטער. די גאנצע טײַנע פונעמ אלטנ איז געווענ, אז צומ באָכער, אײגנטלעכ, האָט ער גאָרניט. נאָר וויִאזוי האָט מענ געוואגט פירנ א ראָמאנ בא אימ אינ שטוב אָנ זײַנ וויסנ? אונ אז זײַנ טאָכטער זאָל נעמענ א כאָסנ אנ אָרעמ-באָכער ארט אימ אויכ ניט. נאָר וואָס דענ? ווענ ער, איר פאָטער, זאָל אימ געבנ. ניט זי זאָל אלײנ זיכ אויסקלײַבנ, גאָר ניט האָבנ זיכ אָנגעפרעגט בא אימ! אָט דאָס האָט אימ געקרענקט מער פונ אלצדינג.

די אלע טײַנעס מיט די רײד איז מענ געוווירע געוואָרנ ערשט נאָכדעמ, אינ א צײַט ארומ. דעמלט אָבער האָט דאָס פאָרפאָלק, ווי די קאָשערע לעמעלעכ, ניט געוווסט, ווער עס האָט זײ געשלײערט. זײ האָבנ נאָר געפילט, אז עפּעס קאָכט זיכ. וואָס וועט זיכ אויסקאָכנ — וועלנ זײ זענ מאָרגנ. דער פרימאָרגנ וועט זאָגנ...

און אז ס'איז געקומענ דער פרימאָרגנ און אונדזער העלד איז אופגעשטאנענ, האָט ער שוינ ניט געטראָפנ קיינעם. ניט דעם אלטנ, ניט זייִנ פרוי, ניט דעם זונ, ניט זייער טאָכטער. ווו זייַנענ זיי אלע? אוועקגעפאָרנ. וווהינ? מע ווייסט ניט... פונ די מענטשנ אינ הויפ קאָנ קיינער ניט זאָגנ. אפנ טיש איז געווענ אָנגעגרייט פונ זייַנטוועגנ א פאקעט. געעפנט דעם פאקעט, האָט ער געהאָפט צו געפינענ א בריוו, א דערקלערונג. צום סאָפ איז אינעם פאקעט ניט געווענ קיינ איינ וואָרט אפילע. דאָרט איז געלעגנ נאָר געלט — די סכירעס, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ פאר דער גאנצער צייַט — און מער גאָרנישט. אינ הויפ איז געשטאנענ גרייט פונעם לערערס וועגנ א שליטנ (אינמיטנ ווינטער איז געווענ די געשיכטע) און א ווארעמע „באראניצע" אפ איינצודעקנ די פיס. פונ די מענטשנ איז ניט געווענ ארויסצובאקומענ קיינ איינציק וואָרט. אפילע דאָדיע דער עקאָנאָם, וואָס וואָלט זיכ פארנ לערער און פאר דער שילערנ געלאָזט שנייַדנ די הענט, האָט אפ אלע נאָכפרעגענישנ געענטפערט נאָר מיט א קנייטש מיט די פלייצעס און מיט א זיפצ. די מוירדע פארנ אלטנ איז בא אים געווענ שטארקער פונ אלצ... דערפונ איז דער באליידיקטער לערער געוואָרנ נאָכ מער אופגערעגט. ער האָט זיכ פארלאָרנ, ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ. ער האָט זיכ א פאָר מאָל גענומענ שרייַבנ א בריוו, פריִער צום אלטנ, דערנאָכ צום זונ צום „מאסקל", דערנאָכ — צו דער שילערנ. עס האָט זיכ אָבער ניט געשריבנ. א קאטאסטראָפע איז דאָס געווענ א גרויסע. נאָר אפ אזא פאטש אינ פאָנעם האָט ער זיכ ניט גערעכנט... עס איז אימ געווענ א ביזאָיענ, א ביזאָיענ פאר זיכ אליינ און פאר די מענטשנ. ער האָט דעריבער ניט געמאכט קיינ לאנגע שיִעס און האָט זיכ אופגעזעצט אפנ שליטנ און האָט זיכ געלאָזט פירנ צו דער סטאנציע, בּיכדיי צו פאָרנ פונ דאָרטנ — וווהינ? ער ווייסט נאָכ אליינ ניט וווהינ. ווו די אויגנ וועלנ טראָגנ... נאָר דערווייַל, איידער ער קומט צו דער באנ-סטאנציע, האָט ער געהייסנ דעם קוטשער זיכ אָפשטעלנ אינ בארוניעפאָליע — די פאָסט-סטאנציע, פונוואנענ סאָפּיִעוקע באקומט איר קאָרעספּאָנדענצ. אינ בארוניעפאָליע האָט דער העלד פונ דער בּיִאָגראפיע געהאט א פרייַנט. איר קענט אימ. דאָס איז געווענ דער סמאָטריטעל פונ דער סטאנציע, אָדער דער פאָסטמייַסטער, מאלינאָווסקי.

בעטעווע איז מאלינאָווסקי דער פאָסטמייַסטער געווענ א גוי א כאבארניק און האָט ליב געהאט, ווי מיר ווייסנ שוינ, דעם טרונק. פונעמ

אלטן לאָיעווס פּאָסעסיעס האָט ער געהאַט אָפּטע מאַטאָנעס: א זעקל ווייץ, א וואָגן שטרוי, אמאָל אונטער א יאָמטעוו א מעזומענע מאַטבייע. מיטן לערער און מיט דער שילערן האָט ער געשלאָגן בלאַט, און ביכלאל געווען א גוטער גוי.

בא אים האָט זיך דאָס דער לערער אָפּגעשטעלט און פאַר אים האָט ער א ביסל אנטפּלעקט זײַן הארץ. ער האָט געהאַט א מיין דערבײַ, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אז ער, מאַלינאָווסקי, זאָל זײַן דער שאַליעך אף איבערצופּעקלען קאָנטראַבאַנד — א בריוו צו לאָיעווס טאָכטער, און איבערשיקן פון איר, אויב ס'וועט זײַן, אַן ענטפער. אויסגעהערט די באַקאָשע, האָט דער פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי אויסגעצויגן א האַנט און געשוואָרן בא גאָט, און טאָמער גלייבט מען אים ניט, האָט ער זיך איבערגעצײלעמט, אז ער וועט אויספאָלגן אלצדינג אפן בעסטן אַרט. און אזוי ווי עס איז, הייסט עס, געשלאָסן געוואָרן צווישן גוטעפרײַנט א געשעפט, באַדאַרף מען דעם אָפּמאַך באַנעצן מיט א ביסל בראָנפן און פאַרבײַסן מיט א הערינג. עס האָט ניט געהאָלפן קיין שום טערעץ. מע האָט זיך אוועקגעזעצט ביידע און מע איז ניט אופגעשטאַנען, ביז דאָס פלעשל איז געוואָרן ליידיק און מאַלינאָווסקי איז געוואָרן מאָלע[1] און האָט זיך ארומגעכאַפּט קושן מיטן לערער און האָט זיך פאַרשוואָרן נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל זיך איבערגעצײלעמט, אז ער וועט זײַנע בריוו איבערגעבן צו לאָיעווס טאָכטער גלײַך אין די הענט אַרײַן — ער מעג שוין זײַן רויק. וואָרעם מאַלינאָווסקי, אז ער זאָגט א וואָרט, איז הייליק...

און קאַכאַווע: די ערשטע עטלעכע הייסע פּלאַמפּײַעריקע ליבעבריוו, וואָס דער העלד האָט אים צוגעשיקט איינס נאָך דאָס אַנדערע, האָט דער פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי, ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן נאָכדעם, איבערגעגעבן אַקוראַט צום אלטן לאָיעוו אין די הענט אַרײַן... עס איז דעריבער גרינג צו פאַרשטיין, אז קיין ענטפער האָט ער אף זײַנע הייסע פּלאַמפּײַעריקע בריוו ניט באַקומען. און עס איז דעריבער גרינג צו פאַרשטיין, אז ער האָט אזוי לאַנג געשריבן בריוולעך ביז — ער האָט אופגעהערט צו שרײַבן.

. . . .

. . . .

---

1 פויל. געמיינט: שיכּער.

וואָס באטײַטנ די דאָזיקע פינטעלעכ? זיי באטײַטנ א לאנגע פינצטערע נאכט. אלצ איז אײַנגעוויקלט אינ א געדיכטנ נעפל. דער עלנדער וואנדערער טאפט דעמ וועג. ער שלאָגט זיכ אָנ אלעמאָל אפ אנ אנדער שטיינ, אָדער ער פאלט ארײַנ אינ א גרוב... ער פאלט, ער כאפט זיכ אופ, גייט ווײַטער אונ שלאָגט זיכ אָנ אפ א פרישנ שטיינ אונ פאלט אינ א נײַער גרוב... ניט זעענדיק פאר זיכ די ליכטיקע וועלט, כוט ער נארישקײַטנ, באגייט פעלער, איינ פעלער גרעסער פונעמ אנדערנ... מע קאָנ ניט ארופשלאָגנ זיכ מיט פארבונדענע אויגנ אפנ גלײַכנ וועג. מיט פארבונדענע אויגנ מוז מענ בלאָנדזענ... אונ ער האָט געבלאָנדזעט. לאנג געבלאָנדזעט. ביז ער האָט זיכ ארופגע-שלאָגנ אפ דעמ ריכטיקנ וועג. ביז ער האָט זיכ אליינ אויסגעפונענ.

74

דער ערשטער ארויספאָר

ער קומט צו פאָרנ קיינ קיעוו אונ ציט זיכ צו די גרויסע שטערנ פונ „האסקאָלע“. — די „אָבלאווע“ אפ דער אכסאניע. — ער פרעגט זיכ נאָכ אפנ העברעישנ מעשוירער יעהאלעל. — דער מעכאבער פונ „זאפיסקי יעווריעיא“[1] אונ א פרעפעראנסל. — ער דערשלאָגט זיכ צומ מעשוירער יעהאלעל אונ קריגט א קאלטע אופנאמע.

וווהינ פאָרט א באָכערל, וואָס האָט ניט קיינ היימ אונ וויל עפעס דערגרייכנ? — אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ. די גרויסע שטאָט — דאָס איז דער הויפט־פונקט, דער צענטער, וווהינ עס ציט יעדנ איינ־ציקנ, וואָס זוכט עפעס א טועכצ, א באשעפטיקונג, א פראָפעסיע, אָדער א שטעלע. א יונגערמאנ האָט פארלוירנ דאָס נאדנ, אָדער ער האָט געוואָרפנ אנ אומכיינ אפנ ווײַבל, אָדער ער האָט זיכ צעקריגט מיט זײַנ שווער אונ שוויגער, מיט זײַנע עלטערנ, אָדער צעגאנגענ זיכ מיט זײַנע שוטפימ, — וווהינ לאָזט ער זיכ אוועק? — אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ. איינער האָט געהערט, אז אפ דער בערזע מאכט מענ פונ שניי גאָמלקעס אונ מע שיט אָנ זעק מיט געלט — וואָס כוט ער? — פאָרט ער אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ זוכנ גליק. די גרויסע שטאָט, דער צענטער, האָט אינ זיכ א מאגנעטישע

---

1 „מעמוארנ פונ א יידנ“ — באָגראָוו (1825—1885) א ווערק.

קראפט, וואָס ציט צו, וואָס לאָזט ניט אָפּ. אהינצו שלעפּט דאָס אײַכ, ווי א זומפּ. דאָרטנ האָפּט איר, אז איר וועט געפינענ דאָס, וואָס איר זוכט.

די גרויסע שטאָט אינ יענעם געגנט, ווו אונדזער העלד האָט זיכ געפונענ, איז די בארימטע הייליקע שטאָט קיעוו. אהינ האָט ער געשטרעבט און אהינ איז ער געקומענ. צו וואָס האָט ער, אייגנטלעכ, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? — דאָס לאָזט זיכ ניט זאָגנ פאר קלאָר, וואָרעמ קאָנקרעט האָט ער נאָכ אליינ ניט געוווסט, נאָכ וואָס עס לעכצט זײַנ נעשאָמע. עס האָט אימ געצויגנ אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ, ווי עס ציט א קינד צו דער שײַנ פונ דער לעוואָנע. אינ א גרויסער שטאָט זײַנענ פאראנ גרויסע מענטשנ. דאָס זײַנענ די ליכטיקע שטערנ, וואָס שײַנענ אראָפּ צו אונדז אפ דער ערד מיט זייער העלער ליכטיקײַט פונעם גרויסנ אומענדלעכנ הימל-רוימ. דאָס זײַנענ די גרויסע מאסקילימ, בארימטע שרײַבער און כונ גאָט געבענטשטע פּאָעטנ, וואָס זייערע נעמענ האָבנ אזוי שיינ געקלונגענ אינ די אויערנ פונ די — וויאזוי זאָל איכ זיי אָנרופנ? — נו, „פירכיי-האהאסקאָלע", די יונגעטשקע מאסקילימלעכ, נאיווע, אומשולדיקע באָכערימלעכ. דאָס איז געווענ דער ערשטער ארויספאָר פונ אונדזער יונגנ העלד אינ דער גרויסער וועלט און זײַנ ערשטער ארײַנפאָר אינ דער גרויסער שטאָט. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיכ אפ א יִדישער אכסאניע מיטנ נאָמענ „רעב אלטער קאניעווערס סטאנציע", אינ דעמ אונטערשטנ טייל פונ דער שטאָט, וואָס טראָגט דעמ נאָמענ „פּאדאָל" און ווו יִדנ מעגנ זיצנ. איכ זאָג, אז יִדנ מעגנ דאָרטנ זיצנ, און מוז מיכ אָבער באלד פארכאפּנ, מע זאָל ניט מיינענ, אז כאָלילע אלע יִידנ מעגנ דאָרטנ זײַנ. דאָס ניט. דאָרט מעגנ זײַנ נאָר יענע יִדנ, וועלכע האָבנ דערצו ווינדערכט — „פּראוואָזשיטעלסטווע". לעמאָשל: באלמעלאָכעס, פּריקאשטשיקעס פונ ערשטער גילדיע, ניקאָלײַעווסקע סאָלדאטנ און אזעלכע, וואָס האָבנ קינדער אינ גימנאזיע. די אלע איבעריקע יִדנ כאפּנ זיכ אהער אריבער, ווי קאָנטראבאנד, אפ א קורצע צײַט, און לעבנ אינ גרויסע פכאָדימ, נאָר מיטנ כעסעד פונ דעמ דוואָרניק און פונעמ אָדנ[1] דעמ נאדזיראטעל, אָדער פונעמ אָדנ דעמ פּריסטאוו. און דאָס אויכ נאָר ביז א צײַט. ביז עס מאכט זיכ אנ „אָבלאווע" — מע פאלט איבער אפ די יִדישע אכסאניעס אינמיטנ האלבע

1 האר.

נאכט מיט זשאנדארמענ און מיט סאָלדאטנ. אפ זייער לאָשנ ווערט דאָס אָנגערופנ: מע מאכט א „רעוויזיע“... און אז מע געפינט אזעלכע מינים קאָנטראבאנדע סכוירע, דאָס הייסט, יידנ אָנ פראוואָזשיטעל־סטוועס, פארנעמט מענ זיי, ווי סקאָט, אינ פאָליציע און מע באגלייט זיי ארויס מיט גרויס פאראד, דאָס הייסט, מע שיקט זיי אָפּ מיטנ עטאפּ גלייכ מיט אלע גאנאָווימ אהיימ אינ זייערע שטעט, ווו זיי זיינענ צוגעשריבנ.

דאָס האלט אָבער קיינעמ ניט אָפּ פונ צו פאָרנ קיינ קיעוו. ווי זאָגט דער רוס: „וואָלקא באָיאטסיא, ווליעס ניע כאָדיט“. מע האָט טאקע מוירע פאר „אָבלאוועס“, נאָר מע פאָרט. וועגנ דעמ זאָרגט שוינ דער באלעבאָס פונ דער סטאנציע, אז די „רעוויזיע“ זאָל אָפּ־לויפנ גלאט, בעשאָלעמ, און מע זאָל, כאסוועכאָלילע, קיינ טרייפע סכוירע בא זיי ניט כאפּנ. וויאזוי? גאנצ פּאָשעט: דער באל-אכסאניע שמירט אונטער דאָרט, ווו מע דארפ. ער ווייסט שוינ פריער, ווענ עס דארפ זיינ די „רעוויזיע“, און מע גיט זיכ שוינ אנ אייצע: מע פארשטופּט די פּאָסעלע סכוירע — וועמענ אפ א בוידעמ, ווענ אינ א קעלער, ווענ אינ א קליידער-שראנק, ווענ אינ א קאסטנ, און ווענ אינ אזא מינ אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעמ ניט איינפאלנ, אז דאָרטנ זאָל קאָנענ זיינ פארבאָרגנ א לעבעדיקער מענטש... און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס די זעלבע לייט, וואָס זיינענ געלעגנ אינ אזא מינ פארבאָרגעניש, אז זיי קריכנ ארויס אפ גאָטס וועלט, מאכנ זיי כויזעק פונ דער גאנצער מייסע, גלייכ ווי קינדער האָבנ זיכ געשפּילט אינ באהאלטערלעכ, און אפנ ערגסטנ פאל, טרייסט מענ זיכ מיט א זיפצ: „עט! מיר האָבנ איבערגעלעבט ערגערע צייטנ און גרעסערע האָמענס!“...

דער מעכאבער פונ די דאָזיקע באשרייבונגענ האָט אפ זיינ ערשטנ ארויספאָר אינ דער גרויסער הייליקער שטאָט קיעוו געהאט די ערע און דאָס פארגעניגנ צו ליגנ מיט נאָכ א פּאָר יידנ בא רעב אלטער קאניעווער אפ דער סטאנציע אפ א בוידעמ און כאפּנ א ציטער. געווענ איז דאָס אינ א ווינטערדיקער פינצטערער נאכט. און אזוי-ווי די רעוויזיע איז געווענ א פּלוצלעכע, אנ אומגע־ריכטע, האָבנ די זכאָרימ ניט באוויזנ צו כאפּנ אפ זיכ, איכ בעט איבער אייער קאָוועד, די טאכטוינימ[1], און די ווייבער — זייערע און־

1 דאָ: פלודערנ, הויזנ.

טערשטע קליידלעך. א גליק, וואָס די „רעוויזיע" האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיקט, אניט וואָלטן זיי אפּן בוידעם אויסגעגאנגען פון קעלט. דערפאר אָבער — וואָס פאר א געדולע איז געוואָרן, אז דער באַל-אכסאניע, רעב אלטער קאַניעווער, א שיינער ייִד מיט א ווײַסער באָרד, האָט זיי אראָפּגערופן פונעם בוידעם מיט א מאָדנע שפראך, צום גראַם:

— יעהודים בעלוי[1]! קריכט ארויס פון שטרוי! געפּאטערט די שיידים, אראָפּ פונעם בוידעם!..

געענדיקט האָט זיך דער איבערשרעק מיט א גרויסער סימכע. מע האָט דערלאַנגט דעם סאמאָוואר און מע האָט געטרונקען טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האָט דערציילט ניסים-ווענִיפלאָעס — יעציאַס-מיצראַים! די סימכע איז אָבער באלד פארשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער באַל-אכסאניע, רעב אלטער קאַניעווער, האָט ארופגעלייגט אפּ אלע זײַנע אָרכים א מין קאָנטריבוציע, צו אָנדערהאלטן קאַרבוינים אפּ א קאָפּ, קעדיי צו דעקן די הויצאָעס, וואָס די רעוויזיע האָט געקאָסט. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסטן פון די ווײַבער. זיי האָבן נעבעך געטײַנעט, אז זיי באדארפן ניט צאָלן גאָרניט, וואָרעם זיי זײַנען געקומען אהער ניט צוליב פארגעניגן און ניט צו מאכן געשעפטן און צו פארדינען געלט. זיי זײַנען נאָר געקומען צום פּראָפעסאָר זיך קורירן...

און עס גייט אוועק בא זיי א סעדרע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן. איטלעכע פון זיי דערציילט וועגן איר קראנקײַט און צו וואָסער א פּראָפעסאָר זי איז געקומען. לאָזט זיך אויס, אז אלע זײַנען זיי געקומען צו איין פּראָפעסאָר און אלע האָבן איינע און די זעלבע קראנקײַט. וואָרעם וואָס פאר א פעלער איינע זאָל ניט האָבן, האָבן דאָס אלע ווײַבער אקוראט דאָס אייגענע... נאָר מער כידעש פון אלצדינג איז דאָס, וואָס אלע ווײַבער, וויפל זיי זײַנען דאָ, ריידן זיי איניינעם, און מע הערט זיך פונדעסטוועגן איינס דאָס אנדערע! אייניקע שטריכן פון יענער נאכט האָט דער מעכאבער פון די דאָזיקע זיכרוינעס אויסגענוצט דערנאָך אין איינעם פון זײַנע ערשטע ווערק מיטן נאָמען „דער ערשטער ארויספאָר" (א מײַסע, וויאַזוי צוויי יונגע פייגעלעך פליִען ארויס דאָס ערשטע מאָל אפּ גאָטס וועלט).

אָט אזוי האָט אונדזער העלד פארבראכט די ערשטע נאכט אין דער גרויסער הייליקער שטאָט קיִעוו. אפּ מאָרגן אינדערפרי האָט ער זיך גע-

1 דאָ געמיינט: ייִדן, וואָס האָבן ניט קיין ווינרעכט.

לאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיקע שטערנ, וואָס שײַנען אראָפּ צו אונדז פונ זייער הימל-הייך. דאָס הייסט, צו אונדזערע באַרימטע גרויסע לײַט, צו אונדזערע מאסקילים אונ פּאָעטנ, צווישנ וועלכע ער האָט געוווסט אינ קיִעוו דערווײַלע נאָר איינעמ. דאָס איז געווענ דער העברעיִשער דיכטער, וואָס איז באַרימט אונטערנ נאָמענ יעהאלעל. אהינ האָט ער זיך געשלאָגנ אונ דערשלאָגנ זיך. אָבער ניט אזוי גרינג, ווי מע קאָנ זיך פאָרשטעלנ אפנ ערשטנ קוק. געני־ענ זיך נאָכפרעגנ אפנ דיכטער, איז ער געווירע געוואָרנ, אז אינ קיִעוו איז דאָ א מיליאָנער בראָדסקי. אונ אז דער בראָדסקי האָט אפ פאדאָל א מיל. אונ אז אינ מיל איז דאָ א קאנטאָר. אונ אז אינ דער קאנטאָר דינענ אלערליי מענטשנ. אונ אז צווישנ די מענטשנ איז דאָ איינער א קאסירער, הייסט ער י. ל. לעווינ. אונ אָט דער י. ל. לעווינ איז דאָס דער באַרימטער דיכטער יעהאלעל. אונ דאָ הייבט זיך ערשט אָנ א געשיכטע.

ניט א יעדער קאָנ האָבנ א פרײַענ צוטריט אינ בראָדסקיס מיל. אהינ קאָנ צוגעלאָזט ווערנ נאָר אזעלכער, וואָס האָט א שײַכעס צו ווייצ אָדער צו מעל. „צו וועמענ דארפט איר?" — „צומ באַרימטנ דיכטער יעהאלעל". — „דאָ איז ניטאָ אזעלכער"... איינער א ייִד, א מעקלער פונ ווייצ, האָט נאָך געפונענ דערבײַ אויסצובערענגענ א פוילנ וויצ. ער האָט א פרעג געגעבנ באַמ באָכער: „וואָס איז הײַנט — ראָשכוידעש[1], וואָס איר זאָגט האלעל[1]?"

גאָט האָט געטאָנ א נעס — ס'איז אָנגעקומענ א לאנגער ייִד אונ א דארער, מיט א לאנגער נאָז, מיט א געקנייטשט פּאָנעמ אונ מיט עטלעכע געלע פענקעס אינ מויל אָנשטאָט ציינ. אָנגעטאָנ איז ער געווענ אינ א צעריסענעמ בעגעד, אונ מיטנ גרויסנ רעגנשירעמ פונ גרויע פארוסינע אונ מיטנ אָפּגעבארעוועטנ קאפעליושל, וואָס אפנ קאָפּ, האָט ער געכאפט דעמ אָנבליק פונעמ וועלט־באַרימטנ דאָנ קישאָט. צומ סאָפ לאָזט זיך אויס, אז אָט דער לאנגער ייִד, דער דאָנ קישאָט, איז גאָר א בוכהאלטער, אונ ער דינט דאָס איינעמ מיטנ באַרימטנ דיכטער יעהאלעל בא בראָדסקינ אינ דער מיל! געווירע געוואָרנ, צו וועמענ דער באָכער פרעגט זיך נאָך, האָט אימ דער לאנגער אָנגענומענ פאר א האנט אונ אָנ ווערטער איז ער ארײַנ מיט אימ אינווייניק. דאָרט האָט דאָנ קישאָט אוועקגעשטעלט דעמ גרויסנ רעגנשירעמ,

---

1 דער ערשטער טאָג פונ כוידעש. בא רעליגיעזע ייִדנ איז דער דאָזיקער טאָג א שטיקל יאָמטעוו אונ זיי זאָגנ דאנ ספעציעלע טפילעס („האלעל").

אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ דעמ אויבערשטנ בעגעד אונ איז געבליבנ אינ א קורצ ווייטקל מיט אויסגעדריבענע עלנבויגנס אונ מיט אויסגעבויגענע פיס, וואָס ווענ ניט דאָס, וואָלט דער לאנגער בוכהאלטער געווענ נאָכ לענגער. נאָכ די ערשטע עטלעכע סקארבאָווע ווערטער, וואָס אומבאקאנטע באקענענ זיכ דורכ זיי, איז דער לאנגער בוכהאלטער אויסגעוואקסנ אינ די אויגנ פונעמ באָכער מיט צוויי קעפ העכער. וואָס איז די מייסע? עס האָט זיכ ארויסבאוויזנ, אז אָט דער דאָנ קישאָט קענ זיכ פערזענלעכ מיט א מאנ, וואָס אינ יענער צייט האָט ער אויסגעוויזנ באמ באָכער פאר א מאלעכ פונ גאָט. דאָס איז געווענ ניט מער אונ ניט ווינציקער, ווי באָגראָוו, דער מעכאבער פונעמ בוכ „זאפיסקי יעווריא"! מיט אימ האָט דאָס אָט דער לאנגער בוכהאלטער זיכ געקענט פערזענלעכ, געדינט אינ איינ באנק אינ סימפעראָפאָל.

— אזוי? אזוי? האָט איר אימ, הייסט עס, געקענט, דעמ גרויסנ באָגראָוו, ליטשנאָ? — פרעגט זיכ נאָכ בא אימ דער ציקאווע באָכער מיט גרויס היספּיילעס.

— מענטש! מע זאָגט אייכ, אז מיר האָבנ ביידע געדינט אינ איינ באנק, אינ סימפעראָפאָל, זאָגט איר גאָר דאָס!

— אונ איר אליינ האָט גערעדט מיט אימ?

— אזוי ווי איכ רייד מיט אייכ. ניט נאָר גערעדט, נאָר געשפּילט מיט אימ אינ קאָרטנ, אינ פּרעפעראנס. א קערטל האָט ער ליב, גריגאָרי איסאקאָוויטש, איי האָט ער ליב, איי האָט ער ליב א קערטל! דאָס הייסט, ניט קיינ קארטיאָזשניק, נאָר אזוי גלאט א קערטל, א פרעפעראנסל — פארוואָס ניט? איי א פרעפעראנסל! איי-איי-איי!..

ער הייבט אופ זיינ טרוקענע ביינעדיקע האנט אינעמ אויסגעריבענעמ עלנבויגנ, פארקנייטשט נאָכ מער דאָס פארקנייטשטע פּאָנעמ, טוט א פיר מיט דער שפּיצ נאָז אינ דער לופטנ האלב-קייַלעכיק אונ באווייזט די געלע פענקעס פונ זיינע אמאָליקע ציינ. בא אימ הייסט עס געשמייכלט. נאָר באלד ווערט ער צוריק ערנסט, קוקט ערגעצ ווייט-ווייט דורכ זיינע שארפע ברילנ, קראצט זיכ אונטערנ קאָלנער אונ רעדט מיט רעספּעקט וועגנ באָגראָוונ:

— א גרויסער מענטש גריגאָרי איסאקאָוויטש! א ווערטעלע אויסצורייד — גריגאָרי איסאקאָוויטש! פססס! אָבער טאקע גאָר א גרויסער! א סאכ גרעסער פונ אייער בארימטנ דיכטער יעהאלעל. דער איז א קליינינטשקער... אָט אזא קליינינטשקער... אָבער טאקע גאָר-גאָר

א קליינטשקער!..— און ער האָט א ווײַז געגעבן מיט דער האַנט אַפ דער ערד, ווי קליין יעהאַלעל איז. און אַקוראַט אַפ די רייד עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן א קליין מענטשל, נאָר גוט געפּאַקט, מיט א פײַן בײַכל און מיט קאַסאָקע אויגן. אַפן ערשטן קוק האָט ער אָקעגן דעם לאַנגן און טרוקענעם דאָן קישאָט אויסגעזען ווי סאַנטשאָ פּאַנסאָ, דאָן קישאָטס פליגל-אַדיוטאַנט. אָן א גוט-מאָרגן איז דער סאַנטשאָ פּאַנסאָ דורכגעלאָפן פאַרבײַ און איז פאַרשווּונדן געוואָרן אַפ יענער זײַט גראַטעס אין א צווייטן כיידערל.

— אָט דאָס איז ער דאָך, אײַער דיכטער יעהאַלעל. איר קאָנט ארײַנגיין צו אים, אויב איר ווילט. ניט אַזאַ גרויסער פּאָרעצ...

פון די ווערטער, ווי אויך פון דעם פריערדיקן פאַרגלײַכן אים צום גרויסן באָגראָוון, איז געווען צו זען, אַז דער בוכהאַלטער מיטן קאַסירער לעבן בעשאָלעם, ווי א קאַץ מיט א מויז. דערמיט האָט נאָך אָבער דער דיכטער בא זײַן פאַרברענטן כאָסיד אין די אויגן גאָרנישט פאַרלוירן. מיט א קלאַפּנדיק האַרץ און מיט א פאַרצאַפּלטער נעשאָמע איז ער אריבערגעטרעטן די שוועל און אַרײַן מיט גרויס דערעכערעץ אין צווייטן כיידערל אַרײַן. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם בארימטן דיכטער אין א פּאָעטישער פּאָזע, צונויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן, ווי אַלעקסאַנדער פּושקין, אָדער, לעכאָלאָפּאָכעס, ווי מיכע יויסעף לעבענזאָן. דער דיכטער איז געווען, ווײַזט אויס, אין זייער א הויכער פּאָעטישער שטימונג, וואָרעם ער האָט ארומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן כיידערל מיט די צונויפגעלייגטע הענט אַפן האַרצן און האָט אַפ זײַן יונגן פאַרערער קימאַט גאָרניט געקוקט און האָט קוים-קוים געענטפערט אַפן גוט-מאָרגן מער ניט ווי מיט א בייזן קוק פון זײַנע קאַסאָקע אויגן. פון בעטן זיצן, אָדער פון נאָכפרעגן זיך, ווער-וואָס-ווּעמען — איז גאָר קיין רייד ניט געווען. דער נאַיִווער פאַרערער איז געווען זיכער, אַז אַלע פּאָעטן זײַנען אַזוי, אַז אַלעקסאַנדער פּושקין ענטפערט אויך ניט אַפ א גוט-מאָרגן... דעם באָכער איז אַפילע געווען ניט אַזוי פאַרגלדיק דאָס שטיין, ווי א באָלװאַן, בא דער טיר. נאָר מע קאָן זיך ניט העלפן. און פאַריבל האָבן איז דאָך ניט שײַעך — פאָרט ניט קיין געוויינלעכער באָסער-וודאָם! פאָרט א דיכטער!.. דערפאַר אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום, אַז דער נאַיִווער פאַרערער איז אַליין געוואָרן א שרײַבער, און ניט נאָר א שרײַבער — ער איז גאָר געוואָרן א רעדאַקטאָר פון א יאָרבוך („די ידישע פאָלקס-ביבליאָטעק") און דער פּאָעט יעהאַלעל האָט אים גע-

בראכט א פעליעטאָן, האָט אים דער אמאָליקער פארערער און דער איצטיקער רעדאקטאָר שאָלעם-אלייכעם דערמאָנט זייער ערשטע באגעגניש און איבערגעגעבן די אויבן באשריבענע סצענעס, האָט זיך דער דיכטער געהאלטן בא די זייטן פאר געלעכטער.

דעמלט האָט זיך אָבער דעם באָכער ניט געלאכט. מיט וואָס פאר א הארצ ער איז ארויס פונעם בארימטן דיכטער — קאָן מען זיך פאָר-שטעלן. דערמיט האָט זיך אָבער זיין ערשטער ארויספאָר נאָך ניט געענדיקט. דאָס רעכטע בינטל צאָרעס, וואָס איז אים באשערט געווען אויסצושטיין אין זיין ערשטער גרויסער נעסיע, הייבט זיך ערשט אָן.

75

פראָטעקציעס

דער באַל־אכסאניע שמועסט פון פראָטעקציעס. — ער מאכט א וויזיט דעם קיעווער ראבינער. — מע שיקט אים אָפ צום „אור־טשאָנע יעוורייי"[1] באם גענעראַל־גובערנאטאָר. — א צעטראָגענער נעפעש. — ער באקומט א פראָטעקציע צום בארימטן אדוואָקאט קופערניק.

א פרעמדער מענטש אין א גרויסער שטאָט איז אין א וואלד. אינערגעצ פילט איר זיך ניט אזוי עלנט, ווי אין א וואלד. קיינמאָל אינערגעצ ניט האָט זיך דער העלד פון די דאָזיקע באשרייבונגען ניט געפילט אזוי עלנט, ווי ער האָט זיך געפילט אין יענער צייט אין קיעוו. די מענטשן פון דער דאָזיקער גרויסער שיינער שטאָט האָבן זיך ווי צונויפגערעדט, אז מע זאָל פאר דעם יונגן אוירעכ ניט ארויסבאווייזן קיין סימען פון גאסטפריינטלעכקייט, קיין ווארעמע מינע. אלע פע־נעמער זיינען אָנגעכמורעט. אלע טירן זיינען פאר אים געשלאָסן. און וואָלטן כאָטש די אלע מענטשן, וואָס שוויבלען אוןווימלען פאר די אויגן, ניט געווען אָנגעפעלצט ווי מאגנאטן און ניט געפלויגן אָפ די גרויסארטיקע שליטעלעכ מיט ברענענדיקע פערדלעכ־ריסאקעס! און וואָלטן כאָטש די הייזער ניט געווען אויסגעפוצט מיט אזא שיק און מיט אזא גלאנצ! און וואָלטן כאָטש די שווייצארן מיט די לאקייען,

---

1 געלערנטער ייִד. דאָס איז באם צארישן רעזשים געווען א באאמטער, וואָס פלעגט געבן דערקלערונגען וועגן פארשיידענע איניאָנים, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער ייִדישער רעליגיע און קאָהאָלשע איניאָנים.

וואָס בא דער טיר, ניט קוקנ אזוי פרעכ אונ ניט לאכנ אײַכ גלײַכ אינ פּאָנעמ ארײַנ! אלצדינג וואָלט ער אײַכ מויכל געווענ, נאָר אבי מע זאָל ניט לאכנ פונ אימ. אונ, ווי אפ צולאָכעס, האָט זיכ אימ אויסגע־וויזנ, אז אלע מאכנ פונ אימ כויזעק. אלע — אפילע דער באלעבאָס פונ דער אכסאניע, רעב אלטער קאניעווער, וואָס איז שוינ געווענ בא אונדז באשריבנ אויבנ. א ייִד, וואָס צוליב דעמ, וואָס זײַנע געסט האָבנ ניט קיינ „פּראוואָזשיטעלסטווע" אונ טאָרנ ניט זײַנ אינ דעמ הייליקנ קיִעוו, איז ער א כאָשעוו בא „נאטשאלסטווע".

א טעווע האָט אָט דער ייִד, אז ער רעדט צו אײַכ, קוקט ער אײַכ ניט אינ די אויגנ ארײַנ, נאָר ערגעצ ווײַט אהינ, אונ א גרינג שמייכעלע שפּילט בא אימ אונטער די גרויע וואָנצעס. מיט יונגנ אוירעכ רעדט ער ניט אפ „איר" אונ ניט אפ „דו", נאָר ער דרייט זיכ קונציק, ווי אנ אקראָבאט, אונ באגייט זיכ אָנ א „איר" אונ אָנ א „דו". איכ גיב דאָ איבער א שמועס צווישנ די צוויי, דאָס הייסט, צווישנ דעמ אלטנ גרײַזגראָענ באל-אכסאניע אונ זײַנ יונגנ אוירעכ. דער ייִד שמייכלט, קוקט אראָפּ אונ דרייט א פּאפּיראָס, רעדט מיט א קוויטשל, צוקער-זיס:

ב א ל-א כ ס א נ י ע: ס'הערט זיכ?

א ו י ר ע כ: וואָס זאָל זיכ הערנ?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: וואָס מאכט מענ?

א ו י ר ע כ: וואָס זאָל מענ מאכנ?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: איכ מיינ, וואָס טוט מענ אינ קיִעוו?

א ו י ר ע כ: וואָס זאָל מענ טאָנ אינ קיִעוו?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: מיסטאמע זוכט מענ דאָכ עפּעס אינ קיִעוו?

א ו י ר ע כ: וואָס זאָל מענ זוכנ אינ קיִעוו?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: א טועכצ אָדער א סלוזשבע?

א ו י ר ע כ: וואָסער א סלוזשבע?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: דורכ א רעקאָמענדאציע? א פּראָטעקציע? איכ ווייס?

א ו י ר ע כ: צו וועמענ א פּראָטעקציע?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: איכ ווייס צו וועמענ? צומ ראָוו.

א ו י ר ע כ: וואָס עפּעס צומ ראָוו?

ב א ל-א כ ס א נ י ע: לאָז זײַנ צו דער רעבעצנ.

דאָ האָט דער באל-אכסאניע פאר דער גאנצער צײַט איינ מאָל אופגעהויבנ די אויגנ אפנ יונגנ אוירעכ אונ איז געבליבנ שטיל. האָט אימ אָבער דער יונגער אוירעכ ניט אָפּגעלאָזט.

אוירעך: ניין, וואָס איז אײַך עפּעס געפעלן צום ראָוו?

באל-אכסאניע: איך ווייס? א באָכערל פון הײַנטיקע באָכערימלעך קומט קיין קיִעוו, באדארף ער האָבן מיסטאמע א בריוו צום ראָוו, צום ראבינער מיין איך, און דורך דעם ראבינער קאָן מען שוין האָבן א פּראָטעקציע... אזוי פירט זיך די וועלט. און עפּשער האָב איך א טאָעס, איז לוי פּידאלטי — טאק יא ניע טאנצאָוואל סמעדוועדיעם!..

איז אים שוין גאָר געפעלן דאָס יידישע ווערטל: „האָב איך ניט געטאנצט מיטן בער" איבערזעצן אף רוסיש. דעם באָכער זײַנען אָבער די לעצטע ווערטער פונעם באל-אכסאניע וועגן א פּראָטעקציע באם ראבינער ארײַן, ווי מע זאָגט, אין נאָז ארײַן, און ער האָט באשלאָסן, אז ס'איז עפּשער גאָר ניט אזוי קרום. א פּראָטעקציע ניט קיין פּראָטעקציע, נאָר מאכן דעם ראבינער א וויזיט קאָן ניט שאטן. און עפּשער טאקע עפּעס ברענגען אויך. פּאָרט א ראבינער. און נאָך וואָסער א ראבינער! א „גובערנסקי" ראבינער — א קלייניקײַט!.. וואָס ווײַטער צעוואקסט זיך בא אים די פאנטאזיע, און דער פּלאן געהאָלפן צו ווערן דורכן קיִעווער ראבינער באקומט בא אים מער כיין און רעאלע פּאָרמען, און ער זעט ארויס בעכוש, אז ס'איז געווען א באשערטע זאך, אז דורך דעם, וואָס א יידן רעב אלטער קאניעווער איז געפעלן צו מאכן כויזעק, אָדער גלאט אזוי א ביסל פלאפּלען, איז בא אים געבוירן געוואָרן אן אידיי, א גליקלעכע, א גלענצנדיקע אידיי. און מיט אן אידיי איז אלעמאָל אזוי. דורך א קלייניקײַט, דורך א צופאל, קומען אמאָל ארויס די גרעסטע געשעענישן אין דער וועלט. די היסטאָריע פון די נוצלעכסטע דערפינדונגען ווייסט פון דעם סאָד — ס'איז גאָר קיין נײַס ניט.

געקליבן זיך עטלעכע טעג דורכאנאנד און געוווירע געוואָרן, ווו דער ראבינער זיצט, האָט ער איינמאָל אין א קאלטן פרימאָרגן אָנגעקלונגען רעכטס, האָט זיך געעפנט די טיר און א האנט האָט אים א ווײַז געגעבן, אז ער זאָל קלינגען לינקס, אין דער קאנצעליאריע. האָט ער אָנגעקלונגען לינקס, אין דער קאנצעליאריע. עפנט זיך די טיר און ער קומט ארײַן אין דער קאנצעליאריע, טרעפט ער דאָרט עטלעכע יידן, פארשיידענע טיפּן פון אלערליי פּראָפעסיעס, צומיינסטן — באלמעלאָכעס, אָרעמע, דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע. אויך ווײַבער א פּאָר פארשלומפּערטע, מיט פארוויסטע פּענעמער, און א געשוואָלן ייִנגל מיט גרויסע צעריסענע שטיוולעטן, פונוואנען עס קוקן ארויס די פינגער פון די פיס. דערפאר איז אָבער דעם ייִנגלס האלדז ארומגעוויקלט מיט צוויי שאלן, ער זאָל זיך כאָלילע ניט פארקילן. אף די

ווענט הענגענ א צעריסענע מאפּע פונ ערעצ-יִסראָעל אונ א שלעכטער קייזערלעכער פּאָרטרעט. די קאַנצעליאַריע, די אָפּגעריסענע יִדנ, די פארשלומפּערטע ווײַבער, דאָס געשוואָלענע האלב-באָרוועסע יִנגל, די אָנגעריסענע מאפּע פונ ערעצ-יִסראָעל מיטנ שלעכטנ קייזערלעכנ פּאָר־טרעט ווארפנ אָנ אפ אײַך א מאָדנע מאָרעשכוירע. אונ טאָמער איז קארג — זיצט בא אנ אלטנ אויסגעמוטשעטנ פארפלעקטנ שרײַבטיש אנ אלטער מאנ מיט אנ אָפּגעבליאקעוועט טויט פּאָנעם. ווענ דער אלטער זאָל ניט האלטנ קיינ פּענ אינ האנט אונ ניט אײַנטונקענ זי אלע מינוט אינ טינטער, וואָלט מענ געקאָנט זיכער מיינענ, אז דאָס זיצט א באר־מינענ, וואָס איז טויט, ווייניקסטנס, עטלעכע אונ דרײַסיק יאָר, נאָר מע האָט אים אײַנגעמארינירט, האלט ער זיך. אייניציקווײַז פּארטיקט זיך אָפּ דער אָפּגעבליאקעוועטער בארמינענ מיט אלע יִדנ אונ ווײַבער, אונ דאָס נעמט צו ניט קיינ סאך צײַט. ארום אונ ארום עפּשער אָנדערהאלבנ שאָ. ביז ער קומט צום געשוואָלענעמ יִנגל מיט די צוויי שאלנ. דאָס געשוואָלענע יִנגל נעמט אויך צו אזא האלבע שאָ, דאָס יִנגל וויינט. דער אײַנגעמארינירטער בארמינענ שרײַט אפ אים. דאנקענ גאָט — געפּאטערט דאָס געשוואָלענע יִנגל אויך. דעמלט טוט דער בארמינענ א ווינק צום העלד פונ די באשרײַבונגענ, ער זאָל צוגיינ צום טיש. גייט ער צו. דער בארמינענ קוים וואָס מע הערט אים:

— וואָס'ט איר זאָגנ?

— איך דארפ צום ראבינער.

דער בארמינענ קוקט צו זיך אינ סייפער-האזיכרוינעס[1] ארײַנ אונ זײַנ קאָל גייט ווי פונ יענער וועלט:

— א מעטריקע?

— ניינ.

— א כאסענע?

— ניינ.

— א יִנגל? א מיידל פארשרײַבנ?

— ניינ.

— עמעצער געשטאָרבנ?

— ניינ.

— א נעדאָווע?

---

1 נאָטיצ-בוך.

— נייג.

— וואָס זשע פאָרט?

— גאָרנישט. איכ האָב געוואָלט זעג דעמ ראבינער.

— אָט אזוי זשע רעדט.

אונ דער מארינירטער בארמינענ הייבט זיכ אופ פונ טיש, גייט פאוואָליע, ווי אפ אונטערגעהאקטע פיס, ווערט פארשוווּנדנ אינ א זײַטיק כיידער אפ פופצנ אָדער אפ צוואנציק מינוט אונ קומט צוריק מיט א פארעוונ פאָנעמ אונ מיט א טרויעריקנ רעזולטאט:

— דער ראבינער איז ניטאָ אינ דער היימ. איר'ט מויכל זײַנ קומענ אנ אנדערשמאָל.

צומ קיעווער ראבינער האָט זיכ דער העלד מאטריעכ געוועג ניט איינ מאָל אונ ניט צוויי מאָל. ביז ס'איז אימ געראָטנ צו טרעפנ אימ אינ דער היימ. דערפאר אָבער האָט ער געהאט בא אימ אנ אופנאמע זייער א פרײַנטלעכע אונ א הארצעדיקע. דער אָנהייב איז אפילע געוועג נימ אזוי פויגלדיק. דער ראבינער איז אינ דער ערשטער מינוט געוועג ווי דערשראָקנ. ער האָט זיכ א ביסל אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט ארויסבאקומענ פונעמ יונגנ באזוכער, וואָס איז זײַנ באגער. דער באָכער האָט געמיינט, אז אינ קיעוו א ראבינער באדארפ נאָכנ ערשטנ קוק אליינ פארשטיינ, וואָס יענער וויל אונ וואָס יענער באדארפ. צומ סאָפ קוקט ער גאָר ווי א זינדיקער מענטש אינ די איגנ ארײַנ, אונ מע דארפ אימ צעקײַענ איטלעכס וואָרט אונ ארײַנלייגנ אינ מויל ארײַנ. אונ ערשט נאָכ דעמ, אז מע האָט דאָס אימ גוט צעקײַט, לאָזט זיכ אויס, אז ער קאָנ גאָרנישט טאָנ. לאכלוטנ גאָרנישט. דאָס איינציקע, וואָס ער קאָנ יאָ טאָנ — איז געבנ א רעקאָמענדאציע, א פראָטעקציע.

— א פראָטעקציע? גאנצ גענוג! וואָס דארפ איכ דענ נאָכ? איכ באדארפ מער ניט, ווי א פראָטעקציע.

אונ דער באזוכער באטראכט דעמ קיעווער ראבינער אונ פארגלײַכט אימ מיט די ראבינער'ס פונ די קליינע שטעטלעכ, וואָס ער האָט וועג געקענט. אונ עס גייענ אימ דורכ פארבײַ א גאנצע ריי פונ ראבינערס, „קאזיאָנע" ראבאָנימ, פארזעענישנ, טויגעניכטסנ, צווישנ זיי איינער מיט א פליכ אפנ קאָפ. אקעגנ די אלע איז דער קיעווער — א מאגנאט, אונ זיי אקעגנ אימ זײַנענ כײַעס, קארליקעס. דער איז א ריז. אונ א שיינער מענטש. איינ כיסאָרנ נאָר, וואָס ער איז א געלער אונ א ביסל א שווערער פארשוינ. רעדט פא-

מעלעך, טוט יעדע זאך פאַוואָליע, דענקט פאַוואָליע, קימאַט אָן נערוון. אזעלכע מענטשן לעבן הונדערט יאָר. זיי כאַפּן זיך ניט שטאַרבן — זיי האָבן צייט.

— איז ווילט איר, הייסט דאָס, פון מיר א פּראָטעקציע? צו וועמען?

— צו וועמען? דאָס דאַרפט איר שוין אַליין באַטראַכטן...

גוט, ער וועט זיך באַטראַכטן. און דער ראַבינער צעשרעגט זיך באַכאַמאָל באַם באַזוכער, ווער ער איז, פונוואַנען ער איז און וואָס איז זיין באַגער? דערנאָך גייט אַוועק א לאַנגע פּאַוזע פון א פּאָר מינוט. א קוועטש א קנעפּל — און עס באַווייזט זיך דער אַלטער אָפּ-געבליאַקעוועטער און גוט געמאַרינירטער באַרמינער פון דער קאַנצעליאַ-ריע, און דער ראַבינער הייסט אים אָנשרייבן א בריוו צו זיינעם א פריינט — דעם נאָמען האָט ער ניט איינגעהערט — און בעטן אים, טאָמער קאָן ער עפּעס טאָן פאַר אָט דעם באַכער... און צום באָ-כער האָט דער ראַבינער א זאָג געגעבן, אַז דאָס שרייבט ער א בריוו צו זיינעם א פריינט הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַצ, וועלכער איז א פּריסיאַזשנע פּאָווערענע און א „אוטשאָנע יעוורעי" באַם גע-נעראַל-גובערנאַטאָר...

אָפּגעטאָן אַזא שווער שטיקל אַרבעט, האָט דער ראַבינער אָפּ-געאָטעמט. מע האָט געזען, אַז דעם מענטשן איז אַראָפּ א באַרג פון די פּלייצעס. ער האָט טאַקע א ביסל צוגעהאָרעוועט. דערפאַר האָט ער אָבער געטאָן א נוצלעכע זאַך — אויסגעאַרבעט פאַר דעם באָכער א פּראָטעקציע, און נאָך וואָס פאַר א פּראָטעקציע — צום „אוטשאָנע יעוורעי" באַם גענעראַל-גובערנאַטאָר!.. אַזוי ווייט האָט זיך דעם באָ-כערס היציקע פאַנטאַזיע גאָר ניט פאָרגעשטעלט. די פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בוזעם-קעשענע, האָט אים געוואַרעמט דאָס לייב און געטראָגן אין דער לופטן. ער גייט פונדאַנען גלייך צום „אוטשאָנע יעוורעי", וואָס באַם גענעראַל-גובערנאַטאָר — דאָ וועט שוין עפּעס זיין!.. און דער „אוטשאָנע יעוורעי" אַליין שטעלט זיך אים אַנדערש ניט פאָר, ווי א פּראָפעסאָר, באַהאַנגען מיט מעדאַלן, ווי א גענעראַל. מיט א ציטערניש קלינגט ער אָן באַ דער טיר און ער ווערט אַריינגעלאָזן אין א קאַבינעט מיט ספאָרים און ביכער. עס קלאַפּט אים א צאָן אָפּ א צאָן. אין א פּאָר מינוט אַרום פליט אַריין א ייִד מיט שיטערע באַקנבאַרדן און מיט זייער א נידעריקער דריִע, און איז עפּעס מאָדנע צעטראָגן. ניט שוין זשע איז אָט דער ייִד א

„אוטשאָנע יעוורײ״ באַם גענעראַל־גובערנאַטאָר? ער זאָל ניט גײן אויסגעגאָלט א שטיק באָרד אקוראט אינמיטן, וואָלט ער געגאַנגען שווערן, אַז ער איז א מעלאַמעד, א געמאָרע־מעלאַמעד. א טעווע האָט אָט דער „אוטשאָנע יעוורײ״, אַז ער רעדט, שפּײַט ער, און איז א מאָדנע צעטראָגענע בריִע. פון אים דערציילט מען אין קיִעוו, ווי ער איז שוין נאָכדעם געווירע געוואָרן, אלערליי מײַסעס און אנעק־דאָטן. לעמאָשל: צו זיך אהיים האָט ער קיינמאָל ניט געטראָפן, ביז ער האָט ניט איבערגעלייענט אף דער טיר די אופשריפט „הערמאַן מארקאָוויטש באראצ״. איינמאָל האָט זיך באראצ שטארק אײַנגע־קוקט אין זײַן נאָמען און האָט דערזען פון אונטן אָנגעוויזן די שפּרעכ־שטונדן פון דרײַ ביז פינף. א קוק געגעבן אפן זייגער, אַז ס׳איז ערשט צוויי, האָט זיך באראצ באטראכט, אַז מיסטאמע איז באראצ ניטאָ אין דער היים. און וויבאלד באראצ איז ניטאָ אין דער היים, הײַנט וואָס האָט דאָ באראצ צו טאָן? איז זיך באַ־ראצ דערווײַל געגאנגען אין גאָרטן שפּאצירן... מיט איינעם וואָרט, אף באראצן זאָגט מען אין קיִעוו, אַז באראצ זוכט באראצן און קאָן אים ניט געפינען... אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז באראצ געווען גאָר באזונדער צעטראָגן און ניט גוט געשטימט. ער האָט זיך געײַלט ערגעץ גיין, געוואָרפן זיך און געשפּיגן און געשפּריצט. דער־נאָך, אַז ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו פונעם ראבינער, וואָס רע־קאָמענדירט פאר אים דעם באָכער, האָט זיך דער „אוטשאָנע יעוורײ״ א כאַפּ געגעבן באַם קאָפּ, געגומענע ארומשפּאנען איבערן ביידער הינ און צוריק, ריידן און שפּײַען און בעטן זיך ראכמים, מע זאָל אים לאָזן צורו, וואָרעם ער ווייסט גאָרניט און קאָן גאָרניט און ווער גאָרניט טאָן! א גאַנס ראכמאָנעס געווען צו קוקן אפן „אוטשאָנע יעוורײ״! דער באָכער האָט זיך גענומען פארענטפערן, אַז ער מיינט ניט קיין בייז, אַז זײַן גאנצער מיין איז געווען, טאָמער... א פּראָ־טעקציע... נאָר באראצ לאָזט אים ניט ריידן. ער זאָגט, אַז ער ווייסט עס אליין גאנץ גוט. און אַז אים ברענט נאָר אפן ראבינער, וואָס אלע טאָג, אלע טאָג שיקט ער צו אים יונגע מענטשן. וואָס קאָן ער טאָן פאר זיי? וואָס ווייסט ער? ווער איז ער? וואָס איז ער? ער איז דאָך ניט בראָדסקי!..

מיט א צעבראָכן הארץ און מיט א שווער געמיט האָט זיך דער באָכער ארויסגעגליטשט פונעם „אוטשאָנע יעוורײ״. נאָר אַז ער איז שוין געווען גאנץ אונטן אף די טרעפּ, האָט ער דערהערט, אַז מע

רופט אימ צוריק, טאקע דער זעלבער „אוטשאָנע יעוורײ“. בארא‍צ האָט זיכ באטראכט, אז ער אלײנ קאָנ טאקע ניט טאָנ פאר אימ גאָרניט. ער קאָנ אימ אָבער געבנ א רעקאָמענדאציע צו זײַנעמ א פרײַנט אונ א קאָלעגע, צו קופערניקנ. קופערניק, ער זאָל װעלנ, קאָנ ער טאָנ א סאכ, זײער א סאכ! א קלײניקײַט קופערניק? מיט אזא פראָטעקציע קאָנ מענ דורכברעכנ מויערנ! באװעגנ די גרעסטע לײַט! אונ ניט לאנג געטראכט, זעצט זיכ אװעק דער „אוטשאָנע יעוורײ“ אונ שרײַבט א קארטל צו זײַנ בעסטנ פרײַנט אונ קאָלעגע, צומ בארימטנ אדװאָקאט לעװ אבראמאָװיטש קופערניק.

76

קופערניק

ער זוכט דעמ בארימטנ אדװאָקאט אפנ „קרעשטשאטיק“. — „מעניאל־נאיא קאָנטאָרא קופערניקא“. — אינ אָקרוזשנע סוד. — ער געפינט ענדלעכ װעמענ ער זוכט, אונ די פראָטעקציע װירקט. — א קלײנער טאָעס: ניט קופערניק, נאָר מוישע עפלבוימ פונ בעלאָצערקאָװ.

דער נאָמענ קופערניק, אָדער װי מע האָט אימ גערופנ צװישנ ײדנ „קאָפערניקאָװ“, איז געװענ קימאט אזוי בארימט אונ פאָפולער, װי אלעקסאנדער פאָנ הומבאָלד אינ אײראָפע, אָדער װי קאָלומבוס אינ אמעריקע. דער פראָצעס פונ קוטאיס, דער בארימטער בלוט־בילבל, װאָס קופערניק האָט פארטײדיקט אונ דײנגעװאשנ, האָט אימ געמאכט אזוי בארימט, װי אינ א סאכ יאָרנ ארומ האָט בארימט געמאכט אנ אנדערנ אדװאָקאט, אָ. אָ. גרוזענבערגנ, דער פראָצעס פונ מענדל בײליס. אונ אזוי װי פונ גרוזענבערגנ, אזוי האָט מענ פונ קופערניקנ אינ זײַנ צײַט דערצײלט ניסימ־װעניפלאָעס, ארומגערינגלט אימ מיט לעגענדעס.

האָבנדיק א פראָטעקציע צו אזא מאנ, װי קופערניק, מעג מענ זיכ שוינ דערלויבנ צו טרוימענ, פאנטאזירנ אונ כאָלעמענ די בעסטע כאלוימעס. כאפנ זיכ שטארק איז אויכ ניטאָ װאָס. אוביפראט, אז ער װײסט נאָכ גאָר ניט, װו קופערניקס אדרעס איז. האָט ער זיכ פאװאָליע ארופגעדראפעט אפנ הויכנ „קרעשטשאטיק“, די שענסטע גאס אינ קיעװ, אונ דאָרט איז אונדזער העלד ניט שװער געװענ צו דערפרעגנ זיכ, װו קופערניק זיצט. ארײַנ אינ א הויפ אקעגנ

האָטעל „יעווראָפּא״, האָט ער איבערגעזעצט אויף רוסיש: „מעניאלנאיא קאָנטאָרא קופּערניקא״. איז אים אפילו געווען א כידעש, ווי קומט צו קופּערניק דעם אדוואָקאט א „מעניאלנע קאָנטאָר״? נאָר עס איז אים באלד פארענטפערט געוואָרן די קאשע.

ארײַנגעקומענדיק אין קופּערניקס קאנטאָר, האָט ער גע-טראָפן א יונגנמאן מיט בלויע ברילן און א ייִדענע א ליטווישקע אין א ווײַסן פאריק.

— צו וועמען דארפט איר?

— צו קופּערניקן.

— פון וועמען?

— פונעם אוטשאָנע יעוורעי, פון הערמאן מארקאָוויטש בוראצ, א קארטל.

— פון בוראצן א קארטל? ווײַזט אהער.

דער יונגערמאן מיט די בלויע ברילן נעמט דאָס קארטל און טראָגט דאָס צו צו דער ליטווישקע אינעם ווײַסן פאריק. די ליט-ווישקע נעמט דאָס קארטל, טוט אָן די ברילן, לייענט דורך און טוט א שמיץ דאָס קארטל פון זיך.

— ס׳איז ניט צו מיר. ס׳איז גאָר צו מײַן זון.

— ווו געפינט ער זיך?

— ווער?

— אײַער זון.

— מײַן זון ווו געפינט זיך? וואָס הייסט ווו? אין אָקרוזשנאָי סוד ארײַן גייט, וועט איר אים געפינען.

זוכן אן אדוואָקאט אין אָקרוזשנאָי סוד איז פונקט אזא סייכל, ווי מע זאָל זוכן א נאָדל אין א וואָגן היי. דער אָקרוזשנע סוד איז אן אומגעהייער גרויסע אלטע געבײַדע מיט אײַזערנע טרעפּ און מיט אזויפיל כאדאָרים, זאלן און אָפּטיילונגען, אז א פרעמדער קאָן דאָרט פארבלאָנדזעט ווערן און פארלירן דעם קאָפּ. צום ערשטן מאָל אויף זײַן לעבן האָט אונדזער העלד דערזען אזויפיל מענטשן אין שווארצע פראקן מיט גרויסע פּאָרטפעלן. דאָס זײַנען לויטער געשוואָרענע אדוואָקאטן. גייט טרעפט, ווער פון זיי איז דאָ קופּערניק? אָפּשטעלן איינעם פון זיי און א פרעג טאָן — איז א זאך, וואָס איז אומעגלעך. אז אלע זײַנען זיי פארטראָגן. אלע לויפן מיט פּאָרטפעלן, דער אהער, דער אהין, ווי די מעשוגאָיִם. איינעם, א מאן אָן א שווארצן פראק, נאָר מיט א גרויסן געלן פּאָרטפעל און מיט זייער א סימפּאטיש

פּאָנעם, האָט ער געוואַגט אָפּצושטעלן און אַ פרעג טאָן: „ווּ איז דאָ קופּערניק?“ האָט ער באַקומען פונעם מאַן אַן ענטפער: „צו וואָס דאַרפט איר קופּערניקן?“ „איך האָב צו אים אַ קאַרטל פונעם אוי־טשאָנע יעווריי הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ“. „אַ? פון באַראַצן? זיצט אַ ווײַלע — איכ׳ל באַלד קומען“. און דער מאַן באַווײַזט אים אַף אַ לאַנגער פּאָלירטער באַנק, טוט זיך אַ גליטש און ווערט נעלעם. דער באָכער זעצט זיך אַוועק אַף דער לאַנגער פּאָלירטער באַנק און זיצט אַ האַלבע שאָ, אַ שאָ, אָנדערהאַלבן שאָ — ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קופּערניק. שטייט ער אויף פון דער פּאָלירטער באַנק און לאָזט זיך גיין. דער אוילעם איז שוין געוואָרן אַ סאַך שיטערער. ווּ־ניט־ווּ וואַרפט זיך נאָך דורך אַ שוואַרצער פראַק. ער דערזעט דעם מאַן, וואָס מיטן געלן פּאָרטפעל.

— אַ? איר זײַט נאָך דאָ? וואָס, אייגנטלעך, דאַרפט איר צו קופּערניקן?

דערציילט אים דער באָכער נאָכאמאָל:

— אַ קאַרטל פון הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ.

— און ווּ איז דאָס קאַרטל?

באַווײַזט ער אים דאָס קאַרטל. דער מאַן לייענט דורך דאָס קאַרטל.

— וואָס, אייגנטלעך, האָט איר געוואָלט פון קופּערניקן?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט אַקוראַט... עפּשער וועל איך קריגן בא אים אַ שטעלע?

— וואָס קענט איר?

— איך קען שיין שרײַבן, ייִדיש און רוסיש.

— רוסיש אויך? קומט מיט מיר.

באַדאַרף ער נאָך זײַן אין ספּפעק, אויב דאָס איז קופּערניק?.. אַרויסגעגאַנגען מיטן באָכער פונעם אָקרוזשנע סוד, האָט ער, קופּער־ניק הייסט דאָס, געכאַפּט אַ „ליכאַטש“ — אַ דראָזשקע אַף גומעלאַס־טיקענע רעדלעך, און האָט אַ זאָג געגעבן: „גאָסטיניצאַ ראָסיאַ“. פײַל אויסן בויגן האָט זיי דער ליכאַטש געבראַכט צו פירן צו אַ האָטעל, וואָס זײַן נאָמען איז „ראָסיאַ“. אַרײַנגעקומען אין אַ שטאַרק אָנגעדרייכערט צימער, האָט קופּערניק באַזעצט דעם גאַסט באַם טיש, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט אים אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ טינט-און-פעדער און פאַרגעלייגט, ער זאָל אָנשרײַבן אַ פּאָר שורעס. דער באָכער האָט אײַנגעטונקען די פען אין טינט און איידער ער

האָט זיך צוגעקליבן שרײַבן, האָט ער אַ פֿרעג געגעבן באַ קופּער־ניקן, וויאַזוי וויל ער, זאָל מען אים שרײַבן — אַפֿ ייִדיש אָדער אַפֿ רוסיש? פֿאַרשטייט זיך, אַז אַפֿ רוסיש! דער באָכער האָט זיך צוגע־פֿלײַסט. דער זכוס פֿונעם רעבנ מאָניש מיט זײַנ גאָלדענער האַנט איז אים בײַגעשטאַנען, אונ נאָך דער ערשטער שורע האָט אים קו־פּערניק איבערגעשלאָגנ אונ אַ זאָג געגעבן, אַז ער איז צופֿרידנ מיט זײַנ האַנטשריפֿט, אונ האָט אים פֿאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. פֿונעם פּאַ־פּיראָס האָט זיך דער באָכער אָפּגעזאָגט:

— האָט קיינ פֿאַריבל ניט, פּאַני קופּערניק, איך רייכער ניט.

— האָט קיינ פֿאַריבל ניט, יונגערמאַנ, איך בינ ניט קופּערניק. מײַנ נאָמענ איז עפּלבוים.

— עפּלבוים?

— נו יאָ, עפּלבוים. מוישע עפּלבוים פֿונ בעלאָצערקאָוו... פּרי־סיאַזשנע פּאָווירענע...

אַ באַשערטע זאַך. גייט זײַט אַ נאָווי, אַז פֿונ אַ קיִעווער קו־פּערניק וועט זיך גאָר אויסלאָזנ אַ מוישע עפּלבוים פֿונ בעלאָצער־קאָוו! דער מוישע עפּלבוים פֿונ בעלאָצערקאָוו האָט זיך אַרויסגעבאַט וויזנ פֿאַר אַנ עמעסנ דזשענטלמענ. ער האָט זיך לאַנג ניט געדונגעט פֿאַרנ פּרײַז. מאַסקים געווענ אַפֿ אַלצדינג. ער האָט נאָך צוגעזאָגט דעם באָכער, אַז ער וועט אים צולערנענ אַדוואָקאַטור אונ וועט אים נאָכדעם געבנ רעקאָמענדאַציעס ניט נאָר צו קופּערניקנ — צו נאָך אַ סאַך גרעסערע מענטשנ פֿונ קופּערניקנ, וואָרעם ער קענ זיך מיט אַלע גרעסטע לײַט אינ קיִעוו, אינ מאָסקווע אונ אינ פּעטערבורג, אויסגעבונדנ מיט אַלע מיניסטאָרנ. אויב דער באָכער וויל, קאָנענ זיי נאָך הײַנט פֿאָרנ קיינ בעלאָצערקאָוו. ער, עפּלבוים, באַדאַרף זיך נאָר אַראָפּכאַפּנ אַפֿ אַ מינוט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. אונ ווי־באַלד צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, מוז ער שוינ זײַנ מיט אַ וויזיט אויך באַם גראַזשדאַנסקי גובערנאַטאָר. וואָרעם די הינט זײַנענ שרעק־לעך מעקאַנע איינס דאָס אַנדערע. ער האָט אַפֿילע באַדאַרפֿט זיך זענ מיטנ קיִעווער פּאָליצמייסטער אויך. נאָר ער קאָנ באַשטיינ, אַז דער פּאָליצמייכטער זאָל קומענ צו אים — ער איז ניט קראַנק...

דער פּריסיאַזשנע פּאָווירענע עפּלבוים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איבערגעלאָזט אַ פֿרעמדנ אומבאַקאַנטנ באָכער אַפֿ גאָטס באַראָט. די אוואַנטיורע איז דעם יונגנ רײַזנדער דאַפּקע געפֿעלנ. אונ פֿונ דער

פּערזענלעכקײט פֿון דעם עפּלבוים איז ער נאָר געװען אַנציקט. ער האָט נאָך קײן צײַט ניט געהאַט רעכט צו באַטראַכטן די לאַגע, האָט זיך עפּלבוים אומגעקערט צוריק, צוגעפּאָרן ברײט אַף אַ ליכאַטש, אָנגעלאָדן מיט פֿולע פּעק און מיט פּעקלעך. דאָרט איז געװען פֿון קאָלטװו: הערינג, און פֿיש, און באַליק, און איקרע, און פּרוכטן, און פּאַפּיראָסן.

— איר מײנט, ס'איז געקױפֿט? ס'איז לױטער מאַטאָנעס. געשענקט פֿון דער גענעראַל-גובערנאַטאָרשע, פֿון דער גובערנאַטאָרשע און פֿונעם פּאָליצמײסטערס װײַב.

— איר זײַט דען געװען באַם פּאָליצמײסטער אױך? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז...

— כאַס-װעכאָלילע! ניט פֿון זײַן װײַב, נאָר פֿון זײַן פּאָליובאָװניצע... איך בין איר אַדװאָקאַט. איך פֿיר איר אַ פּראָצעס אין פּאַלאַטע אַף אַ האַלבן מיליאָן. זי איז אַ פֿילפֿאַכע מיליאָנערשע, נאָר אַ קאַרגע. פֿאַר אַ גראָשן װעט זי זיך אױפֿהענגען! פֿאַר מיר איז אָבער ניטאָ צו טײַער. פֿאַר מיר זײַנען זײ אַלע די קאַפּאָרע!.. פֿאָרן מיר, הײסט דאָס, קײן בעלאָצערקאָװ?

— פֿאָרן מיר, הײסט דאָס, קײן בעלאָצערקאָװ

77

א שטעלע פֿון א „סעקרעטאַר"

ער פֿאָרט מיט זײַן נײַעם פּאַטראָן קײן בעלאָצערקאָװ. — מע נעמט אים אױף, װי אַ טײַערן גאַסט. — פֿאַמיליען-אידיליעס. — „רעב לײװי". — דער באַלעבאָס לערנט מיטן סעקרעטאַר הילכעס אַדװאָקאַט. — מײַעס אָפּגענאַרט. — ער שרײַבט אַ מעליצע-בריװ צום פֿאָטער און באַקומט נײַע האָפֿענונגען.

פֿאָרנדיק פֿון קיעװ קײן בעלאָצערקאָװ, האָט זיך דער „פּריסיאַזשנע פּאָװערענע" עפּלבוים געשטעלט גאַנץ ברײט, אױפֿגעפֿירט זיך װי אַ רײַכער פּאָמעשטשיק, ניט געזשאַלעװעט קױפֿן בילעטן ערשטער קלאַס. אַפֿן װאָקזאַל, אין פּאַסטאָװ, געגעבן שײן צו לײזן געלט דעם בופֿעט. דעם מענטשן, װאָס האָט זײ באַדינט, האָט ער אױך גאַנץ פֿײַן באַהאַנדלט. אונדזער יונגן העלד האָט ער פֿאַר זײַנע באַקאַנטע פֿאָרגעשטעלט אַלס „סעקרעטאַר". און װאָס ער האָט אַזעלכעס דערצײלט אַף זײַן „סעקרעטאַר" באַ זיך אין דער הײם — װײסט

נאָר איין גאָט אין הימל... נאָר מע דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיט־טאָמע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווירענע" אויסגעמאָלט פֿאַר זײַנע היימישע זײַן „סעקרעטאַר" מיט די רײַכסטע און שענסטע פֿאַרבן. וואָרעם ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיקע וואַרעמע אויפֿנאַמע, וואָס נאָר אַ לאַנג־דערוואַרטעטער גאַסט, אָדער אַ רײַכער קאָרעוו פֿון אַמעריקע, קאָן זיך ווינטשן; אַזאַ קאָרעוו, וואָס מע קוקט אַרויס אויף זײַן ירושה... מוישע עפּלבוימס ווײַב, אַ ייִדענע אַ צאַדייקעס און אַ זעלטענע ווירטן, האָט זיך אָנגעטאָן שאַבעסדיק און אויסגעצוואָגן די קינדער. דערנאָך האָט זי אָפּגעקאָכט אויף וועטשערע אַ מאָלצײַט, וואָס אים וואָלט געמעגט עסן דער קייסער. עפּלבוימס עלטערער באָכער לייווי, אַ כאָכעם אַ יונגאַטש, — אין שטוב האָט מען אים גערופֿן „רעב לייווי" — האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פֿון היספּײַלעס און האָט אַ בורקע געגעבן, אויפֿשטייענדיק פֿון טיש און גלעטנדיק זיך דאָס בײַכל, אַז עס וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אַז אַלע טאָג זאָלן זײַן אַזעלכע געסט און מע זאָל קאָכן אַזעלכע גוטע מאָלצײַטן. האָט אים מוישע עפּלבוים געשענקט אַ פּאַטש און האָט אים אַ זאָג געגעבן, אַז ס'וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אַז ער, רעב לייווי, זאָל זײַן אַ ביסעלע קליגער און זאָל ניט האָבן אַזאַ לאַנגע צונג. און צום „סעקרעטאַר" האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— ווי געפֿעלט אײַך מײַן קאַדעש[1], רעב לייווי? אַ פֿײַנער טאַכשיט! קיין אײַנאָרע, אַ מושלעם! מײַן קאָפּ מעג שוין דעמלט ליגן אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגן נאָך מיר קאַדעש...

פֿונעם וויץ האָבן זיך אַלע צעלאַכט, און רעב לייווי אויך בע־סויכעם. פֿונדעסטוועגן האָט די מוטער געפֿונען פֿאַר נייטיק זיך אָנע־מען די קרייוודע פֿון איר זון! — פֿאָרט אַ מאַמע! נאָר איר אַרײַנ־מישן זיך האָט שיר אַרויסגערופֿן אַ קאָנפֿליקט. די פֿרוי עפּלבוים איז געוועזן זיכער, — און זי האָט דאָס גאַנץ אָפֿנטלעך אַרויסגע־זאָגט, — אַז איר „קאַדעש" וועט קומען אין זײַן טאַטנס יאָרן, וועט ער האָבן פֿונקט אַזויפֿיל סייכל, וויפֿל דער טאַטע זײַנער.

— און עפּשער נאָך מער, ווי דער טאַטע! — האָט אונטערגע־כאַפּט רעב לייווי אַליין, און דער פֿאָטער איז געוואָרן אָנגעצונדן. אַ גליק, וואָס רעב לייווי האָט זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן, אַניט וואָלט געקאָנט זײַן זייער ניט שיין. מוישע עפּלבוים האָט זיך מוידע גע־

---

1 דאָ: אַ זון.

ווענ, אז כאָטש ער איז א קעגנער פונ „לײַב-שטראָפ" אונ כאָטש ער האלט, אז שמײַסנ איז א בארבארישער מינהעג, וואָס שטימט ניט אײַנ מיט די „פרינציפנ פונ ציוויליזאציע", פונדעסטוועגנ געפינט ער, אז ס'איז זייער נייטיק, אז אזא פארשײַטער באָכער, ווי זײַנ רעב לייווי, זאָל פארזוכנ שמיץ, כאָטש איינ מאָל אינ וואָכ. דאָס אליינ, זאָגט מוישע עפלבוימ, איז בא אימ א פרינציפ. אונ עס לאָזט זיכ דענקענ, אז רעב לייווינ איז באקאנט דער דאָזיקער פרינציפ, וואָרעמ רעב לייווי האָט זיכ זײַנ פרינציפ, אז ק י מ וויל אימ דער פאָטער מעקײַעמ-פסאק זײַנ, טראָגט ער זיכ אָפ אונ וועהאיעלעד איינענו[1] — גייט זוכט אימ!

רעב לייוויס אָפטראָגנ זיכ האָט אָבער ניט בארויִקט דעמ אויפגעהויבענעמ קאָנפליקט. דער קאמפ האָט זיכ נאָר אריבערגעטראָגנ, ליטעראריש גערעדט, אפ אנ אנדער באָדנ. אָנשטאָט דעמ, וואָס פריִער מיט א מינוט איז ער געווענ צווישנ פאָטער אונ זונ, האָט די מילכאָמע אצינד אויסגעבראָכנ צווישנ מאנ אונ ווײַב. מוישע עפלבוימ האָט ארופגעוואָרפנ די גאנצע באָד אפנ ווײַב, אז שולדיק איז אינגאנצנ זי, זײַנ ליבע געטרײַע פרוי, זאָל געזונט זײַנ, דערמיט, וואָס זי שטעלט זיכ אײַנ פאר איר שיינעמ קאדעש. אונ דאָס ווײַב, מאדאמ עפלבוימ, האָט זיכ ניט געלאָזט שפײַענ אינ דער קאשע אונ האָט דערמאָנט איר ליבנ געטרײַענ מאנ זאָל לעבנ, אז ווענ ער איז געווענ אינ זײַנ זונס יאָרנ, איז ער געווענ א סאכ מער באָסיאק, ווי איר „קאדעש" איז אצינד, אונ אויב ער, איר טײַערער מוישע עפלבוימ, האָט א גוטנ זיקאָרנ, באדארפ ער געדענקענ, אז מע האָט אימ אמאָל, ניט הײַנט געדאכט, גערופנ ניט מוישע עפלבוימ, נאָר „מוישע פלעצל"...

מע קאָנ ניט זאָגנ, אז פאר א גאסט זאָל עס זײַנ שטארק אָנגענעמ צו זײַנ אנ אומגעריכטער איידעס בא א פאמיליענ-דראמע אונ צוקוקנ, ווי די ליבע אונ געטרײַע מאנ אונ ווײַב וואשנ זיכ דאָס קויטיקע גרעט פאר אלעמענ אינ די אויגנ. איינ זאכ האָט דאָ דער גאסט באמערקט אונ באוווּנדערט, וויִאזוי ביידע קעמפנדע צדאָדימ, ניט דער מאנ אונ ניט דאָס ווײַב, האָבנ זיכ דערבײַ ניט אָפגעגעסנ דאָס הארצ. אדעראבע, עס האָט אויסגעזענ גלײַכ, ווי דאָס פאָרפאָלק איז נאָרוואָס נאָכ דער כאסענע אפ זייער ערשטער האָכצײַטס-רײַזע,

1 דאָ: אונ דאָס קינד איז פארשווונדנ.

און ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, בײַט מען זיך מיט זיסע קאָמפּלי-
מענטן. אַלערלײ מענטשן זײַנען פאַראַן אויף גאָטס וועלט און אַלערלײ
אידיליעס!..

נאָך דער גרויסאַרטיקער וועטשערע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָ-
ווערענע" עפּלבוים אָוועקגעזעצט זײַן גאַסט און זײַן „סעקרעטאַר"
צום שרײַבטיש, געגעבן אים איבערשרײַבן אַ פּאַפּיר, און אַליין האָט
ער זיך צוגעשפּאַרט כאַפּן אַ דרעמל. איבערגעדרעמלט זיך, האָט ער
פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט פאַרבונדן אַ שמועס מיט זײַן יונגן
„סעקרעטאַר". דער שמועס איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס'וואָלט
געווען, כ'לעבן, אַ אַוועירע פאַר גאָט אים דורכצולאָזן אומבאַמערקט.
עס איז שווער אים איבערצוגעבן נאָך אַזויפיל יאָרן בוכשטעבלעך.
נאָר דער אינהאַלט, דער טאַמציס פון אים, איז געווען לערעך אָט
אויף דעם שטייגער:

— הערט זשע אויס, יונגערמאַן, די מײַסע דערפון איז אַזוי:
איר זײַט אַ ייִנגל, זע איך, ניט קיין גרויסער נאַר און איר האָט
אַ שיינע הענטל צום שרײַבן, און אַ צינגל אויף צו ריידן רוסיש האָט
איר אויך — אַלע סימאָנים, אַז אײַער באַגער קאָן דערפילט ווערן.
דאָס הייסט, איר זײַט אַ געבוירענער אַדוואָקאַט. דאַרפט איר אָבער
זען איין זאַך — איר זאָלט וועלן. אַז איר'ט וועלן, וועט איר זײַן. קענטע-
ניש איז אַ בײַזאַך. דער איקער — איר טאָרט ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך,
טאָמער קאָן יענער בעסער פון אײַך. איר באַדאַרפט מיט אײַער צינגל
צעקלאַפּן יענעמס קענטעניש. איר טאָרט ניט באַוואַרנען איין מינוט,
איין רגע, אַז איר האָט דערעכערעץ פאַר אַ גרעסערן. וואָרעם איר
זײַט דער גוי'עסטער. איר דאַרפט האַלטן אין איין שיטן מיט ווער-
טער. די צונג דאַרף אַרבעטן מער ווי דער קאָפּ. איר דאַרפט פאַר-
שיטן יענעם מיט אַזויפיל ווערטער, אַז יענער זאָל ווערן צעטומלט
און זאָל פאַרלירן יעדן געדאַנק און יעדן פאַרשטאַנד. דעמלט קאָנט
איר יענעם פאַרוואַרפן מיט טויזנטער גראַנאַטן פונעם „סוואָד זאַקאָנאָוו"
און פון „קאַסאַציאָנע דעפּאַרטאַמענט", וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
דאָס איז פאַר די ריכטער. און פון די קליִענטן רעדט מען ניט. קליִענטן
זײַנען שאָף, וואָס לאָזן זיך שערן. בעהיימעס, וואָס לאָזן זיך מעלקן. פערד,
וואָס האָבן ליב, אַז מע פאָרט אויף זיי רײַטנדיק. מיט זיי איז אָוודאי
ניטאָ וואָס צו צערעמאָניען זיך. זיי האַלטן ניט פון אַ צעוויִקטער לע-
מעשקע, וואָס פריידיקט מאָראַל. זיי האָבן מער דערעכערעץ פאַר אַ

נאַכאַל, איידער פאַר א געלערנטן פּראָפעסאָר, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זאַקאָנעס, ווי א זאַק מיט פּאָלאָווע. אַף דער גאַס טאָרט איר זיך ניט באַווייַזן אָן א גרויסן פּאָרטפעל — איר מעגט דאָרטן האַלטן אַלטע גאַזעטן, אָדער קויטיקע קעלנער מיט מאַנזשעטן. א־ין איז שטוב בא זיך מעגט איר זיך שפּילן מיט דער קאַץ גאַנצע טעג. נאָר אַז איר דערהערט א קלונג, דאַרפט איר זיך פאַרטיפן אין א גראָבן בוך און זיך רייַבן דעם שטערן. א קליענט טאָרט איר ניט אַרויסלאָזן פון די הענט, ביז איר'ט אים ניט אויסזויגן ביזן סאָף, און עס דאַרף ניט זייַן א זאַך אַף דער וועלט, וואָס איר זאָלט זאָגן „איך וויים ניט" — וואָרעם איר ווייסט אַלצ!..

נאָך אַזאַ שיינער לעקציע וואָלט דער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע, דאַכט זיך, געמעגט פאַרשטיין, וואָס פאַר א מין נעפעש אָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" מוישע עפּלבוים איז. האָט אָבער דער עפּלבוים געהאַט אַזאַ קלוג, סימפּאַטיש פּאָנעם, אַז ער האָט אייַך פאַרקישעפט מיט זייַנע אויגן און אונטערגעקויפט מיט זייַנ ריידן, און ניט ווילנדיק זייַט איר געוואָרן זייַנער מיט לייַב און לעבן. דעם זעלבן אָפּדערנאָכט, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערגעדרעמלט, האָט ער גענומען דאָס שטעקל מיטן פּאָרטפעל און האָט זיך געקליבן ערגעץ גיין. און דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען ווידער א קאָנפליקט צווישן די ליבע און געטרייַע מאַן און ווייַב. דאָס ווייַב האָט א פרעג געגעבן בא איר מאַן, ווּהין ער גייט. דער מאַן האָט געענטפערט, אַז אין קלוב אַרייַן אַף איינ האַלבע שאָ. ער דאַרף זיך דאָרטן זען מיט א מענטשן. האָט אים דערויף דאָס ווייַב באַמערקט, אַז איר איז באַקאַנט זייַנ האַלבע שאָ; האַלעווייַ ער זאָל קומען כאָטש מאָרגן צו וואַרעמעס... און דער מענטש, וואָס ער דאַרף זיך מיט אים זען, איז איר אויך גאַנץ גוט באַקאַנט. דאָס איז ניט קיין מענטש, זאָגט זי, נאָר מענטשעלעך, לויטער מאַלאָכים און מאַלקעס און וואַלעטן...

— און טייַז האָסטו, אָפּאָנעם, פאַרגעסן רעכענען, מייַנ טייַערע, טייַז!.. וואָס פאַר א שפּיל איז עס אָן טייַז?..

דאָס ווייַב ענטפערט אים דערויף גאָרניט. נאָר זי גיט אַף אים אַזאַ קוק, אַז אַן אַנדער מאַן אַף זייַנ אָרט וואָלט בעסער אַרייַן אין דער ערד א לעבעדיקער. נאָר מוישע עפּלבוים מאַכט זיך דערפון. ער גייט צו צו זייַנ יונגן „סעקרעטאַר", בייגט זיך אָן צו אים, ווי ער שרייַבט, און טוט אים שטילערהייט א פרעג, וויפל האָט ער בא זיך געלט? טוט זיך דער „סעקרעטאַר" א כאַפּ בא דער קעשענע און

באוויַזט, וויפל געלט ער האָט. טוט עפּלבוים א ווײַלע א טראכט, דערנאָך ציט ער אויס די האנט צום „סעקרעטאר".

— עפשער קאָנט איר מיר דאָס אויסלײַען אף א פּאָר מינוט? איכ'ל דאָס אײַך הײַנט נאָך אָפּגעבן, צוריקומענדיק פונ קלוב.

— אָכ! מיטנ גרעסטנ קאָוועד! — האָט אים געענטפערט דער „סעקרעטאר" אונ אוועקגעגעבנ אים דאָס גאנצע ביסל מעזומענס.

נאָכ דעם אוועקגאנג פונ מוישע עפּלבוים האָט די מאדאם עפּל-בוים גענומענ דעם „סעקרעטאר" אויסצופרעגנ, וויאזוי ער קומט צו איר מאנ אלס סעקרעטאר? אונ וואָס געהער ער זיכ אָנ מיט בראָד-סקינ? — „מ'ט וואָסער בראָדסקינ?" — „מיטנ קיִעווער מיליאָנער בראָד-סקי..." — „וואָס פאר א מעכוטנ איז דאָ בראָדסקי?.." — „איז בראָדסקי ניט אײַערער א פעטער?" — „וואָס איז אײַכ עפּעס געפעלנ, אז בראָד-סקי דארפ מיר זײַנ א פעטער?.." — „וואָס דענ קער ער אײַכ אָנ?" — „ווער?"... — „בראָדסקי". — „וואָס, ווילט איר, זאָל ער מיר אָנקערנ?"...

א קורצע פּאוזע. ביידע קוקנ זיכ אָנ איינס דאָס אנדערע העכסט פארוווּנדערט. יעדער מיט זײַנע געדאנקענ. אינ א מינוט ארומ פרעגט די פרוי עפּלבוים באַם „סעקרעטאר" ווידעראמאָל: „אזוי? איר האָט ניט גערינט אויכ בא בראָדסקינ?" — „וואָס פאלט אײַכ אײַנ, אז איכ האָב באדארפט דינענ בא בראָדסקינ?" — „אונ איר קענט אים גאָר אפילע ניט?" — „ווענענ?" — „טפו זאָל דאָס ווערנ! מע רעדט אונ מע רעדט — אונ מע קאָנ זיכ ניט דעריידנ! זאָגט מיר כאָטש, ווער זײַט איר אונ ווי קומט איר אהער?"...

אפנ צווייטנ טאָג האָט אפ אונדזער נאַוונ העלד געוואַרט א נײַער סורפּריז: זײַנ פּאטראָנ מוישע עפּלבוים האָט זיכ נאָכ ניט אומ-געקערט פונ קלוב. „רעב לייווי" האָט געהאט אנ ארבעט — גײנ אינ קלוב ארײַנ רופנ דעם טאטנ אהיים עסנ וואַרעמעס. האָט רעב לייווי אָבער קײנ כיישעק ניט געהאט צו כאפּנ אומזיסטע פעטש אפנ ניכ-טערנ הארצנ. האָט אים די מוטער געמוזט באצאָלנ „סכאר פּעטש" מיט אנ אוואנסל. אונ רעב לייווי האָט געבראכט א יעדיִע, אז דער טאטע זײַנער איז אינדערפרי אָפּגעפאָרנ פונ קלוב גלײַכ צום וואָק-זאל, אונ פונ דאָרטנ — קײנ קיִעוו.

פאר אונדזער העלד איז דאָס געווענ אנ איבעראשונג פונ א דונער אינ א שיינעם זונענטאָג מיט א בלויענ הימל. עס איז גע-ווענ ביידע זאכנ: א קרענק אינ בויכ אונ א שאנד אינ פּאָנעם. ערשט דעמלט האָט ער זיכ גענומענ צעפרעגנ זיכ אפ זײַנ פּאטראָנ,

און איז געווירע געוואָרנ, אַז עפּלבוימ איז נאָכ דערווײַל קיינמאָל ניט געווענ קיינ „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע". ער איז נאָר אַ „כאָדאָטײַ", אַ טיפּ פונ יענעמ מינ, וואָס מע רופט זיי „ווינקל-אַדוואָקאַטנ", און אַז מע דערמאָנט דעמ נאָמענ עפּלבוימ אינ בעלאָצערקאָוו, דערמאָנט מענ אימ ניט אַנדערש, ווי מיט אַ שמייכל... דערווײַל האָט די לאַגע פונ אונדזער יונגנ העלד אָנגעהויבנ צו ווערנ טרויעריק. עס האָט געבלאָזנ דערופ, אַז ער זאָל אײַנגיכנ ווידעראַמאָל פּאַרזוכנ דעמ טאַמ פונ הונגער... מיט אַ פאַרביטערט האַרצ האָט ער זיכ אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבנ צומ טאַטנ קיינ פּערעיאַסלאַוו אַ לאַנגנ בריוו מיט אַ שיינער מעליצע-שפּראַכ. די מעליצע, קאָנ מענ זאָגנ, האָט אימ אַרויסגעראַטעוועט. מיט מעליצע קאָנ מענ אַ סאַכ שרײַבנ און ווינציק זאָגנ... ערשט צומ סאָפ בריוו האָט ער אַרײַנגעוואָרפנ אַ פּאָר ווערטער, אַז ער וואָלט זיכ דורכגעפאָרנ אַהיימ, ער זאָל האָבנ גענוג קליינגעלט אָפּ הויצאָעס-האַדערעכ[1]... און גאָר ניט לאַנג געוואַרט, קומט אימ אָנ פונ פאָטער אַ געלט-בריוו אָפּ עטלעכע רובל מיט אַ פּאַפּויל, ער זאָל זיכ צווײַלנ און קומענ וואָס גיכער, וואָרעמ עס האָט זיכ געעפנט אַ וואַקאַנסיע אָפּ ראַבינער אינ אַ שטאָט ניט ווײַט פונ פּערעיאַסלאַוו, און אַז ער האָט גוטע שאַנסנ צו פאַרנעמענ די שטעלע. און אויסגעלאָזט האָט ער זײַנ בריוו צומ זונ אויכ מיט אַ מעליצע: „אושאָ! כושאָ! אופאָ קעכיײצ מיקעשעט קעאל קאַנפּיי נעשאָרימ! מאַהייר אל טאַביט אכרעכאָ! אליי ועהאַצלייכ!"... דאָס וועט הייסנ אָפּ אונדזער יידיש לאָשנ: „אײַל זיכ! כאַפּ זיכ! פלי פײַל אויסנ בויגנ, ווי אָפּ פליגלענ פונ אַנ אָדלער! גיכער! זאָלסט זיכ גאָר ניט אַרומקוקנ! קומ און זײַ מאַצליעכ!"...

1 וועג־הויצאָעס.

78

די „וויבאָרעס״

וויאַזוי מע קלײַבט א ראבינער. — דער פריַערדיקער ראבינער אין לובען. — אַן אַלטער באַקאַנטער. — רעב נאַכמען קאַהאַנע פּראָטעזשירט דעם יונגען קאַנדידאַט. — ער האַלט א דראָשע און נעמט שטאַרק אויס באַם עוילעם. — „מאַזלטאָוו, איזבראַן יע־דינאָגלאַסנאָ״. — א מויפּעס פאַר גויִם. — ער קומט קיין פּע־רעיאַסלאַוו, און די סימכע ווערט אים דאָרט פאַרשטערט. — ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט ניט זײַן ווי אַלע.

לובען — דאָס איז דער נאָמען פון דער שטאָט, ווו מע האָט פאַרלאַנגט א נײַעם ראבינער.

דאָס וואָרט „פאַרלאַנגט״ איז, מאַלט אײַך, ניט מער ווי א מע־ליצע. א שטאָט פאַרלאַנגט אַזוי א ראבינער, ווי, אַשטייגער, מע פאַרלאַנגט א קוואָרעסמאַן. דער גאַנצער אינסטיטוט פון „קאַזיאָנע ראבאָנים״ איז, אייגנטלעך, אַן איבעריקער, אַן אָנגעהאַנגענער פון דער רעגירונג אַף די רוסישע ייִדן, און זיי האַלטן זיך מיט אים, ווי מיט עפּעס דרעכטס. שענער פון אַלצדינג איז דאָס, וואָס א „קאַ־זיאָנער ראָוו״ ווערט ניט געשיקט דירעקט פון דער רעגירונג צו געוועלטיקן אַף די ייִדן, נאָר די ייִדן אַליין באַדאַרפן אים אויס־קלײַבן דורך וואַלן („וויבאָרעס״) פון קאָהאָל. נאָר די וואַלן גופע זײַנען בעאַל־קאָרכאָם, געצוווּנגענערהייט פון אויבן. דאָס הייסט, „נאַטשאַלסטווע״ שרײַבט אַרײַן צו קאָהאָל א פּאַפּיר, אַז דעמלט און דעמלט זאָלן זיך די ייִדן צונויפזאַמלען דאָרטן און דאָרטן און זאָלן זיך אויס־קלײַבן א ראבינער. און עס טוען זיך א לאָז קאַנדידאַטן. יעדער קאַנדידאַט האָט זיך זײַן צאַד, און יעדער צאַד האָט זיך זײַנע קליי־זײַען מיט זײַנע מיטלען, מיט וואָס צו נעמען דעם עוילעם. איינער האָט א שיינע פּראָטעקציע. דער אַנדערער אַרבעט מיט געלט. דער דריטער — מיט א גלעזל מאַשקע. שלאָפן שלאָפט קיינער ניט. אין שטאָט קאָכט עס, און עס רעדלט זיך. כעווורע היצן זיך, עס איז א גדולע אַף דער ייִדישער גאַס, א סימכע — מע קלײַבט א ראבינער. מע באַלאָטירט. מע וואַרפט גאַלקעס. עס איז כמעט־געלעבט! אַמאָל ציט זיך עס אַזוי אַוועק וואָכן. אַמאָל — כאַדאָשים. קעדיי די „וויבאָרעס״ זאָלן צוגיין קאָשער, ווערט צוגעשיקט א „קנעפּל״, וואָס גיט אַכטונג, אַז ס׳זאָלן ניט פּאָרקומען כאַלילע קיין שום פאַלשקײַטן באַם ציילן

די גאלקעס. און ערשט נאָכ די וואלנ הייבט זיכ אָנ די רעכטע כאסענע. אזויווי דער גובערנאטאָר באדארפ דעמ אויסוואל באשטעטיקנ, הייבנ אָנ צו גיינ אינ דער גובערנסקע פּראוולעניע מעסירעס מיט קאסאציעס פונ די ניט-אויסגעקליבענע קאנדידאטנ. און אויב די „וויבאָרעס“ ווערנ קאסירט, הייבט זיכ אָנ די סימכע נאָכאמאָל פונ אָנהייב. נײַע קאנדידאטנ, נײַע צדאָדים, נײַע „וויבאָרעס“, נײַע מעסירעס מיט נײַע קאסאציעס...

צווישנ די פארשוינענע, וואָס האָבנ ארויסגעשטעלט זייער קאנדידאטור אפ ראבאָנעס אינ לובענ, איז געווענ אויכ דער פריִערדיקער ראבינער. אויב איר געדענקט, איז דאָס געווענ מוישע-דאָוויד דעמ מעלאמעדס זונ, שימענ רודערמאנ, אָט דער, וואָס האָט געהאלטנ אינ פערעיאסלאוו בא שמאדנ זיכ און יידנ האָבנ אימ ארויסגעראטעוועט און אָפּגעשיקט אינ דער ראבינער-שול אינ זשיטאָמיר. דער דאָזיקער ראבינער האָט, אפּאָנעמ, ניט שטארק אויסגענומענ אינ לובענ. דער אוילעמ האָט ארויסגעקוקט אפ די „וויבאָרעס“, ווי אפ מאָשיעכנ. די לובענער יידנ ווייסנ ניט פונ קיינ פּאָליטיק און פונ קיינ כאָכמעס. זיי, אז עס געפעלט א מענטש, זאָגנ זיי אימ: „ביסט אונדז געפעלנ“. און אז עס געפעלט זיי ניט, זאָגנ זיי: „גיי געזונטערהייט, דו ביסט אונדז ניט געפעלנ“. דעמ ראבינער רודערמאנ האָבנ זיי שוינ לאנג געזאָגט, און דאפקע ניט זייער פארשטעלט, אז ער מעג זיכ זוכנ אנ אנדער שטאָט. און טאָמער וועט ער מיינענ, אז זיי טרײַבנ מיט אימ קאטאָוועס, האָבנ זיי זײַנ אָרט אינ בעסמעדרעש פארדונגענ צו א באלעבאָס, אזוי אז דער ראבינער איז געקומענ שאבעס אינ שול ארײַנ, האָט ער ניט געהאט וווּ צו זיצנ, און האָט געמוזט אויסשטיינ די גאנצע צײַט אפ די פיס. דעמ צווייטנ שאבעס איז ער שוינ דערפאר געקומענ מיט „פּאָליציע“ און האָט מיט טקיפעס און מיט גווּורע אײַנגענומענ זײַנ שטאָט אויבנאָנ אינ מיזרעכ-וואנט — און מע קאָנ זיכ גרינג פאָרשטעלנ דעמ עפעקט מיטנ כיינ, וואָס עס האָט געהאט. די גאנצע וועלט האָט געוווּסט פונ דעמ פאקט. ווארעמ אכוץ וואָס די גאנצע מײַסע איז געווענ באשריבנ אינעמ „האמייליץ“, האָט נאָכ דער רעדאקטאָר צעדערבוימ צוגעגעבנ פונ זיכ מיט גאנצ קליינע אויסיעסלעכ א „העאָראס האמויצי-לעויר“ — א באמערקונג פונעמ רעדאקטאָר, וואָס פארנעמט פונקט דרײַ מאָל אזויפיל, ווי די קאָרעספּאָנדענציע. דאָרט גיט ער אוועק א גאָב סײַ דעמ ראבינער סײַ דעמ איבעריקנ אוילעמ, און מוסערט זיי פארנ

כילעלאשעמ[1], וואָס זיי האָבנ דערלאָזט פּאָליציע אינ א מאָקעם-קאָדעש[2]. אונ לאָזנ לאָזט ער אויס מיט א „וועכיינ לוי יעיאָסע״ — אזוי טוט מענ ניט, אונ פאַרענדיקט מיט א פּאָר מעדראָשימ, מיט א פּאָסעק אונ מיט א מעליצע פונ דער מעגילע: „אוכדיי ביזאָיונ וואָקעצעפּ״[3]. צעדערבוימ, אָלעוואשאָלעמ, איז דערופ געווענ א מייסטער!

פונדעסטוועגנ האָט רודערמאנ ניט אופגעגעבנ זיינ קאנדידאטור אפ לובענער ראבאָנעס. אונ אויכ די איבעריקע קאנדידאטנ האָבנ געארבעט יעדער מיט זיינ צאד, אונ יעדער צאד אפ זיינע קיילימ, אונ דער קאמפ האָט זיכ אָנגעהויבנ. נאָר שוינ קימאט גאָר צולעצט, א פּאָר טעג פאר די „וויבאָרעס״, איז ווי פונעמ הימל אראָפּגעפאלנ דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע מיט א ברייוול פונעמ פעטער פיניע צו זיינעמ א מעכוטנ, איינעמ פונ די פיינסטע באלעבאטימ אינ לובענ, מיטנ נאָמענ רעב נאכמענ קאהאנע. דאָס איז געווענ א זאָקנ, א מעיוכעס אונ א נאָגיד. אזא ייִד פאַרנעמט אינ שול דעמ אויבנאָנ. דער כאזנ וואגט ניט גיינ ווייטער, ביז רעב נאכמענ שטייט ניט אויס שמוינעסרע — עס מעג זיכ ציִענ אייביק. אז עס מאכט זיכ, רעב נאכמענ פארשפּעטיקט זיכ קומענ אינ שול אריינ (אונ דאָס טרעפט זיכ מיט אימ קימאט אלע שאבעס), שיקט ער א שאָליעכ, מע זאָל אפ אימ ניט ווארטנ. דער אוילעמ פארשטייט אָבער דערעכ-ערעצ, אז ער מיינט מיסטאמע, אז מענ זאָל יאָ אפ אימ ווארטנ מיטנ דאוונענ. מיטנ איינעמ וואָרט, דאָס איז געווענ א ייִד א צאצקע, וואָס מע מעג זאָגנ אפ אימ „טוירעאָ אוגדולאָ בעמאָקוימ עכאָד״[4].

געטראָפנ האָט אימ דער יונגער קאנדידאט זיצנ איבער א מישנאיעס. איבערגעלייענט דעמ פעטער פיניעס ברייוול, האָט דער אלטער קאהאנע צורעכט געמאכט די ברילנ אונ גענומענ באטראכטנ דעמ באָכער פונ קאָפּ ביז פיס. עס האָט אויסגעזענ, אז דער כעוורעמאנ האָט מיט זיינ קורצ ווייטיקל ניט אזוי שטארק נויסע-כיינ געווענ בא דעמ שיינעמ ייִדנ. נאָר דער זכוס פונעמ פעטער פיניע איז אימ ביי געשטאנענ, אונ ער האָט אימ געבעטנ זיצנ. צערעדט זיכ מיטנ גאסט אונ דערזענ, אז דער באָכער איז ניט קיינ אמאָרעצ אינ די

1 פארשוועכנ גאָטס נאָמענ; געמיינט: די הייליקייט.
2 הייליק אָרט; געמיינט דעמ בעסמעדרעש.
3 אונ ס'איז גענוג ביזאָיענ אונ כאַדראָס.
4 געמיינט: געלערנטקייט אונ גרויסקייט אינ איינ אָרט.

קליינע אויסיעס, ניט שטארק ווײַט פונ א פיירעק מישנאיעס, אונ אז ער רעדט,ווארפט ער גאָר ארײַנ א לאָשנ־קודעש־וואָרט, האָט זיכ דער אלטער צעשמייכלט אונ האָט א זאָג געגעבנ, מע זאָל דערלאנגענ עפּעס פארבײַסנ. אונ עס איז ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ א טעצל. אפנ טעצל איז געשטאנענ א שעלכל, אונ אינעם שעלכל איז געלעגנ, איינס אליינ, ווי א יעסוימעלע, א צוקערלעקעכל. אונ אינעם צוקערלעקעכל האָט געשטעקט א ראָזינקע.

— מאכט מעזוינעס![1] — רופט זיכ אָנ דער אלטער גוויר אונ צעפרעגט זיכ באַם יונגנ קאנדידאט אפ דער שטאָט פּערעיאסלאוו, ווו ער איז געוועזנ אמאָל מיט א יאָר עטלעכע אונ זעכציק צוריק. דעמלט איז דאָס געוועזנ א יידישע שטאָט — ווי האלט דאָס דאָרט איצט מיט יידישקײַט?

— עס האלט זייער גוט! — ענטפערט אים דער גאסט אונ זאָגט זיכ אָפּ פונעם לעקעכל, ניט אזוי איבערנ „מעזוינעס", ווי איבער דעם, וואָס נאָכדעם וועט מענ מיסטאמע אים הייסנ מאכנ די „בראָכע־אכרוינע"[2] — אונ ער האָט זי קיינמאָל ניט געקענט אויסווייניק... פארנ אוועקגייג האָט אים דער אלטער קאהאנע געבענטשט, ער זאָל זײַנ מאצליעכ. אונ ער וועט, אימירצעשעם, געוויס מאצליעכ זײַנ, וואָרעמ ער, אז ער בענטשט, — אזוי האָט אים דער אלטער פארזיכערט — ווערט מעקוייעמ, וואָרעמ ער איז א קויהענ...

דעם זעלבנ טאָג איז ארויס א קלאנג איג שטאָט, אז ס'איז צוגעקומענ נאָכ א קאנדידאט אפ ראבינער. נאָכ גאָר א יונגער, א באָכערל, נאָר א כעוורעמאנ מיט אלע מײַלעס. ערשטנס, א „טאטנס א קינד". רעב נאכמענ קאהאנעס אנ אייגענער. הײַנט א באל־טאנאכ, אונ א קאסווראבע, אונ איז קלאָר איג שאס אונ פּאָסקימ. אונ אזוי ווי די פאנטאזיע האָט זיכ שוינ צעהיצט, האָבנ אייניקע צוגעלייגט, אז ער האָט סמיכעס אפ ראבאָנעס, אונ אז ער קאָנ פּאסקענענ שײַלעס, אונ אז ער וועט אײַכ פארשטעקנ איג גארטל דעם ראָוו מיט נאָכ דרײַ אזעלכע, ווי דער ראָוו, — אקלאל, עפּעס טאקע א פויגל פונ פויגל־לאנד! אז ער האָט זיכ באוויזנ איג גאס, צווישנ די קלייטנ, האָט מענ אפ אים געטײַט מיט די פינגער, אונ ער האָט געהערט הינטער זײַנע פּלייצעס ריידנ:

1 א בראָכע, וואָס רעליגיעזע יידנ מאכנ פאר אייניקע עסנס.
2 א בראָכע, וואָס רעליגיעזע יידנ זאָגנ נאָכנ עסנ אָדער נאָכנ טרינקענ.

— אָט דאָס איז ער?
— ווער?
— דער נײַער ראבינער.
— אזא צוציק?
— דער מאמעס מילך נאָך ניט אויסגעטריקנט.
— און וואָסערע לאנגע האָר ער טראָגט.
— לאנגע האָר, קורצער סײכל...

פונדעסטוועגן האָט ער געהאט געגוג סײכל אין איין טאָג אָפּ־שטאטן א האלב טוץ וויזיטן צו די „פניי", צו דעם סאמע צימעס פון שטאָט — צו די באכמוצקיס, צו די קאניעווסקיס, צו די ראָגאַ־טשעווסקיס און צו די אלע איבעריקע פאָרשטייער פון דער לובע־נער בורזשואזיע. און טאָמער איז קארג, איז ער דעם שאבעס, וואָס פאר די „וויבאָרעס", געווען אין שול. האָט מען אים אוועקגעזעצט אויבנאָן, גוט אָנגעקוקט זיך, אָפּגעשטעקט אים א פּאָר הונדערט שאָלעם-אליכעמס און אופגערופן מאפטיר.

דאָס איז געווען א מינ עקזאמען. און דער כעוורעמאן האָט אוועקגעלייגט א האפטוירע, איז דאָס שוין געווען איין מאָל א האפ־טוירע! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט אקעגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּ־געטאָן בא די „וויבאָרעס". און אָפּגעטאָן האָט זיך אָט וואָס: דער זאל פון דער „אופראווע" איז געווען פול מיט יידן, און מע האָט שוין באדארפט צוטרעטן צו די וואלן. קומט ארויס דער ייִנגסטער פון די קאנדידאטן מיט א ריידעניש, און דאפקע אפ רוסיש, אויסגע־מישט מיט פסוקים פון טאנאך און מיט א מאָשל און מיט א מע־דרעש[1], וואָס האָבן זיך געקלעפּט צום איניען, פונקט ווי אן אר־בעס צו דער וואנט. נאָר די „דראָשע" האָט אזוי אויסגענומען, אז דער יונגער קאנדידאט איז אויסגעקליבן געוואָרן פאר ראבינער פונעם גאנצן אוילעם גאָר אָן גאלקעס. באלד איז אוועק א דעפּעש אהיים: „מאזלטאָוו, איזבראנ יעדינאָגלאסנאָ". און אליין איז דער אויסדער־וויילטער יונגער ראבינער אוועק צום אלטן רעב נאכמענ קאהאנע אָפּדאנקען זיך. דער אלטער איז בעעמעס געווען גערירט, וואָס זײַן פּראָטעקציע האָט געהאט אזא דערפאָלג. ער איז א באלב געווען בעטן דעם ראבינער, ער זאָל אים איבערדערציילן די דראָשע, וואָס ער האָט געהאלטן פארן אוילעם. האָט אים דער ראבינער געענט־

1 דאָ: קאזוס; סטישע אויסטײַטשונגען פון ביבלישע טעקסטן.

פערט, אז ער וואָלט דאָס אים מיט פאַרגעניגן איבערדערציילט, איז ניטאָ וואָס צו הערן.

— וואָס זשע זאָגט מען, אז דער אוילעם האָט געלעקט די פינגער?

— אויב איר'ט קיין פאַריבל ניט האָבן, וועל איך אײַך דערציילן א מײַסע.

— מאכטייסע. אבי עס האָט א שײַכעס אהער. — האָט דער אלטער קאהאנע זיך צוגעגרייט הערן, אָנגעטאָן די ברילן, און דער ראבינער האָט אָנגעהויבן בעזע האלאָשן:

— די מײַסע, וואָס איך וועל אײַך דערציילן, איז מיט, לעהאוודל, א גאלעך. א יונגער גאלעך, נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס, איז געקומען צום מיטראָפּאָליט, ער זאָל אים בענטשן און זאָגן, וואָס ער האָט צו ריידן כאָגע[1] פאר די גוייִם אין קלויסטער. האָט אים דער מיטראָפּאָליט געבענטשט און געזאָגט, אז ער זאָל די גוייִם דערציילן מאָפּסים פון הייליקע. לעמאָשל, דעם מויפעס פון די פערציק הייליקע, וואָס האָבן געבלאָנדזעט אין וואלד דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט, שיר ניט אויסגעגאנגען פון הונגער. האָט גאָט באוויזן א מויפעס — זיי האָבן געפונען א ברויט. האָבן זיך אלע פערציק הייליקע אוועקגעזעצט עסן דאָס ברויט. האָבן זיי געגעסן און געגעסן, געגעסן און געגעסן, — און ס'איז נאָך איבערגעבליבן אף מאָרגן... אז ס'איז געקומען כאָגע, האָט דער יונגער גאלעך אין קלויסטער פאר די גוייִם איבערדערציילט דעם מויפעס, נאָר א ביסל אנדערש. איינער א הייליקער האָט געבלאָנדזעט אין א וואלד דרײַ טעג און דרײַ נעכט, שיר ניט אויסגעגאנגען פאר הונגער, האָט גאָט באוויזן א מויפעס — ער האָט געפונען פערציק ברויט. האָט ער זיך אוועקגעזעצט עסן, האָט ער געגעסן און געגעסן, געגעסן און געגעסן — און ס'איז נאָך איבערגעבליבן אף מאָרגן... שפּעטער, אז דער מיטראָפּאָליט האָט אים פירגעהאלטן, וויִאזוי מאכט דאָס א גאלעך אזא מיִעסן טאָעס? האָט אים דער יונגער גאלעך געענטפערט:

— פאר אָט די גוייִם איז דאָס אויך א מויפעס...

דער אלטער קאהאנע איז צעשמאָלצן געוואָרן פאר געלעכטער. ער האָט זיך מעסאמייעך געווען מיטן ראבינער, געקליבן טײַנעג, טאקע ווי אן אייגענער. ניט לאנג האָט עס אָבער געדויערט. עס

---

1 ניט קיין ייִדישער יאָמטעוו.

איז אים גלײַך פֿאַרשטערט געוואָרן די סימכע, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער זען. דערווײַל פֿאָרן מיר זיך דורך מיטן יונגן ראַבינער אין זײַן געבורטסשטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו.

פֿאָרגעשטעלט האָט זיך אונדזער העלד, אַז פּערעיאַסלאַוו וועט גיין כּאָדאָראָם מיט זײַנע „וויבאָרעס". אַ קלייניקײַט — אַזאַ דערפֿאָלג, און באַ אָט די יאָרן! צום סאָף — גאָרנישט מיט גאָרנישט. געפֿרייט האָט זיך נאָר די מישפּאָכע. און אויך ניט אינגאַנצן. די סימכע וועט ערשט זײַן, אַז דער גובערנאַטאָר וועט די „וויבאָרעס" באַשטעטיקן. דערווײַל הענגט דאָס נאָך אין לופֿטן. מע דאַרף זיך דורכפֿאָרן אין דער גובערניע, קיין פּאָלטאַווע — כלאָפּאָטשען, שמירן... דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אָפּצוקילן די געהויבענע שטימונג. און טאָמער איז קאַרג, באַדאַרף זיך דער העלד באַגעגענען מיט כײַטע רודערמאַן, דעם לובענער ראַבינערס ייִנגערן ברודער. כײַטע גייט זיך אַזוי ברייטלעך, די הענט אַרונטער, דאָס געלע אויבער-רעקל אַף די אַקסלען אָן די אַרבל. ניט פֿילנדיק זיך אין קיין זאַך שולדיק, ציט אים אויס אונדזער העלד די האַנט. יענער דירט ניט מיט קיין האַנט, טרעט אָפּ אַף אַ זײַט און גייט דורך פֿאַרבײַ, ווי אַן אומבאַקאַנטער... „אַ ברודער פֿאַר אַ ברודער" — טראַכט זיך דער באַליידיקטער, געפֿינט אַ זכוס אַף זײַן כאַווער דעם באַליידיקער און לויפֿט אַוועק אויסגיסן זײַן האַרץ פֿאַר אַן אַנדער כאַווער, פֿאַר אַווערעמל זאָלאָטושקינען. לאָזט זיך אויס, אַז זאָלאָטושקין, כאָטש ער איז מיט כײַטע רודערמאַן אַף מעסערשטעך, דאָך גיט ער אָפּ דעם גערעכט כײַטען און זאָגט דעם העלד אין די אויגן, אַז אַ רעכטער מענטש טאָר אים איצט די האַנט ניט געבן. איבער צוויי טײַמים: ערשטנס — דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ ראַבינער, און אַ ראַבינער איז אַ צוויִאַק, אַ היפּאָקריט, אַ טעלערלעקער באַ די נעגידים און אַ טשינאָווניק באַ דער רעגירונג. און צווייטנס — אַן אָרנטלעכער מענטש גייט ניט צונעמען יענעמס פּאַרנאָסע, רײַסט ניט ווי אַ הונט באַם אַנדערן דעם ביין פֿון די ציין...

קורצע, נאָר שאַרפֿע דיבורים. אונדזער העלד פֿילט, אַז אין די ווערטער ליגט אַ שטיק עמעס. און ער דערמאָנט זיך אַ בילד, ווי־אַזוי ער האָט דעם טאָג פֿון די „וויבאָרעס" באַגעגנט זיך מיטן לובענער עקס-ראַבינער שימען רודערמאַן, ווי־אַזוי יענער איז געוואָרן בלאַס, די אויגן צעשראָקן, גלײַך ווי זיי וואָלטן פֿרעגן: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?"... אַזוי טראַגיש זעט אויס אַ הונט, וואָס איז פֿון

אנדערע הײַנט צעריסנ אונ צעביסנ אונ ארויסגעיאָגט געוואָרנ אפ אלע פיר עקנ פונ דער וועלט. עס האָט אים פונ דעמ באגעגעניש פארקלעמט דאָס הארצ. איינ מינוט איז געווענ אזעלכע, וואָס ער איז גרייט געווענ פאלנ דעמ אומגליקלעכנ שימענ רודערמאנ אפנ האלדז, אימ בעטנ מעכילע אונ אָפּטרעטנ אימ די שטאָט לובענ מיט אירע שיינע באלעבאטימ אינ מיט דער קאנדידאטור אפ ראבאָנעס... דאָס וואָלט געווענ מענטשלעכ, שוינ צו מענטשלעכ... האָט עס אָבער מער ניט געדויערט ווי איינ מינוט. באלד איז ארויס דער עגאָיסט, דער „איכ" — אונ דער „איכ" האָט גויוער געווענ.

מיט וואָסער א הארצ דער העלד איז אוועק פונ זײַנ כאווער זאָלאָטושקינ — קאָנ מענ זיכ מעשאער זײַנ. וואָס קאָנ זײַנ ערגער פונ דעמ, אז איכ וויס, אז יענער איז גערעכט אונ איכ בינ אומגערעכט?.. בא טשעכאָוונ איז פאראנ דערופ דער ריכטיקער אויסדרוק: „ער האָט זיכ געפילט, ווי איינער, וואָס האָט געגעסנ זייפ"... איינ זאכ נאָר האָט ער ניט געקאָנט פארשטיינ: פארוואָס מוז א ראבינער זײַנ דאפקע א היפּאָקריט, אונ דאפקע א טעלערלעקער בא די נגידים אונ א טשינאָווניק בא דער רעגירונג?.. אונ ער גיט זיכ דאָס וואָרט, אז ער וועט דאָס ניט זײַנ! אז ער וועט זײַנ א ראבינער ניט ווי אלע... א מענטש איז דאָס, וואָס ער וויל זײַנ!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געשריבנ אינ די יאָרנ 1913 — 1916.

שאָלעמ־אלייכעמס
אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ

פונ דער רעדאקציע

אויסער דער גרויסער קינסטלערישער אווטאָביאָגראפיע, דעמ בוכ „פונעמ יאריד“, ווו שאָלעמ־אלייכעמ האָט געהאט בעדייע אפ א גאָר אויספירלעכנ אויפנ צו שילדערנ זײַנ גאנצנ לעבנס־וועג, האָט ער אינ פארשיידענע צײַטנ בא פארשיידענע געלעגנהײַטנ אָנגעשריבנ עטלעכע קורצע אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ, וואָס זײַנענ געווענ באשטימט פאר דער פרעסע אונ פלעגנ דאָרט פארעפנטלעכט ווערנ, אלס אנ אינפאָרמאטיווער מאטעריאל, טיילמאָל אפילע אָנ דער אָנווײַזונג, אז געשריבנ האָט דאָס שאָלעמ־אלייכעמ אליינ.

די דאָזיקע אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ, געשריבנ צוליב א ספעציעלנ צוועק, פרעטענדירנ, פארשטייט זיכ, ניט אפ קינסטלערישנ ווערט. עס לאָזט זיכ אויכ מערקנ, אז ערטערווײַז זײַנענ אינ די פארצייכענונגענ די דאטעס ניט גענוג שטרענג קאָנטראָלירט געוואָרנ, ערטערווײַז ווערנ אויכ די פאקטנ אפ א גאנצ אויבערפלעכלעכנ אויפנ באהאנדלט.

ניט געקוקט אפ די דאָזיקע דעפעקטנ, קאָנענ די אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ דאָכ צוגעבנ אייניקע שטריכנ צו דער כאראקטעריסטיק פונ שאָלעמ־אלייכעמס ארבעט אפנ בוכ „פונעמ יאריד“. מיר האָבנ דעריבער געהאלטנ פאר נייטיק ארײַנצונעמענ אינ אונדזער אויסגאבע צוויי אזעלכע אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ שאָלעמ־אלייכעמס. די ערשטע פארצייכענונג איז געשריבנ אפ יידיש אינ דער פאָרמע פונ א בריוו צו י. ראווניצקינ (1903 יאָר). די צווייטע פארצייכענונג (1908) איז געשריבנ אפ רוסיש פאר דער צײַטונג „קיִעווסקאיא מיסל“. זי ווערט בא אונדז געגעבנ אינ י. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג, ווי זי איז אָפגעדרוקט אינעמ „שאָלעמ־אלייכעמ־בוכ“.

I

צו מײַנ בּיִאָגראַפיע

(געשריבנ אינ יאָר 1903 צו מײַנ אינטימסטנ פרײַנט י. כ. ראַווניצקי)

ליבסטער כאַווער, טײַערסטער פרײַנט ראַווניצקי!

איר ווילט, איכ זאָל אײַכ געבנ כאָטש א ביסל רעשימעס צו מײַנ בּיִאָגראַפיע? איכ האָב זייער מוירע, צי איז ביכלאַל ניט קיינ איבעריקע זאַכ די בּיִאָגראַפיע מײַנע? עפשער איז נאָכ א ביסל צו פרי? דאָס איז נומער איינס. וועהאַשייניס, האָב איכ כיישעק אַליינ אָנשרײַבנ די געשיכטע פונ מײַנ לעבנ — א גאַנצנ סייפער*. אונ דריטנס, בינ איכ איצט, לוי־אַלייכעמ[1], שטאַרק פאַרטאָנ אינ אייסעק. טאַקע אינ ליטעראַטור. זינט איכ שרײַב בינ איכ נאָכ קיינמאָל ניט געווענ אַזוי פּראָדוקטיוו, אַזוי פרוכטבאַר, ווי אַצינד. צי גוט, צי שלעכט — נאָר סע שרײַבט זיכ א סאַכ. אונ איר ווייסט דאָכ, וויִאַזוי איכ בינ מעסוגל צו שרײַבנ — אפילע אפ א שפּיצ פונ א נאָדל אונ אפ א שאַרפ פונ א שווערד!.. א כיסאָרנ — די צײַט איז ניט גוט, אונ בא אונדזער פאָלק אינ דרויסנ איז כמאַרנע, גלוסט זיכ ניט לאַכנ, אונ אַז סע לאַכט זיכ — לאַכט זיכ מיט יאַשטשערקעס... הײַנט דאָס איבערשרײַבנ זיכ מיט אונדזערע גדוילים, די ייִדנ אונ, לעהאַוודל, די גויִים — נעמט צו בא מיר א גרוזמע צײַט. אונ דאָכ האָב איכ זיכ אָפּגעריסנ פונ אײַערטוועגנ א גאַנצע שאָ (רויצייעכ!), אונ נאַט אײַכ

---

* דעם סייפער האָב איכ טאַקע אָנגעהויבנ נאָכדעם צו שרײַבנ אינ איטאַליע מיטנ נאָמענ „שאָלעמ־אַלייכעמס בּיִאָגראַפיע, פונ אימ אַליינ געשריבנ“.
אָנגעמערקט (פונ שאָלעמ־אַלייכעמ) אינ 1913.

1 ניט פאַר אײַכ געדאַכט.

נאָכ א ביסל רעשימעס. עפשער וועלנ זיי איַיכ צוניצ קומענ בא איַיער ארבעט? אונ גאָט לאָז איַיכ זיַינ צוהילפ!

איַיער איבערגעבנסטער כאווער

ש אָ ל ע מ-א ל יי כ ע מ.

...אינ א קליינ שטעטל וואָראָנקאָ, ווי א טאל-אומאָטער [1] די גרייס, ניט וויַיט פונ דער שטאָט פערעיאסלאוו (ווו איכ בינ אינעמ יאָר 1859 געבוירנ) — דאָרט האָב איכ פארבראכט די בעסטע גילדענע יאָרנ, מיַינע ערשטע גוטע נארישע קינדערשע יאָרנ. אינ דעמ דאָזיקנ קליינעמ וואָראָנקאָ איז מיַינ פאָטער געווענ דער מעיוכעס, דער גוויר, דער גאבע-רישנ פונ אלע כעוורעס — „רעב נאָכעמ וועוויקס"! אונ מיר, רעב נאָכעמ וועוויקס קינדער, — אויכ ניט קיינ קלייניקיַיט! אלע שאבעסצונאכטס איז געווענ בא אונדז א מעלאווע-מאלקע פאר דעמ גאנצנ שטעטל; אלע יאָמטעוו איז מענ געקומענ צו אונדז אפ קידעש; אלע נייַעס האָט מענ געבראכט צו אונדז אונ ארויסגעטראָגנ פונ אונדז; א גלעזל וויַינ האָט מענ געטרונקענ בא אונדז; פונעמ רעבנ האָט מענ גערעדט בא אונדז, פונ פאָליטיק — בא אונדז, אלצדינג — בא אונדז. אונ אונדז, נאָכעמ וועוויקס קינדער, האָט מענ געהאלטנ כאָשעוו, געפירט בעדערעכ-האיאָשער, אָפגעגעבנ צומ בעסטנ מעלאמעד, צו רעב זאָרעכנ, אונ פרומ זיַינענ מיר געווענ בעעמעס.

איכ געדענק נאָכ אצינד דעמ זיסנ טאמ פונ די טרערנ, וואָס מיר האָבנ פארגאָסנ פונ אונדזער רעבנס מוסער. אלע טאָג פלעגט אונדז דער רעבע רעב זאָרעכ זאָגנ א ביסל מוסער, אונ מיר פלעגנ זיכ נאָכדעמ, באמ דאוונענ, שלאָגנ „אָשאמנו" [2] אפ אונדזערע גרויסע זינד, וואָרעמ אינייַנעמ מיטנ פרומקיַיט זיַינענ מיר געווענ אויכ גרויסע-גרויסע באל-אווייַרעס [3]: ליגנערס, נאשערס, ניט געפאָלגט דעמ טאטנ, געהיפט אינעמ דאוונענ, געגאנוועט געלט פונ דער צדאָקע-ושקע (זע „דאָס מעסערל"), הייַנט הירהורימ, מאכשאָוועס-זאָרעס [4], געדאנקענ!.. אייננער איז געווענ צווישנ אונדז א כאווער, אנ עלטערער, עליע האָט ער געהייסנ, עליע קיילעס, א יינגל א כאָסנ — האָט ער אונדז דערציילט

---

1 געמיינט: זייער א קלייניקס.

2 א טפילע אזא, בא וועלכער די דאוונער קלאפנ זיכ מיטנ פויסט אינ האַרצ.

3 זינדיקע.

4 פרעמדע געדאנקענ; געדאנקענ קעגנ די רעליגיע־איַינשטעלונגענ.

מײַסעס, געװעקט בא אונדז דעם יעיצערהאָרע, פאַרדאָרבן, געמאַכט אונדז פאַר גרױסע... און נאָכדעם האָט דער רעבע געזאָגט מוסער, און מיר האָבן געװײנט, געגאָזן מיט טרערן, און געדאװנט ערלעך, ניט געהײַט, געשלאָגן זיך „אָשאמנו" און געװײנט, געװײנט און טשװע געטאָן.

די פאַנטאזיע איז בא מיר געװען פון קינדװײַז אָן מאָדנע גרױס און צעהיצט. הײַזער האָבן בא מיר אױסגעזען װי שטעט, הױפן — מעדינעס, בײמער — מענטשן, מײדלעך — באַסמאַלקעס, רײַכע יונגעלײַט — פרינצן, גראָז — כאַיל, שטעכלקעס און קראָפּעװע — פּלישטים, עדױם און מױאָװ[1]. און איך פלעג גײן אפ זײ מיט מילכאָמע (זע „גרינס אפ שװועס").

אױפכאַפּן דאָס לעכעריקע פון יעדער זאַך און פון יעדן מענטשן — דאָס איז געװען בא מיר קימאַט א כאַלאַס. איך פלעג, ניט װילנדיק, נאָכמאַכן איטלעכן באַזונדער. פונעם רעבן רעב זאָרעך מיט זאָרעכ־ליכען מיט אלע כאַװײרים מיט זײערע טאַטע־מאַמע ביז באָרעך־בער דעם שיקער און, לעהאַװדל, אָניסקאָ דעם סטאָראָזש מיט די אױסגעדרײטע פיס — און פאַר אָט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פעטש, װי האָלץ. אין כײדער בין איך געװען די „פאַרשלעפּטע קרענק" (דער קאָמיקער). אלע פלעגן לאַכן, ביזן טױט לאַכן, אכוץ מיר. נאָר אין דער הײם האָט די מאַמע באַמערקט מײַנע שטיק, און פון דעמלט אָן האָט זי גענומען אױסקאָרעניען אין מיר די דאָזיקע טנועס.

נאָך אײנער איז געװען מיט מיר א גלײַכן אפ מאַכן אָנשטעלן, זיך פאַרשטעלן, „שפּילן", „זיך גרימירן", און בעשאַס־מײַסע זינגען שײנע, װוּנדער־שײנע לידער. דאָס איז געװען מײערל דעם ראָװס, אָדער מײערל מעדװעדיעװ, דער געװיסער נאָכדעם באַרימטער ארטיסט מ ע ד װ ע ד י ע װ. די קונץ פון „שפּילן" איז געװען אנטפּלעקט פאַר אים נאָך דעמלט, װען ער איז געגאַנגען באָרװעס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר א גראָשן אָדער פאַר א האַלבן עפּל*. מיר בײדע, איך און

---

1 אוראַלטע פעלקער, מיט װעלכע די בנײ־יִסראָעל האָבן, װי ס׳װערט דערצײלט אין דער ביבל, געפירט מילכאָמעס.

* איך געדענק א לידל מיט דער מעלאָדיע:

„גײ איך ארױס אין דער װילנער גאַס,
הער איך א קאָל מיט א גרױס געשרײ:
אױ־װײ! —
מע שרײַעט אזױ..."

מייערל מעדוועדיעוו, האָבן געשפּילט דעם „גאזלענ״ — א טעאטער-שטיק פון אונדזער אייגענער פאנטאזיע. מעדוועדיעוו איז געווען דער גאזלען, איך בין געווען דער ייִד, דער אָרעמאן, און די איבעריקע כאַווערים זיינען שוין געווען דער וואלד (די ביימער פונעם וואלד — סטאטיסטן). איך, דער ייִד דער אָרעמאן, בין געשטאנען פאר אים, פארן גאזלען, אף די קניִעס, געטייַנעט: „וואָס האָסטו צו מיר? איך בין א ייִד אן אָרעמאן, אן עוויגן! האָב ראַכמאָנעס אף מייַן ווייַב און קינדער!״... און ער, דער גאזלען (מעדוועדיעוו), מיט א קאַלאַדאטש-מעסער אין האנט, האָט געזונגען זייער א שיין לידל: אז ער מוז, ער מוז אויס-קוילען אלע ייִדן!..

ווי ווייַט פארדאָרבן און שלעכט דערצויגן מיר זייַנען ניט געווען, איז דער געפיל פון צארבאלעכאַים געווען בא מיר אזוי גרויס, אז א קראנק פערד האָט מיך געקרענקט (זע „מעסושעלעכ״), א הונט מיט אן איבערגעבראָכענעם פוס האָט ארויסגערופן בא מיר טרערן (זע „ראַב-טשיק״), און אפילע א קאַץ, וואָס איז גאָר א טאָמע[1], א שערעץ, איז בא מיר געווען טייַער און ליב. און פון קראנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען ניט (זע „באשעפעניש״).

דער כיישעק פון שרייַבן — מערקווירדיק! — האָט זיך גענומען בא מיר פון דעם רעבן רעב זאָרעכס זעלטן שיין הענטל. פאר א שיינעם „קסאַוו״ האָט אונדז דער טאטע געשענקט א גראָשן (דער ערשטער „האָנאָראר״), און צוליב דעם שיינעם קסאַוו האָב איך זיך אופגע-נייט א ביכל און האָב שיין אָנגעשריבן („פארפאסט״) א גאנצן כיבער אף טאנאך און אף דיקדעק, און אז איך האָב דאָס באוויזן דעם טאטן, איז ער ניספּאָעל געוואָרן פון מייַן „ווערק״ און האָט דאָס לאנג-לאנג ארומגעטראָגן בא זיך אין קעשענע, באוויזן איט-לעכן באזונדער, ווי שיין זייַן זון שרייַבט (אלט האָב איך באדארפט זייַן דעמלט א יאָר צען), ווי קלאָר ער איז אין טאנאך און ווי גוט ער קען דיקדעק. דערוף האָט געזאָגט אונדזער שאָכן, א ייִד א כאָ-כיד מיט א צאפּן-בערדל, רעב אייַזיק, וואָס פלעגט קוויטשען בע-שאס דאַווענען, ווי א קעצל: „דיקדעק — שמינדיק — בינדיק — בלאַז! דעריקערשט איז בא מיר דאָס הענטל! א גילדן הענטל!״... (די ערשטע „קריטיקע״).

געצויגן האָט מיך אלץ אהין, אין יענע אוילעמעס פון רוכ-

---

1 אן אומרייַנע זאך.

ניעס[1], פונ כאלומעס, פונ נעגינע (זע „יאָסעלע סאָלאָוויי“), פונ שפּילנ (זע „סטעמפּעניו“), אונ איכ האָב אַלײנ נאָכ דער בארמיצווע ביגנײוועש זיכ צוגעכאַפּט צומ פידל — אונ איכ האָב געכאַפּט דעמ רעכטנ פּסאָק פונ מײַנ טאַטנ (זע „אפּנ פידל“).

פּאַראַרעמט געוואָרנ, זײַנענ מיר אריבערגעפאָרנ פונ וואָראָנקאָ צוריק קײנ פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מענ אונדז אופּגענײט די ער-שטע מאָדנע קאַפּאָטקעלעכ, מיט א שפּאַלט פונ הינטנ. אונ אַז די מאַמע איז געשטאָרבנ (פונ דער כאָלירע), האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבנ אינ דער „שקאָלע“, אונ איכ האָב מיכ אויסגעפײַנט צווישנ אַלע קינדער, באַוויזנ א סאַכ בערײשאַפט, אונ נאָכ דעמ ערשטנ ביכל, וואָס איכ האָב אָפּ מײַנ לעבנ געלײענט צו כופצנ יאָר, „ראָבינזאָנ קרוזאָ“, האָב איכ טײקעפּ-אומיאַד געמאַכט אַנ אײ-גענעמ „ראָבינזאָנ קרוזאָ“, מיטנ נאָמענ „דער יידישער ראָבינזאָנ קרוזאָ“, באַוויזנ דעמ טאַטנ, אונ דער טאַטע האָט באַוויזנ די אָרכימ (בא אונדז איז געווענ אַנ אַכסאַניע), אונ אַלע זײַנענ ארויס פונ די קײלימ!

פונ דעמלט אַנ האָט דער טאַטע געקוקט אָפּ מיר, ווי אָפּ אַנ עווענטאָוו, מיכ ארויסגענומענ פונ דער שטיפמאַמעס רעשוס, ניט געלאָזט, מע זאָל מיכ שלאָגנ, ניט געלאָזט מיכ וויגנ אירע קלײנע קינדער, ניט געגעבנ מיר האַקנ ראָזשינקעס, ווי פריער (בא אונדז איז געווענ אויכ א ווײַנקעלער מיטנ נאָמענ „יוזשני בערעג“), אונ פאַר-ווערט מיר פוצנ פאַר די אָרכימ די שטיוול, שטעלנ דעמ סאַמאָוואַר, לויפנ א גאַנג, אוקעדוימע אַזעלכע מעלאָכעס, וואָס איכ פלעג זײ טאָנ ביז יענער צײַט.

אינ דער עפּאָכע, וואָס פונ זיבעצנ יאָר ביז אײנ אונ צוואַנציק יאָר, ביז איכ האָב גענומענ שטודירנ, געוואָלט זײַנ א ראַבינער, האָב איכ א סאַכ, א סאַכ געלײענט, נאָר נאָכ מער געשריבנ. אונ געשריבנ האָב איכ אַלצ, וואָס איכ האָב געלײענט: לידער, פּאָעמענ, ראָמאַנענ, דראַמענ אָנ א שיר אונ גלאַט „מײַמאָרימ“[2] אינ דער וועלט ארײַנ! מײַנע „ווערק“ האָב איכ געשיקט אינ אַלע יידישע אונ גויי-שע רעדאַקציעס (איכ האָב געשריבנ אינ לאַשנקוידעש אונ אינ רו-סישנ), אונ די רעדאַקציעס האָבנ, באָרעכאַשעמ, געהאַט מיט וואָס צו הײצנ די הרובעס... נאָר אײנ „האַמײליצ“ האָט אָפּגעדרוקט א

1 גײַסטיקע וועלטנ.

2 ארטיקלענ.

צווײ — דרײַ פֿון מײַנע „מײַמאָרים“ מיט א העאָרע[1] פֿון דער רע־דאקציע מיט קלײניטשקע אויסיעסלעכ: „ספּאָסעכאָ איטכאָ (דײַנ שפּראכ איז מיט דיר). שלאכ דוואָרעכאָ וועכאבדאָנום (שיק דײַנע רײד, וועלנ מיר זײ פֿארצוקערנ)“... און איכ האָב אָנגעהויבנ שרײַבנ לאָשנקוידעשדיקע „מײַמאָרים“ אפֿנ כּוד, גאנצע וואגאָנעס מיט „מײַמאָרים“, נאָר מע האָט זײ ניט געוואָלט „פֿארצוקערנ“, איכ ווײס ניט פֿארוואָס!..

באָײס האהי — אינ יענער צײַט (1883) האָט זיכ באוויזנ א יִדיש בלאט, דאָס ערשטע יִדישע בלאט אינ זשארגאָנ („פֿאָלקסבלאט“ פֿונ אלעקסאנדער צעדערבוים), און אזויווי די גוייִם האָבנ מײַנע „ראָמאנענ“ און מײַנע „דראמענ“ ניט געוואָלט דרוקנ, און די לאָשנקוידעשדיקע „מײַמאָרים“ זײַנענ אויכ געלעגנ ניט „פֿארצוקערטערהײט“, האָב איכ מיכ געפּרוּווט אפֿ א ציקאווּעסט אָנשרײַבנ ע עס א זאכ פּראָסט אפֿ דעם לאָשנ, וואָס מע רעדט, אפֿ דעם לאָשנ פֿונ מענדעלע מויכער־כּפֿאָרים, וואָס איז דעמלט געקומע: מיר אינ האנט — און שטעלט אײַכ פֿאָר, אז מע האָט דאָס אופֿגעכאפּט אינ „פֿאָלקסבלאט“, און דער רעדאקטאָר אלײנ, צעדערבוים, האָט מיט זײַנ האנט מיר אָנגעשריבנ א בריוו און געבעטנ (איר הערט? — געבעטנ!), איכ זאָל שרײַבנ נאָכ. און פֿונ יענער צײַט האָב איכ אָנגעהויבנ געבנ פֿעליעטאָנענ אינ „פֿאָלקסבלאט“, און וואָס מער איכ האָב געגעבנ, אזוי מער האָט מענ מיר געשריבנ, איכ זאָל שיקנ נאָכ. און צו דעם האָט זיכ או טערגעכאפּט מאָרדכע ספּעקטאָר, אלס מיטארבעטער אינ „פֿאָלקסבלאט“: ער האָט מיכ ניט אופֿגעהערט צו ווארעמענ, איכ זאָל שרײַבנ — אדהאיאָמ האזע[2]. דאָס איז אָבער בא מיר געווענ אינ יענער צײַט ניט מער ווי א שפּילעכל, ביז עס האָט זיכ געטראָפֿנ א מײַסע מיט א „מעסערל“, וואָס האָט געמאכט אנ איבעקערעניש אינ מײַנ ארט שרײַבנ און אויכ אינעם גאנצנ לעבנ בא מיר.

יענע צײַט איז געווענ בא מיר א צײַט פֿונ מיסכער, פֿונ געלט, פֿונ בערזע, פֿונ פּאפּירנ, אוקעדוימע אזעלכע זאכנ, וואָס זײַנענ ניט שײַעכ צו ליטעראטור. איכ האָב זיכ ארײַנגעכאפּט, ווי מע זאָגט, אינ די פּעדערנ, אינ די גרויסע שווערע טויזנטער, און וואָלט עפּשער אוועק אפֿ אנ אנדער וועג, ווי זײ רופֿנ עס — דעם עמעסנ

1 באמערקונג.

2 ביז הײַנטיקנ טאָג.

ווען... געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, אין קיִעוו, וועגן פאַרשיידענע גרויסע עסקים, און אַנגעמידט זיך פונעם טאָג, האָב איך מיך געלייגט שלאָפן און האָב ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן; בין איך אופגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרײַביש און אָנגעשריבן — ניט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן אַ זאַך, אַ דערינערונג פון מײַנע קינדער-יאָרן, און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן „דאָס מעסערל", און האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע — און פאַרגעסן.

ווײַהי האיום[1], איך לייען דעם „וואָסכאָד", טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון „קריטיקוס" (דובנאָוו) — איבער פאַרשיידענע שמאַטעס, אויבעסויכאָם מײַן „מעסערל". מיט אַ שרעקלעכע האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עטלעכע וואַרעמע שורות פון דעם „קריטיקוס", וואָס לויבט „דאָס מעסערל" מיט נאָמען און זאָגט נעוויִעס, אַז דער יונגער מעכאַבער פונעם „מעסערל" ווײַזט אויס אַ טאַלאַנט צו זײַן און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער יִידישער זשאַרגאָן-ליטעראַטור.

מיט טרערן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבערגעלייענט נאָכאַמאָל די דאָזיקע ווערטער פונעם ליבהאַרציק: „קריטיקוס" און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל שרײַבן אין דער אַרט נאָך און נאָך — און פון דעמלט אָן ביז הײַנטיקן טאָג שטייען מיר פאַר מײַנע אויגן די עטלעכע וואַרעמע גוטע געטרײַע ווערטער, און איטלעכס מאָל, ווען איך שרײַב אָן אַ נײַע זאַך, פאַרגעס איך ניט פרעגן בײַ זיך אַליין: וואָס וועט זאָגן דערויף „קריטיקוס"?.. פון דעמלט אָן האָב איך דאָס געלט פאַרלאָרן, נאָר מוט איז מיר געבליבן, און איך האַלט שטאַרק-שטאַרק די פען אין האַנט! צי דאַרף איך אים זאָגן אַ דאַנק, דעם דאָזיקן „קריטיקוס" (דובנאָוו), צי כאָלילע פאַרקערט?.. דערויף בין איך ניט קיין באַלעבאָס. איך בין פאַרקראָכן מיט מײַן כאַלאַס (שרײַבערײַ) אַזוי ווײַט, אַז איך הייב שוין אָן געהערן ניט צו זיך און ניט צו מײַן ווײַבזינד, נאָר מער צו אונדזער ליטעראַטור און צו יענעם גרויסן געזינדל, וואָס הייסט פּובליקום...

קיִעוו, כאַלעמויעד סוקעס, תרס"ד.

---

1 אין איינעם אַ טאָג.

II

יאָר פֿון געבורט — 1859. אָרט פֿון געבורט — די שטאָט פּערע־יאַסלאַוו (פּאָלטאַווער גובערניע). אָרט פֿון אויפֿוואַקסן — וואָראָנקאָ, אַ קליין שטעטעלע אַ הע , דאָס עמעסע קאַסרילעווקע.

די מישפּאָכע אַ גרויסע איינ צאָל און אַ פֿרומע. דער פּאָטער — אַ טיפּ פֿון דעם אַמאָליקן מאַסקל און לאַמדן. צוליב זײַנע אויסער־געוויינלעכע פֿייִקײַטן, האָט מען דאָס ייִנגל געגרייט צו זײַן אַ ראָוו, נאָר ס׳איז אָנגעשטאַנען די עפּאָכע פֿון „אויפֿקלערונג" און די צײַט האָט אַנדערש באַשטימט: פֿון אים איז טאַ ע אַרויסגעקומען אַ ראָוו, אָבער ניט אַ גײַסטלעכער, נאָר אַ „קאַזיאָנער" (אין דער שטאָט לובען, פֿון יאָר 1880 ביז 1883).

אין אָט דעם פּעריִאָד (פֿון ראַבאָנעס) אָט דער קימאַט צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַנטשיק אָנגעהויבן אַרויסצובאַווײַזן אַ נייגונג צו שריפֿטשטעלערײַ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין עטלעכע נאַרישע קאָרעספּאָנדענציעס און אינהאַלטלאָזע אַרטיקלען פֿון דעם מין „מײַ־מאָריסטיק" אין דעם „האַמייליץ" און אין דער „האַצפֿיראָ". ניט גע־קוקט אַף זייער טאַלאַנטלאָזיקײַט, האָבן זיי שטאַרק אויסגענומען בײַ דער מישפּאָכע, און דער פּאָטער פֿון דעם שריפֿטשטעלער, וואָס האָט ליב געהאַט די העברעיִשע „מעליצע", איז געווען אַפֿן זיבעטן הימל און האָט אַלץ צוגעגעבן כּיישעק דעם „טאַלאַנטפֿולן" זון ווײַטער צו שרײַבן, נעוויִעס געזאָגט אים, אַז ער וועט ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט (וואָרעם דער „האַמייליץ" און די „האַצפֿיראָ" צעגייען זיך „איבער דער גאַנצער וועלט").

אין יענער צײַט (יאָר 1883) האָט דער רעדאַקטאָר פֿונעם „האַמיי־ליץ" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויך אַ זשאַרגאָנישע צײַטונג „דאָס ייִדישע פֿאָלקסבלאַט"[1]. דער ערשטער נומער, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן

---

1 „יודישעס פֿאָלקסבלאַט".

צו אים אין די הענט, האָט איבערראשט דעם שריפטשטעלער מיט דער אײַנפאכקײַט פונ דעם אײַנפאל. „אָט—האָט ער א טראכט געטאָנ— דרוקט זיכ א צײַטונג אפ אזא פּאָשעטער שפראכ, וואָס איז צוגענגלעכ פאר אלע ייִדנ, אפילע פאר ווײַבער!" פונ דעמלט אָנ האָט זיכ צו אים פארגאנוועט דער געדאנק: צי שפּײַזט ניט די העברעיִשע שפראכ מיט איר פײַנער „מעליצע" נאָר א קלײנע צאָל אויסדערווײלטע, וואָס באזיצנ זי? דאָס איז אײנס. אונ דאָס צווײטע איז, וואָס סײַוויסײַ, ווענ דו שרײַבסט העברעיִש, טראכטסטו דאָכ אפ זשארגאָנ, — איז שוינ ניט בעסער טאקע גלײַכ אפנ אָרט צו שרײַבנ ייִדיש, דאָס הײסט, שרײַבנ אזוי, ווי דו טראכטסט? אָבער וויאזוי קאָנ מענ עס פועלנ בא זיכ צו שרײַבנ אפ אזא שפראכ, אפ וועלכער „אלע רײדנ". אונ דער איקער — אפ וועלכער עס דרוקנ זיכ „טכינעס פאר ווײַבער"? וואָס וועט זאָגנ דערופ דער טאטע?.. — אָט דעמלט איז עס צוגעטראכט געוואָרנ דער פסעוודאָנים „שאָלעמ-אלײכעמ", אונטער וועלכנ דער מעכאבער האָט זיכ אויסבאהאלטנ פונ קרויווים אונ באקאנטע, דערהויפּט נאָכ דעם, ווענ ער האָט דורכ די אומשטענדנ (זײַנ כאסענע-האָבנ אויס ליבע מיט א רײַכ מײדל) אוועקגעלאָזט דאָס ראבאָנעס אונ איז ארײַנגעפאלנ אינ דאָס סאמע געדיכטע פונ דער פלוטאָקראטיע, וואָס איז אזוי באאריכעס באשריבנ פונ מענאכעמ-מענדלענ אינ זײַנע אומצאָליקע בריוו. אינ דער דאָזיקער סוויווע (אפ דער קיִעווער בערזע) האָט זיכ ביכלאל גערעכנט פאר א כארפּע אָנצוקערנ מיט די, וואָס שרײַבנ, ביפראט נאָכ אפ זשארגאָנ! ערשט אינ א צײַט ארום האָט מענ זיכ דערוווּסט, ווער ס'איז אָט דער כעווערעמאנ. דעם שריפטשטעלערס פאָטער, דערגײענדיק דעם סאָד (בא ייִדנ זײַנענ ניטאָ קײנ סודעס!), האָט אוועקגעשריבנ דעם זונ א באגײַסטערטנ בריוו מיט א באגריסונג, אז, הײסט עס, „אלע ייִדנ לײענענ דײַנע פרײלעכע פעליעטאָנדלעכ אונ קאטשענ זיכ פאר געלעכטער, אונ מײַנ פאָטערלעכ הארצ פרײט זיכ. א שאָד נאָר, וואָס דו שרײַבסט אָט די אלע זאכנ אפ א וואָכעדיקער שפראכ, אפ דער שפראכ פונ „קעכנס אונ דינסטמײדלעכ". ווי קומט דאָס צו מאפּו? אונ איכ, אורטײלנדיק לויט דײַנע ערשטע מײַמאָרימ אינ „האמײליץ", האָב אלצ געכאָלעמט, אז פונ דיר וועט אויסוואקסנ ניט אנדערש נאָר א צווײטער מאפּו!" —

די ערשטע פארזוכנ צו שרײַבנ אפ זשארגאָנ זײַנענ געווענ „די איבערגעכאפּטע בריוו"...

וויַטערדיקע ביאָגראפישע ידיעות:

פונ 1883 ביז 1890 האָט ער פֿאַרבראַכט די סאַמע גליקלעכע יאָרנ אינ קיִעוו, צווישנ בערזע-סאָכרים, מעקלערס אונ אנדערע געשעפטס-לייַט, געטיילט די צייַט צווישנ בערזע-שפּיל אונ ליטעראטור. אינ די געשעפטנ פונ דער בערזע האָט אָבער דער שריפטשטעלער געהאַט א סאַך ווייניקער דערפֿאָלג, ווי אפנ ליטעראַרישנ געביט. אינ יאָר 1890, נאָכ דעמ, ווי ער האָט פֿאַרלאָרנ א גאנצ פֿאַרמעגנ, איז ער אריבערגעפֿאָרנ אפ צו באזעצנ זיכ אינ אָדעס, וווּ ער האָט אוועקגעוואָרפנ די קאָמערציעלע געשעפטנ אונ געהאַט בעדייע זיכ אָפּצוגעבנ אויסשליסלעכ מיט שריפטשטעלעריַי. דאָס האָט זיכ אימ אָבער ניט אייַנגעגעבנ, וואָרעמ דעמלט, אזוי ווי אויכ איצט נאָכ, איז א ייִדישנ שרייַבער שווער געווענ צו לעבנ נאָר פונ דער ליטעראטור אליינ. א ייִדישער שרייַבער כוז אומבאדינגט זייַנ נאָכ עפּעס. אזוי, אז דורכלעבנדיק אינ אָדעס אינ שטילער נויט ארומ דריַי יאָר, האָט ער געמוזט זיכ אומקערנ צוריק אהיימ קיינ קיִעוו אונ ווידעראמאָל פּרווונ מאזל אינ קאָמערציע. נאָר די האצלאָכע, קוימ האָט זי זיכ איינ מאָל אָפּגעקערט פונעמ מענטשנ, האָט זי שוינ מער קיינ כיישעק ניט צו אימ זיכ אומצוקערנ. ווי א פיש אפנ אייַז, אזוי האָט זיכ דער שריפטשטעלער געוואָרפנ אפ אלע זייַטנ, אויסגעפּרווּט אלערליי געשעפטנ אונ טועכצנ, אבי נאָר מיט קאָווּעד אופצוהאלטנ זיכ אונ זייַנ גרויסע פאמיליע; אפ דער געוויינלעכער שפּראכ ווערט דאָס אָנגערופנ „לעבנ אָנשטענדיק”. עס איז אימ אויסגעקומענ צו פירנ א פארצווייפלטנ קאמפ, אויסבאהאלטנדיק זייַנ פייַנלעכע לאגע פונ פרעמדע אויגנ.

אונ דאָכ, וואָס הארטער עס איז געווענ דער קאמפ, וואָס שווערער אונ ביטערער עס איז געווענ דאָס לעבנ, אלצ אָפּטער אונ אייַנגעשפּארטער פלעגט זיכ באווייַזנ די באגייַסטערונג צומ שאפנ. דאָ וואָלט געווענ דער ריכטיקער אָרט צו באמערקנ, צו דער כאראקטעריסטיק פונעמ שאפנ פונ ש.-א., אז ער קאָנ שרייַבנ צו יעדער צייַט, אפ יעדנ אָרט אונ בא אלערליי אומשטענדנ: אינ סאלאָנ, אינ קיכ, אינ וואגאָנ, אינ רעסטאָראַנ, אפילע פאָרנדיק „אפ א איזוואָשטשיק” אונ אפילע ליגנדיק אינ בעט. ריבוינעשעלוילעמ! אזא מאסע טעמעס אונ סוזשעטנ! וואָלט נאָר געווענ פרייַע צייַט אונ וואָלטנ נאָר מענטשנ געלאָזט שרייַבנ. צומ באדויערנ, האָט מענ גאנצע טעג

באדארפט זײַנ אינ גֿעיעג נאָכנ קערבל, אונ באנאכט האָבנ כעזשבוינעס, וועקסלענ, פּאָוועסטקעס אונ איספּאָלניטעלנע ליסטנ ניט געלאָזט שלאָפנ; אינ אָט די דאָזיקע ביטערע מינוטנ איז שוינ בעמיילע קיינ אנדער ברײרע ניט געווענ, כײַדנ זיך נעמענ צו דער פּעדער...

לויט דער פארשיידנארטיקײַט פונ די סוזשעטנ אינ די דערציילונגענ פונ ש.-א., דארפ מענ ארויסזענ די פארשיידנארטיקע באשעפטיקונגענ פונעם מעכאבער, וועלכער איז איבערגעווענ אי א סויכער, אי א בערזע-האָז, אי א קאזיאָנער ראבינער, אי א קאָמיסיאָנער, אי א לערער, אי אנ אגענט פונ לעבנס-פּארזיכערונג, אונ וואָס ניט? נאָר מער פונ אלצ האָט ער זיך געפילט פּאר א שרײַבער. צו דער ליטעראטור האָט עס אימ געצויגנ. אונ אינ יאָר 1900 האָט ער אינגאנצנ אוועקגעוואָרפנ אלע געשעפטנ אונ זיך אָפּגעגעבנ אויסשליסלעך צו דער ליטעראטור.

אונ די ליטעראטור די יידישע, דערהויפּט די פּאָלקס-ליטעראטור אפ דעמ אזוי גערופענעמ זשארגאָנ, האָט אָנגעהויבנ זיך פאנאנדערוואקסנ אונ צו בליענ. עס האָבנ זיך גענומענ באווײַזנ צײַטונגענ אונ זשורנאלנ אונ פארשיידענע בוכפארלאגנ. אפּאָנעמ, ס'איז אויסגעוואקסנ א לעזער אונ עס האָט זיך באוויזנ א נאָכפרעג אפנ בוך, דערהויפּט פונ בעלעטריסטישנ אינהאלט. וואָלט דאָך שוינ אזא שריפטשטעלער געמעגט אײַנאָרדענענ זיך אונ לעבנ, מער אָדער ווייניקער, אָנשטענדיק. נאָר, אפ וויפל ש.-א. איז געווענ א גוטער שרײַבער צווישנ סאָכרימ, אפ אזויפיל האָט ער זיך ארויסבאוויזנ צו זײַנ א שלעכטער סויכער צווישנ ליטעראטנ. די פארלעגער האָבנ געמאכט אפ אימ ניט קיינ שלעכטע פּראָבעס, אונ אימ זײַנענ צוגעוואָרפנ געוואָרנ נישטיקע גראָשנס. ס'איז אויסגעקומענ דורכצולעבנ זיך פונ האנט צומ מויל, אייביק אָנקומענ צו האלוואָעס, וואָס ווערנ אָנגערופנ „גמילעס-כאסאָדימ". מע האָט באדארפט באזיצנ א זשעניאלע געשיקטקײַט, אומ טאָג-טעגלעך צו אנטלײַענ געלט אפ צו דעקנ די כויוועס, נעמענ בא א. אפ צוצוגעבנ ב., כאפּנ א האלוואָע בא ג. אונ אָפּגעבנ ד., קעדיי מע זאָל ווידעראמאָל קאָנענ אנטלײַענ בא ד. אפ צו דעקנ דעמ כויוו פונ א. יאָ, דאָס איז שוינ גאָר ניט אזא לײַכטע באשעפטיקונג, אונ ניט אומזיסט האָט דער שריפטשטעלער געענטפערט זײַנעמ א פרײַנט אפ דער פראגע: „וויאזוי לעבט זיך עס אײַך?" — גאָט צו דאנקענ, איך זיצ אל האטוירע וועאל האָאווידע וועאל גמילעס-כאסאָדימ...

אזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן יאָר 1905, ביז עס זײַנען אָנגעשטאַנען די געדענקווירדיקע אָקטיאבער-טעג, און דער שריפטשטעלער, א צעשלאָגענער, ווי דאָס גאנצע פאָלק ייִשׂראָעל, האָט גענומען דעם שטעקן אין האנט און צוזאמען מיט דער פאמיליע זיך געלאָזט וואנדערן קיין אמעריקע. נאָר ניט אזוי גיך האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אמעריקע. ס'איז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אין יעדער שטאָט אין אייראָפּע, וווּ ייִדן האָבן פײַערלעך מעקאבל-פּאָנעם געווען דעם פארטריבענעם שריפטשטעלער, געמאכט פאר אים אָוואציעס אאוו.

ערשט צום סאָף 1906 איז ער אַרײַנגעפאלן אין אמעריקע, אין אָט דעם קאָכעדיקן קעסל, וווּ גלײַך מיט אנדערע פעלקער קאָכט זיך אויס אויך דאָס ייִדישע פאָלק. וואָס עס וועט זיך אויסקאָכן פון דעם — דאָס וועט באווײַזן די צוקונפט.

אַרײַנגעפאלן אין אמעריקע, האָט זיך ש.-א. דערפילט, ווי אין דער היים. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאָס זײַנען אלץ אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן באגעגנט דעם שריפטשטעלער, ווי אן אלטן גוטנפרײַנט, און דעריבער, אפּאָנעם, האָט מען אים געמאכט שוין צו א טומלדיקן קאבאָלעס-פּאָנעם, אזא, וואָס מע קאָן נאָר מאכן אין קאָלומבוסעס מדינה.

צוגעקוקט זיך די ערשטע צײַט צום לעבן פון זײַנע אמעריקאנער ברידער און צו זייער אייגנארטיקער ליטעראטור (גיכער — „פּרעסע"), האָט ער שטופנווײַז אָנגעהויבן פארנעמען א פּאָזיציע אין עטלעכע ייִדישע צײַטונגען, אין דרײַ מיטאמאָל: אין דעם קאָנסערוואטיוון „ייִדישן טאגעבלאט", אין דעם „ייִדישן אמעריקאנער"[1] און אין מילערס פּראָגרעסיווער צײַטונג „די ווארהײַט" (פארשטייט זיך, אז די מיטארבעטונג האָט זיך אויסגעדריקט נאָר מיט דער באטייליקונג אין זייער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג, ניט אין דער פּאָליטיש-פּובליציסטישער).

אויסגעקליבן פאר זײַן וווינפּלאַץ די אומגעהייער גרויסע שטאָט ניו-יאָרק, איז ער אָבער אויסגעפאָרן אויך די אנדערע גרויסע שטעט פון אמעריקע, וווּ ער האָט מיט אן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג געלייענט זײַנע הומאָריסטישע ווערק, זיך אויסגעפײַנט אין דער דאָזיקער קונסט, מעג מען זאָגן, ביז ווירטואָזיטעט, צוגעבנדיק צו זײַן

1 די ניו-יאָרקער וואָכנשריפט „דער אמעריקאנער".

בארימטקייט ווי א הומאָריסט א שרייבער דעם נאָמען פון מייסטער־האפטן פאָרלעזער.

אכוץ דער פרעסע און די פאָרלעזונגען, האָט אים אויך פאַרכאַפט דאָס טעאַטער, וועלכעס (אינעם זינען פון דעקאָראַציעס און האכנאָסע) צעבליט זיך. דאָך, אין פאַרלויף פונעם ערשטן סעזאָן האָט ער באוויזן אופצופירן נאָר צוויי פיעסן אין צוויי טעאַטערס, און דערנאָך האָבן איניאָנים פון דער פאַמיליע אוועקגערופן אים צוריק קיין איראָפּע (1907), ווו ער איז שוין פארבליבן ביז אין מיטן יאָר 1908, און גלייך נאָכדעם זיך אומגעקערט צוריק אין דער אַלטער היים קיין רוסלאַנד, ווו ער איז מיטן זעלבן דערפאָלג ארויסגעטראָטן אף פאַרשיידענע ליטעראַרישע אָוונטן, איבערפליענדיק מיט דער שנעלקייט פון א לופטשיף פון שטאָט צו שטאָט, און אזוי איז ער פאַרפאָרן צום סאָף יול אינעם שטעטל באַראַנאָוויטש (מינסקער גובערניע), ווו ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן מיט א היפּש געפערלעכער לונגען־קראַנקייט. אָפּגעלעגן ארום צוויי כאַדאָשים, האָט ער צום סאָף סעפּטיאַבער 1908 פאַרלאָזט רוסלאַנד און איז, לויט דער פאַרשריפט פון די דאָקטוירים, אוועקגעפאָרן אין די דאָרעם־לענדער אף קוראַציע.

אינהאלט

זייט

די געשיכטע פונעם בוך „פונעם יארידײ אינקורצנ . . 5

ערשטער טייל

1. פארוואָס עפּעס „פונעם יארידײ 9
2. די שטאָט 12
3. טאטע־מאמע 15
4. שמוליק דער יאָסעם 21
5. אויצרעס 24
6. דער ראָוו איז גאנײדנ 27
7. שמוליק ווערט פארשווונדנ 32
8. מייער מעדוועדיעווקער 34
9. פארלאָרנ נאָכ א כאווער 38
10. כאווער „סירקאָ״ 41
11. סירקאָס טראגעדיע 45
12. דער יעיצערטאָוו מיטנ יעיצער־האָרע 48
13. גנייווע, קאָרטנשפּיל אונ אנדערע אווײרעס 52
14. פייגעלע־אשמעדײַ 56
15. דער ליץ 60
16. די מישפּאָכע 64
17. דער פעטער ניסל אונ די מומע האָדל 67
18. פינעלע שימעלעס פּאָרט קײנ אָדעס 73
19. מעשאנע מאָקעם — מעשאנע מאזל 81
20. דער אײלעם צעקריכט זיכ 86
21. גע געלע־גאנעוו 90
22. מייער־וועלוול באלעגאָלע מיט זײַנע „סוסים״ . . 95
23. זײַ געזונט, וואָראָנקאָ! 101
24. די נעסיע 107

25. אין דער נײַער היים 112
26. די גרויסן שטאָט 117
27. ביין־האמאנים 123
28. מעלאמדים און לערערס 128
29. דער געמאָרע־מעלאמעד 132
30. דער אמאָליקער „כיידער״ 136
31. די בארמיצווע 140

צווייטער טייל

32. דער „באָכער״ 147
33. די ערשטע ליבע 152
34. די כאָליערע 157
35. די שיווע־זיצערס 163
36. באם דניעפער 168
37. אפן פאראָם 173
38. אין באָס און אפ דער „טאָרהאָוויצע״ 177
39. א שיינער באָרעכאבע 180
40. צווישן פעצן 183
41. א ייִד א פויגל 188
42. יאָמים־נוראָים 194
43. סוכעס 200
44. אויס יאָמטעוו — צוריק אהיים 204
45. א מײַנע־לאָשן פון א שטיפמאמע 209
46. אפן בענקעלע באם טויער 214
47. דער קאָלעקטאָר 219
48. די געראָטענע אײרעמס 225
49. א באָלד פון די פידוואָרקעס 230
50. גימנאזיסטל סאָלאָמאָן 236
51. „די פענסיע״ 242
52. כאייער עליע 247
53. צווישן כאזאָנים און קלעזמאָרים 254
54. לוי סיגגויוו 259
55. דעם כאזנס מיידל 268
56. סימכאסטוירע צו האקאָפעס 273
57. דער קריזיס 281

דריטער טייל

58. ער גיט שטונדן 289
59. א אידיליע 295
60. די צעשטערטע האָפענונגען 301

61. דער סאָף פונ דער אידיליע 308
62. א האַלב יאָר באַוועגאָד 313
63. ווידער אינ דער היימ 319
64. ער פאָרט אפ א רײַכע שטעלע 324
65. אינ כאָלעמ אונ אפ דער וואָר 330
66. א מײַסע מיט א זייגער 334
67. א מאלעכ פונ גאָט אינעמ געשטאַלט פונ א מענטשנ 340
68. אנ אומגעריכטער עקזאמענ 345
69. א ייִד א פּאָמעשטשיק 350
70. דאָס לעבנ אינ דאָרפ 355
71. דאָדיע דער עקאָנאָמ 361
72. דער פריזיוו 369
73. די מומע טויבע פונ בארדיטשעוו 375
74. דער ערשטער ארויספאָר 381
75. פראָטעקציעס 388
76. קופערניק 395
77. א שטעלע פונ א „סעקרעטאר“ 399
78. די „וויבאָרעס“ 406

שאָלעמ-אַלייכעמס אווטאָביאָגראפישע פארצייכענונגענ

פונ דער רעדאקציע 415
I. צו מײַנ ביאָגראפיע 416
II. 423

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ

С ЯРМАРКИ

Редактор *А. Фрумкин.* Художник *М. Горшман* Техред. *М. Погостер*

А—0?2?7. Сдано в производство 22/IV-46 г. Подписано к печати 24/X-46 г.
Печ. л. 27. Уч.-изд. л. 21,8. Формат 84x108. Тип. зн. в л. 29.700. Тираж 15.000. Зак. 240

13-ая типография треста „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР.
Москва, Денисовский, 30.